STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01554

DER MORALISHER PONEM FUN DER REVOLYUTSYE

Isaac Nachman Steinberg

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Eatman
in memory of
Katie & Nathan Slutzky & Rose & Harry Eatman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק נחמן שטיינבערג

דער מאראלישער פּנים פון דער רעוואָליוציע

איבערזעצט פון רוסיש
דורך שמואל פרידמאַן

פאַרלאַג „נייע געזעלשאַפט" (שיקאַגאָ)
(י. באַבינסקי׳ פּרעזידענט)

בּ ע ר ל י ן 1925

Buchdruckerei Lutze & Vogt G. m. b. H., Berlin SW 68

ג ע ו ו י ד מ ע ט

די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן פון 1921 יאָר, וואָס האָבן אין די אייז־פעלדער פון פינישן איינגוס פאַרטיידיקט די אָקטאָבער־רע־וואָליוציע, געגאַנגען אין טויט־קאַמף פאַר איר און איר מיט נקמה־טעראָר ניט באַפלעקט

I

ס׳איז געקומען די צייט צו ריידן וועגן דעם גרויסן ח ט א אין אונזער רעוואָליוציע. פאַר אַפּולעמען וועט די דאָזיקע טעמע אויסקומען באמת׳ן פרעמד. אַנדערע וועלן זאָגן: ווידער אַמאָל קומען אינטעליגענטן שלאָגן זיך עקשנות׳דיק על חטא... צי קענען זיין חטאים בײַ אַ שטורמישן שטראָם, בײַ אַ מעכטיקן וויכער, בײַ אַ גרויסער רעוואָליוציע? ווייניק האָט עס אונזער רעוואָליוציע אויסצושטיין? וואָס זשע קומט נאָך צו פייניקן איר מיט רייד וועגן איר זינדיקייט?

ניין, דאָס זיינען ניט קיין תשובות. אונזער גליק איז, וואָס מיר ריידן וועגן די חטאים פון דער רעוואָליוציע ניט ע ר ב איר אָנקומען, אויסשעפנדיק זיך אַליין אין פאַרגעפילן און צער פון דאָסטאָיעווסקי׳ס העלדן. אונזער גליק איז, אַז מיר ריידן וועגן דעם ניט נ אָ ך איר — אין שווערער חרטה און שפּעטע טרויעריקע איבערלעבונגען. טויזנטער מאָל טאָג איין — טאָג אויס האָבן די פאַריזער קאָמונאַרן פאַרשמידטע אין קייטן, אויף די גאַלערן און אין גלות, איבערגעלעבט פונדאָסניי זייערע קאַמפן, זוכנדיק אין זיי זייער ע ר ש ט ן פאַטאַלן טעות. מיר האָבן מעהר מזל פון זיי, ווייל אין דעם ע צ ם ג אַ נ ג פון דער רעוואָליוציע קענען מיר זיך פונאַנדערקלייבן אין אירע טעותן, ווייל אַלע אירע דערהויבענע און נידעריקע מעשים, אַלע אירע מעלות און חסרונות ווערן אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן.

און הגם מיר ווייסן, אַז די גאַנצע צייט ווערט די רעוואָליוציע געשפּייזט פון אונטערערדישע וואָרצלען פון דער היסטאָרישער פאַרבאַרייטונג, אַז אַלס איינהייט, אַלס קאָמפּליצירטע סיסטעם איז זי אַ ר ו י ס ג ע ר ו פ ן דורך געוויסע תנאים — פון דעסטוועגן פילן מיר אין דער זעלבער צייט, אַז מיר זיינען אירע רעאַלסטע מחברים, אירע שעפער און טוער. מיר טראָגן די אחריות פאַר די ליניעס פון דער סיסטעם, פאַר טיילן פון דער איינהייט, פאַר אירע ווייטערדיקע ר י כ ט ו נ ג. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז נאָר דער ט י פ פון דער רעוואָליוציע ווערט צוגעגרייט דורך דער געשיכטע, נאָר די אַלגעמיינע שטריכן פון איר גרונטסביבה, נאָר די פרימאַרע דעמאָקראַציע אירע. פון איטלעכן פון אונז אָבער

הענגט אָפּ איר טעמפּ, די גיכקייט פון איר אנגריף, די ברייטקייט פון פאַרנעם. די געשיכטע האָט אונז געגעבן נאָר די עלעמענטאַרע סאָציאָלאָגיע פון דער רעוואָליוציע, נאָר איר גוף, אָבער איר גאַנג און אַנטוויקלונג, איר טעכניק און עטיק, איר פּנים און איר נשמה — דאָס האָט זי אונז אַלעמען איבערגעגעבן אַף באַארבעטן. די געשיכטע האָט אונז געגעבן אַ רייע אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע תנאים, זי האָט פונאַנדער געטיילט די קלאַסן־כחות, די סאָציאַלע אינסטיטוטן, קולטורעלע טראַדיציעס און פאַראורטיילונגען, זי האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין דעם לייבן־גרוב פון אָפענע שונאים און פאַלשע פריינד און האָט געזאָגט: און איצט, מענטשן, קלייבט זיך אַליין פונאַנדער! אַליך, וואָס איז „היסטאָריש־אומפאַרמיידלעך" האָב איך פאַר אייך צוגעגרייט; פון אייך אָבער, פון אייער שכל, כבוד, געוויסן און כחות הייננט אָפּ, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע „אומפאַרמיידלעכע" צו פאַרבעסערן, פאַרענגערן און אָנווענדן אין דעם זין וואָס איז פאַר אייך נויטיק. איך, די געשיכטע, גרייט פאַר אייך צו די רעוואָליוציע און איך זאָג: „אַזוי איז נויטווענדיק", איר אָבער — די טוער און די מאַסן פון דער רעוואָלוציע — איר זאָגט אַנדערש: אַזוי מוז זיין, אַזוי ווילן מיר. און אייער ווילן, אייער מענטשלעכער רצון איז פאַר מיר אויך אַ נויטווענדיקייט און איך גיב זיך איר אונטער... די רעוואָליוציע ווערט געשאַפן דורך דער געשיכטע, בעת אַ רעוואָליוציע מאַכט מען אָבער געשיכטע.

די רעוואָליוציע דאַרף אָבער ניט געמאַכט ווערן לויט אַ לערנבוך פון געשיכטע, ס'דאַרפן אין איר ניט זיין קיין תקופות פון קערענסקי'ס, לענין'ס אָדער ספּירידאָנאָוואַ'ס קיניגונג, עס דאַרפן זיך באַטייליקן אין איר באַוואוסטזיניקע מאַסן, און ניט נאָר זייערע פירער. און אויך די מאַסן דאַרפן זיך באַטייליקן ניט ווי מענטשלעכע לאַווינעס, ניט ווי בלינדע היסטאָרישע פעלזן־שטיינער, אין וועלכע דער איינצעלנער אַרבעטער און פויער ווערט פאַרלוירן ווי אַ פינטעלע אין אַ פעלד. נאָר ווי גרויסע פרייע פאַראייניגונגען פון מענטשן, וואָס גרופירן זיך איינער לעבן צווייטן אַזוי, אַז איטלעכער פילט וואַרעמקייט פון זיין שכנס איילנבויגן, און אין זייער געמיינזאַמער נשמה ווערט אָפּגעהיט די נשמה פון יעדן פּרט. איר אַליין מאַכט היינט די געשיכטע. דאָס הייסט, אַז ניט נאָר אייערע פירער דאַרפן איר מאַכן, נאָר איר אַליין — איינציקווייז און אַלע צוזאַמען — קענט איר מאַכן. דאָס הייסט, אַז שלעכט איז, ווען נאָר איינצעלנע „פירער" מאַכן איר, שלעכט איז אָבער אויך, בעת ס'מאַכן איר מאַסן, אַלס „מאַסן", ווייל אַף אַזאַ אופן זיינען זיי נאָר אַ שפּילכל אין די הענט פון זייערע פירער. מע דאַרף, עס זאָלן טעטיק זיין מאַסן, וואָס באַשטייען פון באַוואוסטזיניקע יחידים.

איר וועט פרעגן: צי איז דער מענטש בכח צו רעכט צו ווערן מיט דער געשיכטע? אַף דעם איז פאַראַן נאָר איין איינציקע תשובה, — ער מוז מיט איר צורעכט ווערן. אויך כּלפּי דער פיזישער נאַטור ווערט אין משך פון דורות די אומפאַהאָלפנקייט פון מענטשן אַלץ קלענער און קלענער. אין דעם באַשטייט דאָך טאַקע זיין קולטור, — ער זאָל גובר זיין די סטיכייאישע און בלינדע נאַטור. ער נוצט אויס אירע שטענדיקע „געזעצן“ פאַר זיינע צילן, ער צווינגט זיי, זיי זאָלן אים דינען. דער מענטש קאָמבינירט פאַרשיידענע נאַטור=קרעפטן, אָדער ער נייטראַליזירט זייער השפּעה מיט דער הילף פון אַנדערע, אָדער ווענדעט אָן זייער ווירקונג אין אַנ׳אַנדער ריכטונג, אָדער ער גייט אַוועק פון זייער טעטיקייט=פלאַץ, אָדער לערנט זיך אויס זיי פאָראויס צו זעהן און זיך פון זיי אָפּצוהיטן. טויזנטער וועגן פלעגט דער מענטש געפינען און געפינט אויך איצט, כּדי צו ווערן דער „האַר פון דער נאַטור“, און אַ לעבעדיקער עדות צו דעם איז די מענטשלעכע געשיכטע.

מיט פיל מער רעכט איז דער דאָזיקער כּלל חל אַף די געשיכטע, אַף די נאַטור פון די מענטשלעכע באַציאונגען. אירע „געזעצן“ קענען מיר ניט ביז היינטיקן טאָג. מיר האָבן זיך נאָר אויסגעלערנט צו באַמערקן איניקע גאַנץ=אַלגעמיינע איבער׳חזר׳ונגען אין אירע אַנטוויקלונג=ליניעס, מיר ווייסן נאָר, אַז תקופות פון קנעכטשאַפט פלעכטן זיך דורך אין דער געשיכטע מיט רגעים פון באַפרייאונג, אַז עס דרייט זיך אַ שטענדיקער גלגל=החוזר פון אויפבויאונג און מפּלה פון מדינות, אַז פון תּמיד אָן לעכטשעט די מענטשהייט נאָך אמת און אַז ביז היינט האָט זי אים נאָך ניט דערגרייכט. מיר ווייסן נאָר, אַז בעת עס ווערן שוין צו שווער די ליידן פון פעלקער, — שטעלן זיי זיך אַנטקעגן, עס קומען פאַר אויסברוכן=רעוואָליוציעס. ווי בעת אַ ערדציטערניש הויבן אָן זיך צו קוויינקלען, איבערמאָלן זיך און איבערשמעלצן זיך אַלע אַף אייביק, דאַכט זיך, פאַרגליווערט געוועזענע שטיין=פונקטן און כּחות. אַ רעוואָליוציע איז מאַקע אַ סאָציאַלע ערדציטערניש. נאָר די דאָזיקע באַוועגונג פון כוואַליעס אין היסטאָרישע ימים געפינען זיך אונטער דער כּסדר׳דיקער השפּעה פון מענטשן. אויב אפילו אין אַ פיזישער ערדציטערניש אָדער אַ פאַרפלייצונג, וואו דער מענטש האָט צו טאָן מיט דער שטורמישער נאַטור, קעמפט ער פונדעסטוועגן קעגן אירע פאָלגן, — פאַרקלערנדיק איר פאַרנעם, רעגולירנדיק איר ריכטונג און זיך אָפּהיטנדיק לכתּחילה אַלץ מער און מער פון איר אָנקומען — על אחת כּמה וכּמה קען ער ווירקען אין דער רעוואָליוציע, וואו ער איז אַ אָנטיילנעמער און אַ טוער. און אַז די רעוואָלוציע פאַרפלייצט אין איר שטורמישן אויסגוס די בליענדיקע ברעגעס, אַז זי רייסט אונטער די לעבנס=וואָרצעלן אַליין, אַז זי ווערט אפילו גרויזאַם אונטער דער ווירקונג פון טעותן — אויך דאַן

און דוקא דאַן גיט זי זיך אונטער דער השפעה פון אירע אָנטיילנעמער. די מענטשהייט קאָן ניט שטיין פאַר איר ווי פאַר אַנ'אַלמעכטיקער סטיכיע, ווי פאַר אַ האַר, זי מוז איר צופּאַסן צו זיך. רעוואָליוציעס זיינען אַ גנאַד פאַר דער מענטשהייט, אָבער נאָר דאַן, ווען זי פירט מיט זיי אַליין אָן.

הייבן מיר אָבער אָן צו צווייפלען אין אונזער כח צו באַווירקן די רעוואָ- ליוציע, לאָזן אַף אונז די „געלערנטע" אַרויף מיט צו פיל אימפּעט דעם פחד פאַר דער „היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט" פון די געשעהעענישן — יעמאָלט מוזן מיר זיך קערן צו זיך אַליין, צו אונזער באַוואוסטזיין. צי פילן מיר, אַז מיר זיינען נאָר אַ זעמדעלע אין אונזערע געשעהענישן, אָדער מיר אַליין מאַכן זיי? צי פילן מיר זיך ווי שפּיל-שטיינדלעך, וואָס די געשיכטע וואַרפט פויל אַף דער אַרענע פון איר קאַלטן טויטן שפּיל, אָדער מיר אַליין ווילן זיין די העלדן פון דער גרויסאַרטיקער דראַמע פון לעבן און טויט? צי פילן מיר אַ נ'אחריות פאַרן גאַנג פון דער רעוואָליוציע, פאַר אירע טונקעלע און ליכטיקע זייטן, פאַר רגעים פון שמחה און תקופות דויערנדיקן טרויער, דערפאַר, וואָס זי האָט זיך פריער געהייבן באַרגאַרויף און אַצינד קאַטשעט זי זיך אַף אונטן אין אָפּגרונט פון יאוש און שמערץ?

געוויס פילן מיר זיך פאַראַנטוואָרטליך. און דאָס איז דער עיקר. הייסט עס, מיר זיינען דער שעפער — זאָל זיין אפילו דער קלענס- טער — פון דער רעוואָליוציע, הייסט עס, מיר קענען איר באַווירקן אויך אַף להבא. הייסט עס, קענען מיר זיך ניט מער טרייסטן, אַז דאָס אַליך איז אַ „גאָט-זאַך", אָדער ס'איז „געשיכטע", נאָר מיר מוזן אַליין אויסזוכן און אָנ- טאַפּן בידים דעם באַוועגער פון דער געשיכטע, און מיט אַ שטאַרקער האַנט אַ דריי טאָן אים צו דער זייט פון אויפשוואונג פון דער רעוואָליוציע.

אָ, אַ גרויסער גליק איז עס פאַר אונז, וואָס נאָך בעת דער רעוואָ- ליוציע קענען מיר אַ קלער טאָן וועגן איר אויסבעסערונג.

II

אין איטלעכן מאָמענט פון די לעצטע 1½ יאָר (פון מאַי 1918), אין איטלעכן חודש פון אונזער ראַטן-רעוואָליוציע, אַף וועלכן מיר זאָלן נאָר אָפּ- שטעלן אונזער בליק — אומעטום זעהן מיר, אַז די לאַגע פון די אַרבעטנדע מאַסן איז אויסערגעוויינלעך, אומגעהויער שווער. ניטאָ, דאַכט זיך, גיט איין מענטשלעכע צרה, וואָס זאָל זיי ניט טרעפן, און גראָד איצט, אפן שוועל פון דער תקופה, וואָס האָט זיי געזאָלט פון די צרות אַף אייביק באַפרייען, ווי מיט פעסטע אייזערנע שטאַנגען פון אַ שטייג איז די רעוואָליוציאָנערע רוסלאַנד פון

אַלע זייטן אומגענומען מיט דער בלאָקאַדע פֿון די אויסלענדישע מדינות. לאָ די, וואָס זיי האָבן אונז אָפּגעשניטן פֿון יעדער פֿאַרבינדונג מיט זייערע פֿעלקער און מיט די נייטראַלע פֿעלקער, וואָס זיי האָבן אונז געלאָזן אָן דעם אַלעמען, וואָס איז אונז אַזוי נויטיק אין אונזער לעבנס־שטייגער און וואָס מיר פֿלעגן תמיד באַקומען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק; לאָ די וואָס זיי האָבן פֿאַרוואַנדלט „רוסלאַנד“ אין אַ מין מחנה פֿון מצרעים און שטייף אַרומגעצוימט זי מיט שטעכיקע דראָטן פֿון בלבולים און הונגער־טויט. נאָך מעהר — זיי האָבן געשיקט צו אונז זייערע חילות און זייער פֿאַרניכטונג־געווער, בכדי צו באַוואָפֿענען די פֿינסטערע כחות פֿון רוסלאַנד און עוקר מהשורש זיין אונזערע רעוואָליוציע, דערשטיקן איר אין איר וויגעלע. דאָס ווערט געטאָן פֿון אויסנווייניק. און אין לאַנד גופֿא? שוין לאַנג איז געקומען צו אונז די אַלגעמיינע נויט און פֿאַראָרמקייט, באַ וועלכע מענטשן דאַרפֿן קעמפֿן צווישן זיך פֿאַר אַ איבעריקן ביסן ברויט, פֿאַר אַ שייטל האָלץ, פֿאַר אַ גראַד וואַרעמקייט. אונזערע הצטרכותן ווערן אַלץ קלענער און קלענער, אַלץ מער און מער פֿאַרשווינדן די געוואוינהייטן און מנהגים, וואָס האָבן פֿון אונז פֿריער געמאַכט אַ געזעלשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס פֿאַרשטיין איינער דעם צווייטן. ס'איז אָנגעקומען יענע לעבנס־פֿאַראייניפֿאַכונג, בעת דער מענטש מוז זיך איינגאַנצן בנפֿשו ומאדו אַריינלאָזן אין דעם ברוטאַלסטן, חיי'שן געיעג נאָך'ן עלעמענטאַרסטן גוטס אין לעבן. דער אַרבעטער און דער פּויער, וואָס האָט געהאָפֿט אַרויסרייסן זיך סוף־סוף אַ דאַנק דער רעוואָליוציע פֿון די נעגל פֿון אַלטעגלעכער נויט און פּיין, איז אַצינד אָפּגעשליידערט וויט אַף צוריק אין אַ לעבן, וואָס איז פֿאַרפֿולט פֿון דערנידערנדיקסטע קליינלעכע דאגות. קיינמאָל איז ניט געווען פֿאַר אים אַזוי שרייענדיקקלאָר און בולט די סתירה צווישן דעם, וואָס ער האָט געזעהן אין דעם פֿלאַקערדיקן פֿייער־שיין פֿון דער רעוואָליוציע, און דעם, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ בלייאינער שווערקייט אַ וואָרף געטאָן אַף אים אין די וואָכנטעג פֿון דער רעוואָליציע. באַ דעם אַלץ־פֿאַרשלינגענדיקן מבול פֿון פֿיזישע נויטן ווערט גיך אויסגעלאָשן דאָס גייסטיקע לעבן פֿון די אָקאָרשט זיך אויפֿגעוועקטע מאַסן, ס'ווערן צעפֿליקט די טייערסטע מענטשלעכע באַנדן און קיום וואָס עס צאַנקט נאָך דער לעצטער קערנדל פֿון דער געזעלשאַפֿט — די משפּחה, וואָס באַהאַלט תמיד איר קיום אין די תקופֿות פֿון געזעלשאַפֿטלעכער צעפֿאַלעניש.

נאָך מער — ס'שטעלן זיך אָפּ פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן, וואו ס'האָט זיך געזאַמלט די שאַפֿונג פֿון עשירות, איידער ס'זיינען געקומען די סאָציאַליסטישע צייטן, און אין די האַלב־פֿאַרלאָזענע לאָקאַלן בלאַנקן אומעטיק אַרום איינצעלנע הויפֿעלעך אַרבעטער, וואָס זיינען דאָ פֿאַרבליבן, נאָר בכדי אָפּצוהיטן די ווירטשאַפֿט פֿון אַ פֿולקומען חורבן. מיט מאַטערניש און עפּעס ווי אָן כחות

באַוועגן זיך די סאָכע און דער אַקער פון „מוזשיק“ איבער די ברייט־פאַנאַנדערגעלייגטע פעלדער פון גרויסן רוסלאַנד, מיט אירע הונדערטער־טויזנטער פויערישע ישובים. נאָך איז ניט געבוירן געוואָרן אין באַפרייטן לאַנד ניט קיין נייע סאָציאַליסטישע געמיינדע, ניט קיין נייער פויערים־דור מיט אַ יונגער מוטיקער נשמה. אנגעכמארעט האָט זיך דער דאָרף איינגעשלאָסן אין זיך, מיט חשד און צער אין די אויגן קוקט ער זיך אום אפן שטאָט, אף די מלוכה, די סאָוועטן, קלייבט אין האַרצן אן אויפהער ווייטאָג און עולות און טראָגט ווי פריער די שטומע אומבאַהאָלפענע שנאה. אין אַ טיפן שלאָף ליגט נאָך די פאָלקס־שאַפונג אין שטעט און דערפער, און נאָך איז ניטאָ דער באַשערטער בן־מלך, וואָס זאָל איר אויפוועקן צום לעבן מיט זיין וואַרעמער, ברידערלעכער באַרירונג. מיטן ברוטאַלן כח נעמט אָפּ די שטאָט באַם דאָרף זיינע רייכקייטן, מיט דריידלעך און שפּיצלעך — און אָפטמאָלס אויך מיט כח — פאַרטיידיקט זיך דער דאָרף און שלעפּט אַמאָל אויך באַ דער שטאָט אַרויס די לעצטע האָב און גוט. אָפּט, צו אָפּט זעהן זיך די פויערים און אַרבעטער אין צוו פיינדלעכע מחנות, און ס'איז קיין זכר ניטאָ צו יענער ברידערלעכקייט, מיט וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן און געפירט תחילת די רעוואָליוציע.

ווי פריער הערן זיך ניט אויף די סכסוכים צווישן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וואָס מע איז געוואוינט געווען אין עבר זיך צוהערן צו זייערע שטימען.

און נאָך מער: מיר זיינען געצוואונגען צו פירן אַ אומענדלעכן קאַמף קעגן אונזערע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. דאָס לאַנד, וואָס איז שוין טויטמיד פון דער מלחמה, מוז מאַכן אַלץ נייע און נייע מאָביליזאַציעס, וואָס רייסן אַרויס פון דעם נאָר וואָס צו זיך געקומענעם לעבן די מונטערסטע און געזינטעסטע טיילן זיינע,און וואַרפן אן אף די איבעריקע יאוש און צער. דער בירגער־קריג איז עקשנות'דיקער, שווערער און בלוטיקער פון די אַלטע נאַציאָנאַלע מלחמות, אין אַפּולעמענס באַוואוסטזיין קומט ער אויך אוים פאַרברעכערישער. וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס באַ מיליאָנען אַרבעטענדיקע געבוירן זיך געפילן פון שנאה, און האַס, און יאוש און חשד? וואָס איז דער חידוש, וואָס ס'בליהן אויף, ווי אַ גיפטיקע בלום, די פאַרעלטערטע חלאות'ן פון דער מענטשהייט — נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן און נאַציאָנאַלע שנאה?

צי איז ניט ענלעך אונזער גאַנצע לאַנד אף אַ איצטיקן טראַם־וואגן, וואָס שלעפּט זיך איבער די טונקלע מאָסקווער גאַסן, אַרומגעקלעפּט פון אַלע זייטן מיט מענטשן, אַ צעקראָכענער און צוקאַלעטשעטער? גיט אַ קוק, ווי ענג עס זיינען צונויפגעפּרעסט אַלע מענטשן אין איין הויפן, ווי מיד זיי אָטעמען, פונקט ווי נאָך אַ שווערן געראַנגל, ווי הונגעריק עס פונקלען זייערע אויגן, ווי ווייניק מע רעכנט זיך עס איינער מיטן צווייטן. גיט אַ קוק, ווי אָפנהערציק איינער

שלאָגט עס אָפּ דעם אָרט באַם צווייטן, קיין שום מיטגעפיל, אָדער כאָטש פאַרשטייעניש איז ניטאָ אין דעם המון פון צופעליק־צונויפגעטשעפעטע מענטשן, איטלעכער זעהט אין צווייטן נאָר אַ פיינדלעכן קאָנקורענט. דורך און דורך צעפוילט איז די דאָזיקע מענטשלעכע סטאַדע, וואָס דערקענט שוין ניט די פנים׳ער פון אירע שכנים, וואָס פילט נאָר דעם דרוק פון זייערע קערפּערס און וויל נאָר אָפּשטופּן מיט אַ גרעסערן דרוק זייער שווערקייט. אַ אומזיניקע שנאה צום קאָנדוקטאָר — דאָס זיינען די געפילן פון די צופעליקע מענטשן צו דער מאַכט, צו דער מדינה, צו אָרגאַניזאַציע בכלל. אחריות׳דיקע גלייכגילטיקייט אָדער אָפּלאַכערישער חוזק צו די נייע פּאַסאַזשירן, וואָס שפּאַרן זיך ביים אַריינגאַנג — דאָס זיינען זייערע געפילן צום צוזאַמענלעבן, צו סאָלידאַרישקייט. קוקט זיך אָקאָרשט בעסער צו זיי צו — איר וועט זעהן, ווי נאָענט זיי זיינען אייגנטלעך איינער צום צווייטן; איין געדאַנק, איין געפיל, איין פייערל פונקלט אין זייערע פאַריאָגטע אויגן; די זעלבע יאָגעניש, דער זעלבער ו ו י י ווינט אין זיי. נאָר איצט, אין דער רגע, דאָ זיינען זיי אומרחמנות׳דיקע שונאים. די אויבערשטע לאָזן בשום אופן ניט די אונטערשטע זיך אַ הייב טאָן, מיט אַ פאַרביסענער שנאה שפּאַרן די אונטערשטע אַרויס די אויבערשטע. אין אַ שעה אַרום וועלן זיי זיך דאָך אָבער בייטן מיט די ערטער, און ס׳איז רעכט אַז פאַרן זעלבן פּיצעלע גוטס — פאַר אַן אָרט אין דער שמוציגער שטיקעניש פון פאַרשטויבטן וואַגאָן זאָלן זיי ווידער אַ מאָל — נאָר אין אַן אַנדער סדר, — מיט שנאה און שפּאָט צו זיך אַליין, קעמפן איינער קעגן צווייטן. און באַם סוף וועג, בעת דער רייזנדער שפּאַרט זיך מיט די גרעסטע מאַטערניש אַרויס צום אויסגאַנג און דערנענטערט זיך צו דער פרייהייט, פאַרלאָזט ער אין אַ דערנידערנדיקער אָנשטרענגונג דעם וואָגן בכדי... תיכּף זיך אַ לאָז טאָן צו אַ צווייטן, פּונקט אַזאַ זעלביקן. אַזוי טראָגט זיך דער סימבאָלישער וואַגאָן איבער די אויסערליך־באַלעבטע גאַסן פון דער גוסס׳דיקער, שווער־אָטעמדיקער שטאָט, און ניט מיט דרך־ארץ — ווי פון גאָגאָל׳ס טרויקע — קערט זיך פון אים אָפּ דער אויסגעמאַטערטער פוסגייער, נאָר מיט פחד און צער.

פון וואַנען זשע קומט עס אפן דריטן יאָר פון דער רעוואָליוציע דער פחד און צער און די פאַרביסנקייט, פון וועלכע עס שטאַרבט אָפּ י ע ד ע ש ע פ ע ר י ש ע אַרבעט? וואָס שפּייזט זיי פון אינווייניק, וואָס פאַרוואַנדלט זיי כמעט אין דעם נאַטירלעכן מהות פון דעם היינטיקן מענטשן?

איך וויים די תשובה, וואָס ווערט אַזוי לייכט אונטערגעזאָגט פון שכל. מע וועט אונז זאָגן, אַז די גאַנצע צרה שטאַמט פון די מעשים־תעתועים פון די אימפּעריאַליסטן פון אַלע לענדער, פון דער אינערלעכער קאָנטר־רעוואָליוציע, וואָס לאָזט ניט דעם פאָלק ניט איין רגע זיך אָפּרוען; די צרה איז — אין

הונגער, קעלט און אָרעמקייט, מיט וועלכע עס ווערגט אונז די ווייסע גוואַרדיע. די סיבה איז פשוט — מענטשן האָבן אַ שווערן לעבן — דערפאַר זיינען זיי פאַרביסן און פאַרצאָרנט, דערפאַר פאַלט באַ זיי די אַרבעט פון די הענט. ניט כדאי גריבלען זיך נאָך אַנדערע סיבות — וועט אונז זאָגן דער באַאָבאַכטער, וואָס זעהט דעם „שורש” פון זאַכן. אָט וועט אויפהערן די בלאָקאַדע, ס׳וועט זיך פונ׳סניי אָנהויבן דער מסחר מיט אויסלאַנד, ס׳וועלן, ווי געהעריק, אַנ׳אַרבעט טאָן די פאַבריקן — יעמאָלט וועט קומען אַ סוף צום הונגער און צום דלות, ס׳וועלן זיך אויסגלייכן די קנייטשן פון די פּנים׳ער, מענטשן וועלן פרייליכער ווערן.

פון זיך אַליין בעט זיך די דאָזיקע תשובה, און פאַרט איז זי ניט ריכטיק, (בכל אופן — פאַרענטפערט זי ניט די גאַנצע שאלה). זי גיט ניט קיין אמת׳דיקע טיפע דערקלערונג אַף דער אומגעהויערער, אָפטמאָלס דאַכט זיך, אומענדלעכער נשמה=דעפּרעסיע, וואָס מיר זעהן אַלע. אונז שטיקט דער אימפּעריאַליזם, די קאָנטר=רעוואָליוציע, די ווייסע גוואַרדיע ? — זעהר ריכטיק. אויב אָבער די צ י ל ן, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, זיינען גוט, אויב די ז אַ ך (פון סאָציאַליזם), וואָס לשם איר האָבן זיך אַ הייב געטאָן די אַרבעטנדע פון רוסלאַנד, איז הייליק, ריכטיק, שיין — פון וואַנען זשע קומט צו זיי די שרעקלעכע נשמה=פאַרוויסטעניש ? די וועגן צום גליק זיינען דאָרניק ? מע דאַרף אויסלײדן דאָס גליק אין שמערצן און קאַמף ? — דעם ביטערן אמת האָבן דאָך אָבער די אַרבעטס=מאַסן געוואוסט פון תמיד אָן, און געוואוסט בעסער פון אַנדערע. אַז די אָרעמע וועלן בעסער לעבן ערשט בעת זיי וועלן צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די רייכע, אַז די באַפרייאונג, דאָס פרייע לעבן, די אַלגעמיינע ברידערלעכקייט וועלן זיי געפינען, נאָר גייענדיק פאָראויס, און יעדער טראָט אַף צוריק באַדרויט זיי מיט גרעסטע סכנות, אַז דערפאַר מוזן זיי ברייננגען צו פיל און צו טייערע קרבנות אין קאַמף — דאָס אַלעס ווייסן די אַרבעטענדע צו גוט פון זייער שווערן נסיון, און אויב זיי ווייסן ניט — וועלן זיי עס לייכט פאַרשטיין און מקבל זיין אין דעם גאַנג פון דער רעוואָליוציע. און אויב דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד וואָלט געבראַכט נאָר דעם הונגער, נ אָ ר די אומענדלעכע מאַטעריעלע ליידן, נ אָ ר די אומבאַקוועמליכקייטן פון לעבן און די אַרבעטס=מענטשן וואָלטן ניט געהאַט קיין אינערלעכע שווערע איבערלעבונגען, ספקות און אַנטוישונגען — יעמאָלט וואָלטן זיי, און מיט זיי צוזאַמען אונזער גאַנצער דור, ניט געווען היינט אין אַזאַ שווערן נשמה=צושטאַנד. יאָ, עס וואָלט זיך זיי געווים שווער געלעבט, זיי וואָלטן ביז איבערן קאָפּ געווען פאַרוואָרפן מיט די נמאס=געוואָרענע און אויסמאַטערנדיקע קלייניקייטן, זיי וואָלטן געהאַט אַ אומזיכערע לאַגע אין דער היים, נאָר איינס

וואָלט באַ זיי ניט געווען — זיי וואָלטן ניט געהאַט קיין אומרו אין דער נשמה. דאָס גאַנצע אויסערלעכע לעבן, סיי דאָס פּריוואַטע, סיי דאָס עפנטלעכע, קאָן זיין שווער, אומערטרעגלעך, — די מענטשן בלייבן אָבער פעסט, שטייף, זיי ווערן נאָך שטייפער און שטאַרקער פון די צרות... כל זמן אף דער נשמה איז רואיק, כל זמן עס שטייט פאַר זיי קלאָר און אייזן-שטאַל די ציל פון זייער ליידן, דער תכלית פון זייער קאַמף. איך זע אָבער, אַז באַ די מענטשן, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער רעוואָליוציע און וואָס פון זייערטוועגן איז זי פּראָקלאַמירט געוואָרן, הערשט עפּעס אַ מין געוואַלדיקער אומרו אף דער נשמה, כסדר'דיקע און אָפענע נשמה-ליידן, וואָס אונטער זייער השפּעה וואַקסט אויף אף אַ מורא'דיקן אופן די עמפּינדונג פון הונגער, און דחקות און אַלע צרות. איך באַשטיי אף דעם, אַז ניט נאָר פון הונגער און בלאָקאַדע אַליין איז אַזוי געפאַלן באַ זיך דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק: פאַרקערט — עס איז אַזוי שווער אַריבערצוטראָגן דעם הונגער און די בלאָקאַדע דערפאַר, וואָס אין דער נשמה פון די אַרבעטנדע איז עפּעס איינגעבראָכן, עפּעס אַזוינס, וואָס מחמת דעם ווערן באַזונדערס פאַרשאַרפט אָט די פּשוטע ליידן, וואָס מע קאָן זיך ריכטן אף זיי אָדער לכל הפחות לייכט דערקלערן זיי און פאַרשטיין.

יאָ, אויב מיר זעהן פאַר זיך דעם שווערן נשמה-צושטאַנד פון די פאָלקסמאַסן, אויב דער דאָזיקער צושטאַנד ווערט ניט כאָטש צייטווייליק לייכטער, נאָר פאַרטונקעלט זיך אַלץ געדיכטער און טיפער — איז שוין פאַר אונז קיין שום ספק ניטאָ: די נשמה פון רעוואָליוציאָנערן פאָלק איז שווער קראַנק. אַ נשמה-קראַנקהייט איז אַלעמאָל שרעקלעכער און געפערלעכער פון אַנדערע חלאות'ן. די רעוואָליוציע אָבער איז דאָך קודם כל דער גרויסער ברען פון דער מענטשלעכער נשמה, און האָט זי מורא פאַרן נשמה-בראָך, ממש ווי פאַרן טויט. קוים זיינען שוין אף אַנ'אמת טיף און אף לאַנג פאַרטריקנט אָדער פאַרשאָטן די נשמה-מקורות פון די הויפּט-שעפער פון דער רעוואָליוציע — די אַרבעטנדע — דאַן איז שוין דער רעוואָליוציע באַשערט אַ מפּלה. מעגן זיך נאָכדעם דרייען אַן אויפהער די רעדער פון דער אַדמיניסטראַטיווער רעוואָליוציאָנער-מאַשין, מעגן די אויבערשטע אין שיסל פון די פאַרטייען אָדער רעגירונגען שרייען חי-וקים וויפיל זיי ווילן, מעגן די ווירטשאַפטלעכע אָדער פאָליטישע הצטרכותן פון די מאַסן שטופּן זיי כסדר פאָראויס — עס וועט ניט העלפן, די רעוואָליוציע שטאַרבט, קוים עס שטאַרבט אָפּ איר נשמה. פּונקט ווי אַ קראַנקער קערפּער אָטעמט נאָך לאַנג ביז זיין לעצטער רגע, גוסס'ט, ציט זיך פייניק צום קאַרגן זונען-שטראַל, — פּונקט אַזוי קאָן אויך די קראַנקע רעוואָליוציע ציען אירע טעג

פון טרויעריקן קיום, שאַפן פאַרן ניט־געניטן אויג אפילו אַ אילוזיע פון לאַנגע יאָרן. זי קאָן אָבער ניט לאַנג לעבן אַן אַ לעבעדיקער נשמה, וואָס איז אפשר ניט אַלעמאָל פריילעך, וואָס גלויבט אָבער אין איר אמת. דערפאַר קוקן מיר זיך אַלע מאָל אַזוי אויפמערקזאַם צו ניט צום אויסערלעכן פּנים פון ראַטן־רוסלאַנד, אַ צעדרייטן און צעקרימטן פון טויזנטער ריכטיקע אָדער פאַלשע קראַמפּן, נאָר צו איר אינערלעכן פּרצוף, אָפּטמאָלס אַזאַ שווייגנדיקן און תּמיד אַ איבערגעפּולטן מיט ליידן. און מיט אַ פולער זיכערקייט, אָן מורא פאַר טעותן זאָג איך: דאָס אַרבעטס־פאָלק לעבט איבער אין אונזער רעוואָלוציע די גרעסטע נשמה־עינויים.

III

פון וואַנען זשע קומען צום פאָלק די עינויים?

און איך פּרוּוו זיך ענטפערן אַף דעם אַזוי, ווי איך אַליין פיל און פאַרשטיי עס, ווייל אויך איך אַליין בין אַ זון פון פאָלק. איך זאָג: דאָס פאָלק, וואָס האָט מקבל געווען די רעוואָליוציע און האָט איר געשאַפן, איז באַליידיקט דורך די מעטאָדן, וועגן און מעשים פון דער רעוואָליוציע. דאָס פאָלק, וואָס האָט פון אָנהויב אָן געגלויבט — און גלויבט ביז איצט — אין אינערלעכן אמת און הייליקייט פון דער רעוואָליוציע האָט דערפילט אַ אומאויפריכטיקייט, אַ טיפע פאַלשקייט אין איר אויסערלעכן מלבוש, אין די לעבנס־אַנטפּלעקונגען אירע, און אַ שווידער האָט אים אומגענומען. תּחילת האָט עס זיך שטיל און איינ־געהאַלטן גע׳חידוש׳ט, דערנאָך גענומען לאַנגזאַם און אַנטשלאָסן זיך דערווייטערן פון איר אַליך מער און מער. ניט נאָר זיין איבערפולטן כּוס פון ליידן ברענגט דאָס פאָלק מיט זיך אין דער רעוואָליוציע, ניט נאָר די טיפע טיפעניש פון די דורות־לאַנג אומבאַפרידיקטע הצטרכותן, עס ברענגט אויך עפּעס העכערס. עס ברענגט מיט זיך אַלס העכסטע מתּנה — ניט נאָר אַלס סיבּה — זיין דורות־לאַנג באַליידיגטן אמת, זיין ניט־אַרויסגעזאָגטן קינדער־טרוים וועגן ריינ־קייט פון לעבן, זיין אומקלאָרן נאָר טיף־איבערצייגנדיקן אידעאַל פון אַ נייעם, שפּאָגל־נייעם און געלייטערטן לעבן. קיינמאָל האָט דאָס פאָלק ניט בדעה צו פאַרווירקלעכן עפּעס „געשיכטלעכע געזעצן“ אָדער דורכגיין באַשטימטע פון אויבן באַשערטע „עטאַפּן פון דער רעוואָליוציע“. עס פאַרווירקלעכט פּשוט זיין גאַנצן ביז איצט אָנגעזאַמלטן אמת און יושר. דערפאַר פאַרמעסט עס זיך אין זיין רעוואָליוציע אַף איינמאָל אַף אַלע ספערן פון לעבן, אַף אַלע פאָרמען פון לעבנס־שטייגער, אַף אַלע געביטן פון גייסט. אונטערהאַקנדיק אין שורש דעם פאָליטישן געביי אָדער די סאָציאַלע באַזע פון דער געזעלשאַפט,

טראָגט עס זיך דעריבער דורך מיט דער גרעסטער שטאַרקייט, ווי אַ שטורעם, אויך איבער אַלע פּערזענלעכע, רעליגיעזע און שטיינער־יסודות פֿון דער געזעלשאַפֿט. אין דער ריינקייט פֿון זיין נשמה גלויבט ער, אַז דער אמת, וואָס ער האָט דורכגעטראָגן אין זיך אין משך פֿון דורות, (דאָס וואָס מיר רופֿן געווייִנטלעך „געזעצן פֿון אמת און יושר“) וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן ניט נאָר אין אַלע לעבנס־געביטן, נאָר אויך אינגאַנצן, פֿון אָנהייב ביזן סוף. עס זעט ניט פֿאַראויס קיין סתירה צווישן זיין מענטשלעכער און אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל און דער „מאָראַל פֿון דער רעוואָלוציע“.

און פֿונדעסטוועגן איז די דאָזיקע סתירה פֿאָרגעקומען. קעגן דעם ליכטיקן פֿאָלקס־אמת איז בולט, קלאָר און מעכטיק אַרויסגעטראָטן דער „שוואַרצער ליגן“ פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק — איז דאָס פֿאָלק אויפֿגעקאָכט געוואָרן. דאָס פֿאָלק, דאָס אַרבעטס־פֿאָלק האָט דערפֿילט דאָס שלעכטס אין דער רעוואָלוציע. און פֿון דעם אָ געפֿיל פֿון שלעכטס איז געקומען תחילת זיין גייסטיקע פֿאַרלאָרנקייט און דערנאָך אויך די גלייכגילטיקייט צו דער רעוואָלוציע.

פֿון וואַנען זשע איז געקומען דאָס געפֿיל פֿון שלעכטס? עס איז געבוירן געוואָרן פֿון די אומענדלעכע געוואַלט־מעשים, פֿון דער סיסטעם פֿון מאַסן־טעראָר, וואָס זיינען פֿון מאַי 1918 געוואָרן אַ שטייגער־זאַך אין דער רעוואָלוציע, וואָס זיינען פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן סאַנקציאָנירט, פֿאַרהייליקט, אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן פּיעדעסטאַל *).

עס איז אַנטשטאַנען אַ פֿאַטאַלער קאָנפֿליקט צווישן דעם טעראָר, אַלס פֿאַרדרייטן און פֿאַלשן פּרצוף פֿון דער רעוואָלוציע און דעם גייסט, דעם זין און מהות אירן. און דעריבער האָט דער טעראָר פֿאַרוואונדערט, דערשראָקן, צעטרייסלט ביז די יסודות און דערנאָך אויך גענומען אָפּשטויסן אין אַ זייט די זעלבע אַרבעטס־מאַסן, די זעלבע נשמה פֿון די אַרבעטענדע, וואָס זיינען געווען און וואָס בלייבן שטענדיק די טרייע זין פֿון דער רעוואָלוציע.

יאָ, אַזוי איז עס. זאָל מען ניט קומען זאָגן, אַז די דאָזיקע דערקלערונג איז שוידערהאַפֿט, געקינצלט, אויסגעסברה׳ט. זאָל מען ניט קומען מיט פֿאַרבאַהאַלטענער טריומפֿירונג (די שונאים פֿון סאָציאַליזם) אָדער מיט אַ שטאָלצער

---

*) ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאָזיקע געפֿיל איז אויך געקומען אַ דאַנק דעם צענטראַליזם פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַדאַנק דער דערווייטערונג פֿון די מאַסן פֿון דער באַשטימונג איבער זייער גורל — דער דערווייטערונג, וואָס הרג׳עט אַוועק די רעוואָלוציע אָרגאַניזאַציאָנעל. דער עצם־מהות אָבער פֿון דעם אָ געפֿיל און זיין מקור זיינען געקומען פֿון דער טעראָר־סיסטעם, וואָס איז געווען סיי אַלס סיבה סיי אַלס פּועל־יוצא ענג פֿאַרבונדן מיטן צענטראַליזם.

פעסטקייט (די בלומערשטע פארטיידיקער זיינע) און טענ׳ען, אז ה י י נ ט באם איצטיקן מאמענט פילן די מענטשן ניט שארף די דאזיקע פראגע, אז זי איז ער־גייט אין הינטערגרונד אדער איז בכלל פארשוואונדן לגבי אנדערע, אפענע, נאענטע, אינטים־אייגענע פריינד: לגבי הונגער און קעלט, דחקות, חלאותן. איך ווייס, אז סיי די שונאים פון פאלק, סיי זיינע „פארטיידיקער" האבן ביידע גלייך ליב דאס צו דערווייזן, ווייל פאר זיי איז דאס פאלק לויט דער נאטור א חיה, וואס רעוועט אוןווארפט זיך אין שטייג פון ברוטאלער אינסטינקטן, וואס ווייס ניט פון קיין דויערנדיקע מאראלישע ליידן, און וואס וועט ווערן אנ׳עבד בא יעדן איינעם, ווער ס׳וועט איר ברענגען ברויט און פלייש. און קוקנדיק אפן היינטיקן טאג, זעהן זיי, פארשטייט זיך, נאר פנים׳ער צעקרימטע פון הונגער און נויט און באמערקן ניט קיין מידקייט וואס קומט פון מאראלישע קאנפליקטן פון באוואוסטזיין. דאס איז אבער א אויבערפלעכלעכער און א קורצזיכטעקער בליק. קוקן אזוי — הייסט עס ניט זעהן די טיפע סבות פון די בולטע און ארויס־שטארצנדיקע דערשיינונגען, זייערע גרונד־מאטיוון, זייער בפרושן עבר. יא, ה י י נ ט ווערן אפשר מענטשלעכע ליידן געשפייזט פון די אויסערלעכע פי־זישע צרות, ה י י נ ט זעהן אפשר די ליידנדיקע אליין ניט קיין אנדערע מקורות פון זייערע ליידן א חוץ די דאזיקע צרות. קלאר איז אבער פאר מיר און פאר איטלעכן אויפמערקזאמען באטראכטער אין לויטערע נשמה־רגעים, אז דער מקור פון די שמערצלעכע איבערלעבונגען ליגט גראד אין דעם פארגאנגענעם טאג פון אונזער רעוואליוציע, אין יענע אומגליקלעכע מאמענטן, בעת מע האט צום ערשטן מאל א קלאפ געטאן דעם מ א ר א ל י ש ן באוואוסטזיין פון פאלק, זיינע גרויסע מאראלישע דערווארטונגען. פון יענע מאמענטן האט זיך אנגע־הויבן דער צושטאנד פון מאראלישער פארוואונדערונג און צעטומעלקייט און דערנאך פון דעם אליין וואקסנדיקן עקל און גלייכגילטיקייט, וואס אף זייער גיפ־טיקן באדן האט אויפגעבליט דער היינטיקער וואולגארער גלגול פון דעם רעוואליוציאנערן מענטשן צו א פשוטן פארברויכער. און אויב די נשמה זיינע, וואס פלעגט ערשט ניט לאנג אזוי הארמאניש אפקלינגען אף די שטורמישע באגייסטערטע רופן צום קאמף, האט זיך איצט אזוי פעסט איינגעשלאסן אין זיך — ליגן די סיבות פון דעם ניט אין די היינטיקע פרייזן אף ברויט, נאר אין די נעכטיקע שווערע „שוישפילן" פון דער רעוואליוציע, וואס האבן צעטרייסלט עד היסוד זיין נאיווע און גלויבנדיק־אפענע נשמה.

נאך איין טענה וויל איך באזייטיקן גלייך אין אנהויב אן. זאלן די שטאלצע און רואיק זיכערע מענטשן ניט קומען זאגן מיר, אז נאר ק ל י י נ ע צופעליקע קרייזן פון דער געזעלשאפט לעבן איבער דעם שווערן נשמה־צושטאנד, אז „די רעוואליוציע באלערנט", אז אין עצם גאנג פון איר אנטוויקלונג פאלן

ממילא אָפּ די אינטעליגענטישע, באַלעבאַטישע און אַנדערע צווישן־שיכטן. זאָלן זיי זיך ניט איינריידן, אַז נאָר עלעמענטן, וואָס ווערן חרוב אין דער רעוואָליוציע (בורזשואַזיע, פּריצישע, פֿאַרבונדענע מיט זיי אינטעליגענטישע), אָדער „שוואַך־נערוויקע“, אוטאָפּיש־סענטימענטאַלע קרייזן פֿון די אַרבעטענדע טרייסלען זיך אָפּ מיט שרעק פֿון טעראָר. ווייל צום גליק פֿון אונזער גלויבן אין סאָציאַליזם זיינען גראָד די קעמפּער פֿון דער רעוואָליוציע, די *אַרבעטער און פּויערים* — און ניט אַפֿילו ווער — גייסטיק דערשלאָגן און צעטומעלט פֿון דער טעראָר־סיסטעם, וואָס ווערט דורכגעפֿירט אין זייער נאָמען. מער געפֿיל צו פֿרעמדע ליידן און מעהר רחמנות צו מענטשן האָבן פֿאַרמאָגט גראָד די, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייטשעס געטראָגן די גאַנצע שווערקייט פֿון קאַמף, וואָס האָבן זיך אַ הייב געטאָן אויף איינמאָל פֿון די טיפֿעניש פֿון סאָציאַלן לעבן אויף די העכסטע שטופֿן זיינע און וואָס האָבן אָבער געבראַכט מיט זיך די אינסטינקטיווע דורשט נאָכן אמת און נאַטירלעכע פּשוטע לעבנס־געוואוינהייטן. גראָד זיי, וואָס האָבן זיך אין אָנהויב אפֿשר אויף אַ רגע אָפּגעגעבן דעם סטיכייאישן שקוואַל פֿון היסטאָרישן גרימצאָרן, האָבן אָבער *קיינמאָל און ערגיץ* ניט פֿאַרוואַנדלט זייער צאָרן אין אַ דויערנדיקן לעבנס־עטאַפּ, אין אַ נאָרמע פֿון שטענדיקן שטייגער. שפּעטער וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דעם, נאָר שוין איצט, פֿון אָנהייב אָן, וויל איך אונטערשטרייכן, אַז די קרענק פֿון טעראָר (וועגן טעראָר) עסט אויס ניט דעם אויבן אָן פֿון דעם רעוואָליוציאָנערן אָרגאַניזם, נאָר זיין מיט, זיין האַרץ, אַז ניט עפּעס „שיכטן“ פֿון פֿאָלק ליידן פֿון דער אָ נשמה־קראַנקהייט, נאָר דער *רבֿ מנין* און *רבֿ בנין* פֿון פֿאָלק אַליין.

IV

וואָס איז אַזוינס דער טעראָר און אין וואָס אַנטפּלעקט ער זיך — דאָס ווייסן דאַכט זיך היינט אַלע, וואָס האָבן אים איבערגעלעבט, אָדער צוגעקוקט זיך צו אים. טאָג־איין — טאָג אויס פּלעגן די בירגער פֿון רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד זיך צוגעוואוינען צו אַלץ שווערערע און שרעקלעכערע פֿאָרמען פֿון טעראָר. און דאָס, וואָס האָט תּחילת צעטרייסלט, צערודערט, איבערגעקערט ממש די נשמה, איז דערנאָך געוואָרן אַ אומפֿאַרמיידלעכע, כמעט פֿאַרשטענדלעכע שטייגער־זאַך, וואָס מע געוואוינט זיך צו איר צו ווי צו דער כּסדר'דיקער פֿאַרקלענערונג פֿון ברויט־ראַציאָן. און דעריבער טאַקע, אַז איר וועט היינט בײַ אַ פֿאַרמאַטערטן מענטשן פֿרעגן, וואָס איז טעראָר, וועט ער אפֿשר גאָר ניט זיין בכוח אָפּצומאָלן די סיסטעם פֿון געוואַלט, וואָס נעמט שטייף אַרום זיין גאַנצן לעבן. ער וועט אייך נאָר אָנווייזן אויף איין איינציקן רינג פֿון דער

סיסטעם, וואָס שניידט אים באַזונדערס שאַרף די אויגן — אַף אומזיניקע אַרעסטן, צי אַף די אַפּלאַכערישע באַהאַנדלונג אין די אַנשטאַלטן, צי אַף די מאַסן־טויט־שטראָפן. און דאָס וועט געוויס זיין ניט ריכטיק. טעראָר — דאָס איז ניט קיין איינצעלנער אַקט, ניט קיין איזאָלירטע, צופעליקע — הגם פּיל־מאָליקע — אַנטפּלעקונג פון גרימצאָרן פון דער רעגירונג. דאָס איז אַ סיסטעם פון געוואַלט וואָס אַנטפּלעקט זיך אָדער וואָס איז גרייט זיך צו אַנטפּלעקן פון אויבן. דאָס איז אַ סאַנקציאָנירטער פּלאַן פון דער מאַכט ווי אַזוי צו דערשרעקן, באַצווינגען און פאַרטיליגן די פאָלקס־מאַסן. טעראָר — דאָס איז אַ פּינקטלעכע, דורכגעטראַכטע, אָפּגעוואויגענע ביזן סוף טאַבעלע פון שטראָפן און באַדראָונגען, מיט וועלכע די רעגירונג וואַרפט אָן אַ פּחד, נאַרט אַריין, צווינגט אויף אויספילן איר אַבסאָליוטן ווילן. טעראָר — דאָס איז דער שווערער דעק־מאַנטל וואָס איז אַרויפגעוואָרפן אַף די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד, וואָס איז צונויפגעוועבט פון חדשים, נקמה־געפילן און פאַרביסנקייט פון דער מאַכט. ווער זשע האַלט עס דעם דעקמאַנטל אין זיינע הענט, ווער דריקט עס מיט אים אַף דער גאַנצער באַפעלקערונג אָן אויסנאַם? אויב דאָס איז ניט קיין אויסערלעכער באַזיגער — צי שוין זשע איז מעגלעך, אַז די באַפעלקערונג אַליין זאָל עס אַף אַזאַ אופן רעגירן מיט זיך אָדער זיך אַליין אַזוי פּייניקן?

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז באַ אַזאַ מין רעגירונגס־סיסטעם קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן דער מאַכט פון דער מערהייט. בשעת׳ן טעראָר ליגט די מאַכט אין די הענט פון אַ מינדערהייט, פון אַ בפירוש׳ער מינדערהייט, וואָס פילט איר איינזאַמקייט און שרעקט זיך פאַר איר. דערפאַר טאַקע האָט דער טעראָר אַ קיום, וואָס אַלץ נייע און נייע מענטשן, גרופּן און שיכטן ווערן דורך דער איינזאַמער רעגירנדיקער מינדערהייט פאַררעכנט אין מחנה פון אירע שונאים. אין איטלעכער רעוואָליוציע ווערט געשאַפן דאָס שרעקלעכע געשטאַלט פון דעם „שונא פון דער רעוואָליוציע“ און מיט רעכט אָדער אומרעכט וואַרפט מען אָן אַף אים אַלע אירהע טעות׳ן און עניים. בעת די טריומפן און נצחונות פון דער רעוואָליוציע דאַכט ער זיך ניט אויס פאַר געפערליך, ער איז עפּעס נאָר ווי אַ ווייטער געשפּענסט. הייבט זיך אָבער דאָס גליק פון רעוואָליוציע אָן צו וואַקלען, — יעמאָלט ווערט ער רעאַלער, ממשות׳דיקער, קאָנטיקער. כּל זמן בראש פון דער רעוואָלוציע שטייט אַ מערהייט — האָט זי פאַר אים קיין מורא ניט, זי ווערט מיט אים גיך פאַרטיק, ער פאַרנעמט ניט מיט זיך דעם גאַנצן האָריזאָנט פון איר טעטיקייט. קוים אָבער בלייבט באַ דער מאַכט אַ שרעקענדיקע, איינזאַמע, פולע מיט חשדים מינדערהייט — דאַן וואַקסט אויס „דער שונא פון דער רעוואָליוציע“ (דער „פאַרדעכטיקער“ לויט דער טערמינאָלאָגיע

פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע) אין אַ גראַנדיעזע פיגור, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן פאָן פון דער רעוואָליוציע. דער באַגריף פאַרברייטערט זיך אַלץ מער און מער, ציט זיך פונאַנדער, נעמט אַרום בהדרגה דאָס גאַנצע לאַנד, די *גאַנצע* באַפעלקערונג, און דערגייט סוף־סוף צו דער פאָרמול — „אַלע, אַחוץ דער מאַכט" (און אירע מיטאַרבעטער).

אָט ווער עס זיינען די צוויי צדדים אין דעם טעראָר. אין *ווי*, מיט וואָס פאַר אַווירקונגס־מיטלען קאָמאַנדעוועט די מאַכט איבער „די שונאים פון דער רעוואָליוציע" — ד. ה. איבער דער גאַנצער באַפעלקערונג — צי קען מען עס איבער דערציילן ביז'ן סוף, צי קען מען די אַלע מיטלען אויסרעכנען? אַזוי גרויס זיינען זיי אין צאָל, און אַזוי ערפינדעריש זיינען די פאַנטאַזיע און די אויפטוען פון די שעפער פון טעראָר! מע דאַרף געדענקען, אַז אויב דער כמות'דיקער פאַרנעם פון טעראָר ווערט געשאַפן דורכ'ן באַגריף „פאַרדעכטיקער", וואַקסט זיך אָבער זיין איכות'דיקער מאַטעריעלער אינהאַלט פונאַנדער אָן אַ שיעור אַ דאַנק דעם פרינציפ — „אַלץ איז דערלויבט". לכתחילה אָדער בשעת מעשה גופא מאַכט זיך די רעגירנדיקע מערהייט אַ פרייעם וועג דורך דעם אָ פרינציפ פון מאָראַלישער צעלאָזנקייט. אָן דעם וואָלט זי קיין קיום ניט האָבן. „אַלץ איז דערלויבט" בנוגע דעם „שונא פון דער רעוואָליוציע" — דאָס זיינען די צוויי פרינציפן פון טעראָר. פאַקטיש הייסט עס, אַז בנוגע *אַלעמען* קען מען אָנווענדן *אַלע* מיטלען און וועגן פון פאַרגוואַלטיגונג און אויפצווינגונג. לאָמיר האָבן דערביי אין זינען, אַז תמיד ווערט דער טעראָר אָנגעווענדעט „לשם רעוואָליוציע", לשם די העכסטע אידעאַלן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן פון מענטשלעכן שכל.

און וואָס זעהן מיר איצט פאַר זיך? צי איז שוין ניט דערגאַנגען אויך דער רוסישער טעראָר ביז די לעצטע גרעניצן, וואָס קענען געמאָלט זיין בּאַ אַזאַ רעגירונגס־סיסטעם? צי זיינען אויך בּאַ אונז אַציינד ניט אַריינגערעכנט אין לאַגער פון די שונאים פון דער רעוואָליוציע „אַלע אַחוץ די באָלשעוויקעס"? און צי איז ניט באַהייליקט פון אויבן אַף אַ געזעצלעכן וועג דער פרינציפ פון הפקר, וואָס דערלויבט אַלץ און איז אַף אַלץ מכפר לכתחילה?

לאָזט נאָך אַ מאָל דורך פאַר אייער גייסטיקן בּליק אַלע פאָרמען פון טעראָר, וואָס זיינען אונז באַקאַנט. ס'איז ניט שייך טיילן אים אַף פיזישן און פסיכישן, ווייל איטלעכער אַקט זיינער איז גלייכצייטיק אי דאָס אי יענס. איינעם טרעפט ער גלייך און דירעקט פיזיש אָדער גייסטיק, און אין דער זעלבער צייט טרעפט ער אומדירעקט אויך אַ סך אַנדערע, אַלעמען. טעראָר — דאָס איז מאָרד, בּלוט־פאַרגיסונג, טויט־שטראָף. נאָר טעראָר איז *ניט נאָר טויט־שטראָף*, וואָס רודערט אויף שטאַרקער פון אַלץ דעם געדאַנק און דאָס געמיט פון דער

געזעלשאַפט. טויט־שטראָף — דאָס איז נאָר דער פייערדיקער פונקט אין דער דונקלער טעראָריסטישער שטערן־סיסטעם, וואָס האָט אומגענומען די רעוואָליוציאָנערע ערד, ס'איז נאָר דער קופּל פון דעם טעראָריסטישן בנין, וואָס האָט האַרט אומגעצאַמט דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק. אומענדלעך אין צאָל און פאַרשיידן זיינען די פאָרמען פון טעראָר, פונקט ווי די אַנטפּלעקונגען פון אונטערדריקונג און שפּאָט. דער טעראָר האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין אין דעם וואָס עס זיינען צעטריבן געוואָרן די געזעצלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטענדע (סאָוועטן, פּראָפ. פאַראיינען, צוזאַמענפאָרן, פרייוויליקע באַוואָפנטע פאַראייניגונגען), אין וועלכע עס האָט זיך פריי און מעכטיק אָפּגעשפּיגלט זייער אַקטיווער רצון, און אָן וועלכע זיי ווערן פונדאָסניי פאַרוואַנדלט אין מענטשן־שטויב. דער טעראָר האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס אַפן שטח פון גאַנצן רעוואָליוציאָנערן לאַנד איז אין דער תקופה פון דער טיפסטער סאָציאַלער איבערקערעניש אַף צענדליקער חדשים און אַף יאָרן דערשטיקט געוואָרן דאָס פרייע וואָרט. ניט אין דער פּרעסע, ניט אין די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, ניט אין די פאַראיינען—אין ערגיץ ווערט ניט דערלאָזן קיין וואָרט, וואָס זאָל זיך פונאַנדערגיין מיט די פּלענער פון דער רעגירנדיקער מאַכט. רייסט זיך יאָ אַמאָל אַרויס פון די ליפּן פון איינצלנע אַ וואָרט פון קריטיק, פון פּראָטעסט אָדער ליידן — גייט עס אומבאַהאָלפן אויס אין דער לופט, ווייל עס ברענגט מיט זיך שטראָף פאַר די מוטיקע, אָדער ווייל קיינע שום מעשים ווערן דורך אים ניט אַרויסגערופן. צוגלייך מיטן אומבאַהאָלפענעם וואָרט פון דעם רעדנער הערשט דאָס פינסטערע דערנידערנדיקע שווייגן פון זיינע צוהערער. לאַ די וואָס די מאַסן זאָגן זיך קיינמאָל ניט אַרויס אין לאַנד פון טעראָר באַ דער ממשלה פון אָפיציעלן וואָרט, — זיי דערגייען קיינמאָל ניט דעם אמת וועגן זייער לעבן און וועגן לעבן פון גאַנצן לאַנד. טעראָר איז אין דעם, וואָס שווערע צענזור־קייטן האָבן זיך געלייגט אַף'ן מענטשלעכן גערדאַנק, אַף זיין סטיכייאישע יצירה; וואָס אַ צענטראַלע רעגירונג־אַנשטאַלט באַשליסט לכתחילה די כשרות פון אַ בוך, אַ זשורנאַל, אַ צייטונג; וואָס דער געדאַנק אַליין ווערט מחמת דעם הכנעה'דיק־געשענדעט, אָדער ער ווערט אַ משרת — אַ טעלערלעקער. „איך קאָן ניט שווייגן“, רופט תמיד אויס לויט זיין עצם מהות דער מענטשלעכער גייסט. אין לאַנד פון טעראָר זיינען אָבער געשטעלט גרעניצן פאַר זיין עלעמענטאַרער אַנטפּלעקונג. און דאַן פאַרקלייבט זיך שוין פחדנות, אָרעמקייט און קליינליכקייט אין די טיפסטע טיפענישן פון דער מחשבה, אין אירע מקורות. דער טעראָר איז אין דער ענג־צונויפגעפלאָכטענער שפּיצן־נעץ פון פּאָליטישער השגחה, וואָס די רעגירונג פענטעוועט מיט איר יעדן חלל, יעדן קאַמערל, יעדן שטאָף פון דער רעוואָליוציאָנערער געזעלשאַפט; אין דער געהיימער פּאָלי־

טישער פּאָליציי, וואָס שפּירט כּסדר נאָך אָדער מאַכט זיך נאָכשפּירנדיק נאָך
איטלעכן טראָט פון די בירגער; אין די איבערגעשפּיצט=קלוגע, טייוולאָניש=
דערפינדערישע מעטאָדן פון שפּיאָנאַזש און פּראָוואָקאַציע, אַ דאַנק וועלכע די
געהיימע מחשבות פון די בירגער דאַרפן ווערן גלוי וידוע פאַר דער מאַכט. דער
טעראָר איז אין די אָפּלאַכערישע, פאַראַכטנדיקע, פּייניקנדע פאָרמען פון פאַר=
הערן מענטשן, וואָס ווערן באַשולדיקט דורך דער מאַכט; אין די קונציקע
מעטאָדן פון גייסטיקער און אַנדערער פּייניקונג, וואָס טרעט אַמאָל חוצפּה'דיק
אַרויס פאַר אַלעמען און אַמאָל פאַרשטעלט זי זיך מיט דער מאַסקע פון „רעוואָ=
לוציע און סאָציאַליזם"; אין די טורמעס, איבערפולט ביז צום הונגער און פּיין,
וואָס זעלטן ווען עפנען זיך מיט אַ ביטערן געלעכטער זייערע טירן פאַר צע=
דאַרטע צביעות'דיקע אַמניסטיעס; אין די צופעליקייט פון די פּסק=דינים, וואָס
הענגען אָפּ פון די שינוים אין פּאָליטישן וועטער, פון די וואַקלענישן פון די
באַאַמטע, וואָס פאַרווירקלעכן זייערע פּאָליטישע פּלענער מיט די קעפּ פון די
הרוגים. דער טעראָר איז אין די הפקר'דיקע רעקוויזיציעס, אויסווייזונגען, קאָנ=
פיסקאַציעס, קאָנטריבוציעס, וואָס קיינער ווייס ניט לויט וואָס פאַר אַ נאָרמעס זיי
ווערן דורכגעפירט, וואָס פאַרטשעפּן כלומרשט די זאַטע לייִדיקגייער און אין דער
אמת שלאָגן זיי איבער די הונגעריקע און מידע. און דאָס שרעקלעכסטע, דאָס שווי=
דערהאַפטסטע אין טעראָר — איז דער טויט=שטראָף, וואָס איז אַרויסגעטראָטן
אַלס „הייליקע גיליאָטינע", אַלס וויכטיקסטע פּערזאָן אַף דער שטייגער=
אַרענע פון דער רעוואָלוציע, וואָס דער שווערד אירער הענגט אַף אַזאַ דינעם
פּעדעמל, אַז יעדע רגע קען ער זיך אַראָפּלאָזן אַף יעדן'ס קאָפּ. דער טעראָר איז
אין בלוט, וואָס פליסט אומרחמנות'דיק, טייכנווייז, גלאַט אין דער וועלט אַריין.
דער טעראָר איז אין דעם שרעקלעכן „צום ווענטל", וואָס מע סטראַשעט מיט
אים אי פאַרן ניט צאָלן שטייערן, אי פאַר אַוועקגיין אָדער אויסמאַכן זיך פון
דער אַרמיי, אי פאַרן ניט צושטעלן פערד און האָבער, אי פאַר גאַסן=רויבעריי,
אי פאַר בגידות למלכות, אי פאַר גרויסע און קליינע ספּעקולאַציע, אי פאַר אַ
קינציקע קאָנטר=רעוואָלוציאָנערע אינטריגע, אי פאַר אַ לייכטזיניקע „באַליידיקונג
פון מלכות" (פון דער איבערגאַנג=צייט).

דער טעראָר איז אין דעם, אַז „צום ווענטל" איז געוואָרן דער טאָן פון טאָג=
טעגלעכן לעבן, אַז קיין שום אָפּהאַלט, קיין שום גרעניץ איז מער ניטאָ פאַר דער
אָפּרעכנונג מיט אומבאַשיצטע, פאַר דער פאַרוואַנדלונג פון מענטשן אין אַ זאַך,
פאַר די חיישע אינסטינקטן. דער טעראָר איז אין דעם ווילדן שרעק, וואָס
פאַראַליזירט דעם רצון, מאַכט בלייך די שטאַרקע, מאַכט זיי פאַר עבדי=עבדים
פאַר'ן מענטשן מיטן ביקס. און אַז אַלע האָבן מורא פאַר דער שררה,
האָבן זיי אויך מורא איינער פאַרן צווייטן. דער טעראָר איז, ענד=

ליך, אין די מאַסן־טויט־שטראָפן, וואו אומשולדיקע מענטשן פון קעגנערישן קלאַס, וואָס זיינען צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט און זיצן צופעליק אין די טורמעס, קומען אָפּ פאַר פרעמדע חטאים, פאַר אַ קלאַפּ, וואָס די מאַכט האָט געליטן, פאַר חששים, וואָס די רעגירונג לעבט איבער. דער מאַסן־טעראָר איז אין דער פאַרפאָלגונג פון אומשולדיקע, אין דעם אינסטיטוט פון ע ו ר ב י ם (זאַלאָזשניקעס), אין דער אחריות פון איינעם פאַרן צווייטן; גראד דער סאָציאַליזם האָט דאָך אָבער כסדר געקעמפט קעגן דער אידעע פון ריין פערזענלעכער שולד פון מענטשן — אפילו פון שולדיקן, קעגן דער ריין־אינדיווידועלער דערקלערונג פון שלעכט, פון קראַנקהייט און פאַרברעכן. דער טעראָר איז אין דעם, אַז בכדי זיך צו באַשיצן, ווענדעט די מאַכט אָן ניט דעם אָדער יענעם אַקט, דעם אָדער יענעם מין פון געוואַלט, נאָר אַז צו די אַלע אַקטן און מינים טוט מען זיך אַ נעם אַף איינמאָל אין אַ מאַסן־פאַרנעם, אַז זיי אַלע זיינען רינגען פון איין קייט, וואָס בינדעט פעסט אַרום אַלע פונקציעס פון לעבן פון לאַנד. ס'איז לאו דוקא, אַז די געוואַלט זאָל שוין אָנגעווענדעט ווערן בפועל ממש; מיר האָבן צו טאָן מיטן טעראָר אויך דאַן, בעת דער כח פון געוואַלט הייננט ווי אַ שטענדיקע דרויאונג אין דער לופטן. די באַדרויאונג מיטן טעראָר — דאָס איז די אַטמאָספער, די סטיכייע פון טעראָר; אין אַזאַ אַטמאָספער איז דאָס מענטשלעכע לעבן נאָך מער פאַר'סמ'ט ווי בעת'ן טעראָר אַליין. אויב דער טעראָר איז אַפילו היינט ניטאָ, איז אָבער שטענדיק מעגלעך, ער זאָל זיך איבער'חזר'ן, ס'איז פאַראַן די נשמה־געוואוינהייט צו אים סיי באַ די טעראָריזירטע סי באַ די טעראָריזירנדיקע.

צוויי מחנות מענטשן באַשאַפט דער טעראָר — טעראָריזירנדיקע און טעראָריזירטע. פאַר איינע — איז עס גבורה־זאַך, אַ דרייסקייט פון דער נאַטור, אפשר די ערשטע זעלבסט באַהויפּטונג נאָך דורות פון עבדות; פאַר די אַנדערע — אַ צרה, דערנידערונג, שרעק. צווישן די צוויי מחנות קאָן הערשן נאָר אַ קעגנזייטיקע פאַרביסנקייט, קאָן אָבער קיין רייד ניט זיין פון קיין פאַרשטייעניש. די עקזיסטענץ פון די צוויי מחנות שאַפט אַ נייעם רעזשים, וואָס אין אַ פיל שאַרפערער פאָרם ווי אין די פריערדיקע זעהן מיר אין אים אַלע פסיכישע עלעמענטן פון אומגלייכקייט און אונטערדריקונג. אַף איין צד — מאַכט־שכרות, עזות־פּנים און אומבאַשטראָפטקייט, אָפּלאַכעריי פון מענטשן, קליינלעכע שנאה, ענגע קנאה־געפילן און סעקטאַנטישע חשדים, אַלץ אַ טיפערע און טיפערע פאַראַכטונג צו נידעריקערע, בקיצור — הערשאַפט. אַף'ן אַנדער צד — דערשלאָגנקייט, פחד, שרעק פאַר שטראָף, מאַכטלאָזע שנאה, שטילע פיינדשאַפט, שפלות, שטענדיקע שקרים פאַר די עלטערע, מיט אין וואָרט — עבדות. ס'באַקומען זיך צוויי נייע קלאַסן, וואָס זיינען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט אַ

אומגעהויער־טיפֿן סאָציאַלן און פּסיכאָלאָגישן אָפּגרונט — אַ קלאַס פֿון סאָוועטישע קאָמיסאַרן און זייערע משרתים, און קלאַס פֿון סאָוועטישע „אונטערטאַנער“. וואָס פֿעסטער עס איז דער קוועטש פֿון דעם נייעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס חוצפּה׳דיקער און ברוטאַלער ער מאַכט דורך די פּאַזע פֿון באַרייכערונג — אַלץ שטאַרקער פֿלאַקערן זיך פֿונאַנדער באַם נייעם אונטערדריקטן קלאַס די געפֿילן פֿון שנאה, פֿיינדשאַפֿט און צאָרן קעגן דער מאַכט.

ניט נאָר אין די באַציאונגען צווישן דער מאַכט און אירע אונטערטאַנער געפֿינט זיך אַנ׳אָרט די דאָזיקע זנות פֿון מאַכט; זי וואָרצלט זיך איין אַפֿילו אין די באַציאונגען פֿון די אונטערטאַנער צווישן זיך. עבֿדות, וואָס נעמט גלייכמעסיק אַרום אַלע שיכטן פֿון דעם אונטערדריקטן פֿאָלק, צעשטויבט און צעברעקלט אַפֿילו די דאָזיקע שיכטן אַליין. קעגנזייטיקע פֿאַרדעכטיקייט און פֿאַרזיכטיקייט, דער געראַנגל פֿאַר אַ שמייכעלע צי פֿאַר דער לאַסקע פֿון דער מאַכט, אָפֿענער אָדער שווייַגנדיקער פֿאַרראַט, זעלבסט־באַפֿאַרבונג אין שויך־פֿאַרבן, די אויטיליזירונג פֿון דער נאָענטקייט צו דער מאַכט, די אַריבערטראָגונג פֿון טעראָר אַף אונטן אין אַ מיניאַטור, די קאָפּירונג פֿון די מדינישע געוואַלט־מעשׂים — אָט דאָס אַלץ אַנטוויקלט זיך אַף אַ מוראדיקן אופֿן צווישן די שיכטן, וואָס שפּאַרן זיך באַם כּסא־הכּבֿוד פֿון דער מאַכט, (ד. ה. צווישן אַלע שיכטן!). לגבי דער מאַכט זיינען זיי אַלע קנעכט, צווישן זיך — איז איינער דעם צווייטן — אַ וואָלף. אויבּ פֿון אויבן קומט דער טעראָר איבער די בירגער, איז ער אונטן — צווישן ד יבירגער. מע דאַרף דאָך אָבער געדענקען, אַז באַ אונז, אין דער איבערגאַנג־תּקופֿה איז די פֿלעכע פֿון דעם געוואַלט־רעגירן מצד דער מאַכט פֿיל גרעסער און ברייטע ווי באַ וואָס פֿאַר אַ ניט איז פֿריערדיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג. באַם צאַרישן און בורזשואַזן רעזשים פֿלעגט די געוואַלט מצד דער מאַכט קאָנצענטרירן זיך נאָר אַף באַשטימטע געביטן — אַף פּאָליטישן, רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן, זעלטן ווען — אַפֿן ווירטשאַפֿטלעכן. אָבער די גאַנצע ספֿערע פֿון באַפֿרידיקונג פֿון מענטשלעכע הצטרכותן, פֿון אינדיווידועלן לעבן פֿון מענטשן איז געווען מחוץ לגדר פֿון דער מדינישער באַוואָפֿנטער באַווירקונג. ממילא אָבער האָט זיך איצט די אונטערדריקונג פֿון אויבן און די דערשלאָגענע צעשראָקנקייט פֿון אונטן פֿאַרשפּרייט אַף אַלע לעבנס־ספֿערן פֿון דעם סאָוועטישן אונטערטאַן. ווייל אַלע געביטן פֿון פּערזענלעכן און ווירטשאַפֿטלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן זיינען אַריבער אין די הענט און אונטער דער השגחה פֿון דער מדינה־מאַכט, און די דאָזיקע מאַכט איז געבויט אויסשליסליך אַף טעראָריסטישע יסודות. דאַרף מען דאָך אָבער אויך געדענקען, אַז אומ׳רחמנות׳דיק דריקט אַף די נשמה פֿון די סאָוועטישע בירגער די אָרעמע עקאָנאָמיק, דער דלות, די צעבראָכנקייט פֿון אַלע פּרנסות, פֿון אַלע ווירט-

שאַפּטלעכע פּאָזיציעס. דערפאַר ווערט דער מענטש נאָך מער אָפּהענגיק פון דער אַליך באַהערשנדער מאַכט, נאָך שטאַרקער בּרענגען זיך פונאַנדער געפילן פון אומצוטרוי, צביעות, קאָנקורענץ צווישן די אונטערטעניקע, אַלע גלייך אומ־באַהאָלפענע שיכטן.

אָט דאָס איז אונזער טעראָר; איבער אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָט ער איינגעשטעלט זיין הערשאַפט, אַלע געביטן פון לעבן האָט ער אומגענו־מען. אַליך ווערט געטאָן מיט כח און מיט נאכבלעסיקייט צום מענטשן, און ניט דורך איבערצייגונג אָדער דורך אַ אויסגלייך. דער טעראָר — דאָס איז אַ סאָ־ציאַלע אַנאַרכיע באַ אַ ענגער געשלאָסנקייט פון אַ מאָנאַרכיסטישער מאַכט. זיינע פאָלגן זיינען קלאָר בנוגע צו איטליכן פאָלק. טאָ וואָס זשע קאָן שוין באַטייטן די נייע עבדות, די שרעק פון דער מאַכט, דאָס אָפּנאַרן, איר אָפּגע־זונדערקייט פון אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכן לעבן, די קעגנזייטיקע חשדים, דער פּאַראַט און די טעראָריזירונג פון די בּירגער אין רוסלאַנד, אין אַ לאַנד, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון אַ דורות־לאַנגער עבדות? כמעט אָן שינויים, אומבאַרירט אין דער קורצער תקופה פון דער פרייער רעוואָלוציע איז די דאָזיקע פסיכאָלאָגיע פון אונטערטעניקע מענטשן אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער צאַ־רישער מאַכט — תקופה אין די תקופה פון אונזער טעראָר. און זיינע גיפטיקע זוימען גיסן זיך צונויף מיט די אוראַלטע גיפטיקע זרעים פון פריערדיקע צייטן.

אַזאַ אָ איז דער טעראָר דער טויטשטראָף איז נאָר אַ בלוטיקע באַקרוי־נונג, אַ דונקלער אַפּאָפעאָז פון זיין סיסטעם; טאָג איין טאָג אויס אָבער דערהרגעט ער מיט זיין גאַנצן אָטעם און מיט אַלע אָטאָמען זיינע די נשמה פון פאָלק. טעראָר — דאָס איז אַ טויט־שטראָף אומעטום, אין אַליך, אין אַלע זיינע הינטערגעסלעך.

וואָס זשע איז פאַר אַ חידוש, אַז דאָס האַרץ פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק צעגייט אין וויטאָק און צער און צאָרן? איז דען ניט קלאָר, אַז לויט זיין נאַטור נאָך, אומבאַוואוסטזיניק, אַפילו ניט טאַרכטענדיק וועגן פּרינציפּן פון מאָראַל פילט דער מענטש זיך געדריקט פון אַזאַ מין לעבן? צי איז דען ניט קלאָר אַז אויך זיין באַוואוסטזיין ווערט אָפּגערודערט דורך׳ן ניגוד צווישן דעם מין לעבן און די פשוטע געזעצן פון אמת און גערעכטיקייט, געוויינטליכער הייליקער מענטש־ליכער מאָראַל?

אין דחקות אין עלנט האָט געלעבט דאָס פאָלק. פון דעם אָ מצב פון צרת־רבים זיינען פאַראַן נאָר צווייַ אויסוועגן: אָדער אַן׳אַלגעמיינע סאָלידאַ־רישקייט פון פריינד אָדער אַן׳אַלגעמיינער ווילדער חיישער געשלעג. צו וואָס פאַר אַ אויסוועג פירט דער טעראָר?

V

ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער טעראָר, ווען האָבן זיך אָנגעמערקט זיינע ערשטע אומקלאָרע טריט?

מע דאַרף ענטפערן אַף דער פראַגע מיט דער גאַנצער אויפריכטקייט, און ניט וואַרפן די שולד נאָר אַף איין צד.

קודם כל דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן דעם באַוואוסטזיניקן טעראָר פון אַ פּאַרטיי אָדער פון דער מאַכט, און יענע סטיכייאישע אַנטפּלע־קונגען פון גרימצאָרן פון די מאַסן, מיט וועלכע עס הייבן זיך שטענדיק אָן רעוואָליוציעס. די פאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען דורות־לאַנג געווען פאַרשקלאַפּט און זיינען צולאָזן געוואָרן זעהנדיק כסדר די הפקרות און אכזריות פון דער מאַכט, דריקן אויס אין די דאָזיקע — דאָס רוב ניט געאָרדנעטע — געוואַלט־מעשים זייער היסטאָריש־אָנגעזאַמעלטע שנאה און דעם קנעכטיש־אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט־גייסט. אָט די סטיכייאישע אַקטן פון זעלבסט־געריכט פון פאָלק רופן מיר מיטן נאָמען פּאָליטישער זעלבסטגעריכט, כדי אָפּצוטיילן אים פון זיינע ריין־קרימינעלע פאָרמען, וואָס ווערן אָנגעווענדעט דורך'ן פאָלק ניט קעגן דעם אַראָפּגעוואָרפענעם פּאָליטישן רעזשים און זיינע משרתים, נאָר קעגן די טאָג־טעגלעכע שונאים (גנבים, רויבער, רוצחים). אין דער רוסישער רעוואָליוציע זיינען די אַקטן פון פּאָליטישן זעלבסטגעריכט פאָרגעקומען שוין גלייך באַם אָנהויב, אין פעוורואַל־מאַרץ 1917 — דאָס דאַרף מען זיך דאָ אַף אַנ'אָרט באַמערקן. מעגן עס פאַרשיידענע צבוע'יאקים און פּאָליטיקער מיט אַ קורצן זכרון פאַרשווייגן וויפיל זיי ווילן, שטרעבנדיק צו שטעלן די פעוורואַל־רעוואָליוציע העכער פאַר דער אָקטאָבערער, און שילדערנדיק די ערשטע ווי אַ זאַך פון „דעם גאַנצן פאָלק“, ווי אַפּאַרטיינפּטיקע און דעריבער אַ „בלוטלאָזע“ — פאַקטן זאָגן גראָד דעם היפּוך. אין פאַרגלייך מיטן אָנהייב אָקטאָבער איז דוקא אין דער אָ „פרילינג“־תקופה פאָרגעקומען זייער אַ גרויסע צאָל פון געוואַלט־טאַטן, באַליידיגונגען און הריגות פון דינער פון אַלטן רעזשים. מיר וועלן דערמאָנען ווי מ'האָט גע'הרג'עט גאָרדאָווים, זשאַנדאַרמען, „פאַראַאָנעס“, דער עיקר אין פעטערבורג און מאָסקווע (וואו עס איז געוואָרן אַ מין ספּאָרט — „אַראָפּנעמען“ זיי פון די דעכער), ווי מע האָט זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיט די באַלטישע אָפיצירן.

עס רעדט זיך דאָ וועגן צעשפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד טויזנטער קרבנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן לשם דער טריומפירנדיקער רעוואָליוציע. מע האָט אָבער דאַן געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער אויסברוך איז אומפאַרמיידליך אין אַ לאַנד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם

יאָך פון היסטאָרישער אונטערדריקונג, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל זיגעריש באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט די צו נישט געמאַכטע טרעגער פון דער אונטער־דריקונג. און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די פּובליציסטן פון יענער תּקופה זיינען כּמעט אָן פּאַרוואורפן, אָן שווערער תּוכחה און אָן שרעקעדיגע נבֿיאות דורכגעגאַנגען פאַרביי דער געוואַלט־כוואַליע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטן. אין אַלגעמיין זיינען זיי דאָך מסכּים געווען מיט די געשעענישן, זיי זיינען געווען צופרידן מיט דער פעוראַל־רעוואָלוציע, האָבן זיי געקאָנט מושווה ווערן אויך מיט דעם: זיי האָבן געגעבן אַ באַרעכטיגונג פאַר די „טרויעריקע פאַקטן”! סאָציאַל־פּאָליטישע אינטערעסן אָדער טעאָריעס האָבן דאָ איינגעשלונגען די מאָ־ראַלישע פראַגן.

צום גליק דויערט דער גרויזאַמער פאָלקס־צאָרן ניט לאַנג. אין דעם דריקט זיך אויס זיין אויפריכטיקער, ערלעכער, ניט צוגעטראַכטער, פון דער נשמה קוועלענדער מקור. ווי נאָר די פאָלקס־מאַסן האָבן אין דעם קורצן און שאַרפן אויסברוך פון בירגער־קריג באַפרידיקט זייער צאָרן — און פּראָטעסט־געפילן, האָבן זיי זיך באַרואיקט. גלייך נאָך די ערשטע טעג פון צאָרן — אָדער ריכטיקער צו גלייך מיט זיי — האָבן זיך אַף דער אויבער־פלעכע פון באַפרייטן סאָציאַלן לעבן דורכגעשלאָגן און אויפגעבליט פעדים פון פריינדשאַפט, ליבע, חבֿר׳שאַפט, סאָלידאַרישקייט. דאָס פאָלק — דער זיגער האָט באַטראַכט זיינע געוועזענע שונאים פאַר באַזיגטע און האָט געביטן זיין באַציאונג צו זיי, עס האָט שוין ניט געפילט צו זיי קיין שנאה און פיינדשאַפט, עס האָט געהאַט נאָר פאַראַכטונג אָדער רחמנות.

מע האָט אָבער געדאַרפט אונטערשטיצן און אַנטוויקלען דעם געפיל פון פּאָליטישער מחילה באַ די רוסישע מאַסן. מע האָט אָבער געדאַרפט און געקאָנט אַף ווייטער איינהאַלטן דעם אומפאַרמיידלעכן פּאָליטישן און סאָ־ציאַלן קאַמף פון קלאַסן און פּאַרטייען אין די ראַמען פון אָרגאַניזירטע מאַסן־באַוועגונגען. דאָס האָט מע געקאָנט, ווייל שוין באַם אָנהייב פון דער רעוואָ־לוציע האָבן עקזיסטירט אידייאיש־שטאַרקע און מאָראַליש־איינפלוסרייכע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען. אין אַ לאַנד, וואָס איז פּאָליטיש אַזוי שוואַך דערצויגן ווי רוסלאַנד, וואו די פּאַרטייען האָבן צוזאַמען מיטן פאָלק דורכגעמאַכט די שווערע רדיפות און זיינען געווען זיינע גייסטיקע לויכט־טורעמס — האָבן זיי געזאָלט זיין ניט נאָר פּאָליטישע נאָר אויך מאָראַלישע צוציאונגס־צענטרן. אַף אַזאַ אופן וואָלט די דערציערישע ראָלע פון די פּאַר־טייען געקאָנט אין דער אויסגוס־תּקופה פון דער רעוואָלוציע זיין אומגעהויער־גרויס. די דורך דורות אָנגעזאַמלטע אידעאישע ירושה וואָלט געזאָלט זיך פאַר־אייניקן מיט די גרויסמוטיקע כאַראַקטער־זייטן פון דעם פאָלק, וואָס איז אַזוי

ווייניק באַרירט פון דער ציוויליזאַציע, אַזוי „באַרבאַריש“ אין בעסטן זין פון וואָרט.

ליידער האָבן ניט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן אמת. צווישן די סאָציאַליסטן איז געווען איין פּאַרטיי — די באָלשעוויסטישע — וואָס האָט געהאַט פּונקט אַ היפּוכדיקן קוק: זי האָט איינגעזעהן די פאָרסירונג פון דער רעוואָלוציע אין דער צעפלאַקערונג פון די ליידנשאַפטן פון פאָלק, אין דעם שפּילן אַף זיינע באמת־באַרבאַרישע כאַראַקטער־זייטן. גלייך באַם אָנהויב האָט זי אין אַ גרויסער מאָס פאַרביטן דעם קלאַסן־קאַמף מיט אַ העצע קעגן פערזאָנען און גרופּן. אַנשטאָט פאַרהאַסטע אינסטיטוציעס פלעגט מען פאַר די מאַסן אונטערשטעלן רעאַלע, קאָנקרעטע מענטשן, און אַף זיי פלעגט מען אָנווענדן די סטיכייאישע געפילן פון אומצופרידנהייט און צאָרן. אין דער אַרמיי זיינען עס געווען אָפיצערן, אין דער אינדוסטריע — פאַבריקאַנטן און העכערע באַאַמטע, אין דער פּאָליטיק — טוער פון די בירגערלעכע — און שפּעטער אויך פון אַנדערש דענקענדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אנשטאט בירגערלעכן און פריוואַטן קלאַס פלעגט מען אַלס דירעקטע שונאים פון די אַרבעטענדע מער אָדער ווייניק קונציק אַרויסשטעלן „דעם בורזשוי און דעם פריץ“. די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען ניט געווען בכח צו באַקעמפן ווי געהעריק איז דעם דאָזיקן געפערלעכן דעמאַגאָגישן שפּיל; טיילווייז דערפאַר, וואָס די באָלשעוויקעס פלעגן עס אויסטייטשן ווי מעטאָדן פון פּאַרטייאישן קאַמף און פון דיסקרעדיטירונג, טיילווייז — ווייל אויך זיי האָבן שלעכט פאַרשטאַנען דעם פאַטאַלן באַטייט פון אַזאַ מין טקטיק. אַף אַזאַ אופן איז די מאָדליש־פּאָליטישע אָנשטעקונג פון די אַרבעטענדע געגאַנגען צו זיי פון אויבן אַראָפּ, מצד אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט דערביי אַליין מער און מער פאַרדינט זייער צוטרוי מחמת איר ריכטיקער אַלגעמיינער פּאָליטישער ליניע. די ריכטיקע סאָציאַליסטישע ליניע פון די באָלשעוויקעס איז צונויפגעפאַלן מיט זייער אומזיניקער מאָראַלישער ליניע, און דעריבער ווערט די צווייטע נאָך מער פאַרשטאַרקט; דעם מאָמענט דאַרף מען ניט פאַרגעסן באַם אויספאָרשן די וואָרצלען פון די טעראָריסטישע שטימונגען אין פאָלק. און פונדעסטוועגן — חזר'ן מיר איבער — דאַרף מען אָנערקענען אַז די רוסישע אַרבעטס־מאַסן האָבן ניט געוואוסט פון אַזאַ אָפּטער און פולער פאָרם פון פּאָליטישע זעלבסט־געריכטן, ווי די פראַנצויזישע רעוואָליוציע *). זיי פלעגן זיין נאָר סטיכייאישע

*) דער פראַנצויזישער פאָלקס־אויסרוף: „אַף די לאַטערנע!“ האָט קיין צווייטן נאָך זיך אין רוסלאַנד ניט געפונען. דער גרויזאַמער און שרעקלעכער „צום ווענטל“ איז צוגעקומען ערסט שפּעטער ווי אַ מתנה פון אויבן.

אויסברוכן, קיינמאָל פלעגן זיי אָבער ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דויערנדיקע ליניע פון דער רעוואָלוציע.

אַזוי איז עס געווען פון מאַרץ ביז אָקטאָבער 1917. די אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע האָט געזאָלט זיין נאָך אין אַ גרעסערער מאָס דער פּרוביר־שטיין פון די טעראָריסטישע נייגונגען פון די מאַסן. ווייל אין פעווראַל האָבן זיי זיך גע־קאָנט אַרויסווייזן נאָר בּאַ דעם גרויסן צוזאַמענשטויס פון פאָלק (בכלל) מיט דער ביוראָקראַטיע (מיטן פריץ און קאַפּיטאַליסט — נאָר פאַרבייגייענדיק, אַ דאַנק זייער פערזענלעכער אוניע מיט דער ביוראָקראַטיע); אין אָקטאָבער אָבער האָט זיך דאָס אַרבעטס־פאָלק באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט זיין פיל־אינטי־מערן לאַנגיאַניקן שונא. אָקטאָבער האָט אַראָפּגעשמעטערט פון וועג די היסטאָ־רישע מחיצה צווישן קלאַסן, די היסטאָרישע שיידונג־וואַנט צווישן אָרעמע און רייכע. האָט מען, הייסט עס, זיך געקאָנט ריכטן אַף נאָך אַ גרעסערן אויסגוס פון פאָלקס־צאָרן, בּפרט נאָך אַז ער איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער פּראָפּאַגאַנדע און דער פּאַקטישער פרייהייט פון דער ערשטער תקופה פון דער רעוואָלוציע.

צי איז עס אָבער אַזוי געווען? צי קען מען באמתן זאָגן, אַז פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָן האָבן זיך אַ עפּן געטאָן נייע מקורות פון פאָלקס־ווילדקייט, אָדער ס׳האָבן זיך באַזונדערס פאַרטיפט די אַלטע?

ניט אַזוי לייכט איז צו ענטפערן אַף די פראַגע. ס׳איז פאַראַן אַ רייע פאַקטן, וואָס פון זייער אויסערלעכער זייט וואָלטן זיי, דאַכט זיך, געדאַרפט אונטערשטרייכן דעם דונקלן באַדרויענדיקן פאָן פון דער אמת׳דיקער אַרבעטס־רעוואָלוציע. און פונדעסטוועגן האָב איך ניט מורא צו זאָגן, אַז אויך דעמאָלט זיינען די מאַסן געבליבן טריי זיך אַליין, אַז ווי אַלע מאָל האָבן זיי אויך דאָ זיך נאָר געפונען אין רשות פון זייערע סטיכייאישע, אָפּגעזונדערטע, ספּאָראַדישע אויסברוכן פון אַפעקטן, און האָבן ניט געפירט קיין סיסטעמאַטישע ליניע, וואָס זאָל האָבן אָפּגעשפּיגלט זייער שטענדיקן נשמה־ברען.

אין די ערשטע טריומף־טעג פון די אָקטאָבער־געשעהנישן זיינען ווידער אַמאָל פאָרגעקומען אכזריות׳דיקע און אומזיניקע הריגות פון פינלענדישע און סעוואַסטאָפּאָלער אָפיצערן. עס איז פאָרגעקומען דער זעלבסטגעריכט איבער׳ן גענעראַל דוכאָנין אין דער סטאַווקע. עס איז געווען נאָך אַ פאַל פון אַ אומ־זיניקן זעלבסטגעריכט, וואָס וועגן אים וועלן מיר ריידן ווייטער. עס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן מעשים מיט די אייזנבאַן־באַאַמטע מצד די מיליאָנען פראָנט־סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך שטורמיש געריסן אַהיים. עס איז געווען נאָך עפּעס, וואָס איז פיל ערגער און ביטערער פאַר דער רעוואָלוציע: ס׳האָבן אַ שטאַרקן

שפּרונג געטאָן אין דער הויך די ציפֿערן פֿון קרימינאַלע זעלבסטגעריכטן.

קיין שום באַרעכטיגונג און מחילה קען ניט זיין פֿאַר דער עקלהאַפֿטער דערשיינונג פֿון פֿאָלקס־געריכטן, ווען אַ גרויסער און מאַסיוו־שטאַרקער המון האַלומעט זיך מיט פֿייפֿערײַ, געפֿילדער, ווילדן געלעכטער און פֿלומערשטער רחמנות, דוּוערנדיק, מיט התמדה און הנאה איבער אַ קליינעם פֿאַרברעכער, אַ גנבֿ צו אַ רויבער, איידער ער שלעפּט אים צום טײַך דערטרינקען, ממית'נדיק מיט שטיינער, אָדער צעשיסן מיט צענדליקער קוילן בײַ דער וואַנט. ווי אַ פֿאַרבאָרגענער פֿלאַקער פֿון אַ לויערנדיקער שׂרפֿה האָט זיך אין די דאָזיקע זעלבסטגעריכטן הויך אַ ריס געטאָן אַף אויבן אַ חיישע, אַכזריות'דיק חיישע נשמה, דערמאָנענדיק אָן דער קאָלאָסאַלער אַרבעט פֿון גייסטיקן איבערבוי פֿון מענטשן, וואָס עס שטייט נאָך פֿאַר דער רעוואָליוציע. דערבײַ דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן, אַז די דאָזיקע קרימינאַלע זעלבסטגעריכטן האָבן זיך אָנגעהויבן ניט אין אָקטאָבער, נאָר גלייך בײַם אָנהייב פֿון דער פֿעברואַל־רעוואָליוציע. זייער סיבה איז באַשטאַנען אין דער צעשטערטקייט און דער אומטעטיקייט פֿון אַדמיניסטראַטיוון און הויפּטזעכלעך פֿון געריכטלעכן אַפּאַראַט. ווייניק ווער עס ווייס, מסתמא, אַז פֿון מאַרץ אָן האָבן די געריכטן בכלל, און געריכטן מיט געשוואָרענע (פֿאַר קרימינאַלע פֿאַרברעכער) בפֿרט, אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן ניט געאַרבעט. די טורמעס פֿלעגן אינגאַנצן (בעת די אַמניסטיעס) אָדער טיילווייז ליידיק ווערן. אין דער אַטמאָספֿער פֿון מלחמה און צעפֿאַלונג, פֿון דער אַלץ־וואַקסנדיקער שׂנאה און קאַמף פֿלעגן די באַפֿרייטע אַרעסטירטע ניט געפֿינען פֿאַר זיך קיין צוועקמעסיקע אָנווענדונג. לויט איר עצם־נאַטור האָט די בורזשואַזע תּקופֿה פֿון דער רעוואָליוציע ניט געקאָנט מאָציאַל איינאָרדנען די טויזנטער אַרויסגעלאָזענע פֿון דרך „פֿאַרברעכער“. ממילא האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צונויפֿגיסן מיט אַנ'אַנדערן פֿאָליטיש־פֿאַרשטויסענעם שיכט פֿון דער באַפֿעלקערונג, מיט דער געוועזענער פֿאָליציי און זשאַנדאַרמעריע פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, וואָס איז געווען באַזונדערס פֿאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער לעבנס־שטייגער און זיינע פֿאַרבינדונגען זאָלן צעפֿאַלן אַלץ מער און מער. דער וואוקס פֿון פֿאַרברעכנס, וואָס איז געגאַנגען פֿון די אָ שיכטן און פֿון דער צעפֿאַלעניש פֿון לעבן, און די פּאַסיוויטעט פֿון דער מאַכט, וואָס גייט ווי אַ שאָטן נאָך'ן אָנהויב פֿון איטלעכער רעוואָליוציע — דאָס זיינען די צוויי סיבות, וואָס האָבן געבראַכט די מאַסן צום זעלבסטשוץ דורך זעלבסטגעריכטן. און אַ דאַנק די חיישע זייטן פֿון פֿאָלקס־כאַראַקטער, וואָס האָבן ניט קיין שטיצע פֿון אַ פֿעסטער קולטור, אין דער אָפּהענטיקייט פֿון דער מאַכט — האָבן זיי זיך אַנטוויקלט אין יענע קאָשמאַר־פֿיינלעכע שענדלעכע

מאַסן־דערשיינונג, וואָס האָט זיך ווי אַ פינסטערער שאָטן אַ לייג געטאָן אַף׳ן פאָלקס־אויפשטאַנד. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אַף די אַלע סיבות, האָבן די זעלבסטגעריכטן גענומען אויפהערן, ווי נאָר די צובושעוועטע כוואַליעס פון פאָלקס־פאַרלאָרנקייט האָבן אָנגעהויבן צוריק אַריינגיין אין די ברעגעס; נאָך מער — זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט, זיי זיינען ניט געוואָרן קיין דויערנדיקע דערשיינונג פון לעבן און האָבן נאָר אָפגעשפיגלט איר ציטווייליקע פאַרקריפלונג.

דערפאַר איז נאָך מער, פיל מער געוואַקסן די מאָראַלישע אויפגאַבע פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט: מאַכן אַ סוף דער סטיכייאישער צעלאָזנקייט פון די מאַסן, געבן באַפרידיגונג דעם דורשט נאָך׳ן סדר און נאָך גערעכטיקייט, וואָס ווערט אַזוי אומזיכער, טאַפּענדיק באַפרידיקט. אודאי און אודאי האָט אַף די הויכן פון רעגירונגס־פּאָסטנס, רעדנערישע טריבונעס און אין סאָציאַליסטישע ציימונגען ניט געטאָרט זיין קיין אָרט פאַר׳ן רוף צו נקמה, שנאה און האַס. נאָך לייכטער איז דאָס געוואָרן באַ די פלוצלינג געקומענע ברייטע סאָציאַלע וויטן און דער אמת׳דיקער אַליין־הערשאַפט פון פאָלק צו וועקן אין אים מקורות פון גרויסמוט, רחמנות, קעגנזייטיגע פאַרשטייעניש, וואָס שטיצן און פאַרפעסטיקן אַזוי ממשות׳דיק דעם זיגער.

גראַד דאָס איז אָבער ניט געטאָן געוואָרן. מיטן פריערדיקן ביז־אָקטאָבערדיקן גרימצאָרן האָט זיך וויטער געפירט די העצע קעגן קלאַסן, פּאַרטייען, פערזאָנען. זי האָט נאָך שטאַרקער געבושעוועט אַפּן פאָן פון די זיגערישע פאָלקס־כחות. איך וועל דאָ ניט גיין ברענגען קיין ציטאַטן פון די יעמאָלדיקע באָלשעוויסטישע צייטונגען און רעדעס. איך וועל נאָר דערמאָנען וועגן איין אַקט פון דער סאָציאַליסטישער מאַכט, וואָס האָט אייגנטליך געעפנט אַ ברייטן וועג פאַר די וויטערדיקע זעלבסטגעריכטן, וואָס וועלן שוין אָבער קומען פון אויבן, און ניט פון אונטן. דאָס איז די דערקלערונג, אַז די פּאַרטיי פון די קאַדעטן זיינען אַ פאַרטיי, וואָס שטייט אויסערן געזעץ (דעצעמבער 1917). ריכטיק איז די אויסטייטשונג פון דער ראָל פון די קאַדעטן, אַלס אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע; דער דעקרעט אַליין אָבער טראָגט אין זיך אַ שרעקלעכע, מוראדיקע סכנה. ער האָט באַטייט, אַז ניט קיין רעאַלע פערזאָן ווערט שוין להבא באַשולדיקט אין אַ רעאַלן פאַרברעכן, אַז דאָס פאָלק שטרעבט שוין ניט צו אַנטדעקן זיינע שונאים בכדי זיך צו קענען שיצן פון זיי! דאָס האָט באַטייט, אַז אַ פּאָליטישע אַבסטראַקציע (די ק. ד.־פּאַרטיי) ווערט אַלס גאַנצע געשטעלט אונטער חשד און שנאה, אַז יחידים, וואָס גייען אַריין אין דער אַבסטראַקציע הערן אויף צו עקזיסטירן ווי לעבעדיקע, ליידנדיקע מענטשן, אַז אין אַ שעה פון צאָרן אָדער אָפּהענטיקייט קען דאָס פאָלק אָנווענדן קעגן זיי

זיין שטראָף. מיט דעם אַקט, וואָס שטייט אין שרייענדיקן ניגוד מיטן גייסט
פון סאָציאַליזם, האָט מען דעם פאָלק צום ערשטן מאָל אָנגעזאָגט, אַז בײַ זייערע
היינטיקע אָדער מאָרגענדיקע ליידן איז גאָר ניט כּדאַי פאַר זיי זיך פונאַנדערצו=
קלייבן און זוכן שולדיקע, זיי האָבן ניט וואָס צו זוכן די שולד אין זיך,
אין דער סביבה, ס'איז ניט שייך זיך נעמען פאַרן איבערבוי פון אינסטיטוטן, פאַר
דער סאָציאַלער אַנטוואָפנונג פון די קלאַסן=שונאים; נאָר זיי קענען
פשוט אָפּרעכנען זיך מיטן פאַרטיקן שעיר לעזאָזל, פשוט נוקם זיך זיין, שטראָפן
און אַף אַ קרימינעלן אופן מאַכן אומשעדלעך זייערע שונאים. צום ערשטן מאָל
זיינען מיט דעם דעקרעט געשאַפן געוואָרן די אַלגעמיינע קהל=אחריות און
דער אינסטיטוט פון עורבים, וואָס נעמען היינט ווי אַ אייזערנער רייף אַרום די
גאַנצע רעוואָליוציע. און הגם דער ערשטער חלק פון דעם רעגירונג=טעראָריזם
איז געווענדעט געוואָרן קעגן די קאַדעטן, — אָדער פאַרקערט: גראָד דער=
פאַר — איז דער חוב פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען באַשטאַנען אין דעם,
עס זאָל ניט דערלאָזן ווערן די באַפרייאונג פון אַלע פינסטערע פאָלקס=ליידנ=
שאַפטן, די געזעצלעך=סאַנקציאָנירטע צעלאָזנקייט, וואָס שטאַמט פון אויבן,
פון דער אָנערקענטער און אַווטאָריטעטער מאַכט. די קאַדעטן וואָלטן נאָר
צייטווייליק געווען די איינציקע פאַרטיי אין אַזאַ מצב; שפּעטער וואָלט זייער נאָ=
מען געוואָרן אַ מין שם המפורש; נאָך זיי וואָלט זיך אַוועקגעצויגן אַ גאַנצע קייט
פון די, וואָס טראַכטן אַנדערש, פון די אַרבעטענדע אַליין. — ווער האָט עס
יעמאָלט געקאָנט טאָן? די באָלשעוויקעס? זיי האָבן דאָך אָבער די פאַר=
שאַרפונג פון ליידנשאַפטן באַטראַכט, אַלס אַ געווער פון קלאַסן=קאַמף, זיי האָבן
געזעהן מיט אַלע מעגליכקייטן איר צו אַנטוויקלען. די מענשעוויקעס און רעכטע
ס. ר.? אַף זיי האָט זיך אָבער געשטיצט דער גאַנצער קאַמף קעגן דער סאָ=
ציאַלער רעוואָליוציע. אַלע זייערע מעשים זיינען קאָנקרעט געווען געווענדעט
אַף דעם, אַז די סאָציאַליסטישע מאַכט זאָל אויסגיין, דערנידעריקט ווערן, ווערן
אַראָפּגעוואָרפן, — וואָלט שוין ממילא זייער קריטיק אויסגעוויזן און אויך
געווען ניט=אויפריכטיק, ניט אַווטאָריטעט. נאַטירלעך וואָלט די אויפגאַבע פון
אַזאַ קריטיק געדאַרפט אויסגעפירט ווערן פון דער צווייטער פאַרטיי פון דער
אָקטאָבער=רעוואָליוציע, פון דער פאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די גאַראַנטיע
פון נצחון פון דער רעוואָליוציע ליגט אין דער הומאַניטאַרער דערציאונג פון די
מאַסן, אין זייערע אָרגאַניזירטע אַקציעס, און ניט אין דער צעפלאַקערונג פון
זייערע נידעריקע אינסטינקטן. פאַקטיש איז די אויפגאַבע געלעגן אַף דער
פאַרטיי פון די לינקע סאָציאַליסטן=רעוואָליוציאָנערן, וואָס איז אויך געווען צו
דעם צוגעגרייט דורך איר גאַנצן היסטאָרישן עבר און דורך די מאָראַלישע יסודות
פון איר וועלטאָנשויאונג.

צי האָט זי אויסגעפּילט די היסטאָרישע ראָליע אין יענעם איבערברוך=
מאָמענט פון דער אָקטאָבער=רעוואָליוציע, בעת עס האָבן זיך נאָר אָנגעמערקט
פּאַר איר אַפּן פּרשת=דרכים פון צוויי תקופות די ליניעס פון איר *מעגלעכער*
אַנטוויקלונג, בעת עס זיינען נאָך אָפן געווען ווי פּאַר אַ ניי=געבוירענעם קינד
ביידע וועגן פון דער רעוואָליוציע ?

VI

איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאַרף מען אָפן זאָגן: מיר האָבן *ניט געטאָן*
אַלץ וואָס איז פון אונז אָפּגעהאַנגען. צו אָפּט פלעגן מיר יוצא זיין מיט ריין=
אָפיציעלע קריטיק און מיר פלעגן דערנאָך ניט אָפּגעבן זיך דער איינוואָרצלונג פון
אונזערע אידעען וועגן געוואלט און טעראָר אין באַוואוסטזיין פון די מאַסן.
צו אָפּט פלעגן מיר אָפּקומען מיט אַ שווייג און בלייבן פּאַסיוו לשם פּאָליטישע
אָדער *אַלגעמיין*=רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן (לשם אַ הסכם מיט די באָל=
שעוויקעס אָדער דעם פּרעסטיזש פון דער מאַכט). ווי מיט אַ טאַקטישן דעק=
מאַנטל פלעגן מיר מיטן פּלפּול מכח „די אינטערעסן פון דער רעוואָליוציע“
פאַרדעקן די פראַגן פון רעוואָליוציאָנערער עטיק און איר העכסטער צוועק=
מעסיקייט, וואָס פלעגן אונז באַזונדערס קריינקען. טיילווייז האָבן מיר אויך
אין אונזערע רייען געהאַט מענטשן מיט באָלשעוויסטישע שטימונגען (צום גליק
זיינען זיי דערנאָך אַוועק פון אונז). אמת — מיר זיינען יעמאָלט אַרויסגע=
טרעטן אין דער זיצונג פון צענטראַלן אויספיר=קאָמיטעט מיט אַ פּראָטעסט קעגן
דעם ערשטן דעקרעט וועגן טעראָר, פאַראויסזעהענדיק זיינע פאַרבאַהאַלטענע
פאָלגן, און מיט שטאָלץ קענען מיר זיך נאָך היינט דערמאָנען וועגן יענער
אַרויסטרעטונג. אמת, מיטן מויל פון פאַרביסענעם שונא פון דער בורזשואַזיע
דעם לינק=ס. ר.'ישן פאָלקס=קאָמיסאַר פּראָשיאַן האָבן מיר אַרויסגעזאָגט אונזער
פּראָטעסט, בעת לענין האָט אין אַ אָפענער טעלעגראַם געגעבן זיין הסכמה
צו דיווילדע מעשים פון אַנטאָנאָוון, וואָס האָט מיט זיין אייגענעם ווילן לשם
דעמאַגאָגיע אָדער נקמה געשיקט דעם כאַרקאָווער ראַט פון די קוילן=איינגטימער
פון דרום אַף צוואַנג=אַרבעט אין די קוילן=גרובער. אמת, אין דער רעגירונג גופא
האָבן מיר געפירט אַ עקשנות'דיקן קאַמף פאַר דער פאַרשמעלערונג פון די
רעכט פון דער טשעקאַ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דעם כאַאָטישן מצב פון
די ערשטע הייסע אָקטאָבער=טעג, מיר האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז אירע רעכט
זאָלן רעגולירט ווערן, זי זאָל שטיין אין רשות פון די אָרגאַנען פון יוסטיץ=
קאָמיסאַריאַט, ד. ה. פון געריכט. מיט דעם האָבן מיר זיך אָבער, איינגטליך,
באַגרענעצט. מיר האָבן ניט אַריינגעצויגן די אַרבעטענדע אין אונזערע חלוקי=

דעות, וואָס וואָלטן געקענט האָבן דעם גרעסטן דערציערישן באַטייט פאַרן רעוואָליוציאָנערן באַוואוסטזיין. מיר האָבן אָבער איננאַנצן ניט רעאַגירט אַף אַזעלכע פאַלן, וואו דער טעראָריזם איז נאָך ניט געווען קיין פאַרווירקלעכטער פאַקט, וואו ער פלעגט נאָר ווערן צוגעגרייט,, וואו ס׳פלעגט נאָר גיין די אידייאישע הכנה און דערציאונג אין זיין גייסט, בעת ס׳זיינען ניט ניכר געווען זיינע פרות און מע האָט נאָך געהאַט פאַרזייט זיינע גיפטיקע זוימען. מיר האָבן ניט רעאַגירט אַף די ווילדע ציימונג=העצע קעגן די זעלביקע קאַדעטן, קעגן אַלע אַנדערש=דענקענדיקע, קעגן די פאַרשיידנסטע „קאָנטר=רעוואָליוציאָנערן“, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי אַ געדיכטער שוים אַף די גלויבנדיקע און האָרכנדיקע מאַסן. מיר האָבן ניט רעאַגירט ניט אין דעם אינווייניגסטן גדר פון דער רעגירונג=מאַכט, ניט דורך אונזער פרעסע און מיטינגען. מיר האָבן ניט רעאַגירט אַף די סיסטעמאַטישע אויפמונטערונגען צום בירגער=קריג, באַ וועלכע ס׳פלעגט צום מסירות=נפש׳דיקן אידעאַליזם פון די פעטערבורגער אַרבעטער און קראָנשטאַטער מאַטראָסן און צום ריין=האַרציקן ענטוזיאַזם פון די אַרבעטענדע כּסדר און עקשנות׳דיק צוקומען דער קאָפ=טעראָריזם און די דאָקטרינערישע אכזריות פון די אינטעליגענטן. גרויזאַמע סימפּטאָמען פלעגן אָבער אַלץ וואַקסן און וואַקסן. צום סוף יאָר האָט עפּעס אַ צופעליקער קויל אָנגערירט (אָדער אַפילו ניט אָנגערירט אויך) דעם אַווטאָמאָביל פון לענינען, וואָס איז געפאָרן פון אַ פאַרזאַמלונג. די באָלשעוויסטישע פרעסע האָט אַף דעם געענטפערט מיט אַ אויסברוך פון גרימצאָרן און פון די שרעקלעכסטע באַדרויאונגען, און דער האַרניזאָן פון דער פעטראָפאַווולער פעסטונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָליוציע, אין וועלכער עס זאָגט צו „סעפּטעמבערער הריגות“, אויב מע וועט באַפאַלן „די געליבטע פירער פון פּראָלעטאַריאַט“ *). אמת, גלייך נאָכדעם האָבן לענין און דער פאָלקס=קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ אַוועקגעשיקט אין דעם צו היציקן האַרניזאָן אַ דערקלערונג, אין וועלכער ס׳ווערט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אָפּגעשאַצט זיין איבערגעבנקייט, און צוגלייך מיט דעם פאָרגעשלאָגן, ער זאָל ניט נעמען אַף זיך קיין פונקציעס פון געריכט, וואָס געהערן אים ניט. ווי ווייניק דאָס איז אָבער געווען! און ווי מע האָט עס געדאַרפט תמיד ריכטן זיך אַף רעצידיוון פון דער „סעפּטעמבער=שטימונג“!

דער רעצידיוו האָט זיך אַרויסגעוויזן דעם 6=טן יאַנוואַר 1918, בעת אייניקע מאַטראָסן האָבן אַף אַ נידערטרעכטיקן אופן גע׳הרג׳עט קאָקאָשקינען און שינ=

*) דער לייענער וועט מן הסתם באַמערקן, אַז די אָנצוהערעניש וועגן דעם פאַריזער מוסטער פון טעראָר האָט ניט געקאָנט שטאַמען פון די ס אָ ל ד אַ ט ן אַ ל יי ן. אויך דאָ פילט זיך קלאָר די האַנט פון דעם „פראַוודאַ“=מענטשן, — און ווי ענליך איז דער גאַנצער נוסח צו די אַלטע ווערטער וועגן דעם „באַקרוינטן פירער פון פאָלק!“

גאַרעוון, וואָס זיינען אומבאַוואָפנט און קראַנק געלעגן אין דעם טורמע=שפּיטאָל. תחילת האָט דער דאָזיקער אומערהערטער געמיינער קלאַפּ איבער דער רעוואָליוציע, איבער איר מאָראַלישן פּרצוף אַרויסגערופן באַ אַלע אָנגעזעהנע פּאָליטישע גרופּן — ובתוכם באַ די באָלשעוויקעס — די גרעסטע אויפרעגונג, דעם וואונש זיך אָפּצוגרענצן פון אים. די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָט זיך באַמיט אָפּצוזונדערן זיך פון דעם, לעניַן און זיינע מקורבים האָבן מן הסתם אויפריכטיק געמאַכט די ערשטע טריט אַף צו געפינען די פאַרברעכער. דער דאָזיקער אַקט איז אָבער געווען אַ נאַטירלעכער, דער נאַטירליכסטער פּועל=יוצא פון דער גאַנצער פריערדיקער פּאָליטישער קאַמפּאַניע, פון דעם עצם דעקרעט וועגן די קאַדעטן. געשאָסן האָבן מאַטראָסן און רויט=אַרמעער, זייער געווער האָבן אָבער אָנגעלאָדן פּאַרטייאישע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן. גראָד דעריבער איז אָבער די באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די הריגות, אין תוך געווען אומפּרוכטבאַר, פּיקטיוו, געקינצלט. זי איז אַרויסגערופן געוואָרן אין אַ פיל גרעסערער מאָס דורך טאַקטישע אויסרעכנונגען מכח מלוכה=אָרדנונג, איידער דורך דער וויטזיכטיקער אָפּשאַצונג פון טעראָריזם און דורך׳ן פּראָטעסט קעגן אים. ממילא איז זי דעריבער גיך בטל געוואָרן. באַ די ערשטע ענערגישע שריט האָט די אויספאָרשונג=קאָמיסיע אין משך פון איין טאָג באַוויזן אויפצודעקן אין דער מיליאָניקער שטאָט וואָס האָט געקאָכט ווי אַ קעסל אַלע פּרטים און אַלע אָנטיילנעמער פון דעם פאַרברעכן. אַזוי ווי סימבאָליזירנדיק די איינשטימיקייט פון ברענענדיקן פּראָטעסט פון די אַרבעטנדע האָבן אין דעם אָנהייב פון דער אויספאָרשונג זיך באַטייליקט אַרבעטער פון אַלע ראַיאָנען פון שטאָט; ס׳האָבן זיך אין איר באַטייליקט מיטן תיכפ׳דיקן הסכם פון דער מאַכט אויך פאַרטרעטער פון די ליבעראַלע קרייזן, — לשם ברייטער עפנטליכקייט און גאַראַנטיע, מע זאָל קיינעם ניט נושא פנים זיין. נאָך דעם ערשטן אָנהייב אָבער איז דער אימפּעט גיך אָפּגעקילט געוואָרן. די „טאַקטיק" האָט אַרויסגערופן די היציקייט פון דער ערשטער רגע, די „טאַקטיק" האָט דערנאָך אויך אָפּגעקילט דעם ערשטן דראַנג. די אויספאָרשונג האָט נאָר פעסטגעשטעלט די פּערזאָנען און נעמען פון די אָנטיילנעמער, און איז דערגאַנגען, וואו זיי געפינען זיך. דער יוסטיץ=קאָמיסאַריאַט האָט זיך געגרייט צו באַהאַנדלען דעם פּראָצעס אין רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל; ס׳איז אים ניט געגאַנגען אין דער אינדיווידועלער באַשטראָפונג פון די אָדער יענע מערדער, וואָס זיינען זיך טועה געווען; ער האָט געהאַט בדעה אויפצוקלערן בפומבי פאַר אַלע אַרבעטענדע אַף אַ ברייטן אופן די סאָציאַלע און פּאָליטישע סביבה פון דער געשעהניש; די פּערזענלעכע נשמה=מ אָ ט י ו ו ן , וואָס האָבן אַ שטופּ געטאָן אַף דעם זעלבסטגעריכט איינצעלנע מאַטראָסן, האָבן געדאַרפט אַוועקגעשטעלט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט די

פאָליטישע און סאָציאַל־פסיכאָלאָגישע ס י ב ו ת פון דער זאַך, מיט דער גאַנצער געשאַפענער און באַדויערנדיק־וואַקסנדיקער אַטמאָספער; ניט אין שטראָף און אָפּרעכנונג האָבן געזאָלט באַשטיין די צילן פון פּראָצעס איבער שינגאַרעוו׳ס און קאָקאָשקין׳ס מערדער; דער פּראָצעס האָט געזאָלט עפענען די אויגן פון די אַרבעטענדע און ווייזן זיי דעם מאָראַלישן אָפּגרונט, צו וועלכן עס האָט זיי געטראָגן דער שטראָם פון דעם וואַקסנדיקן טעראָריזם, ער האָט געזאָלט מיטהעלפן דער לייטערונג פון גייסט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס פאַרטיידיקט די רעכט פון אירע קלאַסן־קעגנער — וואָס פאַר אַ גרויסער ביישפּיל פון מענטשלעכקייט דאָס וואָלט געווען!

דער פּראָצעס איז אָבער נ י ט פאָרגעקומען, קעגן דעם ווילן פון אונזער פאַרטיי. ער איז ניט פאָרגעקומען דערפאַר, וואָס די אַלע ארויסגעזאָגטע געדאַנקען זיינען אפשר געשטאַנען אין אַ ניגוד צו דער הערשנדיקער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע, ווייל ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פּראָטעסטן קעגן דעם פּראָצעס מצד אייניקע קאָמאַנדעס מאַטראָסן, וואָס מע האָט זיך צו זיי באַזונדערס גע׳חנפ׳עט יעמאָלט, ווייל די ראַטן־מאַכט האָט ניט פאַרמאָגט קיין מוט אָדער קיין רצון אַרויסצופאָדערן באַ די קאָמאַנדעס, זיי זאָלן אַרויסגעבן די רוצחים. קיין גרויס געשעהניש האָבן די באָלשעוויקעס ניט געוואָלט מאַכן פון דעם „ענין“. און דאָ קומט אונזער צווייטע שולד — ווייל אויך מ י ר, וואָס זיינען געווען אַזוי טיף־געקריינקט פון דער רציחה, האָבן ניט געקאָנט פונדעסטוועגן אַריינטרעטן איבער דעם „ענין“ אין אַ קאָנפליקט מיט די באָלשעוויקעס. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פון דער זיך אַנטוויקלענדער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע איז וויכטיקער פון דעם דאָזיקן טרויעריקן פאַל אין דער רעוואָלוציע. מיר האָבן דאַן ניט פאַרשטאַנען, אז דער פאַל — איז איינער פון די טאָרמאַזן, וואָס צעברעכן אין שורש אַזעלכע סיסטעמען. מיר האָבן דאַן ניט פאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם עצם פּרינציפּ, וועגן דער נשמה פון דער רעוואָלוציע. מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז אויב ס׳איז געווען שרעקלעך־אחריות׳דיק פונאַנדערצוּוויקלען פאַר׳ן אַרבעטס־פאָלק דעם דאָזיקן פּראָצעס, פאַרכאַפּן די קראַנקייט פון דער רעוואָלוציע באַם סאַמע אָנהייב אירן, — איז נאָך פיל מאָל מער אחריות׳דיק געווען די זאַך לגמרי נ י ט באַ ט ר אַ כ ט ן, לאָזן די רציחה אומבאַשטראָפט, ניט באַהאַנדלט, ניט פאַראורטיילט. ווייל ס׳איז דאָך קלאָר, אַז קוים איז דער דאָזיקער זעלבסטגעריכט ניט פאַראורטיילט געוואָרן מצד דער ראַטן־מאַכט, — דעם העכסטן פּאָליטישן און מאָראַלישן כח צו יענער צייט — קוים איז ער ניט געשטעלט געוואָרן פאַרן עפנטלעכן משפּט פון פאָלק —, האָט ער שוין דורך דעם אַליין באַקומען אומדירעקט איר ה ס כ מ ה! און אין דעם צעטומלטן,

צערייצטן, איבערפולטן מיט מיליאָנען איינדרוקן באַוואוסטזיין פון די מאַסן איז געבליבן אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם אַקט, ווי וועגן אַ געזעצלעכן, דערלאָזבאַרן, באַרעכטיקטן. דער אַקט איז דאָך אָבער פאָרגעקומען אין דעם מאָמענט, ווען ס׳איז צעטריבן געוואָרן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אין אַ מאָמענט, וואָס האָט מיט זיך געעפנט אַ אומקלאָרע אפשר אָבער אַ אַנטשיידנדיקע תקופה פון סאָציאַלן קאַמף, פון פאָליטישע צוזאַמענשטויסן, פון שטורמישע ליידנשאַפטן! ער האָט דאָך געקאָנט אַרויסרופן אַ גאַנצע כוואַליע פון אַזעלכע זעלבסטגעריכטן אין די ברייטע וויטן פון דער רוסישער פראָווינץ, וואָס וויל נאָכמאַכן דעם פאָראויסגייענדיקן פעטערבורג!

יאָ, מיר זיינען ניט בכח געווען אַריינצומישן זיך יעמאָלט אין דער זאַך אַף אַ אַנטשיידנדיקן אופן. צום גליק האָט דער דאָזיקער זעלבסטגעריכט ניט געדינט אַלס סיגנאַל פאַר דער פראָווינץ — און דאָס איז אגב נאָך אַ באַווייז, אַז דאָס פאָלק איז ניט פייאיק אַף דויערנדיקע אכזריות׳דיקע און חיישע מעשים. דער אַקט איז געבליבן ווי אַ מאוימדיקער פלאַקער פון אַ קורצן נאַכטליכן בליץ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאָלק איז ווייניקער מסוגל צו שלעכטס, ווי די סאָציאַליסטישע מאַכט — צו מאָראַלישע פשרות. אָבער די שפורן פון דער געשעהניש, די מאָראַלישע פלעקן זיינע, וואָס זיינען ניט אַראָפּגעוואַשן געוואָרן דורך דער מאַכט, זיינען, פאַרשטייט זיך, דערגאַנגען מיט אומזיכטבאַרע וועגן צום פאָלקס־זכרון, און זיינען אין אים געבליבן. שפעטער, באַ אַ גינסטיקער סביבה וועלן זיך אַרויסווייזן די רעזולטאַטן פון דעם.

פון נסיון צו נסיון איז געגאַנגען די רעוואָליוציע. אין מיטן פעוראַל 1918 האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענזיווע פון דייטשן חיל קעגן ראַטן־רוסלאַנד. די רעגירונג האָט דאַן דערקלערט „דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד אין סכנה״, דער מאַניפעסט פון 21־טן פעוראַל, איז געווען אַ רוף צו אַלע אַרבעטנדע פון דער רעפובליק, ער האָט זיי געוועקט צום אַקטיוון קאַמף קעגן אימפעריאַליזם, צו אַ געהעריקן קבלת־פנים פון די ערשטע שלוחים פון דעם וועלט־שונא. צום ערשטן מאָל נאָך׳ן דויערנדיקן און בכבוד׳יקן דיפּלאָמאַטישן קאַמף אין ברעסט־ליטאָווסק איז די סאָוועט־רעפובליק דורך דעם מאַניפעסט גערופן געוואָרן צום פיזישן, באַוואָפנטן, מסירת־נפש׳דיקן געראַנגל. די קראַפט פון דעם געראַנגל און פון דעם אַקט איז באַשטאַנען אין זייער היסטאָרישער גרויסקייט, אין זייער גרויסער מאָראַלישער באַרעכטיגונג, אין דעם פאַרבאַהאַלטענעם ענטוזיאַזם, וואָס דער מאַניפעסט האָט געזאָלט דערוועקן אין די צורודערטע און אויפגערעגטע מאַסן. דער מאַניפעסט, וואָס האָט געשטרעבט איבערצו׳חזר׳ן די טעג פון פראַנצויזישן 93־טן יאָר, האָט געזאָלט אַפּעלירן נאָר צו די בעסטע און דערהויבנסטע געפילן פון אַרבעטס־פאָלק, נאָר צו די איידעלסטע סאָציאַל־אינטימע

סטרונעס פון זיין נשמה *). ווייל דער מאַניפעסט האָט דאָך גערופן צו
קרבנות, צו העלדישקייט, צו די פאַרפעסטיקונג פון די גרויסע אָקטאָבער=טעג
מיט טויט אָדער לעבן... און אין דער זעלבער צייט, אין דעם זעלבן דאָקומענט
האָבן די באָלשעוויקעס אַריינגעוואָרפן גיפטיקע ווערטער וועגן טויט, וועגן מיתות,
צ ע ש י ס ו נ ג ע ן! דער מאַניפעסט האָט דעקלאַרירט דעם טויט=שטראָף אין
דעם ברייטסטן פאַרנעם. „פיינדלעכע אַגענטן, ספעקולאַנטן, רויבער, כוליגאַנעס,
קאָנטר=רעוואָליוציאָנערע אַגיטאַטאָרן, דייטשע שפּיאָנעם ווערן אַף אַנ׳אָרט דער=
שאָסן *).

און מער גאָרנישט. קיינע שום אינסטרוקציעס, ראַמען, קיין שום השגחה
איבער דער אָנווענדונג פון דעם אָ שטראָף. דער איינציקער טעראָריסטישער
„פרוש“ צו דעם אַקט איז באַשטאַנען אין די צאָלרייכע אַרשיניקע נקמה=אויפ=
רופן, מיט וועלכע עס איז פול געווען די באָלשעוויסטישע פרעסע. די איינציקע
פראַקטישע „אַנטוויקלונג“ פון דער אויסערגעוויינלעך אחריות׳דיקער פאַראָרד=
נונג איז באַשטאַנען אין דער צירקולאַרישער טעלעגראַם פון אַלרוסישער טשעקאַ,
וואָס האָט מיט אַ היסטערישן טאָן און מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן גערופן צו
אַ ברייטער אָנווענדונג פון טויט. אַף אַזאַ אופן איז אַף אַ אומוועג, דרך=אגב,
אַלס אַ צ ו ג אָ ב צום מאַניפעסט וועגן פאָטערלאַנד=שוץ איינגעשטעלט געוואָרן
דער האַרבסטער שטראָף=מיטל, וואָס שטייט אין שאַרפסטן ניגוד צו די דורות=
לאַנגע טראַדיציעס פון קאַמף פון סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון דער גרויסער
וועלט און בפרט פון רוסלאַנד, וואָס גייט זיך שאַרף פונאַנדער מיטן פייערלעכן
דעקרעט פון ערשטן טאָג פון דער אָקטאָבער=רעוואָליוציע (וועגן אָפּשאַפונג פון
טויט=שטראָף, וואָס איז אין קערענסקי׳ס צייטן איינגעפירט געוואָרן פאַר סאָלדאַטן
אַפן פראָנט). און אַלעמען, כמעט אַלעמען אָן אויסנאַם האָט מען אָנגע=
טרויט די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן שטראָף=מיטל, וואָס עס איז אים
באַשערט געווען צו ווערן מיט דער צייט באמת׳ן די גרעסטע מפלה פון דער
רעוואָליוציע. עס זיינען ב אַ ר ע כ ט י ק ט געוואָרן און לויט אַ סיגנאַל פון
א ו י ב ן אַרויסגעלאָזן אַף דער פרייער לופט אַלע אינסטינקטן פון שלעכטס און
צעלאָזנקייט, וואָס דרעמלען אין דעם מאַסן=מענטשן, וואָס זיינען נאָך ניט גע=

*) מיר ווילן דאָ ניט באַרירן די פראַגע, אַף ווי ווייט די ב אָ ל ש ע ו ו י=
קע ס האָבן יעמאָלט אויפריכטיק געשטרעבט צו אַ אמת׳דיקן קאַמף קעגן אימ=
פעריאַליזם.

*) II. —22. „זנאַמיאַ טרודאַ“. אין זעלבן מאַניפעסט איז פאַראַן אויך
פאָלגנדיקער פונקט: „אין די באַטאַליאָנעס (אַף גראָבן טראַנשעייען) מוזן איינ=
געשלאָסן ווערן אַלע אַרבעטס פייאיקע מענער און פרויען פון בורזשואַזן קלאַס
אונטער דער השגחה פון רויט=גוואַרדייער; ד י   ו ו אָ ס   ל אָ ז ן   ז י ך   נ י ט —
ז אָ ל ן   ד ע ר ש אָ ס ן   ו ו ע ר ן!“

לייטערט דורך דער קולטור, ניט געריינקט דורך דער מאָראַלישער התרוממות פון דער רעוואָלוציע, און וואָס ביז אַהער פלעגן זיי נאָר זעלטן ווען אַנטפּלעקן זיך אין אַ פאָרם פון אַ זעלבסטגעריכט. דער צופּעליקער, ספּאָראַדישער און פאַרברעכערישער זעלבסטגעריכט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעצלעכער רעוואָלוציאָנערער סיסטעם. דער מאַניפעסט וועגן שוץ פון סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד איז מגולגל געוואָרן צו אַ מאַניפעסט וועגן צעשיסונגען. די זעלבע מעשים, וואָס פלעגן אָפּגעטאָן ווערן אין אַ מצב פון אַלגעמיינע שכרות און וואָס נאָך זיי פלעגן די מאַסן האָבן חרטה, רחמנות, געפילן פון זינד, ווערן איצט דערקלערט פאַר דערלאָזבאַרע, נויטיקע, און נוצלעכע. אַ דאַנק דעם רצון פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט איז געשאַפן געוואָרן אַ שיכט פון רעוואָלוציאָנערע מערדער, וואָס ס'איז זיי באַשערט געווען צו ווערן שפּעטער די מערדער פון דער רעוואָלוציע.

מיט דער פּראָקלאַמירונג פון טויט איז שוין אין שורש אונטערגעריסן געוואָרן די ראָליע פון איינעם פון די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע אַנשטאַלטן — די טריבונאַלן — און אַ צווייטער אַנשטאַלט, די טשעקאַ, האָט באַקומען די גרעסטע, ממש אומבאַגרענצטע פולמאַכטן און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווייל קיין איין וואָרט וועגן טויט-שטראָף און איר אָנווענדונג איז ניט געווען אין דעם סטאַטוט פון טריבונאַל, וואָס איז געווען באַרופן צו אַנטוויקלען אין עפנטלעכע געריכט-זיצונגען דעם רעוואָלוציאָנערן רעכטס-באַוואוסטזיין פון די אַרבעטענדע. נאַטירלעך איז די ראָלע פון רעוואָלוציאָנערן הענקער אויסגעפאַלן אַף דער טשעקאַ, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס אָרגאַן פון רעוואָלוציאָנערער נקמה, פון פיזישער פאַרטיליגונג פון די שונאים. נאַטירלעך איז, אַז אַ אָרגאַן, וואָס איז באַוואָפנט מיט אַזאַ קאַמף-מיטל ווי דאָס רעכט אַף לעבן און טויט פון יעדן בירגער, און וואָס געברויכט דעם דאָזיקן מיטל אָן אַ געזעצלעכן קאָנטראָל בסודי-סודות פון אַ פאַרבאַהאַלטענער קאָמיסיע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן לויט זיין השפּעה אין דעם וויכטיקסטן כח פון לאַנד. דאָס געריכט וואָלט אין דער אַרבעטס-געזעלשאַפט פון דער איבערגאַנג-צייט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פון דעם געזעלשאַפטלעך-מאָראַלישן באַוואוסטזיין, עס האָט געזאָלט דערציען דאָס פאָלק; מע האָט אָבער ניט גע'משפט — מע האָט זיך נאָר אָפּגערעכנט, מע האָט געשטרעבט צו אַ פיזישער פאַרניכטונג און צו אַ מעכאַנישן „גזורו“ פון די קעגנער. דורכ'ן אַקט וועגן צעשיסונגען איז די פּאָליטיק אומדירעקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליציי און די פּאָליצייאישע אָרגאַנען זיינען געשטעלט געוואָרן העכער פון די פּאָליטישע. אין יענעם טאָג, ווען די טשעקאַ האָט באַקומען דאָס רעכט פון לעבן און טויט, האָט אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן — הגם אומבאַמערקבאַר פאַר'ן

אויג — די אומאָפּהענגיקייט פון מיינונגען און פון דעם יחיד אין דער רעוואָליוציע.

צי האָבּן מיר אין יענעם מאָמענט געטאָן אַלץ, וואָס מיר זיינען בּכּח געווען, בּכּדי צו בּאַזייטיקן די סכּנה, וואָס איז געהאָנגען איבּער דער רעוואָליוציע? צי האָבּן מיר פאַרשטאַנען, אַז אין דער פראַגע האָט געזאָלט זיין אַ קאַמף צווישן צוויי פּרינציפּן פון אָנפירונג מיט דער רעוואָליוציע און אַז פון זיינע רעזולטאַטן איז אָפּגעהאַנגען, מיט וועלכן פון די צוויי וועגן זאָל די רעוואָליוציע גיין ווייטער — מיט דעם דויערנדיק־אומרואיקער אָבּער ליכטיקער אַנטוויקלונג, אָדער בּאַרג אַראָפּ צום אויסגעטראָטענעם וועג פון בּלוטיקע פּעאָדאַלע, בּורזשואַזע און נאַציאָנאַלע מאַסן־שחיטות? צי האָבּן מיר דאַן פאַרשטאַנען, אַז אין אונזער דור האָט די געשיכטע ווידער אַמאָל געשטעלט די אַלטע קשיא וועגן דעם גערעכטיקן קרבּנות־שווערד אָדער דער מדיניש־רעגלאַמענטירטער גיליאָטין? צי האָבּן מיר פאַרשטאַנען, אַז אין בּרען פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע איז די דאָזיקע פראַגע פון געוויסן דערהויבּן געוואָרן צו דער מדרגה פון דער וויכטיקסטער פראַגע?

און דאָ קומט אונזער דריטער חטא פאַר דער רעוואָליוציע — מיר האָבּן ניט געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבּן געקאָנט. איינשטימיק און מיט פאַרבּיטערונג האָבּן מיר אַרויסגעזאָגט אין אונזערע פאַראַנטוואָרטלעכע קרייזן אונזער בּאַציאונג צו דעם פאַרהאַסטן, פון׳סניי אויסגעגראָבּענעם געווער פון בּאַרבּאַרישקייט. אין צענטר פון דער מאַכט — אין דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן — האָבּן מיר ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דעם טויט־פּונקט פון מאַניפעסט. מיר האָבּן געפאָדערט ער זאָל ווערן איבּערגעקוקט. אַלע ווי איינער האָבּן מיר אָפּגעוואָרפן די פּראָעקטן פון די רחמנות׳דיקע בּאָלשעוויקעס (לונאַטשאַרסקי, למשל), וואָס האָבּן זיך בּאַמיט איינצושטעלן אַ „השגחה“ איבּערן טויט, אַ בד׳עבד׳יקן קאָנטראָל איבּער די טויט־אורטיילן, דאָס רעכט אָפּצושאַפן זיי בּאַ געוויסע פאַלן. אַף קיינע שום פּשרות זיינען מיר אין דער פראַגע ניט געגאַנגען, מיר זיינען געווען איינגאַנצן קעגן איר. נאָכדעם אָבּער, ווי אונזערע פאָרשלאָגן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער מערהייט שטימען, האָבּן מיר מער קיין זאַך ניט געטאָן. מיר האָבּן ניט אויפגעהויבּן קיין קאַמפּאַניע אין אונזערע צייטונגען און אַף מיטינגען, מיר האָבּן ניט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבּעטענדע צו דער אָ פראַגע פון זייער בּאַוואוסטזיין, פון זייער געוויסן. מיר זיינען געווען יעמאָלט פאַרטאָן מיט פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, מיר האָבּן אָנגעהויבּן דעם טיף־דראַמאַטישן קאַמף קעגן קאַפּיטולאַציעס, קעגן קומענדיקן בּרעסט־ליטאָווסקער „שלום“. בּאַשיצנדיק דעם גייסט, דעם אינהאַלט און דעם פּאַטאָס פון מאַניפעסט, זיין קאַמף־רוף קעגן דער

אַלטער וועלט פון געוואַלט, — האָבן מיר אין דער זעלבער צייט געעפנט אין דער רעוואָליוציע דעם צוטריט פאַר אַנ'אַנדער געוואַלט, פאַר אַ אינערלעכער. מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי דורך די תחילת-שמאָלע טויערן איז צו אונז צוריקגעקומען די זעלבע אַלטע וועלט מיט אַלע אירע געפילן און מיט איר גאַנצן געווער.

VII

אַזוי אַרום, איז דער טויט-שטראָף ווידער געקומען אין אונזער שכונה.

כ'האָב שוין געזאָגט, אַז דער טעראָריזם, אַלס סיסטעם, וואָס גייט פון אויבן, אַלס אָרגאַניזירטע, שטענדיקע און געזעצמעסיקע אויפפירונג, פאַרדאַרבט שטענדיק די מאַסן, אומאָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער אָרדנונג און פון סאָציאַלן אָדער היסטאָרישן עבר פון פאָלק. איטלעכע סאָציאַלע דערשיינונג קומט דאָך אָבער פאָר אין אַ באַשטימטע פאָלקס-סביבה, אין באַשטימטע היסטאָרישע לעבנס-תנאים פון דעם פאָלק. און ס'פאַרשטייט זיך, אַז אויך דער כאַראַקטער פון פאָלק איז אַף אַ באַזונדער אופן משפיע דעם כאַראַקטער, די פאָרמען, די אַנטוויקלונג-שטופע פון רעוואָליוציאָנערן טעראָר אין דעם אָדער יענעם לאַנד. טאָ לאָמיר אַ קלער טאָן וועגן אייניקע כאַראַקטער-שטריכן פון רוסישן פאָלק, איידער מיר וועלן אַריבער צו דער שילדערונג פון די פאָרמען פון רוסישן טעראָר. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט דאָ איז דער אָרט צו גרופירן אַלע מיינונגען פון ערנסטע באַאָבאַכטער און צו מאַכן פון זיי וואָס פאַר אַ ניט איז דורכשניט-מסכנות. מיר וועלן זיך באַגרעניצן מיט דער מיינונג פון איינעם פון די איצטיקע רוסישע שריפטשטעלער, וואָס איז אַליין אַרויסגעקומען פון די טיפענישן פון פאָלקס-לעבן, וואָס האָט נאָענט און שאַרף איבערגעלעבט אונזערע ביידע רעוואָליוציעס (פון 1905 און 1917 יאָר) און איז אַצינד צוגעשטאַנען צו דער רעגירנדיקער פאַרטיי. אָט וואָס מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון 1917 יאָר: „אַ סך אַרבעט האָט נאָך דאָס רוסישע פאָלק דורכצומאַכן, בכדי צו באַקומען דעם באַוואוסטזיין פון זיין פערזענלעכקייט, פון זיין מענטשלעכן כבוד-געפיל; דאָס דאָזיקע פאָלק וועט דאַרפן געלייטערט און גערייניקט ווערן פון דער עבדות, וואָס עס האָט אין אים דערצויגן דאָס לאַנגזאַמע פייער פון דער קולטור“ *). „דאָס רוסישע פאָלק איז פּאַסיוו, ער ווערט אָבער אכזריות'דיק, בעת ער קומט צו דער מאַכט; (דער קורסיוו איז אומעטום מיינער). זיין באַרימטע נשמה-גוטסקייט איז ניט מער ווי אַ קאַראַמאַזאָוו'שע סענטימענטאַליטעט. ער איז שרעקלעך

*) Несовременные мысли 1918.

ניט־אויפנאַמפייהיק פאַר אידעען פון הומאַניזם און קולטור". „מיר, רוסן, זיינען אַנאַרכיש לויט דער נאַטור, מיר זיינען אַ אכזריות'דיקע חיה„ אין אונזערע אָדערן רינט נאָך פינסטערע און בייזע קנעכטישע בלוט — די ירושה פון טאָטערישן און פעאָדאַלן יאָך... דאָס זינדיקסטע און שמוציקסטע פאָלק אין דער וועלט, אומגעלומפּערט אין גוטס און שלעכטס, צעשכור'ט מיט בראַנפן, צעקריפּלט מיטן ציניזם פון געוואַלט, מיאוס־אכזריות'דיק און אין דער זעלבער צייט אומפאַרשטענדלעך־גוטמיטיק; און נאָך דעם אַלעמען פאָרט אַ טאַלענטירט פאָלק... „אַ דאַנק די תנאים פון זיין היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז דאָס רוסיש פאָלק — אַ גרויסער אָפּגעלאָזענער, צעקראָכענער גוף, וואָס האָט קיין שום געשמאַק ניט פאַר מלוכה־בויאונג, וואָס כמעט קיין שום ווירקונג האָבן אַף אים ניט אידייען, וועלכע זיינען מסוגל צו פאַרפיינערן די ווילנס־אַקטן", „מיט אַ באַזונדער חשד און אומצוטרוי באַצי איך זיך צום רוסישן מענטשן, בעת ער איז באַ דער מאַכט; דער נעכטיקער עבד ווערט דער צעלאָזנסטער דעספּאָט, ווי נאָר ער איז ביכולת צו הערשן איבערן צווייטן".

עס איז אוממעגליך, לגמרי אוממעגליך מסכים צו זיין אין האַרצן מיט דער מורא'דיק־ביטערער כאַראַקטעריסטיק פון רוסישן מענטשן (און פון רוסישן פויער, וועלכן גאָרקי שטראָפט נאָך שטאַרקער מיט זיינע רייד). נאָר פון גרויסער אויסגעווייטאָגטער ליבע צום פאָלק, פון ליבע, וואָס ברענט ווי פיינדשאַפט, האָבן זיך באַם שרייבער געקאָנט אַרויסרייסן אַזעלכע שורות. כמעט אַ טויט־שטראָף פאַר אַלע אידעאַלן פון דער רוסישער רעוואָליוציע וואָלטן זיין געווען, אויב מע זאָל זיי האַלטן אין אַליץ און ביז'ן סוף פאַר ריכטיק. האָט דאָך אָבער אַנ'אַנדער רוסישער פאָלקס־דיכטער אַלעקסאַנדר בלאָק, וואָס האָט געשפּירט ווי עס קומט די גרויסע רעוואָליוציע און האָט זיך צוגעקוקט צו איר שטורמישן שטראָם, געזעהן זיין פאָלק גאַנץ אַנדערש. פלעגט ער זיך איינהאָרכן אין די סודות'דיקע מוזיק פון דעם שטראָם און פלעגט נביאה־זאָגן: „וואָס האָט מען בדעה? — אַליץ איבערמאַכן. מאַכן אַזוי, אַז אַליץ זאָל ווערן ניי; אונזער שקרנות'דיקער לאַנגווייליקער מיאוסער לעבן זאָל ווערן גערעכטיק, ריין, פריילעך און שיין. און ווען אַזעלכע גערדאַנקען, פון אייביק אָן פאַרבאָרגענע אין דער מענטשלעכער נשמה, אין דער פאָלקס־נשמה (דער קורסיוו איז מיינער), צערייסן די קייטן, וואָס בינדן זיי, און וואַרפן זיך מיט אַ מעכטיקן שטראָם, ברעכנדיק די דאַמבעס און אויפרייסנדיק איבעריקע שטיקער פון די

בּרענגעם — דאַן איז עס אַ רעוואָלוציע" *). אפשר איז עס אָבער נאָר אַ רוח־הקודש, וואָס האָט צופעליק אַראָפּגענידערט אַפן רוסישן פאָלק אין אַ מזל'דיקער שעה פון דער געשיכטע? אפשר האָט דער פאַרנעם פון די געשעענישן איבערגעשטיגן און פאַרפלייצט די שמאָלע ברעגעס פון דער פאָלקס־נשמה? אַף דעם ענטפערט בלאָק: „אַ סך „נביאישע פאָרגעפילן און זעאונגען" האָבן געהאַט די רוסישע קינסטלער, און האָבן געקאָנט זיך ריכטן, אַז גראד אַזעלכע אויפגאַבן זאָלן שטיין פאַר רוסלאַנד. פונקט ווי די פאָלקס־נשמה, פון וועלכער זיי האָבן געצויגן די יניקה, זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען אויסגערעכנט, מעסיק, פּינקטליך. פונקט ווי פאַר'ן פאָלק, ווי פאַר די טיפסטע טרוימען זיינע, איז פאַר זיי געווען — אַלץ אָדער גאָרנישט". „פון שטענדיק אָן טראָגט דאָס פאָלק אין זיך דעם ווילן צום לעבן", זאָגט בלאָק אין יאָר 1908, און דערנאָך — אין 1918: „מע דאַרף תופס זיין, אַז ווי איוואַנושקאַ — דער נאַרעלע האָט זיך דאָס רוסיש פאָלק אָקאָרשט פון בעט אַ כאַפּ געטאָן, און גרויסער רוח־היצירה ליגט אין זיינע מחשבות, וואָס קומען אויס פאַר זיינע ברידער פריינדלעך, אָדער אין בעסטן פאַל — נאַרעש".

אויך גאָרקי אָבער, וועגן וועמען בלאָק זאָגט, אַז ער איז פון די ווייניקע אמת'דיקע פאָלקס־זין צווישן די רוסישע שרייבער, רעדט צום גליק וועגן דעם „טאַלענטירטקייט" פון פאָלק, וועגן זיין „אומפאַרשטענדלעכער גוטמיטיקייט", וועגן זיין „אומגעלומפּערטקייט אין גוטס". אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין בּאַ אַ פּויערשן פאָלק, וואָס זיין מערהייט פירט נאָך אַ פּאַטריאַרכאַלן לעבן, און וואָס איז נאָך ווייניק פאַרדאָרבן דורך דער אינערלעכער אייראָפּייאישער קולטור. אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין בּאַ אַ פאָלק פון דאָרף, פון ערד, פון קאָרענעם ברויט, פון א שטוביקער קו, פון אומעטיקן ליד, פון אין דער היים געוועבטן שטאָף און אין דער היים געוועבטער תפילה. ניט דער ראָמאַנטיזם פון די רוסישע שרייבער־פאָלקיסטן און ניט די אָפיציעלע רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע דערציילט אונז וועגן דעם, אַז ריין, „באַרבאַריש"־ריין און דעריבער אָפן און פריי פאַר די בעסטע אינערלעכע רופן און אויסערלעכע השפעות איז די נשמה פון אַ רוסישן אַרבעטס־פויער, ד. ה. פון דעם רוסישן מענטשן בכלל. ניט אין דער „שטאָט־אָקוראָוו" און ניט אין דער „אויעזדניאַ רוס", נאָר אין דעם רוסישן דאָרף מיט זיינע ברייטע פעלדער, שטילע וועלדער, מיט זיין צערקווע, זיין רחמנות, אומבאַהאָלפנקייט, ווילדן אימפעט, גראָבקייט און שיינהייט זעהן מיר אַרויס דעם אמת'דיקן נאַטירלעכן און פשוט'ן פרצוף פון רוסלאַנד. אַף דעם, קודם כל אַף דעם האָבן מיר, לינקע נאַראָדניקעס, געבויט אונזער גלויבן אין דער סאָציאַליסטישער גייסטיקער באַרייטקייט פון רוסישן

*) Россия и интеллигенция. Изд. Скифы 14, 16, 17, 43.

אַרבעטענדיקן פּויערטום פֿאַר דער רעוואָליוציע, און אין זיין סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט נאָך׳ן אָנהייב אירן, וויל פֿאַר אַזאַ אַלוועלטלעך־היסטאָרישן גבורה־טאַט וואָלטן נאָך געווען צו ווייניק דער בלוטיקער יאָך פֿון דער מלחמה, די שרעקלעכע ירושה פֿון עבדות, די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון רוסישן אָדער אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע אויסערלעכע מאַטעריעלע לעבנס־באַדינגונגען אַליין וואָלטן ניט געקאָנט ברענגען צו דעם גבורה־טאַט, אויב צו זיי וואָלטן זיך ניט פֿאַראייניקט איך אינטימע, אינערלעכע שטריכן פֿון דעם געגעבענעם פֿאָלקס־כאַראַקטער, די גאַנצע געשיכטע און דער אינערלעכער גייסט פֿון דער פֿאָלקס־נשמה.

אין דער זעלבער צייט אָבער ליגט פֿאַרבאָרגן אַ טרויעריקער אמת אין דער ביטערער כאַראַקטעריסטיק פֿון גאָרקי, לאָמיר ניט אַרויסלאָזן פֿון זכרון ניט איין וואָרט זיינעם, ניט איין אויסדרוק. שטענדיק קומט פֿאַר אין דעם רו־סישן מענטשן אַ וואַקלעניש און אַ קאַמף צווישן די מענטשלעכע און ניט־מענטשלעכע יסודות. ס׳איז נאָר וויכטיק צו וויסן, וואָס איז גובר אין דער נשמה פֿון דעם מענטשן, וועלכער האָט זיך אַ הייב געטאָן צו אַ נייעם פֿרייעם לעבן, וואָס פֿאַר אַ זייטן פֿון זיין נשמה זיינען שטאַרקער אַנטוויקלט דורך זיין שווערער היסטאָרישער ירושה. איך רעכן, אַז גראַד די דערהויבענע און ליכטיקע זייטן אירע זיינען שטאַרקער, בולט׳ער, פֿרישער, וויל זיי זיינען ריינער, צניעות׳דיקער. זייער וואוקס אָבער, זייער פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרפֿיינערונג הענגט, פֿאַרשטייט זיך, אינגאַנצן אָפּ, — פֿון דעם כאַראַקטער פֿון די רעוואָ־ליוציאָנערע השפּעות, און בפֿרט איז עס גערעדט געוואָרן וועגן דער תקופֿה פֿון רעוואָליוציע, ווען די נשמה זאַפּט איין אין זיך מיט אַ באַזונדער דורשט די נייע השפּעות. פֿרעגט זיך: וואָס פֿאַר אַ ראָליע האָט געדאַרפֿט שפּילן דער פֿון אויבן־קולטיווירטער טעראָר פֿאַר דעם קאַמף צווישן מענטשלעכע און חיישע געפֿילן, וואָס ס׳האָט זיך צעשפּילט בעת דער רעוואָליוציע אין דער נשמה פֿון דעם רוסישן מענטשן, פֿון דעם פּויער און דעם אַרבעטער? צי איז דען ניט קלאָר, צו וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען ס׳האָט געקאָנט דעגענערירן דער פֿון אויבן סאַנקציאָנירטער זעלבסטגעריכט — דער טעראָר — לויט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון רוסישן מענטשן, וואָס מיר געפֿינען באַ גאָרקי׳ן?

אַלס ערשטער קרבן פֿון דעם מאַניפֿעסט וועגן טויט־שטראָף זיינען גע־פֿאַלן אין דער פּעטערבורגער טשעקאַ צוויי גרויסע אַוואַנטוריסטן — אַ מאַן און זיין פֿרוי. פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן יענע אומזיניקע תקופֿה פֿון

רציחות און שרעקלעכער טויט־אימה, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט ביזן היינטיקן טאָג. די מאַכט האָט געהאַפּט, אַז ס׳וועט זיך איר איינגעבן צו אָרגאַניזירן און שכל׳דיק אָנווענדן דעם טויט־שטראָף. ס׳פאַרשטייט זיך, אָבער, אַז דער שטופּ, וואָס זי האָט איינמאָל געגעבן אין דער ריכטונג, איז שוין אַף ווייטער ניט אָפּגע־האַנגען פון אירע וואונטשן. ווי אַ בלוטיקע הזהרה זיינען אין יענע טעג אין זעלבן פּעטערבורג פאָרגעקומען צוויי פאַקטן. איינער פון די ראַיאָן־סאָוועטן האָט באַ זייער אומקלאָרע תנאים דערשאָסן אַ ספּעקולאַנט אַפּטער, וואָס איז אַריינ־געפאַלן אין זייערע הענט. און אין אַ פינסטערער הערבסטיקער נאַכט האָבן אומבאַקאַנטע אָן אַ שום סיבה אין איינעם פון די צענטראַלע ראַיאָנעם פון שטאָט צעשאָסן דריי ברידער־סטודענטן און נאָך פיר מענטשן. דיביידע פאַלן — איינער מצד אַ „אָרגאַניזירטן״ אַנשטאַלט, דער אַנדערער — מצד אַ סטיכייאישן „פאָלקס״־צאָרן אָדער רציחה — האָבן זעהר בולט באַוויזן, מיט וואָס פאַר אַ וועגן וועט מיט דער צייט געהן דער טעראָר איבערן שטח פון גאַנצן לאַנד, אויב שוין באַם סאַמע אָנהייב זיינעם און אין סאַמע צענטר פון דער רע־וואָליוציע איז עפּעס אַזוינס מעגלעך געווען.

פון יעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיסן איבערן לאַנד דער רויטער מאַסן־טעראָר. אָפיציעל האָט ער נאָך אַזוי ניט געהייסן, ער איז נאָך ניט געווען אַזוי רעגולירט אין אַלע זיינע פּרטים, ווי שפּעטער. נאָר דער בלוטיק־מוטנער שטראָם האָט זיך זיכער און אָן אַ שום שטערונג דורכגעלייגט אַ פרייעם און טיפן געלעגער. די מיתות, וואָס זיינען געוואָרן אַ גזועצלעכער און נאָרמאַלער ענין באַ די טשעקאַ און די גיכע פאַרשפּרייטונג פון די טשעקאַ אין דער פּראָ־ווינץ האָבן געשאַפן דאָס שטייגער־לעבן פון טעראָר, די סביבה פון שטענדיקן געמיינעם פּחד פאַרן טויט. און אין אַזאַ אָ סביבה האָבן שוין ממילא ווי פּראַכטפולע גיפטיקע בלומען אויפגעבליט אַלע אַנדערע אופנים פון אונטערדריקונג און פאַרגעוואַלטיקונג. אָנהייבנדיק פון אומזיניקן פאַרבאָט פון פרייעם וואָרט, און ענדיקנדיק מיט רויבעריי און שוחד, ריכטענדיק זיך תחילת קעגן גענעראַלן און קאַפּיטאַליסטן, און אויסלאָזנדיק קעגן אַרבעטער און פּויערים. דער טויט־שטראָף — דאָס איז געווען די אונטערשטיצונג, דער פּיעדעסטאַל, דער שטאָלענער גדר, וואָס אַף אים און הינטער אים האָט זיך געפעסטיקט און געזאַמלט כחות דער רעזשים פון טעראָר. — ס׳איז ניט כדאי און ניט מעגלעך דאָ אויסצורעכנען אַלע שטראָמען און שטרעמלעך פון דעם זיך לאַנגזאַם צעגיסנ־דיקן טייך. טוט אַ לייען די (ווייט ניט־פולע) רשימות פון די צעשאָכטענע, וואָס פלעגן פּובליקירט ווערן אין דעם וואָכנבלאַט פון טשעקאַ און איר וועט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ ברייטקייט, אומזיניקייט און אומאָרדנונג האָט געפלאָסן בלוט

„לשם דעם סאָציאַליזם“. איר וועט זעהן, ווי ס'האָבּן קאָנקורירט צווישן זיך אַרום דער בּכורה די גובּערניעלע, אויעזדנע און דאָרפישע טשעקאַ.

טאָמער ווילט איר וויסן, ווי ווייט עס איז שוין יעמאָלט דערגאַנגען די בּלוט־משוגעת אין אייניקע אָנפירנדיקע ערטער — איז גענוג צו בּרענגען נאָר איין פאַקט, און ער וועט שוין עדות זאָגן וועגן דעם אָנוואַקסנדיקן גרויזאַמעם מצב־רוח: אין מערץ 1918 האָט דער ראָסטאָווער איספּאָלקאָם ערנסט בּאַהאַנדלט די פראַגע, צי זאָל מען שיסן אַלע לידער'ס פון די אָרטיקע מענשעוויקעס און רעכטע ס. ר., ער האָט עס בּאַהאַנדלט, און אָפּגעשטימט; האָט זיך אָבּער ניט אָנגעקליבּן קיין מערהייט.

די פאַרערגערטע אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע (נאָך'ן אונטערשרייבּן דעם בּריסקער שלום און נאָכ'ן אָנהייבּ פון דערנערונגס־קריזיס) האָט געצוואונגען די מאַכט צו שיקן אין דאָרף שטראָף־ און רעקוויזיציע־אָטריאַדן, וואָס זיינען זיך בּאַגאַנגען מיט דער בּאַפעלקערונג אַפן אכזריות'דיקסטן אופן, אָן וואָס פאַר אַ ניט איז קאָנטראָל. בּלי שום ספק, איז די תקופה פון מערץ בּיז'ן סוף אַווגוסט 1918 געווען די צייט פון פּראַקטישן — הגם ניט אָפיציעלן — רויטן טעראָר. אַ רייע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע בּאַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען קעגן דער ראַטן־מאַכט (די טשעכאָ־סלאָוואַקישע בּאַוועגונג, די בּאַוועגונג פון די רעכטע ס. ר. פאַר דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, דער אויפשטאַנד אין יאַראָסלאַוול) האָבּן בּאַגרינדעט די נויטיקייט פון טעראָריסטישע בּאַווירקונג־מיטלען מצד דער מאַכט. צו יענער צייט איז אויך אָפּגעשאַפן געוואָרן די אינסטרוקציע פאַר די רעוואָלוציאָנערע טריבּונאַלן, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין טויט־שטראָף, און צוגלייך מיט די ניט־געריכטלעכע מיתות פון טשעקאַ האָבּן אויך די טריבּונאַלן בּאַקומען דאָס רעכט פון טויט־שטראָפן. אַף אַזאַ אופן איז פשוט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די גרעסטע דערגרייכונג פון דער רעוואָ־ליוציע, וואָס איז ספּעציעל בּאַשטעטיקט געוואָרן דורכ'ן 2־טן ראַטן־צוזאַמענ־פאָר אין אָקטאָבּער 1917. דער טויט און זיינע ענויים, וואָס האָבּן בּיז אַהער געהערשט אין די פאַרבּאַהאַלטענע חדרים פון דער רעוואָליוציע, האָבּן זיך אַצינד אַריבּערגעטראָגן אַף איר אָפענער אַרענע. פריער האָבּן די טשעקאַ בּאַזייטיקט די טריבּונאַלן פון זייער רעוואָליוציאָנערער רעכטשאַפנדיקער שליחות, אַצינד זיינען די טריבּונאַלן מגולגל געוואָרן אין קאָפּיעס פון טשעקאַ, אפשר נאָר אַ בּיסל וויכערע און בּלייכערע. און הגם פאַר דעם אָדער יענעם אָנגע־קלאָגטן זיינען אַף אַזאַ אופן אפשר געווען עטוואָס גרעסערע גאַראַנטיעס, פונ־דעסטוועגן האָבּן די טריבּונאַלן אַפן יסוד פון טויט־שטראָף ווייטער ממשיך געווען דעם זעלבּן מאַסן־טעראָר בּנוגע צום גאַנצן לאַנד, צו דער גאַנצער רעוואָליוציע, דעם גאַנצן מאָראַלישן בּאַוואוסטזיין פון די מאַסן. על אחת כמה

וכמה, אַז זיי האָבן עקזיסטירט צוגלייך מיט די טשעקאַ, באַ וועלכער עס זיינען געבליבן בכח אַלע זייערע אומבאַגרענצטע פולמאַכטן. און שוין דער ערשטער פאַל וואָס איז פאָרגעקומען (ענין שטשאַסני) האָט באַוויזן אַז די מאַכט האָט באַשלאָסן (נאָך אַ ענערגישן פראָטעסט פון די לינקע ס. ר., וואָס זיינען נאָך דעם אַרויסגעטראָטן פון באַשטאַנד פון אויבערשטן טריבונאַל) אויסנוצן אַפן ברייטסטן אופן דעם נייעם געווער פון טעראָר. מיט שטשאַסני׳ס טויט האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון „לעגאַלע“ געריכטלעכע רציחות. בסך־הכל האָט די געמיינזאַמע טעטיקייט פון טשעקאַ, טריבונאַלן, שטראָף־עקספּעדיציעס און קעמפנדיקע קעגן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אויסברוכן מיליטערישע אָטריאַדן געשאַפן דעם בילד פון פאַקטישן (אַלץ נאָך ספּאָראַדישן און ניט פאַראייניקטן) טעראָר, וואָס האָט זיך גענויטיקט נאָר אין איין באַזונדער־בולט׳ן תירוץ, בכדי ער זאָל קענען אָנצינדן זיך, ווי אַ פלאַנמעסיקע און שטענדיקע סיסטעם. צו יענער צייט איז שוין אַף דער אויבערפלעכע ניט געווען קיין שום פּאָליטיש לעבן; אויך די איינציקע פאַרטיי, וואָס וואָלט געקענט אין גדר פון דער סאָוועטישער אָרדנונג קעמפן קעגן אַזאַ מצב, איז שוין מער ניט געווען קיין לעגאַלע פּאָליטישע ווירקנדיקע קראַפט: נאָך די יולי טעג פון יאָר 1918 האָט די פאַרטיי פון די לינקע ס. ר. געמוזט ווערן אומלעגאַל, און איז אַליין געוואָרן אַן׳אָביעקט פון טעראָר.

דער פאַטאַלער תירוץ איז געקומען אין סוף אַווגוסט; אין פּעטערבורג האָט מען דער׳הרג׳עט אוריצקי׳ן, אין מאָסקווע — געמאַכט אַן׳אַטענטאַט אַף לענין׳ען. ס׳האָט זיך מיט אַמאָל אַ גאַס געטאָן די גאַנצע שנאה און נקמה, וואָס האָט זיך, אַ פּנים, לאַנג געזאַמלט אין די הערצער. די אָפיציעלע פּרעסע האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַ באַזונדערס־רעאַלן לשון. „פאַרן טויט פון אונזער קעמפער דאַרפן באַצאָלן מיטן לעבן טויזנטער שונאים (דער קורסיוו איז מיינער) האָט געשריבן די „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ“ — „גענוג צאַצקען זיך“. די שונאים זיינען אומ׳רחמנות׳דיק, לאָמיר זיין, אַזוי ווי זיי *). לאָמיר געבן דער בורזשואַזיע אַ בלוטיקן מוסר־השכל, בכדי אָפּשלאָגן איר איינמאָל פאַר אַלע מאָל דעם חשק צום טעראָר קעגן די לעבעדיקע! חברים, מאַטראָזן, אַרבעטער, און סאָלדאַטן, צעשטערט עד חרמה די רעשטלעך פון די ווייסגוואַרדייער און פון דער בורזשואַזיע! אַ טויט דער בורזשואַזיע — דאָס זאָל ווערן דער לאָזונג פון טאָג. אַ טויט דער בורזשואַזיע!“ „אַרבעטער“ — האָט יעמאָלט געשריבן די „פּראַוודאַ“ (185 № פון VIII.—31.) אויב איר וועט איצט ניט פאַרטיליגן די בורזשואַזיע וועט זי אייך פאַרטיליגן. זייט גרייט צום אומרחמנות׳־

*) פאַרוואָס? מיר וואָלטן דאָך געקאָנט אויך ניט זיין ענלעך צו די שונאים!

דיקן מאַסן־אָנגריף קעגן די שונאים פון דער רעוואָליוציע. מע דאַרף מבער זיין די בורזשואַזע צעפּוילעניש פון די שטעט, מיר דאַרפן שטעלן אַף דער ליסטע אַלע הערן בורזשואַ, פּונקט ווי מע האָט עס געמאַכט מיט די הערן אָפיצירן, און פאַרניכטן אַלעמען, ווער ס'איז שעדלעך פאַר דער רעוואָליוציע... פון היינט אָן וועט דער הימן פון אַרבעטער־קלאַס ווערן אַ הימן פון שנאה און נקמה, אַ שרעקלעכערער פון דעם, וואָס מע זינגט אין דייטשלאַנד קעגן ענגלאַנד**), ניט קיין פּחד און פאַרלאָרנקייט — נאָר שנאה און נקמה! די קאָנטר־רעוואָליוציע, דער בייזער משוגענ'ער הונט, מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער'הרג'עט ווערן". און אָט זיינען צוויי דינים פון דעם „שולחן־ערוך פון אַ באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריער" („פּראַוודאַ" № 163 פון 5.—VIII.): § 8. אַרבעטער און אָרעמאַן, נעם דעם ביקס אין די הענט. לערן זיך גוט שיסן! זיי גרייט צו די אויפשטאַנדן פון קולאַקעס און ווייס־גוואַרדייער אין לאַנד! שטעל צו דער וואַנט אַלע אַגיטאַטאָרן קעגן דער ראַטן־מאַכט! צען קוילן איטלעכן, ווער ס'וועט הייבן אַף איר אַ האַנט!

§ 10. די בורזשואַזיע איז אונזער שטענדיקער, איינגעסענער שונא! די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל וועט שטאַרבן צוגלייך מיט'ן לעצטן קאַפּיטאַליסט, פּריץ, גלח, אָפיציר".

אַזוי האָט מען געשריבן בעת דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע! איינע פון די העכסטע מאָראַלישע אידעען פון סאָציאַליזם איז דאָך אָבער באַשטאַנען אין דעם, אַז ער האָט געפאָדערט עס זאָל פאַרניכטעט ווערן די פיינדלעכע אָרדנונג אין אירע אינסטיטוטן, און ניט פּערזאָנען פון פיינדלעכע קלאַסן. ער האָט געפאָדערט אַנשטאַלטן זאָלן ווערן אָפּגעשאַפט מיט געוואַלט, אָבער ניט קיין פאַרגעוואַלטיקונג פון מענטשן. אין דעם באַשטייט זיין טיפער אינערלעכער חלוק פון אַלע פריערדיקע אומבייטן פון געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, פון אַלע פריערדיקע איבערקערענישן, בא וועלכע עס פלעגן ווערן אומברחמנות'דיק פאַרניכטעט מענטשן. אמת, אַף וויפיל דאָס האָט געצוואונגען צו זיין פּאָרזיכטיק און איינגעהאַלטן אין סאַמע ברען פון קריג, אַף וויפל עס האָט הומאַניזירט די עצם־מעטאָדן פון קאַמף, האָט עס אויך געמאַכט פאַרוויקלטער דעם קלאַסן־ און בירגער־קאַמף; דאָס האָט אָבער אויך געמאַכט ווייכער דעם קריג און האָט דערצויגן נייע מענטשן פאַר אַ נייער אָרדנונג: אַראָפּוואַרפנדיק די אַלטע אינסטיטוטן, האָבן זיי אַזוי ווי באַפרייט צום נייעם לעבן זיך, און די מענטשן פון זייער קלאַס און אַפילו אויך די מיטגלידער פון קעגנערישע קלאַסן. מע האָט אָבער אָן

---

*) ווידער אַ מאָל אַ פּשוטע קאָפּיע פון די מנהגים פון דער אַלטער וועלט!

דעם אַלעמען פֿאַרגעסן אין די אָנגעזאַפּטע מיט נקמה צײַטונג⸗אַרטיקלען, און אָפּרעכנענדיק זיך מיט מענטשן, האָט מען אויך אונטערגעריסן די יסודות פֿון דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט. מיט צער האָט געשריבן גאָרקי וועגן דעם דאָזיקן פּשוט'ן אמת נאָך אין 1917 יאָר, בעת די שוואַרצע בלומען פֿון טעראָר האָבן זיך נאָך קוים געזעהן אַפֿן האָריזאָנט. „איך האָב איבערגעלייענט" האָט ער געשריבן: „די מעלדונג פֿון דער באַזונדער⸗באַראַטונג פֿון די מאַטראָסן פֿון רויטן פֿלאָט פֿון דער רעפּובליק: „מיר, מאַטראָזן, האָבן באַשלאָסן: אויב ס'וועלן געהן אויך ווייטער די הריגות פֿון אונזערע בעסטע חברים, וועלן מיר אַרויסטרעטן מיט געווער אין די הענט, און פֿאַר איטלעכן דער'הרג'עטן חבר וועלן מיר ענטפֿערן מיט דעם טויט פֿון הונדערטער און טויזנטער גבירים". אַלע געדענקען מן הסתם, אַז נאָכדעם ווי עפּעס אַ קונדס צו אַ ליידיקגייער האָט צעקאַלופּעט מיט אַ מעסערל דעם דעק פֿון לענין'ס אויטאָמאָביל, האָט „פּראַוודאַ" — האַלטנדיק עס פֿאַר אַ אַטענטאַט אַף לענין — געמעלדעט מיט אַ גרויזאַמער באַדרויאונג: פֿאַר יעדן קאָפּ אונזער וועלן מיר זיך נוקם זיין אָן הונדערט קעפּ פֿון דער בורזשואַזיע! אַפּנים, אַז די דאָזיקע אַריטמעטיק פֿון שגעון און פּחדנות האָט געהאַט די געהעריקע השפּעה אַף די מאַטראָזן, והא ראיה — אָט פֿאָדערן זיי שוין ניט קיין הונדערטער נאָר טויזנטער קעפּ. זייט וויסן, הערן מאַטראָזן, אַז אין אייערע ווערטער איז אָפּגעהיט אינגאַנצן און עס טריומפֿירט דער גייסט פֿון בלוטיקן דעספּאָטיזם, פֿון דער זעלבער מאָנאַרכיע, וואָס די אויסערלעכע פֿאָרמען אירע האָט איר צושטערט, נאָר איר זייט ניט בכח צו טויטן איר נשמה. און אָט לעבט זי טאַקע אין אייערע ברוסטן, זי מאַכט אייך פֿאַר ווילדע חיות, זי נעמט אָפּ פֿון אייך אייער מענטשלעכן געשטאַלט".

אַצינד האָט די דאָזיקע „אַריטמעטיק פֿון שגעון און פּחדנות" גענומען טריומפֿירן אָפֿיציעל!

נאָך דעם צײַטונג⸗געפּילדער האָבן זיך אָנגעהויבן די מעשים פֿון דער רעגירונג. דעם 2⸗טן סעפּטעמבער איז אין דער זיצונג פֿון צענטראַלן⸗אויספֿיר קאָמיטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַטענטאַטן אַף אוריצקי'ן און לענינען אָנגענומען געוואָרן פֿאָלגנדיקע רעזאָליוציע: „דער צענטראַלער אויספֿיר קאָמיטעט מאַכט אַ פֿייערלעכע הזהרה (דער קורסיוו איז מײַנער), אַלע משרתים פֿון דער רוסישער און אויסלענדישער בורזשואַזיע, אַז פֿאַר יעדן אַטענטאַט אַף די טוער פֿון דער ראַטן⸗מאַכט און אַף די טרעגער פֿון דער אידעע פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, וועלן געבן אַ תשובה אַלע קאָנטער⸗רעוואָליוציאָנערן און אַלע, וואָס זיינען אַף זיי משפּיע. אַף'ן ווייסן טעראָר פֿון די שונאים פֿון דער אַרבעטער און פּויערים⸗רעגירונג וועלן די אַרבעטער און פּויערים ענטפֿערן מיט אַ רויטן מאַסן⸗טעראָר קעגן דער

בורזשואַזיע און אירע שליחים“. און שוין דעם 3-טן סעפּטעמבער האָט דער פֿאָלקס-קאָמיסאַר פֿאַר אינערלעכע ענינים פּעטראָווסקי פֿונאַנדערגעשיקט צו אַלע סאָוועטן פֿאָלגנדיקן טעלעגראַפֿישן באַפֿעל: „תיכּף זאָל ווערן אַ סוף דער צעקראָכענער ווייכהאַרציקייט און דעם צאַצקען זיך. עס מוזן תיכּף אַרעסטירט ווערן אַלע רעכטע ס. ר. וואָס זיינען באַקאַנט דער אָרטיקער מאַכט. עס מוז גענומען ווערן אַ גרויסע צאָל עורבים פֿון דער בורזשואַזיע און די אָפֿיצירן. באַ די קלענסטע זיך אַנטקעגנשטעלן אָדער באַ דער קלענסטער באַוועגונג צווישן די וויים-גוואַרדייער מוז אומרחמנות׳דיק אָנגעווענדעט ווערן די מאַסן-צעשיסונג. די אָרטיקע סאָוועטן דאַרפֿן דערביי אַרויסווייזן זייער איניציאַטיוו. קיין שום וואַקלעניש, קיינע שום ספקות באַ דער אָנווענדונג פֿון מאַסן-טעראָר“ *). צו גלייך מיט די אַקטן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די איינציקע (און נעבעכדיקע לויטן אינהאַלט) באַגרינדונג פֿון ראַדעק׳ן, וואָס איז דערנאָך געוואָרן איבערגעדרוקט און פֿאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן איבערן גאַנצן לאַנד **). אָט איז די באַגרינדונג, וואָס דער אָנהייב אירער בינדט זיך ניט מיטן עק: „די אַרבעטער-רעוואָליוציע, וואָס האָט געזיגט אין אָקטאָבער 1917, האָט געוואָלט זיין גרויסמוטיק... איינע פֿון די סיבות באַשטייט אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע איז אַ קאַרדינאַלער שינוי פֿון די פּראָדוקציע-באַציאונגען. די סאָציאַליסטן וואַרטן אַף אַ נצחון ניט פֿון דעם, וואָס זיי וועלן איבערגעבן דעם הענקער אַ געוויסע צאָל מענטשן, נאָר פֿון דעם, וואָס זיי וועלן איבערגעבן אין די הענט פֿון די אַרבעטער קוילן-גריבער און ערד, און וועלן אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע... די בורזשואַזע רעוואָליוציעס פֿלעגן קודם כּל זיך אַ נעם טאָן צו די קעפּ פֿון די טיראַנען, מיר אָבער באַמיען זיך פֿריער פֿון אַלץ אויסוואָרצלען די סאָציאַלע טיראַניע — דעם פּריוואַט-אייגנטום אַף די פּראָדוקציע-מיטלען. דערפֿאַר טאַקע איז די אָקטאָבער-רעוואָליוציע געווען אַזוי ניט בלוטדורשטיק“. דאַכט זיך, אַז פֿון דעם אַלעמען זיינען געדרונגען גאַנץ קלאָרע מסקנות. און פֿונדעסטוועגן ווערט תּוך כּדי דבור צוגלייך מיט עקספּראָפּריאַציע פֿון דער בורזשואַזיע דערלאָזן אויך איר פֿיזישע פֿאַרניכטונג. „אַצינד“, זאָגט אונזער טעאָרעטיקער פֿון טעראָר: „שטייט אופֿן סדר-היום דער רויטער טעראָר, וואָס איז אַרויסגערופֿן דורך׳ן ווייסן טעראָר *). די נויטיקייט פֿון רויטן טעראָר, דאָס הייסט די אָנווענדונג פֿון אַלע מעטאָדן צו צווינגען די בורזשואַזיע זיך אונטערצוגעבן דעם אַרבעטער-

*) Изв. В. Ц. И. К. №№ 198, 190, 1918 г.

**) „Красный террор“ Изв. В. Ц. И. К. № 192.

***) וואָס איז עס פֿאַר אַ ראיה? מיט וואָס איבערציינגט זי? זי איז אָבער די איינציקע!

קלאַס, איז אַ פּועל־יוצא פון אונזער אינערלעכער און אויסערלעכער סיטואַציע**).

אַף וויפיל איינצעלנע פּאַרטרעטער פון דער בורזשואַזיע באַטייליקן זיך **ניט** דירעקט אין דער ווייס־גוואַרדייאישער באַוועגונג האָט זייער פּאַרניכטונג נאָר אַ איינשרעקונג־באַטייט אין מאָמענט פון ממשותדיקן געראַנגל, בתשובה אַף די אַטענטאַטן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז פאַר איטלעכן פירער פון דער אַרבעטער־רעוואָליוציע, וואָס וועט פאַלן פון דער האַנט פון די שליחים פון דער קאָנטער־רעוואָליוציע וועט די לעצטע באַצאָלן מיט צענדליקער קעפּ". — אויב אַזוי האָבן גערעדט די העכסטע, די דענקענדיגע מאַכט־אָרגאַנען, הײנט וואָס זשע קאָן מען שוין וואַרטן פון אירע אויספיר־אָרגאַנען, פון אירע טאַפּ־פינגער? דער דעקרעט פון צענטראַלן אויספיר קאָמיטעט איז נאָר **מזהיר** געווען דעם שונא, אַף די ערטער האָט מען זיך שוין אָבער אַ נעם געטאָן צו דער מלאכה.

דעם 30 אַווגוסט זיינען ערשט פאָרגעקומען אַטענטאַטן, און שוין דעם 1־טן סעפּטעמבער האָט די ניזשעגאָראָדער צענטראַל־קאָמיסיע צום קאַמף קעגן דער קאָנטער־רעוואָליוציע צעשאָסן 46 מענטשן. „פאַר יעדן געה׳רג׳עטן קאָמוניסט אָדער פאַר אַ אַטענטאַט אַף אַ קאָמוניסט" — האָט געשריבן די „ניזשנע־גאָראָדער אַרבעטער און פויערים־צייטונג — „וועלן מיר ענטפערן מיטן טויט פון די ערבים פון דער בורזשואַזיע, ווייל די בלוט פון אונזערע דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע חברים שרייט נאָך נקמה".

תיכף, אין די זעלבע טעג האָט די פּעטערבורגער טשעקאַ דערשאָסן 512 פון די ערבים. מיט בלוטיקע ציפערן האָבן זיך די דאָזיקע 512 אַריינגעשניטן אין דעם טעראָריזירטן באַוואוסטזיין פון איין טייל בירגער און אין צעבושעוועטן און צעלאָזענעם פון צווייטן. די אומערהערטע ציפער „פון משוגעת און פּחדנות" האָט אַרויסגערופן אַ „אידייאישן" ווידערשטאַנד אַפילו מצד די טעאָרעטיקער פון רויטן טעראָר *); זי האָט אויך אַ עפּן געטאָן אַ ברייטן וועג

***) פאַרוואָס אייגנטלעך? — מעהר ווערט ניט געזאָגט. דאָס איז ניט קיין ראיה, נאָר אַ פּחד פאַר ראיות.

*) אַגיטירנדיק דערפאַר, אַז די אַרבעטער אַליין זאָלן צוגעצויגן ווערן צום טעראָר, האָט ראַדעק אין דעם אויבן־דערמאָנטן אַרטיקל געשריבן: „5 ערבים, גענומענע בײַ דער בורזשואַזיע, צעשאָסענע אַפּן סמך פון אַ עפנטלעכן פּסק־דין פון פּלענום פון אָרטיקן סאָוועט, צעשאָסענע פאַר די אויגן פון טויזנטע אַרבעטער, וואָס זיינען מסכים מיט דעם אַקט — זיינען אַ שטאַרקערער אַקט פון מאַסן־טעראָר, איידער **די דערשיסונג פון 500 מענטשן דורך דער טשעקאַ אָן דעם אָנטייל פון די אַרבעטער־מאַסן**". אין אַ הויך־אַקאַדעמישער פּחדנות׳דיקער פאָרם זעהט זיך דאָ בלי ספק אַרויס אַ שוואַכער פּראָטעסט קעגן די מורא׳דיקע רציחות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פּעטערבורג. מיט אַזעלכע שוואַכע שפּענדלעך פון פּרינציפּיעלע חקירות האָט מען עס געוואָלט אָפּשטעלן די אָפענע שטראָמען פון טעראָר.

פאַר דער אַלרוסישער אכזריות, — דער חרפה פון דער רעוואָליוציע — דעם *ערבות-אינסטיטוט*, דאָס הייסט פאַר דעם אָפּרעכנען זיך מיט אומשולדיקע מענטשן, וואָס זיינען פּערזענליך ניט באַשולדיקט, וואָס האָבן פּערזענליך ניט קיין שייכות צום קאַמף פון דער רעוואָליוציע, אַחוץ זייער צופעליקער קלאַסן-אָפּשטאַמונג אָדער זייער פּאָליטישער קרובה'שאַפט.

אין קיין שום פּרט זיינען *די דאָזיקע* הריגות פון די עורבים ניט ענליך צו די סעפּטעמבער-הריגות פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. — ווייל, הגם עס איז שוין היינט פעסטגעשטעלט דער אָנטייל פון די פּאַריזער רעוואָליוציאָנערע אַנשטאַלטן אין דער אָרגאַניזירונג פון די דאָזיקע הריגות, זיינען פאָרט די דירעקטע *אויספירער* זייערע געווען אייניגע טיילן (און ניט אַלע) פון די פאָלקס-מאַסן. דאָרטן האָבן מיר פאַר זיך געזעהן אַ *האַלבסטיכיאישע* נקמה צו די קלאַסן-שונאים, וואָס האָט טיילווייז באַוועגט די אָרגאַניזאַטאָרן, טיילווייז דערפילט זייער רצון; אויב ניט קיין פאָלקס-באַוועגונג, — איז עס לכל הפחות געווען אַ גאַסן-באַוועגונג, אַ גרימצאָרנדיקער פון אונטן גייענדיקער *זעלבסטגעריכט* פון המון. אין דעם איז באַשטאַנען זייער טרויעריקער צד-זכות פאַר דער געשיכטע. דאָס אַלץ איז לחלוטין ניט געווען און פעטערבורג אין 1918. „לויטן באַשלוס פון טשעקאַ, אָן דעם אָנטייל פון די אַרבעטער-מאַסן“, אין אַ צושטאַנד פון אַ קאַנצעלאַריש-קאַלטן, אַדמיניסטראַטיוו-אַבסטראַקטן נקמה-געפיל איז פאָרגעקומען ווי א מיטל פון „מלוכישן שכל“ די רעוואָליוציאָנערע בלוט-באָד, וואָס קיינער האָט איר ניט באַדאַרפט.

אין פענזע האָט מען פאַר'ן דערמאָרדונג פון איין מיטגליד פון טשעקא צעשאָסן מאַסן עורבים. „בתשובה אַף די דערמאָרדונג פון חבר אוריצקי און דעם פירער פון וועלט-פּראָלעטאַריאַט, דעם חבר לענין“ — האָט די אַלרוסישע טשעקא דערשאָסן 15 מענטשן, דערנאָך נאָך 90. צווישן זיי זיינען געווען רויבער, שוחד-נעמער, געלט-פעלשער — ד. ה. פשוט *קרימינאַלע*-פאַרברעכער. אָבער ניט נאָר די דעמאָקראַטישע נאָר אפילו די צאַרישע רוסלאַנד האָט דאָך ניט געוואוסט פון קיין טויט-שטראָף פאַר קרימינאַלע-פאַרברעכענס. אַזוי ארום האָט די סאָציאַליסטישע מאַכט גענומען אַף זיך דעם טרויערדיקן חוב אומצווואַרפן אויך דעם דאָזיקן גרויסמוטיקן רחמנות-פּרינציפּ פון דער אַלטער וועלט און ווידער אַ מאָל איינצופירן די אכזריות'דיקע יוסטיץ פון פאַר דער רעפאָרם, פון פאַר די יעקאַטערינא-צייטן. אַף אַזאַ אופן איז די סאָציאַליסטישע מאָראַל גובר געווען די בורזשואַזי-אייראָפּייאישע רעכטס-קאָדעקסן נאָר בכדי זיך אומצוקערן צו די אוראַלטע פעאָדאַלע מעטאָדן פון „שויץ פון דער געזעלשאַפט“ קעגן אירע שונאים. צווישן די דער'הרגעטע זיינען געווען אַמאָליקע צאַרישע מיניסטאָרן און מקורבים, וואָס זיינען געזעסן אין טורמע

פון די ע ר ש ט ע טעג פון דער פעוראַל־רעוואָלוציע. לשם וואָס פאַר אַ אידעע זיינען געפאַלן אַלס קרבנות פון רויטן טעראָר, די מענטשן וואָס זיינען שוין מער ווי אַ יאָר צייט געווען בכלל אַרויסגעריסן פון לעבן? לשם וואָס פאַר אַנ׳אַנדער אידעע — אַ חוץ דער שטרעבונג צו פאַרגרעסערן דעם סכום פון דער שרעקענדיקער בלוט, — האָט עס דער רויטער טעראָר געדאַרפט נעמען אַלס קרבנות די געוועזענע פאָליציי־אַגענטן, וואָס זיינען געזעסן אין די טורמעס, און הייסט עס געווען אומטעטיק? די דאָזיקע הריגות פון מענטשן, וואָס זיינען רעאַל אומשולדיק פאַר דער רעוואָלוציע און וואָס האָבן געזאָלט זיין נאָר אַלס הוספה־פּאָרציעס פון בלוט, האָבן דאָך אָבער אַרויסגערופן אין א מורא׳דיקער פאָרם ענלעכע מעשים אין דער פּראָווינץ. די שטראָמען פלעגן זיך צונויפגיסן אין אַ טייך, דער טייך האָט איינגעפלאָסן אין אַ אָקעאַן פון שנאה און נקמה!

„בתשובה אויפן מאָרד פון אוריצקין און דעם אטענטאַט אף לענינען", האָט אין דער זעלבער צייט די ארכאַנגעלער טשעקא דערשאָסן 9 מענטשן, די קימערער — 12, די וויטעבסקער — 2, די סעבעזשער — 17, די וועלישער -- 2, וואָלאָגאָדער — 14, וועלסקער, — 4, פּאשעחאָנער — 31, (צווישן זיי — גאַנצע משפחות). סמאָלענסקער — 37 (צווישן זיי קרימינאַלע פאַרברעכער, ג ע וו ע ז ע נ ע פּריצים, ג ע וו ע ז ע נ ע אָפיצירן און פּאָליציאַנטן): פאַרן ווייטערדיקן קאַמף האָט די דאָזיקע טשעקא איינגעפירט פּייניקונג־מכשירים. די פּאַוולאָווע־פּאָסאַדער — 6 מענטשן („דינער פון דער זעלבסטהערשאַפט"), די פּסקאָווער — 31, די יאַראָסלאַווער — 38. אַלע, אָדער כמעט אַלע מיטגלידער פון די טשעקא זיינען געווען קאָמוניסטן. דער ריבינסקער איספּאָלקאָם איז געוואר געוואָרן וועגן טויט פון קאַרל ליבקנעכט אין דייטשלאַנד, האָט ער באַהאַנדלט די פראַגע צי זאָל מען דערפאַר פּראָקלאַמירן אַ רויטן טעראָר קעגן דער „אָרטיקער בורזשואַזיע" 2). דער זעלבער איספּאָלקאָם איז שפּעטער אין גאַנצן באַשטאַנד פאַרמשפּט געוואָרן אין געריכט פאַר רויבעריי, פאַר נעמען שוחד, און פאַרן שיסן מענטשן אָן אַ משפּט. און אַזוי אָן אַ סוף, אָן אַ סוף. און דער גאַנצער צאָרנדיקער אָנגריף קעגן דער רעוואָלוציע איז באַקרוינט געוואָרן דורך דער נאַיוו־ברוטאַלער, פּאַטריאַרכאַל — אכזריות׳דיקער אָפּרעכנונג מיט אַ פּערזאָן, וואָס האָט געוואגט הויבן אַ האַנט אפן קאָפּ פון דער גאַנצער סיסטעם — אַף לענינען. ניט קוקנדיק אף די גליקלעכע פאַרהיילונג פון לענינען, אפן כאַראַקטער פון דער פּערזאָן, וואָס איז דעם אטענטאַט באַגאַנגען, אף די היסטאָרישע ביישפּילן פון באַגנאַדיקונג אין אַזעלכע פאַלן — האָט

**) שפּעטער וועלן מיר זעהן צי זיינען די דאָזיקע פיבער־אידעען געשטאַנען אין הסכּם מיט די אנשויאונגען פון ליבקנעכט אַליין, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין צונויפשטעל פון ספּאַרטאַק־פּראָגראַם.

מען דאַרף קאַפּלאַן פּאַרט געהרג'עט. „ווי שיין און גרויסמוטיק וואָלט אָבער געווען די באַגנאַדיקונג, ווי ניט ענליך אויפן צאַרישן שאַבלאָן, און ווי נויטיק זי איז געווען פאַר אונזער רעוואָלוציע אין דער צייט פון אַלגעמיינער פאַרווילדעטקייט און פאַרביסנקייט, בעת מע הערט נאָר דעם חיישן צאַנקריצן, דעם געיאַמער פון ווייטאָק, פון שנאה און שרעק, און... ניט איין קלאַנג, ניט איין אקאָרד פון ליבע***).

VIII

טייכן ווייז האָט זיך געגאָסן מענטשלעכע בלוט אין לאַנד. ווי אַנ'אכזריות'דיקער וויכער האָט זי געבושעוועט אויך אף די פראָנטן פון בירגערקריג, וואו ס'האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין אַ טויט־קאַמף די מחנות פון רויטע און ווייסע. ווי אין איטלעכער מלחמה, זיינען אין דעם קאַמף אויף ביידע צדדים גלייך אָן אַ צאָל געפאַלן מענטשלעכע קרבנות. אַנדערש האָט דאָך עס, ליידער, ניט געקאָנט זיין. דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, אַז ער קומט שוין יאָ פאר, — דאַרף מען אים מיט אַלע מיטלען זעהן איינהאַלטן, פאַרשמעלערן. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אויך אין בירגער־קריג מוז דער סאָציאַליסטישער לאַגער, וואָס קעמפט פאַר אַ נייע וועלט, איינהיטן ווי אַ קודש־קדשים די בעסטע זייטן פון דער פאָלקס־נשמה און ניט דערלאָזן די ערגערע זאָלן זיך צעוואַקסן. נאָר אויך דאָס האָבן די אָנפירער פון די געשעהענישן ניט פאַרשטאַנען, אויך דא זיינען זיי געגאַנגען מיטן וועג פון עלעמענטאַרן טעראָר. דעם 23 אויגוסט 1918 איז אין די „איזוועסטיע" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַנ'אַרטיקל פון דעם אָנגעזעהנסטן טוער פון דער טשעקא לאַצים; דאָס קעפּל פון אַרטיקל אַליין האָט שוין אַ סך געזאָגט: „די געזעצן פון בירגער־קריג זיינען ניט געשריבן געוואָרן". „במעט אין אַלע צייטן, בא אַלע פעלקער פלעגן זיך די איינגעשטעלטע מנהגים (פון דער מלחמה) אויסדריקן אין דעם פאָרם פון געשריבענע געזעצן. די קאַפּיטאַליסטישע מלחמה האָט אירע געזעצן אין אַ רייע קאָנווענצן. לויט די דאָזיקע געזעצן הרג'עט מען ניט קיין געפאַנגענע, מע טשעפּעט ניט קיין שלום־דעלעגאַציעס, מע בייט זיך מיט געפאַרנגענע... קומט איר אָבער צו צו אונזער בירגער־קריג — זעהט איר עס אַלץ ניט. אויב איר וועט אָנווענדן אָדער פאָדערן, עס זאָלן אָנגעווענדעט ווערן די דאָזיקע געזעצן, וואָס האָבן זיך אַמאָל גערעכנט פאַר הייליקע, וועט איר אויסקומען לעבערלעך *)... אויסקוילעגען אַלע, וואָס זיינען

***) „דער בריוו פון מ. ספּירידאָנאָווא צום צ. ק. פון די באָלשעוויקעס".

*) אין וועמעס אויגן? אין די אויגן פון די קלאַסן־שונאים אָדער פון די פאָלקס־מאַסן? מיט וועמעס מיינונג אָבער דאַרף זיך די רעוואָלוציע רעכנען?

פאַרוואונדעט אין קאַמף קעגן ד.ר — אָט דאָס איז אַ געזעץ פון בירגער=קריג... די בורזשואַזיע האָט אים גוט גענומען אין אַכט, נאָר מיר באַנעמען אים שווערלעך, אָדער מיר באַנעמען אים לגמרי ניט. דאָס איז אַ שוואַכקייט. די געזעצן פון בירגער=קריג זיינען נאָך ניט געשריבן געוואָרן, זיי ווערן ערשט אָנגעמערקט אין דעם שטורמיקן קאַמף. מע דאַרף זיי אָבער וויסן. אָן דעם זיינען מיר פאַרפאַלן... הונדערטער און טויזנטער צעשיסט מען די אונזעריקע, און מיר — נאָר איינצלנע און אויך דאָס נאָך לאַנגע חקירות אין קאָמיסיעס און טריבונאַלן. אין בירגער=קריג עקזיסטירן ניט קיין געריכטן פאַרן שונא — עס גייט אַ קאַמף אַף לעבן אָדער טויט. אויב דו וועסט ניט שלאָגן, וועט מען דיר דערשלאָגן. דעריבער שלאָג, בכדי ניט צו זיין געשלאָגן״.

וואָס איז עס אַזוינס? אַ אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם, פון באַפרייאונג, פון גייסטיקער התרוממות?

ניין, דאָס איז אַ אידעאָלאָגיע פון קאַניבאַליזם, פון באַרבאַרישקייט, וואָס ווערט קנעכטיש קאָפּירט פון די טוער פון דער אַלטער וועלט. מע וויל דאָ באַפלעקן און שענדן דעם בירגער=קריג מיט אכזריות און חיישקייט נאָר דערפאַר, וואָס זאַוי טוט דער צד שכנגד, דער באַשיצער פון דער אַלטער וועלט. פון דאָסניי ווערן דאָ מיט דער טערמינאָלאָגיע פון געבילדעטן דור איבערגע׳חזרט די לאָזונגען פון אַלטן רעוואָליוציאָנערן פראַנקרייך: קיינעם ניט באַגנאַדיקן! (דער לאָזונג פון קאָנווענט), אַף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבן! (דער לאָזונג פון די פּרינצן). הייסט עס, — קיין זאַך האָט זיך פאַר דער צייט ניט געביטן? הייסט עס, אַז די האָריקע באַוואַקסענע שוואַנען פון די וואַנדייער וועלדער זיינען געווען די דירעקטע און געטרייע מוסטערן פון אַלע אונזערע ווייסע, רויטע, טשעכאָ=סלאָוואַקן, אוראַלער קאָזאַקן, אוקראַינער, סיבירער, דאָנער, קובאַנער פויערים און אַרבעטער? איז, הייסט עס, דער אַכצענטער יאָרהונדערט געווען דער געזעצגעבער פון צוואַנציקסטן? נאָך מער: ניט אַף איין טאָג, און ניט פאַר איין פאָלק אַליין ווערן דאָך דיקטירט די דאָזיקע „פרובן״ פון בירגער=קריג. מוזן, הייסט עס די דאָזיקע אמת׳ן פון בירגער=קריג ווערן אַ טאַקטישע פראָגראַם פאַר אַלע אַרבעטענדע פון אַלע לענדער לעולם ועד?

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם מאַסן=קאַמף פון די בירגער. אָט ברענגען מיר אָבער אַנ׳אַנדער ציטאַטע פון די געדאַנקען — באַפעלן פון זעלבן מחבר, און איר וועט זעהן, ווי איינער און דער זעלבער רויטער פאָדעם נעמט דורך זיין גאַנצע אידעאָלאָגיע. אין פיר חדשים אַרום נאָכדעם, ווי די אויבן געבראַכטע ווערטער זיינען געדרוקט געוואָרן, בעת עס איז שוין פראָקלאַ=

מירט געוואָרן דער רויטער טעראָר, מאַכט לאַצים נייע מסכּנות אין דער טעאָריע פון מענטשען=פאַרניכטונג*). עס האַנדלט זיך וועגן די טריבונאַלן, וואָס משפּטן איינצעלנע אומשעדלעך=געמאַכטע שונאים: „זוכט ניט קיין באַשולדיקונג=באַווייזן וועגן דעם, צי האָט ער זיך געשטעלט קעגן דער ראַטן=מאַכט מיט געווער אָדער מיט זיין וואָרט. קודם כּל מוזט איר אים פרעגן, צו וואָס פאַר אַ קלאַס ער געהערט, פון וואָס פאַר אַ אָפּשטאַמונג איז ער, וואָס האָט ער פאַר אַ בילדונג, וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע. אָט די פראַגן דאַרפן באַשטימען דעם גורל פון באַשולדיגטן. אין דעם איז דער תּמצית און דער מהות פון רויטן טעראָר" *).

וואָס זשע פאַר אַ גייסטיקער צושטאַנד האָט געדאַרפט הערשן אין יענעם אָרט, און יענער געגנט, וואו עס ווערן פאַרווירקלעכט די דאָזיקע מאָראַלישע עקרים פון דער רעוואָליוציע? די פירער און אידייאישע מנהגים וועלן זיך צעפאָרן, די לאָזונגען וועלן מיט דער צייט פאַרוועלקן, די באַפעלקערונג וועט דאָך אָבער בלייבן. פאַרגעסן וועלן ווערן די וואָרצלען פון די בלוטיקע מאַניפעסטן, ס'וועלן פאַרשווינדן פון זכרון די מקורות פון דער צאָרנדיקער שנאה; די שנאָה אָבער וועט בלייבן, מיט רשעות וועט ווערן אָנגעזאַפּט אפילו די לופט, אין דער פאַרפעסטעטער סביבה ווערן עס אויפגעצויגן י ו נ ג ע דורות, אַריינגעמענדיק אין דער נשמה ווי ערשטע לעבנס=איינדרוקן, בלוט און רציחה. צי וועלן בלייבן קינדער, די קליינוואַרג וואָס וואַקסן אויף אין אַזאַ אַטמאָספער פון בירגער=קריג, אָדער זיי וועלן ווערן וועלפלעך?

אויב ניט דער מענטש און ניט די שולד זיינע טראָגן די אחריות אין דעם בירגער=קריג, נאָר די היילע קלאַסן אָ פּ ש ט אַ מ ו נ ג, זיין צופעליקע אָנגעהעריקייט צו אַ קלאַס — וואָלט דאָך אפשר געווען גלייכער פון אַלץ אויסקיילענען אָף איינמאָל די גאַנצע בורזשואַזיע, דעם אדל=קלאַס, די גייסטלעכע, אַלע אָפיצירן, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן? וואָלט יעמאָלט אפשר גאָר ניט כּדאי געווען צו שטעלן צופעליקע גיליאָטינעס, נאָר מע וואָלט געדאַרפט פונקט ווי קאַליגולאַ טרוימען וועגן איין קאָנטר=רעוואָליוציאָנערן קאָפ פאַר די אַלע קלאַסן, ראַנגען און פּראָפעסיעס, וואָס מע זאָל קענען לייכט אַראָפּהאַקן מיט איין קלאַפּ?

---

*) „Еженедельник Ч. К. Казани № 1, I. XI. 1918".

*) אין די הענט פון דעם מחבר וואָלט מען געדאַרפט טאַקע איבערגעבן דעם גורל פון דעם יידישן קליין=בירגערלעכן אינטעליגענט מאַרקס, אָדער פון סימבירסקער אַדלמאַן און אַדוואָקאַט לענין. ס'איז כּדאי צו פאַרגלייכן מיט דעם די ווערטער פון ראָבעספּיערן. פאַרטיידיקנדיק פאַר'ן קאָנווענט דעם פּרעריאַלגעזעץ וועגן טעראָר האָט ער געזאָגט אין יוני 1794: „בכדי צו טויטן די שונאים פון פאָטערלאַנד, איז גענוג פעסטצושטעלן זייער פּערזענלעכקייט. עס פאָדערט זיך ניט קיין שטראָף, נאָר אַ פאַרניכטונג".

אָדער אפשר פאַרשטיין מיר, אַז אפן פוסטן ארט, וואָס וועט בלייבן נאָך אַזאַ מין קרבן-חטאת, וועט שוין קיין שום לעבן ניט אויפבליען, אַז אין רויך פון דעם שונא'ס בלוט וועלן אַלע דערשטיקט ווערן — סיי די צדיקים, סיי די רשעים? פאַרוואָס זשע באַנעמט עס ניט, בעת מע דערלאַנגט אונז קאַליגולע'ס חלומות אין קלענערע דאָזעס? וויפיל ביטערע און שרעקלעכע אמת'ן האָבן די בעסטע פון דער וועלט געזאָגט וועגן די אַלטע, נאַציאָנאַלע מלחמות. ווי שאַרף און ריכטיק אַ גאַרשין, אַ טאָלסטאָי, אַנדרעיעוו, מאָפּאַסאַן, באַרביוס און ליאַצקאָ האָבן אָפּגעשפּיגלט די צעעסנדיקע און פאַרדאָרבנדיקע השפעה פון דער מלחמה, וואָס ווערט געפירט לשם נאַציאָנאַלע אָדער דינאַסטישע צילן. ערגער, טויזנט מאָל ערגער און טיפער איז די השפעה פון אַ בירגער-קריג! ווייל דאָרטן איז דאָך אַ שטורמווינט, וואָס טראָגט זיך מיט טויט און חורבן, דאָ איז אַ אנשטעקונג, וואָס גייט אין דער טיף. דאָרטן זיינען פון אויסנווייניק — אָנגעבונדענע נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן, וואָס ברענען ציטווייליק מיט אַ פלאַקער פייער, וואָס ווערן אָבער גיך אויסגעלאָשן, ווייל זיי זיינען געקינצלט. דאָרטן איז אַ קינסטלעכע פיינדשאַפט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, אַ פיינדשאַפט, וואָס גייט אויס מיטן סוף פון דער אויסערלעכער מלחמה-סביבה. דאָ אָבער, אין דעם בירגער-קריג, אין דעם קאַמף צווישן אָרעמע און רייכע זעהן מיר סאָציאַלע ליידנשאַפטן, וואָס דרעמלען פון אייביק אָן אין די נשמות פון די קעמפנדיקע, און וואָס צעברענען זיך דעריבער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דאָ איז אַ נאַטירלעכע שנאה צווישן איינעם און דעם זעלבן פאָלק, און אַזאַ שנאה ענדיקט זיך ניט מיטן סוף פון דער מלחמה-סביבה. נאָך די נאַציאָנאַלע מלחמות גייען זיך די פאַר'סמ'טע מיט שנאה מענטשען פונאַנדער אין פאַרשיידענע זייטן, און אָפּגעזונדערטע מיט מרחקים פון די נעכטיקע פיינד, געפינען זיי וועגן צו דער שרחה פון עבר. בײַ אַ בירגער-קריג אָבער בלייבן ביידע מחנות אין די גרעניצן פון זעלבן לאַנד, און אויך אף ווייטער פאַרפעסטעט די געמיינזאַמע שנאה זייער אַלגעמיינעם פאטערלאַנד, זייערע קומענדיקע דורות. און אויב אַזוי — איז דאָך קלאָר אף וויפיל דער בירגער-קריג איז פאַרביסענער, אכזריות'דיקער, געפערלעכער פאַר דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דער פאָלקס-נשמה, און ווי אויפמערקזאַם, ווי גאוניש-אויפמערקזאַם די אָנפירער פונם קריג דאַרפן זיך עס צוהערן צו די זיינע השפעות!

לאָמיר נאָך אַ מאָל אַרויפברענגען אַפן זכרון לאַצים'עס ווערטער, און מיר וועלן זעהן, ווי ווייט מיר זיינען פון אַזאַ מין פאַרשטייעניש. שלאַג, פאַרטיליג, פאַרניכט — דאָס זיינען די איינציקע ווערטער פון זיין קאָדעקס פון בירגער-קריג. וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער טעות עס שטעקט אָבער אין אַזאַ

פרוש פון בירגער־קריג! אין אַזאַ אויסטייטשונג שטעלט ער זיך אַלס ציל *אויסצוראָטן* דעם קעגנער, פאַרטרייבן אים פולקום פון דער וועלט, פאַרבייטן אינגאַנצן איין קלאַס מיטן אַנדערן אָדער מיט אַנדערע. דער בירגער־קריג האָט אָבער אין דער אמת'ן גאָר אַנ'אַנדערע און גראָד אַ היפוכ'דיקע ציל: באַהערשן דעם קעגנער, צערזעצן אים פון *איניעווייניק*, מאָראַליש באַזיגן אים. איטלעכער קאַמף קען שטרעבן סיי צו דער פאַרניכטונג, סיי צו דער באַהערשונג פון שונא. די נאַציאָנאַלע מלחמות פלעגן שטעלן פאַר זיך אַמאָל איינע און אַ מאָל די אַנדערע אויפגאַבע. דער בירגער־קריג איז אָבער לויטן עצם מהות זיינעם געווענדעט אַף די *צוציאונג* פון די פיינדלעכע אָדער נייטראַלע סאָציאַלע שיכטן צו דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג, אַף זייער צופּאַסונג צו איר, אַף זייער אַסימילירונג מיט איר. ווייל ביידע לאַגערס געהערן דאָך צו דער זעלבער איינהייט — צו איין פאטערלאַנד, מדינה, פאָלק. און ביידע זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער קעגנער זאָל אָפּגעהיט ווערן צוליב דער דאָזיקער „געמיינזאַמער“ איינהייט, צוליב'ן פאטערלאַנד אַשטייגער. אויב דער כּלל איז ניט אַלעמאָל ריכטיק פאַר ביידע לאַגערס, איז ער אָבער, בלי שום ספק, ריכטיק פאַר יענעם צד פון דעם סאָציאַלן קריג, וואָס קעמפט פאַר אַ נייער, פאַר אַ גערעכטערער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. איז ער דעריבער נאָך שטאַרקער חל אַף די אַרבעטענדע, וואָס טרעטן אַריין אין בירגער־קריג לשם אַ *סאָציאַליסטישער* אָרדנונג. דער כּלל ווערט נאָך שטאַרקער מחמת דעם, וואָס נאָר אַ גאַנץ קליינער מעוט פון קעגנערישן קעמפנדיקן צד באַשטייט פון אמת'דיקע פאַרטרעטער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן (פריצים, באַנקירן, בורזשואַ). דאָס רוב זיינען עס די אייגענע *אַרבעטס מענטשן* (פויערים, אַרבעטער, אינאָראָדצעס), וואָס זיינען מיטגעצויגן אָדער מיט כּח מאָביליזירט דורך דער בורזשואַזיע און וואָס טרעפן זיך צונויף אין זייער אָפּענעם קאַמף מיטן רעוואָלוציאָנערן חיל מיט אַנדערע אויך אַרבעטענדע. און אויך דער קליינער טייל פון דעם קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן לאַגער, וואָס *געהערט פערזענלעך* צו די אין דער געשיכטע פאַרמשפּטע הערשענדיקע קלאַסן, באַשטייט נאָך ניט אַלעמאָל פון אַזעלכע קלאַסן *שונאים*, וואָס עס איז שוין זיי גאָרניט צו פאַרענדערן; אַף וויפיל עס ווירקט אין זיי נאָר די היסטאָרישע טראַדיציע, די קלאַסן־דערציאונג, די פאַראורטיילן פון ראַנג און קאַסטע, דער פּחד פאַר דער אייגענער עפנטלעכער מיינונג, דער בלינדער בלוט־אינסטינקט. ווי פאַרוויקלט ווערט עס אַף אַזאַ אופן די פּאָליטיק — ניט די טעכניק — פון בירגער־קריג *).

---

*) אַ ביטערן טעות האָט געהאַט דער קאָנווענט פון 93 יאָר, בעת ער האָט אין זיין פּאָליטישן גרימצאָרן אָן אַ סוף פאַרטיליגט די פויערשע וואַנדייע;

אין אונזער בירגער-קריג ווילן מיר ניט עוקר מהשרש זיין די דאנער אָדער קובאַנער קאָזאַקן, אָדער דאָס אוראַלער פּויערטום, אומגעקערט — מיר ווילן זיי איינגאַנצן אָפּהיטן פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (ניט אַלס שטאַנד נאָר אַלס אַרבעטס-גרופּן). ווי זשע קען גאָר קומען דער געדאַנק וועגן דער פאַרניכטונג פון „קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן“ לאַגער? ניט אין דעם באַשטייט די פּאָליטיק פון בירגער-קריג, אַז דער אָדער יענער זאָל אויסגעראָטן ווערן פון די רייען פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, — און מעג ער זיין אפילו דער אויסגעשפּראָכענסטער פאַרשטייער פון אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס, — נאָר גראד פאַרקערט — אין דער סאָלידאַריזירונג פון אַלעמען אונטער איין דאַך פון דעם געמיינזאַמען נייעם היים. אויב דער קעגנערישער לאַגער קעמפט מיט אונז פיזיש און אפילו גייסטיק — דאַרפן מיר קודם כל אָפּשוואַכן אים אינערלעך מיט אונזער גייסטיקן געווער, מיטן אמת פון אונזער זאַך, מיטן ענטוזיאַזם פון אונזער גלויבן און נאָר אין העכסטן פאַל זאָלן מיר אָנקומען צום פיזישן קאַמף ווי צו אַ אומפאַרמיידלעכן בייז. אויך דאַן אָבער באַשטייט אונזער אויפגאַבע אין דעם, מיר זאָלן כסדר אויסנוצן יעדע געלעגנהייט בכדי אַראָפּצולאָזן דעם שווערד און פאַרבייטן אים מיטן סאָציאַליסטישן פּרעדיגט, שפּאַלטן מיט אונזער אמת די רייען פון אונזערע שונאים, וועקן אין זיי די אַלגעמיין-מענטשלעכע און אַרבעטס-סטרונעס, וואָס זיינען דורכן קאַמף פאַרהילכט געוואָרן, אַריבערציען זיי מיט אַ גייסטיקער „צוואַנג“ אַף אונזער צד. ווייל ניט אַף איין רגע טאָרן מיר ניט פאַרגעסן, אַז ניט קיין נייע דעספּאָטישע אָדער קלאַסן-אָרדנונג ווילן מיר בויען, נאָר אַ אָרדנונג פון אַלגעמיין-מענטשלעכער ברידערלעכקייט, באַ וועלכער עס איז אונז טייער איטלעכער מענטש, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעריסן די קלאַסן-הייטל. און טאָמער דערווייטערט זיך אַפּן אַוועקטינער באַרג פון סאָציאַלער מחלוקות דער קעגנערישער קלאַס און זיינע מיטגייער, — באַשטייט די אויפגאַבע פון אונזער בירגער-קריג ניט אין דער פאַרניכטונג פון די אַוועקגעגאַנגענע נאָר פון אוועקטין אַליין, פון דעם מקור און יסוד פון דער מחלוקת, וואָס צעטיילט די מענטשן. ניט דער וועט זיגן, וואָס וועט פאַרפילן זיין וועג מיטן רויך פון שרפות און מיט טויזנטער הרוגים; נאָר דער וואָס האָט מיטן גלאַנץ פון זיינע אידעען און מיטן שיין פון זיין מאָראַלישן אמת געבראַכט טויזנטער מענטשן

ווייל פאַרניכטנדיק לשם טאַקטישע דערפאָלגן מאַסן שונאים, האָט ער דאָך אין דער זעלבער צייט דער׳הרג׳עט די לעבעדיקע כחות פון פּויערטום, וואָס זיינען אַזוי נויטיק פאַר דער נייער אָרדנונג, וואָס ווערט געשאַפן. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער אַרויסטרעטונג פון פּיליפּאָ קעגן דויער פון דער וואַנדייער שחיטה און די אונטערשטיצונג, וואָס דאַנטאָן האָט אים געגעבן אין דער פראַגע.

ווי געפאַנגענע צו זיך אין לאַגער. נאָר ווען אַזאַ נצחון קען טרוימען אַ בירגער=קריג, וואָס ווערט געפירט אונטער דער רויטער אַרבעטס=פאָן.

אָבער אַ בירגער=קריג, וואָס שאַנעוועט ניט קיין מענטשן און קיין מענטשלעכע געפילן, וואָס האַלט אין איין רייצן די אוראַלטע קלאַסן=ליידנשאַפטן, וואָס וואַרפט כסדר אונטער נייע ברען=שטאָף אין דעם סאָציאַלן האַלץ=שייטער, וואָס פאַראייביקט זיך אַליין — אַזאַ קריג איז ניט מסוגל פונ'סניי צו דערציען די אַלטע וועלט. לא די וואָס ער ציט ניט אַריין קיין נייע שיכטן און קרייזן אין תחום פון דער נייער געזעלשאַפט, — ער פאַרשמעלערט נאָך אירע ראַמען, פאַרטרייבט פון איר די נאַטירלעכע און מעגלעכע אנהענגער און פריינד. אין אונזער לאַגער שאַפט ער אַליץ מעהר און מעהר ידידים און פריינד פון צד שכנגד. און אויב ער שאַפט ניט אָט די אקטיווע קעגנגעזעצטע סימפאַטיעס — בכל אופן רופט ער אַרויס אַ שרעקלעכע, שווייגנדיקע=קאַלטע, פאַרפרירנדיקע אַטמאָספער פון גלייכגילטיקייט צו ביידע צדדים, וואָס פאַרוואַנדלט דעם בירגער=קריג פון אַ גרויסער היסטאָרישער דין=תורה צווישן דער אַלטער און נייער וועלט אין אַ פשוטע „קריגס=קאַמפאַניע" פון רויטע און ווייסע. אין אַזאַ בירגער=קריג איז קיין רעוואָליוציע ניטאָ, ס'איז פאַראַן נאָר אַ קאַמף פון צוויי רעגירונגען פאַר דער מאַכט, אַ קאַמף, וואָס פירט זיך ביי דעם שטילשווייגן פון פאָלק.

און נאָך איינס: לויט זיין טיפערן מהות איז דער בירגער=קריג ניט קיין פראָצעס פון מענטשן=פאַרניכטונג. ער איז מסירות=נפש פון אַ פאָלק, אַ מאַסן=גבורה, אַ פרעדיגט פון דער אידעע מיט לייב און לעבן (און ניט נאָר מיט געדאַנק און וואָרט). דעריבער האָט ער אַ אינערלעכע גייסטיקע קרוב'שאַפט צו אונזער אַמאָליקן טראָר — צום טראָר פון אַ באַלאַמאַשעוו און אַ קאַלאַיעוו. ווייל אי דאָ אי דאָרטן האָבן מיר מער צו טאָן מיט'ן שטאַרבן פאַר דער אידעע, ווי מיטן טויטן לשם איר. דאָרטן איז עס אַ פערזענלעכע העלדישקייט פון אַ רעוואָליוציאָנער, דאָ — אַ מאַסן גבורה פון רעוואָליוציאָנערן פאָלק. דעריבער קאָן דער בירגער=קריג זיין נאָר אַ פריוויליקער, דעריבער קען ער געפירט ווערן נאָר דורך קעמפער, וואָס האָבן באַוואוסטזיניק אויסגעקליבן זייער וועג. און ווער ווייס — אפשר העננט דער פאַרניכטונגס=כאַראַקטער פון בירגער=קריג, וואָס ווערט איצט געפרעדיקט, אין אַ גרויסער מאָס אָפּ פון דעם צוואַנג=פרינציפ, וואָס אף אים איז געבויט די רעוואָליוציאָנערע אַרמיי. דער אידעאַליסטישער, העראָישער כאַראַקטער פון בירגער=קריג גייט אויס, מוז אויסגיין, אויב ער ווערט געפירט, ווי די נאַציאָנאַלע מלחמות לויט אַ צוואַנג=מאָביליזאַציע, אויב די קעמפער האָבן ניט קיין

סובּיעקטיווע פאַרשטייניש פון זייער חוב, אויב די בלוט=פאַרגיסונג קומט פאַר על פּי הכרח, ווי אַ פליכט.

ניטאָ קיין שיעור פאַר דער אכזריות פון בּירגער=קריג, אומבאַגרענצט איז זי אויך אין דער סיסטעם פון אינערלעכן רויטן טעראָר. דאָס האָט קלאָר באַוויזן טאַקע דער זעלבּער אָפיציעלער מלוכה=געדאַנק. ניט אַבי וואו נאָר אין דעם ,,Еженедельник чрезв. ком.“ (וואָכענשריפט פון דער טשעקאַ) אַליין איז אין אָקטאָבּער 1918 (№ 3) אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ בּריף פון די נאַלינער (וויאַטקער גוב.) באָלשעוויקעס מיטן קעפּל: ,,почему вы миндальничаете?“ (וואָס צאַצקעט איר זיך?*). די מחבּרים פון בּריוו זיינען אויפגעבּראַכט אַף דער ידיעה, אַז „דער ענגלישער דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער לאָקאַרט, וועמעס מעשים מע האָט אויפגעדעקט, איז אַוועק פון טשעקאַ שטאַרק מבולבלדיק“. „זאָגט זשע — דונערט דער בּריף — פאַרוואָס האָט איר אָט דעם זעלבּיקן לאָקאַרט ניט געפּייניקט מיט די סאַמע ראַפינירטע עינויים, בּכדי אַרויסצובאַקומען בּאַ אים די פילע ידיעות און אַדרעסן, וואָס עס מוז געווים פאַרמאָגן אַזאַ מין חפץ!.. פון דער באַשרייבונג פון די עינויים האָט געדאַרפט אַרומנעמען שוידער און שרעק אַלע קאָנטר=רעוואָליוציאָנערן. זאָגט, למאי האָט איר אים אנשטאָט דעם געלאָזן „אַוועקגעהן פון טשעקאַ שטאַרק מבולבלדיק?“ זאָל וויסן איטלעכער ענגלישער אַרבּעטער, אַז דער אָפּיציעלער פאַרשטייער פון זיין לאַנד פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע געשעפטן, פאַר וועלכע מע מוז אים אַזוי פּייניקן“. דער בּריוו ענדיקט זיך מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אַ סוף צו די סענטימענטן... מע האָט געפּאַקט אַ געפערליכן חברה'מאַן, דאַרף מען אַרויסבאַקומען פון אים אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, און משלח זיין אים אַף יענע וועלט“. און די רעדאַקציע פון דעם „סאָציאַליסטישן אָרגאַן“ איז מוסיף, אַז „פּרינציפּיעל איז זי מיט דעם בּריוו מסכּים“... די באַמערקונג פון דער מאָסקווער רעדאַקציע צו דעם בּריוו זאָגט עדות, אַז די וויאַטקער באָלשעוויקעס זיינען, חלילא, ניט געווען קיין יחידים אָדער אויטאָפּיסטן. דער פאַרנעם פון דעם טעאָריסטישן געדאַנק האָט שוין קיין שום גרעניצן פאַר זיך ניט געהאַט. די רוסישע פּראָווינץ און די פאַרוואָרפענע שטעטלעך און דערפער וועלן נאַנץ גיך באַווייזן, בּיז וואַנען עס קען דערפליהן אָט דער פענדל, וואָס האָט איינמאָל געקראָגן אַ שטופּ פון דער צעבּושעוועטער האַנט. אויבּן אָן, אין

*) דער דאָזיקער סאָציאַליסטישער אויסדרוק איז צום ערשטן מאָל אָפּיציעל פאַרהייליקט געוואָרן אין פּעטראָווסקי'ס צירקוליאַר. די פּראָווינץ איז ווייער לייכט צוגעשטאַנען צו דער דאָזיקער טערמינאָלאָגיע.

די הויפּט=שטעט האָט מען נאָך געגרייט הויפּטזעכלעך קעגן די קאָנטר=רעוואָליוציאָנערן ריטער, וואָס מע האָט לשם זיכערהייט נאָך אומגעוויקלט מיט „טעאָריעס“. לאָמיר אָבער אַ קוק טאָן, אין וואָס פֿאַר אַ בייטשן פֿון אימה און צער די דאָזיקע „טעאָריעס“ האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די טיפֿע=נישן פֿון רוסלאַנד, וואו דער דאָרף האָט באמונה ובלב תמים מקבל געווען די רעוואָליוציע. ניט איין וואָרט גוזמא וועט דאָ ניט זיין, נאָר דער אמת, אַ קליין ברעקעלע פֿון דער אַלרוסישער אימה און קלאָג *).

אין קאָסטראָמער גובערניע, אין דאָרף אורען האָבן זיך אויסגעצייכנט „דער פֿאַרשטייער פֿון איספּאָלקאָם רעכאַלעוו און זיינע נאָענסטע מיטאַרבעטער פֿון סאָוועט. שלאָגן דעם עולם, וואָס קומט עפּעס בעטן אין סאָוועט — דאָס איז געוואָרן אַ שטייגער=זאַך; פּונקט אַזוי פֿלעגט מען שלאָגן אין די קלענערע דערפֿער. אין בערעזאָווקע, למשל, פֿלעגט מען די פּויערים שלאָגן ניט נאָר מיט די פֿויסטן, נאָר אויך מיט שטעקנס; פֿון די געשלאָגענע פֿלעגט מען אַראָפּנעמען די שטיוול, מע פֿלעגט זיי אַריינזעצן אין אַ קעלער אין שניי“. „ניט נאָר איין רעכאַלעוו מיט זיין חברה האָבן זיך קונה שם געווען אין אורענער געגנט, נאָר אויך די מיטגלידער פֿון וואַרנאַווינער איספּאָלקאָם גאַלאָכאָוו, מאַכאָוו, א. אנד. באַזונדערס האָבן זיי געוויזן וואָס זיי קענען בעת די ברויט=רעקוויזיציעס... צופֿאָרנדיק צו אַ דאָרף, פֿלעגט דער אָטריאַד פֿון גאַלאָכאָוו און מאַכאָוו אָנהייבן אַ שיסעריי פֿון קוילן=וואַרפֿער, בכדי איבערצושרעקן די איינוואוינער. די פּויערים פֿלעגן שוין לכתחילה אָנטאָן צו פֿינף העמדער און מער, כדי זיי זאָלן ניט שפּירן די שמיץ דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפֿן, ווייל נאָך די שמיץ, וואָס זיינען געווען צונויפֿגעפֿלאָכטן פֿון דראָט, פֿלעגן די העמדער זיך אַריינשניידן אין די פֿלייש און פֿלעגן אַזוי פֿאַרטריקנט ווערן, אַז מע פֿלעגט זיי מוזן באַם אַראָפּנעמען אָפּנעצן מיט וואַרמע וואַסער“. „מאַכאָוו האָט געהייסן — דערציילט איין רויט=אַרמייער — „מיר זאָלן גוט אַריינשיטן די אַרעסטירטע פּויערים, ד. ה. אַ שמיץ טאָן מיט דער נאַגייקע, און האָט געזאָגט: „איידער שלעפּן זיי מיט זיך שיט זיי אַזוי אַריין, אַז זיי זאָלן גוט געדענקען די ראַטן=מאַכט“. „מע מאַכט אונז אומגליקלעך“, שרייבט אַ וואָלאָסט=פֿאַרזאַמלונג פֿון קאָסטראָמער גובערניע, „מע פֿאַרגוואַלדיגט אונזער רצון, מע האַלומעט זיך איבער אונז, ווי איבער בהמות“*). אין וועטלוגער און וואַרנאַווינער אויעזדן פֿון דער זעלבער גובערניע פֿלעגן „די פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט, קומענדיק אין אַ דאָרף

---

*) די ציטאַטן זיינען גענומען פֿון דער „פּראַוודאַ“, פֿון די „Изв. В. Ц И. К., פֿון „ספּירידאָנאָו'ס בריוו“ Бюллетень Ц. К. П. Л. С. Р (די מאַטעריאַלן זיינען נאָר פֿאַרן יאָר 1919).

*) В. Ц. И. К. 23 I. 1919.

צווינגען דעם גאַנצן סכאָד (פּויערים פאַרזאַמלונג) שטעלן זיך אַף די קני — די פּויערים זאָלן פילן דרך־ארץ פאַר די „ראַטן־מאַכט“.

דאָס געזעץ וועגן „קאָמיטעטן פון דאָרפישער אָרעמקייט“, וואָס האָט געזאָלט קעמפן קעגן די „קולאַקעס“ אין דאָרף, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן און אפילו אָרגאַניזירט דעם ווילדן באַלעבאַטעווען פון טעראָר! ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן, אַז אין עלף אויסגעפאָרשטע גובערניעס איז סך־הכל געווען נאָר 1,8% קולאַקעס. „אַף אַזאַ אופן זיינען די אָרעמקייט־קאָמיטעטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוואָפנטע דיקטאַטור פון 3—4 אָפּטמאָל צופעליקע מענטשן קעגן דעם אמת'דיקן אַרבעטס־פּויערטום. און צוגלייך מיט דעם איז געווען אַ גאַנצער מבול פון רויבערייען און מעשים־תעתועים קעגן גאַנצן אַרבעטנדן פּויערטום“. (לאַרינס אַרטיקל אין די „איזוועסטיא“ № 226, 1918). „אין כוואַלינער אויעזד סאַראַטאָווער גוב. זיינען אָנגעקומען אין דאָרף רויטע אַרמייער אין אַ רעקוויזיציע אָטריאַד. זייערע דריי מנהיגים האָט באַנאַכט צונויפגעזאַמלט די פּויערים, האָבן זיי געהייסן איינהייצן די באָד און ברענגען צוטרייבן אַהין מיידלעך. „די שענסטע מיידלעך, יונגע“. האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויצעקו, געוואָרן אַ געשלעק, עמיצער, פון די רויט־אַרמייער האָט אויסגעשאָסן. האָט מען זיך אָפּגעשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט — איינעם פון די מנהיגים דער'הרגעט, די אַנדערע צוויי זיינען צוזאַמען מיט אָטריאַד אַנטלאָפן. („פּראַוודאַ“, № 265, 1918). אַזוי פלעגן אַרויסגערופן ווערן די צאָלרייכע פּויערים־אויפשטאַנדן, וואָס פלעגן דערנאָך אומרחמנות'דיק ווערן אונטערדריקט און פונדאָסניי פלעגט זיך שאַפן אַ מקור פון אומרוען און פאַרביטערונג. אין ניקאָלאַיעווער אויעזד פון וואָלאָגאָדער גוב. פלעגט מען „אומבאַרמהערציג אָפּנעמען ניט דעם עודף, נאָר טאַקע ממש דאָס לעצטע שטיקל ברויט. די פאַרזאַמלונג האָט מען מיט אַ שיסעריי צוטריבן, ס'איז פאָרגעקומען אַ „אויפשטאַנד“, אָבער ניט פון קולאַקעס, נאָר פון די אָרעמע. „די טשעקא פלעגט מאַסנוויז פאַרשפּאַרן די פּויערים אין אַ קאַלטן שפּייכלער, מע פלעגט זיי אויסטאָן נאַקעטערהייט און שלאָגן מיט שאָמפּאָלעס. די אָרטיקע טוער פלעגן זאָגן: „מע האָט אָנגעזאָגט פון צענטר, אַז עס איז בעסער איבערזאַלצן איידער ניט דערזאַלצן“. דאָרטן פלעגט פאָרקומען אויך אַ אינקוויזיציע — פאַרהער מיט פּייניקונגען.

אין צוויי אויעזדן פון טאַמבאָווער גובערניע פלעגט מען זאָגן, אַז „קיין זאַך וואָלט ניט אַרויסגעקומען, אויב אונזערע חברים, וואָס האָבן באַקומען וואַרעמע ערטער, וואָלטן ניט געוואָרן קיין אוריאַדניקעס און גאָרדעווויס“ („פּראַוודאַ“, № 265) „די קאָמוניסטן (אין טאַמבאָווער גוב., ספּאַסקער אויעזד) נעמען אַליין אָפּ באַם אַרבעטס־פּויערטום; זאָגט מען אַ וואָרט אַנטקעגן — ווערט מען אַרעסטירט, צעממית'ט, דערשאָסן. אַלע כוליגאַנעס, שאַרלאַטאַנעס און ליי־

דיקגייער רופט מען באַ אונז מיטן נאָמען „קאָמוניסט“. די קאָמוניסטן באַ־טראַכט מען ווי פאָלקס־שונאים, מחמת די מעשים־תעתועים, וואָס זיי פירן אָפּ. („פּראַוודא“, № 280). „אַמאָליקע צייטן — זאָגט מען אין מאַקאַריעווע — פלעגן די פּריסטאַוועס ניט רייטן אַף׳ן פּויער, טוען עס היינט די קאָמו־ניסטן“. אין דוכאָווישטשינע, סמאָלענסקער גוב. איז דער גאַנצער איספּאָלקאָם געווען איין שכורע חברה און אים דאַרף מען פאַרדאַנקען דעם אויפשטאַנד. איין אָרעמקייט־קאָמיטעט קריגט פון דערנערונג־קאָמיסאַר אַזאַ באַפעל: „זאָגט אָן אייערע בירגער, אַז איך גיב זיי 3 טאָג צייט בכדי זיי זאָלן ברענגען צופירן צען טויזנד פוד ברויט. אַז מען וועט עס ניט מקיים זיין וועל איך אַלעמען דערשיסן, ווייל היינט באַנאַכט האָב איך שוין איינעם אַ אויסוואורף דערשאָסן אין דאָרף וואַרוואַרינקא: מיין באַפולמעכטיקטער דער־און־דער האָט דאָס רעכט צו צעשיסן די ווידערשפּענסטיקע, און דער עיקר די נידעטרעכטיקע וואָלאָסט“... („איזוועסטיע“ № 7). אין ליווני אָרלאָווער גוב., שמייסט מען און מע שיסט פאַרן ברענגען נאָר איין העלפּט פון אָפּצאָל.

אפשר איז שוין גענוג מיט די בילדער פון רעוואָליוציאָנערן לאַנד? אפשר זאָלן מיר אויפהערן די באַשרייבונג פון דער „איבערגאַנג־תקופה צום סאָ־ציאַליזם“? טאָמער זיינען מיר שוין דערגאַנגען ביזן לעצטן גרעניץ?

ניין, נאָך ניט גענוג, נאָך ניט דערגאַנגען, לאָמיר זיך ווייטער צוקוקן.

„מע האָט אונז פון אַ רעקוויזיציע־אָטריאַד צעשטעלט אין אַ רייע“ — שרייבט מען אין איין בריוו — „אַ גאַנצע דריטל פון וואָלאָסט, און אין אָן־וועזנהייט פון די אַנדערע צוויי דריטל האָט מען אונז געהאַקט מיט די פויסטן פון רעכטס אף לינקס, און אַז עמיצער פלעקט פּרובן מאַכן אַ ויברח פלעגט מען זיך אַ נעם טאָן צו די צופלינעם“. („בריוו פון ספּירידאָנאָווא צום צ. ק. פון די באָלשעוויקעס“). אָדער פון אַ צווייטן בריוו: „אַז ס׳פלעגן אונטערקומען די באָלשעוויקעס, פלעגט מען אָנטאָן אף זיך אַלע העמדער און אפילו ווייבערשע יאַקלעך, בכדי אָפּשוואַכן די שמערצן; די רויט־אַרמייער זיינען אָבער שוין געווען אַזוי געניט, אַז צוויי העמדער אַלע מאָל פלעגן זיך איינשניידען אין לייב פונם פּויער. דערנאָך פלעגט מען עס אַראָפּנעמען מיט וואַסער אין באָד אָדער פשוט אין טייך, אַנדערע פלעגן זיך גאַנצע וואָכן ניט קענען ליינען אפן רוקן. אַלץ ביז אַ האָר האָט מען באַ אונז אָפּגענומען, באַ די ווייבער — אַלע קליידער און שטאָפן, באַ די פּויערים — די רעקלעך, זייגערס, שטיוול, פון ברויט איז שוין אָפּגערעדט“. פון נאָך אַ בריוו: „מע האָט אונז געבונדן, געשלאָגן; איינעם האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט באַצווינגען, האָט מען אים דער׳הרג׳עט, געווען איז ער אָבער אַ משוגענער... אַ סך בלעטער און ביכלעך האָבן זיי אונז געלאָזן, האָבן מיר זיי

פאַרברענט, דאָס איז אַלץ שקר און חניפה". „אין די
אָרעמקייט־קאָמיטעטן געהן נאָר קולאַקעס און כוליגאַנעס; זיי פאָרן זיך
אַרום אף אונזערע פערד, יעדן הויז כסדר צווינגען זיי קאָכן זיך מיטאָגס. זיי
נעמען אפּ אונזער געלט, טיילן עס צווישן זיך, און נאָר אַ קליינער פּראָצענט
שיקן זיי אָפּ קיין קאַזאַן. זיי האָבן געהייסן אָפּנעמען די בהמות באַ די פּויע־
רים". (ספּירידאָנאָוואַס בריוו). פון אַן אַנדער בריוו: „מיר האָבן ניט באַ־
האַלטן קיין ברויט, ווי מען'ט געהייסן לויטן דעקרעט, האָבן מיר געלאָזן פאַר
זיך צו 9 פּוד אף אַ יאָר אף איין מענטשן. האָט מען צוגעשיקט אַ דע־
קרעט מע זאָל זיך לאָזן גאָר 7 פּוד, 2 אָפּגעבן — אָפּגעגעבן. זיינען גע־
קומען באָלשעוויקעס מיט אַ אָטריאַד, איינגאַנצן חרוב געמאַכט. האָבן מיר
זיך אַ שטעל געטאָן. אין יוכנאָווער אויעזד איז שלעכט, די אַרטילעריע האָט
זיי צעקלאַפּט. דערפאַר ברענען, הייזער מיט ערד אויסגעגליכן. אַלץ פלעגן
מיר אָפּגעבן, געוואָלט מיט גוטן, געוואוסט די שטאָט הונגערט, זיך אַליין
ניט געשאַנעוועט". פון אַן אַנדערן: „די רעקוויזיציע־אָטריאַדן א. אַנד. האָבן
ממש ביז טויט פאַרמאַטערט די אַרבעטס־פּויערים. ס'האָט זיך געקערט עפּעס
אַזוינס, וואָס לייגט זיך ניט אַפן שכל, מע האָט געראַבעוועט, געשלאָגן, גע־
שמיסן, געוואַלדעוועט, אַלץ צוגענומען. שטענדיק באַוואפנטע, שכורע, מיט
קוילנוואַרפער... דעם קאָמיסאַר פון סטאַנציע האָט מען שיעור ניט צע'ממית'ט,
אָנגעסטראַשעט אים מיט אַ פּאַפּירעלע וואָס האָט זיי כלומערשט געגעבן דאָס
רעכט צו טאָן אַלץ, וואָס זיי ווילן". כאַראַקטעריסטיש איז בעת די אַלע מעשים־
תעתועים האָבן זיי געררעוועט ווי חיות, אויסשרייענדיק איינצלנע, ניט צונויפ־
געבונדענע ווערטער: „וואָס, קאָנטר־רעוואָליוציע איינגעפירט... ניין, וואַרט...
מיר ווילן אייך... אָט אַזוי... צו דער וואַנט... און פאַרטיק". די פער־
זאָן צו וועמען מע האָט געשיקט די אַלע בריוו, שרייבט: „ס'זיינען פאַררע־
גיסטרירט אייניקע גובערניעס, וואו מע האָט געשמיסן פּויערים. די צאָל צע־
שיסונגען, הריגות פאַר אַלעמען אין די אויגן און אין דער נאַכט־פינסטערניש,
אָן אַ משפּט ערגיץ אין הינטער־קאַמערן, פאַר „קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע" אַרוים־
טרעטונגען און „קולאַק"־אויפשטאַנדן, אין וועלכע ס'פלעגן זיך אַ שטעל טאָן
15 טויזנטיקע געמיינדעס ווי איין מענטש — דאָס איז גאָר אומ־
מעגלעך צו באַרעכענען. די בערכ'דיקע ציפערן זיינען שוין
ווייט אַריבערגעשטיגן די צאָל קרבנות פון די שטראָף־
עקספּעדיציעס פון די יאָרן 6—1905". („ספּירידאָנאָוואַ'ס בריוו").

מע פלעגט, למשל, הרג'ענען לינקע ס.ר. „אָפּטמאָל הרג'ען דערפאַר, וואָס זיי
זיינען לינקע ס. ר. און פאַר'עקשנען זיך אף דעם; מע פלעגט הרג'ען, פּייניקן,
האַלומען זיך. אין קאָטעלניטשי, למשל, האָט מען דער'הרג'עט די לינקע

ס.ר. מאכנאָוו און מיסונא נאָר פאַר זייער פאַרטייאישקייט...ביידע זיינען זיי בפועל ממש געווען קינדער פון דער איצטיקער פאָלקס־רעוואָליוציע, זיי זיינען אַרויס פון די טיפעניש פון אירע, אויסגעגלייכט זיך, און אַזוי געאַרבעט, אַז וועגן מיסונא פלעגט מען דערציילן לעגענדעס אין גאַנצן געגנט, אומעטום, וואו ער פלעגט זיך נאָר באַווייזן, אומבאַמערקבאַרע העלדן, וואָס אַף זייערע רוקנ׳ס האָבן מיר (מיט אייך) דורכגעשלעפט די גאַנצע אָקטאָבער־רעוואָליוציע. מיסונא האָט טייער באַצאָלט דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַר זיין טויט אָפגעזאָגט... צו גראָבן זיך אַליין מיט זיינע אייגענע הענט אַ קבר. מאכנאָוו איז מסכים געווען גראָבן זיך א קבר, אָבער מיטן תנאי, מע זאָל אים לאָזן רעדן פאַרן טויט. ער האָט גערעדט, די לעצטע ווערטער זיינע זיינען געווען: „זאָל לעבן די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע“.

אפשר איז עס שוין געווען געוווּגג פאַרן „סאָציאַליסטישן לאַנד“? אפשר צייט שוין מאַכן אַ סוף צו די באַשרייבונגען? צי דען זיינען מיר נאָך ניט דערגאַנגען ביז דער לעצטער מדרגה?

ניין, נאָך ניט גענוג, נאָך ניט דערגאַנגען, לאָמיר זיך צוקוקן ווייטער.

„אין טולער גוב. זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן אין 5 אויעזדן; אין יעפיפאנישן האָט מען דערשאָסן 150 מאַן, אין אַלעקסינער (וואו מע האָט געפאָדערט נייע וואַלן אין די ראַטן) — 15, אין קראַפּינאָווער — 15, אין באַגאַראַדער — 9“ (ביולעטען פון צ. ק. פון לינקע ס. ר., יאַנואַר 1919, № 1) — אין מעדינער אויעזד קאַלוגער גוב. זיינען צעשאָסן געוואָרן 170 מאַן (דאָרטן זיינען געווען אומערהערטע רעקוויזיציעס פון ברויט און בהמות אין אַ הונגער־גובערניע). מע האָט דערשאָסן פיר לערערינס, וואָס האָבן געשריען, שטאַרבנדיק אונטער די קוילן: „*זאָל לעבן די ריינקייט פון דער ראַטן־מאַכט*“...

אין ריאַזאַנער גוב., ספאַסקער אויעזד, זיינען אין 20 וואָלאָסטן פון 25 פאָרגעקומען אויפשטאַנדן, וואָס מע האָט זיי אונטערדריקט מיט דער גרעסטער אכזריות. הונדערטער מענטשן האָט מען דערשאָסן, אַף יעדן הויף האָט מען אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אין 600 רובל. — אין פראָנסקער אויעזד האָט מען אַף איינעם אַ דאָרף 47 מאָל געשאָסן פון האַרמאַטן, 300 פויערים האָט מען פאַרן אָנטייל אין אויפשטאַנד דערשאָסן. אין ראַנענבורגער אויעזד — אויך 300, אין קאַסימאָווער 150. — אין טאַמבאָווער גוב. איז אין 40 וואָלאָסטן פאָרגעקומען אַ סטיכייאישער אויפשטאַנד. מע האָט אים באַקעמפט ממש אַף חייש׳ן אופן, מע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו בראָנעוויקעס און גיפטיקע גאַזן. מע פלעגט צעשיסן אומשולדיקע, ווייסנדיק לכתחילה, אַז זיי זיינען אומשולדיק, און דערנאָך פלעגט מען זיך מודה זיין: „ס׳איז געווען אומבאַקוועם

אָפּלאָזן זיי, מע וואָלט נאָך געזאָגט, אַז מיר האָבן מורא פֿאַר זיי; ס'איז געווען גויטיק אונטערצוהאַלטן דעם אַוטאָריטעט און די אָרדנונג". אייניקע דערפֿער האָט מען ממש אַראָפּגעווישט מיט אַרטילעריש פֿייער פֿון דער ערד. די צאָל צעשיסונגען קען מען אפֿילו ניט פֿעסטשטעלן...

אין שאצקער אויעזד געפֿינט זיך דאָס ווישינער איקאָנע (מאַדאָנאַ=בילד) וואָס ווערט שטאַרק פֿאַרערט אין פֿאָלק. אין דאָרף האָט געהערשט די שפּאַ=נישע קרענק, וואָס האָט געלעגט איינעם נאָכן אַנדערן. האָט מען איינגעאָרדנט אַ תּפֿלה און אַ צלם=גאַנג. דער פּאָרזיצער פֿון טשעקאַ האָט אַרעסטירט דעם גלח און די איקאָנע. אין דער טשעקאַ האָט מען זיך געהאַלומעט איבער די איקאָנע, „געשפּיגן, געהאַקט מיט איר איבער דער ערד, און אויך דעם באַ=טיושקע כּל=ערליי שלעכטס אָפּגעטאָן. דער שאַצקער אויעזד איז פֿינסטער שבפֿינסטער". זיינען אַלע ווי פֿון זינען אַראָפּ. אַוועק, ווי אַ וואַנט „ראַטעווען די געטלעכע מוטער", ווייבער, זקנים, קינדער. דער פּאָרזיצער פֿון טשעקאַ האָט אָנגעהייבן אַ שיסעריי פֿון קוילנוואַרפֿער. „איך בין אַ סאָלדאַט — שרייבט איינער אַ פּויער — אַ סך מאָל מיט די דייטשן געקעמפּט, נאָר עפּעס אַזוינס האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן. דער קוילנוואַרפֿער שניידט אַ רייע נאָך אַ רייע, און זיי גיהן אַליין ווייטער, זעהען קיין זאַך ניט, גיהן איבער הרוגים, קריכן איבער פֿאַרוואונדעטע, די אויגן מורא'דיקע, האַלטן מאַמעס די קינדער פֿאַר זיך, שרייען: „מוטער, באַשיצערין; ראַטעווע, האָב רחמנות, אַלע זיינען מיר זיך מפֿקיר פֿאַר דיר". קיין שום פּחד האָבן זיי דעמאָלט ניט געהאַט. אַ סך האָבן די צעשראָקענע באָלשעוויקעס דאַן גע'פּטרט פֿון זיי".

אין טווערער גובערניע האָט מען אין 13 וואָלאָסטן צעשאָסן 200 מענטשן אין משך פֿון 7 טעג... אין קאַזאַנער, צעטרייבט מען די סאָוועטן, מע רעקווירט אָן אַ שיעור, טשרעזוויטשייקעס, אויפֿשטאַנדן און אונטער=דריקונגען. „אין אָרסקער וואָלאָסט, קאַזאַנער אויעזד האָט מען געשטעלט איינעם נאָך איינעם 30 פּויערים און געהאַקט מיט אַ שווערד, אַלעמען די קעפּ אַראָפּגעהאַקט"... אין סמאָלענסקער גוב. אין וועליזשער אויעזד האָט מען צעשאָסן 600 מאַן, געפּייניקט מענטשן, און „תּמיד איז דאָ די נאַגייקע".

וואָראָנעזשער, קאָסטראָמער, אָרלאָווער — טויזנט צעשאָסענע. מע האָט געשמיסן פּויערים אין אַלע גובערניעס פֿון מערב=קאַנט, אויך אין ניזשעגאָ=ראָדער, קאַזאַנער, טווערער, פּסקאָווער, וויאַטקער, טאַמבאָווער, ריאַזאַנער, יאַראָסלאַווער, קאַלוגער, טולער. מע שמייסט מיט ריטער, מיט שאמפּאלעס, שטעקנס, נאַגייקעס. מע שלאָגט מיט די פֿויסטן, מיט די ביקסן, מיט רע=וואָלווערס. אין וויאַזמע האָט מען געברענט מיט פֿייער... (ביולעטען פֿון צ. ק. לינקע ס. ר., № 1).

און ספּאַסקער אויעזד, טאַמבאָווער גוב., און אַרדאָטאָווער אויעזד, סימ־בירסקער גוב. באַם איינמאָנען דעם אויסעראָרדנטלעכן אָפּצאָל, טוט מען אויס נאַקעט די עקשנות׳דיקע פּויערים, וואָס צאָלן ניט דעם באַשטימטן סכום, געבונדענערהייט לאָזט מען זיי אַף שטריק ביז 3 מאָל אַראָפּ אין טייך אונטער אייז, מע קייקלט זיי אין שניי, פּאָדערנדיק געלט.. (ביולעטען № 2).

גענוג שוין! מער דאַרף מען ניט. מיר זיינען נאָך ביזן לעצטן גרעניץ ניט דערגאַנגען, און מיר וועלן נאָר ניט דערגעהן צו אים.. און אַ סוף האָט מען געקאָנט ווייטער ציען די באַשרייבונג; אַזוי פיל זיי פאַראַן, אַזוי פאַר־שיידנאַרטיק און אכזריות׳דיק ריידעוודיק; לאָמיר זיך אָבער אָפּשטעלן דאָ, און מער זיך ניט צוריקקערן צו זיי. לאָמיר נאָר איינהאַלטן אין אונזער זכרון די דאָזיקע שוואַרצע בלעטער פון דער רעוואָליוציע, לאָמיר געדענקען און די ווערטער און מעשים, וואָס זיינען מיט אַזאַ חלול־הקודש געטאָן אונטער דער פאָן פון ס אָ צ י אַ ל י ז ם. זאָל אונזער זכרון אָפּהיטנדיק די דאָזיקע ווער־טער און מעשים, העלפן דערנאָך אונזער שכל און געוויסן צו מאַכן די לעצטע מסכנות וועגן טעראָר, וועגן רוסישן טעראָר *).

---

*) מיר ברענגען דאָ אַנ׳אָפּיציעלן באַריכט וועגן די קרבנות פון רויטן טע־ראָר, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין „איזוועסטיאַ“ פון II.—6. 1920 № 26 אין לאַציסעס אַרטיקל. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער באַריכט נעמט אַרום נאָר דאָס, וואָס און ווי ס׳איז פ אַ ר ע ג י ס ט ר י ר ט געוואָרן; כאַראַקטעריסטיש פאַרן טעראָר איז אָבער גראַד זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, ד. ה. די פ אַ ר־ב אַ ה אַ ל ט נ ק י י ט פון אַ גרויסער צאָל קרבנות. דאָס איז בנוגע די הויפּט שטעט וואָס איז שייך דער פּראָווינץ, וואו ער בושעוועט באַזונדער שטאַרק איז בכלל אָפּגערעט וועגן וואָס פאַר אַ ניט איז רעגיסטראַציע פון קרבנות. אַף אַזאַ אופן קאָן דער דאָזיקער באַריכט געבן נאָר אַ גאַניץ שוואַכע פאָרשטעלונג וועגן דעם פאַרנעם פון טעראָר. אָט זיינען די ציפערן:

	1918	1919	סך הכל
צאָל אַרעסטירטע . . .	47·348	80·662	128·010
״ גענומענע עורבים (זאַלאָזשניקעס) .	40·68	5·491	9·559
״ דערשאָסענע . . .	6·185	3·456	9·641

פון דער דאָזיקער צאָל זיינען דערשאָסן געוואָרן פאַר „קאָנטר־רעוואָליו־ציע“ — 7.068, פאַר דינסט־חטאים — 632, ספּעקוליאַציע — 217, פאַר ק ר י מ י נ אַ ל ע חטאים — 1204. באַרעכנענדיק די דאָזיקע קופּעס פון מענטש־לעכן פלייש, פון וועלכע עס גייט נאָך אַ פרישע פאַרע פון בלוט, נעמט זיך נאָר דער מחבר איבער מיט דער רעוואָליוציע פאַר איר „מעסיקייט“ און גע־פינט פאַר איר נאָר איין פאַרענטפערונג: די ווייסע הרג׳ען נאָך מעהר! פונקט ווי די אכזריות פון די רעאַקציאָנערע וועלט וואָלטן געקענט דינען אַלס מאָס־שטאַב פאַר דער רעוואָליוציאָנערער וועלט!

(פאַרגלייך אויך לאַציסעס בראָשור: „2 года борьбы на внутр. фронте“).

IX

אָט דאָס איז דאָס לעבן, דער פּאָן פון אונזער רעוואָליוציע. אָט דאָס זיינען די פֿאַקטן, די אומרחמנות׳דיקעווירקלעכקייט. אונזער אינערלעכע מאָראַלישע זעלבסטעמפּינדונג (לאָמיר עס לע״ע אַזוי אָנרופן) פּראָטעסטירט, פּראָטעסטירט שטורמיש קעגן אַזאַ מין ווירקלעכקייט. קוים וואָס מיר האַלטן איין אונזערע געפילן פון אויפרעקונג, פון צער און צאָרן, בעת מיר דערמאָנען זיך, וואָס עס ווערט געמאַכט „לשם דעם סאָציאַליזם“ און שאַרף און פאָדערנדיק שטעלט זיך פאַר אונז די פראַגע: ציקען מען עס אַלץ דערלאָזן? מיר דאַרפן באַשליסן, צי איז אונזער זעלבסטעמפינדונג גערעכט, צי איז כדאי צוהערן זיך צו איר און אויפהייבן איר אַף די הויך פון אַ מאָראַלישן געזעץ, אָדער דאָס איז נאָר אַ רעשט פון דער אינטעליגענטישער בורזשואַזער שוואַך-הערציקייט, וואָס מע מוז איר גובר זיין לשם העתיד. צי דאַרף מען און צו מעג מען אַזוי פירן די רעוואָליוציע — אַזוי שטייט די פראַגע.

זאָל מען ניט האַלטן די דאָזיקע פּראָבלעם פאַר צו פּשוט. אַ סך תשובות אַף איר זאָגט אונטער דאָס באַוואוסטזיין, נאָך מער — די לעבן-דערפאַרונג. ניט איטלעכע תשובה אָבער דערלייכטערט באמתן די שוועריקייטן פון וועג, — מעג זי ליגן אפילו מי יודע ווי נאָענט צו אים. אַ סך פון זיי באַרואיקן נאָר אַף אַ רגע, נאָר למראית עין, זיי שלעפערן איין דאָס באַוואוסטזיין, און די פּראָבלעם בלייבט פונקט אַזוי ברענענדיק ווי פריער.

פאַראַן אַ געוויסע באַציאונג צום טעראָר, וואָס עס איז פּשוט און לייכט איר צו פאָרמולירן — דאָס איז די אָפּשאַצונג פון טעראָר פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישן געפיל. מענטשן, אומגענומענע מיט דעם דאָזיקן געפיל קלערן אַזוי: דער מאַסן-טעראָר צעשטערט אַלע געטלעכע און מענטשלעכע רעכט און געפילן, ער איז מאוימדיק און שרעקלעך, ער ברענגט די גרעסטע ליידן אַף זיינע קרבנות און אַף אַלע אַרומיקע. דעריבער איז ער אַנטי-מאָראַליש, ווייל ער שטייט אין נגוד צו אַלע אונזערע עלעמענטאַרע מאָראַלישע געזעצן. ס׳איז גאָר ניט נויטיק צו חקר׳ן צי ברענגט דער טעראָר וואָס פאַר אַ ניט איז נוצן, צי וועט פון בלוט און טרערן געבוירן ווערן דאָס צוקינפטיקע גליק. געגוג איז שוין, וואָס טרערן גיסן זיך אָן אַ סוף און אַ שיעור, אַז אָן ליבע און טרייסט גיסט זיך דאָס בלוט, אַז ניט גליק און שמחה וואַקסן היינט אויף פון דער מיט קרבנות-בלוט אָנגעזעטיקטער ערד, נאָר שמוץ און שקר, ליגן און שפּאָט.

גענוג איז שוין דאָס, וואָס אין הערצער פון מיליאָנען מענטשן — קרובים, פריינד, מיטקעמפער און סתם עדות פון די קרבנות — זאַמלט זיך אָן שנאה,

צער, וויטאָק, אויפרעגונג, פיינדשאַפט און צאָרן. מעג זיין מי יודע ווי ליכטיק אין די פּאַלאַצן פון עתיד, מעגן ווינקען צו אונז פון דערווייטנס מיט גן־עדן דופט און הימלישער פרייד די בלומען פון קומענדיקן דור, איינס ווייסן מיר: שווער, דריקנדיק אומערטרעגלעך איז היינט דעם מאָראַלישן געפיל — איז דעריבער אַמאָראַליש דער טעראָר און אויך דער בירגער־קריג, וואָס גערויכט אים. ניט די ראיות פון שכל מכח נוצן פון טעראָר פאַרן סאָציאַליזם, ניט דער שוואונג פון דער פאַנטאַזיע, וואָס טראָגט אונז אַריבער אין די פאַרווירקלעכטע מרחקים פון אידעאַל, זיינען ניט בכח צו דערשטיקן אין אונז דעם לעבעדיקן, מענטשלעכן פּראָטעסט־געפיל, פון דעם געפיל, וואָס טיילט אונז אָפּ פון חיישקייט, וואָס רעדט אין אונז מעכטיק און פעסט, ווי אַ שטימע פון דער נאַטור, פון אונזער טויזנטער־יאָריקער קולטור, פון די אַלע פאַרגאַנגענע געזונטע דורות. דעריבער ווערט דער טעראָר לכתחילה פאַראורטיילט און אָפּגעוואָרפן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

ניט קוקנדיק אַף די גאַנצע בכבוד׳יקייט פון די וואָרצלען פון דער דאָזיקער אמת׳דיק־מענטשלעכער באַציאונג, פון דעם אומווילקירלאַכן „נשמה־בונט" — וואַרפן מיר עס אָפּ. מיר וואַרפן עס אָפּ, ווייל איןביידע אירע פאָרמען — וואָס מיר וועלן באַלד באַטראַכטן — שטעלט די דאָזיקע באַציאונג מיט זיך פאַר נאָר אַ כלומערשטן אָדער אַ סענטימענטאַלן מאָראַליזם.

און טאַקע אזוי: ווער טענ׳עט עס אַזוי? קודם כל — דער זייטיקער צוקוקער פון דער רעוואָליוציע. איך רעד ניט פון יענע, וואָס פאַרשטייען ניט די רעוואָליוציע, וואָס ווילן איר ניט און האָבן איר טאַקע באמת׳ן פיינט, איך רייד גראָד וועגן דעם וואָס שטייט פון אַ זייט און קוקט. מיטן האַרצן „אַקצעפּטירט" ער די רעוואָליוציע, גיט זיין הסכמה צו אירע אויפגאַבן און צילן, טיילווייז טוט ער איר אויך טובות. נאָר אין זיין „מעסיקייט" אַקצעפּטירט ער איר נאָר אין אַ אַבסטראַקטער פאָרם, און ווערט באַליידיקט, דערשלאָגן און געקרענקט פון אירע רעאַלע אַנטפּלעקונגען. און אָן חקירות, נאָר פשוט מיטן האַרצן און מיט דער „נשמה" פּראָטעסטירט ער קעגן די אָדער יענע פאָרמען פון דער אַנטפּלעקונג פון גרויזאַמער, בלוטיקער רעוואָליוציע. נאָר אויך דער אָנטיילנעמער פון דער רעוואָליוציע, וואָס איז מקבל, סיי איר, סיי דעם טעראָר, פילט אָפּטמאָל אַ מניעה און שטעלט זיך אָפּ אונטער דער השפעה פון מאָראַלישן אינסטינקט פאַר געוויסע איינצעלנע פאָרמען פון טעראָר. אָט דער אומבאַשטימטער און צעשוואומענער אינסטינקט איז פון זעלבן מין, ווי די געפילן פון אַ סענטימענטאַלן באָלשעוויק, וואָס וואַרפט אָפּ „לשם דעם הומאַניזם" דעם געברויך פון עינויים, די מיתת־חנק אָדער אַ עפנטלעכן טויט־שטראָף. נאָר די אַלע אינסטינקט־מאָראַליסטן — סיי די

האָם זיינען פאַרן טעראָר, סיי די וואָס זיינען קעגן אים — האָבן ניט קיין שום קריטעריום קיין שום מאַסשטאַב פאַר זייער מאָראַלישער פאַרביטערונג.

דערפאַר האָבן די אויפריכטיקע פון זיי קיין שום באָדן און השפעה ניט. דערפאַר זיינען אַזוי עקלהאַפט די צבוע׳יאַקעס פון דעם מין. ווייל די, וואָס זיינען קעגן דעם היינטיקן טעראָר — די מעסיקע — האָבן דאָך אייגנטלעך באַרעכטיקט און מלמד זכות געווען (און וועלן עס טאָן אויך אין עתיד) אף אַ גאַנצע תקופה פון דער רעוואָלוציע (די צייט פון לוואָוו און קערענסקי אין 1917), בעת בנוגע צו געוויסע קלאַסן און פאָליטישע פאַרטייען האָט מען אָנגעווענדעט בפרוש׳ע — הגם ווייכערע פאָרמען פון טעראָר. בלי שום ספק האָבן דאָך די פאָרשטייער, די פריינד און מקורבים פון פריצישן אדל־קלאַס, פון דער ביוראָקראַטישער און מיליטערישער קאַסטע און פון די שוואַרצמאה׳דיקע פאַרטייען אויפגענומען די אַלע מאסן—אַרעסטן און הויז־זוכונגען, דעם פאַרבאָט פון פרייעם וואָרט פאַר זיי אַלעמען, די צושטערונג פון זייער רו און זייער קיום און אַלע אַנדערע רדיפות — ווי אַ רעוואָליוציאָנערן טעראָר. מע קען דאָך ניט האַלטן, אַז נאָר אין בלוט־פאַרגיסן אַליין באַשטייט דער טעראָר. אויב דער תמצית זיינער איז יענער אייזערנער דרקו, וואָס דערשטיקט דעם גאַנצן גוף פון פאָלק, מכף רגלו ועד קדקדו — האָבן געוויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג דערפילט דעם דאָזיקן טעם שוין אין אָנהייב פון דער פעוראַל־רעוואָליוציע. נאָר יעמאָלט האָט דער מאָראַלישער אינסטינקט פון אונזערע אויבנדערמאָנטע צוקוקער געשוויגן.

פון אַנדער צד, אויך די אַקטיווע טעאָריסטן זיינען קעגן פייניקונגען און עפענטלעכע טויט־שטראָפן („די נשמה פאַרטראָגט ניט", „דאָס האַרץ האָט אַ רעד געטאָן"), טאָ אַן וואָס ריכטן זיי זיך אָדער — בעסער געזאָגט — וואו זיינען די גרעניצן און וואָס איז דער פאַרנעם פון זייער מאָראַלישן אינסטינקט? פאַרוואָס האָבן זיי אַזאַ פאַראַכטונג צו דעם מין טעראָר, און פילן איר ניט צו דער סיסטעם פון פראָוואָקאַציע? מיט וואָס איז עס אַ עפנטלעכער טויט־שטראָף וועניקער הומאַניש פון אַ הריגה ערגיץ וואו אין די חדרי־חדרים? מיט וואָס זיינען עס די נשמה־ענוים פון ערבות מענטשלעכער פון וואָס פאַר אַ ניט איז פיזישע פייניקונג? פאַרוואָס מעג מען עס שיסן — און הענגען איז טרייף?

די צופעליקייט פון אַזאַ מאָראַלישן אינסטינקט ווערט נאָך באַזונדערס בולט, אַ דאַנק דעם, אַז ס׳זיינען פאַראַן אויך ניט קיין סענטימענטאַלע באַלשעוויקעס, וואָס זייער מאָראַלישע געפילן זיינען אפנים פלאַכער ווי בא יענע, וואָס „זייער האַרץ האָט אַ רעד געטאָן". אָט האָט דאָך ראַדעק, וואָס איז

מבולבל געוואָרן פון די דערשאָסענע אין פּעטראָגראַד 512 עורבים, פּאָרגעלייגט פונדעסטוועגן אנשטאט דעם עפּענטלעכע טויט־שטראָפן. אָט האָבן דאָך סמאָלענסקער און נאָלינסקער באָלשעוויקעס געפּרעדיקט די נויטקייט פון מכשירים פּאַר עינוים. אפּנים, אַז די וואַקלעניש פון מאָראַלישן אינסטינקט זיינען גאַניץ גרוים אפן שטח צווישן פּעטערבורג—מאָסקווע און מאָסקווע — נאָלינסק. צי קאָן דאָ זיין וואָס פּאַר אַ ניט איז מאַסשטאַב פּאַרן מאָראַלישן אינסטינקט? צי ווערט די מאָראַלישע אָפּשאַצונג פון טעראָר ניט פּאַרוואַנדלט אין אַ צופעליקן שפּיל פון קאַפּריזן, פּאַראורטיילן, שטימונגען? צי הייסט עס ניט, אַז מע דאַרף זיך בכלל אָפּזאָגן פון וואָס פּאַר אַ ניט איז מאָראַלישער אָפּשאַצונג?

דער דאָזיקער מאָראַלישער סענטימענטאַליזם באַ די „צוקוקער פון דער רעוואָליוציע" באַפּרידיקט, פּאַרשטייט זיך, זייער אינדיווידואַלן נשמה־צושטאַנד, זיי זיינען אַ דאַנק אום עפּעס יוצא פּאַר זייער פּערזענלעכן געוויסנס־נעפּיל און מאָראַלישער עמפּינדלעכקייט; ער שאַפט אָבער ניט קיין אַקטיווע באַציאונג צו דער לויפנדיקער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, ער ווערט ניט פּאַרוואַנדלט אין קיין מאָראַלישן אַקטיוויזם. ווייל אַזאַ מין באַציאונג, אַזאַ מאָראַלישע עמפּינדונג — איז צופעליק, ניט קאָנסטאַנט, זי איז אָנגעקניפּט אָן קאָנקרעטע פּאַקטן, וואָס אַמאָל ווערט זי פון זיי אויפגערעגט אַמאָל אָפּגעקילט. דעריבער טאַפּט זי אין דער פינסטערניש, זי קען היינט פּאַראורטיילן דאָס, אף וואָס זי וועט מאָרגן מלמד זכות זיין, און פּאַרקערט. דאָ גיט זי אַ פּלאַקער באַ שטאַרקע און שאַרפּערע פּאָרמען פון טעראָר, און ווערט מושוה מיט זיינע שוואַכערע, ווייניקער אדיאַזע פּאָרמען.

זי איז אָבער ניט בכח זיך אַליין צו אַנאַליזירן, זי דערהייבט זיך ניט אף די הויך פון אַ מאָראַלישן אידעאַל, וואָס זאָל זיך פּרובן סינטעטיש צו פּאַרבינדן דעם אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָליוציע מיט אַ קלאָרן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. מאָראַלישער סענטימענטאַליזם — דאָס איז אַ צעשוואומענע פּאָזיציע, און דעריבער אויך אַ קורצזיכטיקע און אָפטמאָל אַנ׳אַכזריות׳דיקע. ניט אף אַ בלינדע מאָראַלישע עמפּינדונג דאַרף זיך שטיצן דער סאָציאַליזם, נאָר אף קלאָר דורכגעטראַכטן און דורכגעאַרבעטן מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

פון דאַנען איז ניט געדרונגען, אַז מיר זאָגן זיך אָרויס קעגן דער השפּעה אויך פון דעם דאָזיקן אונטערבאַוואוסטזיניקן מאָמענט פון דער מאָראַלישער אויפפירונג פון מענטשן, ווייל דוקא ער איז דאָך דער אונטער־ערדישער, פּרישער שטענדיקער קוואַל, וואָס שפּייזט דעם גאַנצן מאָראַלישן פעלד פון דער נשמה. דאָס געוויסן דאָס איז דאָך די ערשטע הזהרה פון דער וואַכנדיקער

מאָראַלישער פּערזענלעכקייט, זי קומט אַמאָל אפילו פריער פאַר דער שטימע פון באַוואוסטזיין, נאָר ניט דאָס אַליין האָט צו באַשטימען אין דער סיסטעם פון מאָראַלישן אידעאַל; דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין דאַרף פעסטשטעלן די גרעניצן פון דער דאָזיקער השפּעה און אין דער זעלבער צייט ליטערן און פּאַרטיפערן איר אינהאַלט. דער מאָראַלישער אידעאַל שטרעבט פעסטצושטעלן די גרעניצן פון דעם הסכּם צווישן מאָראַלישן באַוואוסטזיין — און סטיכייאישן „נשמה־בונט“. אף וויפיל דאָס גיט זיך אים איין ווערט דער דאָזיקער אידעאַל אויך אַ אַקטיוו־ווירקנדיקע קראַפט.

X

אויך מחמת אַנ׳אַנדער סיבּה זיינען מיר קעגן דער אָפּשאַצונג פון טעראָר פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישער עמפּינדונג. ווייל, אויב מיר ווען דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט פאַרטיפערן און קאָנסעקווענט דורכטראַכטן ביזן סוף, וועט ער אונז ברענגען צו גאַנץ אומערוואַרטענע מסקנות. לאָמיר זיך בעסער איינטראַכטן אין אים. ער איז קאַטעגאָריש קעגן דעם בלוט־טעראָר מחמת אַ גאַנצע רייע טיפע, גערעכטע און אפילו — הייליקע הנחות. אויב אַזוי — פרעגט זיך אַ קושיה: פאַר וואָס זאָל מען זיין נאָר קעגן אַזעלכע, באַזונדערס־האַרבע פאָרמען פון טעראָר? אויב דאָס מאָראַלישע געפיל ווערט אף זיי אויפגעבראַכט — איז דאָך אָבער בּאַ פאַרשיידענע מענטשן די דאָזיקע מאָראַלישע עמפינדלעכקייט פאַרשיידן. אַ איידעלערע נשמה אָרגאַניזאַציע רופט זיך אָפּ קרענקלעכער און שאַרפער אף מעשים, וואָס אַנדערע נשמות וועלן זיי גאָר ניט באַמערקן, אָדער זיינען נוטה זיי צו פאַרענטפערן. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז קיין אַלגעמיין־אָבליגאַטאָרישער באַראָמעטער פאַר מאָראַלישער עמפינדונג עקזיסטירט ניט. ס׳איז קלאָר, אַז אַזעלכע פראַגן וועלן ניט געלייזט מיט „שטימען מערהייט“. מיר האָבן שוין אויבן געזעהן, ווי אַזוי עס וואַקלט זיך די דאָזיקע עטישע עמפינדלעכקייט. אויב אַזוי אָבער איז שוין דער פייער פון מאָראַלישער באַשולדיקונג חל ניט נאָר אף די בלוטיקע ענטפלעקונגען פון טעראָר, נאָר אַפן טעראָר בכלל. נאָך מער — בכלל אַף געוואַלט, נאָך מער — בכלל אַפ׳ן קאַמף. מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון אין דעם, אַז אַזאַ מין פּאָזיציע פירט דירעקט צום אָפּשטאַרבן פון דעם רעוואָליוציאָנערן וועלטבאַנעם, צו טאָלסטויאישע לעבנס־יסודות *).

די טאָלסטויאישע תורה — די יונגסטע און דעריבער די נאָענסטע

*) ס׳פאַרשטייט זיך אַז אויך די טאָלסטאָיאישע תורה איז ניט געבויט אויסשליסלעך אַף דער דאָזיקער מאָראַלישער עמפינדלעכקייט; אויך ערנסטע שכל־עלעמענטן באַשטימען איר אינהאַלט.

שטרעמונג פון רעליגיעזן געדאַנק באַם היינטיקן מענטשן — באַזירט זיך אַף דער אידעע, אַז יעדע אָנווענדונג פון געוואַלט אין אַ געזעלשאַפטלעכער אַקציע איז אומדערלאָזבאַר, ניט נוצלעך און אוממאָראַליש. זי גלויבט ניט אין דעם, אַז מע קען קומען צום גליק און פרידן פון מענטשן — ד. ה. צו גוטס — מיט וועגן פון כח און געוואַלט, מיט דער שיטה פון שלעכטעס. קלאָרער און שאַרפער פון די אַנדערע וועלט-אָנשויאונגען זעהט זי אָבער, אַז די וועלט איז שרויי אין שלעכטס, אַז אירע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פאַרקלענערן ניט דאָס שלעכטס, נאָר זיי שאַפן אַליין נייע סכנות און צרות פאַר דער מענטשהייט. וואָס זשע טוט מען קעגן דעם? דער שווער-פונקט דאַרף געלייגט ווערן ניט אין די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס ווערט פון זיך אַליין כסדר פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפטלעכן קאַמף, נאָר אין דער אינווענייקסטער אַרבעט פון איטלעכן איינצעלנעם מענטשן. ניט קיין קאַמף כלפי חוץ קעגן אַנדערע מענטשן, נאָר אַ קאַמף כלפי פנים אין די ראַמען פון דער אייגענער פערזענלעכקייט קעגן שלעכטע ליידנשאַפטן — אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון מאָראַלישן מענטשן. נאָר פון אַזעלכע אינדיווידועלע ציגל קען געבויט ווערן דער היכל פון אַלגעמיינעם אָדער געזעלשאַפטלעכן גליק. דאָס פולקומע געזעלשאַפטלעכע לעבן קאָן געשאַפן ווערן נאָר אַלס סומע פון פערזענלעכע פאַרפולקומונגען. דער גערעכטער, מאָראַליש-געזונטער, גליקלעכער מענטש קאָן קומען ניט אַלס פועל-יוצא, נאָר אַלס פאַראויסזעצונג פון אַ גערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג.

אַזאַ מין תורה פון געזעלשאַפטלעכער פאַסיוויטעט קען ניט סתם אַראָפּגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט, ווי „אַ רעאַקציאָנערע אָדער באַלעבאַטישע" שטרעמונג. גוט און אויפמערקזאַם דאַרף מען זיך צוקוקן צו איר, און דער עיקר דאַרף עס טאָן ניט יענער זייטיקער עדות, וואָס פאַראייניקט אין זיך בשלום דעם פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן פאַסיוויטעט ,נאָר דוקא דער אַקטיווער רעוואָליוציאָנער. אין אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאָדערט זי צו זיך פון זיי צד אין די רעוואָליוציאָנערע תקופות, בעת די פראַגן פון קאַמף, געוואַלט און טעראָר רוקן זיך אַרויף האַרט אַף זיין באַוואוסטזיין, בעת ער מוז זיי כסדר פאַרענטפערן מיט וואָרט און טאַט, און בעת זייער דראַמאַטיזם שטעלט זיך אָבער פאַר אים שאַרף. גראַד מחמת דער אַבסאָלוטער כפויער'דיקייט פון די צוויי לעבנס-יסודות — דעם טאָלסטויאישן און רעוואָליוציאָנערן — מוז זיך דער פיינער געדאַנק מיט באַזונדער כונה צוהערן צו די טענות, וואָס איינער האָט קעגן צווייטן *).

*) מיר וועלן אַף ווייטער האָבן אין זינען אויך דעם רעפאָרמיזם אַף וויפיל ער פלעכט זיך איבער מיט דער טאָלסטאָישער תורה אין אַ געוויסן טייל פון זיין אידעאָלאָגיע, אין אָפּזאָג פון רעוואָליוציאָנערע קאַמף-מעטאָדן.

דער סאָציאַליזם קען און מוז זיך רואיק מודה זיין, אַז צ ו וי י טאָלסטויִשע אידעען, וואָס זיינען צו אוהם געקומען בירושה פון די אַלטע ניט־פאַרקריפּלטע רעליגיעזע תורות, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ אומגעהייערן, אַליין וואַקסנדיקן כח פון דער טאָלסטויִשער לערע, זיינען כמעט אָדער אין גאַנצן ניט אויפגענומען געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון די מאָראַלישע תורות האָט דער סאָציאַליזם פון די רעליגיעזע שטרעמונגען איבערגענומען, דער עקר, דעם אידעאַל פון אַלגעמיינעם גליק און סאָלידאַרישקייט. ער האָט אים געשילדערט אין רעאַלע ממשות׳דיקע פאָרמען און האָט פאַרבונדן מיט דער לעבנס־סביבה פון די היינטיקע דורות. דער סאָציאַליזם, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אף דער ערד, אין פאַבריק, אין וואַרשטאַט, פאַרלאַמענט און פאַראיין, האָט געשטעלט פאַר זיך אַלס אַ דרינגלעכע אויפגאַבע די באַהאַנדלונג, אויספאָרשונג און באַאַרבעטונג פון די רעאַלסטע, די קאָנקרעטסטע פאָרמען און מיטלען פון זיין פאַרווירקלעכונג. דער אוממיטלבאַרער טאָג־טעגלעכער קאַמף האָט אים כמעט אין גאַנצן פאַרשלונגען. אין דער זעלבער צייט האָט ער אין משך פון זיין אַנטוויקלונג שאַרף זיך אָפּגעגרעניצט פון אַלע פריערדיקע רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע תורות (און די קירכעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך פאַרקערפּערט), וואָס דאָס גאַנצע אונטערדריקטע מענטשהייט האָט זיי מיט רעכט געהאַלטן פאַר סימבאָלן פון אילוזיעס, פוסטע דבורים און שקרים. אין דעם דאָזיקן היסטאָריש — און מאָראַליש־באַרעכטיקטן פּראָצעס פון אָפּגרענצונג האָט דער סאָציאַליזם אויך אָפּגעוואָרפן אָדער פאַרנאַכלעסיקט גרינדלעכע מאָראַלישע אידעען, וואָס פלעגן תמיד באַגייסטערן די אַלע תורות און אויך די טאָלסטאָישע בתוכם. אַזעלכע אידעען זיינען געווען צוויי: די אָנערקענונג, אַז געוואַלט איז אַ חטא, און די פאָדערונג פון פערזענלעכער פאַרפולקומונג. קיינמאָל ניט, אין ערגיץ ניט, באַ קיינע שום תנאים טאָר מען ניט פאַרגוואַלטיקן דעם מענטשלעכן רצון, מע טאָר ניט פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ מיטל פאַר קיינע שום צילן, און מעגן זיי זיין אפילו די העכסטע; אפילו דאָס גרעסטע, פאַר אַלעמען קלאָרע שלעכטס, וואָס ווערט דורך מענטשן באַגאַנגען, טאָר מען ניט אויסראָטן מיט געוואַלט — אָט דאָס איז דער ערשטער נ ע ג אַ ט י וו־מאָראַלישער עקר. דערפאַר אָבער דאַרף מען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דעם גאַנצן פאַטאָס און ברען פון דער מאָראַלישן אידעאַל אַריבערטראָגן פון דער ספערע פון געזעלשאַפטלעכער באַווירקונג פון עולם־גולם אין די רואיקע שכונה פון פערזענלעכן „איך“, אין די קדש־קדשים פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט — דאָס איז דער צווייטער, פ אָ ז י ט י וו ע ר מאָראַלישער עקר. ניט קיין אָפּזאָג פון קאַמף בכלל, נאָר אַ אָפּזאָג פון פאַרגוואַלטיקונג־קאַמף; ניט קיין געזעל־

שאַפטלעכער קאַמף, נאָר די באַווירקונג, באַהערשונג און אַרבעט פון פרט (ניט אַלס התבוננות נאָר טאַקע למעשה) — אין דעם אָ גלייכצייטיקן מאָראַלישן פאַציפיזם און אינדיווידואַליזם באַשטייט דער תמצית פון דער טאָלסטאָישער תורה. דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט כמעט לגמרי אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע ביידע אידעען פון רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע תורות. ווי און אַף וואָס פאַר אַ אופן דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט זיך באַפרייט פון דער אידעע פון פערזענלעכן מאָמענט אין דעם רעוואָליוציאָנערן פרעדיגט, ווי האָט ער דעם טיפסטן געדאַנק וועגן מאָראַלישער באַהערשונג פון דער פערזענלעכקייט כמעט אינגאַנצן פאַרביטן מיט דער אידעע פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף, און צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן עס האָט געבראַכט דער אויסשלוס פון מאָראַלישן אינדיווידואַליזם פון דעם וועלטבאַנעם פון נייעם מענטשן — דאָס איז זיך אַ וויכטיקע טעמע פאַר זיך *). דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אַף דער ערשטער אידעע, אַף דעם אָפּזאָג פון געוואַלט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער סאָציאַליזם געברויכט געוואַלט; דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַליזם איז גאָר ניט מעגלעך אָן דעם. נאָך מער — ער איז אויפגעוואַקסן און האָט אויפגעבליט אין קאַמף קעגן כל־ערליי פרובן צו קומען אפן פרידלעכן, געזעצלעכן, רעפאָרמיסטישן וועג צו דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. דאָס הייסט אָבער ניט (הגם דאָס איז שוין אַף אַנ׳אופן פאַרגעסן געוואָרן), אַז לויט זיין אידעע, לויט זיין תמצית פילט דער סאָציאַליזם ניט זיין סתירה צו געוואַלט מעשים. אמת, דער סאָציאַליזם קעמפט פייערדיק און נביאיש, מיט מסירות־נפש און עקשנות פאַר זיין נייעם אמת קעגן דער גאַנצער אַלטער וועלט פון מאַטעריעלן און גייסטיקן שקר. גראד דערפאַר אָבער דולדעט ער אויך אַנדערע אמת׳ן, הגם זיי רעפרעזענטירן אַנדערע אינטערעסן און ווערן געטראָגן פון אַנדערע שיכטן. גראָד דערפאַר פאַרשטייט ער דעם ברען פון אַ פרעמדע איבערצייגונג און די מסירת־נפש פון פרעמדע מעשים, וואָס אפילו לשם דעם נייעם אמת איז שווער צו הייבן קעגן זיי דעם שווערד פון געוואַלט. קעמפענדיק פאַר זיין אידעע, פאַרגעסט אָבער ניט דעם סאָציאַליזם, אַז ער איז רעלאַטיוו און היסטאָריש, פונקט אַזוי ווי אַנדערע אידעען, וואָס זיינען אין משך פון דער לאַנגער מענטשלעכער געשיכטע אויסגעקעמפט געוואָרן בשעתם מיט פייער און שווערד און האָבן זיך דערנאָך אויסגעלאָזן פאַר צייטווייליקע און ניט איבערצייגנדיקע. דער מאָדערנער סאָציאַליזם מוז זיך אָפּגעבן אַ גאַנץ קלאָרן דו״ח אַז ער איז ניט קיין אייביקע אידעע און ניט דער לעצטער רינג

*) וועגן דעם — זעה אונטן דעם XXIX קאַפּיטל וועגן דער געשיכטע פון דער פּראָבלעם פון געוואַלט.

אין דער גאָלדענער קייט פון די מענטשלעכע אידעאַלן. אַלס טרייסט און שטיצע, אָבער נים אַלס לעצטע סאַנקציאָנירונג קען דינען פאַר אונז דער פאַקט, אַז מיליאָנען, די גרעסטע מערהייט איז מיט אונז. דערפאַר קאָן ער אין פּרינציפּ נים מאַכן זיך בעל כּרחך אָבליגאַטאָריש פאַר אַלעמען. דער סאָציאַליזם קאָן קיינמאָל נים פאַרגעסן, אַז נים דעם „פירטן שטאַנד" אַלס אַזעלכן באַשיצט ער, נאָר די אידעע פון פירטן שטאַנד, אַז נים קיין געוויסן קלאַס אָדער אונטערדריקטע גרופּע פאַרטיידיקט ער, נאָר אַ אַלגעמיין־מענטשלעכן אמת. דער סאָציאַליזם דאַרף פאַרשטיין, אַז ער איז געבוירן געוואָרן און קעמפט לשם דעם באַפרייטן מענטשן, וואָס איז דערלייזט געוואָרן פון אַלע און כּל־ערליי פאָרמען פון געוואַלט, דעריבער ברענגט שאָדן דער דערלייזונג גופא יעדע פאַרגעוואַלטיקונג פון מענטשן — אפילו פון פאַרשטייער פון אַ פרעמדן קלאַס און איבערצייגונג, — וואָס ווערט געמאַכט אַפן וועג צום סאָציאַליזם. דער אמת, אַז געוואַלט — איז אַ סכּנה און שלעכט, איז נים נאָר נים פרעמד דעם סאָציאַליזם, נאָר ער איז אויסגעבונדן מיט אים מיט די אינטימסטע פעדים. ער איז נאָר טיף פאַרבאָרגן אונטערן געדיכטן שלייער פון טאָג־טעגלעכע, פּראַקטישע, אומפאַרמיידלעכע הצטרכותן פון קאַמף, אַזוי טיף פאַרבאָרגן, אַז די נייע דורות פון סאָציאַליסטישע טוער זיינען מיט אים כּמעט ווי נים באַקאַנט.

דער דאָזיקער אמת פילט נאָך אָבער מיט זיך נים אויס דעם גאַנצן מהות פון סאָציאַליזם. מיט פאַרביסענע ציין און מיט אַ איינגעקלעמט האַרץ איז דער סאָציאַליזם געצוואונגען אָנצוקומען צו געוואַלט אין קאַמף פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זיין אידעע. ער איז געצוואונגען אויסצוקלייבן אַזעלכע וועגן אונטערן דרוק פון די באַדינגונגען. ווייל אויב מע זאָל גערן צו דער מענטשלעכער באַפרייאונג נאָר מיטן פרידלעכן פרעדיגט, איבערגעבן איר נאָר דעם פרידלעכן אויסגלייך צווישן די קעמפענדיקע קלאַסן — יעמאָלט ווערט זי פאַררוקט אין די ווייטסטע מרחקים, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רוחניות׳דיקן אוטאָפּישן „אידעאַל". יעמאָלט וואָלט דער סאָציאַליזם געוואָרן נאָר אַ „לייכטטורם", אַ „פירנדיקער שטערן", אַ „רעגוליאַטיווע אידעע" און ווייטער גאָרנים. מיט אַזעלכע נעמען זיינען מענטשן פון נים ערלעכן געדאַנק און טרוקענעם שכל זיך נוהג אָנצורופן אַלע גרויסע מאָראַלישע אידעאַלן, וואָס זיי גלויבן נים אין זייער פאַרווירקליכונג, וואָס ס׳גייט זיי נים אָן זייער דערגרייכונג, און וואָס זיי פאָדערן נאָר אַ „דערנענטערונג" צו זיי. די מענטשלעכע באַפרייאונג קען אָבער נים זיין קיין אויפגאַבע פון דעם אין אומענדלעכקייט פונאַנדערגעצויגענעם מאָרגן. דאָס איז אַ ברענענדיקע פאָדערונג פון היינטיקן טאָג, אַ פאָדערונג, וואָס פלאַקערט אין בלוט און וואָס מאָנט.

נאָר מענטשן מיט רואיקע נשמות און אייגנטלעך, בײַ זייער גאַנצער צוטומלקייט און פֿאַרלאָרנקייט, אכזריות׳דיקע מענטשן קענען טרייסטן זיך און אַנדערע מיט דעם, אַז אַ מאָל, באחרית הימים וועט מען עס האָבן טעלערלעך פֿון הימל. דער אידעאַל קען ניט זיין קיין סודות׳דיקער בלויער פֿויגל, וואָס שוועבט אום אין די הימלישע מרחקים און ציט צו זיך צו אויסדערוויילטע נשמות. ניין, דאָ, אַף אונזער ערד דאַרף ער שטיין, צוגלייך מיט אונז, לעבן אונז, בידים דאַרפֿן מיר אים קענען אָנטאַפּן. אויב די וועלט ליגט טאַקע באמת׳ן אין שלעכטס — געבן מיר דאָך נאָך דעם דאָזיקן שלעכטס, באַנוצנדיק זיך נאָר מיט פֿרידלעכע קאַמף־מיטלען און אָפּשטופֿנדיק איר אויסבעסערונג ערגיץ וואו אין די ווייטע ווייטענישן? און אויב מיר שטויסן זיך אָן אין אונזערע שטרעבונגען צום אמת אַף אַ פֿעלזן־וואַנט פֿון ווידערשטאַנד, פֿון קלאַסן־עגאָאיזם און מענטשלעכע פֿאַרטעמפּטקייט, צי האָבן מיר נאָר רעכט אָפּצוזאָגן זיך פֿון צערשטערן די דאָזיקע וואַנט, פֿאַרבויגן אונזער געוואַלט קעגן איר? ס׳איז נאָך ווייניק טראַכטן וועגן גוטס, דאָס ווינשן אים. מע דאַרף זיך מיט אים אַליין. און אויב אפֿילו עס ברענט אין אונזער באַוואוסטזיין ווי אַ נר־תמיד דאָס געפֿיל פֿון חטא פֿאַר די עניים, וואָס ווערן פֿאַרשאַפֿן דורך אונזער קאַמף, — צי לייכטן אָבער ניט הינטער דעם דאָזיקן געזעצלעכן באַוואוסטזיין די אָפּשיינען פֿון אַן׳אַנדער אמת, אַ לעבעדיקערן און איבערצייגנדיקערן? און דערפֿאַר טאַקע ווערט בײַ אונז די געוואַלט אַ שווערער פֿאַטאַלער גורל, אַ אומפֿאַרמיידלעכע שלעכטס. אומפֿאַרמיידלעך ווערט זי, ווייל ביז איצט האָבן נאָך די מענטשן קיין אַנדער וועג ניט געפֿונען. אומפֿאַרמיידלעך, ווייל אַף אַן׳אַנדער אופֿן, אויב מיר אַנטלויפֿן פֿון העלישן פֿייער פֿון געוואַלט, פֿאַלן מיר אַריין אין דעם קאַלטן פֿראָסט פֿון הסכמה צו דער אַלגעמיינער פֿרעמדער געוואַלט. אויסבאַהאַלטנדיק זיך פֿון אַ אַנטשיידנעם קאַמף הינטערן הויכן מויער פֿון לאַנגזאַמע רעפֿאָרמעס (ווי עס טוען די רעפֿאָרמיסטן) האַלטן מיר אונטער די פֿרעמדע געוואַלט; מיר האַלטן איר אונטער, אָפּזאָגנדיק זיך פֿון אַקטיוון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף (ווי עס טוען די טאָלסטאָוצעס). און אַריבערטראָגן די גאַנצע אַרבעט אין דער נשמה פֿון יחיד, וועלנדיק דורך דעם ראַטעווען די וועלט — דאָס הייסט אויך נאָכגעבן דעם וועלט־שלעכטס. אַז מע צעברעקלט און צעשטויבט דעם געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף פֿאַר גליק אַף איינזאַמע באַמיאונגען פֿון פּערזענלעכער פֿאַרפֿולקומונג — גיט מען ניט קיין תשובה אַף דער הויפּט־פֿראַגע פֿון לעבן, נאָר מע מאַכט זיך פֿון דער תשובה אַרויס. מע גיט אַ אויסוועג נאָר פֿאַר די מאָראַלישע הצטרכותן פֿון יחידים, מע שאַפֿט מאָראַלישע יחידים־אַריסטאָקראַטן, וואָס איטלעכער פֿון זיי פּראַוועט שבת פֿאַר זיך, מע לאָזט אָבער אין שאָטן די פּראָבלעמס פֿון

פאַרווירקליכונג פון געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. די הענט, וואָס זיינען אויסגעשטרעקט פון איינעם צום צווייטן, ווערן ניט פאַרבונדן אין קיין קאַרעהאַד, נאָר בלייבן הענגען אין דער לופטן. באַפרידיקנדיק פּלומערשט דעם מענטשן, לאָזט די טאָלסטאָישע תורה אף אַזאַ אופן אונטערגיין די מענטשהייט, אָן איר אָבער ווערט אויך דער מענטש פאַרוועלקט. און אַז דער מאָראַלישער אומרו פון מענטשן ווערט פאַרזעצט אין אים גופא און נאָר אין אים — ווערט ער אומבאַהאָלפן, ער ווערט בלוטלאָז און אַקטיווע ענטפּלעקונג־וועגן. דער מאָראַלישער אידעאַל ווערט ראַכיטיש, ער ווערט אומפּרוכטבאַר. שטיצן דעם אידעאַל אף מיליאָנען פערזענלעכע מאָראַלישע איבערקערענישן, וואָס זיינען צעשפּרייט אף אַ אומענדלעכע צאָל מענטשן אין אומענדלעכן צייט שטראָם און וואָס פון זיי אַלעמען צוזאַמען דאַרף עס אויפוואַקסן די אַלגעמיינע איבערקערעניש — דאָס הייסט פאַרוואַנדלען זיינע דערגרייכונג־עטאַפּן אין אַסטראָנאָמישע גרויסן. אין איר פאַרענדיקטער פאָרם איז די טאָלסטאָישע תורה ניט קיין מאָראַלישע סאָציאָלאָגיע, נאָר מאָראַלישע אַסטראָנאָמיע.

מיר חזר׳ן איבער: דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַליזם קאָן ניט איינגיין אײַנגאַנצן אף די ערשטע טאָלסטאָישע (און רעפאָרמיסטישע) אידעע וועגן אָפּזאָג פון געוואַלט. ער קאָן עס ניט, אויב ער וויל ניט מגולגל ווערן אין אַ טעאָריע פון לאַנגזאַמקייט, געדולדיקייט און נאָכגעביקייט פאַרן שלעכטס. אַריינגעמענדיק אָבער אין זיך די אוראַלטע אידעע וועגן דער זינדיקייט פון געוואַלט, מאַכט דער סאָציאַליזם גלייכצייטיק אויך דעם ווייטערדיקן אַנטשיידנדיקן טראָט. ער איז גובר די דאָזיקע אידעע. ניט פּרינציפּיעל איז ער איר גובר — דאָס איז ניט מעגלעך, ווייל הן דער שכל הן דער מאָראַלישער אינסטינקט זיינען קעגן דעם, — ער איז איר גובר ווייל ער האָט מאָראַליש קיין אַנדער אויסוועג ניט, ווייל ער דערגייט צו אַ פאַטאַלער מאָראַלישער וואַנט. און זייענדיק גובר איר אין אַ טראַגישן אויפשוואונג, אין יענער דערהויבנדיקער התלהבות, וואָס גיט דער נשמה אַנ׳אויסוועג פון דער מאָראַלישער דראַמע, — פירט דער סאָציאַליזם זיך אַליין אַריבער פון דער ריינער און אומפּרוכבאַרער אידעאַלער ספערע אין אַ געביט פון אַ איינגעבראָכענער, אָבער אַ רעאַלער פאַרווירקליכונג. אַ דאַנק דעם דאָזיקן עטישן העראָיזם ווערט דער סאָציאַליזם ממשות׳דיק, ברענענדיק מענטשלעך.

דערפאַר טאַקע זאָגן מיר זיך אָפּ פון יענער דאָגמאַטישער זיכערקייט, מיט וועלכער די טאָלסטאָישע תורה לייגט אַנ׳אסור אַף אַלע מעטאָדן פון געזעלשאַפטלעכן געוואַלטזאַמען קאַמף. מיר קענען ניט אָפּזאָגן

זיך איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, לעולם ועד פֿון די דאָזיקע קאַמף מיטלען, און מעגן זיך אפֿילו מי יודע ווי אכזריות׳דיק און הערב שטעלן אָף אונזער וועג אַלע עינויים פֿון דער מענטשהייט. מיר האָבן אָף דעם קיין רעכט ניט, ווייל דאָס איז אַ ל ע ב נ ס - פֿ ר אַ ג ע פֿאַר אונזער זאַך. אויב ניט פֿאַלן מיר אַריין אין רשות פֿון אַזאַ מין אַלץ-פֿאַרשלינגענדיקן ע ט י ש ן ד אָ ג מ אַ ט י ז ם *), וואָס ווערט אין פֿלוג גענומען פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאָראַלישן אינדיפֿערענטיזם. אָפּנעמען בײַ די גרויסע סאָציאַלע אידעאַלן אַלע סאָציאַל אַקטיווע מיטלען פֿון קאַמף, פֿאַרמשפּטן די דאָזיקע אידעאַלן נאָר אָף אינדיווידואַליסטישע אָדער געזעלשאַפֿטלעך-פֿרידלעכע וועגן — דאָס וואָלט געהייסן לאָזן דעם אָרעמען אייביק שטעהן פֿאַר אַ פֿאַרקלאַפּטער טיר, דאָס וואָלט באמת׳ן געהייסן — פֿאַרוואַרפֿן די שליסלען פֿון דער טיר אין ים **). מיר טוען אַנדערש. מיר ווייסן, אַז איינע און די זעלבע מעשים (ליגן, רמאות, געוואַלטטאַטן, רציחות) פֿלעגן אין פֿאַרשיידענע תקופֿות און בײַ פֿאַרשיידענע קלאַסן, ווערן מאָראַליש גאַנץ פֿאַרשיידן אָפּגעשאַצט. (דאָס וואָס פֿלעגט אין איין פֿאַל זיין אַמאָראַליש, פֿלעגט אין אַ צווייטן ווערן באַרעכטיקט אָדער טאַקע באַטראַכט ווערן דירעקט פֿאַר מאָראַליש).

אויך איצט, אין אונזער תקופֿה און אין גדר פֿון די אַרבעטס-מאַסן שאַצן מיר אָף פֿאַרשיידענע אופֿנים אָפּ איינע און די זעלבע געוואַלטטאַטן; ד י ד אָ-

---

*) דאָ רעדט זיך וועגן אַ דאָגמאַטיזם פֿון מ י ט ל ע ן. ווייל ווי מיר וועלן זעהן ווייטער, אנערקענען מיר אויך דעם מאָראַלישן דאָגמאַטיזם פֿון צ י ל און פֿון ג ע ו ו י ס ע מיטלען.

**) לאַוראָוו דריקט זיך אויס אַזוי וועגן דעם אין זיין „פֿאַריזער קאָמונע“:
„גאַנץ נאַטירלעך איז, אַז אַלע דענקענדיקע מענטשן שטרעבן צו אַ פֿרידלעך אויסוועג און ווילן ניט קיין געוואַלט טאַטן, קיין בלוטיקע קאַטאַסטראָפֿעס, בפֿרט נאָך אַז די בלוטיקע קאַטאַסטראָפֿעס רייצן נאָך מער אויף די געזעלשאַפֿט און פֿאַרגרינגערן לגמרי ניט די לייזונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. די געשיכטע פֿלעגט אָבער תמיד צונויפֿפֿירן פּנים אל פּנים אַזעלכע אינטערעסן, אַפֿעקטן, און איבערצייגונגען, וואָס עס איז ניט מעגלעך קיין שום אויסגלייך צווישן זיי, און וואָס אַלע פּרובן פֿון אַ הסכם פֿאַרגרעסערן נאָר די צאָל פֿון די קרבנות... אויב אונזערע קעגנער פֿאַרטיידיקן אַזעלכע אינטערעסן אָדער איבערצייגונגען, פֿון וועלכע זיי קענען אַפּנים ניט אָפּטרעטן אַף אַ פֿרידלעכן אופֿן, מוזן גראַד די יעניקע, פֿאַר וועמען עס איז טייער מענטשלעכע בלוט שטרעבן צו אָרגאַניזירן וואָס גיכער און אנטשיידענער דעם נצחון, און דערנאָך זעהן וואָס ענערגישער צו באַהערשן דעם שונא, ווייל נאָר אַף אַזאַ אופֿן קאָן מען האָבן דעם מינימום אומפֿאַרמיידלעכע קרבנות און בלוט-פֿאַרגיסונג“. „לשם דער מענטשן-ליבע און דער פֿאַרקלענערונג פֿון דער צאָל אומפֿאַרמיידלעכע קרבנות ביז מינימום מוזן מיר זעהן שלאָגן מוטיק, גיך און ענערגיש, ווייל מיר קעמפֿן פֿאַרן עתיד פֿון דער מענשהייט“.

זיקע אָפּשאַצונג הענגט אָפּ פון אונזער העכסטער און אָנפירנדיקער מאָראַלישער ציל *). די טאָלסטויאישע תורה דערלאָזט ניט קיינע שום געוואַלטטאַטן, אַלס מיטלען צו דער ציל, זיך ניט אינטערעסירנדיק מיט איר אָדער ניט קוקנדיק אַף דער דערוויטערונג פון איר פאַרווירקלעכונג (וואָס באַטייט אין דער לעצטער שורה—אַנאָפּזאָג פון דער ציל), מיר קלייבן אָבער גרינדלעך פונאַנדער די פאַרשיידענע מיטלען לשם דער דערגרייכונג פון אונזער ציל, מיר סאָרטירן זיי און אַ טייל פון זיי נעמען מיר אָן. די טאָלסטאָיִשע תורה לייגט אַנ׳איסור אַף יעדע אַרט פון געוואַלט, ווייל זי באַטראַכט איר פאַר ניט מאָראַליש. מיר דערלאָזן אָבער דעם אָדער יענעם געוואַלט-אַקט, אָפּהענגיק פון דעם, אַף וויפיל ער שטייט אין הסכּם מיט דער מאָראַלישער ציל. זוכנדיק די ריינקייט פון וועג — וואַרפן מיר אָבער גיט אָפּ דעם מהות און די צילן פון די וועגן **).

איז שוין ממילא קלאָר, אַז קוים האָבן מיר דעם געוואַלט-קאַמף אַקצעפּטירט, אידעאַליזירן מיר אים, מיר אַנטפּלעקן אין אים העראישע שטריכן פון מענטשלעכן גייסט, מיר מאַכן „פון דער נויט אַ טוגנד“. מיר שאַפן און האָדעווען אויף, היטן אָפּ און פאַרהייליקן דעם שטאָלץ, די פעסטקייט און נשמה-ריינקייט פון דעם קעמפער, דעם אומרו פון זיין געוויסן, זיין ניט וועלן וואַרטן און ליידן, דאָס הייסע קלאַפּן פון זיין האַרצן, זיין רעאַלן חוש פאַרן שטענדיקן שלעכטס, זיין גרייטקייט אַף מסירות-נפש. ניט נאָר דעם צוקונפטיקן קאַמף און נצחון איבערן שונא פילן מיר אין אים, נאָר קודם-כּל דעם נצחון איבער זיך אַליין, איבער זיינע מאָראַלישע ספקות. און פאַרהייליקנדיק אונזערע ווערטער מיט בלוט פון אונזערע בעסטע קינדער זאָגן מיר: „אין קאַמף וועסטו דיין רעכט באַקומען“.

אַצינד זעהט שוין דער לעזער, ווי ווייט מיר זיינען פון דעם טאָלסטאָיִשן גייסט. און ער וועט לייכט פאַרשטיין, למאַי טרעטן מיר אַזוי שאַרף אַרויס קעגן דעם, אַז דער טעראָר זאָל אָפּגעשאַצט ווערן נאָר פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישע עמפּינדלעכקייט אַליין. אומפאַרמיידלעך ברענגט אַזאַ

*) שפּעטער וועלן מיר אָנווייזן אַף די צוויי פּנים׳דיקייט פון איטלעכער מאָראַלישער ציל — אַף איר אויסערלעכן פּרצוף און איר אינערלעכע אמת׳דיקמאָראַלישע נאַטור. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ווען מיר דערלאָזן די געוואַלט, טוען מיר עס ניט לשם דעם ציל בכלל, נאָר דוקא צוליב איר דאָזיקער אינערלעכער נאַטור.

**) פּונקט אַזוי, ווי מיר וואַרפן ניט אָפּ די מאָראַלישע אָפּשאַצונג פון די וועגן, שטרעבענדיק צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער ציל. וועגן דעם ווייטער.

מין אָפּשאַצונג צום מאָראַלישן סענטימענטאַליזם אָדער צום מאָראַלישן דאָגמאַטיזם. סיי דער סיי יענער פירן צום מאָראַלישער גלייכגילטיקייט, צו עטישער רואיקייט און פּאַסיוויטעט. דער טעראָר דאַרף באַקומען א גאַנץ אַנדער אָפּשאַצונג: ניט זיין השפּעה אַף אונזער סוביעקטיוון „איך" איז דאָ וויכטיק, נאָר זיין אָביעקטיווע אַנטשפּרעכונג צו אונזער העכסטער אַנפירנדיקער מאָראַלישער ציל.

XI.

אַף אַזאַ אופן האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז די עטישקייט פון די רעוואָלוציאָנערע מעשים — ובתוכם אויך פון טעראָר — הענגט אָפּ פון דער עטישער אָפּשאַצונג אָדער פון עטישן כאַראַקטער פון יענער ציל, וואָס לשם איר ווערן זיי געברויכט אַלס מיטלען. איטלעכער רעוואָלוציאָנערער אַקט מוז איינגעשלאָסן ווערן אין א מין מאָראַלישע יעראַרכיע פון מיטלען און צילן, וואָס און איר באַקומט ער זיין סאַנקציע. עס מוז זיין א פולער איינקלאַנג צווישן מיטלען און צילן — דאָס איז א אומבאַדינגטער און גענוגנדיקער תנאי פאַר איטלעכן רעוואָלוציאָנערן אַקט, בכדי מע זאָל מיט אים קענען עטיש מושוה ווערן.

וואָס זשע פאַר א ציל שטעלן מיר פאַר זיך? אין וואָס באַשטייט אונזער אַבסאָלוטער מאָראַלישער אידעאַל, וואָס דאַרף דינען אַלס העכסטער עטישער מאַסשטאַב פאַר אַלע אונזערע רעוואָלוציאָנערע מעשים?

אונזער ציל איז שוין לאַנג קלאָר פאַרן לייענער: דאָס איז — דער סאָציאַליזם. ס'פאַרשטייט זיך, אַז א באַזונדער וויכטיקע און לכתחילה'דיקע אויפגאַבע שטעלט מיט זיך פאַר די באַגרינדונג פון דער דאָזיקער ציל גופא, די פעסטשטעלונג פון איר באַטייט פאַר אונז אַפן יסוד פון אונזער מאָראַלישן געפיל און באַוואוסטזיין. דאָ אָבער באַטראַכטן מיר די אָנערקענונג פון דער דאָזיקער ציל אַלס א פעסטגעשטעלטע און אַקצעפּטירטע דורך אונזער גאַנצן מאָראַלישן וועזן, דאָ זיינען מיר — דאָגמאַטיקער פון ציל. דער סאָציאַליזם איז פאַר אונז אַזאַ מין אויפבוי פון מענטשלעכן עתיד, וואָס איז לייכטער פון אַנדערע צו דערגרייכן, — ווי ווייט דער מענטש קאָן פאַראויסזעהן אין דעם נאָענטן עתיד, — וואָס איז לאָגיש ריכטיקער, עסטעטיש באַצויבערנדיקער און, דער עיקר, מאָראַליש-גערעכטיקער פון אַלע אַנדערע. אויב אונזער מאָראַלישער אידעאַל באַשטייט אין סאָציאַליזם, הייסט עס, אַז, באַטראַכטנדיק אונזערע רעוואָלוציאָנערע מעשים, וועלן מיר אָפּשאַצן אַלס מאָראַלישע און דעריבער דערלאָזבאַרע נאָר די, וואָס שטייען אין הסכם מיטן

רצון פֿון סאָציאַליזם. די גאַנצע גאַמע פֿון מאָראַלישע *עמפּינדונגען*, וואָס מיר האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָדער יענעם פֿון רעוואָליוציאָנערע מעשׂים, ווערט פֿאַר אונז איבערצייגנדיק נאָר דאַן, ווען זיי שטייען אין הסכּם אויך מיט אונזער מאָראַלישן *באַוואוסטזיין*, ד. ה. מיטן קלאָרן אידעאַל פֿון סאָציאַליזם. אויב, בכלל גערעדט, רופֿן מיר אָן מיטן נאָמען מאָראַלישע סיסטעם (לעבנס־פֿאַרשטייעניש) די פֿעסטשטעלונג פֿון ציל פֿון מענטשלעכן לעבן אין אירע פּערזענלעכע און געזעלשאַפֿטלעכע אַנטפּלעקונגען און פֿון די מיטלען, וואָס פֿירן צו איר — וואָלטן מיר, בלי שום ספֿק, די פֿעסטשטעלונג פֿון סאָציאַליזם אַלס אַ מאָראַלישן אידעאַל און די גענויע באַשטימונג פֿון די מיט אים פֿאַרבונדענע און דעריבער דערלאָזבאַרע רעוואָליוציאָנערע מעשׂים געקענט אָנרופֿן: *די סאָציאַליסטישע מאָראַלישע סיסטעם*.
דער ערשטער טייל פֿון דער דאָזיקער סיסטעם איז שוין פֿאַראַן: די ציל — דער סאָציאַליזם — איז גענוי פֿעסטגעשטעלט. דער צווייטער טייל אָבער — די אָפּשאַצונג פֿון די וועגן און מיטלען צום סאָציאַליזם פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער דאָזיקער ציל — איז נאָך כּמעט לגמרי ניט אויסגעפֿאָרשט. זי שטייט נאָך, אייגנטלעך, אין איר גאַנצער גרויס פֿאַרן טעאָריסטישן סאָציאַליסטישן געדאַנק.

עס שטייט פֿאַר אונז די פֿראַגע: ווי דאַרף מאָראַליש אָפּגעשאַצט ווערן דער טעראָר? אונזער קריטעריום ווייסן מיר שוין, דעריבער ווערט אונזער פֿראַגע אַזוי געשטעלט: *ווי אַזוי דאַרף דער טעראָר ווערן מאָראַליש אָפּגעשאַצט פֿון שטאַנדפּונקט פֿון סאָציאַליזם*? צי איז מעגלעך צו באַנוצן דעם טעראָר, אַלס מיטל צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם?

אויף צוויי־ערליי אופֿנים קען מען צוגעהן צו דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע. און אין דעם חילוק צווישן זיי ביידן איז צו זעהן דעם גאַנצן טיפֿן חילוק צווישן דער רעוואָליוציאָנער־פֿאָלקיסטישער און מאַרקסיסטיש־באָלשעוויסטישער שול פֿון סאָציאַליזם. דער צוגאַנג, וואָס שטאַמט פֿון דער צווייטער פֿון די שולן, איז פּשוט און עלעמענטאַר: אַלע וועגן, *אַלע* מיטלען זיינען כּשר בכדי צו דערגרייכן אַ הויכע ציל. די גרויסקייט פֿון ציל באַ־רעכטיגט און באַהייליקט *אַלע וועגן*, וואָס פֿירן צו איר: „אַלע וועגן פֿירן קיין רוים“, הייסט עס — אַלע זיינען זיי הייליק! אַלץ, וואָס איז *נוצלעך* פֿאַר דער גיכער פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם, איז מותּר, נויטיק, „מאָראַליש“. ס'איז ניט כּדאַי פֿרעגן באַ זיך אַליין באַ דער אָנווענדונג פֿון דעם אָדער יענעם מיטל, צי איז ער „דערלאָזבאַר“. ער איז דערלאָזבאַר און

נײטיק שוין דורך דעם אַלײן, װאָס ער דינט דעם סאָציאַליזם. אַף װיפיל עס איז בכלל שײך צו רעדן װעגן מאָראַלישע אָפּשאַצונגען, װערט די אָפּשאַצונג פון די מיטלען בטל אין דער מאָראַלישער אַקצעפּטירונג פון ציל, אַף אַזאַ אופן װערט זי איבעריק. עס קאָן זײן אַ רײד נאָר װעגן דער נוצלעכקײט און צװעקמעסיקײט פון די מיטלען; איז דער מיטל נוצלעך — איז שוין מיט דעם אַלײן פאַרענטפערט די פראַגע װעגן זײן מאָראַלישקײט. ניט צום ערשטן מאָל זעהן מיר אין דער געשיכטע אַזאַ מין פּאָזיציע; אין דער געשיכטע פון דער רעליגיעזער באַװעגונג האָט איר מיט אַ פינסטערן גלאַנץ פאַרװירקלעכט דער יעזואיטן־אָרדען, אין דער געשיכטע פון פּאָליטישער באַװעגונג האָבן איר פּונקט מיט אַזאַ פינסטערער און פאַרביסענער קאָנסעקװענטקײט דורכגעפירט די פראַנצױזישע יאַקאָבינער.

ס'איז אָבער פאַראַן אױך אַנ'אַנדער שטאַנדפּונקט, װאָס זאָגט אַנדערש. אפילו פאַר דער גרעסטער ציל זײנען ניט אַלע מיטלען כשר, ניט אַלע װעגן פירן צום הײליקן רױם. װײל, עס פרעגט זיך, — װאָס איז אַזױנס דער הײליקער רױם, די שטאָט פון חלום און האָפנונג! מע קאָן האַלטן פאַר הײליק אירע הױכע מױערן, די גרױסאַרטיקע קופּאָלס פון די מקדשים, די גרינע בערג, אַף װעלכע זי האָט זיך אַזױ מאַיעסטעטיש צעלײגט: כל קדוש, אַלץ דאַרף מען פאַרערן און געדענקען. מע קען דאָך אָבער זעהן דעם רוח־הקודש ניט נאָר אַף אירע אױסערלעכע װענט, ניט נאָר אַף איר אױסערלעכן אױסזעהן, — װי שײן און שטאָלץ און בלענדנדיק עס זאָל ניט זײן. מע קאָן דאָך „קדוש" זאָגן צו זײן אינערלעכן פּרצוף, צו זײן אינערלעכער נשמה און סטיכיע. עס קאָן דאָך זײן, אַז נאָכדעם, װי מיר װעלן שוין זײן אױבן אַף די הײליקע בערג און װענט און בױען אונזערע קני אין דעם געזוכטן היכל, װעלן מיר זײן נאָך װײטער פון אמת'דיקער ציל װי דאַן, בעת מיר האָבן איבער װעגן געבלאָנדזשעט. אָט־אָט איז דאָך, דאַכט זיך, פאַר אונז דער אַרײנגאַנג אין די טױערן פון אידעאַל דאַכט זיך, מיר בױען שוין די רעאַלע ריסטאָװאַניע פון אונזער אידעאַלן בנין, — ער קאָן זיך אָבער פּאָרט דערװײטערן פון אונז און מיר קענען בלײבן שטײן פאַר אַ פּוסטקײט. װײל יאָגנדיק זיך נאָך דער אױסערלעכער רעאַלער פאַרקערפּערונג פון ציל, קענען מיר טראָפּנס־װײז, אינגאַנצן פאַרלירן די אינערלעכע נשמה אירע, װײל דער גלאַנץ פון אױסערלעכע פאַרקערפּערונג און די שװערקײט פון װעגן, װאָס פירן צו איר, פאַרשטעלן אָפּטמאָלס די נשמה, װאָס איז אומבאַמערקט אַף די װעגן פאַרשװאונדן. פאַרטיק איז דער סקעלעט, אַלע גלידער זײנען אַף אַנ'אָרט, אַלע אברים פעסט און ריכטיק צונױפגעבונדן, נאָר קײן רוח־חיים האָט מען ניט אַרײנגעבלאָזן — און ס'איז ניטאָ קײן באַשעפעניש! פאַראַן אַ מאַ=

שין, ניטאָ אָבער קיין כח=היצירה. און דער פּעלער ליגט אין די ו ו ע ג ן און
מ׳טלען, וואָס מע האָט אויסגעקליבן בכדי צו דערגרייכן די ציל. וויפיל אי=
דעאַלן זיינען שוין אַף אַזאַ אופן אונטערגעגאַנגען אין דער אַנטוויקלונג פון דער
מענטשהייט! דאָס קריסטנטום האָט דאָך ניט געקאָנט ווערן אַ אַנטשיידנדיקער
כּה אין מענטשלעכן לעבן, מחמת איר זינדיקייט און די אינערלעכע סתירות אין
די וועגן פון דער קריסטלעכער קירכע! איז דען די ציל פון קריסטנטום ניט חרב
געוואָרן מחמת דעם ו ו ע ג פון דער קירכע, וואָס האָט זיך צונויפגעשמאָלצן
מיט דער מדינישקייט און מיט דעם קיסר, שוין גלייך אין די ערשטע דורות פון
קריסטנטום, און דערנאָך אין XVI יאָרהונדערט, און שפּעטער, בעת די רעפאָר=
מאַציע האָט זיך דורכגעפלאָכטן מיט די פירשטן פון מדינות? און זיין מדיניש=
לעבנסקרעפטיקער טריומף, די פולקומע עסטעטיש אויסגעצייכנטע און מיס=
טיש דערהויבענע צויבער=קראַפט — צי האָט זי א י ן ד ע ר ז ע ל ב ע ר
צ י י ט ניט באַטייט קיין אויסגעשפּראָכענע אינערליכע ירידה, אַלס אַ מאָ=
ראַליש= און אייביק=שאַפנדיקער גייסט? ווילט איר וויסן, וואָס האָט באַגראָבן
דאָס קריסטנטום — קוקט זיך צו צו די שרעקלעכע אָפּשיינען פון אַ א ו ט ע=
ד אַ = פ ע פון דער „הייליקער” אינקוויזיציע. לאָמיר זיך דערמאָנען ווייטער
— צי איז ניט מחמת דער זעלבער סיבה אף יאָרן לאַנג געקומען א חורבן אף
די גרעסטע פּאַר יענער תקופה אידעאַלן פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע?
אויך דאָ האָבן דאָך די ו ו ע ג ן, מעטאָדן, קאַמף= און באַווירקונג=מיטלען לאַנג=
זאַם און גראַדליניק געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן ווערן פאַרגעסן, פאַרנאַכ=
לעסיגט און פּאַרטיליקט די אַלע אידעען, וואָס האָבן געברענט פריער אין די
הערצער מיט אַ הייליקן פייער. צי זיינען די אידעען — צ י ל ן פון פּאָלי=
טישער פרייהייט, בירגערלעכער גלייכהייט, פאָלקס=הערשאַפט און מענטשלעכן
כבוד — ניט פאַרשאַטן געוואָרן אונטער דער אכזריות׳דיקער און שענדלעכער
משא פון די ערגסטע מ י ט ל ע ן פון דער געשיכטע? ווילט איר וויסן, וואָס
האָט געבראַכט דעם סוף אַף די פראַנצויזישע רעוואָליוציע — טאָ קוקט זיך
צו צו די גרויזאַמע שאָטנס, וואָס צעליינגן זיך פון דער „הייליקער” ג י ל י אָ=
ט י נ ע.

אַלעמאָל און אומעטום פלעגט אין אַזוינע פאַלן די ציל שיינען הויך
און שיין אין די אידעאַלע הימלען, און אַלעמאָל פלעגט דער לייטער פון די
מיטלען, וואָס פירט צום הימל פאַרגראָבן זיך צו מגושמ׳דיק, צו טיף אין דער
ערד אַריין, דערווייטערנדיק זיך פון דער ציל און אָפּשטופנדיק איר פון זיך.
פאַרוואָס? ווייל די צוציאונג=קראַפט פון אויסערלעכן רוים האָט פאַרשטעלט
פון די מענטשן אין וועג די שוועריקייטן, די סודות׳דיקייט און טיפקייט פון
דעם אינערלעכן רוים. ווייל די באַנייער האָבן גאָר ניט געטראַכט וועגן די באַ=

שעפּענישן בײַ די װענט, נאָר װי פֿאַנאַטיקער, קוקנדיק אין די װײַטע מרחקים, האָבן זײ אומרחמנות׳דיק געטראָטן איבער די לעבנס, װאָס האָבן געיאָמערט אונטער זײערע פֿיס. װײַל אױב פֿאַר דער אױסערלעכער דערגרײכונג פֿון ציל „זײַנען אַלע מיטלען כּשר", זײַנען טאַקע „נישט אַלע מיטלען" כּשר, בעת עס האַלט בײַ דער אינערלעכער באַהערשונג אירער.

װאָס זשע פֿאַר אַ מיטלען זײַנען יאָ כּשר?

אױף דעם זאָגן מיר: נאָר די,, װאָס װעלן אױפֿבױען ניט נאָר די װענט און קופּאָלן פֿון דעם היכל, נײערט װאָס װעלן אױך שטײן אין הסכּם מיט זײַן אינערלעכן גײַסט און פּאַטאָס, װאָס באַנעמען אײַנגאַנצן די נשמה פֿון היכל. אױב אונזער ציל איז מאָראַליש — איז נאָר אַזאַ מיטל צו איר מאָראַליש, װאָס זאָל מיטהעלפֿן בײַ דער דערגרײכונג פֿון איר אינערלעכן מהות, פֿון דער אידעע, װאָס באַגײַסטערט איר און װאָס שאַפֿט איר אינהאַלט. װײַל נאָר אין אַ אומדירעקטער און זעהר שװאַכער פֿאָרם האָבן די װענט און טורעמס, די אױסערלעכע גרונדשטײנער און די צירונג פֿון אַ מאָראַלישער ציל אַ אײגענעם מאָראַלישן װערט. איר אמת׳דיקער עטישער װערט באַשטײט נאָר אין דער פֿאַרװירקלעכונג פֿון איר אינערלעכן זין און פֿון איר באַשטרעבונג.

איך מאַך דעריבער אַ חילוק צװישן צװײערלײ פֿאַרבינדונגען צװישן מיטלען און ציל אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײט פֿון מענטשן. אײנע איז די, פֿאַר װעלכע עס איז װיכטיק עס זאָל אומבאַדינגט („אַלע מיטלען זײַנען כּשר") פֿאַרקערפּערט װערן דער אידעאַל, װאָס איז געשטעלט געװאָרן דורך דער געשיכטע אָדער דאָקטרינע, (ד. ה. — זאָל קומען די דערגרײכונג, כאָטש אַ אױסערלעכע): דאָס איז אַ אױסערלעכע, טעכנישע פֿאַרבינדונג. און דער צװײטער מין פֿאַרבינדונג — אַ אינערלעכע, מאָראַלישע, װאָס װיל ניט סתּם אַ פֿאַרקערפּערונג, נאָר אַ פֿאַרקערפּערונג דורך אײגענע אױסדערװײלטע װעגן, װאָס שטרעבט צו אַ שטענדיקער גײַסטיקער קרובֿה׳שאַפֿט צװישן די װעגן און דעם אידעאַל, װאָס זעהט ניט אײן אין דער דאָזיקער קרובֿה׳שאַפֿט קײן געפֿערלעכע דערװײטערונג פֿון דער דערגרײכונג, נאָר־אדרבא, זי האַלט עס פֿאַר אַ פֿאַרשענערונג פֿון אידעאַל. פֿאַר דעם ערשטן מין פֿאַרבינדונג האָט די מענטשלעכע געשיכטע אױסגעאַרבעט אַ אױסגעצײכנטע, שאַרף־אָפּגעטאָקטע פֿאָרמול, װאָס װערט אפֿשר אַמאָל צביעו׳דיק און שעמעװדיק פֿאַרבאַהאַלטן, נאָר װאָס װערט פֿאַקטיש, כּסדר באַנוצט. די דאָזיקע פֿאָרמול —

די ציל כּשר׳ט די מיטלען *) — איז תּמיד זייער קינציג געבּרויכט געוואָרן פון די גייסטלעכע און וועלטלעכע יעזואיטן ווי לאָיאָלאַ, און מאַקיאַוועלי, טאָרקוועמאַדאַ און נאַפּאָלעאָן, מעטערניך און ראָבּעספּיער*). די אַלע מענטשן און די קלאַסן, פּאַרטייען, קירכעס און פעלקער, וואָס זיינען הינטער זיי געשטאַנען, האָבּן פאַרשטייט זיך, בשעתם געהאַט די פאַרשיידנסטע מאָטיוון פאַר זיך, נאָר אַלע האָבּן זיי געקאָנט פאַרדעקן די עקלהאַפטסטע און שענדלעכסטע מעטאָדן מיט איינער און דער זעלבּער סאַקראַמענטאַלער פאָרמול: די ציל (אַלץ איינס וועלכע: אַ גרויס־מדינישע, צי אַ דינאַסטישע, אַ פּאַרטייאישע, אַ קלאַסן־ציל אָדער די סאַמע קריסטלעכע — נאָר, פאַרשטייט זיך, אַ הויכע ציל) כּשר׳ט די מיטלען. אַלע טייכן און שטראָמען פון דער מענטשלעכער קולטור האָט מען

*) אין פראַנצויזיש הייסט עס אַנדערש: Qui veut la fin, weut les moyeus (ווער עס וויל די ציל, וויל אויך די מיטלען).

**) אַ כּלל פון נעטשאַיעוו׳ס רעוואָלוציאָנערן שולחן־ערוך: „פאַרן רעוואָלוציאָנער איז מאָראַליש אַלץ, וואָס עס העלפט מיט דעם טריומף פון דער רעוואָלוציע. אַלץ וואָס עס שטערט אים — ניט מאָראַליש און פאַרברעכעריש“.

עס איז טשעקאַווע די תּורה פון מאַקיאַוועלי אין דעם פּרט: „די דערפאַרונג פון אונזער צייט האָט דערוויזן, אַז גרויסע מעשים פלעגן אויפטאָן נאָר אַזעלכע פערשטן, וואָס האָבּן זיך ווייניק גערעכנט מיט זייערע הבטחות, וואָס האָבּן געקענט פענטעווען די מענטשן מיט רמאות, און האָבּן אַף אַזאַ אופן באַזיגט די אַלע, וואָס האָבּן זיך פאַרלאָזן אַף אָרנטלעכקייט... דער פערשט דאַרף קענען זיך באַנוצן מיט מיטלען פון אַ מענטשן און אַ חיה... אויב ער איז געצוואונגען אויסלערנען זיך די מיטלען פון אַ חיה, דאַרף ער אויסקלייבּן אַ *פוקס* און אַ *לייב*, ווייל אַ לייב קאָן זיך ניט שיצן פאַר שלאַנגען און אַ פוקס — פאַר וועלף. דאַרף מען, הייסט עס, זיין אַ פוקס בכדי צו דערזעהן דעם שלאַנג, און אַ לייב — בכדי פאַרטיק צו ווערן מיט די וועלף... אַ קלוגער הערשער קאָן דעריבּער ניט בלייבּן טרוי זיין וואָרט, אין פאַל אויב דאָס קאָן אים שאַדן און אויב ס׳זיינען מעהר ניט דאָ די סיבּות, מחמת וועלכער ער האָט זיין הבטחה געגעבּן, און תּמיד וועט ער האָבּן גענוג געזעצלעכע מיטלען, בכדי צו פאַרמאַסקירן, אַז ער האַלט קיין וואָרט ניט... דער פערשט דאַרף גאָר ניט האָבּן אַלע (גוטע) מעלות, ס׳איז אָבּער זייער וויכטיק, עס זאָל אויסזעהן, אַז ער האָט זיי... ס׳איז כּדאַי אויסצוזעהן ווי אַ בעל־רחמים, אַ וואָרטס־מאַן, מענטשלעך, רעליגיעז, ריין־האַרציק און טאַקע זיין עס בעאמתן, מער דאַרף אָבּער אַף אַזוי ווייט זיך באַהערשן, מע זאָל בשעת הדחק אויך ניט האָבּן די מעלות און פאַרבּייטן זיי אַף זייער היפוך... זאָל זיך *דער פערשט זאָרגן וועגן נצחון און וועגן דעם, ווי איינצהאַלטן די מדינה: אַלע מיטלען צו די דאָזיקע צילן וועלן גערעכנט ווערן פאַר גוטע*, און אַלע וועלן זיי לויבּן. ווייל פאַרן המון איז וויכטיק נאָר די אויסערליכקייט און דער רעזולטאַט פון דער זאַך. דער המון, איז אָבּער — אַלץ“. („דער פערשט“).

לשם דער „ציל" מיט בלוט באַפאַרבן, דעם גאַנצן וועג פון דער געשיכטע פול געמאַכט מיט פלאַקערדיקע האָלץ־שייטערס און מיט שערבלעך פון צעבראָכענע דורות, לשם איר האָט מען געברענט אפן פייער כופרים, מע האָט געקיילעט ניט־גלייביקע, געקעפט „קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן". לשם דער „ציל" פלעגט מען מענטשן פאַרשפאַרן אין די ד' אמות פון אָפיציעלער קירכע, אין די שטאַלן פון געזעצלעכע רעזשימען, אין די קאַטוכן פון לאָיאַלע כשר'ע אמונות. לשם דער „ציל" האָט מען מענטשן בעל־כרחם געשלעפט צום בלומרשטן גליק און טייוואָליש האָט מען זיך געהאַלומעט איבער דער צניעות'דיקער און ריינער אמונה. לשם דער „ציל" האָט איטלעכער פאַר זיך און אַלע הערשער צוזאַמען זיך באַמיט, אַז צעטראָטענע געדאַנקען, חלומות, פאַנטאַזיעס און שטרעבונגען זאָלן פול מאַכן די מענטשלעכע וועגן ווי בלעטער האַרבסטיגע, ווי טרויערדיקע צלמים. לשם דער „ציל" האָבן די הערשער באַגראָבן אונטער די שערבלעך פון וועגן און מיטלען אפילו די צילן זייערע. און מסתמה איז ניט געווען ניט איין פאַל, אַז די היטער פון די דאָזיקע „צילן" און צייטווייליקע הערשער איבער מענטשלעכע וועגן זאָלן ניט האַלטן (און אַ סך פון זיי — גאַנץ אויפריכטיק) און ניט חזרן פאַר זיך און אַנדערע: די ציל כשר'ט די מיטלען. דאַכט זיך, די דאָזיקע כסדר'דיקע הזהרה פון דער געשיכטע וואָלט שוין געסטייעט, בכדי מע זאָל דערפילן, ווי פאַלש עס איז לויט איר מהות די דאָזיקע היסטאָרישע מאַגיע, די מאַגישע פאָרמול פון דער אייביקן, כיטרעם, ליגנערישן און אכזריות'דיקן יעזואיטיזם.

אויב דער „טעכנישער" שטאַנדפונקט מעג אָבער געקרוינט ווערן מיט אַזאַ פאָרמול — מוז דער „מאָראַלישער" שטאַנדפונקט האָבן אַ גאַנץ אַנדערע. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט שווער איר צו באַנעמען און פיקסירן. זי וועט הייסן: די ציל ווערט געכשרט דורך די מיטלען. ניין, ניט „אַלץ איז מותר" זאָגט די פאָרמול. ס'איז נאָך ווייניק מע זאָל פעסטשטעלן, באַגייסטערן, פאַרשענערן די ציל. זי וועט זיין אַ פוסטער קלאַנג, אַ פסולת, אויב דער וועג, וואָס פירט צו איר, וועט ניט זיין אינערלעך, אינטים און בלוטיק־נאָענט פאַרבונדן מיט איר. אויב די „ציל" איז געווינלעך אַ קינסטלערישער פלאַן, וואָס ווערט באַשאַפן דורכ'ן שאַפנדיקן גייסט פון מענטשן, אויב דאָס איז אַ ווייטער סילועט, וואָס ס'איז אים צו זעהן אַפן גייסטיקן האָריזאָנט, אַ ברייטע, אַלץ־אומנעמענדיקע כלי, וואָס האַרט מע זאָל איר שעפעריש פול מאַכן, — זיינען אָבער די מיטלען — די אויסדערווײלטע פילנדיקע און שכלדיקע האַנט, וואָס איז בלוטיק־נאָענט צו דער ציל, וואָס בויט אויף דעם בנין לויטן פלאַן, און פאַרווירקלעכט און פאַרקערפערט דעם אומקלאָרן סילועט, אַ האַנט, וואָס פילט אָן ביז אויבן די דורשטיקע כלי. נאָר אַ דאַנק די

אויסדערוויילטע, קרובֿ'שאַפטלעך־נאָענטע מיטלען ווערט די ציל פאַרוואַנדלט פון אַ אידעאַלן פּראָעקט און אַ גאוניש־אָנגעמערקטן אויפשוואונג אין אַ ממשות'דיקע, לעבעדיקע אידעאַלע זאַך, אין אַ זיך רעאַליזירנדיקן אידעאַל. אויבן האָבן מיר שוין געזאָגט, אַז דער הסכם צווישן ציל און מיטלען איז אַ אומבאַדינגטער תנאי, בכדי מע זאָל קענען מקבל זיין דעם ענין גופא. די זעלבע זאַך קענען מיר איצט איבער'חזר'ן אין אַנ'אַנדערן טיפערן זין: בכדי מיר זאָלן מאָראַליש מקבל זיין אַ געוויסן אַקט, איז נויטיק ער זאָל שטיין אין הסכם ניט נאָר סתם מיט דער („מאָראַלישער") ציל בכלל, נאָר מיט דער אינערלעכער (מאָראַלישער) זייט פון איר אינהאַלט, אַז זיין צוזאַמענהאַנג מיט דער ציל (אפילו מיט אַ „מאָראַלישער") זאָל זיין ניט נאָר טעכניש, נאָר אויך אינערלעך־מאָראַליש *).

ממילא ווערט שוין געזעצלעך און אַנטשיידנדיק דער אינסטינקטיווער מאָראַלישער "נשמה־בונט", פאַר וועלכן מיר האָבן געפאָדערט דעם קאָנטראָל פון מאָראַלישן געוויסן, קוים אַז ער פאַרבינדט זיך מיט דער דאָזיקער אידעע פון הסכם צווישן מיטלען און ציל. בעת די מאָראַלישע עמפינדונג פון מענטשן טוט זיך אַ שטעל, — אפילו אומבאַוואוסטזיניק אין דער ערשטער רגע — אַנטקעגן דעם ניגוד צווישן די מיטלען און אינערלעכן מהות פון ציל, איז זי שוין ניט אימפרעסיאָניסטיש, נאָר אומגעקערט — זי זאָגט עדות וועגן זיין גייסטיקער גרויסקייט. וואָס העכער עס איז דאָס מאָראַלישע „איך" פון מענטשן, — אַלץ סטיכייאישער און אומאָפּהענגיקער פון שכל דערהייבט זיך אין אים די שטימע פון מאָראַלישן פּראָטעסט, אַלץ גיכער און שאַרפער רעאַגירט ער איטלעכסמאָל, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף אַזאַ מין ניגוד. אין דעם זין איז דאָס „געוויסן" — די ערשטע באַאומרואיקנדיקע הזהרה פאַר דער מאָראַלישער פּערזענלעכקייט.

בכדי קלאָרער צו מאַכן דעם געדאַנק, וועלן מיר עס פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס עס איז אויבן געזאָגט געוואָרן. פריער האָבן מיר געקעמפט קעגן אַ געשלאָסענער, אַזוי צו זאָגן אַ אימאַנענטער אָפּשאַצונג פון די מעשים־מיטלען, באַ וועלכער עס ווערט אינגאַנצן אָדער כמעט אינגאַנצן ניט גענומען אין אַכט זיין הויפּט־ציל. איצינד טרעטן מיר אַרויס קעגן דעם אויסשליסלעכן סוווערעני־

*) באַם סוף פון אונזער אונטערזוכונג וועט קלאָר ווערן, אַז אונזער פּרינציפּ (די ציל ווערט געכשר'ט דורך די מיטלען) האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן פאַרווירקלעכט ווערן אין אונזער רעוואָליוציאָנער־סאָציאַליסטישן קאַמף, נאָר אַז ער איז במלא מובן המלה די אָנפירנדיקע אידעע פון דעם דאָזיקן קאַמף, פונקט אַזוי ווי ס'וועט ניט אַלעמאָל אינגאַנצן פאַרווירקלעכט דער יעזואיטישער פּרינציפּ. און שפּילט נאָך די אָנפירנדיקע ראָלע.

טעט פון ציל בא דער אפשאצונג פון די מיטלען. פריער האבן מיר געזאגט, אז מע קאן ניט אננעמען אדער אפווארפן מיטלען, ניט רעכנענדיק זיך מיט זייער ציל; וויל יעמאלט וואלט מען מיט דער שטענגעלע פון מאראלישער עמפינדלעכקייט, אימפרעסיאניזם אדער דאגמאטיזם אריינגעפאלן דירעקט אין דעם וואלד פון עטישער גלייכגילטיקייט. אצינד זאגן מיר, אז מע קאן ניט איגנאָרירן לגמרי דעם כאראקטער פון די מיטלען אפילו דאן, בעת מע האט זיך פארפעסטיקט אף דער מאראלישער ציל. וויל דאן קומען מיר מיט א וועג, וואס איז אמאל „טעכניש“ שיין, צו א מאראלישן יעזואיטיזם און מיר דערווייטערן זיך אף א פאטאלן אופן פון דער ציל גופא. נאר אויסמיידנדיק די ביידע עקסטרעמיטעטן וועלן מיר זיין בכח מאראליש אפצושאצן אונזערע מעשים*).

XII.

מיר האבן ביז איצט באהאנדלט צווייערליי אופנים, וואס אף זיי קען מען צוגיין צו דער פראגע וועגן מיטלען און ציל. מיר האבן עס אבער געטאן מיט א באשטימטער כונה — בכדי מיר זאלן שטעלן פאר זיך די פראגע צי מעג מען באנוצן דעם טעראר אום צו פארווירקלעכן דעם כאציאליזם. אויך אין דער א איינצעלנער פראגע פון דער אלגעמיינמאראלישער פראבלעם זיינען מעגלעך צווייערליי תשובות.

די באלשעוויקעס — דאס וועט זיין די ערשטע תשובה — שטייען אין זייער שטרעבונג צום סאציאליזם אויסשליסלעך אף א טעכנישן שטאנדפונקט, דעריבער דערלאזן זיי דעם טעראר און אקצעפטירן אים. ס'פארשטייט זיך, אויך צווישן זיי זיינען פאראן צוויי מינים באציאונגען צום טעראר, נאר פראקטיש איז עס ניט וויכטיק. פאר איין טייל פון די באלשעוויקעס איז אין דעם ענין בכלל ניט בנמצא וואס פאר א ניט איז מאראלישע פראגע אדער מניעה. פון שטאנדפונקט פון דער א „ציניזער מאראל“ איז אלצדינג, וואס קומט פאר געשיכטלעך — „אומפארמיידלעך“, אלץ איז מיט א „אייזערנער נויטווענדיקייט“ געדרונגען פון די געזעצן פון קלאסן־קאמף, אלץ איז פאראויסגעזעהן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. בא אזא מין „נאטורוויסנ-

*) וו. טשערנאוו באריירט אין זיין „עטיק און פאליטיק“ („Заветы 1912“) טעמען, וואס זיינען נאענט צו אונזער פראגע. ארויסגייענדיק פון דעם, אז דער סאציאליזם איז א מאראלישער מאקסימום, פאדערט ער, אז די לויפנדיקע טעטיקייט פון א סאציאליסטישער פארטיי, איר „פאליטיק“ זאל אנטשפרעכן א געוויסן „מאראלישן מינימום“. ער גיט אבער ניט קיין קלארע קריטעריום'ס פון דער „מינימום“, וואס וואלטן באזונדערס צונויף געקומען בעת דער אנטוויקלונג פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע.

שאַפּטלעכן“ מעטאָד פון אנטייל אין דער רעוואָליוציע ווערט זי אַליין פאַר־
וואַנדלט אין אַ מעכאַנישע פאַבריק, און דער לעבעדיקער ליידנדיקער מענטש —
אין אַ קראָליק פאַר עקספּערימענטן. עס איז בכלל ניטאָ קיין אָרט פאַר קיין
מאָראַלישער אָפּשאַצונג, און די רעוואָליוציע און דער רעוואָליוציאָנער האָבן
צו טאָן דאָס, וואָס עס איז „נויטיק“. דערביי איז פאַרשטייט זיך, דאָס „אָביעק־
טיוו“־נויטיקע ענלעך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער צו דעם וואָס אַזאַ רעוואָליוציאָנער
האַלט פאַר נויטיק. די פראַגן וועגן דער „דערלאָזבאַרקייט פון טעראָר“ קו־
מען אויס פאַר אַזאַ מין טוער קאָמיש אָדער געקינצלט, ווייל לויט זיין מיינונג
האַנדלט זיך וועגן די „חבלי־לידה“ פון דער געשיכטע אָדער וועגן אַ „כירורגישער
אָפּעראַציע“ פון דער געזעלשאַפט, און דאָס לעצטע וואָרט האָט דאָ דער לאַנ־
צעט אָדער דער שטיק, בשום אופן אָבער ניט די סברה, צי דער פרעדיקט, צי
אַפילו דער טרויס. אַ קלאָרע ליטעראַרישע אָפּשפּיגלונג פון אַזאַ טיפּ זעהן מיר
אין געשטאַלט פון דעם אַבאַט סימורדיען („93־ער יאָר“. וו. הוגאָ), וואָס אָנ־
שטאָטן האַרצן האָט ער אַ טרוקענעם מח — אַ שאַרפן חלף; וואָס אין קאַמף
פאַר דער רעוואָליוציע וויים ער קיינמאָל אין קיינע שום תנאים ניט פון רחמנות,
וואָס פאַר אים איז אַ „נאַטור־געזעץ“, אַז די נייע פראַנקרייך דאַרף מאַכן די
אַלטע תחת חרב און קיין שריד ופליט טאָר זי פון איר ניט איבערלאָזן. סען־
זשיוסט, די מורא׳דיק־פאַרגעסערטע אָפּשפּיגלונג פון ראָבעספּיערן, פאַרגלייכט
אין זיינער אַ רעדע אין קאָנווענט די פאַרטיליקונג פון אַריסטאָקראַטן מיט די
כעמישע פאַרניכטונג־פּראָצעסן, וואָס קומען כסדר פאָר אין דער נאַטור, דע־
ריבער פאָדערט ער, מע זאָל זיך באַציען צום טעראָר קאַלטבלוטיק, „עפּעס איז
פאַראַן אומרחמנות׳דיקעס אין דער ליבע צום פאָטערלאַנד, זאָגט ער מיט אי־
בערצייגונג **).

**) זע E Hamel „Histoire de Saint-Just“ אין ביכנער׳ס דראַמע
„דאַנטאָנ׳ס טויט“, וואָס איז זייער נאָענט צום היסטאָרישן אמת, זאָגט סען־
זשיוסט אַזוי: „איך פרעג — ניט שוין זשע דאַרף זיך די מאָראַלישע נאַטור מער
רעכנען אין אירע רעוואָליוציעס, ווי די פיזישע? צי דען דאַרף אַ געשעהעניש,
וואָס בייט אום די מענטשהייט ניט גיין דורך בלוט? דער וועלט־גייסט נוצט
אויס אונזערע הענט אין דער גייסטיקער ספערע פונקט אַזוי, ווי ער נוצט אויס
אין דער פיזישער וועלט וואולקאַנעס און פאַרפלייצונגען. וואָס איז דער חילוק,
צי דער מענטש שטאַרבט פון אַ עפּידעמיע אָדער פון אַ רעוואָליוציע?
***) צו דעם טיפּ רעוואָליוציאָנערן טוער דאַרף מען צורעכן אויך די יעניקע
וואָס זיינען אפילו ניט בכח צו באַגרינדן זייערע מעשים „נאַטור־וויסנשאַפטלעך“,
און פאַרטילינן פונדעסטוועגן אָן רחמנות זייערע שונאים אין ברען פון נאַציאָ־
נאַלן און קלאַסן־גרימצאָרן. אָפּרעכנענדיק זיך מיט זייערע שונאים דערפאַר,
וואָס זיי האָבן „געקרייצט כריסט׳ן“, אָדער „גענוג שוין געזויגן אונזער בלוט“,
פילן ניט די דאָזיקע קצבים פון דער רעוואָליוציע, פונקט ווי יענע „זאָאָ־

דער דאָזיקער מאָראַלישער ניהיליסט, וואָס ווייסט ניט אַפֿילו פֿון דרוק פֿון אומבאַוואוסטזיניקן עטישן פּרינציפּ איז אָבער ניט דער הערשנדיקער טיפּ פֿון אַ „טעכנישן" רעוואָליוציאָנער. דער אַנדערער און דער עפּטערער טיפּ זיינער האָט אַנ'אַנדער פּרצוף.

— „יאָ — זאָגט אַזאַ מין מענטש, — די אָנווענדונג פֿון טעראָר איז שווער און אכזריותדיק, זי רירט אָן אונזערע מענטשלעכע סטרונעס, זי צווינגט אונז צו זיין גרויזאַם און אומרחמנות'דיק. נאָר *קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר ניט*... פֿון אַלע זייטן זיינען מיר אַרומגערינגלט מיט שונאים, וואָס וועלן ניט שאַנעווען ניט אונז און ניט דאָס פֿאָלק און וואָס צווינגען אונז דעריבער זיך צו נעמען פֿאַר דעם אָ געווער... וואָס שאַרפֿער און ענערגישער מיר וועלן אַראָפּלאָזן דעם שווערד פֿון טעראָר, דאָס גיכער וועלן מיר קענען איינגאַנצן אָפּוואַרפֿן אים אָן אַ זייט.. מיר וועלן אים אַליין אָפּוואַרפֿן, גלייך ווי מיר וועלן האָבן באַזייטיקט דעם „לעצטן" שונא פֿון דער רעוואָליוציע... אויב מיר וועלן זיין רחמנות'דיק און גרויסמוטיק בנוגע צו אונזערע שונאים, וועלן זיי אונז פֿאַרנעמען ממש מיט די הוילע הענט... אויב פֿאַר אונזער דור איז עס אַלץ שווער, לייגן מיר דאָך אָבער דערפֿאַר דורך אַ וועג פֿאַר די קומענדיקע גליקלעכע דורות. די געשיכטע האָט דערוויזן, אַז מיט קיין אַנדערע וועגן קען מען קיין זאַך ניט בויען, והא ראיה — די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע... מיר קעמפֿן פֿאַר אַ גרויסע זאַך, דעריבער טאָרן מיר ניט אָפּשוואַכן זיך אַליין מיט זייטיקע חקירות... אַלץ, וואָס איז נוצלעך פֿאַר דער דערגרייכונג פֿון סאָציאַליזם, איז דערלאָזבאַר, נויטיק, מאָראַליש. *דער טעראָר איז נוצלעך*; מיט דעם אַליין איז ער שוין פֿאַר אונז עטיש באַרעכטיקט. וואָס עס זאָל אונז ניט זאָגן אונזער מאָראַלישער אינסטינקט — מיר מוזן אים דערשטיקן לשם אונזער העכערער ציל, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל וואַרפֿן מיר אים אָפּ... דעריבער וועלן מיר אָנווענדן דעם טעראָר רואיק, מיט חשבון, סיסטעמאַטיש, מיט איניציאַטיוו, אויסמיידנדיק דערביי, פֿאַרשטייט זיך, איבעריקע אכזריות"...*).

לאָגן פֿון דער רעוואָליוציע" דעם דרוק פֿון דער אינסטינקטיווער מאָראַלישער עמפּפֿינדונג אַפֿילו, ווען וועלכער מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז זי אַליין איז נאָך ווייניק פֿאַר דער פֿולקומקייט פֿון דער מאָראַלישער פּערזענלעכקייט. און ס'איז רעכט, אַז אַזאַ נאַיווער קצב פֿון דער רעוואָליוציע רעגט אונז אויף ווייניקער ווי דער „למדן"; אַף־אַזוי־פֿיל, אַף וויפֿיל אַ אויפֿריכטיקער סטיכיייִשער מעסער איז בעסער ווי אַ מעסער וואָס חקרנ'ט זיך.

*) דער לייענער וועט זיך געוויס דערמאָנען, אַז דעם זעלבן געדאַנקן־גאַנג האָבן מיר אַנטוויקלט אויבן, דערווייזנדיק, אַז עס איז *פֿאַר אונז* אומפֿאַרמיידלעך די אָנווענדונג פֿון *גוואַלט* בכלל. ס'איז אָבער פֿאַראַן אַ חילוק

מיר וועלן שפּעטער פֿונאַנדערקלייבן יעדערע פֿון די טענות באַזונדער. אַצינד וועלן מיר נאָר באַמערקן, אַז אַזאַ אָדער בערך אַזאַ פֿאַנציר פֿון טענות און ראַיות פֿאַרדעקט די גרעסטע מערהייט פֿון די אַקטיווע טוער פֿון טעראָר, גיט זיי די מעגליכקייט רוהיק, כּסדר׳דיק און פּלאַנמעסיק געברויכן דעם טעראָר אין דער מדינה־אַרבעט; די מעגלעכקייט ניט נאָר אים צו טאָלערירן, נאָר אויך צו ליבן, אַפּעלירן און אָנקומען צו אים בײַ דער קלענסטער שוועריקייט. זי גיט זיי די מעגליכקייט צו בלייבן אָפּטמאָל גוטהערציקע און פֿיינפֿילנדיקע מענטשן אין זייער פּריוואַטן לעבן, און צו זיין אין דער זעלבער צייט אכזריות׳דיקע טע־ראָריסטן אין דער רעוואָלוציע. פֿון מענטשן, וואָס זיינען געצוואונגען צו טראָגן אַ היסטאָרישע משא, ווערן זיי אויף אַזאַ אופֿן אָפּט מגולגל אין אַק־טיווע אידעאָלאָגן, פֿרעדיקער, אָפּטמאָל באַזינגער און ענטוזיאַסטן פֿון טעראָר (מאַכנדיק דערביי אַ קליינע הנאה׳לע צו זייער מאָראַלישער עמפּינדונג).

אין דער געשיכטע און אין דער ליטעראַטור האָבן מיר אַ סך אַזעלכע טוער און אַזעלכע תקופֿות, וואָס זיינען מיט זיי באַפֿאַרבן. דער גרויסער אינקוויזיטאָר פֿון שפּאַניען טאָרקוועמאַדאָ פֿלעגט מסתמא מיט טרערן אין די אויגן און מיט גרויס צער אין האַרצן משלח זיין צו דער שרפֿה טויזנטער מענטשן לשם זיין רעליגיעזער „רעטונג“־אידעע. פֿאַרשטעלנדיק זיך מיט אַ גאַנצע קאָמפּליצירטע סיסטעם פֿון פּאָליטישע „שכלדיקע“ און „מאָראַלישע“ אַרגומענטן, האָט ראָ־בעספּיער אַליין שטייפֿער און שטייפֿער פֿאַרצויגן דעם קניפּ פֿון טעראָר אין אַלץ עפּטער און אומרחמנות׳דיקער אַראָפּגעלאָזט דעם חלף פֿון דער גיליאָ־טינע אויף די קעפּ פֿון די „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן“. דער העלד פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס (אין ראָמאַן „געטער האָבן דורשט“) דער שופֿט פֿון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל האַמעלען, זאָגט אַזוי צו זיך, זעענדיק אַמאָל פֿונדערווייטנס ראָבעס־פּיערן: „איך האָב געזעהן דיין צער, מאַקסימיליאַן, איך האָב פֿאַרשטאַנען דיין געדאַנק. דיין טרויער, דיין מידקייט, אַפֿילו דער אויסדרוק פֿון אימה, וואָס איז פֿאַרזיגלט אין דיין קוק, אַלץ האַלט אין איין זאָגן: זאָל שוין נעמען אַ סוף צום טעראָר, זאָל זיך אָנהייבן די ברידערליכקייט“. גוט, איך וועל טאָן לויט דיינע פֿאַרלאַנגען. איך און מיינע חברים אין טריבונאַל האָבן צוגעגרייט די וועגן פֿאַר דער באַרמהערציקייט (דער קורסיוו איז אומעטום מיינער), פֿאַר־ניכטנדיק די בוגדים און פֿאַרשווערער, כּדי דו זאָלסט קענען מיט דיין

צווישן אונז און זיי. בעת מיר פֿאַרטיידיקן די געוואַלט זיינען מיר טאַקע באמת׳ן דערגאַנגען מאָראַליש צו אַ וואַנט אין דער פֿאַרווירקליכונג פֿון סאָציאַליזם... בעת זיי פֿאַרטיידיקן אָבער דעם טעראָר, ווייזט זיך בײַ זיי אַרויס זייער גרונט־חסרון, זיי מישן צונויף די אויסערלעך־טעכנישע דערגרייכונג פֿון סאָציאַליזם מיט זיין אינערלעך־מאָראַלישער דערגרייכונג, ווי מיר וועלן עס ווייטער זעהן.

הכמה און גוטסקייט מאַכן אַ סוף צו די בירגערלעכע רייסערייען, פאַרלעשן די קינ׳ישע שנאה און פאַרוואַנדלען דעם הענקער אין אַ גערטנער, וואָס וועט שניידן נאָר אוגערקעס און קעפּלעך קרויט. מיר וועלן פאַרדאָפּלען אונזער וואַכזאַמקייט און שטרענגקייט: קיין איין שולדיקער וועט פון אונז ניט אַנטלויפן. און בעת ס׳וועט פאַלן אונטערן מעסער דער קאָפּ פון ל ע צ ט ן *) שונא פון דער רעפּובליק, דאַן, אָ, הייליקער פאָטער פון דער רעפּובליק, דאַן וועסטו קענען זיין באַרמהערציק, ניט באַגייענדיק קיין חטא, און לויט איין באַוועגונג פון דיין האַנט, וועלן א ו מ ש ו ל ד י ק י י ט און ג ו ט ע מ ד ו ת קומען קיניגן איבער פראַנקרייך״.

אַזוי דערנענטערן זיך היסטאָריש איינער צום צווייטן מענטשן פון פאַרשיידענע תקופות, וואָס זיינען גייסטיק צונויפגעבונדן דורך דער איינקייט פון בלוט און מענטשלעכע קרבנות; אַ אייניקער, טאַקע בפועל ממש ר ו י ט ע ר פאָדים ווערט דורכגעצויגן צווישן דעם שפּאַנישן „אַאוטאָ דאַ פע״, דער פראַנצויזישער גיליאָטינע, און אונזער „צו דער וואַנט״.

מיר האָבן געגעבן צוויי טיפּן פון „טעכנישע״ רעוואָלוציאָנערע טוער. צום גליק, זיינען ניט נאָר זיי אַליין פאַראַן אין דעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער. ס׳זיינען פאַראַן אויך אַנדערע טוער — און צו זיי געהערט דער רעוואָלוציאָנער — פאָלקיסטישער לאַגער וואָס פאַר זיי איז די טעכניק פון דער רעוואָלוציע נאָר איין זייט אין איר, און דערביי — ניט די וויכטיקסטע זייט. „ניט אַלץ איז מותר „לשם דער סאָציאַליזם״, לויט זייער מיינונג, ניט אַלץ איז דערלאָזבאַר. דער אָדער יענער מיטל (און אין דעם כלל — אויך דער טעראָר) קאָן אפשר אויסדוכטן זיך פאַר ט ע כ נ י ש־צוועקמעסיק, קאָן אפשר ברענגען מיטן קירצסטן וועג צו דער דערגרייכונג פון די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע, ער קאָן זיך אָבער פונאַנדערגיין מיט דער אינערלעכער, גייסטיקער נאַטור פון סאָציאַליזם, ער קען זיך אַרויסווייזן פאַר מ אָ ר אַ ל י ש־אומדערלאָזבאַר. און וואו עס קומט פאַר אָפּשפּאַלטונג צווישן דעם אינערלעכן פאַטאָס פון ציל און דער שפלות פון מיטלען, דאָרטן קאָן צוגלייך מיט דער דערגרייכונג פון אויסערלעכע געביי פון ציל דער׳הרג׳עט ווערן אַזוי צו זאָגן די צ י ל פ ו ן ד ע ר צ י ל; דאָרטן הייבט זיך אָן תחילת די דעזאָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציאָנער און דערנאָך אויך פון דער גאַנצער רעוואָלוציע. די דאָזיקע טוער

*) וואָס פאַר אַ אוטאָפּיזם פון בלוט! אַ אוטאָפּיזם, וואָס זיין תמימות דערגייט ביז טעמפּקייט, אידיאָטישקייט, ביז צום פאַרברעכן!

פון דער רעוואָליוציע זיינען ניט סענטימענטאַל, ניט אימפּרעסיאָניסטיש, זיי זיינען ניט קיין עבדים פון זייערע מאָראַלישע געפילן. זיי ווייסן אויסגעצייכנט, אַז הגם געוויסע מיטלען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף (רציחות, פּערזענלעכער טעראָר, באַריקאַדעס-קאַמף, אַרעסטן, פאַרבאָט פון צייטונגען, ליגנס און שקרים) קומען זיי אוים סוביעקטיוו שרעקלעך, פאַרשטויסן, ניט דערלאָזבאַר, פון דעסטוועגן זיינען ניט די דאָזיקע געפילן ווי אויך ניט דער מאָמענט פון „צוועקמעסיקייט" פאַר זיי אַ קריטעריום פון דער עטישער כשרות פון דעם אָדער יענעם מיטל. איין אָביעקטיווער קריטעריום איז באַ זיי פאַראַן — דאָס איז דער אויבן דערמאָנטער הסכם צווישן די מיטלען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף און דער אינערלעך-מאָראַלישער נאַטור פון סאָציאַליזם. ניט נאָר די אונטערבאַוואוסטזיניקע שטימע פון דער נ ש מ ה אָדער דער ניכטערער חשבון וועגן נוצן פירן אן מיט די דאָזיקע טוער פון אונזער רעוואָליוציע, נאָך אויך דער געדאַנק וועגן גייסט און מהות פון סאָציאַליזם. ווייל — נאָך אַמאָל און נאָך אַ מאָל חזר'ן מיר עס איבער — מיר געדענקען, אַז די ציל אַליין היינגט אָפּ פון דעם כאַראַקטער פון די מיטלען און פון זייער שלעכטקייט גייט זי אויך אַליין אונטער. ווייל אַזוי ווי מען קאָן דעם זין פון לעבן ניט מקריב זיין לשם דעם לעבן, אַזוי קאָן מען אויך ניט מקריב זיין דעם זין פון סאָציאַליזם „לשם דעם סאָציאַליזם".

מיר וועלן זאָגן נאָך מער און נאָך קלאָרער: אויב די דאָזיקע טוער פון דער רעוואָליוציע וואָלטן זיך איבערצייגט, אַז קיין אַנדערע וועגן צום סאָציאַליזם ווי די אַנטי-מאָראַלישע זיינען ניטאָ, און אַז פאַר איצטיקער תקופה איז אומפאַרמיידלעך דער פאַטאַלער וועג פון מקריב זיין דעם גייסט פון סאָציאַליזם לשם דעם קערפּער זיינעם — יעמאָלט וואָלטן זיי געטאָן דעם אַנטשיידנדיקן טראָט. זיי וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דער תיכּף'דיקער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, זיי וואָלטן דוחה געווען זיין פאַרקערפּערונג, מיט ווייטאָק אין האַרצן און מיט צעבראָכענע האָפנונגען וואָלטן זיי זיך צוריקגעקערט צו דעם דורכגעגאַנגענעם, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, היסטאָרישן עטאַפּ. זיי וואָלטן זיך צוריקגעקערט מיט צעבראָכענע האָפנונגען, אָבער ניט מיט קיין צעבראָכענע אידעאַלן; צעבראָכנדיק אָן דר'ערד די ש ט יי נ ע ר פון די לוחות, וואָלטן זיי אָבער אָפּגעהיט זייערע דברות. דעם זיגערישן און חושבדיקן פאַנאַטיזם פון די טעכנישע רעוואָליוציאָנערן וואָלטן זיי אַנטקעגנגעשטעלט דעם פאַרטרויערטן אָבער ליכטיקן פאַנאַטיזם פון די מאָראַלישע רעוואָליוציאָנערן. פּעסט און זיכער וואָלטן זיי אַנטקעגנגעשטעלט פאַר די זיגער פון די היינטיקע מדינות זייער אומפאַרמיידלעכן נצחון איבער דאָס לאַנד פון עתיד. ניט פאַראָרימטע, נאָר אינערלעך — באַרייכערטע וואָלטן זיי אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרענע, וואָס ברויזט מיט „מעשים".

צי דאַרפֿן מיר נאָך איצט, נאָך דעם אַלעמען האָבן גענויע פאָרמולעס פון דעם מאָראַלישן פּרצוף פון דעם און יענעם מין רעוואָלוציאָנערן קעמפער? לאָמיר זיך אַ פּרוב טאָן געבן זיי. באַ די ערשטע — די באָלשעוויקעס, (און זייער היסטאָרישע אבות) זעהן מיר אַ מישונג פון אַמאָראַלישקייט*) מיט מאָראַלישן סענטימענטאַליזם, באַ די צווייטע—אַריינעם באַוואוסטזיניקן מאָראַליזם.

XIII.

ניט מיר זיינען די ערשטע און די איינציקע, וואָס שטעלן די דאָזיקע מאָראַלישע פראַגע פון דער רעוואָלוציע. אין אַ קינסטלעריש-אָנגעשטרענגסטער און מאָראַליש-פאַרטיפטסטער פאָרם האָט איר שוין לאַנג געשטעלט, למשל, וויקטאָר הוגאָ אין זיין ראָמאַן (דער 93-יקער יאָר). צי געדענקט איר דעם אינהאַלט פון דעם לעבנס-ראָמאַן, אין וועלכן דער העכסטער אויפשוואונג פון סאָציאַלן טאַט ווערט איבערגעפלאָכטן און באַקריינט מיט דער טראַגעדיע פון געוויסן?

אַ שרעקלעכער בירגער-קריג בושעוועט אַפן שטח פון פראַנקרייך און וואַנדייע. דאָס לאַנד איז באַגאָסן מיט בלוט. די אכזריות'דיקע קרבנות ווערן געבראַכט לשם דער אידעע (אַ רעוואָלוציאָנערער אַף איין צד, און אַ רעאַקציאָנערער — אַף דער אַנדערער). דאַכט זיך, קיין שום אָרט פאַר מאָראַלישע שוועריקייטן אָדער מניעות וואָלטן ניט געקאָנט זיין אונטער דער דאָזיקער הערשאַפט פון חושך און אימה. עס איז אָבער ניט אַזוי, דער מעכטיקער שיקזאַל שטעלט אַ גאַנצע רייע העלדן פון דער דאָזיקער מענטשלעכער דראַמע פאַר דער נויטיקייט אָפּצואָוועגן דעם ווערט פון זייער אידעע און זייער אמת אין פאַרגלייך מיט עפּעס אַנ'אַנדערן, אַ העכערן און שטאַרקערן אמת. זיי, וואָס זיינען דאַכט זיך, געוועזן אַזעלכע טרייע און הכנעות'דיקע קנעכט פון זייער אידעע, ווערן מיט אַ מאָל אירע שופטים בעת זיי טרעטן אַריין אין עטישן טויט-קאַמף מיט אַנדערע, אַזוי באַשיידן, דאַכט זיך, פאַרשטומטע כחות — מיטן כח פון געוויסן, פון נאָט, פון מענטשלעכקייט. און עפּטער איז זייער פּסק-דין ניט לטובת דער הערשעריש-שטראַלנדיקער אידעע, וואָס האַלט זיך גרעסער פון אַלץ אין דער וועלט.

אין דעם ראָמאַן איז געשילדערט די דראַמע פון צוויי מענטשן — פון גאָווען און סימורדען, ווער זיינען זיי?

---

*) איך זאָג „אומאָראַלישקייט“, ווייל זיי ווייסן ניט אָדער זיי פאַרשטייען ניט אונזער פראָבלעם.

גאָוועו — דער גלענצנדיקער שר־צבא פון קאָנווענט — פאַרנעמט אין אַ שלאָס נאָך אַ שלאַכט אין געפענגניש דעם פירער פון דער וואַנדייע — דעם מאַרקיז לאַנטענאַק. אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל אַנטלויפט יענער פון דער טויט־געפענגניש. ראַטעווענדיק אָבער פון פייער דריי קליינע קינדער פון אַ וואַנדייער פויערטע, פאַלט ער מיטן גוטן ווילן ווידער אַ מאָל אַריין אין דעם שונא׳ס האַנט. און דאָ הייבן זיך אָן גאָוועו׳ס ענויים: הרג׳ען אים, אָדער ראַטעווען, דערפילן דעם חוב פון אַ רעפובליקאַנער, אָדער די פאָדערונג פון מענטשלעכן געוויסן. „גאָוועו, דער רעפובליקאַנער, גלויבט אין דעם רעפובליקאַנישן אַבסאָליוט. אַצינד איז זיך פאַר אים אָבער מתגלה אַן׳אַבסאָליוט פון אַ העכערער מדרגה... גאָוועו איז געוווען איבעראַשט. אין דעם סאַמע ברען פון סאָציאַלן קאַמף, אין סאַמע חשכ׳דיקן און שטורמישן מאָמענט פון צוזאַמענשטויס, בעת דער פאַרברעך האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ העלישן פייער און די שנאה האָט זיך אַנטפלעקט אין איר פינסטערסטן געשטאַלט, האָט דער סודות׳דיקער האַר פון נשמות געמאַכט אויפשיינען דעם אייביקן גרויסן שיין, די מענטשן־ליבע איז מנצח געווען די אומענטשלעכקייט... דעם מאַרקיז דע־לאַנטענאַק, אַ אַרומגערינגלטן, אַ בלאָקירטן, אַ פאַרמשפט׳ן, אַ געשטעלטן מחוץ פון געזעץ־שויץ, אַ צוגעשפאַרטן צום וואַנד, ווי אַ חיה אין צירק, אַ פאַרקוועטשטן, ווי אַ טשוועק אין צוואַנגען, אַ אומגענומענעם פון אַלע זייטן מיט אַ וואַנט פון פייער און אייזן האָט געלונגען צו אַנטלויפן... ווידער אַ מאָל איז ער געוואָרן שרעקלעך... און מיט אַ מאָל איז ער צוריקגעקומען אין נעץ, פרייוויליק, מיטן אייגענעם גוטן ווילן האָט ער זיך אָפגעזאָגט פון דער זיכערקייט און פרייהייט, בכדי צו שטעלן זיך אין דער סכנה... צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן?

בכדי צו ראַטעווען דריי קינדער.

וואָס זשע וועט מען איצט טאָן מיט דעם דאָזיקן מענטשן?

מע וועט אים גיליאָטינירן... וואָס פאַר אַ געצאָלט פאַרן העראָיזם? אָפענטפערן אַף אַ גרויסמוטיקן טאַט מיט אַ ווילדן! וואָס פאַר אַ בזיון פאַר דער רעוואָליוציע! ניט שוין זשע וועט דאָס גרויסע געזעץ פון כפרה און מחילה און מסירת־נפש עקזיסטירן נאָר פאַר די, וואָס קעמפן פאַר דער פאַלשער זאַך און וועט ניט באַלויכטן מיט זיין שיין די קעמפער פאַרן אמת?

און ווי פון זיך אַליין איז שוין געקומען זיין באַשלוס: ראַטעווען לאַנטענאַקן.

ראַטעווען אים? און פראַנקרייך?

און אַף אַ מאָל האָט זיך אים די אומגעהויערע אויפגאַבע פאָרגעשטעלט אַף אַ גאַנץ אַנדער אופן.

סטייטש! פראַנקרייך האַלט בײַם גוסס'ן, מע האָט פראַנקרייך פאַראַטן, אויפגעעפנט איר פאַר די שונאים, אָפּגענומען אירע פעסטונגען... איין אָפּגרונט איז נאָר פאַר איר געבליבן, איין געוואַלדיקער אָפּגרונט. דער אָקעאַן. די האָט זיך געקאָנט אָנשפּאַרן אָן אים... נאָר אויך די דאָזיקע פּאָזיציע האָט מען בײַ איר געקאָנט אָפּנעמען. ס'האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס האָט זיך געקליבן אויסצורופן: ענגלאַנד, קום נעם צו פראַנקרייך! און דער מענטש איז געווען מאַרקיז דע לאַנטענאַק. ער איז געווען אין זייערע הענט... די האַנט פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַ לייג געטאָן אַף דער פּלייטשע פון דעם פאַרשאָלטענעם. קוים ווערט ער פאַרניכטעט — יעמאָלט איז אַ סוף צום בירגער-קריג.

צי שוין זשע ווערט זיך געפינען עמיצער, וואָס ווערט אים וועלן ראַטעווען? ווי גיך ער וואָלט זיך עס גענומען פאַר זיין עקלהאַפטער מלאכה! מיט וואָס פאַר אַ שמחה דער אומרחמנות'דיקער לאַנטענאַק וואָלט זיך עס איינגעטיפט פון דאָסניי אין אָפּגרונט פון שנאה און קאַמף! גלייך אַף מאָרגן וואָלט מען שוין געזאָט פאַרברענטע הייזער, צעשלאָגענע געפאַנגענע, דערהרג'עטע פאַרוואונדעטע, צעשאָסענע פרויען.

און גאַווען האָט געזעהן, ווי עס הויבט אָן אויפצוואַקסן אין זיין שכל ווי אַ אומקלאָרער סילועט די אויפגאַבע — באַפרייען דעם טיגער.

דאַן פלעגט די פראַגע ווידער באַקומען איר פריערדיקן פנים: צי דען איז לאַנטענאַק געווען אַ טיגער? אפשר איז ער עס פריער געווען, אָבער איצט!

סטייטש! זייענדיק אַ ראָיאַליסט, שטעלן אַף איין וואָגשאָל דעם קעניג פון פראַנקרייך, די פופצן-דורות'דיקע מאָנאַרכיע, די אַלטע געזעצן וואָס מען דאַרף רעסטאַווירן, די אַלטע געזעלשאַפט וואָס מען דאַרף ווידער אויפשטעלן, און אַף דער אַנדערער — דריי קליינע פויערשע קינדער און געפינען אַז דער כסא מלך, דער שרביט און די פופצן-דורות-מאָנאַרכיע ווערן איבערגעוואָגן דורך די דריי אומשולדיקע עופ'עלעך? און דער וואָס האָט דאָס געטאָן, זאָל בלייבן אַ טיגער ווי פריער, און מע ווערט זיך מיט אים באַגיין ווי מיט אַ ווילדער חיה?

צוויי אָפּגרונטן האָבן זיך אַ עפן געטאָן פאַר גאָווענען. פאַרניכטן דעם מאַרקיז אָדער ראַטעווען אים? אין איינעם פון זיי האָט ער זיך געדאַרפט אַ וואָרף טאָן.

ס'פאַר'שטייט זיך, אַז אין גאָווענען זיגט דאָס געוויסן. ער באַפרייט דעם מאַרקיז, דערפאַר פאַרנעמט ער זיין אָרט אין טורמע און אַף מאָרגן ווערט ער געשטעלט פאַר'ן קריגס-געריכט, וואָס פאַרמשפּ'עט אים צום טויט. ער אַליין געפינט איין, אַז דער פּסק-דין איז גערעכטיק, אויך זיין טאַטע האַלט ער אָבער פאַר אַ ריכטיקן.

ווער זשע פאַרמשפּ׳עט אים אָפן געריכט? סימורדען, זיין אַלטער דער־ציער, וואָס האָט אים שטאַרק ליב, ווי אַ שילער און פריינט. ער איז אָבער אַ פּאַרביסן־קאָנסעקוועטער און אכזריות׳דיקער קאָמיסאַר פון קאָנווענט. אַ מאָל, נאָך פאַר דער דאָזיקער מלחמה, האָט מען אין אַ שיינקל אין דער פּאַון־גאַס פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם שר־צבא גאָווען, וואָס איז אויסגעצייכנט אין קאַמף, און וואָס האָט אָבער, ווי מאַראַט זאָגט, נאָר איין חסרון — באַרמהער־ציקייט („ער איז האַרט אין קאַמף, אָבער ווייך נאָכ׳ן קאַמף"). ער ווערט רחמנות׳דיק, ער באַגנאַדיגט, איז מוחל די חטאים, באַשיצט די נאָנעס און שוועס־טער, ראַטעוועט פרויען און טעכטער פון די אַריסטאָקראַטן, לאָזט אַרויס די געפאַנגענע פון די טורמעס, באַפרייט די כהנים.

— דאָס איז אַ פאַרברעך, — זאָגט מאַראַט.

— אַ מאָל, — האָט געזאָגט דאַנטאָן.

— אָפט! — האָט געזאָגט ראָבעספּיער.

— כמעט אַלע מאָל האָט געענטפערט מאַראַט.

— אויב מע האָט צו טאָן מיט שונאים פון פאָטערלאַנד — אַלעמאָל, האָט געזאָגט סימורדען.

האָט דער געוועזענער כוהן סימורדען, וואָס איז ווי אַ אמת׳ער כוהן געטריי דער רעפּובליק, דערפילט זיין רעוואָלוציאָנערן חוב און אויסערלעכע וואַקלע־נישן. בעת ער משפּט אַלס יושב־ראש פון געריכט גאָווענען פאַר וואָס יענער האָט געהאָלפן לאַנטענאַקן אַנטלויפן, איז ער טויב און שטום צו דעם ליידנשאַפט־לעכן מענטשלעכן געיאָמער פון דעם צווייטן שופט, דעם תמימות׳דיקן סערזשאַנט ראַדוב. בעת ראַדוב, — די פאָלקומע פאַרקערפּערונג פון פאָלק — פאַרשטייט אָפן געריכט, אַז גאָווענען באַדראָט אַ טויט־שטראָף רופט ער אויס: „וואָס איז עס אַזוינס? אַלע זיינען עס אַראָפּ פון זינען? צוליב דעם האָט מען עס געדאַרפט געווינען די שלאַכט באַ זשעמאַפּ, באַ וואַלמיי... מ׳שטיינס גע־זאָגט, ס׳האָט נעלוינט די טרחה!... אויב אַזוי — טאָ זייט זשע גוט און ניליאָטינירט מיר אויך, ווייל איך גיב אייך מיין וואָרט, אַז כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן צו טאָן קודם, דאָס, וואָס ס׳האָט געטאָן דער אַלטער, און דערנאָך — דאָס וואָס מיין קאָמאַנדיר... אנשטאָט דעם, מע זאָל אים שטעלן בראש פון דעם גאַנצן חיל, ווילט איר אים גאָר קעפּפן!"

און בעת מע פרעגט אים פאַרן אַרויסטראָגן דעם פסק־דין: „צי שטימט איר דערפאַר, מע זאָל דעם באַשולדיקטן אָנערקענען פאַר אומשולדיק?" — ענטפערט ער: „איך שטים דערפאַר, מע זאָל אים אָנערקענען פאַר׳ן ערשטן אין דער רעפּובליק".

סימורדען׳ען איז עס פּרעמד, און ער דערפֿילט זיין האַרבן לאָגישן חוב. ער באַגנאַדיגט ניט גאָווענען און פֿאַר׳משפּט אים צום טויט.

גאָווען שטאַרבט אַף דער גיליאָטינע, באַצאַלנדיק רואיק מיט זיין לעבן פֿאַר דער דערפֿילונג פֿון זיין מאָראַלישן חוב. אין דעם זעלבן מאָמענט אָבער, ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ דער מעסער אַפֿן קאָפּ פֿון גאָווענען, נעמט סימורדען זיך אַליין דאָס לעבן אין טורעם.

דער כּוהן סימורדען איז גייסטיק זייער נאָענט צום העלד פֿון אַ. פֿראַנס נאַמעלען (פֿון „געטער האָבן דורשט״), הגם ער שטייט העכער פֿון אים לויטן שכל. אין זיין פֿאַנאַטישער הכנעה פֿאַרן רעוואָלוציאָנערן חוב הרג׳עט גאַמעלען, דער שופט פֿון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, מענטשן אָן אַ מאָס און אָן אַ שיעור. עס קומט אָבער אַ מאָמענט, ווען עס הייבט אָן דורכברעכן זיך דורך דעם דאָזיקן פּאַנציר פֿון „שכל״ אויב ניט די נשמה, איז אַ פּוישער עקל צו בלוט. „מיר פּלעגן זאָגן: זיין אָדער שטאַרבן; האָבן מיר, אָבער אַ טעות געהאַט. מע האָט געדאַרפֿט זאָגן: זיין און שטאַרבן״. „איך האָב צו זיך קיין טענות ניט״, זאָגט ער אין האַרץ־נאָגעניש, „דאָס, וואָס איך האָב געטאָן, וואָלט איך אויך אַף ווייטער געטאָן, איך האָב אַף זיך אַרויפֿגעבראַכט אַ קללה צוליבן פֿאָטערלאַנד. אַ פֿאַרשאָלטענער בין איך. איך האָב זיך געשטעלט מחוץ פֿון דעם מענטשלעכן געשלעכט, און קיינמאָל וועל איך זיך מער אַהין ניט אומקערן... איך מוז זיך אָפּזאָגן פֿון ליבע, פֿון וואָס פֿאַר אַ ניט איז שמחה, פֿון זיסקייט פֿון לעבן, אפֿילו פֿון לעבן אַליין״. הגם גאַמעלען ווייסט ניט פֿון אַזאַ שאַרפֿן קאָנפֿליקט ווי סימורדען, פֿון דעסטוועגן נאָגט אים עפּעס כראָניש אַזוי ווי פֿון רוח פֿון בלוט און פֿון דער פֿוילעניש פֿון קערפּער, וואָס זייער קופּע וואַקסט און וואַקסט לשם דער רעוואָלוציע. פֿאַר סימורדען האָט זיך דער קאָנפֿליקט מיטן געוויסן אָפּגעשטעלט אין דער סאַמער שאַרפֿער און טייטלעכער פֿאָרם. און זיין חושבֿ׳דיקע לאָגיק האָט זיך אויפֿגעריסן בײַ דעם דאָזיקן קאָנפֿליקט מיטן געוויסן, וואָס איז שטאַרקער פֿון אים.

אַזוי אַרום שטאַרבן זיי ביידע — גאָווען און סימורדען. וואָס פֿאַר אַ חילוק איז אָבער צווישן דער לייזונג פֿון זייערע קאָנפֿליקטן! דער שטאַרבט בײַם קלאָרן, לויטערן באַוואוסטזיין, נאָכדעם, ווי ער האָט באַפֿרידיקט די פֿאָדערונגען פֿון געוויסן. דער צווייטער — אין פֿינסטערן באַוואוסטזיין, ברענגענדיק אַ בלוט קרבן פֿאַר זיין חוב. נאָר בײַ זיי ביידן — און דאָס הייסט בײַ אַלעמען אין דער רעוואָלוציע — איז דער דאָזיקער קאָנפֿליקט בנמצא. ביידע פֿילן זיי בחוש, אַז „די זאַך, וואָס ווערט געטאָן לשם דער הומאַניטעט, קען ניט אויפֿגעבויט ווערן דורך אוממענטשלעכקייט״. ביידע גיבן זיי זיך אונטער דער שטימע פֿון דער נשמה. צי שטייט אָבער ניט פּונקט די

זעלבע פראַגע פאַר דער רעוואָליוציע, אַלס גאַנצע, בעת זי קומט אָן צום טעראָר? און צי באַשטייט ניט איר אין ליידן געבוירענע באַרעכטיקונג שוין אין דעם אַליין, וואָס זי איז בכח צו שטעלן פאַר זיך די דאָזיקע פראַגע?

XIV.

איידער מיר גייען אַריבער צו דער עטישער אָפּשאַצונג פון טעראָר, מוזן מיר זיך נאָך אַ מאָל בקיצור אָפּשטעלן אַף דער אַזוי גערופענער טעכנישער אָפּשאַצונג, ד. ה. אַף דער אָפּשאַצונג פון שטאַנדפונקט פון זיין נוצלעכקייט פאַר דער רעוואָליוציע. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע „תכלית"־פּאָזיציע האָט די גרעסטע צאָל אָנהענגער, ווייל דער שטאַנדפּונקט פון „וויסנשאַפטלעכקייט" קאָן ניט אָנפירן מיט די טוער און אַרבעטער פון דער פּראַקטיק. די אוטיליטאַרע פּאָזיציע איז די פשוט'סטע און די רואיקסטע. דערביי איז זי זיך כּומך דער עיקר אַף ראיות פון דער דערפאַרונג, פון איצטיקע אָדער היסטאָרישע פאַקטן. דעריבער קענען די היילע פאַקטן פון לעבן ווערן אויך די שטאַרקסטע טענה קעגן דעם אָ אוטיליטאַרן צוגאַנג. לאָמיר זיך טאַקע אַ פרעג טאָן: צי איז דער טעראָר געווען נוצלעך באַ אונז אין ראַטן־רוסלאַנד, אַ שטייגער, און אין 93־טן יאָר אין פראַנקרייך?

בכדי צו געבן אַ תשובה אַף די דאָזיקע פראַגע לייגן מיר פאָר איצט — נאָכ'ן פאַרלויף פון דריי יאָר *) — וואַרפן אַ בליק אַף דעם געשאַפענעם אַלגעמיינעם, פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון לאַנד און פון די מענטשן, און לאָמיר פרעגן באַ זיך אַליין: אויב מיט דער הילף פון טעראָר, אַפילו, זיינען עס שוין געשאַפן געוואָרן לכל הפחות די גרונט־עלעמענטן פון אַ סאָציאַליסטישן לעבן, צי איז געלייגט כאָטש אויסערלעך דער יסוד, צי איז אויסגעבויט די ריסטעוואַניע פון דעם סאָציאַלן בנין, צי זיינען פעסט איינגעשטעלט אין באַוואוסטזיין און אין לעבן־שטייגער פון די מענטשן — נייע פאָרמען פון ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן? צי קען מען זאָגן, אַז ווען דער אומרחמנות'דיקער שניידמעסער פון טעראָר וועט שוין סוף־סוף אָפּלאָזן די מגושמדיקע מענטשלעכע מאַסע, וועט זיך פון אונטערן פרוכת, וואָס האָט איר פריער פאַרדעקט, אַנטפּלעקן פאַר אונז דער פרצוף פון דער צו האַרמאָניע שטרעבנדיקער געזעלשאַפט, וואָס איז אָקאָרשט געווען אַזוי כאַאָטיש און פאָרמלאָז?

---

*) פאַר דער איינפירונג דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק אין יאָר 1921.

קיינער וועט עס היינט ניט זאָגן!

די ראַטן-ערד, וואָס איז מיטן טעראָר אויפגעאַקערט געוואָרן, איז אומפרוכטבאַר אין אַלע הינזיכטן. מענטשן, וואָס בלאָנקען זיך איבער איר אַרום, זיינען געוואָרן שאָטנס. עס איז ניטאָ אין לאַנד לעבעדיקע, אומאויפהערלעכע, מיט אינערלעכן אימפעט און רצון באַוועגטע אַרבעט. דער אוטיליטאַרער שטאַנדפונקט האָט דאָך, דער עיקר, געשטרעבט, עס זאָל ווידעראויפגעשטעלט ווערן די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, די אַלטע בירגערלעכע געזעלשאַפטלעכע בלוט-צירקולאַציע זאָל פאַרביטן ווערן אַף אַ נייע, אַ פּראָלעטאַרישקאָנצענטרירטע. ווייל פאַר אים איז דאָך דער סאָציאַליזם הויפּטזעכלעך און פריער פון אַלץ אַ רעוואָלוציע פון דער פּראָדוקציע. דער דאָזיקער שטאַנדפונקט האָט געבויט דעם סאָציאַליסטישן בנין אַף דער פאַרייניקונג פון דער איניציאַטיווער, פּאָליטישער און אַנדערער ענערגיע פון אויבן מיט דעם זיך מעכטיק-אַנטוויקלענדיקן ווירטשאַפטלעכן אינטערעס פון אונטן. דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעכער סטימול באַם אַרבעטער, פויער און אינטעליגענט, וואָס איז נאָך טיפער געוואָרן אין דער נייער סאָציאַלער סביבה, האָט געזאָלט ווערן יענער שטיץ-פונקט, וואָס אָנשפאַרנדיק זיך אַף אים, וואָלט די פּראָלעטאַרישע רעגירונג געקאָנט אויסהאַקן נייע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט. די גרעסטע ראָלע וואָלט דערביי געדאַרפט אויספאַלן אַפן חלק פון דער געזעצגעבונג און אַדמיניסטראַציע, וואָס האָבן געזאָלט גלייכצייטיק און אַף איינמאָל איבערבויען אין דעם צענטראַליזירטן אָרגאַניזם די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

איז וואָס זשע, צי האָבן מיר אַציַנד וואָס ניט איז, וואָס זאָל כאָטש ענלעך זיין צו אַזעלכע רעזולטאַטן? ניין, אין ערגיץ ניט! מיר ריידן שוין ניט וועגן דער פּאָליטישער בויאונג, ווייל דער באָלשעוויזם האָט דאָך גאָר ניט געוואָלט זי זאָל זיך אַנטוויקלען צו אַ זעלבסטשטענדיקן מעכטיקן כח, נאָר ס'איז קיין זאַך ניטאָ אויך אַפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, פון שטאָטישער אינדוסטריע, אין דער דערנערונג- און דירות-ספערן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אומעטום זיינען די מאַסן געווען גלייכגילטיק, און די מענטשן, ד. ה. די טוער אַליין האָבן קיין זאַך ניט געבויט, און זיינען נאָר יוצא חוב געווען. דער טעראָר — אין זיין עצם טעטיקייט אָדער אין דער פּאָטענץ, — האָט אַף איינמאָל אַרויסגעריסן דעם באָדן פון אונטער אַלע פּלענער און אויסרעכנונגען. די „פּראָדוקטיוויטעט“ פון אַרבעט און דער ווירטשאַפטלעכער „סטימול“ — דאָס זיינען נאָר פּסיכאָלאָגישע באַגריפן, דירעקט אָדער אומדירעקט. זיי ווערן פאַרווירקלעכט אין לעבן נאָר דאַן, בעת זיי זיינען אין דער נשמה פון דעם ווירטשאַפטס-יחיד, אויב ניט די איינציקע — איז לכל הפחות שטאַרקע רעגירנדיקע פאַקטאָרן. שפּעטער (אין קאַפּיטל וועגן מאָראַל) וועלן מיר זעהן,

אז אין א תקופה ווען ס'ווערן אראפגעשליידערט אלטע געטער און עס דארף איבערגעבויט ווערן דאס גאנצע לעבן, איז אזא מין עקאנאמיש-טרוקענער באגריף ווי פראדוקטיוויטעט פון ארבעט, אויסגעפונדן און איבערגעפלאכטן מיט די פיינסטע נשמה-איבערלעבענישן. נאר אפילו בלייבנדיק אין די ראמען פון די אפיציעל-מארקסיסטישע פסיכאלאגישע טעטיקייט-מאטיוון, מוז מען אויך אנערקענען, אז דער טעראר און גראד דער טעראר האט זיי געגעבן א טויט-קלאפ. דער עקאנאמישער אינטערעס רעדט צום מענטשן וועגן זיינע דירעקטע נוצן, דער טעראר אבער רעדט פונקט אזוי קלאר און דייטלעך וועגן א דירעקטער באדרויאונג. דער טעראר באשאפט די פסיכאלאגישע מאטיוון פון שרעק און ליגן, וואס דריקן מיט א פיל גרעסערן און באדייטנדיקערן כח אף דער עגאאיסטישער נאטור פון דעם אונטערטאן*). מע וועט אף דעם ענטפערן, אז לויט זיין נאטור האט דער טעראר געדארפט אויפטרעטן נאר דאן און דארטן, וואו עס איז פארשטומט געווארן די שטימע פון דירעקטע נוצן אדער וואו מע זעהט בולט ארויס א סכנה פאר דער געזעלשאפט. דאס איז דאך אבער די מעשה, וואס לויט דער נאטור זיינער קען זיך דער טעראר ניט באגרענצן; די טרעגער

---

*) גאנץ אנדערש קוקט אף דער פראגע מאקיאוועלי, וואס איז, פארשטייט זיך זייער נאענט צו די באלשעוויקעס אין דעם פרט. „וואס איז בעסער (פארן פערשט) — האט ער געשריבן — מע זאל אים ליבן, אדער מורא האבן פאר אים? אף דעם ענטפערן מען, אז עס זיינען געוואונטשן ביידע זאכן. אזוי ווי די צוויי געפילן איז אבער שווער צו פאראייניקן, איז פיל זיכערער ווארפן א פחד איידער זיין געליבט. ווייל מע קאן בכלל זאגן וועגן מענטשן, אז זיי זיינען אומדאנקבאר, גיט איבעריכטיק, בייטן די געפילן, זיי לויפן פון סכנות און זיינען געלט-גייציק. כל זמן דו טוסט זיי טובות — זיינען זיי אינגאנצן אף דיין צד... בעת ס'וועט אבער קומען די נויט — יעמאלט קערן זיי דיר דעם רוקן. און דער פערשט, וואס פארלאזט זיך אינגאנצן אף זייערע ווערטער און האט דעריבער ניט אנגענומען קיין אנדערע מיטלען, — גייט אונטער... מיט פיל מער העזה באליידיקן מענטשן דעם, ווער ס'האט צו זיך געוועקט ליבע, איידער דעם, וואס האט געווארפן אף זיי שרעק. ווייל ליבע שטיצט זיך נאר אף דער באציאונג פון פליכט, וואס ווערט מחמת דער מענטשלעכער זינדיקייט צעשטערט באם ערשטן צונויפשטויס מיטן פערזענלעכן אינטערעס... פחד האלט זיך אבער אף דער באדרויאונג מיטן שטראף, וואס הערט קיינמאל ניט אויף צוווירקן. דער פערשט דארף אבער ווארפן דעם פחד אזוי, אז דאס זאל ניט ארויסרופן קיין שנאה צו אים, אויב מע האט אים שוין ניט ליב — ווייל שרעק און אפוועזנהייט פון שנאה קענען זיך גאנץ גוט צוזאמענלעבן... אזוי ווי ליבע פילן די מענטשן פון זיך און שרעק פילן זיי לויטן טייטל פון פערשט — דארף דעריבער דער קלוגער פערשט שטיצן זיך אף דאס, וואס הענגט אפ פון אים, און ניט פון אנדערע; ער דארף נאר זעהן פארמיידן די שנאה". („דער פערשט").

זיינע ווייזן אַרויס זייער מאַכט ניט פּסיכאָלאָגיש, מיט חשבון, נאָר גיכער פיזיש, — אָן אַ סדר, און דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער אונטערטאַן קאָן זיך ריכטן אַף דער טעראָריסטישער באַווירקונג אין דער גאַנצער פלעכע פון זיין טעטיקייט אָדער פּאַסיוויטעט. און צום סוף: אַף אונזערע אויגן קומט פאָר אַזאַ מין טיפער חורבן, וואָס באַאָבאַכטער ווי אועלס רופט עס אָן „די לעצטע מדרגה פון דער געזעלשאַפטלעכער צעפאַלעניש". צווישן די אַלע מיליאָנען מענטשן זאָרגט קיינער ניט פאַר דער אָפּהאַלטונג, אויפהאַלטונג אָדער שאַפונג פון עפּעס געזעלשאַפטלעך-וויכטיקעס אַף אַ לענגערע צייט. איטלעכע אַרבעט איז געוואָרן אַ אויפגעצוואונגענע פליכט. אַ דאַנק דער טעראָריסטישער פּסיכאָלאָגישער השפעה האָט זיך אין דער נשמה פונם אונטערטאַן דער עקאָנאָמישער מאָטיוו פאַרשאַרפט ביז צו אַ עלעמענטאַר-חיישן עגאָיזם, ביז צום איינצאַמען זיך אין די ד'אמות פון דער משפחה און מקורבים. ניט קיין פאַרברייטערונג און פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון ווירטשאַפטלעכן אינטערעס, נאָר זיין צעשטערונג אַף מיליאָנען קערנדלעך וואָס איטלעכע פון זיי האָט אין זינען נאָר אירע קליינע הצטרכותן און טראַכט ניט לגמרי וועגן עפּעס גרעסערעס — אָט דאָס איז דער פּסיכאָלאָגישער און אַף אַזאַ אופן אויך דער גאַנצער סך-הכל פון טעראָר*). ס'פאַרשטייט זיך אַז פון דער רעוואָלוציאָנערער דלות זיינען פאַראַן נאָר צוויי אויסוועגן: אַ אויסגלייך פון אַלעמען מיט אַלעמען, אָדער אַ קאַמף פון אַלעמען קעגן אַלעמען. דער ווירטשאַפט-מענטש איז געקומען צו דער רעוואָלוציע מיט אַ גאַנצער גאַמע געפילן, און דער פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע האָט באַמייט אַ קאַמף פאַר די בעסערע פון זיי. די רעוואָלוציאָנערע מאַכט דאַרף פאַרמאָגן די קונסט, צו איבערציינגן און דערווייזן, אַז עס לוינט צו גיין מיטן וועג פון סאָלידאַרישקייט און אויסגלייך (אַף ווי ווייט מע קאָן בכלל בויען עפּעס נייעס נאָר אַף די מאָטיוון פון לוינען אַליין). און די גייסטיקע עניות אירע ווייזט זיך אַרויס דאָ, בעת זי אַפּעלירט צו אַנ'אַנדער השפעה-מיטל, צום ערגסטן פון די ערגסטע, צום טעראָר, וואָס דערמאָנט דאָך אויך דעם מענטש אַז עס לוינט... אָפּהאַלטן זיך און צו ביטרעווען אַף אַ חיישן קנעכטישן אופן. נאָר דאָרטן, וואו פון דער דחקות ווערט מיט אַ מעכטיקער אָנשטרענגונג פון רצון ניט געשאַפן קיין אויסגלייך — דאָרטן ווערט געבוירן דער קעגנזייטיקער קאַמף, ד. ה. אַ עקאָנאָמישע לעבנס-סיסטעם, וואָס לוינט ווייניקער פון אַלע

*) דערביי דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז אין דער נשמה פון דעם ווירטשאַפט-מענטשן ריידן נאָך גענוג הויך די רעשטלעך פון דער אָקאָרשט אָפּגעגאַנגענער באַלעבאַטישער וועלט, די טראַדיציעס און מנהגים פון דער פּריוואַט-קאָנקורענץ און פון קעגנזייטיקער שקרים.

אַנדערע. ס'ווערן געבוירן אַ קאַמף צווישן די, וואָס ליידן אין אַ גלייכער מאָס פון נויט, און אויפשטאַנדן (פויערישע, נאַציאָנאַלע) קעגן די אונטערדריקער.

אַזוי אַרום האָט דער טעראָר אַרויסגעריסן די פסיכאָלאָגישע גרייטקייט פון מענטשן צו אַרבעט, ער האָט פאַרלאָרן אַ טייל פון די סטימולן און געשאַפן אַף זייער אָרט פון דער זעלביקער ספערע אַנדערע, ערגערע. מען האָט זיך באַמיט — אָבער אומזיסט — אַוועקצושטעלן די מעכאַנישע איינוואָרצלונג פון סאָציאַליזם אנשטאט דער אָרגאַנישער *).

לאָמיר גיין ווייטער. גוט, די דריי יאָהר פון דער טעראָריסטישער רעוואָליוציע האָבן ניט געגעבן אַפילו קיין סימן פון די עלעמענטאַרע מענטשלעכע האָפנונגען: — זאַטקייט און מאַטעריעלע זיכערהייט. אפשר האָבן זיי אָבער דערפאַר אַ סך אָפגעטאָן אַפן געביט פון פאָלקסגעזונט, פיזישן וואוקס, בילדונג?

אויך אַף דעם האָבן מיר פאַרטיקע טרויעריקע תשובות. פון דער מלחמה=צייט ביז איצט האָט זיך די באַפעלקערונג פון ראַטן=רוסלאַנד פאַרקלענערט אַף 12 מיליאָן *) (פון 145 ביז 133). 3 מיליאָן פון דער צאָל קומען אויס אַפן חלק פון דער עמיגראַציע, 3 — אַף קרבנות פון בירגער=קריג, און 3 — אַפן עודף פון שטערבלעכקייט איבער דער צאָל געבורטן. אין דער צייט פון וועלט=קריג איז די צאָל געבורטן געווען 45 אַף 1000, לויט דער פאָלקס=ציילונג פון יאָר 1920—25 אַף 1000. די שטערבלעכקייט איז ערב דעם וועלט=קריג געווען 29½ מענטשן אַף 1000, לויט דער ציילונג פון 1920 האָט זי זיך אַ הייב געטאָן ביז 39—38. אַנדערש גערעדט, הייסט עס אַז באַ אַזעלכע תנאים וועט די באַפעלקערונג באַטרעפן אין 30 יאָר אַרום סך=הכל 70 מיליאָן. די פאַרקלענערונג פון דער צאָל קינדער פון שול=אַלטער וועט זיין פאָלגנדיקע: אין יאָר 1922—20%, אין 1923 — 30%, אין 1925 — 50%.

די צאָל אַנאַלפאַבעטן צווישן דערוואַקסענע ווערט אַלץ קלענער, צווישן קינדער אין עלטער פון 5 ביז 12 יאָר ווערט זי גרעסער סיי אַבסאָליוט סיי רעלאַטיוו. אַזוי קאָן מען ציען ווייטער אָן אַ סוף די שורות פון ציפערן פון אַזאַ מין

**) בעסער פון אַלץ, ווערט עס באַשטעטיקט דורך דער נייער עקאָנאָמישער פאָליטיק אין רוסלאַנד (פון 1921 יאָר) און דער גיכער אויפלעבונג פון אַלע רגילות'ן, מנהגים און געוואוינהייטן פון דעם בורזשואַזן=באַלעבאַטישן לעבן. יענע צום טויט פאַרמשפּ'טע לעבן איז ניט אויסגעראָטן געוואָרן, נאָר מער ניט צוגעדריקט צו דער ערד. דער טעראָר האָט ניט געשאַפן קיין נייע שטאַפן אנשטאט די אָפשטאַרבנדיקע אַלטע. דערפאַר האָבן באַם נעפּ גענומען גיך אָפלעבן די ביינער פון דער אַלטער וועלט.

*) די ציפערן זיינען גענומען פון באַריכט פון סטאַטיסטיקער מיכאַליאָווסקי צום מאָסקווער סאָוועט, דעם 30=טן יוני 1921 (זעה „פּראַוודאַ“ 141).

הן בנוגע צום הונגער און עפּידעמיעס, הן בנוגע צו עלעמענטאַרע צרות, וואָס נעמען אָפּ באַ די בירגער דאָס געזונט, די לעבנס-פעסטקייט, די מינימאַלע באַקוועמליכקייט, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער דורות-לאַנגער דערפאַרונג פון צוועקמעסיקייט און שיינקייט. נאָר אפילו די צופעליק גענומענע ציפערן האָבן שוין אויך וואָס צו זאָגן.

דערפאַר האָט דאָך אָבער דער טעראָר געבראַכט אַזוי פיל נוצן אין קאַמף קעגן דער אויסערלעכער קאָנטר-רעוואָלוציע אַף די פראָנטן, דערפאַר האָט ער געהאָלפן אויסצוראָטן די שפּראָצונגען פון דער היימישער קאָנטר-רעוואָלוציע? די אוטיליטאַריסטן פון טעראָר זיינען באַזונדערס מטעים דעם דאָזיקן פונקט.

אַף דעם ענטפערן מיר: אין בריטן, סאָציאַלן זין איז ראַטן-רוסלאַנד ניצל געוואָרן ניט אַ דאַנק דעם טעראָריסטישן דרוק אַף די רויטע אַרמיי און אַפן לאַנד, נאָר אַ דאַנק דעם מעכטיקן סטיכייאישן באַוואוסטזיין (פון אינטערעסן און אידעען) פון די אַרבעטנדע*). אויב דער טעראָר פלעגט שוין יאָ מיטהעלפן טעכניש אין דער אָדער יענער ספערע פון שויך (דיסציפלין, למשל), פלעגט אָבער דערפאַר אין דעם גאַנצן ניט-מיליטערישןווירטשאַפטלעכן שטייגער-לעבן פאַלן דער כח פון די אימפולסן פון „נוצן" (ווען דעם איז שוין גערעדט געוואָרן) און פון אַנדערע, איידעלערע אימפולסן (וואָס וועגן זיי וועלן מיר נאָך שפּעטער רעדן). אַף וואָס זשע פאַר אַ סמך קענען מיר טענה'ן, אַז אָן דעם טעראָר וואָלט די אַרמיי ניט געהאַט די זעלבע דערפאָלגן?

און דער אינערלעכער נצחון? האָט ער אָבער דען ניט געשאַפן מיט זיין טעראָריסטישן פאַרנעם גופא קיין נייע נעסטן פון פאַרביטערונג, יאוש, שנאה, קאָנטר-רעוואָלוציע? צי האָט ער ניט באַשאַפן פאַרבאַהאַלטן פון אַ פרעמדער אויג — קיין גאַנצן דור פון בעלי-נקמה, וואָס זיינען אפשר שוין אָפּהענטיק אין רוסלאַנד, נאָר וואָס זיינען דערפאַר נאָך זייער געפערלעך אין אויסלאַנד, וואו זייערע קאָפּלענצן שטיצן זיך אַף דער גאַנצער בירגערלעכער וועלט? אָט דער ווייס-רויטער טעראָר („ווייס" איז ער ווייל ער שטאַמט פון דער רעגירונג) בלאָזט נאָר פונאַנדער דעם פייער פון שנאה באַ די פיינדלעכע פאַרטייען און קלאַסן. מיר רעוואָלוציאָנערן ווייסן דאָך שוין פון דער אַלטער, דורות-לאַנגער דערפאַרונג, אַז טויט-שטראָפן, בלוט און הענקעריי שטילן ניט איין, נאָר זיי יאָגן אַריין אינווייניק די אָנשטעקונג פון שנאה, זיי פאַרברייטערן די פיינדלעכע קרייזן, זיי בלאָזן אויף די נקמה. תמיד האָט זיך דער טעראָר געיאָגט נאָכ'ן מיראַזש פון דעם „לעצטן" שונא פון דער רעוואָליוציע, וואָס מע דאַרף אים פאַקן און

*) דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט נאָך דאַרפן אויספאָרשן, וואָס האָט, דער עיקר, באַזיגט די שונאים; די פאַרטיזאַנישע אויפשטאַנדן פון די אַרבעטנדע אָדער די מדינה'שע רויטע-אַרמיי.

מאַכן אומשעדלעך; ער פאַרשטייט אָבער ניט, אַז אין דער נאַטור פון דער געזעלשאַפט איז אַזאַ מין לעצטער בכלל ניט בנמצא, און אַז זייער אָפט פלעגט אין עבר דער טעראָר פאַלן אונטער דער האַנט פון דעם פאַרלעצטן... ניט שוין זשע איז אַ רעוואָליוציע ווען ניט איז ביכולת צו פאַרזיכערן זיך אַף ריין מעכאַנישע אופנים קעגן דער סכנה? מיט דער גאַנצער זיכערהייט קען מען זאָגן, אַז אַ סאָציאַליזם, וואָס איז פאַרפעסטיקט דורך אַזעלכע גוזמאות׳דיקמעכאַנישע מיטלען, וועט מיט די זעלבע מעכאַנישע מיטלען קענען אַראָפגעוואָרפן ווערן באַ אַ פאַסיקער סביבה. נאָך מער: וואָס מער אָפענע און גרייטע צום קאַמף „אינערלעכע שונאים“ עס ווערן פאַרטריבן מיט אַכזריות׳דיקע מיטלען פון דער אָפענער אַרענע—אַלץ געדיכטער און טיפער ווערן זייערע אונטערערדישע פאַרבאַהאַלטענע שיכטן, וואָס רייסן זיך אַ מאָל דורך מיט אַ פייערדיקן אויסברוך. ווי אַ איינזאַמער לייכט-טורם אין אָקעאַן, איז איצט, נאָך אַ תקופה פון דריי יאָר, די טעראָריסטישע מאַכט נאָך פעסטער ווי אין די יאָרן 19—1918 אומגענומען מיט די פאַרפירערישע און פינסטערע כוואַליעס פון פאָלקס-אומצופרידנהייט און אומצוטרוי. אַזוי ווייט האָט זיך פאַרברייטערט דער באַגריף „אינערלעכער שונא“, ער דעקט מיט זיך כמעט דעם באַגריף פון דער גאַנצער נאַציע, און אַלץ מער און מער קאָנצענטרירט זיך דער שוץ פון דער רעוואָליוציע באַם שוועל פון אַ קליינער גרופע רעגירנדיקע לייט, און אַלס פועל יוצא זעהן מיר, ווי דער שוץ פון דער רעוואָליוציע ווערט פון אַ פאָלקס-באַשיצונג פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבסטשוץ פון דער מאַכט.

ווייטער. ראַט-רוסלאַנד לעבט היינט און וועט נאָך מן-הסתם לאַנג לעבן, צווישן בירגערלעכע מדינות און פאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיעס פון אייראָפע און אַמעריקע. אירע פּראָגראַם-אויפגאַבן און טעטיקייט-מעטאָדן דינען באַ היינטיקן טאָג אַלס מוסטער ניט נאָר פאַר די אַרבעטס-מאַסן פון מערב, וואָס שטרעבן צו אַ רעוואָליוציע, נאָר אויך אַלס מוסטער פון רעגירונג-מעטאָדן פאַר די אָנפירנדיקע קלאַסן פון דעם זעלבן מערב. הגם עס ווערט דאָרטן אַלץ מער פאַרשאַרפט דער סאָציאַלער קאַמף, און די רעסטאַוראַציע-רעגירונגען האָבן אין עבר זעהר גוט דערוויזן דעם כח פון זייערע טעראָריסטישע המצאות, — פונדעסטוועגן זיינען אַצינד די בירגערלעכע רעגירונגען געצוואונגען אונטער׳ן דרוק פון די טראַדיציעס פון דער דעמאָקראַטישער עפנטליכקייט איינצוהאַלטן, פאַרצוקערן, פאַרשלייערן זייערע רעאַקציאָנערע פלענער און מעשים. אָבער דאָס ביישפיל פון אַ סאָציאַליסטישער מאַכט, וואָס רעכנט זיך אומרחמנות׳דיק אָפּ מיט אירע שונאים, וואָס דערהייבט אַזעלכע מעטאָדן ביז די מדרגה פון רעגירונג-פרינציפּן, בינדט פונאַנדער די הענט באַ אַלע בירגערלעכע רעגירונגען, באַפרייט זיי פון דעמאָקראַטישע פיקציעס און גאַראַנטיעס און העלפט זיי חרוב

צו מאַכן די אָרגאַניזאַציע פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן. מעג מען זאָגן אין ייִנגלשער אמונה, אַז גם זו לטובה, אַז אין דאָזיקע פּיקציעס אין מערב איז בעסער און וואָס ערגער — דאָס בעסער, בכדי אָפּצודעקן דעם פאַרבאַהאַלטענעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פון די מערב'דיקע מדינות. דאָס איז אָבער אַ טעות: ווייל אכזריות'דיקע רעגירונג־מיטלען, וואָס ווערן צום ערשטן מאָל אָנגעווענדעט אין לענדער, צעפּעשטשעטע מיט פּאַרלאַמענטאַרישע גאַראַנטיעס און בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכקייט, ווירקן אָפטמאָל ניט רעוואָלוציאָניזירנדיק אַף די אַרבעטס־מאַסן, נאָר דעזאָרגאַניזירנדיק. דאָס הייסט, אַז דער טעראָר, וואָס העלפט כלומרשט איין רעוואָלוציאָנערן לאַנד אַפן פראָנט, שוואַכט אָפּ אין דער זעלבער צייט איר הינטערלאַנד — דעם גאַנצן ברויזנדיקן און זיך וואַקלענדיקן מערב. אַ חוץ דעם, דאַרף דאָך די רעוואָלוציע אַפילו אין איר טריומפירנדיקן אויסגוס טראַכטן וועגן אַ מעגלעכער מפּלה. איר טעראָריסטישער עבר, וואָס בינדט צו דערצו אויך פונאַנדער די הענט פון דער זיגערישער און שטורמדיקער רעאַקציע, שאַפט יעמאָלט די גרעסטע פּסיכאָלאָגישע מניעה פאַר דער באַנייאונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונג פון די מענטשן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט צופעליק און ניט לויטן אַ קאַפּריז האַלטן די רוסישע באָלשעוויקעס אַזוי שטאַרק פון טעראָר, זיי באַגרינדן עס מיט אַ ריי טעאָרעטישע הנחות. די דאָזיקע הנחות ווייסן מיר שוין פון לאַנג אָן: די אַנטוויקלונג פון וועלטקאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע; די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, און די לעצטע איז מעגלעך נאָר דורך דער דיקטאַטור פון זיין פּאַרטיי. און אַזוי ווי דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז קליין אין צאָל, איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט קלאַסן־שונאים, דאַרף דעריבער זיין פּאַרטיי אָנווענדן דעם טעראָר. אַף דעם ענטפערן מיר: יאָ, בײַ אַזעלכע הנחות איז טאַקע דער טעראָר אומפאַרמיידלעך. די גאַנצע איראָניע פון דעם פאַנטאַסטישן געביי באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס די הנחות זיינען פאַלשע אין גרונט. עס איז בכלל ניט ריכטיק, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט קאָן בעסער פון אַלעמען פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע; די גאַנצע דערפאַרונג פון אייראָפּע אין די יאָרן פון דער מלחמה (1914—1918) און פון דער רעוואָלוציע (1918—1921) האָט דערוויזן, אַז אין געשטאַלט פון די מעכטיקע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס (ענגלישע טרעד־יוניאָנס און דייטשע געווערקשאַפטן) האָט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע געהאַט די שטאַרקסטע טאָרמאַזן. עס איז מקוים געוואָרן די נביאות פון באַקונין, אַז די בורזשואַזע

אָרדנונג האָט זיי געמאַכט פֿאַר אירע באַשטאַנד־טײלן. עס איז אויך ניט ריכטיק אַז אין אַ דורך און דורך קלײן־פּויערישן אַרבעטס־לאַנד איז מעגלעך אַ מער אָדער ווייניק דויערנדיקע שעפֿערישע דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט, אויב מיר האַלטן נאָר, פֿאַרשטייט זיך, אַז בײַ אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע שטייט די מערהייט פֿון די אַרבעטענדע בײַ דער מאַכט. עס איז ניט ריכטיק, אַז אַ פּאַרטיי, ד. ה. אַ אָרגאַניזירטע באַוואוסטזיניקע מינדערהייט קאָן אָנפֿירן מיט דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, קאָן כאָטש אין דער קלענסטער מאָס פֿאַרבײַטן מיט זיך די קאָלעקטיווע, זיך סטיכייאיש אַנטוויקלענדיקע שאַפֿונג פֿון די מאַסן. און אויב אַזוי — האָט שוין קיין שום באָדן אונטער זיך די אָנווענדונג פֿון טעראָר אַלס אַ רעגירונג־סיסטעם אַפֿילו כּלפּי די געפֿערלעכע קלאַסן־שונאים. מיט ערפֿאָלג און גיך קאָן קעמפֿן קענען זיי אויך די פֿון אונטן גייענדיקע רעוואָלוציע; אָן האָפֿנונג און אַ סוף וועט אָבער פֿירן דעם קאַמף די טעראָריסטישע מאַכט. אין דער פֿאָלקס־רעוואָלוציע זײַנען די מאַסן אַלײן אין אײנער און דער זעלבער צײַט דער קעמפֿנדיקער שווערד און דער שאַפֿנדיקער קינסטלער־לאַנצעט. אין דער דיקטאַטאָרישער רעוואָלוציע — איז די מאַכט נאָר אַ שווערד, וואָס זײַן הענטל ליגט ווײַט פֿון די מאַסן. און וואָס ווײַטער — אַלץ מער פֿאַרטײדיקט שוין דער שווערד אַלעמען וואָס האַלטן אים, ניט פֿון די קלאַסן־שונאים נאָר פֿון די אַרבעטס־מאַסן גופֿא.

אין דער באָלשעוויסטישער באַגרינדונג איז אָבער פֿאַראַן אַ האַרבע, אומאָפּהענגיקע פֿון זיי לאָגיק. „די דיקטאַטור פֿון דער פּאַרטיי" און שפּעטער פֿון אַ קלײנעם קרײַז פּאַרטיי־טוער ד. ה. פֿון אַ אומבאַדײַטנדיקער מינדערהייט ברענגט דערצו, אַז די מאַכט ווײַכט אויס אַלע אירע באַוואוסטזיניקע און אידייִשע פֿעסטע קעגנער, און אַף די אָנפֿירנדיקע ערטער שטעלט זי אַוועק אירע טרײַע און איבערגעגעבענע מענטשן, הגם זיי זײַנען אפֿשר אינערלעך פֿרעמד און פֿײַנדלעך צו איר. דאָס ברענגט צום וואוקס און צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון באַאַמטענטום, צו דער דיקטאַטור פֿון דער „ביוראָקראַטיע", צו דער מאַכט פֿון צופֿעליקע מקורבים־למלכות, צו נאָך אַ גרעסערער אָפּגעריסנקייט צווישן דער רעגירונג און די מאַסן. בכדי די גאַנצע סיסטעם זאָל זיך קענען האַלטן איז אָבער נייטיק אַ שטענדיקער געברויך פֿון טעראָר (אין דעם באַשטייט זײַן צווייטע פֿונקציע; די ערשטע איז — ווי געזאָגט, — דער שוץ קעגן די קלאַסן שונאים). דעריבער טײלט זיך טאַקע באַזונדערס אויס אין דער ביוראָקראַטיע דער שיכט אירער, וואָס האָט בפֿירוש צו טאָן מיטן דאָזיקן טעראָר־געווער, וואָס געברויכט אים בפֿועל ממש. בײַ אַ סיסטעם פֿון טעראָר באַטײַט אײגנטלעך די דיקטאַטור פֿון ביוראָקראַטיע, אַ דיקטאַטור פֿון דער פּאָליציי

(און דער אַרמיי, וואָס העלפֿט איר מיט *). בײַ אַ טעראָריסטישער דיקטאַטור פֿון דער מינדערהייט ווערן אַלע מדינה־פֿונקציעס באַהערשט פֿון איינציקער אַלץ־אַרומנעמענדיקער פּאָליציייִשער אויפֿגאַבע. דער שטאַט ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאָליציי, וואָס זוכט און געפֿינט פֿאַר זיך כּסדר אַרבעט**).

אַזוי ווי קיין איבעריקע צדקות פֿאָדערן די פּאָליציי־פֿונקציעס ניט פֿון זייערע טוער, ווערט שוין ממילא דער טעראָר אַ „צענטער פֿון אויסוואורפֿן“, וואָס שטעלן זיך דערנאָך גאַנץ אָפֿט בראש פֿון די מלוכה־אָרגאַנען. דער פּועל־יוצא איז, אַז דער טעראָר, וואָס איז אַליין געשאַפֿן געוואָרן דורך דיקטאַטאָרישע באַשטרעבונגען, פֿאַרפֿעסטיקט דעם מאָנאַרכיסטישן פּרינציפּ אויבן און דעם „אַנאַרכיסטישן“ אין אַלע איבעריקע שיכטן פֿון דעם מלוכה־אַפּאַראַט. עס שטאַרבן אָפּ אַלע סטימולן פֿאַר דער שאַפֿונג, עס ווערט געבוירן יענע אַפּאַטיע פֿון די מאַסן און

---

*) אין אָקטאָבער 1918 אין דעם ברען פֿון רויטן טעראָר, האָט „פּראַוודאַ“ אַזוי געשריבן מכּח דער קאַמף פֿאַר דער מאַכט, וואָס האָט זיך געפֿירט צווישן די סאָוועטן און די טשעקאַ: „אויף אַזאַ אופֿן קומען מיר צו אַ נייער אַנטוויקלונג־תּקופֿה פֿון דער רעוואָלוציע — צו אַ תּקופֿה, וואָס ווערט באַשטימט דורך די געדאַנקען פֿון די טעאָרעטיקער פֿון „וואָכנבלאַט פֿון טשעקאַ“, — ווען דער לאָזונג „די גאַנצע מאַכט — דער טשעקאַ“ פֿאַרנעמט דעם אָרט פֿון דעם לאָזונג „די גאַנצע מאַכט — די סאָוועטן“.

**) פֿאַר אַזאַ מדינה־פּאָליציי, וואָס שטייט אין צענטער, זײַנען תּמיד פֿאַראַן פּאַרטיקע „פֿאַרשווערונגען“. י. סטעקלאָוו באַמערקט גאַנץ ריכטיק אין זײַן בּיכל „פּאָליטישע פּאָליציי און פּראָוואָקאַציע אין פֿראַנקרײַך“ (אין רוסיש), אַז „וואו ס'איז פֿאַראַן פּאָליטישע פּאָליציי, דאָרטן איז אומפֿאַרמײַדלעך אויך די פּראָוואָקאַציע; דאָס איז — די צווייטע זײַט פֿון דער אייגענער מעדאַל“. פּיונאַרי איז מסכּים, אַז די רעפּובליק אַליין האָט דאָך דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ פּאָליציי. „בײַ היינטיקן טאָג — זאָגט דער דאָזיקער רעפּובליקאַנער“ (די איראָניע איז דאָ סטעקלאָוו'ס) האַנדלט זיך ניט וועגן דער שוץ פֿון דעם מלכות, נאָר וועגן שוץ פֿון די פּאָליטישע רעכט פֿון אַלע בירגער, וועגן נאַציאָנאַלן סוווערעניטעט פֿון דער רעפּובליק. דעריבער דאַרף מען זײַן באַהאַוונט מכּח די באַמיאונגען, פּראָיעקטן און האָפֿנונגען פֿון די בוגדים“. ס'איז קיין חידוש ניט — פֿאַרענדיקט דער מחבר, — אַז שריפֿטשטעלער וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער אויספֿאָרשונג פֿון דער פּאָליציי און פֿון איר ראָליע פֿלעגן קומען צו דער מסקנה, אַז די פּאָליטישע פּאָליציי שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ באַדרואונג פֿאַר דער רעפּובליק“. — דער לייענער זעהט, אַז די גאַנצע תּקופֿה קאָן ווערן צוגעפּאַסט אויך צו אונזער רעוואָלוציע. די מסקנה איז איינע און די זעלבע און ס'איז קיין חילוק ניט, צי האַנדלט זיך וועגן שוץ פֿון מלכות, אָדער פֿון נאַציאָנאַלן סוווערניטעט אָדער וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דער גענויאַלדיקער עקל צו יעטווידער געזעלשאַפֿטלעכן ענין, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין אָנהייב פֿון דעם קאַפּיטל.

אויך די אידעאָלאָגן פֿון טעראָר אַליין פֿאַרשטייען מן הסתם זיינע פֿילע פֿאַטאַלע רעזולטאַטן, אָבער זיי קענען ניט און ווילן ניט זיך אָפּזאָגן פֿון אים. דער אָפּזאָג פֿון טעראָר קאָן אויסגעטייטשט ווערן, ווי אַ סימן פֿון שוואַכקייט. דערפֿאַר איז די טעראָריסטישע מאַכט צוגעשרויפֿט צו אים, ווי אַן אַרעסטאַנט צו זיין טשוגון־ראָד. אויב געוואַלט איז אַ סימן פֿון כּח, איז אָבער דער טעראָר אַ סימן פֿון שוואַכקייט פֿון דער מאַכט. ניט געקוקט אַף זיינע האַרבע און אויסער־לעך־דרייסטע פֿאָרמען, שפּילט אַפּ ער אין פֿלוג לויט זיין מהות די שטענדיקע אומרו און שרעק פֿון דער מאַכט, וואָס מיט יעדן טאָג ציטערט זי אַלץ מער און מער פֿאַרן פֿלאַטער פֿון בלאַט אויף אַ בוים. אויב דער טעראָר איז שוין גורם, אַז דער *סאָציאַליזם וואַרפֿט אַן אימה* אַף די מאַסן, איז ער אָבער אין דער זעלבער צייט אַ אָפּשפּיגלונג פֿון דעם פּחד פֿון דער מאַכט אַליין. נאָר אין אַ צושטאַנד פֿון פּערמאַנענטער פּאַניק קענען האָבן אַן אָרט די אַלע גרויזאַמקייטן פֿון טעראָר. דערפֿאַר טאַקע איז די טעראָריסטישע דיקטאַטור אין אַ געווויסער מאָס *״דיקטאַטור פֿון פּאַניק״* *).

אַף אַזאַ אופֿן, אויב מיר וועלן פּרובן אונטערפֿירן אַ סך־הכּל, וועלן מיר זעהן, די *נוצלעכקייט* פֿון טעראָר לאָזט זיך ניט דערווייזן. שוין אָפּגערעדט וועגן אויפֿבוי — איז קיין שום צד פֿון דעם סאָציאַליסטישן בנין אַפֿילו ניט אַוועקגעשטעלט אַף קיין ערנסטן באָדן. אומגעקערט אין אַ סך הינזיכטן וועט די אמת׳דיקע בויאונג פֿון סאָציאַליזם דאַרפֿן נאָר אַראָפּראַמען פֿון וועג די אַלע מניעות, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן דורך דער טעראָריסטישער סיסטעם. דאָס אָפּקערן זיך פֿון טעראָר וועט זיך אויסדריקן, — און וועט אויך באמת׳ן זיין — נאָר דער *ערשטער* טראָט אַפֿן וועג פֿון בויאונג און שאַפֿונג **).

---

*) ענגעלס האָט געשריבן צו מאַרקס׳ן דעם 4־טן סעפּטעמבער 1870: „אונטערן באַגריף „איינשרעקונג־רעגירונג״ פֿאַרשטייען מיר (געוויינטליך) אַ הערשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס וואַרפֿן אַ פּחד. אין דער אמת׳ן איז עס אָבער אַ הערשאַפֿט פֿון מענטשן וואָס האָבן אַליין פּחד. דער טעראָר איז דאָס רבֿ אומנוצלעכע אכזריות מצד מענטשן, וואָס פֿילן שרעק און דאַרפֿן זיך אַליין באַרואיקן. איך בין איבערציינט, אַז די שולד פֿאַרן טעראָר פֿון 1793 יאָר פֿאַלט כּמעט אויסשליסלעך אַפֿן צעשראָקענעם בורזשואַ, וואָס פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ פּאַטריאָט, אַפֿן קליינעם באַלעבעסל און אַפֿן המון, וואָס נוצט אויס דעם טעראָר פֿאַר זיינע געשעפֿטלעך״.

**) ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אַ מאָל געזאָגט צו פֿאָנטאַנען: „מער פֿון אַלץ וואונדערט מיך די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון דעם כּח צום שאַפֿן. עס זיינען אין דער וועלט פֿאַראַן נאָר צוויי כּחות: דער שווערד און דער גייסט. סוף־סוף ווערט אָבער דער שווערד תּמיד באַזיגט פֿון גייסט״.

איך ווייס, מע קאָן ענטפערן אַז פון דעם רוסישן ביישפּיל איז ניט שייך אָפּצולערנען וועגן די אומפּרוכטבאַרקייט פון טעראָר בכלל. דער איצטיקער חורבן איז דאָך אַ פּועל־יוצא פון אַ סך פאַקטאָרן (מלחמה, בלאָקאַדע, ירושה פון צאַריזם); ווי זשע קאָן מען עס ג ע נ ו י באַשטימען די ראָלע פון טעראָר אין דער דאָזיקער רייע פון פאַקטאָרן?

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אין איטלעכער אויספאָרשונג איז עס אַן ערנסטע טענה, און אויב עס וואָלט אונז געגאַנגען אין דער וויסנשאַפטלעכער ריינקייט פון דער מסכנה, וואָלטן מיר געדאַרפט אויסטיילן דעם טעראָר, בכדי צו ערלערנען זיין ס פּ ע צ י ע ל ע השפּעה אַפן גאַנג פון דער רעוואָליוציע, פּונקט ווי אין אַ כעמישן אָדער פיזישן פאַרזוך. נאָר אין אַ סאָציאַלער אויספאָרשונג, וואָס ווערט דער עיקר ערלערנט בדיעבד, לאחר מעשה, איז די פאַרוויקלטקייט און פאַרשיידנקייט פון די פאַקטאָרן אַזוי גרויס, אַז עס איז גאָר ניט שייך צו רעדן וועגן אַזאַ מין פיזיש־כעמישער פּינקטלעכקייט. לאָמיר אַפילו זאָגן, אַז די פאָלגן פון טעראָר, כמו שהוא, זיינען ניט גענוג קלאָר. דערפאַר האָבן מיר אָבער צוויי לאָגישע וועגן פאַר אונזער מסכנה. ראשית, ווייסן מיר, אַז הגם מיר האָבן געהאַט דעם אנטייל פון טעראָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, פונדעסטוועגן האָט עס איר ניט אָפּגעהיט אפילו פון איינע פון די אַלע צרות, וואָס אין זייערע צוואַנגען ווערט זי דערשטיקט. והשנית, קענען מיר אַפן סמך פון דער גאַנצער דערפאַרונג פון דער רעוואָליוציע אָ פּ וו אַ ר פ ן אין אונזער שכל דעם טעראָר און זיך פאָרשטעלן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע אָ ן אים. אַזוי אַרום, נעמענדיק אין אַכט אַלע שוועריקייטן, אין דער סביבה פון ראַטן־רוסלאַנד און אַראָפּציענדיק פון חשבון אַלע הוספה־שוועריקייטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דעם טעראָר, זאָגן מיר גאַנץ רואיק און זיכער, אַז אָן דעם טעראָר וואָלט זיך די רעוואָליוציע אַנטוויקלט פיל מזל׳דיקער און פעסטער. אַ רעוואָליוציאָנערע תקופה צייכנט זיך נאָך אָבער אויס דורך דעם, וואָס זי עפנט אַ ברייטן פעלד פאַר פ אַ ר ז ו כ ן אין דער סאָציאַלער ספערע, אַז מיט דעם אַליין דערנענטערט זי אַפילו די סאָציאַלע אויספאָרשונגען צו דער סביבה פון אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכער לאַבאָראַטאָריע. די רעוואָליוציע לעבט נאָך, און עס זיינען פאַראַן אַלע מעגלעכקייטן נאָכצוזוכן אף דעם פון טעראָר ג ע ר י י נ י ק ט ן באָדן אַלע זיינע פאַרניכטנדיקע רעזולטאַטן, די פאַרניכטנדיקע רעזולטאַטן פון טעראָר און די אומענדלעך־בעגליקנדיקע רעזולטאַטן פון אַזאַ רעוואָליוציע, וואָס ווערט געשאַפן דורכן אַרבעטס פאָלק אַליין אָן אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור און אָן טעראָר. מאַכט אַזאַ מין פאַרזוך מיט דער רעוואָליוציע, און איר וועט זיך איבערציינגן אף אַ „וויסנשאַפטלעכן אופן“ אַז דער טעראָר איז ניט קיין סטימול, נאָר אַ טאָרמאַז פון דער רעוואָליוציע.

דאָס אויך די אוטיליטאַריסטן פון דער רעוואָליוציע מוזן האַלטן דעם טעראָר פאַר שעדלעך, אין דעם, דאַכט זיך אונז, איז קיין שום ספק ניטאָ. דאָס איז ניט קיין בויך־סברא, נאָר אַ טיפע לעבנס־איבערצייגונג. מיר זיינען באַ היינטיקן טאָג ווייטער פון סאָציאַליזם, ווי אין יאָר 1918. מע וועט אונז אפשר זאָגן, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט אונטערצוציען אַ סך־הכל פון דער רוסישער רעוואָליוציע, די רעוואָליוציע איז נאָך ניט פאַרענדיקט, די היינטיקע רעזולטאַטן קענען אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג באַקומען אַ גאַנץ אַנדער באַלייכטונג און באַרעכטיקונג.

וועלן מיר זעהן צו דערוויזן אַף אַנ׳אַנדער אופן אונזער געדאַנק וועגן דער שעדלעכקייט פון טעראָר פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון די רעוואָליוציע־דערגרייכונגען, מיר וועלן זיך קערן צו אַ לאַנד און אַ תקופה וואָס זייער רעוואָליוציע איז שוין היסטאָריש פאַרענדיקט, וואָס זייער גוטס און שלעכטס ליגן פאַר אונז אויפגעקלערט ביזן סוף. לאָמיר זיך דערמאָנען בקיצור אָן דעם פאַרזוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע אין דער תקופה פון טעראָר.

.XV

די דאָזיקע טעמאַ דאַרף נאָך גרינדלעך און טיף אויסגעפאָרשט ווערן, נאָר שוין איצט דאַרף די סאָציאַליסטישע קריטיק לשם איינקע איר נאָענטע פרינציפן פון 1793 יאָר ניט מכפר זיין צו לייכט אַף דעם גאַנצן פאַרוויקלטן קנויל פון געשעהנישן און מעשים, וואָס איז פאַרקניפט מיט דער תקופה פון פראַנצויזישן טעראָר. באַזונדערס איצט דאַרף די פראַגע וועגן איר היסטאָרישן ווערט און נוצלעכקייט אַוועקגעשטעלט ווערן אונטערן ליכט פון דער פינקטלעכסטער וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, פריי, אָן וואָס פאַר אַ ניט איז קנעכטישער הכנעה פאַר דער לעגענדע. מע איז געוואוינט צו רעכענען די דאָזיקע תקופה פון 31־טן מאַי 1793, פון דעם טאָג, וואָס די זשיראָנדע איז פאַרטריבן געוואָרן פון קאָנווענט און עס האָט זיך איינגעשטעלט די דיקטאַטור פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג. געוויינטלעך האַלט מען, אַז דער פראַנצויזישער טעראָר האָט געבראַכט זיין ישועה אַף דריי געביטן: אין דער פאַרפעסטיקונג פון דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג (אָפּשאַפונג פון דער מאָנאַרכיע), אין מיליטערישן שוץ פון דער רעפובליק און אין דער אַגראַר־פראַגע (אָפּשאַפונג פון דעם פעאָדאַל־רעזשים). צו דער לעצטער, עקאָנאָמישער ספערע איז מען נאָך אָפט מוסיף דעם געזעץ וועגן „מאַקסימום פון די פרייזן“, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַ דאַנק דעם טעראָר. אַ גרינדלעכע לייזונג פון די אַלע פראַגן איז כלומרשט געווען מעגלעך נאָר אין דער תקופה פון טעראָר. לאָמיר באַטראַכטן איטלעכן פון די דריי געביטן באַזונדער.

א) די פּאָליטישע דערגרייכונגען פון דער רעוואָליוציע וואָלטן זיך געקאָנט אויסדריקן אין דער פאַרזיכערונג פון פערזענלעכער פרייהייט פון די בירגער, אין דער אַנטוויקלונג פון דער זעלבסטשטעטיקייט פון פאָלק, אין דער שאַפונג פון זעלבסטפאַרוואַלטונגען אין די פּראָווינצן. מיר ווייסן אָבער, אַז די קאָנסטיטוציע פון 93-טן יאָר, וואָס האָט אין איר באַשטאַנד געהאַט אויך דעם אַרטיקל 35 (מכח רעכט און פליכט פון די בירגער צו מאַכן אַ אויפשטאַנד, אויב ס'ווערן אָנגערירט די רעכט פון פאָלק), איז פשוט געוואָרן אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, גלייך נאָכדעם ווי מע האָט איר אָנגענומען, און איז קיינמאָל ניט געוואָרן פאַרווירקלעכט. דערפאַר אָבער זיינען אַלע פערזענלעכע, בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט בטל געוואָרן דורכ'ן געזעץ וועגן פאַרדעכטיקטע, דורך די טריבונאַלן און גיליאָטינע. אמת, אין יענע צייטן, נאָנטע צום מיטלאַלטער, האָט נאָך דער טויט ניט אַזוי שטאַרק געשראָקן דעם עולם, נאָר זיין מאַסן-כאַראַקטער און די הפקרות אין זיין אָנווענדונג פלעגן אויך יעמאָלט וואַרפן אַן אימה. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט זיינען שוין געזאָגט געוואָרן די ווערטער פון די ענציקלאָפּעדיסטן און פון בעקאַריאַ צום שוץ פון די פאַרברעכער, און מיט איינקע יאָר פריער האָט שוין ראָבעספּיער באַוויזן צו האַלטן זיין רעדע וועגן דער אָפּשאַפונג פון טויט-שטראָף. די פּאַריזער סעקציעס, קלובן און „פאָלקס-געזעלשאַפטן“, וואָס זיינען תחילת געווען די עמודי-התוך און די שטיץ-פונקטן פון דער רעוואָליוציע, זיינען באַ דער דיקטאַטור אַלץ מער און מער מגולגל געוואָרן צו פאַרבאַנדן פון באַאַמטע, וואָס זיינען קנעכטיש מקיים די באַפעלן פון דער מאַכט. איין רעדע ראָבעספּיער'ס פלעגט שוין זיין גענוג, מע זאָל פון זיי פאַרטרייבן וועמען ער'ט געוואָלט — די דאַנטאָניסטן, העבערטיסטן, (אפילו פון קאָרדיליע-קלוב). אַ דאַנק אַזאַ מין גאַנג פון די געשעהענישן אַ דאַנק דער בהדרגה'דיקער דערווייטערונג פון פאַרשיידענע השפעה-רייכע גרופּעס, פלעגן די אמת'דיק-רעוואָליוציאָנערע סעקציעס אָפּגיין פון דער רעוואָליוציע, זיי פלעגן אויפדעקן פאַרשיידענע טיילן פון איר פראָנט, און האָבן געגעבן די מעגליכקייט, אַז דער טערמידאָר זאָל אַזוי לייכט פאָרקומען. לויט די אויספאָרשונגען פון מישלע, קראָפּאָטקין, מעליע, פלעגט די תקופה פון טעראָר סיסטעמאַטיש דערשטיקן די סעקציעס; מע האָט באַ זיי אָפּגענומען דאָס רעכט פון פערמאַנענטע זיצונגען, דאָס רעכט צו קלייבן ריכטער, זיך צו פאַרנעמען מיט צדקה-ענינים, האָבן פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיי. זייערע „בירגערלעכע קאָמיטעטן“ און רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן (אונזער טערמין!) פלעגן שטיין אַפילו ניט אונטערן רשות פון דער קאָמונע, נייערט פון די קאָנווענט-קאָמיטעטן, זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יעראַרכישע אָרגאַנען מיט באַשטימטע פון אויבן באַאַמטע. מע פלעגט זיי כסדר „רייניקן“ בכדי נושא חן צו זיין באַם

יאַקאָבינער קלוב. לויטן באַפעל פון ראָבעספיער'ן פלעגן אויך די קלובן גערייניקט ווערן פון שעדלעכע עלעמענטן. „פון יאַנואַר 1794 אָן — זאָגט מישלע — איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון פּאַריז דערשטיקט געוואָרן. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די סעקציעס האָבן שוין מער קיין שום רוח־חיים ניט אַרויסגעוויזן. די גאַנצע מאַכט איז אַריבער צו זייערע רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן, און אויך די קאָמיטעטן, וואָס האָבן אויפגעהערט זיין געקליבענע און האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין באַשטימטע פון אויבן באַאַמטע, זיינען אָפּגעשטאָרבן". „די סעקציעס — זאָגט קראַפּאָטקין*) — האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין „מלוכה־מאַשינעס". די פּאַריזער סעקציעס און די פּראָווינציעלע פאָלקס־געזעלשאַפטן זיינען געוואָרן טויט. די מדינה האָט זיי פאַרשלונגען. זייער טויט איז אָבער געווען דער טויט פון דער רעוואָליוציע". מיט אַ טריומפירנדיקער להכעיס־שמחה דערציילט גענוי דער טאַלענטירטער שונא פון דער רעוואָליוציע טען וועגן דער זעלבער זאַך, וועגן וועלכער קראַפּאָטקין רעדט מיט אַזאַ ווייטאָק. פון אַקעגנגעזעצטע זייטן גייען צו צו דער פראַגע טען און קראַפּאָטקין, און אינגאַנצן אַפן זעלבן אופן שילדערן זיי ביידע די צופאַלעניש און דעם חורבן פון די סעקציעס און קלובן. „נאָכדעם, זאָגט מעליע, ווי די סעקציעס האָבן זיך מיאש געווען אין זייער האָפענונג זיך צו דערשלאָגן צו אַ בעסערער פּאָליטישער טעטיקייט, און האָבן פאַרלוירן דעם גרעסערן טייל פון זייערע רעכט, האָבן זיי אָנגעהויבן פילן אַ מאַטקייט פון אַלע זייערע באַמיאונגען, וואָס זיינען געבליבן אומפּרוכטבאַר, און פלעגן ווערן אַלץ מער און מער פּאַסיוו צו די געשעהענישן, וואָס האָבן זיי אַף אַ דירעקטן אופן אין זייער מאַטעריעלן לעבן גאָרניט באַרירט... די פּאָליטיק פלעגט געמאַכט ווערן אָן זיי... און אָט איז דער סך־הכל: דעם 9־טן טערמידאָר האָט זיך קיינער אין די סעקציעס ניט געשטעלט צו באַשיצן ראָבעספיערן". אַפן סמך פון אַרכיוו־דאָקומענטן שרייבט מעליע, אַז כמעט אַלע רעוואָקאָמען פון די סעקציעס זיינען זיך דעם 9־טן טערמידאָר צונויפגעקומען, און האָבן געוואַרט אַף באַפעלן פון דער רעגירונג (וואָס האָט אַליין דערשטיקט אי די קאָמונע אי ראָבעספיערן). אין גיכן האָבן זיך די ראָיאַליסטן באַנוצט מיט דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט פון די מאַסן צו די סעקציעס צוליב זייערע צוועקן. דעם 9־טן אָקטאָבער 1795 האָט שוין דער קאָנווענט אָן שום שוועריקייטן געקענט מיט אַ באַדרויאונג פון שטראָף פאַרבאָטן אַף אַלע מאָל די סעקציעס. — ס'פאַרשטייט זיך אַז קיין זעלבסטפאַרוואַלטונג און אַווטאָנאָמיע פון דער פּראָווינץ איז אין דער „איינציקער אומטיילבאַרער רעפּובליק" ניט געווען. דער צענטראַליזם פון קאָנווענט האָט ממשיך געווען די ליניע פון די ליודאָוויקעס און האָט צוגעגרייט

*) געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע.

דעם כסא־מלכות פֿון נאַפּאָלעאָנען, פֿאַר׳סמ׳ענדיק אַפֿן גאַנצן 19־טן יאָרהונדערט אַלע רעוואָלוציעס און באַדייטנדיקע סאָציאַלע טעאָריעס מיט בלאַנקיזם און יאַקאָבינים. איינער פֿון די בעסטע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן *פּרודאָן* פֿלעגט זיך אָפּרופֿן מיט דער גרעסטער פֿאַרביטערונג וועגן דער דאָזיקער פּאָליטישער ירושה פֿון דער רעוואָלוציע. „דער פּרינציפּ פֿון צענטראַליזאַציע, וואָס איז אַף אַזאַ ברייטן אופֿן פּראַקטיקירט געוואָרן דורך׳ן קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג, — האָט ער געשריבן — איז געוואָרן אַ דאָגמע בײַ די יאַקאָבינער, וואָס האָבן אים דערנאָך איבערגעגעבן דער מאָנאַרכיע און די רעגירונגען נאָך איר. דאָס איז די אומגליקלעכע טראַדיציע, וואָס האָט אין 48־טן יאָר שוין לכתחילה באַשטימט די רעאַקציאָנערע אַנטוויקלונג פֿון דער ציטווייליקער רעגירונג“. „די איבערקערעניש פֿון 93—89 יאָרן — מאַכט ער אַ סך־הכּל — וואָס האָט צוזאַמען מיטן מאָנאַרכיסטישן דעספּאָטיזם בטל געמאַכט אויך די לעצטע רעשטן פֿון פֿעאָדאַליזם, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די נאַציאָנאַלע איינִיקייט, גלײַכקייט פֿאַרן געזעץ און פֿאַר די שטייערן, פֿרייהייט פֿון וואָרט און פֿון גלויבן, און וואָס האָט ווי ווייט זי האָט געקאָנט פֿאַראינטערעסירט דאָס פֿאָלק דורכ׳ן פֿאַרקויף פֿון נאַציאָנאַלן אייגנס — האָט אָבער ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך קיין שום אָרגאַנישע טראַדיציע, קיין שום רעאַלע שאַפֿונג. *זי איז אַפֿילו ניט מקיים געוועזן קיין איינע פֿון אירע הבטחות.* די געזעלשאַפֿט און די רעגירונג זייגען אין דער רעוואָלוציע געוואָרן צוויי באַגריפֿן, וואָס קענען זיך ניט צוזאַמענפּאַסן, און אַלס פּועל־יוצא פֿון דעם איז געקומען די אַלײַן־פֿאַרשלינגענדיקע קאָנצענטראַציע פֿון דער מאַכט, די צענטראַליזאַציע וואָס ווירקט ווי סם־המות אַף די פֿרייהייט“. „נאָר אַ קעניג — שרייבט דער היסטאָריקער פֿון דער רעוואָלוציע קינע — האָט געפֿעלט דעם דאָזיקן מלכות. דער קנעכטישער גוף איז שוין געווען פֿאַרטיק, נאָר אָן אַ קאָפּ. אויך דער קאָפּ האָט שוין אָבער עקזיסטירט. ער האָט געפֿילט זײַן מאַכט. דעם 11־טן דעצעמבער 1793, אין דער זעלבער שעה, וואָס ראָבעספּיער האָט גע׳דרשנט אין די קלובן, איז איינער אַ אומבאַקאַנטער, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, שטילינקערהייט אַרויף אין טולאָן אַף די ערשטע שטאַפּעלע פֿון טראָן, וואָס האָט זיך פֿאַר אים געבויט“.

יאָ, געוויס האָט די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע אַ וואָרף געטאָן אין דער וועלט די אידעען פֿון רעפּובליק, פֿון געוויילטע באַאַמטע, פֿון דער אָפּטיילונג פֿון דער קירכע וכדומה. דער *טעראָר* אָבער האָט קיין זאַך ניט אויפֿגעטאָן, בכדי די דאָזיקע אידעען צו פֿאַרפֿעסטיגן. אַלע זייגען זיי פּראָקלאַמירט געוואָרן נאָך פֿאַרן 31־טן מאַי 93, און נאָך אים האָבן זיי אָנגעהויבן צאַנקען און גוססן. נאָר דער עצם־סיסטעם פֿון רויטן טעראָר האָט פֿונאַנדערגעבונדן די הענט דעם ווייסן טעראָר, און הרג׳ענדיק די רעוואָלוציע אין באַוואוסטזיין פֿון יענעם דור, האָט ער גייסטיק צוגעגרייט די רעסטאַווראַציע.

ב) דער טעראָר האָט כּלומרשט אַ סך אויפגעטאָן אפ׳ן געביט פון מיליטערישע דערגרייכונגען. מע האָט אָפּגעשטויסן די שונאים פון די גרעניצן פון פראַנקרייך, די רעוואָליוציע איז געווען „געראַטעוועט“. צוליב דער אַרמיי און דעם פּאַטריאָטיזם, לשם דעם פאָטערלאַנד און דער פרייהייט פלעגן דער קאָנווענט און זיינע קאָמיסאַרן (אין עלזאַס — סען־זשיוסט) אָפט פעסט צודריקן די פאַרמעגלעכע קלאַסן. אָבער... ניט אומזיסט האָבן מאַראַט און ראָבעספּיער אין אָנהייב פון די דאָזיקע מלחמות אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר זיי. אין יאַנואַר 1792 האָט ראָבעספּיער אין יאַקאָבינער קלוב געהאַלטן אַ רעדע קעגן דער רעוואָליוציאָנערער מלחמה. „די משונה׳דיקסטע אידעע, וואָס קען געבוירן ווערן אין קאָפּ פון אַ פּאָליטיקער, איז די וואָס זאָגט, אַז ווי נאָר דאָס באַוואָפנטע פאָלק וועט אַריין אין תחום פון אַ צווייטן פאָלק, וועט יענער גלייך אָננעמען די נייע געזעצן און די קאָנסטיטוציע. קיינער האָט נישט ליב קיין באַוואָפנטע מיסיאָנערן, און די ערשטע עצה פון דער נאַטור און פון גראָדן שכל, איז — אָפּשטויסן זיי, ווי שונאים*)“. די מיליטאַריזירונג פון דער רעוואָליוציע האָט פאַרוויקלט איר גאַנצער סביבה, זי האָט פאַרוואַנדלט די בירגער אין סאָלדאַטן, דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן — אין אַ קאַזאַרמע און אַ מיליטערישן לאַגער, זי האָט פאַרפעסטיקט די דיקטאַטור פון די קאָנווענט־קאָמיטעטן. די אומענדלעכע מלחמות פון דער רעוואָליוציע, וואָס זיינען פון דעפענזיווע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפענזיווע, האָבן געהאַט צוויי זייער וויכטיקע רעזולטאַטן. זיי האָבן באַשאַפן גרויסע גרופּעס מלחמה־פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס דער לאָזונג „כבוד“ (gloire) איז געשטאַנען באַ זיי העכער ווי די לאָזונגען פון פאָטערלאַנד און פרייהייט, און דעם שאָוויניסטישן פּסיכאָז פון די פראַנצויזן, און האָבן געגעבן אַנ׳אַרמיי באָנאַפּאַרטן און דעם שטן זיינעם — נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן. זיי האָבן אויך אַרויסגערופן באַ די פּויערים און בורזשואַ די דורשט נאָך אָרדנונג און האָבן געגעבן אַנ׳אָרט באָנאַפּאַרטן אפ׳ן סאַמע שפּיץ פון דער רעגירונג־פּיראַמידע**).

ג) מע האַלט, אַז דער פראַנצויזישער טעראָר האָט ענדגילטיק פאַרפעסטיקט די אַגראַר־רעפאָרם פון דער רעוואָליוציע. קראָפּאָטקין זאָגט:

*) זשאָרעס. סאָציאַל. געשיכטע (אין פראַנצויזיש).

**) פאַרטרויערט און פאַרוואונדערט רופט אויס קינע! „וויפיל צייט וועט מען עס נאָך איבער׳חזר׳ן די מאָדנע שטות, אַז אַלע עשאַפאָטן זיינען נויטיק געווען פאַר דער רעטונג פון דער רעוואָליוציע, וואָס איז פונדעסטוועגן פאָרט ניט געוואָרן געראַטעוועט! זאָל זיין אַזוי, וועט איהר זאָגן, די אַלע טויט־שטראָף זיינען אָבער געווען נויטיק בכדי צו ראַטעווען דאָס גאַנצע, און איך פרעג אייך היינט, נאָך אַ 80־יאָריקע דערפאַרונג, צוזאַמען מיט׳ן די נייע דורות: צי האָט געקאָנט עפּעס ערגערס טרעפן מיט אונז?

„דער פראַנצויזישער פויער איז געוואָרן אַ מענטש. ער איז שוין ניט מער יענע „ווילדע חיה", וואָס ס'פלעגט איר באַשרייבן ליאַ-בריוער. ער האָט אָנגעהייבן דענקען. נאָר אַפילו דער אויסערליכער פרצוף פון דער פויערשער פראַנקרייך האָט זיך זינט דער רעוואָליוציע אומגעביטן אין גרונט. ס'פאַרשטייט זיך, אין פראַנקרייך איז, אַזוי ווי אומעטום, געבליבן נאָך צופיל אָרעמקייט. נאָר די דאָזיקע אָרעמקייט איז עשירות אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ס'האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פראַנקרייך מיט 150 יאָר צוריק און מיט דעם, וואָס מיר זעהן נאָך עד היום אין אַנדערע לענדער, וואָס זיינען געבליבן באַ די אַלטע אַגראַר-געזעצן". „צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע הונדערטער יאָרן האָט דער פויער אָנגעהייבן זיך זאַט אָנעסן". אויב מיר ווען אַפילו אַ ז ע ל כ ע רעזול-טאַטן באַטראַכטן, ווי אַ פאָזיטיוון אַקטיוו פון דער גרעסטער פון רעוואָליוציעס — בלייבט נאָך פאָרט די פראַגע: אין וואָס פאַר אַ מאָס הענגט אָפּ אָדער פאַלט צונויף די ערד-פונאַנדערטיילונג אין דער רעוואָליוציאָנערער פראַנקרייך מיט דער תקופה פון ט ע ר אָ ר.

ווי באַקאַנט, האָט די פראַנצויזישע רעוואָליוציע געהאַט צו טאָן מיט דריי מינים ערד: מיט נאַציאָנאַלן רכוש (ערד, קאָנפיסקירטע באַ די גייסטלעכע און ראָיאַליסטן), קהלה-רכוש און פעאָדאַלער. צום אָנהייב פון דער טעראָר-תקופה איז שוין אָבער דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער ערד געווען פאַקטיש פ אַ ר ט י י ל ט, דער פעאָדאַליזם איז שוין געווען צעבראָכן. אין צווייטן באַנד פון זיין סאָציאַליסטישער געשיכטע, וואָס איז געווידמעט דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג, דערציילט זשאָרעס גענוי, ווי אַלע געבעכדיקע זשיראָנדע-געזעצן, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשטעלן די סטיכייאישע פונאַנדערטיילונג פון ערד, פלעגן נ י ט ווערן אָפּגעהיט, קיין אויסלייז-געלט פאַר די ערד פלעגט מען נ י ט צאָלן. קראַפּאָטקין איז מלד זכות און באַמערקט, אַז דערפאַר האָט אָבער די תקופה פון טעראָר, י ו ר י ד י ש פאַרפעסטיקט די ערד-פאַרטיילונג (געזעץ פון 93, VI. 11 וועגן קהלה-ערד און פון VII. 17 וועגן פעאָדאַלע רעכטן) און אָף אַזאַ אופן געזיכערט די פויערים נאָך דער רעסטאַווראַציע"*); נאָר אַז מיר ווען אַזאַ מין פועל-יוצא פאַרגלייכן אַף די וואָגשאָלן פון די געשיכטע מיטן טעראָר, וועלן מיר זיין שטאַרק מסופק אין די גליקן, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט.

דורך דעם אַליין ווערט נאָך אָבער די פראַגע ניט פאַרענטפערט. אויב מיר וואָלטן אַפילו האַלטן, אַז גראָד דער טעראָר האָט עם ענדגילטיק צעבראָכן דעם פעאָדאַליזם, איז דאָך נאָך אָבער וויכטיק צו וויסן, ו ו ע ר האָט די דאָזיקע

*) ס'איז טשיקאַווע, ווי כמעט אַלע רעוואָליוציאָנערע היסטאָריקער באַ-מיען זיך בעל כרחם מלמד זכות זיין אָפן טעראָר; אָט דאָ אַ שטייגער זוכט אַ אַ נ אַ ר כ י ס ט זיין באַרעכטיגונג אין די י ו ר י ד י ש ע אויפטוען פון דער רעוואָליוציע.

ערד באַקומען, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס איז זי אַריבער צום *אָרעמעם* פּויערטום. די וויסנשאַפֿט עוסק'ט זיך נאָך עד היום מיט דער פֿראַגע, אויף וואָס פֿאַר אַ אופֿן עס איז אין סך־הכּל פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָליוציע פּאַקטיש (ניט לויט די נאָרמען פֿון דער אַגראַרישער געזעצגעבונג) פֿאַרטיילט געוואָרן דאָס ערד־אייגנטום. „אויף דער פֿראַגע — זאָגט קראַפּאָטקין — גיט מען פֿאַרשיידענע תּשובֿות, אָפּהענגיק פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ טייל פֿראַנקרייך ווערט אויסגעפֿאָרשט. עס זיינען פֿאַראַן אַ סך יסודות צו קלערן, אַז דאָס אָרעמע פּויערטום האָט באַקומען אַ גאַנץ קליינעם טייל, באַזונדערס פֿון די קהלה־ערד, וואָס איז פֿאַרטיילט געוואָרן לויט די נפֿשות און איז ניט געבליבן קיין געמיינזאַמער רכוש פֿון דער קהלה. דערפֿאַר איז אָבער אַ היפּש ביסל אויסגעפֿאַלן אין חלק פֿון די גרויסע קונים (אַנשטאָט דעם פֿעאָדאַלן אַדל זיינען געקומען די בורזשואַ אַריסטאָקראַטן), פֿון מיטלען פּויערטום און פֿון שטאָטישן בורזשואַ. אַלע הערשער — סיי די מאָנטאַניאַרן, סיי די זשיראָנדיסטן, — האָבן באַם פֿאַרקויף פֿון די קרקעות געהאַט פֿיל מער אין זינען די תּכף'דיקע רעאַליזירונג פֿון גרעסערע סומעס פֿאַר דער מדינה־קאַסע, איידער די אינטערעסן פֿון די פּויערים. אמת, אין איניקע (מזרח'דיקע) טיילן פֿון פֿראַנקרייך האָבן אויך די אָרעמע פּויערים באַקומען ערד און ניט קוקנדיק אויף די הפֿקרדיקע מאַטעריאַלן, מאַכט קראַפּאָטקין אַ פֿאָרזיכטיקן אויספֿיר: „איינס איז אָבער קלאָר: דאָס *ערד־אייגנטום איז צעברעקלט געוואָרן אויף קלענערע חלקים*. און דאָרטן, וואו עס זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָליוציע גרויסע מאַסן, זיינען באַדייטנדיגע שטחים ערד בלי ספֿק אַריבער אויף גינסטיקע תּנאָים צו די פּויערים, און אומעטום האָבן אָנגעהויבן נעלם ווערן די פֿאַרעלטערטע שוואַרצע נויט, אָרעמקייט און הונגער, וואָס זיינען געווען אַזאַ אָפּטע דערשיינונג באַ דער „אַלטער אָרדנונג“. אין XIX יאָרהונדערט זיינען שוין ניט געווען בנמצא די כראָנישע הונגערן, וואָס האָבן אויסגעצייכנט דעם XVIII־ן“. פֿון דער ווייטערדיקער געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך ווייסן מיר אָבער גאַנץ גענוי, אַז די רעוואָליוציאָנערע רעפֿאָרמען האָבן געשאַפֿן, דער עיקר, דאָס פֿעסטע, זשעדנע, ריין־באַלעבאַטישע פּויערטום, וואָס איז פֿון יעמאָלט אָן געוואָרן אַ קלאַס, וואָס שטיצט די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פֿון פֿראַנקרייך, וואָס איז פֿיינדלעך צום שטאָטישן אַרבעטער־קלאַס און צום סאָציאַליזם. אָט דער פּאָליטיש און סאָציאַל אָפּגעשטאַנענער קלאַס האָט עס געשפּייזט די אימפּעריע, געגעבן מיליאָנען שטימען פֿאַר ביידע נאַפּאָלעאָנס, געשטיקט די רעוואָליוציעס פֿון 48־ן און 71־ן יאָר.

איך ווייס, אַז דער מאַרקסיזם, וואָס איז אַזוי שטאַרק מיטן „בדיעבֿד שׂכל“, טייטשט אויס אַזאַ מין פּועל־יוצא פֿון דער גרויסער רעוואָליוציע ווי אַ עקאָ־

נאַמיש־אומפאַרמיידלעכן און דעריבער „היסטאָריש־פּראָגרעסיוון“. בעת דער קאַפּיטאַליזם קומט פאַרבייטן דעם פעאָדאַליזם, מוז, הייסט עס, שוין ממילא פאָרקומען אַ צעפּאַלעניש פון די קאָלעקטיווע פאָרמען פון ערד־באַנוצונג און אַ געוואַלטיקע פאַרברייטונג פון שיכט פון קליינעם בעל־רכוש אין פויערטום. נאָר דורך אַזעלכע עטאַפּן, הייסט עס, וועט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פירן צום סאָציאַליזם. דורות־לאַנגע דערפאַרונג פון אייראָפּע, און נאָך מער די לעצטע דערפאַרונג פון די רעוואָליוציעס אין די אַגראַר־לענדער (רוסלאַנד, אונגאַרן) האָבן דערוויזן, ווי ווייט געקינצלט עס זיינען די דאָזיקע פאָרמולעס. דעריבער זיינען מיר היינט ביכולת צו באַטראַכטן דעם סאָציאַלן סך־הכל פון דער פראַנ־צויזישער אַגראַר־רעוואָליוציע אָן דעם דאָזיקן אַבערגלויבערישן דאָגמאַטיזם, און ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק, אַף וויפל דער דאָזיקער סך־הכל איז היסטאָריש־פּראָגרעסיוו. וואָס זשע פאַר אַ ווערט קען האָבן פאַר אונז באַ אַזעלכע תנאים דער טעראָר, וואָס האָט, — אַף וויפל ס'איז פון אים אָפּגעהאַנגען, — מיט כח און בלוט פאַרפעסטיקט דעם דאָזיגן נעגאַטיוון סאָציאַלן סך־הכל, די נייע באַלעבאַטיש־בירגערלעכע אָרדנונג? ווער וייס — ס'קאָן זיין, אַז אָן דעם שווערן האַמער פון טעראָר, באַ פרייערע תנאים פון רעוואָליוציאָנערן לעבן, וואָלטן זיך אין פראַנצויזישן דאָרף איינגעשטעלט אַנדערע, סאָציאַל־פּראָגרעסיווע פאָרמען פוןווירטשאַפט און לעבנס־שטייגער, ס'וואָלטן אפשר ניט אַזוי גיך צעבראָכן געוואָרן זיינע קאָלעקטיווי סטישע ווירטשאַפט־פאָרמען? אפשר וואָלט אַנ'אַנדער פראַנצויזישער דאָרף געבראַכט נאָך זיך אויך אַנ'אַנדער פראַנק־רייך, אַנ'אַנדער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע פון XIX יאָרהונדערט? און אפשר וואָלט דאַן די אייצטיקע פראַנקרייך ניט געווען דער הענקער פון דער וועלט־באַפרייאונג פון מענטשן?

ד) אָפּטמאָלס ברענגט מען אַלס ראיה דאָס געזעץ וועגן „מאַקסימום פון די פרייזן“, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַ דאַנק דעם טעראָר און איז געווען אַ טיפּ־סטע סאָציאַלע מאָס פון דער רעוואָליוציע. עס שטעקט אָבער אין דעם אַ גרויסער טעות. דאָס דאָזיקע געזעץ איז ניט געווען קיין דורכגעטראַכטע, ווייט־גייענדיקע סאָציאַלע פּראָגראַם, נאָר אויסשליסלעך אַ מיטל פון דחקות און טאָג־פּאָליטיק. דאָ האָט דער טעראָר איינגטלעך מעהר ווי אומעטום אַרויסגעוויזן זיין אָפּהענטיקייט. ער איז ניט בכח געווען צו דערשטיקן די ספּעקולאַציע מיט אימה, ווייל עס האָבן זיך צוליב דעם געפּאָדערט גרינדלעכע סאָציאַלע רע־פאָרמעס — מע האָט געדאַרפט איבערגעבן אין די הענט פון דער געזעלשאַפט דעם האַנדל און די פּראָדוקציע פון די וויכטיקסטע אומגאַנג־זאַכן. יעמאָלט האָט מען עס נאָך ניט פאַרשטאַנען, דאָס עפּנטלעכע באַוואוסטזיין איז נאָך

דאַן ניט געווען אַף אַזוי פּיל רייף *). נאָר אויך דער טעראָר האָט דאָ מיט קיין זאַך ניט געקאָנט העלפֿן, ווייל אַ קיום האָט נאָר דאָס, וואָס עס איז פֿון די מאַסן דורכגעלעבט און אויסגעטראָגן געוואָרן, און ניט דאָס, וואָס מע האָט אין זיי בעל כּרחם פֿון אויסנווייניק אַריינגעשלאָגן. און תּכף נאָך ראָבעספּיערס מפּלה איז דאָס שרעקלעכע געזעץ בטל געוואָרן מיטן כּח פֿון איין קאָנטרדעקרעט. מע קאָן אַף דעם ענטפֿערן, אַז אַלע אַזעלכע מיטלען — מעגן זיי זיין נאָר צופֿעליקע און פּריוואַטע — פֿון דעסטוועגן „גרייטן זיי אומדירעקט צו די מוחות צו דער סאָציאַלער רעוואָליוציע". יאָ, אַוודאי. נאָר ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע: אַף׳ן וואָגשאָל פֿון דער געשיכטע דעקט זיך אָבער אַזאַ סך־הכּל ניט מיט די שרעקן פֿון טעראָר.

דערפֿאַר ווייסן מיר אָבער, אַז דער זעלבער טעראָר האָט אכזריות׳דיק דערשטיקט דירעקטע אַנטפּלעקונגען פֿון קאָמוניסטישע שטרעבונגען. רו און זיינע חברים האָבן געהאַט אַ שווערן פּסק פֿאַר זייערע אידעען די רעוואָליוציאָנערע טוער פֿון יענער תּקופֿה האָבן אפֿילו ניט געוואָלט הערן וועגן דער „אויסגלייכונג פֿון די שטאַנדן" אָדער וועגן דעם „אַגראַר־געזעץ" (אומזיסטע ערדפּאַרטיילונג צווישן די אַרבעטענדע). ראָבעספּיער האָט מיט אַווטאָריטעט געמאָלדן: „דאָס אַגראַר־געזעץ — דאָס איז ניט מעהר, ווי אַ סטראַשוניק, וואָס מענטשן מיט בייזע כּוונות שרעקן מיט אים די נאראים".

ניין, ממש פֿון קיין שום צד קען מען ניט איינזעהן קיין נוצלעכקייט פֿון דער אָנווענדונג פֿון פֿראַנצויזישן טעראָר. די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע איז דורך אים ניט באַרייכערט געוואָרן, נאָר אומגעקערט — אַ דאַנק אים, האָט זי אויסגעשעפּט אירע לעצטע כּחות, ביז זי איז ניט געפֿאַלן אומבאַהאָלפֿן אונטערן טראָט פֿון יונישן שטיוול. די גזרה שוה, וואָס די הייִנטיקע אָנהענגער פֿון דער דיקטאַטור לערנען אָפּ פֿון פֿראַנקרייך, איז פֿאַרשטענדלעך נאָך פּסיכאָלאָגיש, לאָגיש האָט זי קיין ממשות ניט. ווייסנדיק, אַז זיי און דער קלאַס, וואָס זיי שטעלן פֿאָר, זיינען אַ בפֿירושע מיעוט אין לאַנד, און אַז זייער קאָמוניסטישע פּראָגראַם איז ניט מעגלעך דורכצופֿירן אין די תּנאים פֿון אַ פּויערשער סביבה, — פֿאַרמשפּטן זיי זיך אַליין אַף די ראָלע פֿון אַ טעראָריסטישע מינדערהייט, ביז ס׳וועט ניט קומען צו הילף די רעוואָליוציע אין די אינדו=

---

* אויך די אויסגעצייכנטע סאָציאַלע פּראָעקטן־אויסרעכנונג פֿון די פּראָדוקציע־קאָסטן און אַ גראַנדיעזע אַנקעטע אַף דעם געביט, וואָס דער קאָנווענט האָט אָנגעהויבן אַפּ׳ן וועג פֿון דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון געזעץ וועגן מאַקסימאַלע פּרייזן — זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך פּראַקטישע צייטווייליקע נויטן פֿון דער רעוואָליוציע, און זיינען ניט געווען קיין רונגען פֿון אַ דורכגעטראַכטער סאָציאַלער פּראָגראַם.

ס ט ר י ע ל ע לענדער; ממילא, זוכן זיי פֿאַר זיך אַן׳אַנאַלאָגיע אין דער יאַקאָבינישער פֿראַנקרייך. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז די היינטיקע רוסישע יאַקאָבינער לערנען אָפּ אַ ביישפּיל נאָר פֿון דעם טעראָר פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, זיי פֿאַרגעסן זיך אָבער אָן איר גורל און איר מפּלה. די מפּלה דערקלערן זיי מיט דעם, וואָס אין דער לעצטער צייט פֿון איר קיום האָט זיך די יאַקאָבינער רעגירונג ניט גערעכנט מיט די אינטערעסן פֿון דעם אויפֿקומענדיקן פֿראַנצויזישן קאַפּיטאַליזם, אַז איר פּראָגראַם איז געווען לינקער ווי דאָס באַוואוסטזיין פֿון די מאַסן, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דערפֿאַר האָט זיך יעמאָלט דער טעראָר ניט געקאָנט איינהאַלטן. בנוגע רוסלאַנד איז עס ניט שייך, ווייל עס איז אַ סברא, אַז דאָ ליגט דער טעראָר „אַף דער ליניע“ פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פֿון וועלט־קאַפּיטאַליזם און פֿון דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

מיר נעמען זיך ניט אָן דאָ צו פּסק׳ענען, אַף וויפֿיל די קליין־בירגערלעכע אָנשויאונגען פֿון די פֿראַנצויזישע טעראָריסטן זיינען געווען היסטאָריש צוגעפּאַסט צום קולטורעלן באַוואוסטזיין פֿון די מאַסן פֿון יענער תקופֿה. מיר זיינען זעהר ווייט פֿון יענער סאָציאַל־אַסטראָנאָמישער זיכערקייט, מיט וועלכער די מאַרקסיסטן פּסק׳ענען די שאלה אַף ניין. פֿאַרקערט — מיר האַלטן, אַז אַ סך פֿון די אָפּיציעלע אידעען פֿון די טעראָריסטן וואָלטן טאַקע באמת געקאָנט מקוים ווערן, און אַ סך ניט־אָפּיציעלע (וואָס פֿלעגן שטאַמען פֿון דער פּאַריזער קאָמונע, פֿון די דאָרף־קהלות), אידעען, מיט אַ פּיל גרעסערעם פֿאַרנעם, ווי די ערשטע, וואָלטן געקאָנט געפֿינען זייער פֿאַרווירקליכונג אין לעבן. די רעגירונג פֿון טעראָר איז אָבער געווען אַ טאָרמאַז סיי פֿאַר די, סיי פֿאַר יענע. ראשית, האָט זי אַליין געהאַט זייער אַ פֿאַרפֿלאָנטערטע אידעען־סיסטעם, והשנית — האָט זי מיט איר מעטאָד פֿון אַרבעט ניט אָרגאַניזירט קיין שום דבר של־קימא, קיין שום שאַפֿונג־זאַך ניט געבויט. נאָך מער: מיט זייער מעטאָדע פֿון אַרבעט האָבן זיי אַף אַזוי ווייט פֿאַרטונקלט און פֿאַרפֿלאָנטערט פֿאַר אונז דעם אמת׳דיקן מצב, אַז מיר זיינען לחלוטין ניט ביכולת צו רעדן וועגן דעם הסכם צווישן די אידעען און דעם פֿאָלקס־באַוואוסטזיין און וועגן דעם, ווער פֿון די צוויי איז סוף־סוף געשטאַנען לינקער: די טעראָריסטישע רעגירונג אָדער די פֿאָלקס־מאַסן. די רעגירונג איז געווען „לינק“, אַף וויפֿיל זי האָט האַרב דורכגעפֿירט מיטלען, וואָס פֿלעגן טרעפֿן אין די קעשענע און אין באַוואוסטזיין פֿון די מאַסן, (מאַקסימום פֿון פּרייזן, רעקוויזיציע וכדומה). זי איז אָבער געווען „רעכט“, בעת זי פֿלעגט זעהן דערשטיקן אַלע פּרובן סאָציאַל צו פֿאַרטיפֿן די דאָזיקע פֿאַרבייגייענדיקע מיטלען, און פֿלעגט אַף אַזאַ אופֿן אָפּשטופּן פֿון דער רעוואָלוציע די רעוואָלוציאָנערע מאַסן (אַגראַר־געזעץ, רע-

רעגולירונג פון דער דערנערונג־פראגע). דער סוף איז, אז זי איז ניט געווען ניט קיין לינקע און ניט קיין רעכטע, נאר א וואולגאר־מיטעלע, וואס האט זיך ניט „געשטיצט“ אף קיין שום מאסן, און נאר אף אירע אייגענע דאקטרין און, ממילא, אף איר טעראריסטישן אפאראט. דערפאר, נעם איך זיך ניט אן דא צו פסק׳ען די שאלה: צי איז די טעראר־רעגירונג געפאלן דערפאר, וואס זי איז געווען „אוטאפיסטיש“ (ד. ה. זי איז געגאנגען לינקער פון די עקאנאמישע „היסטארישע געזעצן“), ווי עס טענה׳ן די מארקסיסטן, אדער דערפאר, וואס זי איז געווען „רעאקציאנער“ (ד. ה. געווען רעכטער ווי די באשטרעבונגען פון די ארבעטס־מאסן), ווי עס האלט קראפאטקין. נאר איך רעכן, אז בכל אופן,איז זי געפאלן דערפאר, וואס. זי פלעגט פארווירקלעכן איר פראגראם מיטן טעראר ד. ה. מיט באליידיקונגען און פארגוואלטיקונגען. די דורות פון דער קעניגלעכער דעספאטיע האט די מאסן פארטראגן: דא האט געווירקט די היסטארישע און גייסטיקע אינערציע. קיין רעוואליוציאנערן טעראר האבן זיי אבער ניט געוואלט ליידן.

מיר חזר׳ן איבער נאך אמאל. פאר די יאקאבינער — ניט פאר דער רעוואליוציע — איז דער טעראר געווען אומפארמיידלעך. און ס׳איז נאטירלעך, אז די רוסישע יאקאבינער פון אונזער תקופה פילן צו זיי א נאענטקייט פון א קרוב. די דאזיקע ענלעכקייט דערמאנט אונז אבער נאר וועגן דער ברעכיקייט און שוואכקייט פון איטלעכער טעראריסטישער מאכט און וועגן דער אומ־פארמיידלעכקייט פון איר מפלה. דער פראנצויזישער טעראר — דאס איז דער סימבאל פון קראך פון דער רעוואליוציע. און ווידער א מאל — דאס איז א שרעקענדיקער סימבאל פארן באלשעוויסטישן טיפ פון דער רעוואליוציע, — ניט קוקנדיק אף זיין „ליניע פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג“, — אבער ניט פאר דער גרויסער רוסישער רעוואליוציע, וואס איז ארויס פון די טיפענישן פון רוב־מנין פון דער ארבעטס־באפעלקערונג, וואס שטייט אין הסכם צו אירע אינטערעסן און איז בלוטיק מיט איר פארבונדן. דעריבער זיינען פאר אונזער רעוואליוציע לחלוטין ניט קיין באווייז די מעטאדן פון דער טעראריסטישער תקופה פון פראנקרייך און איר גורל.

און די גזרה־שוה מיט דער פראנצויזישער רעוואליוציע איז, אחוץ אלעמען, שוין דערפאר אליין ניט ערנסט, ווייל דאס בילד פון יענער תקופה איז ניט געווען קיין איינטאניקער, קיין טעראריסטישער דורך און דורך אין אלע זיינע טיילן. אויך דאן האט זיך שוין געשטעלט אין שארפסטער און אלוועלטלעך־היסטארישער פארם די פראבלעם וועגן דעם , צי איז דערלאזבאר דער טעראר. מיר וועלן נאך קומען שפעטער צו דער פראגע. דא וועלן מיר נאר דערמאנען אן דער מחלוקת פון דאנטאנען מיט ראבעספיערן.

מיר האָבן דאָ בקיצור אָפּגעשאַצט דעם טעראָר פון שטאַנדפּונקט פון זיין נוצלעכקייט, פון זיין טעכנישער פּאַסיקייט פאַר דער דערגרייכונג פון די צילן פון סאָציאַליזם. מיר זיינען שטאַרק מסופק געווען אין זיין טעכנישער צוועקמעסיגקייט, און דער לייענער אַליין קאָן אייגנטלעך פירן ווייטער די דאָזיקע אָפּשאַצונג אַפּ'ן סמך פון דער איצטיקער און פריערדיקער דערפאַרונג. אַצינד וועלן מיר אַריבער צו דער פראַגע, וואָס האָט דעם גרונד-באַטייט אין דעם גאַנצן ענין: צו דער מאָראַלישער אָפּשאַצונג פון טעראָר, צו זיין אָפּשאַצונג פון שטאַנדפּונקט פון אינערלעכן מהות פון סאָציאַליזם.

דער דאָזיקער אינערלעכער מהות פון סאָציאַליזם איז שטאַרק פאַרטונקלט געוואָרן אין עבר*). און נאָך מער איז ער אָפּגעשאַרט דורך די גרויסע טעות'ן פון אונזער תקופה. צו לאַנג האָט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע איינגעטענה'ט איין איינציקן געדאַנק דער אַרבעטענדער מענטשהייט, וואָס גייט אויס פון מאַטעריעלער דחקות — דעם געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם באַפרייט אים פון דער דאָזיקער דחקות. דער פאַרדינסט פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט קלאָר און דייטלעך אָנגעוויזן אַף די עקאָנאָמישע גרונט-סבה פון דער קלאַסן-אָרדנונג פון דער געזעלשאַפט: אַפּ'ן פּריוואַט-אייגנטום אַף די פּראָדוקציע-מיטלען. פון יעמאָלט אָן האָט די אידעע פון עקאָנאָמישער באַפרייאונג פון די אַרבעטענדע באַקומען אַ קלאַסישע פאָרמולירונג: די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען. אַף אַזאַ אופן איז דער סאָציאַליזם געוואָרן אין באַוואוסטזיין פון די מענטשן, דער עיקר, אַ עקאָנאָמישע אויפגאַבע — די רעאָרגאַניזירונג פון דער ווירטשאַפטלעכער אָרדנונג; דערביי האָבן אַלע אַנדערע מענטשלעכע אויפגאַבן געדאַרפט אָפּהענגען פון דער ערשטער אויפגאַבע אָדער האָבן בכלל געדאַרפט שטיין אַפּאַרט פון סאָציאַליזם. פון דאַנען איז שוין געווען געדרונגען אַ וויכטיקער פּראַקטישער וועג פון מעשים: דער וועג פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פאַר דער באַהערשונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען און דעם מלוכה-אַפּאַראַט, וואָס פאַרטיידיקט זיי. די אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז באַשטאַנען, דער עיקר, אין דעם, אַז אַלץ גרעסערע און גרעסערע אַרבעטער-מאַסן זאָלן אויפגעהייבן און אָרגאַניזירט ווערן פאַר דער בהדרגה'דיקער אָדער רעוואָליוציאָנערער באַהערשונג פון די עקאָנאָמישע און

---

*) די סבות פון דעם — זע אונטען.

פּאָליטישע פּעסטונגען פון דער בורזשואַזער וועלט. ס׳איז קלאָר, אַז בײַ אַזאַ מין — סאָציאַל=דעמאָקראַטישן — בײַנעם פון דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן קאַמף, האָבן די מאַסן, וואָס זײַנען אַרײַן אין די תקופה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, געזאָלט קודם כּל זיך אַ וואָרף טאָן פאַרנעמען די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר זייערע תּכליתדיקע און אומיטלבאַרע נוצן, און וואָלטן זיך געדאַרפט אָפּשאָקלען פון דער רעוואָליוציע אין דעם מאָמענט, ווען זי וואָלט ניט געווען בכח צו געבן זיי אַזאַ תּכליתדיקע באַפרידיקונג. און ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַלע מיטלען פון קאַמף, און אַפילו דער טעראָר, דוכטן זיך (ניט אַלעמאָל אַפילו) פאַר פּאַסיק צוליב דער דערגרייכונג פון אַזעלכע ריין=אויסערלעכע טעכנישע צילן. דערפאַר טאַקע האָט דער טעראָר, אַחוץ זײַנע אַנדערע וואָרצלען נאָך אַ סאָציאַל=דעמאָקראַטישע אָפּשטאַמונג.

צום גליק, האָט ניט אומעטום געהערשט אַזאַ אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם. די רוסישע „נאַראָדניטשעסטוואָ“ (פאָלקס=סאָציאַליזם) און אַ סך מערב=אייראָפּעאישע שטרעמונגען האָבן געהאַלטן, אַז דער זין פון סאָציאַליזם ליגט פיל טיפער, איידער אַפילו דער ראַדיקאַלסטער אומבייט פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג אַליין. פאַר אונדז איז דער סאָציאַליזם לגמרי ניט קיין „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע=מיטלען“ אָדער די „אָפּשאַפונג פון פּריוואַט=אייגנטום“. פאַר אונדז איז דער סאָציאַליזם — אַ אויפגאַבע פון אַ גאַנץ אַנדער קאַטעגאָריע, דאָס איז — די באַפרייאונג פון דעם אונטערדריקטן מענטשן (און פון דער מענטשהייט) דורך דער ליקווידאַציע פון דער היסטאָריש=געשאַפענער אָרדנונג פון פּריוואַט=אייגנטום. בײַ אַזעלכע תּנאים איז די עקאָנאָמישע רעוואָליוציע נאָר אַ מיטל (הגם דאָס איז דער וויכטיגסטער מיטל בײַ דער איצטיקער לעבנס=סביבה פון די מענטשן). דאָס איז אַ מיטל פאַר אַן אַנדערער, עיקר׳דיקער און איינציקער ציל: צוריקצוקערן דעם מענטשן זײַן אינערלעכע און אויסערלעכע פרײַהייט. און דאָס הייסט — אַז די אמת׳דיקע אויפגאַבע פון סאָציאַליסטישן קאַמף — איז אַ אינערלעכע און ניט קיין אויסערלעכע, אַ מאָראַלישע לויט איר מהות*).

*) דער גרויסער ענטוזיאַסט פון דער קומענדיקער רעוואָליוציע זשאָרעס האָט אַזוי געשריבן וועגן דעם: „מאַרקס און לאַסאַל האָבן אָפט אַרויסגעזאָגט דעם העכסט=אינטערעסאַנטן געדאַנק וועגן דעם, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע וועט זײַן אַ אמת׳דיק=מענטשלעכע רעוואָליוציע, ווײַל די פּראָלעטאַריער קענען זיך ניט באַרופן אויף וואָס פאַר אַ ניט איז פּריווילעגיע, נאָר מער ניט ווי אויף זייער מענטשלעכן ווערט. זיי וועלן ניט אײַנשטעלן יעמאָלט קיין וואָס פאַר אַ ניט איז פאָרם פון אייגנטום, נאָר אַ פולקום ריינע, פולע מענטשלעכקייט (דאָס וואָרט הומאַניטע האָט צוויי באַטייטן: מענטשלעכקייט און מענטשהייט), און דאָס נייע אייגנטום וועט נאָר זײַן אַ צוועק פאַר דער דאָזיקער מענטשלעכקייט“.

ס'איז ניטאָ קיין גרעסערער טעות ווי דער, וואָס עס באַגעהן די ענגע עקאָנאָמיסטן און דערהויבענע טאָלסטאָווצעס, וואָס לייקענען דעם מאָראַלישן אינהאַלט פון סאָציאַליזם. די ערשטע טענה'ן, אַז דער סאָציאַליזם איז נאָר אַ עקאָנאָמישע סיסטעם, אַז פראַגן פון מאָראַל (און פון רעליגיע) האָבן צו איר ניט קיין שייכות און זיינען אַ *פּריוואַט*־זאַך פון יעדן איינעם, אַז אַף אַזאַ אופן פאַרייניקט דער סאָציאַלער קאַמף אַלעמען נאָר אויף איין אויפגאַבע — אַף די איבערבויאונג פון פאָלקס־ווירטשאַפט. פון דאַנען שטאַמט פסיכאָלאָגיש זייער טאָלעראַנץ צו כל המינים פון געוואַלט־קאַמף. און די טאָלסטאָווצעס, וואָס לייקענען דעם אינערלעך־מאָראַלישן באַטייט פון איטלעכן געזעלשאַפטלעכן קאַמף, זעהן ניט איין קיין שום מאָראַלישן אינהאַלט אין סאָציאַליזם. זיי האַלטן, אַז סיי באַם איצטיקן בורזשואַזן, סיי באַם סאָציאַליסטישן איינשטעל פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט האָבן זיי פאַר זיך די *זעלביקע אייביקע* אויפגאַבן פון אינערלעכער איבערדערציאונג פון פרט. פון דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט צו איטלעכער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג שטאַמט אָפּטמאָלס באַ זיי יענע משונה'דיקע גלייכגילטיקייט צום רעוואָלוציאָנערן *טעראָר*. וויבאַלד אַז באַ זיי איז בכלל יעדע געוואַלט אומאָראַליש — זעהן זיי שוין ניט איין קיין שום חלוק צווישן אירע פאַרשיידענע *מדרגות* **). דער פועל־יוצא פון דעם איז, אַז די ביידע טעאָריעס רייסן אָפּ די מאָראַלישע זוכענישן פון די סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען; דערביי אָבער רייסט דער עקאָנאָמיזם אָפּ דעם סאָציאַליזם פון דער מאָראַל, און די טאָלסטאָיִשע תורה — די מאָראַל פון סאָציאַליזם.

דאָס איז אַ טעות, וואָס שטאַמט פון דאָגמאַטיזם און פון דער איינזייטיקייט פון די ביידע תורה'ס. אין דער אמת'ן אָבער באַשטייט דער גרעסטער ווערט פון סאָציאַליזם גראָד אין זיין גראַנדיעזן פּרוב צו סינטעזירן דעם ווירטשאַפטלעכן און מאָראַלישן עלעמענט פון לעבן, צו פאַרייניקן די זוכענישן פון מאַטעריע און פון גייסט. אמת, אין אַ גרויסער מאָס שטיצט זיך דער סאָציאַליזם אַפ'ן *קלאַסן*־קאַמף, נאָר גראָד דער קלאַסן־קאַמף האָט לויט זיין מהות קיינמאָל ניט געטראָגן קיין אויסשליסלעכן מאַטעריעל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער

**) דאָ ליגט שוין די דערקלערונג פון דעם פאַקט, אַז אייניקע פון זיי לעבן זיך מיט באָלשעוויקעס לייכטער איין, ווי מיר, אַשטייגער. ווייל אין זייערע אויגן זיינען אַלע רעוואָלוציאָנערן — אַ באַזונדער מין מענטשן, אַזוי צו זאָגן מאָראַלישע פאַרזעהנישן, און ס'האָט קיין שום פּרינציפּיעלן זין ניט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין זייערע דעטאַלן. דערפאַר קוקן זיי רואיג אַראָפּ פון דער הויך פון זייער טעאָריע אַף די רעוואָלוציאָנער־זינדיקע ערד און פאַרשפּאָרן זיך אויפצורעגן איבער יעדערן באַזונדער. די העכסטע מאָראַלישקייט ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין דער העכסטער אומאָראַלישקייט.

(הגם אַזוי פֿלעגט מען אים כּסדר אויסטייטשן). אַפֿילו בעת ער טראָגט דעם שטייגערדיקן רעפֿאָרמיסטישן כאַראַקטער, בעת ער שטרעבט צו באַקומען פֿאַר די אַרבעטענדע אומיטלבאַרע, קלײנע מאַטעריעלע נוצן, איז ער שוין אין גרונט אַ מאָראַלישער קאַמף אָדער אײנער פֿון די אַרטן פֿון מענטשלעכע עטישע זוכעניש. און באמתן — דער אַרבײטער שטרײקט, רעגט זיך אויף, סאָלידאַריזירט זיך, און אויסערלעך קומט עס אַלץ פֿאָר לשם דער העכערונג פֿון אַרבעטס־לוין; אין תוך גענומען, פֿאָדערט ער אָבער גערעכטיקײט, ערלעכקײט, אמת. אין זײן בענקענדיקער נשמה, אין דער נשמה פֿון הויפּטמאַנ׳ס וועבער, פֿון אוספּענסקי׳ס פֿויער, פֿון זאָלאַ׳ס קוילן־גרעבער לעבט שטענדיק די שטרעבונג צו עפּעס אַ געוועזענעם און פֿאַרלוירענעם אמת. ס׳פֿאַרשטײט זיך, אַז די אָדער יענע מאַטעריעלע צרות אָדער עוולות סטימולירן זײן פֿאַרביטערונג, הײבן אים אויף צום קאַמף; נאָר זײנע פֿאַרבן און צויבער־קראַפֿט, זײן אינגערלעכן נשמה־ברען באַקומט דער קאַמף פֿון דעם דאָזיקן באַלײדיקטן און זיך פֿאַרטײדיקנדיקן געבאָט. דער דורשט נאָך ג ע ר ע כ ט י ק י י ט, ווי נאָך אַ גאַנצן אידעאַל (וואָס נעמט אומקלאָר אַרום דאָס ג אַ נ צ ע מענטשלעכע לעבן, דאָס געזעלשאַפֿטלעכע און דאָס אַלוועלטלעכע), דער דאָזיקער דורשט לײכט דורך דורך איטלעכן, אַפֿילו דורכ׳ן קלענסטן קאָנפֿליקט פֿון קלאַסן־קאַמף. אמת, אַזאַ מין קלײנער קאָנפֿליקט וויקלט ניט אויף די מענטשלעכע נשמה ביזן גרונט, און די אָדער יענע מ אַ ט ע ר י ע ל ע באַפֿרידיקונג ברענגט ווידער אַרײן אין די ברעגעס דעם צעבושעוועטן נשמה־ים. די מאָראַלישע סטיכיע פֿון מענטשן אַנטפּלעקט זיך דאָ ניט אינגאַנצן, זי פֿלאַקערט נאָר אויף, ווי אַ פֿאַרבאָרגענער סימבאָל, אין די טיפֿענישן פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער געשעהעניש. דערפֿאַר אָבער ברענט זי, ווי אַ פֿלאַקער־פֿײער אין די פֿאַקטן פֿון ר ע וו אָ ל י וצ י אָ נ ע ר ן קלאַסן־קאַמף, בעת דער מענטש טוט זיך אַ הײב ניט לשם נאָנטע אויפֿגאַבן, נאָר צוליב ווײטע און גרויסע צילן. ניט פֿאַר זיך אַלײן, נאָר פֿאַרן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, ניט פֿאַר זיך אַלײן, נאָר פֿאַר זײנע קינדער, פֿאַר די קומענדיקע דורות, אָפּגעבן ניט נאָר זײן רכוש, נאָר אויך זײן פֿרײהײט און לעבן — דאָס אַלץ קאָן דער אַרבעטער־קעמפֿער טאָן ניט מחמת מאַטעריעלע מאָטיוון, נאָר אַ דאַנק די טיפֿסטע מאָראַלישע יסודות (די זוכעניש נאָכ׳ן אמת, נאָך גאַנצן אמת און אַף אַ מאָל). אויב דער קאַמף וואָלט זיך ניט באַזירט אַף אַ ז ע ל כ ע יסודות, וואָלט דער אַרבעטער־קלאַס קײנמאָל זיך ניט געהאַט אויפֿגעהײבן העכער פֿון זײנע גראָשן־אינטערעסן, ער וואָלט אַלעמאָל געהאַט פּערספּעקטיוון, גרויס ווי אַ שפּאַן. בעת עס קלינגען אין דער נשמה פֿון דעם פּראָלעטאַריער די אידעען פֿון „קלאַסן־סאָלידאַרישקײט“ אָדער „קלאַסן־באַוואוסטזײן“, הײסט עס ניט מער און ווײניקער, אַז ער מוז פֿאַרגעסן אָן זיך אַלײן און זײנע מינוט=

אינטערעסן לשם אַ גאַנצן און גרויסן, הגם אַ ווייטן ציל. אויב עס וואָלט אין דער נשמה פון אַרבעטער ניט געווען בנמצא די ראָזיקע אידעאַלע באַשטרעבונג, אויב ס'וואָלט אין איר כסדר געהילכט נאָר די שטימע פון די מאַטעריעלע אינטערעסן, וואָלט ער זיך קיינמאָל ניט דערהייבן צו אַ רעוואָליוציאָנערן מסירת־נפש'דיקן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, נאָר ער וואָלט תמיד געבליבן אין די ד' אמות פון אַ קליינלעכער טרעד־יוניאָניסטישער קריגעריי מיטן באַלעבאָס, אין אַ קריגעריי, וואָס לעבט זיך גאַנץ גוט צונויף מיט דער אַלטער וועלט. אַף אַזאַ אופן איז דער קלאַסן־קאַמף (ד. ה. דער וועג צום סאָציאַליזם) אינערלעך אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט אַ מאָראַלישן אינהאַלט*). דער קלאַסן־קאַמף איז נאָר די פ אָ ר ם פון טאַט; זיינע מאָטיוון און אימפולסן זיינען — מאָראַלישע זוכענישן.

לאָמיר אָבער גען ווייטער. ניט נאָר דער אויסערלעכער וועג פון קלאַסן־קאַמף (וואָס טראָגט, כלומרשט אַ מאַטעריעלן כאַראַקטער), נאָר אפילו די ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ציל פון סאָציאַליזם גופא (די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פראָדוקציע־מיטלען) איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס בײַ אַ אויפמערקזאַמען אַנאַליז, עפּעס ברייטערס, ווי אַ עקאָנאָמישער באַגריף. „די פראָדוקציע“ — דאָס איז אַ פאַרוויקלטע סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, דאָס איז — אַ דין־פאַרצווייגטע סיסטעם פון אָפהענגיקייט צווישן מענטשן. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט באַטייט די פראָדוקציע, דער עיקר, אַ באַציאונג־סיסטעם פון אַ האַרבער יעראַרכיע, פון הכנעה און הערשאַפט; די סאָציאַליסטישע פראָדוקציע שטיצט זיך, קודם כל, אַף גאַנץ אַנדערע יסודות: אַף סאָלידאַרישקייט פון די אַרבעטענדע, אַף אַ קעגנזייטיקע נאָכגעביקייט און זעלבסטבאַגרענצונג, אַף אַ פרייוויליקע הכנעה פון פעזענלעכן רצון פאַר'ן אַלגעמיינעם אינטערעס**). ניט צופעליק, פונאַנדערגעוונדערט, אַף שבתות און יום־טובים

---

*) אַזוי אַרום ווערט געביטן די פריערדיקע צעטיילונג פון די אַרבעטענדע אַף פיזישע מענטשן און אַרבעטס־אינטעליגענץ, לויטער וועלכע די ערשטע האַנדלען לויט זייערע „אינטערעסן“ און צווייטע ווערן באַגייסטערט פון „אידעאַלן“. אַ ל ע אונטערדריקטע קלאַסן, סיי פון פיזישער סיי פון גייסטיקער אַרבעט, האָבן אין גרונט פון זייער סאָציאַליסטישן קאַמף דעם מאָראַלישן אידעאַליזם. אַף אַזאַ אופן איז שוין די „אינטעליגענץ“ מער ניט קיין זעלבשטענדיקער קלאַס, נאָר יענע איניציאַטיווע, שעפערישע רעוואָליוציאָנערע מינדערהייט, וואָס רעקרוטירט זיך אין אַ ל ע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. און האַנט בײַ האַנט מיטן פראָלעטאַריאַט און דעם אַרבעטנדעם פויערטום אין איין פראָנט פון סאָציאַליסטישן קאַמף וועט שוין יעמאָלט שטיין ניט קיין אַרבעטס־אינטעליגענץ, נאָר דער גייסטיקער פראָלעטאַריאַט.

**) די פראָגראַם פון „ספאַרטאַקוס־בונד“, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1918 דורך ראָזאָ ליוקסעמבורג, זאָגט וועגן דעם אַזוי: „די פראָלעטאַ־

דאַרפֿן זיך אַנטפּלעקן די דאָזיקע פּרינציפּן, נאָר אַלס אַ שטענדיקע נאָרמע פֿון
סאָציאַליסטישע וואָכן=טעג. דאָס באַטייט אָבער אַ שטענדיקן (לכל הפּחות
— אין משך פֿון דער דויערנדיקער תּקופֿה פֿון באַשאַפֿן די נייע געזעלשאַפֿט)
אינערלעכן ברען פֿון מאָראַלישן אידעאַל אין דער נשמה פֿון איטלעכן אַרבע=
טער. די סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע איז ניט קיין מעכאַנישע פֿאַרבינדונג פֿון
טויטן און „לעבעדיקן" אינווענטאַר, ניט קיין אויסערלעכע צונויפֿזאַמלונג פֿון
מענטשן אין איין ווירטשאַפֿטס=פּראָצעס, נאָר אַ אמת׳דיקע נביאיש=פּאָרויס=
געזאָגטע נשמה=פֿאַראייניקונג און אינערלעכע האַרמאָניע פֿון די אַרבעטער, פֿון
אַרבעטער, וואָס שטרעבן צו איין ציל און זייגען דעריבער ברידערלעך פֿאַר=
בונדן איינער מיטן צווייטן. ס׳קאָן זיין, אַז מיט דער צייט, ווען די סאָציאַליס=
טישע ווירטשאַפֿט וועט שוין זיין אינגאַנצן איינגעשטעלט, וועט זיין אַווטאָ=
מאַטישע פֿונקציאָנירונג רוען אַפֿ׳ן עלעמענטאַרן סטימול פֿון אומיטלבאַרן
ממשות׳דיקן „תּכלית". נאָר ביז דער צייט האָט דאָך נאָך די מענטשלעכע
געשיכטע דורכצומאַכן אַ שווערן ענויים=פֿולן וועג פֿון איינשטעלן די
סיסטעם, אַ וועג, אַף וועלכן דער ממשות׳דיקער „תּכלית" און די מעכטיקע
השפּעות פֿון אַלטע טראַדיציעס וועלן קענען נאָר אָפּשטויסן פֿון דער סאָציאַ=
ליסטישער ווירטשאַפֿט, אויב נאָר אַלטרואיזם און מסירת=נפֿש וועלן איר ניט
קומען צו הילף אין דער שטאַרקסטער מאָס. דער סאָציאַליזם איז ניט
נאָר אַ נייע ווירטשאַפֿטלעך=געזעלשאַפֿטלעכע אָרדנונג, דאָס איז אויך די אַנט=
פּלעקונג פֿון אַ נייעם מענטשן, פֿון זיין נייעם מאָראַלישן טיפּ, וואָס בויט די
נייע אָרדנונג.

מיר האָבן שוין אויבן גערעדט וועגן דעם, אַז עס איז ניט מעגלעך צו בויען
אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿט נאָר אַף די מאָטיוון פֿון תּכלית אַליין באַ די
תּנאים פֿון טעראָר, אַצינד זעהן מיר, אַז זי פֿאָדערט בכלל פֿיל מער, ווי עקאָ=
נאָמישע נוצן פֿון יעדן איינצעלנעם: זי פֿאָדערט אַ קענגזייטיקע זעלבסטבאַ=
גרענצונג לשם דעם אידעאַל. דאָס הייסט, אַז אויב אַפֿילו דער תּכלית=מאָטיוו
וואָלט געקאָנט זיך אַנטוויקלען אין זיין גאַנצער גרויס (מיטן תּנאי, עס זאָל ניט
זיין קיין טעראָר, וואָס פֿאַראַליזירט אים), וואָלט נאָך די סאָציאַליסטישע
פּראָדוקציע פֿון דעם אַליין ניט געהאַט קיין פֿעסטן באָדן פֿאַר איר עקזי=

רישע מאָסן דאַרפֿן אַרויסווייזן פֿלייסקייט אָן דעם אונטערנעמערישן בייטש,
אינטענסיווקייט פֿון אַרבעט אָן די קאַפּיטאַליסטישע שמייסער, דיסציפּלין אָן
אַ יאָך און אָרדנונג אָן הערשער. העכסטער אידעאַליזם אין די אינטערעסן
פֿון כּלל, שטרענגסטע זעלבסטדיסציפּלין, אמת׳דיק=בירגערלעכער געפֿיל פֿון
די מאַסן — דאָס זיינען די מאָראַלישע יסודות פֿון דער סאָציאַליסטישער גע=
זעלשאַפֿט, פּונקט אַזוי ווי טעמפּקייט פֿון מח, ענאָאיזם און פֿאַרדאָרבנקייט זיינען
די מאָראַלישע יסודות פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער".

סטעניק. אַזוי ווערן אומעטום אין סאָציאַליזם אינטים-דורכגעפֿלאָכטן זיין מאַ-טעריעלער און מאָראַלישער עלעמענט. פּרובן פֿונאַנדער-רייסן אין סאָציאַליזם די דאָזיקע עלעמענטן — וואָלט געהייסן זיך אָפּזאָגן פֿון אים. דער דאָזיקער אינערלעכער סינטעז שטעלט אים דעריבער פֿאַר דער היינטיקער תקופֿה פֿון דער ליידנדיקער מענטשהייט פֿיל העכער פֿון די ריין-אינדיווידואַליסטישע און רעליגיעזע תורה׳ס וועגן דער מענטשלעכער ישועה.

אויב דער סאָציאַליזם איז אָבער העכער פֿון זיי אַלעמען, איז עס ניט דערפֿאַר, וואָס ער געפֿינט זיך אין אַנ׳אַנדער פּרינציפּיעלער פֿלעכע ווי זיי, נאָר דערפֿאַר, ווייל ער רוט אַף זייערע פּלייצעס, ווייל ער האָט געקאָנט דורך ז ײ נ ע וועגן פֿון קאַמף פֿאַראייניקן די צילן, וואָס ז י י האָבן פֿאַר זיך געשטעלט. דער-פֿאַר טאַקע שטייט דער סאָציאַליזם ניט מחוץ פֿון דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט, נאָר ער גייט אַריין אַלס אָ ר ג אַ נ י ש ע ר טייל אין איר געשיכטלעכער קייט. אין תוך גענומען, איז די אידעע פֿון דער מענטשלעכער באַפֿרייאונג געווען תמיד איינע און די זעלבע, אומאָפּהענגיק פֿון די פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגישע פֿאָרמען, וואָס זי פֿלעגט באַקומען אין משך פֿון דורות אין דעם רוח-הקודש פֿון דענקער און קעמפֿער. ס׳פֿלעגן זיך ענדערן די פֿאָרמען פֿון איר אַנטפּלעקונג, ס׳פֿלעגן זיך בייטן אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן און בײַ פֿאַר-שיידענע טעמפּעראַמענטן די פֿאַרבן פֿון איר שטראַלנדיקן רעגנבויגן, נאָר פֿון אוראַלטע צייטן ביז׳ן אונזער טרויעריקן היינט איז זי געווען און געבליבן א י נ ע און ד י א י נ צ י ק ע. איר שיין, וואָס דערגייט צו אונז פֿון דער טיפֿעניש פֿון דורות, וואָס לייכט פֿאַר אונז פֿון זעלבן גייסטיקן הימלדעק, ווי פֿאַר אונזערע אבות — דאָס איז דער סימבאָל פֿון איר אייביקייט. די דאָזיקע אידעע איז פֿאַר אונז אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער אייביקייט בכלל. אַז מיר וועלן אָבער זוכן דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם אין זיינע ערשטע, ריינע מקורות בײַ די ערשטע דענקער, באַגרינדער, וועלן מיר זעהן, אַז די דאָזיקע אידעע איז זיין נשמה און זיין תוך. און אַזוי פֿאַרשטייען דעם סאָציאַליזם אויך אַלע, וואָס נעמען אים טיף, בלבֿ ובנפֿש. איינער און דער זעלבער פֿאָדים ציט זיך פֿון די פֿישער פֿון גליל ביז צום היינטיקן טאָג.

XVII.

מיר האָבן געזאָגט, אַז פֿאַר אונז באַשטייט די ציל פֿון סאָציאַליזם אין דער באַפֿרייאונג פֿון מענטשן. מיר זוכן אָבער די באַפֿרייאונג ניט נאָר סתם אין דער פֿרייהייט אַליין, אין דעם נ ע ג אַ ט י וו ן באַגריף פֿון באַפֿרייאונג פֿון יאָך, טראַדיציע, פּחד, שטויב פֿון דורות, אַוטאָריטעטן. ווייל מיר ווייסן, אַז זעהר אָפֿט קומט ווי אַ שאָטן נאָך אַזאַ מין סתם-באַפֿרייאונג די צוגעבונדקייט

צו דער אַלטער וועלט; אַלס פועל־יוצא פון דער אויסערלעכער פרייהייט קומט די אינערלעכע נאָכמאַכונג פון אַלטן לעבנס־שטייגער. מיר זעהן די באַפרייאונג פון מענטשן אין דער פּאָזיטיווער אויפבליאונג פון זיין פערזענלעכקייט, אין דער פאַרשענערונג, פאַרטיפונג און דערהייבונג פון מענטשן ביז צו די אומענדלעכע ווייטן. דער דאָזיקער פּאָזיטיווער אידעאַל איז אַ סומע פון צוויי באַשטאַנד־טיילן. דער סאָציאַליזם וויל, אַז דער באַפרייטער מענטש זאָל זיך קענען אַליין אַנטוויקלען, און זאָל קענען ליב האָבן אויך די אַנדערע. אַ מענטש, וואָס נעמט און באַקומט פון (לעבן און) מענטשן אַלץ, וואָס ער קאָן, און וואָס גיט און שענקט (דעם לעבן און) די מענטשן אַלץ, וואָס ער קאָן — אַזוי שטעלט זיך אונז פאָר דער צוקונפטיקער מענטש, דער סודות׳דיקער טרוים פון אַלע געזעלשאַפטלעכע זוכענישן. אָט די פולע און פאַרטיפטע זעלבסטאַנטפלעקונג פון מענטשן, דער גרויסמוטיקער שטאָלץ (ניט קיין גאוה!) פון זיין פערזענלעכקייט, וואָס דערלויבט אים ניט צו ווערן ווען ניט איז אַ געווער פאַר אַ פרעמדן רצון, נאָר וואָס אַסימילירט מיט זיך גייסטיק די גאַנצע רייכע וועלט פון לעבן און פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז איינע פון די שטענדיקע מענטשלעכע זוכענישן און חלומות. אָבער נאָך שטאַרקער, נאָך ברענענדיקער איז אפשר אַנ׳אַנדער אייביקער וואונש — דאָס איז די שטרעבונג פון מענטשן צו אַ פולקומער און פאַרטיפטער מסירת־נפש פאַרן גליק און דער ישועה פון אַנדערע, צו אַ ליבע און אַ פאַרשטייעניש צו פרעמדע ליידן, איבערלעבונגען און ווייטאָקן, וואָס פאַרפילט אינגאַנצן זיין האַרץ *).

בּאַ פאַרשיידענע קולטורן און אין פאַרשיידענע תקופות פלעגט די אָדער יענע פון די צוויי שטרעבונגען גובר זיין אין די מענטשן; נאָר זיי ביידע האָבן תמיד געלעבט אין די טיפענישן פון זייערע נשמות, פאַרבאַהאַלטענער אָדער אָפּענערהייט, אונטער פאַרשיידענע נעמען און באַצייכנונגען (אמת, יושר, סאָלידאַרישקייט וכדומה). און עס דאַכט זיך, אַז ווען דער סאָציאַליזם וועט זאָגן, אַז זיין ציל איז — אַלגעמיינער שטאָלץ און אַלגעמיינע ליבע פון מענטשן — וועט ער נאָר פאַרפיינערן און אפטאקן די דאָזיקע צוויי כּטיביעס. כולל זיין די וועלט און די מענטשהייט אין דער אייגענער פערזענלעכקייט — דאָס איז דער גייסטיקער וואוקס פון מענטשן; מבטל מאַכן זיך אין דער פערזענלעכקייט פון דער מענטשהייט און דער וועלט — דאָס איז זיין נשמה־וואוקס. דעם דאָזיקן שטאָלצן כבוד און דעם פיינעם געוויסן האָט דער סאָציאַליזם צו אַנטוויקלען אין מענטשן.

---

*) גוט האָט געזאָגט נאָרקי: „מע דאַרף זיך אויסלערנען כאָטש אַביסעלע ליבן דעם מענטשן, אַזאַ ווי ער איז, און ליידנשאַפטלעך ליבן דאַרף מען אים אַזאַ, ווי ער וועט זיין אַמאָל״.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב דער סאָציאַליזם קעמפֿט פֿאַר אַזאַ מין מענטשן אין עתיד, מוז ער זיך באַציִען מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכטיקייט און אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם שוין עקזיסטירנדיקן מענטשן פֿון אונזער קעמפֿנדיקער תקופֿה. גראָד דער דאָזיקער ממשות'דיקער מענטש ליגט דאָך די גרונדשטיינער פֿון דער נייער צוקונפֿטיקער וועלט. הייסט עס, עס דאַרפֿן שוין אין אים זיין די ערשטע שפּראָצונגען פֿון דעם צוקונפֿטיקן מענטשן; הייסט עס, ער דאַרף שוין אָפּשפּיגלען די ערשטע שוואַכע שטראַלן פֿון דער צוקונפֿטיקער זון. מיר גלויבן לגמרי ניט אין די דיאַלעקטישע גוטע מדות פֿון דער געשיכטע, וואָס וועט דורך פֿאַרשיידענע מעטאַמאָרפֿאָזן תמיד קענען פֿון אַ בפֿרוש'ן שלעכטס שאַפֿן אין עתיד גוטס. אָט די מעטאַפֿיזישע אַבערגלויבונג איז אינגאַנצן פֿרעמד פֿאַר אַזאַ קלאָרער און דורכזיכטיקער זאַך ווי דער קאַמף פֿאַר דער מענטשלעכער באַפֿרייאונג. אַ באַזונדער סכנה שטעקט אָבער אין איר, אין דער איבערגאַנג=צייט צום סאָציאַליזם. מיט אַלע מעגלעכקייטן דאַרפֿן מיר דעריבער זעהן פֿאַרמיידן וואָס פֿאַר אַ ניט איז חלוקים אָדער אַפֿילו ניגודים אין די גרונט=מאָמענטן פֿון דער ערבֿ=סאָציאַליסטישער תקופֿה און דער תקופֿה פֿון פֿאַרווירקלעכטן סאָציאַליזם. פֿאַרקערט, — וואָס מער עלעמענטן פֿון דער דאָזיקער פֿאַרווירקלעכונג=תקופֿה וועלן אַריבערגעטראָגן ווערן כאָטש אין אַ רודימענטאַרער פֿאָרם אין די איבערגאַנג=תקופֿה, וואָס ווייניקער עלעמענטן פֿון דער אַלטער וועלט אַפֿילו אין אַ געענדערטער פֿאָרם — וועלן אַריינגעבראַכט ווערן אין איר — דאָס לייכטער און בעסער וועלן די חבלי=לידה איבערגעהן אין דעם אַקט פֿון געבורט. מען קאָן ניט שאַפֿן עפּעס אַ מינימום=פּראָגראַם פֿאַר דער איבערגאַנג=צייט אַלס קעגנזאַץ פֿון סאָציאַליסטישער מאַקסימום=פּראָגראַם; פֿאַרקערט, אין דער איבערגאַנג=צייט דאַרף פֿאָרקומען דווקא דער פֿאַרווירקלעכונג=פּראָצעס פֿון דעם דאָזיקן מאַקסימום.

און בנוגע צו אונזער פּראָבלעם גיט עס צוויי מסכנות: אַזוי ווי מיר שטרעבן אין סאָציאַליזם ניט צום גליק פֿון דער „מענטשהייט", נאָר פֿון דעם רעאַלן מענטשן, דאַרפֿן מיר אויך איצט — אַפּ'ן וועג צום סאָציאַליזם — שטעלן העכער פֿון אַלץ די אינטערעסן און ליידן פֿון דעם דאָזיקן רעאַלן לעבעדיקן, צוגלייך מיט אונז שטייענדיקן מענטשן. קיינע שום אַבסטראַקטע פֿאָרמולעס („אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיווע כחות", „רעטונג פֿון דער רעוואָלוציע", „קומענדיקע דורות", „דאָס גליק פֿון דער מענטשהייט") גיבן אונז ניט קיין רעכט מפֿקיר צו זיין דאָס גליק פֿון רעאַלן מענטשן. אונזער ליבע צום ווייטן קען ניט טרעטן אַף איר וועג די ליבע צום נאָענטן; פֿאַרקערט — נאָר דורך די צווייטע קען די ערשטע מקוים ווערן *).

*) מיר טרעטן, הייסט עס, אַרויס פֿאַרן גליק פֿון דעם רעאַלן מענטשן, און אין דער זעלבער צייט, אָנערקענענדיק די געוואַלט, זיינען מיר בסדר

און די צווייטע, די וויכטיקסטע מסקנה. אַזוי ווי מיר שטרעבן אין סאָ־ציאַליזם ניט צו דער באַפרייאונג פון וואָס פאַר אַ ניט איז איין אונטערדריקטן ק ל אַ ס — נאָר צו דער באַפרייאונג פון דעם מ ע נ ט ש ן — מוזן מיר אויך איצט, אין דער תקופה פון דעם לעצטן, פאַרביסנסטעם קלאַסן־געראַנגל ניט פאַרלירן פון די אויגן דעם מ ע נ ט ש ן אַ ל ס אַ ז ע ל כ ן. מיר ווייסן, ווי שווער עס איז אין ברען פון קאַמף צו מאַכן אַ חלוק צווישן מענטשן און אינ־סטיטוטן, צווישן דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג און אירע לעבעדיקע טרע־גער. נאָר טאַקע דעריבער מוז דער סאָציאַליסטישער קאַמף תמיד האָבן און אָפּהיטן דעם באַוואוסטזיין פון דעם דאָזיקן חלוק. ניט פאַרן פּראָלעטאַריער אָדער פויער קעמפן מיר, נייערט פאַרן אונטערדריקטן מענטשן. און דערפאַר קעמפן מיר ניט קעגן דעם פּריץ אָדער בורזשוי, נייערט קעגן דער פּריצישער און בורזשואַזער אָרדנונג, וואָס צעקריפּלט איטלעכן מענטשן — דעם עקס־פּלואַטירטן און דעם עקספּלואַטאַטאָר. לשם דעם סאָציאַליזם מוזן מיר צע־ברעקלען אַף שטיקלעך דעם בנין פון דורות׳דיקער עבדות, און ברעכנדיק דעם בנין טרעפן מיר ממילא אויך זיינע איינוואוינער, זיינע בויער און געטרייע שומרים. דעם גאַנצן כח פון אונזערע קלעפּ ווענדן מיר אָבער אָן ניט קעגן די דאָזיקע מענטשן, נייערט קעגן דעם בנין גופא. און צוריק־גערעדט: בעת מיר בויען אויף אין דער איבערגאַנג־תקופה אַ נייעם באַפרייאונג־בנין, מוזן מיר אָנווענדן אַלע אונזערע באַמיאונגען אַף דעם, אַז עס זאָל אין אים ניט אויס־וואַקסן קיין נייע קלאַסן־צעטיילונג, קיין שום קאָפּירונג פון אַלטן, אַז ניט נאָר די בויער און שומרים זיינע זאָלן האָבן די שמחה און גליק אין אים צו וואוינען, נייערט איטלעכער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מענטש“. שוין אין עצם פּ ר אָ ־צ ע ס פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע דאַרף אַף אַזאַ אופן פאַרווירקלעכט ווערן די פּ אַ ר ט י ל י ק ו נ ג פ ו ן ק ל אַ ס ן, וואָס מע מאָלט איר צו אָפּט אָפּ ווי אַ פּאַרטיקע פּרי, וואָס בליט אויף סטיכייאיש אַפ׳ן בוים פון דער רע־

מ ק ר י ב דעם מענטשן (פון קענגערישן לאַגער — אַלס קרבן, פון אונזערן — אַלס קעמפער) לשם דעם אַ ב ס ט ר אַ ק ט ן מענטשן. איז דאָ ניטאָ קיין סתירה? ניין. ווייל אויב מיר וואָלטן געשאַנעוועט דעם מענטשן ב כ ל ל — וואָלטן מיר געווען טאָלסטאָוועצעס (אָדער מאָראַלישע סענטימענטאַליסטן). מיר שטעלן באמת׳ן אונזער אידעאַל — דעם גליקלעכן מענטשן — העכער פאַרן איינצעלנעם מענטשן. נאָר דוקא דערפאַר, וואָס אונזער אידעאַל פון אַבסטראַקטן מענטשן איז אַ אידעאַל וועגן דעם מ ע נ ט ש ן (און ניט וועגן דער געזעלשאַפט אָדער מענטשהייט) — גיט ער אונז איבער אַ באַזונדער פאַטאָס אויך בנוגע צום ר ע אַ ל ן מענטשן. דאָס איז אונז מחייב בסדר צו שאַנעווען און היטן אים אין אונזער רעוואָליוציאָנערער זאַך, צו וועלן אָפּהיטן יעדן איינציקן לעבעדיקן מענט־שן לשם דעם פאַרקערפּערטן אידעאַל. (זע אונטן).

וואָליוציע. דער דאָזיקער בוים וועט אויפוואַקסן ניט אַף ע צ מ ו ת פון דער בורזשואַזיע, אַלס מענטשן, נייערט אַף די ח ו ר ב ו ת פון דער בורזשואַזיע, אַלס געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג. ניט הרג׳ען אין קלאַסן⸗שונא דעם מענטשן דאַרפן די אַרבעטס⸗מאַסן, נ י י ע ר ט א י ן מ ע נ ט ש ן ה ר ג ׳ ע ן ד ע ם ק ל אַ ס ן⸗ש ו נ א. און דאָס באַטייט: אָפּהיטן די פאַרשטייעניש, רחמנות און אויפמערקזאַמקייט צום מענטשן, ניט קוקנדיק אַף זיין קלאַסן⸗נאַטור (אָדער דוקא מחמת איר).

אין בירגער⸗קריג זיינען מיר פוגע ניט דעם צופעליקן טראָגער פון די זינד פון דער אַלטער וועלט, ניט דעם זינדיקן „כלי פון שטן“, נאָר דעם עצם מענטשלעכע שלעכטס, דעם שטן פון וועלט⸗שלעכטס גופא. די מענטשן טרעטן דאָ אויף אַף ביידע צדדים נאָר ווי ס י מ ב אָ ל ן (פון דער פאַרלוירענער אָדער צוריקגעפונענער וועלט). ווייל אַפילו די קעמפער פאַר׳ן סאָציאַליזם פאַרקערפערן אים אָפּט אַליין אויך ניט, און זיינען ניט מער ווי טרעגער פון אַ נייער אידעע פון ג ו ט ס, זיינע סימבאָלן, זיינע אָנזאָגער און כוהנים. דער גרעסטער ווערט פון סאָציאַליזם באַשטייט אין דעם, וואָס אין זיין קאַמף פאַר דאָס נייע האָט ער אָפּגעוואָרפן די פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע אַחריות פון די צופעליקע פאַרשטייער פון אַלטן, וואָס הינטער זייער איינצעלנע פערזענלעכע חטאים האָט ער דערזעהן דעם חטא פון אונזער צייט — די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג — און אַף אים האָט ער אָנגעווענדעט דעם מענטשלעכן צער און צאָרן. מיט דעם אַליין האָט ער אָבער די דאָזיקע פערזענלעכע אחריות אַריבערגעטראָגן פון באַשולדיקטן אַפ׳ן... ב אַ ש ו ל ד י ק ע ר, אַף די בויער פון דער נייער וועלט, וואָס דאַרפן באַם איינוואַרפן פון אַלטן בנין אָפּהיטן פון חורבן וואָס מער ציגל פאַרן נייעם געביי. יענע זיינען דאָך די שארית הפליטה פון דער היסטאָרישער געזעצמעסיקייט, צופעליקע שרייבעלעך פון אַנ׳אַלטער פאַרזשאַווערטער מאַשין, און מיר זיינען די מתחילים פון אַ פרייעם אויפבוי, מיר באַנעמען און פאַרקערפערן דעם פריי⸗אויסדערוויילטן אידעאַל. זיי זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך; די גאַנצע אחריות — אַף אונז; אַזוי ווערט געשטעלט די פראָבלעם פון פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר ש ו ל ד אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע *).

*) ענגעלס האָט בשעתו געשריבן: „לויט זיין פרינציפ שטייט דער קאָמוניזם איבערן קאַמף צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פראָלעטאַריאַט“. ער אָנערקענט נערעכטיקייט פון דעם קאַמף נאָר אין זיין היסטאָרישן באַטייט פאַר דער געגנוואַרט, אָבער ניט פאַר דער צוקונפט; גראָד דעם דאָזיקן קאַמף וויל ער מבטל זיין. כל זמן דער דאָזיקער קאַמף עקזיסטירט, האַלט ער דערפאַר די פאַרביטערונג פון פראָלעטאַריאַט קעגן זיינע אונטערדריקער פאַר אַ נויטווענדיקייט, פאַרן וויכטיקסטן באַוועגער פון דער זיך אָ נ ה י י ב נ ד י ק ע ר אַרבעטער⸗באַוועגונג. ער טוט זיך אָבער אַ הייב העכער פון דער דאָזיקער פאַר⸗

מיט אַ האַרבער האַנט רייסט דער סאָציאַליזם אַרונטער פון אונזער וועלט דעם צודעק פון איר קלאַסן־זינדיקייט; ער טוט עס אָבער נאָר דערפאַר, בכדי עס זאָל נאָך ליכטיקער אויפשטראַלן איר אַלמענטשלעכע ריינקייט. די שווער־קייט און די קדושה פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף באַשטייט אין דעם, אַז ער מוז גלייכצייטיק ברעכן די אַלטע וועלט און בויען די נייע. און מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע צענטראַלע אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעע פון סאָציאַליזם זאָל פאַרטונקלט ווערן כאָטש אין רויך פון די בירגערלעכע מלחמות*). אונזער קאַמף ווערט באַגייסטערט דורכ'ן געפיל פון „פּצעי־אוהב“,

---

עיטירונג, ווייל אין זיין עצם איז ער אנ'ענין פון דער מענטשהייט און ניט נאָר פון דער אַרבעטערשאַפט אַליין. אויך אָן דעם וואָלט קיין שום קאָמוניסטן ניט איינגעפאַלן אין קאָפּ צו נעמען נקמה פון יחידים, אָדער בכלל טראַכטן, אַז אַ איינצעלנער בורזשוא וואָלט באַ די געגעבענע תנאים האַנדלען אף אַנ'אַנדער אופן. דער ענגלישער סאָציאַליזם (ד. ה. דער קאָמוניזם) באַזירט זיך גראד אף דעם פּרינציפּ פון ניט־פאַראַנטוואָרטליכקייט פון יחיד (דער קורסיוו איז מיינער), און דעריבער — וואָס מער די ענגלישע אַרבעטער וועלן ווערן דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַליסטישע אידעען, אַלץ מער איבעריק וועט ווערן זייער איצטערדיקע פאַרביטערונג, אַלץ מער וועט אָפּפאַלן דער כאַ־ראַקטער פון ווילדקייט און גראָבקייט אין זייערע מעשים אַקעגן דער בורזשואַזיע. (ה. ענגעלס. די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד).

**) דערפאַר דאַרפן מיר טאַקע זאַמלען די קנאַפּע אָנווייזונגען פון לעבן אף אַ אַלמענטשלעכע סאָלידאַרישקייט ניט מיט איראָניע און אומצוטרוי. נייערט מיר דאַרפן קוקן אף זיי ווי אף גאָלדענע זעמדעלעך, וואָס גייען אַמאָל דורך דער קלאַסן אויסשיכטונג פון דער געזעלשאַפט. קאַוטסקי האָט שוין געהאַט אָנגעוויזן ווי זי שטראַלט צווישן די מענטשן אין אַ צייט פון עפּידעמיעס, למשל, באַ איטלעכן גרויסן סטיכייאישן אומגליק, וואָס איז פוגע אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פון קלאַסן, זעהן מיר אויך דעם רחמנות'געפיל, וואָס ווייסט ניט פון קלאַסן (ניט קיין אוראַלטער, נייערט אַ צוקונפטיקער געפיל), וואָס שאַפט אף א רגע די פאָרשטעלונג וועגן אַ אַלמענטשלעכער משפחה. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דעם הונגער אין רוסלאַנד, און אָן אונזער אַפּעליאַציע „צו אַלעמען“ אין אייראָפּע. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דער צאָרנדיקער פראַגע, וואָס נאַנסען האָט געפרעגט באַ די פאָרשטייער פון די מלוכות אין דער זיצונג פון דער בורזשואַזער פעלקער־ליגע דעם 30־טן סעפּטעמבער 1921: „ניט שוין איז כאָטש ווער ניט איז פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג גרייט צו זאָגן, אַז בעסער איז, עס זאָלן שטאַרבן פון הונגער 20 מיליאָן מענטשן, איידער מע זאָל געבן הילף דער ראַטן־רעגירונג?“ דער סאָציאַליזם דאַרף באַפרייען אָט די געפילן פון דעם צופעליקן מקור, פון וועלכן זיי ציען די יניקה, און מאַכן זיי פאַר נאַטירלעכע און באַשטענדיקע. לאָמיר ניט פאַרגעסן אז אויך בשעת'ן בירגערלעכן טעראָר — די מאַי־שחיטה פון 71־טן יאָר, די יולי־טעג פון 48־טן, די לענער צעשיסונגען, דעם 9־טן יאַנואַר 1905 — האָבן סאָציאַליסטן ניט נאָר געטרויערט און געקעמפט קעגן אים, זיי זיינען אויך געווען מאָראַליש

ד. ה. — שנאה צו דער אָרדנונג, ליבע צום מענטשן. „אַ פּראָלעטאַריער“ — דאָס איז אַ באַגריף, וואָס מע דאַרף אים, ווי אַ סימבאָל פון דער אַלטער וועלט, פונקט אַזוי גובר זיין, ווי דעם באַגריף „בורזשואַ“ אין דעם עצם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן קאַמף, און דוקא דורך עס. דער קאַמף פאַר דער מענטשהייט דאַרף זיין אַ מענטשלעכער קאַמף *).

הייסט עס, אַז שוין אין דער איבערגאַנג־תקופה ערוואַרטן מיר פון סאָציאַליזם אַ זאָרגפולע און ליבנדיקע באַציאונג צום ר ע אַ ל ן מ ע נ ט ש ן. ווייל דער גרויסאַרטיקער וועלט־קאַמף פירט זיך לשם דעם מענטשן, און ניט לשם וואָס פאַר אַ ניט איז אַריסטאָקראַטישן קלאַס, לשם דעם לעבעדיקן מענטשן און ניט לשם דער אַבסטראַקטער מענטשהייט.

אַף דעם וועלן אונז זאָגן די עטישע בעלי־ספקות: צי קאָן מען שטעלן אַזעלכע פאָדערונגען בעת דער איבערגאַנג־תקופה, ווען נאַכטיקע שאָטנס מישן

אויפגעבראַכט, אפנים, אַז עס איז פאַראַן באַ די אַרבעטענדע און באַ דער בורזשואַזיע עפּעס אַ אַלמענטשלעכער עטישער מ י נ י מ ו ם, וואָס שטייט העכער ווי די קלאַסן־אינטערעסן פון ביידע צדדים. פונקט אַזוי קאָן אויך די בורזשואַזיע פּראָטעסטירן קעגן אונזער טעראָר לשם דעם דאָזיקן מינימום. אויב ניט־פאַלן מיר אַריין אין תחום פון אַ סאָציאַלער האָטענטאָטן־מאָראַל, וואָס קומט צו פאַרשיידענע מענטשן מיט פאַרשיידענע מאָסן. מיר וואַרפן אָפּ די „האָטענטאָטישע מאָראַל“. אין רעוואָלוציאָנערן לעבן־שטייגער הערן מיר גאַנץ אָפט ווי מע זאָגט, אַז „שלעכט איז, ווען דאָס טוט די קאָנטר־רעוואָלוציע; געלינגט עס אָבער דער רעוואָלוציע — איז גוט“; דאָס וואָרט „גוט“ באַטייט אָבער דאָ ניט די מאָראַל נאָר דעם „תכלית“. קוים אָבער נעמען מיר זיך צו דערמאָראַלישער אָפּשאַצונג פון פ ר ע מ ד ע מעשים — קאָן זי ניט זיין האָטענטאָטיש, אפילו בעת זי טראָגט דעם נאָמען „קלאַסן מאָראַל“.

*) בעת זשאָרעס האָט בשעתו גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג פון דעם בורזשואַזן קאַפּיטאַן דרייפוס, און העד און וואַליאַן האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס איז ניט קיין עסק פאַר אַ סאָציאַליסט, האָט ער בתשובה געשריבן פאָלגנדיקעס: „איך וואָלט געקאָנט ענטפערן, אַז אויב דרייפוס איז ניט־געזעצלעך פאַרמשפּט און איז באמת'ן אומשולדיק — איז ער שוין מער ניט קיין אָפיציר און ניט קיין בורזשואַ. אַ דאַנק דער גרויס פון זיין אומגליק פאַרלירט ער זיין קלאַסן־כאַראַקטער; מיר זעהן אין אים נאָר די מענטשהייט אַליין אַף דער העכסטער שטופע פון צער און יאוש, וואָס מע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן... בכלל, קענען מיר זיך צוהערן צו דער נשמה פון אונזער באַרמהערציקייט, ניט אַריינפאַלנדיק אין קיין סתירה מיט אונזערע פּרינציפּן און מיטן קלאַסן־קאַמף. אפילו אָן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קענען מיר אָפּהיטן מענטשלעכע רחמנות. בכדי צו בלייבן אין תחום פון סאָציאַליזם איז גאָר ניט נויטיק צו אַנטלויפן הינטערן תחום פון דער מענטשהייט“.

(Ch. Rappoport: Jean Jaurés 43)

זיך אוים מיט די פרימאָרגן־שטראַלן, ווי אין פאַרטאָגיקע בין־השמשות, בעת מענטשן שפּרייזן מיט די גרעסטע שווערקייט איבער די סאָציאַלע רוי־בּיקאָנס?

ענטפערן מיר: דוקא דערפאַר, וואָס די איבערגאַנג־תּקופה איז די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע — שטעלט זי פאַר אונז אויך די גרעסטע פאָדערונגען. איהר מאָראַלישע נאַטור מוז זיין די קאָמפּליצירטעסטע. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דער סאָציאַליזם ווערט געבויט אומיטלבאַר דורך׳ן מענטשן אַליין. וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע נפקא־מינה עס דאַרף אָבער עקזיסטירן צווישן דעם מענטשן פון פאַר דער סאָציאַליסטישער און נאָך דער סאָציאַליסטישער תּקופה? ס׳איז גאָר ניט נויטיק דוקא צו זיין אַ אָנהענגער פון רוסאָ׳ס אָפּטימיסטישער שיטה, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין עצם איז דער מענטש גוט, נאָר דאָס גוטע אין אים איז צעקריפּלט דורך דורות פון קולטור; ס׳איז אויך ניט נויטיק צו האַלטן ווי די פּעסימיסטישע גייסטלעכע, אַז דער מענטש איז אַ כּלי פון שלעכטס, אדם׳ס קללה, וואָס מע קאָן עס מכפּר זיין נאָר דורך אַ נאָטפּאָרכטיקן לעבן און דורך חסד־שמים. אַפילו באַציענדיק זיך סקעפּטיש צו די זוכענישן פון דער „אַלערערשטער“ (אין היסטאָרישן און אינדיווידועלן זין) נאַטור פון מענטשן, קאָן מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דער היינטיקער מענטש — און אין דעם כּלל אויך דער אַרבעטס־מענטש, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין דורות פון עבדות און טראָגט אַף זיך די לאַסט פון דער אַלטער ירושה — האָט אין זיין נשמה סיי די גוטע יסודות, סיי די נעגאַטיווסטע תּנאים פאַר אַ געזעלשאַפטלעך־סאָלידאַרן לעבן. בכל אופן, אויב מיר וואָלטן האָבן פאַר זיך עפּעס אַ דורכשניטלעכן באַלעבאַטישן ניוואָ פון גוטע מדות *) — וואָלט דער מענטש פון פאַר דער סאָציאַליסטישער תּקופה געשטאַנען נידעריקער פון דעם ניוואָ. ווי מיר האָבן שוין געזעהן, איז אָבער פאַרן פאַרווירקלעכטן סאָציאַליזם נויטיק אַ פיל העכערער ניוואָ פון געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישן באַוואוסטזיין. ווייל — ווידעראַמאָל — די „פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען“ איז אין אַ פיל גרעסערער מאָס אַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע אויפגאַבע, איידער אַ עקאָנאָמישע. און אויב די עקאָנאָמיסטן־קלאַסיקער האָבן געהאַט פאַר זיך אַ מענטשן מיט אַ עגאָיסטיש־געווענדעטן רצון, קאָן אָבער פאַרן סאָציאַליזם שטיין נאָר אַ מענטש, וואָס האָט אַ חוץ זיין אונטערנעמערישקייט א געפיל פון סאָלידאַרישקייט, פון זעלבסטבאַגרענצונג, שונא־בצע, א מענטש, וואָס זיין

*) „משפּע ניט מיינס, פונקט ווי איך משפּע ניט דיינס“: „שלי־שלי, ושלך־שלך“ — דאָס איז דער ניוואָ. נידעריקער פון אים: „שלי־שלי ושלך־שלי; אויב דאָס ווערט ניט פאַרווירקלעכט פאַקטיש, איז דאָ אָבער כאַראַקטעריסטיש דער פאַרבאָרגענער געדאַנק וועגן דעם. העכער פון אים: שלך־שלך ושלי־שלך“; ווען מיר זעהן אפילו ניט קיין פאַקטישע פאַרווירקליכונג — איז אָבער כאַראַקטעריסטיש די אינערלעכע גרייטקייט צו דעם.

עגאָיזם זאָל באַשטיין אין דער אַלטרואיסטיש-געריכטעטן רצון. דאָס הייסט, אַז פאַרן סאָציאַליזם איז נויטיק אַ מענטש, וואָס שטייט העכער פון דעם דאָזיקן דורכשניטלעכן ניוואָ פון גוטע מדות. דעם דאָזיקן חלוק צווישן „נידעריקער" און „העכער" דאַרפן מיר דורכגיין ערגיץ וואו אין אַ רייע פון דורות, און קודם-כל — אין דער איבערגאַנג-צייט צווישן די צוויי אויבנדערמאָנטע תקופות. אַף אַזאַ אופן איז פאַר אונז די איבערגאַנג-צייט די שווערסטע פראָבלעם ניט נאָר אין זין פון באַהערשן די עקאָנאָמיק אָדער באַקעמפן די קאָנטער-רעוואָליוציע, נאָר אויך אין מאָראַלישן זין. גראָד די דאָזיקע צייט לייגט דעם יסוד פאַר דער איבערדערציאונג פון מענטשן. די אויפגאַבע, וואָס ווערט פאַר אים געשטעלט דורך דער געשיכטע, באַשטייט אין דעם, עס זאָלן אין אים געשטאַרקט ווערן די עלעמענטן פון נאָך דער סאָציאַליסטישער תקופה און אָפּגעשוואַכט ווערן די עלעמענטן פון פאַר דער סאָציאַליסטישער. און אויב עס וואָלט געווען אַ אומזין (פון דער עקאָנאָמישן זייט) צו צעשטערן אָדער פאַרלירן אין דער איבערגאַנג-צייט די מאַשינעם און זייערע סודות, וואָלט נאָך פיל ערגער און אומזיניקער געווען (פון דער מאָראַלישער זייט) צו צעשטערן און פאַרלירן דעם מענטשן און דעם סוד פון זיין נשמה — דעם יסוד פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט.

אַצינד איז פאַר אונז קלאָר, אין וואָס עס באַשטייט און אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס דאַרף גיין די איבערדערציאונג פון מענטשן פון דער איבערגאַנג-תקופה. דער קולטור-אידעאַל פון סאָציאַליזם איז פאַר אונז אַ שטאָלצער און ליבנדיקער מענטש. דאָס איז זיין אינערלעכע נאַטור, וואָס איז אַנטוויקלט ביז איר ווייטסטע טיפעניש. פון דער אָ באַפרידיקונג פון זיין אייגענעם און פרעמדן „איך" ווערט געשאַפן דאָס קאָלעקטיווע „מיר". וואָס אַ טאָג און וואָס אַ שעה האָט די אַלטע בורזשואַזע געזעלשאַפט באַליידיקט דעם דאָזיקן אידעאַל. זי האָט געשפּייזט די גאוה בא יחידים, דערפאַר האָט זי אַלעמען דערנידעריקט; זי האָט געדולדעט ליבע-פונקן אין די נשמות פון איינצעלנע, דערפאַר האָט זי פאַרפולט אַלעמעס נשמות מיט שנאה, קנאה און פיינדשאַפט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די געזעלשאַפט, וואָס איז געווען צעשפּאַלטן מיטן קלאַסן-קאַמף, איז ניט בכח געווען גובר צו זיין דעם וואוקס און די איינוואָרצלונג פון אַזעלכע געפילן.

די תקופה פון איבערגאַנג צום סאָציאַליזם דאַרף שוין אָבער אַנטוויקלען די פאָראויסזעצונגען פון קולטורעלן סאָציאַליסטישן אידעאַל. מיר ווילן אַ שטאָלצן מענטשן. אויב אַזוי — דאַרפן מיר אָבער אַנטוויקלען אין די מענטשן פון אונזער גרויסער צייט דרך-ארץ צום פרעמדן מענטשן, ווייל נאָר אין אַזאַ אַטמאָספער פון קעגנזייטיקער אָנערקענונג ווערט

געשאַפֿן די ערשטע זייט פֿון אונזער אידעאַל. מיר ווילן אַ ליבנדיקן מענטשן. דאַרפֿן מיר אָבער דעריבער אין דער איבערגאַנג=צייט אַנטוויקלען ליבע (רחמנות, ווייכהאַרציקייט, מסירת=נפש) צום פֿרעמדן, ווייל נאָר אין אַ סביבה פֿון קעגנזייטיקער פֿאַרשטייעניש וועט געבאָרן די צווייטע זייט פֿון אונזער אידעאַל. און ווייטער, און ווידער אַ מאָל. מיר דערמאָנען נאָך אַ מאָל דאָס אויבן געזאָגטע: האָבנדיק כסדר פֿאַר זיך דעם אידעאַל פֿון אַ סאָציאַליסטישן מענטשן, מערקן מיר אָן ניט נאָר די מאָראַלישע חובות, וואָס ליגן אַף דער איבערגאַנג=תקופֿה, נייערט מיר באַשטימען גענוי אויך דעם אָביעקט, וואָס זיי ווערן אַף אים געריכטעט. בעת מיר רעדן וועגן חוואַליעס פֿון ליבע און אָנערקענונג, וואָס דאַרפֿן צופֿליסן צום מענטשן, האָבן מיר אין זינען — ראשית — ניט אַן אַבסטראַקטן און ווייטן מענטשן, נייערט אַ רעאַלן און נאָענטן; והשנית — ניט נאָר דעם מענטשן פֿון אונזער קלאַס, נייערט איטלעכן, אויך דעם, וואָס געהערט צו אַ קלאַס, וואָס גייט אַוועק אין די אייביקייט *). מיט דער אָ פֿאָן אַלגעמיינער מענטשלעכקייט דאַרפֿן מיר גיין אין קאַמף פֿון דער לעצטער רעוואָליוציאָנערער תקופֿה.

ווי זשע קאָן מען אָבער גיין מיט אַזאַ פֿאָן, אויב דער וויכטיקסטער באַוועגנדיקער כח פֿון אונזער תקופֿה איז דער פֿאַרביסנסטער קלאַסן=קאַמף? צי קאָן מען עס ערוואַרטן פֿון די קעמפֿער? אָדער אפֿשר פֿאַרטעמפּן מיר לכתחילה אונזער געווער, אפֿשר ברעכן מיר אָפּ דעם קלינגל פֿון שווערד, און לאָזן איבער אין האַנט פֿון קעמפֿער נאָר די נישטיקע הענטל?

ניין, מיר ברעכן ניט דאָס געווער. לחלוטין ניט. פּונקט אַזוי ווי איבער די פֿעלדער פֿון די נאַציאָנאַלע מלחמות פֿלאַטערט די פֿאָן פֿון רויטן קרויץ, דערמאָנט בפֿירוש וועגן אַ שלום, וואָס קאָן ערגיץ=וואו שפּעטער קומען, פּונקט אַזוי דאַרף איבערן פֿעלד פֿון קלאַסן=קאַמף שטראַלן די רויטע פֿאָן פֿון דער פֿאַראייניקנדיקער מענטשלעכקייט. ניט לשם דעם רויטן קרויץ גיסן זיך די בלוט און טרערן פֿון די קעמפֿנדיקע פֿעלקער, וואָס באַדעקן נאָר צוליב אַ צייטווייליקער נחמה זייערע שענדלעכע מלחמות מיט זיינע מילדע פֿאַלדן; אָבער בלוט און טרערן פֿון קעמפֿנדיקע קלאַסן גיסן זיך דווקא לשם דעם רויטער פֿאָן פֿון דעם אייביקן מענטשלעכן שלום. אונזער פֿאָן רעדט ניט וועגן קיין צייטווייליקן וואַפֿן=שטילשטאַנד, וועגן קבורה פֿון די הרוגים, וועגן אומבייט מיט געפֿאַנגענע, — ד. ה. וועגן אַ הסכמה אַף ווייטערדיקע מלחמות.

---

*) אָט איז אַ קורצע פֿאָרמול פֿון די עטלעכע באַגריף=פֿאָרן: בכדי צו האָבן אין עתיד אַ פֿרייעם און גוטן מענטשן, דאַרף מען איצט ליבן און אַכטן, אָנווענדענדיק די דאָזיקע געפֿילן אפֿן רעאַלן און יעדן מענטשן.

זי רעדט וועגן דער באַזייטיקונג פון שלעכטס איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וועגן אַ אייביקן שלום, וועגן דער פאַרטיליקונג פון די מלחמה-לאַגערס גופא. איז וועלכע זשע אַנדער פּאָן, אַ חוץ דער, איז מסוגל צו ווייזן איבערן לעצטן קלאַסן-גראַנגל פון דער וועלט? אַף וועלכע אַנדערע לייוונטן, פאַרבן און שריפטן וועט אין די שוואַרצע שעה׳ן פון שלאַכט ווענדן זיין קוק דער שלאָגנדיקער, פאַלנדיקער, שטאַרבנדיקער קעמפער? און מיר ווייסן דאָך שוין, אַז ניט נאָר די אַלגעמיינע ציל פון דעם גראַנגל איז גערעכטיקייט, אַז אויך די איינצעלנע יחידים-קעמפער, וואָס גייען אין קאַמף, זיינען באַוואָפנט מיט דער דורשט נאָך יושר און אמת. מיר ווייסן, אַז דער קלאַסן-קאַמף איז דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט דעם זונען-שיין פון מאָראַלישן באַשטרעבונג. און אויב אַפילו די דאָזיקע באַשטרעבונג איז געווענדעט תחילת צו דעם אייגענעם קלאַס, קאָן אָבער איר פּאַטאָס פאַרטיפערט ווערן, אירע ראַמען ווערן פונאַנדערגערוקט אין דעם מסירת-נפשדיקן לעצטן קלאַסן-קאַמף, זיי קענען זיך פונאַנדערוקן ביז די גרעניצן פון מענטשהייט, וואָס נעמט אַריין אין זיך אויך דעם שונא. פאַרטיליג דעם קלאַסן-שונא אין מענטשן, אָבער ראַטעווע דעם מענטשן גופא! — אָט דאָס איז דער מאָראַלישער פלאַקער פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. פּעסט דריקט די האַנט פון קעמפער דעם שווערד, און צו די פאַרבן פון דער פּאָן איז זיין קוק געווענדעט. צי שוין זשע איז עס ניט מעגלעך און עס ווערט דורך דעם פאַרטעמפּט דער שווערד?

XVIII.

און איצט פרעג איך: וואָס ברענגט מיט זיך דער אַקטועלער און פּאָטענציעלער טעראָר אין אַזאַ אַטמאָספער פון דער איבערגאַנג-תקופה? צי קען געבוירן ווערן אָדער סתם האָבן אַ קיום וואָס פאַר אַ ניט איז דרך-ארץ פאַר׳ן מענטשן דאָרטן, וואו ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן פולקום אין אַ אינסטרומענט און אָביעקט פון אונטערדריקונג? צי קאָן עקזיסטירן אויפמערקזאַמקייט צום מענטשן דאָרטן, וואו ס׳איז גענוג דערקלערן אָדער נאָר חושד זיין אַ מענטשן — אַפילו פון אַ פיינדלעכן קלאַס אָדער לאַגער — אין קאָנטררעוואָליוציע אָדער אַנטי-רעגירונג-שטימונגען, בכדי אים אָפּגעבן צום געריכט, צו שפּאָט, צו טויט? נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ געוועזענער בורזשואַ, פאַרלירסט דו געוויינלעכע מענטשלעכע רעכט, מע פאַרטיילט דיר באַם געבן ברויט-טאַלאָנעס; ווי אַ נעגער אין אַמעריקע האָסטו ניט קיין דריסת-הרגל אין עפנטלעכע ערטער, דיינע קינדער און דיין משפחה זעצט מען אַרויס אין אַ אומ-

געזונטן ווינקל פֿון שטאָט. עמיצער פֿון דיין קלאַס אָדער פֿון דיין פּאָליטישער פּאַרטיי איז געגאַנגען קעגן דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, — און דאָס איז שוין גענוג בכדי מע זאָל דיר, דעם פּערזענלעך־אומשולדיקן נעמען פֿאַר אַ משכון. דו ווילסט זיך ניט מודה זיין אין עפּעס אָדער פֿאַרראַטן מענטשן, וואָס זיינען דיר נאָענט — פּייניקט מען דיר מיט ראַפֿינירט־אויסגעשפּיצטע אָדער ברוטאַלע פֿיזישע אָדער גייסטיקע עינויים. טאָמער זיינען קיין שום אויסערלעכע סיבות ניטאָ בכדי מע זאָל דיר פֿאַרפֿאָלגן, דו באַהאַלסט „קינציק“ דיינע געדאַנקען פֿון דער מאַכט, פֿאָרמעל קען זי דיר ניט פֿאַרנעמען — ווען מיר דיר קעגן דיין ווילן צווינגען זיך אַרויסווייזן דורך אונזער נעץ פֿון פּראָוואָקאַטאָרס. און אַזוי ווי עס איז ניט צו פֿאַקן דעם גאַנצן המון פֿון בוגדים און שונאים — ווערט דער פֿאַרנעם פֿון די רעגירונג־נעצן אַלץ ברייטער און ברייטער, זיי זיינען קולט אין זיך אַלץ גרעסערע קרייזן פֿון מענטשן. און אַלץ גרויזאַמער, אחריות׳דיקער, אומ׳רחמנות׳דיקער און געניטער ווערן די טרעגער פֿון דער מאַכט. אין איטלעכער שעה קאָן דער מענטש דערנידעריקט ווערן, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין דרך־ארץ פֿאַר זיינע אינטערעסן, זוכענישן, כבוד און שטאָלץ. אין איטלעכער רגע קאָן מען אים באַגיין אַ נ׳עולה, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אויפֿמערקזאַמקייט און פֿאַרשטייעניש צו זיין שמערץ, זיין צער, ליבע און געוויסן. דער קולטורעלער אידעאַל פֿון סאָציאַליזם — דער אידעאַל פֿון שטאָלצן און גוטן מענטשן — גייט אונטער אין דער דאָזיקער שנאה און נקמה. די שנאה, וואָס ווערט אין דעם קאַמף פֿאַרזייט, רופֿט אַרויס נאָך זיך די שנאה פֿון צווייטן צד, און ווי אַלעמאָל גיבן אַ גוטן געדעטעניש די זוימען פֿון האַס. טיף פֿאַרגיפֿטעט ווערן דער עלטערער דור און דער יונגערער, וואָס קוקט אַף אים. שנאה, שנאה, שנאה — דאָס איז אַלץ. און ווייטער גאָרניט. עס ווערט פֿאַרשטאַרקט די גשמה־נאַטור פֿון דעם פֿאַר־סאָציאַליסטישן מענטשן און אָפּגעשוואַכט די נאַטור פֿון דעם נאָך־סאָציאַליסטישן. אָנשטאָט צו זיין אַ בריק פֿון דעם מאָראַלישן „נידעריקער“ צום מאָראַלישן „העכער“, ווערט די איבערגאַנג־תקופֿה מגולגל אין אַ בריק פֿון דער פֿאַרקערטער ריכטונג, צו דער אַלטער וועלט.

מע וועט אונז זאָגן: דער טעראָר ווערט דאָך געווענדעט נאָר קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס, קעגן דעם קלאַס, וואָס ווערט אַף אייביק פֿאַרטיליקט, און ניט קעגן איטלעכן מענטשן איז געריכטעט זיין חלף. וועגן וואָס זשע רעדן מיר דאָ?

אַלץ וועגן דעם זעלבן ענין. קיינמאָל האָט זיך נאָך דער טעראָר ניט איינגעהאַלטן אַף קיין באַשטימטן פּראָגראַם, ער ווייסט ניט פֿון קיין פּראָגראַם. די רעוואָלוציע האָט אונז דערוויזן, ווי ער האָט, זייענדיק כלומערשט אַ אַנטי־

בורזשואַזער, זיך אַ שלײדער געטאָן אַף אַלעמען, אַף מענטשן פון דעם אײגענעם לאַגער. װאָס װײטער — דאָס מער, אַזױ װי אין פראַנקרײך אין 94—93=ן יאָר. אָבער אױך אַ חוץ דעם, זײענדיק געװענדעט אַפילו נאָר קעגן אײן גרופּע מענטשן, איז דער טעראָר לױט זײן מהות געװענדעט קעגן דער גאַנצער געזעלשאַפט. מיר װײסן, אַז אין דער דעמאָקראַטיע איז ניטאָ קײן אַלגעמײנע פּאָליטישע גלײכבאַרעכטיקונג, אױב עס האָבן איר ניט פּרױען, נעגערס אָדער „פּרעמדע“; עס איז ניטאָ קײן פּאָליטישע פּרײהײט, אַװאו מע נעמט איר אָפּ כאָטש בײַ אײן קלײנער נאַציאָנאַלער גרופּע. און שטענדיק האָבן מיר געװאוסט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם, װאָס נעמט אָפּ די רעכט פון אַ קלײנער גרופּע מענטשן, איז אין דער זעלבער צײט פּוגע אױך אין דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. דער באַגריף און די קראַפט פון בירגערלעכע גלײכבאַרעכטיקונג פאַרלירט דעם באַטײט, װערט װאַקלדיק, רעלאַטיװ, קען בטל װערן פאַר אַלעמען*). אַ װאָרעם עסט אױס דעם גאַנצן עפּל און ניט נאָר אײן טײל זײנעם. און נאָך טיפער און שאַרפער פאַרדאַרבט די װערמדיקײט פון טעראָר די רעװאָליוציאָנערער געזעלשאַפט, שלאָגנדיק איבערן שעיר=לעזאזל, דעם קלאַסן=שונא. װען דער טעראָר שלאָגט איבערן בורזשואַ, איבערן קאָנטר=רעװאָליוציאָנערן, איז פּוגע אין זײנע געפילן פון כבוד און ליבע, פאַרשאַפט אים צער און װײטאָק, רײסט אים אָפּ פון דער משפחה אָדער פאַרשפּאַרט אים אין די משפחה=טורמע, פאַרקלעמט אים דעם גײסט און צװינגט אים בויגן דעם קאָפּ — װעמען טרעפט ער דאַן? צי דען נאָר די קלאַסן=נאַטור פון שונא, װאָס האָט נאָר צו אים אַלײן אַ שײכות און װאָס מיט אים װערט זי נעלם? אָדער עפּעס אַ אַלגעמײנער זאַך, װאָס האָט צו טאָן מיט אַלע מענטשן, די מענטשלעכע נאַטור פון מענטשן? געפילן פון רחמנות און מיטלײד, זוכענישן פון גײסט און פרײהײט, צוגעבונדיקײט צו דער משפחה און שטרעבונגען צו מרחקים, — אַלץ װאָס שאַפט דעם „מענטשן“ איז דאָך באַקאַנט און געמײנזאַם בײַ בײדע לאַגערס. און בעת דער טעראָר איז מבטל, פאַרטרײבט און מאַכט צו שפּאָט די דאָזיקע נשמה=סטרונעס אין אײן קרײז מענטשן — איז ער אין דער זעלבער צײט פּוגע אין זײ אומעטום, אין אַלע נשמות. דער

*) ס׳פאַרשטײט זיך, אַז די דאָזיקע קריטיק איז חל אױך אַף די פּאָליטישע רעכט=באַגרענצונגען, װאָס זײנען פאַרבונדן מיט דער אַרבעטס=קלאַסן=דיקטאַטור. און דעריבער אױב אַפילו מיר זײנען מסכים מיט זײ, אײנשליסנדיק אין דער סיסטעם פון געװאַלט און ניט פון טעראָר (זע אונטן) — מוזן פונדעסטװעגן זײער פאַרנעם און זײערע גרעניצן כסדר רעװידירט װערן פון דעם רעװאָליוציאָנערן באַװאוסטזײן, װאָס זוכט שטענדיק מיטלען אַלײן צו ליקװידירן די געװאַלט.

מענטשלעכער כּבֿוד=געפֿיל און דאָס זעלבּסטבּאַוואוסטזיין, זיין באַדערפֿניש אין גוטע געפֿילן (צו אַנדערע און פֿון אַנדערע) ווי ניט=באַרירבּאַרע גוטס, ווי אַבּסאָליוטן פֿון דער פּערזענלעכקייט, באַקומען זייער סוף אין דעם מאָמענט, ווען זיי ווערן חוצפּה׳דיק צעשטערט כּמעט אין ווערכן ניט איז איין אָרט. אַ זון, וואָס גיט ניט קיין שטראַלן כּמעט אין איין ווינקעלע פֿון דער ערד איז שוין ניט מער קיין זון, עס איז ניט מער ווי אַ פֿלעק. דאָס געפֿיל פֿון כּבֿוד, וואָס ווערט באַליידיקט אין לאַגער פֿון די שונאים, דאָס געפֿיל פֿון מיטלייד, וואָס ווערט בנוגע צו זיי דערשטיקט, דער שמערץ, וואָס ווערט עמיצן דאָרטן געמאַכט, — דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ ווי אַ פּסיכאָלאָגישער ריקאָשעט אין די מענטשען פֿון דעם טריאומפֿירנדיקן לאַגער; דאָס אַלץ הערט אויף צו זיין אויך דאָ אַבּסאָליוטע גוטס, עס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין צופֿעליקע און רעלאַטיווע ווערטן. טאָמער איז אין דער משפּחה פֿאַראַן כּמעט איין שטיף=קינד, קאָן די מאַמע ווערן אַ שטיף=מוטער אויך פֿאַר אַלע איבעריקע קינדער. נאָר בּאַ אַ איבּערפֿלעכלעכן בּליק קאָן זיך דוכטן, אַז מיין כּבֿוד („פֿון אַ פּראָלעטאַריער״) אָדער מיין באַדערפֿניש אין דער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון מענטשן אָדער צו מענטשן קענען זיך באַזירן (אָדער בּכלל האָבּן אַ קיום) אַף זייער אויסלאַכונג און אונטערדריקונג אין דעם לאַגער פֿון די באַזיגטע בּעת דער איבּערגאַנג=תּקופֿה *). גראַד פֿאַרקערט: אַף אַזאַ אופֿן שאַפֿט זיך נאָר די אייגענע אַלטע קנעכטישע אָרדנונג, בּאַ וועלכער עס האָבּן זיך נאָר געבּיטן מיט די ערטער די לאַסטן אַף די קלאַסן=וואָגשאָלן. און די השפּעה פֿון עבֿדות אַף די נשמה פֿון די זיגער איז די זעלבּיגע ווי די השפּעה אַף די באַזיגטע.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דער כּמות פֿון דער אַלטרואיסטישער ענערגיע אין דער וועלט ווערט ניט פֿאַרגרעסערט בּאַם טראָר, נאָר פֿאַרקלענערט. ס׳איז אַלץ איינס, קעגן וועמען די ענערגיע זאָל אָנגעווענדעט ווערן, מעג עס זיין אַפֿילו קעגן לאַגער פֿון די קלאַסן=שונאים; איר פֿאַרניכטונג אָבּער רופֿט זיך קרענקלעך אָפּ אַף איר אַלגעמיינע סומע אין די מענטשלעכע הערצער. מיר וועלן זאָגן נאָך מער: גראַד אין דער בּאַציאונג צו די שונאים זעהן מיר דעם ווייזער פֿון דער מאָראַלישער פֿעסטקייט פֿון די מענטשן און פֿון דער רעוואָליוציע. גראַד דאָ איז לייכטער ווי אַנדערשוואו אַראָפּשלאָגן זיך פֿון וועג, וויכטיקער ווי אומעטום איינהאַלטן זיך אַף די פֿיס. און די מענטשן, וואָס קומען אין דער נייער וועלט אין מאָראַלישע קאַדער, פֿאַרשווערן אָן אַ שיעור די געבּורט פֿון דעם אידעאַלן מענטשן פֿון סאָציאַליזם. ער קאָן ניט געבּוירן ווערן פֿון שנאה און פֿאַראַכטונג.

---

* מיר רעדן וועגן „קלאַסן=בּאַוואוסטזיין״, „קלאַסן=סאָלידאַרישקייט״ אין זייער קריגעריש, האַסנדיקן זין.

קיין שום אַנדער זאַך קאָן פון טעראָר ניט געבוירן ווערן. פונקט ווי מע קאָן ניט שפּרינגען איבערן פייער זיך ניט אָפּברענענדיק, אַזוי קאָן מען אויך ניט דורכטראָגן גאַנצערהייט די פאָן פון סאָציאַליזם דורך די ברענענדיקע לופט פון טעראָר.

.XIX

מיר זיינען דערגאַנגען צו עפּעס אַ מין קלאָרקייט פאַר דער מאָראַל פון דער איבערגאַנג־תקופה. און באַרואיקטע און איינגעהאַלטענע הערן מיר, דאַכט זיך, אין דער מאָראַלישער שטילקייט, וואָס איז אַרום אונז געוואָרן, דעם פלאַטער פון די פליגלעך פון דער *הייליגער* רעוואָליוציע. דאַכט זיך, מיר קוקן איינער אַפּ'ן צווייטן מיט אַ דערלייכטערטער נשמה... און מיט אַמאָל בליצט אויף און ס'צעוואַקסט זיך אַליין מער און מער אין אונזער נשמה איין גרויסער ספק... אויב דער טעראָר איז באמת *אַזוי* פאַרניכטנדיק, *אַזוי* פאַרברענענדיק, אויב אַלע וועגן צום אינערלעכן טריאומף פון סאָציאַליזם ווערן פאַרברענט אין זיין שטיקנדיקן פייער — ווי זשע קענען מיר אָנווענדן בכלל *גוואַלט* אין דער רעוואָליוציע ? צי דען זיינען אַזוי ניט פאַרבאַהאַלטן אויך אין איר אַלע עלעמענטן פון דערנידערונג און עוולות פאַר'ן מענטשן? צי טראָגט ניט אין זיך אויך די רעוואָליוציאָנערע געוואַלט, וואָס שטורמט און רוישט מיט איר צאָרנדיקער פולקייט איבער די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פאַרטייען און קלאַסן און באַרירט אָפּטמאָל אויך די שכנות'דיקע לאַגערן אָדער אַזעלכע, וואָס אַקצעפּטירן ניט די רעוואָליוציע, — די אייגענע זוימען פון שנאה און האַס, אַזוי ווי יענע, וואָס וואַקסן אויף ווי גיפטיקע בלומען פון דעם צעבושעוועטן טעראָר? טוט אַ פרעג באַ די קלאַסן, וואָס ווערן אַראָפּגעשליידערט פון וועג פון דער געשיכטע, און זיי וועלן אייך דערציילן, *ווי אַזוי* זיי לעבן איבער די שעה פון זייער גסיסה. די אונטערדריקונג פון זייער רצון, דעם פאַרלוסט פון היסטאָריש־איינגעשטעלטע תנאים פון לעבענס־שטייגער, די צעשטערונג פון די אינטימיסטע פאַרבינדונגען, פון משפחה־באַנדן, פון זייער היים און קייט, פון זייערע באַגריפן וועגן כבוד, געוויסן, די פאַרניכטונג פון האָפענונגען אַפּ'ן עתיד, פון זייערע שעפערישע פלענער און טאַלענטן. אויב דער טעראָר איז אַ קאָכנדיקער וואַסער־פאַל פון געוואַלט, איז אפשר די געוואַלט דערפאַר אַ רואיק־פליסנדיקער טייך פון טעראָר? אויב דער טעראָר שלאָגט טיפער און שאַרפער, פאַרנעמט אפשר די געוואַלט דערפאַר ברייטער און אַליך־אומפּאַסנדיק? אַנדערש גערעדט — אפשר איז דער טעראָר מער ניט ווי אַ פאַרשאַרפטע קאָנדענסירטע פאָרם פון דער זעלבער געוואַלט און פון זייביידן קומט אַרויס דער אייגענער פועל־יוצא. אויב אַזוי — באַשטייט צווישן זיי

נאָר אַ חילוק אין כמות און ווייטער גאָרניט. די מאָראַלישע רעזולטאַטן הענגען דאָך אָבער ניט אָפּ פון דעם כמות פון גוואַלט, אויך אַ קליינע דאָזע גיפט פאַר'סמ'ט דעם אָרגאַניזם, הגם די אויג זעט עס ניט אַזוי אַרויס. און מיר פאַרטיידיקן דאָך די רעוואָלוציאָנערע גוואַלט!

און גענוג איז אַוועקצושטעלן פאַר'ן געוויסן די דאָזיקע פראַגן, בכדי צו צעשטערן די דערגרייכטע רו פון דער רעוואָליוציאָנערער נשמה, בכדי עס זאָל זיך באַזעצן אַ שווערע זאָרג דאָרטן, וואו ס'האָט, דאַכט זיך, געהערשט פריער אַזאַ זיכערע קלאָרקייט. מיר געפינען ניט גלייך אין אונזער נשמה יענעם שאַרפן, בליץ־בלענדנדיקן חילוק, וואָס זאָל מיט אַ קלאָרן און בולט'ן שטריך אָפּטיילן דעם טעראָר, וועלכן מיר האָבן אָפּגעוואָרפן, פון אַ מעגלעכער גוואַלט. און באמת'ן, מיר נעמען ניט אַף זיך די אויפגאַבע אָנצואווייזן אין עצם פון די צוויי באַגריפן אַזאַ חילוק, וואָס וואָלט אונז זאָגן, פאַרוואָס איז עס — פון אונזער איינציקן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון אינערלעכן זין פון סאָציאַליזם — דערלאָזבאַר, באַרעכטיקט, אַנעמבאַר די רעוואָליוציאָנערע גוואַלט און פאַרוואָס איז ניט דערלאָזבאַר, פאַרורטיילט, ניט אַנעמבאַר דער רעוואָליוציאָנערער טעראָר. אַזאַ חילוק איז ניטאָ!

ווייל סיי דער טעראָר, סיי די גוואַלט (אין וועלכע מיר שליסן איין אויך די גוואַלט אין געווינטלעכן זין און דעם שקר) זיינען תמיד פּוגע די ווייכטיקסטע שטאָפן פון דעם נשמה־אָרגאַניזם, צוטרעטן באַם באַזיגטן, אין דער זעלבער צייט אויך באַם זיגער און דערנאָך אויך באַ דער גאַנצער געזעלשאַפט. פּונקט ווי דער טעראָר גראָבט זי לויט איר מהות אונטער און רייסט אויף די אָרדנונג, וואָס איז אַף איר געבויט. פּונקט ווי דער טעראָר, איז זי ביז די ברעגעס פול מיט טרערן פון די ליידנדיקע, באַפאַרבן אין טונקלע פאַרבן פון שׂרפות, און מיט בלוטיקע פלעקן זיינען באַדעקט אירע בגדים. סיי ווי איז רויט די מענטשלעכע בלוט, צי גיסט זי זיך טראָפּנווייז לשם דער גוואַלט אָדער ווערט פאַרגאָסן ווי אַ טייך אין נאָמען פון טעראָר. קיין שום פּרינציפּיעלער (אויב ניט קיין כמות'דיקער) חילוק איז צווישן זיי ניטאָ, און אַ עקלהאַפטע צביעות וואָלט געווען דאָס צו לייקענען. פאַרוואָס דערלאָזן מיר פאָרט די גוואַלט?

ווייל אַ חוץ דעם וועג פון גוואַלט האָבן מיר ניט קיין שום אַנדערע דרכים צו דער מענטש־לעכער באַפרייאונג. אין דעם — און טאַקע נאָר אין דעם אַליין ליגט אונזער גאַנצע תשובה אַף די אָנגעווייטאָקטע פראַגע. קיין בעסערע וועגן האָט אונז די געשיכטע ביז איצט ניט געגעבן. אַנדערע וועגן — פרידלעכע — פלעגן אַלעמאָל ברענגען נאָר צו אַ צייטווייליקער זעלבסט־שכחה און זעלבסט־

נאַרעריי פֿון מענטשען און פֿלעגן נאָך מער פֿאַרפֿעסטיקן דאָס וועלטלעכע אומרעכט. די דערפֿאַרונג אַרום אונז באַווייזט אונז יעדן טאָג ממשות'דיק דאָס זעלבע. נאָר אַפֿן וועג פֿון אַ ג ל י כ ן גראַנגל קאָן מען קעמפֿן מיט'ן וועלט־שלעכט פֿון געוואַלט, — דאָס איז אַ טרויעריקער מוסר־השכל פֿון דער פֿאַרגאַנגענער און איצטיקער געשיכטע. דער מאַנגל אין וועגן איז נאָך אַליין ניט קיין באַרעכטיקונג פֿון דער געוואַלט, ער באַווייזט אָבער פֿאַר אונזער מאָראַלישן באַוואוסטזיין איר אומפֿאַרמיידלעכקייט.

שטייט דער מענטש כסדר מיט דעם אָ באַוואוסטזיין אין אַ קלעם צווישן צוויי בערג, ביידע גלייך שרעקנדיקע און גרויזאַמע. אַף איין באַרג — די אַלטע, אוראַלטע שטראַלנדיקע און דופֿטנדיקע וועלט, וואָס גיסט ביד רחבה די גאַנצע שמחה, אַלע פֿאַרבן און קלאַנגען פֿון לעבן אַף איין קליין הויפֿעלע מענטשן רייכע, בכבוד'יקע און געניטע. אָט דאָ, בײַ דעם הויפֿעלע איז די מאַכט איבער אַלע גאָבן פֿון דער נאַטור און פֿון דער געשיכטע, די קינציגע באַהערשונג פֿון אַלע מענטשלעכע טאַלענטן און כחות, די חוצפּה'דיקע פֿאַראַכטונג צו די מאַסן און צו די לײַדן פֿון אונטערטעניקע און האָרעפּאַשנע; אַף אַלעמענס פֿאַרקריפּלקייט וואַקסט דאָ אויף די שיינקייט פֿון יחידי־סגולה, אַף אַלעמענס שכל־געניטיקייט פֿון יחידים, אַף אַלעמעס נאָגעניש — זייער שמחה. פּונקט ווי אין די אַלטרוסישע סאַגן האָבן די זיגער — די טאָטער געפּראַוועט זייערע מאָלצייטן אַף די לעבעדיקע קערפּערס פֿון די געפֿאַנגענע — אַזוי רוען די פּאַלאַצן און בנינים פֿון די הולענדיקע פּני אַף די לעבעדיקע קערפּערס און נשמות פֿון די אַרבעטענדע. קינדער, וואָס ווייסן ניט פֿון קינדהייט, וויינענדיקע פֿרויען, וואָס ווייסן ניט פֿון שמחות, מענער, וואָס זיינען ניט בכח צו העלפֿן זיי אין זייער טרויער — דאָס זיינען אייביקע פֿיגורן אַפּ'ן פּראָנטאַן פֿון אונזער וועלט־בנין. גאָרקי'ס באָסיאַקעס, טשעכאָוו'ס אָנגעבייזטע מענטשן, הוגאָ'ס פֿאַרשטויסענע, דיקענ'ס קליינע מענטשן, נעקראַסאָוו'ס אָרימעלייט און דאָסטאָיעווסקי'ס ליידנדיקע — די אַלע פֿאַרפֿולן דעם פּראָנטאָן. אַזוי פֿיל רייכקייט איז פֿאַראַן און ס'וואָלט געקאָנט זיין אין דער וועלט, און אַזוי ווייניק ר י י כ ע ! און אַזוי פֿיל אכזריות און שמחה־באַיד און פֿאַראַכטונג מצד די, וואָס פֿאַרמאָגן, צו אַלע אַנדערע, וואָס פֿאַרמאָגן ניט. און אַזוי זעלטן, אַזוי לאַנגזאַם ווערט פֿאַרשאָטן מיט גוטע געפֿילן דער אָפּגרונט, אין וועלכן עס פֿליסט דער שטענדיקער שטראָם פֿון קעגנזייטיקער שנאה...

פֿאַרניכטן, פֿאַרניכטן עד חרמה די וועלט פֿון זינד און האַס — אַזוי דונערט די אייביקע שטים אין דער נשמה פֿון סאָציאַליסט. ניט טאָן עס, ניט ברעכן די דאָזיקע וועלט ביזן גרונט, ניט קעגנשטעלן קיין געוואַלט קעגן דעם אייזערנעם

כח פון דעם באַרג — דאָס וואָלט געהייסן אַקטיוו מיטהעלפן איר, שטיצן איר, פאַרפעסטיקן, קעמפן פאַר איר!

און אָט איז אַ צווייטער באַרג, וואָס הייבט זיך אויף פאַר'ן סאָציאַליסט. עס קאָכט שוין דער קאַמף קעגן אוראַלטן כח פון שלעכטס, מע רייסט שוין מיט צאָרן אַרויס זיינע גיפטיקע ציין. עס זיינען אַראָפּ פון פאַרשאָלטענעם פּראָנטאָן די שווייגנדיקע פאַרטרויערטע פיגורן, זיי אַליין האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם סאַמע פלאַקער פון דער שלאַכט. מע באַזייטיקט פון דער אַרענע די געוועזענע וועלט-הערשער, איר גאַנצער שטח איז באַשאָטן מיט חורבות פון די געפאַלענע בנינים, ס'טראָגט זיך אין הימל אַ קלינגענדיק ליד פון רעוואָליוציע איבער די מחנות פון די צונויפגעזאַמלטע מענטשן. צי איז מעגלעך אין דער וועלט אַ העכערער טריאומף פון גוטס?... און פלוצים זעהט דער שאַרפער בליק פון קעמפער, אַז ס'ווערט גאָר פון דער וועלט ניט נעלם דער אַלטער לעבנס-שטייגער, נאָר עפּעס דרייט ער זיך גאָר, דאַכט זיך, אום צום נייעם לעבן מיט זיין צווייטער זייט. ניטאָ דאָס איין כסדר'דיקע גאַנצע ליידן פון געוועזענע קנעכט, נאָר ווידער ווייזן זיך פיגורן פון ליידנדיקע קינדער, פרויען, וואָס ווייסן ניט פון פרייד, מענער אָפּהענטיקע אין זייער נאָגעניש — פון לאַגער פון באַזיגטע, צו-ערשט פון די באַזיגטע, דערנאָך אויך פון די זיגער. ניטאָ שוין מער די אַלטע שנאה, האָט אָבער דער טייך פון שנאה, האָס און שפּאָט אומגעקערט צוריק זיין לויף, און פליסט ווידער אָן אַ אויפהער: פון נייע געפאַנגענע צו נייע באַ-לעבאַטים פונם לעבן. און די סומע, די רעאַלע סומע פון מענטשלעכע ענער-גיע פון שלעכטס האָט נאָר געביטן איר פאָרם, און אַפּנים לגמרי ניט פאַרקלענערט זיך. די פעסטע הענט פון טויטן פאַרכאַפּן אַליך נייע און נייע טיילן פון דעם נייעם, וואָס ווערט געבוירן אין קאַמף. און עס דאַכט זיך דאַן, אַז די גאַנצע אַלטע וועלט, ווי זי שטייט און גייט, באַזעצט זיך ווידער מיט עפּעס אַ שדים-שפּיל אין די ריסטאַוואַניע פון דעם זיך בויענדיקן בנין. און טונקל, פינסטער איז דער באַרג.

אין דער תקופה פון אַנטשיידנדיקן קאַמף שטייט שטענדיק דער סאָציאַליסט אין דעם אָ קלעם צווישן צוויי בערג, צווישן באַוואוסטזיין פון דער אוראַלטער געוואַלט און פון דער רעוואָליוציאָנערער. אין בלוט און שמוץ דערהייבט זיך פאַר אים די גאַנצע אַלטע וועלט פון געוואַלט. פאַרטרויערט שטייט אָבער פאַר אים אויך דאָס ערלעכע געזיכט פון דער רעוואָליוציע. וואָס זאָל מען טאָן? וואו איז דער אויסוועג? דער סאָציאַליסט ווייסט די צווייענדיקייט, ער גלייבט זיך אָבער ניט צו דעם בורידאַנישן אייזל, וואָס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדן באַ-שלוס אין יאוש פון מאָראַלישן אויסוואַל. דאָרטן וואָלט אַ דאַנק דעם דאָזיקן אָפּזאָג געשטאָרבן נאָר דער חמור, דאָ וואָלט ער באַטייט — די אונטערשטיצונג

פון דער אַלטער וועלט. און מיר ווייסן דאָך דעם חילוק פון צווייערליי מינים פון געוואַלט. די אַלטע געוואַלט — דאָס איז אַ קראַנקער שויץ פון עבדות, די נייע — אַ קרענקלעכער וועג צו דער באַפרייאונג, אַ קרענקלעכער אויסוועג פון קרייז. דאָרטן איז זי געווען אַ שטענדיקער באַשטאַנד־טייל פון לעבן־שטייגער, דאָ — אַ צייטווייליקער קאַמף־מיטל. דאָרטן פלעגט זי זיך בריטערן אָדער שמעלערן מיט איין ציל נאָר — בכדי אָפּגעהיט צו ווערן אַף אייביק. דאָ זוכט זי פאַר זיך באַגרענצונגען, בכדי צו פאַרטיליגן זיך אַליין מער און מער. דעריבער דריקן מיר אויס אונזער באַשלוס אַזוי: מיר נעמען אין אונזערע הענט דאָס געווער פון געוואַלט, בכדי צו מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט איר אַ סוף. ווייל קיין אַנדער קאַמף־מיטל קעגן איר איז ניט בנמצא.

דאָ איז אַ אָפענער מאָראַלישער וואונד פון דער רעוואָליוציע, דאָ איז — איר אַנטינאָמיע, איר אינערלעכער שמערץ און סתירה. דער פאַטאָס פון הייליקן צאָרן, פון גרויסער ליבע צו מענטשן און פון מסירת־נפש אין קאַמף זיינען ניט בכח איינצושלינגען דעם נייעם שמערץ און צער, וואָס ווערן אין קאַמף געבוירן, מאַכן זיי כלא היו, פאַרשמעלצן אין פייער דעם גאַנצן ברען פון די נייע טרויעריקע געדאַנקן־געפילן. ניט איטלעכע צוויי טייכן גיסן זיך אַלעמאָל ערגיץ וואו צוזאַמען, ניט אַלע נשמה־מחלוקות ווערן תמיד בטל אין אַ אייניקייט. אין אַ רעוואָליוציאָנערע תקופה איז פאַראַן אַ שטענדיקע אַנטינאָמיע צווישן דעם גייסט פון סאָציאַליזם און די ממשות׳דיקייט פון געוואַלט. און ערשט שפּעטער, בעת ס׳הייבן זיך אָן צו לעשן די לעצטע קוילן פון רעוואָליוציאָנערן האַליץ־שייטער, וועט קומען דער שלום אין דער נשמה.

XX.

דעריבער, בעת מיר שטעלן זיך אפן אַלטן וועג פון געוואַלט, טאָרן מיר אַף קיין איין רגע ניט פאַרגעסן איר געפערלעכע נאַטור. די צוואַנגען פון יענער אַנטינאָמיע קענען פונאַנדערגערוקט ווערן דורך דער צוניפקוועטשונג פון געוואַלט. באַ איר אָנווענדונג מוזן מיר אַזוי שטאַרק באַגרעניצן און אומצאַמען איר, זי זאָל ניט זיין ביכולת צו ווערן אַ המשך פון אַלטן, זי זאָל ניט פאַרהאַרטעוועט ווערן אַלס סיסטעם און לעבן־שטייגער, הינטער איר רוקן זאָלן ניט אויסוואַקסן קיין געשפּענסטן פון עבר; אויב ניט — ווערן מיר און אַלע אַנדערע פרעגן: למאי זשע דאַרף מען דעם גאַנצן בייט? — דעריבער דאַרף די געוואַלט זיין קורץ (ווי אַ בליץ), באַגרעניצט, פאַראַנטוואָרטלעך. זי קומט נאָר אין דרינגלעכסטער רעוואָליוציאָנערער שעת־הדחק, זי ווערט אָנגעווענדעט נאָר אַף וויפיל עס איז נויטיק בכדי אָפּצוּוואַרפן אָדער ברעכן די אַלטע וועלט, בקיצור — זי איז לויטן תוך אַ פאַרטיידיקונג־מיטל. אפילו דאַן, בעת עס דאַכט זיך אויסערלעך, אַז זי גרייפט אָן די קלאַסן־פּאָזיציעס פון שונא, ווייל אין דער

אמתן איז דאָך די גאַנצע וועלט פון דער בורזשואַזער געוואַלט ניט מער ווי אַ סיסטעם פון שטענדיקן אָנגריף אף די וועלט פון די באַ'עול'טע. צעוואַרפנדיק די אַלטע וועלט, פירן זיי אייגנטלעך נאָר די אייגענע און אַלמענטשלעכע פאַרטיידיקונג. אָבער אויך אין דעם צושטאַנד פון געצוואונגענעם שוץ דאַרף די געוואַלט ניט אַרויסגיין פון די גרעניצן פון דעם, וואָס איז באמת'ן נויטיק *). דער קאַמף פירט זיך ניט דערפאַר, מע זאָל פאַרנעמען די פּאָזיציעס פון דער בורזשואַזיע און זיך אף זיי פאַרפעסטיקן. נאָר דערפאַר, די דאָזיקע פּאָזיציעס זאָלן צעשטערט ווערן, זיי זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין מענטשלעכע. און דוקא דערפאַר טאָר די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי ניט האָבן קיין שום אַנדערע „מיליטערישע" געפילן אחוץ דער שנאה צום אַלטן און דער ליידנשאַפטלעכער שטרעבונג צום נייעם, זי טאָר ניט וויסן פון נקמה און האַס צו מענטשן.

אין דעם אָ פאַרטיידיקונג־כאַראַקטער ליגט טאַקע דער חילוק צווישן דער געוואַלט און טעראָר. מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז לויט זייער מהות איז צווישן זיי קיין נפקה מינה ניטאָ, אַז עס באַשטייט צווישן זיי נאָר אַ אונטערשיד אין כמות. אַזוי איז עס טאַקע. דערפאַר איז אָבער בלי שום ספק פאַראַן צווישן זיי אַן אַנדער חילוק, — דאָס איז די סביבה, אין וועלכער זיי ווערן אָנגעווענדעט. דער אונטערשיד צווישן שווערד און לאַפּעטע, מעסער און אַקער באַשטייט דאָך ניט אין זייער עצם־נאַטור, נאָר אין דער ציל וואָס צוליב זיי באַנוצט מען זיך מיט זיי. דער אייגענער מעטאַל קאָן אַקערן און טויטן, צעשטערן און בויען. אויך דער טעראָר און די געוואַלט, וואָס זיינען ענלעך לויט זייער נאַטור, ווערן לכתחילה געבוירן מיט פאַרשיידענע כונות און ברענגען צו פאַרשיידענע רעזולטאַטן. איינע און די זעלבע נאַטור האָבן זיי ביידע; נאָך מער — כמעט אף איינעם און דעם זעלבן אופן קענען זיי ביידע זיך אויסערלעך אַנטפּלעקן; מיר דערקענען אָבער זיי ביידן לויט זייער אינערלעכער באַשטרעבונג. ס'קען זיין מי יודע ווי ברענענדיק די אָנווענדונג פון געוואַלט — פונדעסטוועגן טראָגט זי אף זיך דעם שטעמפּל פון אויפגעצוואונגענער אומפאַרמיידלעכקייט. זי איז דעפענזיוו, זי שטרעבט צו דער זעלבסטבאַגרענצונג. די געוואַלט איז קודם כל אַ געוואַלט איבער זיך אַליין, דערפאַר שטרעבט זי זיך צו באַגרענצן, דערפאַר וואַרפט זי זיך ניט אין אַלע זייטן, שאַפט זיך ניט קינצלעך קיין שונאים, ציט ניט אַריין אין קרייז דורך שרעק און איינשרעקונג קיין נייע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. זי איז געריכטעט קעגן אירע באַשטימטע קעגנער. זי וויל ניט דערלייכטערן

*) יוריסטן וויסן, אַז אין אַ אַנדער פאַל באַקומט זיך די דערשיינונג וואָס הייסט „עקסצעסן פון נויטווער".

איר אויפגאבע מיטן פאראײנפאכטן מיטל — מיט דער ברײטער פונאנדערװארפונג פון נעץ; אדרבא, די מאכט איר אויפגאבע נאך שװערער, װײל זי האלט, אז בעסער איז באפרײען צען שולדיקע אײדער פאר׳משפט׳ן אײן אומשולדיקן. דערבײ (און טײלװײז — מחמת דעם) איז די געװאלט א מין קרבן און איז מכפר אפן חטא. זי װערט ניט אפגעגעבן אין רשות פון א ביוראקראטישער מאשין, װאס געברויכט איר קעגן דעם לעבן פון צװײטן; זי אלײן שטעלט זיך כסדר אונטער דער באדרויאונג מיט געװאלט פון דעם אנדער צד. געװאלט — דאס איז א באריקאדע, א צװײ־קאמף, א פרײװיליקער בירגערקריג, א שאפונג אין דער צעשטערונג. און דער טעראר? עס מעג זײן מי יודע װי װײך זײן צופעליקע אנטפלעקונגפארם — שטענדיק האט ער א אגרעסיװן, אנגרײפנדיקן כאראקטער, ער איז פארשװוּנדעריש אין דער געװאלט. ער װײסט ניט פון קײן אינערלעכן קאמף, און לא די װאס ער שטרעבט ניט צו קײן זעלבסטבאגרענצונג, — זעט ער נאר װי צו פארברײטערן זײן ספערע. דורך דער אײנשרעקונג און טעראריזירונג פון א אומבאשטימטער צאל מענטשן (װאס איז מיט אים, פארשטײט זיך, פארבונדן) פארגרעסערט ער אף א קינצלעכן אופן זײן ספערע, ער דערלײכטערט זײן אויפגאבע דורכן ברוטאלן מיטל פון שטענדיקן קלאפ איבערן גאנצן כלל, און ס׳איז בא אים רעכט בעסער צו פאר׳משפט׳ן צען אומשולדיקע אײדער צו באפרײען אײן שולדיקן. ס׳פארשטײט זיך, אז קײן שום קרבן קאן מען אין אים ניט אײנזען, װײל זײנע טרעגער, װאס שטרעבן ניט צו זײן פארקירצונג, אײלן זיך ניט אויסצופירן אים אלײן, פארװאנדלענדיק אים אין א ביוראקראטישן פײניקונג־ענין. שאפנדיק זיך אלץ נײע און נײע שונאים און געפינענדיק זיך כסדר אין א מצב פון אנגריף, איז דער טעראר א שטענדיקער טרעגער פון שנאה און נקמה, פון קאמף קעגן דער ארדנונג װערט ער מגולגל אין א קאמף קעגן מענטשן. אויב די געװאלט איז א באריקאדע, איז דער טעראר — א פײניקונג־קאמער, דאס איז א מלוכה־קריג, א צעשטערונג אין דער שאפונג. די געװאלט איז קאנצענטרירט און אײנגעטיפט אין זיך אלײן; איר פנים איז צארנדיק, פײניק און פארטרויערט, װײל תמיד טראגט זי אין זיך דעם באװאוסטזײן װעגן דער אינערלעכער ציל פון אידעאל, דעם שטענדיקן אנדענק װעגן אים, דעם װאונש אים ניט מחלל צו זײן מיט א איבעריקן טראט. דער טעראר אבער איז צערלאסטשעט און חוצפה׳דיק, אויבערפלעכלעך און אן געדאנקען, און דער פרינציפ זײנער איז א גרימצארנדיקער, א מענטשן־פײנדלעכער. װײל ער װײסט ניט און װיל ניט װיסן פון קײן אינערלעכע געבאטן פון אידעאל און פון זײנע תביעות. דערפאר טאקע האבן די טרעגער פון דער געװאלט מיטלײד בא ענוײם און בלוט, זײ קרענקען מיטן צער פון די קרבנות, ניט שעמענדיק

זיך פאַר זייער שוואַכקייט. סטיכייאיש, אָן שום סיבות, פון דער „שטים פון פון בלוט" אַליין. דערביי שאַפן זיי אָבער אויך די זאַך פון דער רעוואָ־ ליוציע און זיינען ווייט פון יענעם מאָראַלישן נשמה־צושטאַנד, וואָס ווייסט נאָר פון די דאָזיקע רחמנות־געפילן און פאַרגעסט צוליב זיי די אַלגע־ מיינע צרה פון לעבן (טאָלסטאָוויצעס), אָדער פאַרלירט דעם מאַסשטאַב פון געוואַלט (רעפאָרמיסטן). די אַמאָראַליסטן פון טעראָר זיינען אָבער דאָס רוב פרעמד צו די געפילן אָדער זיי ווילן פון זיי ניט וויסן, און דער „סענ־ טימענטאַלער" טעראָריסט איז אין פלוג ניט משנה דעם אַלגעמיינעם בילד. דערפאַר איז די געוואַלט אפשר געפערלעך פאַרן סאָציאַליזם, זי איז אָבער ניט קיין טויט־געפאַר, דער טעראָר איז אָבער אַ סכנות־מות ממש.

מיר זאָגן נאָך אַ מאָל, אַז איינע און די זעלבע מעשים קענען זיינע אַנט־ פלעקונגען סיי פון טעראָר און סיי פון געוואַלט, און קיין שום אויספאָרשונג איז ניט בכח פעסטצושטעלן לכתחילה קיין נייע סימנים פון חילוק צווישן זיי. נאָר דער מאָראַלישער חוש (דאָס אונטערבאַוואוסטזיניקע געפיל פון הסכם צווישן די מעשים און דעם אידעאַל), וואָס איז פאַרשיידן בא פאַרשיידענע מענטשן, קאָן מאַכן אַ חילוק צווישן זיי לויט זייער דינאַמישער באַשטרעבונג. פאַראַן אָבער איין מין געוואַלט, וואָס אין אים שפיגלט זיך שטענדיק אָפּ דער טעראָר אַלס אַזעלכער, דאָס איז דער טויט־שטראָף, די מיתה פון באַזונגטן לויטן באַפעל פון זיגער. ווייל אויב מיר פאַראורטיילן איטלעכע געוואַלט ווייל זי הייבט אַ האַנט אַפן מענטשלעכן כבוד און פאַרשאַפט אים שמערצן, — איז דאָך די מיתה — די באַזייטיקונג פון לעבן — די דאָפּלטע, לעצטע און אַנט־ גילטיקע פגיעה אין מענטשן. און ווייטער — אין דער אָדער יענער מאָס קאָן מען דאָך יעדע געוואַלט מיט דער צייט מבטל מאַכן, מע קאָן געבן דעם מענטשן אַ אומערוואַרטענע אויפבלידונג אין עתיד (און דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס מכפר אַף די געוואַלט!), דאָס אַלץ איז אָבער נאָר כל זמן ס'איז אָפּגעהיט דעם מענטשנס לעבן. דער שטראָף אָבער, וואָס נעמט באַם מענטשן אָפּ זיין לעבן, דערנידעריקט אים אָן אַ שיעור שוין פאַרן טויט, שטעלנדיק אים אַ אומ־ באַהאָלפענעם און אומבאַוואָפנטן אונטערן חלף פון מענטשן (ניט פון דער כטיכיע אפילו); ער פאַרשאַפט אים די גרעסטע יסורים, לעשנדיק מיט כונה און איינמאָל פאַר אַלעמאָל די פייערס פון זיין לעבן. דער טויט־שטראָף דערנידעריקט און פאַרטיליקט זיין קרבן, גרייטנדיק זיך בפרהסיה; און כמעט אין דער זעלבער מאָס איז זי פוגע די אַלע, וואָס ווייסן פון איר, ווען זי ווערט דורכגעפירט פאַרבאַהאַלטענערהייט. אין אַלע אַנדערע געביטן פון געוואַלט, ווערט דער טעראָר דערקאָנט נאָר אין דער אינערלעכער באַשטרעבונג, אָדער אין דער גרעסטער קאָנדענסירונג פון געוויינטלעכן מין געוואַלט. דער טעראָר

האָט דאָרטן אָבער דעם זעלבן אָביעקט — דעם קעגנער (דעם מענטשן). באַ טויט-שטראָף פּאַרטיליקט דער טעראָר דעם ע צ ם אָביעקט גופא, ד. ה. ער דערגרייכט דעם מ אַ ק ס י מ ו ם פון גוואַלט, וואָס מע קאָן זיך פאָרשטעלן. דער גאַנצער גרויל פון טויט-שטראָף באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זיין החלטה און זיין טאַט איז שוין ניט צו פאַרבעסערן, אַז קיינמאָל וועט שוין קיינער ניט זיין בכח אָנצוצינדן פונדאָסניי די פאַרלאָשענע זון, און אַף אַזאַ אופן ווערט פאַראייביקט די דערנידערונג פון מענטשן און די עולה, וואָס מע איז באַגאַנגען. הרג'ען אַ מענטשן — דאָס איז אַלעמאָל דער ערגסטער נסיון פאַרן סאָציאַליזם. ווייל גייענדיק לשם דער אויפלעבונג פון לעבעדיקן מענטשן, שטויסט ער זיך דאָ אָן אַף זיין ערגסטער סתירה. אויב דאָס קומט אָבער פאָר אין שלאַכט, אין אַ באַריקאַדישער און דירעקטער מלחמה, וואו איטלעכער פון די קעגנער קאָן ווערן אי דער שלאָגער אי דער קרבן, וואו ס'איז ניטאָ קיין פאַראויס-באַשטימטע מפּלה, און ס'זיינען פאַראַן גלייכע האָפנונגען אַפן לעבן, ס'איז דעריבער ניטאָ קיין באַליידיקונג פון מענטשן — דאָרטן איז ניטאָ קיין טויט-שטראָף, ס'איז פאַראַן אַ קאַמף, און אין לויף פון קאַמף ווערט דאַכט זיך נעלם דער עזות'דיקער גייסט פון גוואַלט. אָבער טויט-שטראָף, — אַ מיתה פון אויבן, רואיקערהייט און לייכט, אָן אַ שום פאַרטיידיקונג אַלס ענטפער, אַזאַ טויט איז אַ אומדערלאָזבאַרע גוואַלט, דאָס איז — ט ע ר אָ ר. זיין צע-עסנדיקע ווירקונג פ אַ ר דעם אַקט, זיין לעצטע און גרעסטע מאַקסימאַלישקייט, די פולקומע אוממעגליכקייט אים אויסצובעסערן דערנאָך — דאָס אַלץ מאַכט אים פרעמד פאַר דעמיעניקן, וואָס זוכט די מ אָ ס פון דער גוואַלט. דערפאַר איז ער געבוירן, פאָראויס באַשטימט פאַרן טעראָר.

יאָ, וועט מען אונז זאָגן, ס'איז לייכט צו מאַכן אַ חילוק צווישן טעראָר און גוואַלט, אין טיפּזיניקער חקירות קאָן מען פירן די דאָזיקע פונאַנדערגרענצונג נאָך ווייטער. וואָס זשע זאָל מען אָבער טאָן אין דער ר ע אַ ל ע ר סביבה פון דער רעוואָליוציע? ווי זאָלן מיר טאָן, אויב גראַד דער טעראָר, און קודם-כל — דער טויט-שטראָף זיינען אונז נויטיק, בכדי צו פאַרפעסטיקן, צו פאַרזיכערן, אפילו צום ראַטעווען די רעוואָליוציע? וואָס טוט מען, אויב די נ ו צ ן פון דער רעוואָליוציע שטייען אין ניגוד מיט אונזערע מסכּנות? די רעוואָליוציע איז למשל ענג אַרומגערינגלט; עס בושעווען און שטורמען די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע כוואַליעס אַרום אירע נאָך ניט פאַרפעסטיקטע ווענט. די רעוואָליוציע, וואָס הייבט זיך לאַנגזאַם אויף פון דעם שוים, איז באַלאַגערט. ניט גענוג שטאַרק זיינען נאָך די הענט פון די קעמפער, ניט פעסט זייער גייסט, זיי גדענקען נאָך

די תאוות און באַדרויאונגען פון אַלטן לעבן. אין דער פעסטונג הערשט הונגער, גרויסע קרבנות דאַרף מען ברענגען בכדי מע זאָל איבערגיין צום נייעם, און פון דאָרטן, פון הינטער די ווענט, רופט מען צוריק צום אַלטן. קלוג און אכזריות׳דיק איז דער פיינט, זיינע מרגלים דרינגען דורך אפילו אין דער רעוואָליוציאָנערער מחנה, אַ שלאַפקייט גנב׳עט זיך אַריין אין דער נשמה און שעפטשעט וועגן אונטערגעבן זיך. דער פיינט קאָן אַ קלאַפ טאָן פון הינטן, ער קאָן צעשטערן די רייען, אַראָפשטופן די משא, וואָס מע האָט מיט אַזאַ מאַטערניש אַרויפבאַקומען אַף אויבן. און אָט איז געקומען אַ געפערלעכער מאָמענט, מע דאַרף האַנדלען גיך און ענערגיש, אַ פאַרשפעטיקונג, לאַנגזאַמקייט אָדער וואַקלעניש וועלן אַלץ אומברענגען... און דאָ הילכט אַ רוף צווישן די קעמפער: צום ט ע ר אָ ר! פאַרטיליקן, צעשמעטערן, באַזייטיקן דעם שונא אַף אייביק! די נוצן, נויטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט פון דער רעוואָליוציע פאָדערן עס, ווער זשע קאָן זיך שטעלן אַנטקעגן דעם דאָזיקן רוף *).

*) צי קומט ניט פאַר אַזאַ מין דיאַלאָג צווישן איוואַן און אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו? איוואַן זאָגט: „אָט לעבט אַ גענעראַל באַ זיך אין הויז מיט 2 טויזנט נפשות... הונדערטע רהינט... און אָט האָט אַ הויף־ייִנגל, אַ קליין ייִנגל פון 8 יאָר סך־הכל שפילנדיק זיך אַ יאָגעטאָן אַ שטיין און צעקלאַפט אַ פוס באַם גענעראַלס געליבטן געיעג־הונט. „פאַרוואָס הינקט מיין געליבטער הונט?“ זאָגט מען, אַז דאָס ייִנגל, הייסט עס, האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטיין, געטראָפן אים אין פוס. „אַ, דאָס ביסטו“, האָט אים דער גענעראַל באַקוקט: „נעמט אים!“ גענומען אים, גענומען באַ דער מאַמען, אַ גאַנצע נאַכט איז ער אָפגעזעסן פאַרשפאַרטערהייט, אַף מאָרגן פאַרטאָג פאָרט עס דער גענעראַל אַרויס אַפן געיעג אין פולן פאַראַד... אַרום האָט מען צונויפגענומען דעם גאַנצן הויף מענטשן, לשם מוסר, און פאַר אַלעמען — די מוטער פון דעם שולדיקן ייִנגל. פירט מען אַרויס דעם איינגל, אַ טונקלער, קאַלטער, נעפלדיקער האַרבסטאָג, ווי געבוירן פאַר אַ געיעג. דעם ייִנגל האָט דער גענעראַל געהייסן אויסטאָן, טוט מען אויס דאָס קינד אינגאַנצן נאַקעטערהייט, ציטערט ער, ניט באַם זינען פון שרעק, האָט מורא אַ פיפס טאָן... „יאָגט אים“ באַפעלט דער גענעראַל. „לויף, לויף“ שרייט מען אים צו. לויפט דאָס ייִנגל. „אַטו“ מאַכט דער גענעראַל אַ ויצעקן, און טוט עס אַ וואָרף אַף אים די גאַנצע עדה הינט. אַף דער מאַמעס אויגן האָט מען אים צום טויט פאַריאָגט, און די הינט האָבן אים אַף שטיקלעך צעריסן... דערנאָך האָט מען, דאַכט זיך, איבער גענעראַל באַשטימט אַ אַפטרופסות... נו? איז וואָס זשע טוט מען אים? צעשיסן? צעשיסן לשם דער באַפרידיקונג פון מאָראַלישן געפיל? זאָג, אַליאָשקע“. „צעשיסן“ האָט שטיל געזאָגט אַליאָשקע מיט אַ בלייכן, עפעס אַ מין צעקרימטן שמייכל. (דאָסטאָיעווסקי. די ברידער קאַראַמאַזאָוו).

**) צו אָפט פלעגט מען זיך סומך זיין אַף בלאָק׳ס „צוועלף“ בכדי מלמד זכות זיין אַפן טעראָר אין דער רעוואָליוציע. דערביי טייטשן אויס די פאָעמע פון פאַרשיידענע זייטן אָבער אַפן זעלבן אופן סיי די טעראָריסטן־פריינד פון

מיר קענען און מיר מוזן זיך דאָן שטעלן אַנטקעגן! ניט ווערן פאַרשפּורט דורך דער רגע פון שרעק און שנאה, זיך ניט לאָזן פאַרפירן דורכן פאַלשן רוף נאָך הילף, ניט איבער׳חזר׳ן מיט פאַרמאַכטע אויגן אַלע מעשים פון דער אַלטער וועלט. ווייל יאָגנדיק זיך נאָך דער רעטונג פון אונזער זאַך, קענען מיר נאָך אינגאַנצן פאַרלירן איר נשמה און זין. קוים ווען מיר איינמאָל אַרויסרופן דעם אונטעראירדישן גייסט פון אכזריות, איינמאָל אַרויסלאָזן פון די שטייגן אַף דער אַרענע די ניט איינגעשטילטע אינסטינקטן פון דער אוראַלטער חיה — איז שוין אַ גרויסע שאלה, צו וועלן מיר זיי ווידער באַהערשן. ניט אַלע זיינען דאָך געגליכן צו משה׳ן, וואָס ברענגט מיט זיך אין לעבן די לוחות נאָך אַ פערציק-טאָגעדיקן הונגער. פעלקער, וואָס בלאָנדזשען אום אין רעוואָליוציאָנערן מדבר, אויסגעברענט פון טרער, וועלן ניט ביישטיין דעם נסיון, ניט גובר זיין דעם יצר-הרע. געבוירענע פון טויטער לאַסט פון מדבר, וועלן אַזעלכע קעמפער ניט קומען אין הייליקן לאַנד אַלס לעבעדיקע שעפער פון סאָציאַליזם. קעגן דעם תכלית פון דער רעוואָליוציע, וועגן וועלכן עס ליאַרעמט אַזוי די שרייעדיקע ממשות׳דיקייט, טרעט אויף שטיל און אומבאַמערקט צוערשט דער אמת פון דער רעוואָליוציע, איר פאַרבאָרגענער געדאַנק. עס וועט זיך ענדיקן דער הייסער קאַמף, די מידע שווערדן וועלן זיך

דער רעוואָליוציע, סיי אירע שונאים. די ערשטע האָבן אָנגעוויזן אַף דעם, אַז בלאָק האָט אין געשטאַלט פון זיינע צוועלף רויטגוואַרדייער מלמד זכות געווען אַף אַלע געוואַלט-טאַטן און ווילדערייען פון דער רעוואָליוציע; אין דעם זין זיינען די צוועלף געווען פאַר זיי סימבאָלן, „אַפּאָסטאָלן“ פון דער רעוואָליוציע. די אַנדערע, די שונאים, האָבן אָפּגעלייקנט די רעוואָליוציע, ווייל זי האָט זיך פאַר זיי סימבאָליזירט אינגאַנצן אין ד צוועלף צעבושעוועטע רויטגוואַרדייער. אונז קומט עס אויס אַנדערש: ניט קוקנדיק אַף די מעשים פון זיינע צוועלף איז בלאָק מקבל געווען די רעוואָליוציע, און ניט צוליב זיי נאָר לשם די אַנדערע, די מיליאָניקע סטיכייאישע מאַסן, וואָס האָבן אַנדערש געשאַפן זייער באַפרייאונג, האָט ער איר זיין רעליגיעזע באַהייליקונג געגעבן. דער סימבאָל פון דער רעוואָליוציע איז געווען פאַר אים ניט אין די דאָזיקע צוועלף, נייערט אין יענע ניט-געזעענע, וואָס האָבן זיך ניט באַוויזן אפן גאַס אין דער ווילדער נאַכט. דער חילוק צווישן די טעראָריסטן פון דער רעוואָליוציע און די אַלע וואָס האָבן געפילט אַזוי ווי בלאָק (איך האָב דאָ ברעה איוואַנאָוו-ראַזומניק, אַנדריי בעלי א. אַנד.) באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע זיינען מלמד זכות אַף דער רעוואָליוציע אין אַלץ, די צווייטע אָבער אַקצעפּטירן איר. דעריבער באַציען זיך די ערשטע פּאַסיוו (אָדער נאָך ערגער) צו אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, די צווייטע ווילן אַקטיוו איר רייניקן, די צווייטע שטעלן מאָראַלישע פאָדערונגען פאַר דער רעוואָליוציע. דער סוף פון בלאָק׳ס לעבן האָט דערוויזן, אַז אין זייערע פאָדערונגען גייען זיי ניט אַף קיין פּשרות.

אַצי טאָן צוריק צו זייערע שיידלען, אויגן, פאַרבלענדעטע פון שרפות, וועלן ווידער ווערן זעהענדיק, — און דאן ערשט וועלן זיך ווייזן די פאָלגן פון דער באַליידיקונג פון דעם אָ אמת. דער „תכלית“, וואָס שטעלט אויף די קאָלאָנעס פון היכל, פרענט אים אינווייניק אויס. דער היכל וועט זיין ליידיק!

וואָס טוט מען אָבער, אויב מע קאָן ניט אַנדערש איינשטעלן די קאָלאָנעס פון היכל, אויב אָן דעם טעראָר קומט קיין זאַך ניט אַרויס? אף דעם האָבן מיר איין תשובה: דאן דאַרפן מיר די גאַנצע זאַך ניט האָבן! *דאַן זאגן מיר זיך אף א צייט אָפּ פון דער רעוואָליוציע און פון סאָציאַליזם.* הייסט עס אונזער צייט איז נאָך ניט געקומען, די מענטשן זיינען נאָך ניט רייף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אונזער זאַך; הייסט עס — די פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן שטייט נאָך ערשט פאָר אין עתיד. טאָ לאָמיר זיך בעסער מודה זיין, אַז מיר האָבן זיך טועה געווען אין חשבון פון דער צייט, איידער באַשטיין דוקא אף אונזער טעות און פאַרווירקלעכן אים מיט געוואַלט. בעסער מתקן זיין די טערמינען איידער געבוירן אַ פאַרזעעניש. יעמאָלט וועלן מיר זיך בעסער אומקערן צוריק צו אונזער ראָליע, צו דער דערציאונג פון רעוואָליוציאָנערן באַוואוסטזיין, צום סאָציאַליסטישן פרעדיגט, צו דער אָנפירונג אין דעם אָנוואַקסנדיקן קאַמף. בעסער איז צו האָבן פאַר זיך אין אונזער וועג דעם שיינעם פרצוף פון סאָציאַליזם, איידער שלעפן הינטער זיך זיין צעקאַלעטשעטן גוף. יעמאָלט איז עס ניט קיין קאַפּיטוליאַציע פון אונזער צד, נאָר ס׳איז אונזער טריאומף. ווייל בעת מיר טרעטן אָפּ פון דער תיכפ׳דיקער שאַפונג, טוען מיר עס נאָר בכדי בעסער צוצוגרייטן די דאָזיקע שאַפונג אָן טעראָר. — איז אָבער עפּעס אַזוינס מעגלעך?

אויב איך וואָלט געהאַלטן אַז אָן דעם טעראָר וואָלט דער סאָציאַליזם בכלל אויך שפּעטער קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן, וואָלט איך זיך אויך פון אים *אָפּגעזאָגט* אַף אַלעמאָל. ווייל ניט דערפאַר צעברעכט מען די קייטן פון די פיס, בכדי צעשלאָגן מיטן האַמער די פיס, דעם גוף און די נשמה פון די געפאַנגענע. און אויב ס׳וואָלט געווען נאָר איין וועג — בונד זיין אין דעם אינערלעכן מהות לשם דעם אויסערלעכן דערפאָלג — וואָלט איך ניט איין רגע ניט געהאַלטן פון דעם דערפאָלג, און „מיטן גרעסטן דרך־ארץ גיב איך אָפּ צוריק דעם בילעט“ פון אַ סאָציאַליסט. מיר זיינען אָבער איבערצייגט און גלויבן, אַז נאָר דאָרטן דוכט זיך דער טעראָר אויס פאַר אַ נויטווענדיקייט, וואו דער סאָציאַליזם איז נאָך ניט צוגעגרייט דורך דער אַנטוויקלונג פון דעם *מענשן* הגם עס איז שוין פאַראַן די עקאָנאָמישע רייפקייט, (און וואו דער דערפאָלג פון סאָציאַליזם דאַרף זיך דורכלייגן אַ וועג ניט נאָר דורכ׳ן כח פון זיינע דירעקטע קעגנער, נייערט אויך דורך די אינערלעכע שוואַכקייט פון די אַרבעטענדע אַליין).

אָבער גראד דאַן, בעת ער איז ניט צוגעגרייט דורך די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די מענטשן, וועט אים דער טעראָר לחלוטין ניט העלפן. דערשלאָגנדיק זיך צו דער אויסערלעכער טעכנישער הצלחה, וועט ער זיך אָנשטויסן אַף אַ אינערלעכע מאָראַלישע קאַטאַסטראָפע. אויב אָבער דער סאָציאַליזם אַלס אידעע און מאָראַלישע שטרעבונג וועט זיך דורכפלעכטן מיט די ברענענדיקסטע לעבנס־הצטרכותן און וועט אַף אַנ'אמת'ן באַהערשן די באַוואוסטזיין'ס פון די מענטשן (אָדער ריכטיקער — די מענטשלעכע באַוואוסטזיינס וועלן אַליין טיפער אָנזאַפן מיט זיך די אידעע פון סאָציאַליזם), יעמאָלט וועלן זיי שוין אין זייער רעוואָליוציע ניט זוכן דעם טעראָר, — דעם לייכטן, דעם לייכטסטן מיטל פון קאַמף. אָנשטויסנדיק זיך אַף אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד דער אַלטער וועלט, וועלן די קעמפער פאַר דער נייער וועלט פ אַ ר ל ע נ ג ע ר ן זייער וועג, זיי וועלן לאַווירן און זוכן אַנדערע קאָמפּליצירטע קאַמף־מיטלען. אָפּטרעטנדיק וועלן זיי גיין פאָראויס. ווייל זיי געדענקען דעם אינערלעכן זין פון קאַמף, זיי ווייסן, אַז דער לאַנגער וועג — איז דער קירצסטער.

צום גליק, איז עס אויך איצט אַזוי. אונזער תקופה — איז די צייט פון גרויסן רייף־ווערן פון נשות, וואָס ווערן געשטאַרקט און געלויטערט אין צער און צאָרן. אָט דער פּראָצעס קאָן פאַרטיפט און פאַראיידלט ווערן. אמת, די גרויסע מלחמה האָט אויסגעלערנט דעם מענטשן אכזריות, נאָר גראד אין די, וואָס זיינען געלייגן אין די טראַנשייען און האָבן אין די שרעקלעכע און פייניקע טעג פון קריג איינגעזעהן איר גאַנצע אונמענטשלעכקייט און דערקענט — אינסטינקטיוו אָדער באַוואוסטזיניק, פון שטאַנדפּונקט פון פאַרשיידענע אידעאַלן — אַ אייגענעם ברודער אין דעם שונא, — גראד אין זיי האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ נייע, נאָך ניט געוועזענע פריער ג ו ט ס ק י י ט. דאָס דאָזיקע שטורמישע רייף־ווערן איז שוין אין דער רוסישער רעוואָליוציע געווען, עס איז שוין אַ היסטאָרישער פאַקט, עס עקזיסטירט אויך איצט אונטער די דיקע שיכטן פון טעראָר. און ס'קאָן זיין אַפילו, אַז די אָפּרייניקונג פון טעראָר און די אויסלעזונג פון זיינע הענט וועט איצט זיין אַ נייער סטימול פאַר דער דערהייבונג פון די נשמות. דערפאַר שטייט ניט פאַר אונז די דילעם, וואָס איז מחלל דעם מענטשן, און וואָס איז פאַר אונז געשטאַנען בנוגע צו דער ג ע וו אַ ל ט: אָדער אַ רעוואָליוציע מיט טעראָר — אָדער די אַלטע וועלט. אָנערקענענדיק יענע דילעם (וועגן געוואַלט), האָבן מיר געזוכט און פאַרמאָגט איר גובר צו זיין מיטן באַוואוסטזיניקן כאַראַקטער פון דער געוואַלט, מיט איר רעטנדיקן אָנדענק וועגן די צילן פון סאָציאַליזם, און איר ר צ ו ן זיך אַליין צו פאַרניכטן. די געוואַלט אַליין באַזייטיקט אין איר דינאַמיק די דילעם און ברענגט אַ דריטן אויספיר צום נצחון — די נייע וועלט. דערפאַר טאַקע איז אין איר ע צ ם מ ע ש ה ניטאָ

קיין טויט־סכנה פאַר'ן גייסט פון סאָציאַליזם. די דילעם אָבער בנוגע דעם טעראָר איז פאַר אונז לחלוטין ניט אנעמבאַר, ווייל ניט מיטן באַוואוסטזיין ניט מיט אָנדענק איז דער טעראָר ניט פאַרבונדן מיטן גייסט פון אידעאַל, וואָס איז פאַר אים אַ טויט, ווייל לויטן עצם מהות שטרעבט ער ניט צו קיין זעלבסט־באַגרענצונג און פאַרנעמט דעריבער מיט אַ טויט־קראַנקייט די מענטשלעכע נשמה. דערפאַר ווערט די דילעם ניט ליקווידירט אין דעם דריטן אויספיר, נאָר אומגעקערט — זי ווערט דורך אים אויסגעגלייכט, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גלייכהייט; אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג ווערט דער טעראָר אַליין — די „אַלטע וועלט" גופא, וואָס איז פריער געווען זיין קעגנזאַץ.

און דאָ טאַקע, אין דער דאָזיקער החלטה איז דער זעניט פון מאָראַלישן נסיון פון דער רעוואָלוציע. די דילעם — טעראָר, אָדער גאָרניט — אַקצעפטירן מיר ניט. די איבערגאַנג־תקופה קאָן ניט ווערן קיין מאָראַלישער מדבר, פון וועלכן דער מענטש זאָל אַ נאַקעטער קומען אין געבענטשטן לאַנד, זי איז — אַ פרוזדור, וואָס אין אים גרייט דער מענטש צו זיך און זיין דור צו דער ארץ־הקודש. פון שטאַנדפונקט פון צוועקמעסיקייט און נוצלעכקייט מוז זיך דער תכלית אונטערגעבן דער עטיק פון סאָציאַליזם. אויב ניט — וועט די צוועקמעסיקייט זיין ניט צוועקמעסיק און די נוצלעכקייט — ניט נוצלעך.

ס'פאַרשטייט זיך — און דאָס איז באַשיינפערלעך פאַר יעדערן, — אַז אויך אין אונזער אינערלעך־מאָראַלישן שטאַנדפונקט איז פאַראַן אַ פאָזיציע פון „נוצן". ווי זאָגן מיר? מיר האָבן געזאָגט, אַז יאָגנדיק זיך נאָך דער אויסערלעכער דערגרייכונג פון ציל, פאַרלירט דער טעראָר איר אינערלעכן זין, דעריבער פאַרלירט ער איר אינגאַנצן. מיר האָבן אונזערע טענות צום טעראָר ניט דערפאַר נאָר, וואָס ער באַליידיקט אונזערע געפילן און איז פוגע אין אונזער באַוואוסטזיין *), נייערט אויך דערפאַר, וואָס ער צעברעכט אין תוך די עצם־דערגרייכונג פון סאָציאַליזם, ווייל ער איז פאַר אים שעדלעך און געפערלעך אין אַ פיל־טיפערן זין. יאָ, אַזוי איז עס; און טאַקע ב'אמת'ן האָבן מיר די גאַנצע צייט געהאַט אין זינען נאָר די נוצן פון דער רעוואָלוציע. אָבער די אינערלעכע נוצן, און ניט די טעכנישע, פאַרטיפטע־אייביקע נוצן, און ניט די אויבערפלעכלעך־פאַרבייגייענדיקע, און דער דאָזיקער נוצן־שטאַנדפונקט פאַלט טאַקע לגמרי צונויף מיטן שטאַנדפונקט פון מאָראַל. פאַר די „טעכנישע" רעוואָלוציאָנערן איז גענוג, אַז איטלעכער מיטל זאָל האָבן איין מעלה, פאַר אונז דאַרף ער האָבן צוויי.

*) דאָס האָבן מיר אויבן אָנגערופט מיטן נאָמען „מאָראַלישער סענטימענטאַליזם".

ווייל פונקט ווי זיי זיינען מיר פאַראינטערעסירט אין דער *טעכנישער* נוצלעכקייט פון די קאַמף-מיטלען (דערפאַר זיינען מיר מסכים אַף געוואַלט-מיטלען), מיר שטעלן אָבער די לאָגישע און עטישע טראָפּ אַף די *מאָראַלישע* נוצן *).

און דאָ קומט די ערדישע צוציאונג פון אונזער זעניט — אָפּוואַרפנדיק די טעראָריסטישע פאַרקריפּלטקייטן פון דער רעוואָליוציע, אַקצעפּטירן מיר אָבער איגנאַנצן די געוואַלט אין איר. מיר האָבן ניט קיין שום באַרעכטיקונג פאַר איר, מיר האָבן אָבער די שטרעבונג איר גובר צו זיין. טאָ זאָל זשע כאָטש די אָ שטרעבונג זיין פאַר דער רעוואָליוציע אַ זיכערע שוץ פאַר זיך אַליין. קיין איין איבעריקן טראָפּן בלוט, קיין איין איבעריקן קרעכץ, קיין איין אומזיסטן טרער פון אַ קינד. דער כוס פון דער רעוואָליוציע איז ביז די ברעגעס פול מיט טרערן און פיין, און פון אונז הענגט אָפּ, אַז ניט איין איבעריקער טראָפּן זאָל זיך ניט איבערגעריסן איבער די ברעגעס, צוברעכנדיק דערביי אין שערבלעך די גאַנצע זאַך. אַ שטראַלנדיקער שווערד אין דער האַנט, אַ אויפבליענדיקער בלום אין האַרצן — דאָס איז דער געשטאַלט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע.

.XXI

מיר האָבן נאָך צו באַהאַנדלען אַ גאַנצע רייע ראיות און טענות, וואָס ווערן כסדר באַנוצט בכדי צו פאַרטיידיקן דעם טעראָר, אַלס סיסטעם. אייגנטלעך, האָבן מיר שוין פאַרענדיקט דעם הויפּט-פּאָדים פון אונזער חקירה: מיר האָבן דערוויזן, אַז דער טעראָר איז אומניצלעך *טעכניש* און איז *מאָראַליש* ניט-דערלאָזבאַר. אויב מיר האָבן איבערצייגט — פאַלן ממילא אָפּ די אַלע טענות. מע דאַרף אָבער באַטראַכטן געדולדיק איינע נאָך דער אַנדערער די אַלע פאַרשיידענע טענות און ראיות (צווישן זיי אויך די „תכלית"-ראיות), די אָדער יענע פון זיי קאָן אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון דער רעוואָליוציע שפּילן באַ דעם אָדער יענעם פירער אַ געפערלעכע, פאַלש-איבערצייגנדיקע ראָליע.

---

*) עס ווערט שוין קלאָר, וואָס פאַר אַ לאָגישן ווערט עס האָט די טענה קעגן די קריטיקער פון טעראָר, וואָס ווערט באַנוצט אַזוי אָפט און מיט אַזאַ בטול: דאָס איז סענטימענטאַליזם, אומצופרידענע דרשות פון ישישים, וכ'ד. די מענטשן פאַרשטייען ניט, אַז דאָ האַנדלט זיך ווען די *זעלבע נוצן*, פאַר וועלכע זיי בוקן זיך אַזוי, אָבער אין אַ טיפער-גענומענעם זין. דער טעראָר, וואָס שלאָגט איבער די געפילן, צעשטערט אין דער זעלבער צייט דעם מהות פון אָביעקט פון די אויסרעלעכע נוצן.

א) אָפּטמאָלס באַרופט מען זיך באַם טעראָר אַפן רצון פון די אַרבעטער אַליין, פון דעם אַרבעטער קלאַס. „ווען די ראַטן־אָרגאַניזאַציעס וואָלטן ניט געהאַט גערופן כסדר צו אָרדנונג, — האָט עמיצער געשריבן אין 1918 יאָר *) — ווען די אַרבעטער־מאַסן וואָלטן ניט פאַרמאָגט די זיכערקייט, אַז די אַרבעטער־מאַכט וועט זיין בכח צו ענטפערן אַפן קלאַפּ — וואָלטן מיר געהאַט פאַר זיך אַ מאַסן־פּאָגראָם פון דער בורזשואַזיע". — „אין דער סביבה פון קלאַסן־עבדות — האָט געשריבן אַ צווייטער — איז שווער אויסצולערנען די אונטערדריקטע מאַסן גוטע מאַנערן. צערייצטע און אויפגעבראַכטע, הייבן זיי אָן טאָן מיט אַ שייטל האָלץ, מיט אַ שטיין, מיט פייער און שטריק" **). און די רעוואָליוציע מאַכט, הייסט עס, פירט אויס כלומערשט ניט איר אייגענעם בייזן ווילן, ניט זיך אַליין, נאָר דעם רצון פון די אַרבעטענדע, וואָס זייער וואָרט — איז אַ געזעץ פאַר דער רעוואָליוציע. מיר קענען אָבער ניט מסכים זיין אַף דעם טייטלען אַף יענעם, אַף דעם פרוב איבערלעגן די אחריות אַף אַנדערע פּלייצעס. ווייל קודם כל — איז ניט יעדער וואונש און טאַט פון די אַרבעטענדע אַ געזעץ פאַר'ן סאָציאַליזם. ניט אַלץ איז דעם פּראָלעטאַריאַט מותר. זיינע ליידן און שטאָלצע שטרעבונגען באַפרייען אים נאָך לגמרי ניט פון דער מאָראַלישער לאַסט פון ציל און זיין וועג. „שאַף זיך ניט קיין אָפּגאָט" — אַפילו פון דעם אויפשטייענדיקן קלאַס; — דאָס דאַרף זיין פאַר אונז אַ כלל אין פראַגן פון דער רעוואָליוציע. אין אַ סך, זייער אַ סך פּרטים איז דער וועלט־באַפרייער — דער אַרבעטער ענלעך צום בורזשואַ. צו אָפט ווערן זיינע וואונשן אין זייער פאַרקערפּערונג קנעכטיש קאָפּירט פון דעם אָפּגעשטויסטן און פאַרהאַסטן באַלעבאַטישן לייוונט. אויב ס'וואָלט ביים אַרבעטער געווען בנמצא אָדער בולט זיך אַרויסגעוויזן די שטרעבונג צום טעראָר, וואָלט עס געווען נאָר דער ערגסטער מין פון דער האָזיקער נאָכמאַכונג. די זינדיקע געשיכטע פון דורות האָט אָפּטמאָלס פאַרקריפּלט ניט נאָר די אונטערדריקער נייערט אויך די אונטערדריקטע. אין דעם אונטערדריקטן קנעכט זיצט דאָך אויך אָפט נאָר אַ הערשער, וואָס וואַרט אַף זיין שעה *). אַף ביידע פּאָליוסן פון דער געזעלשאַפט איז די נאַטור פון מענטשן צעקריפּלט, און ניט אַף יעדער באַוועגונג פון דעם אַרבעטס־מענטשן רוט די שכינה פון קומענדיקן אמת. דער סאָציאַליזם מוז זיך

*) ק. ראַדעק «Красный террор» איזוועסטיאַ № 192 ,18. IX. 6.

**) ל. טראָצקי «Терроризм и коммунизм»

*) דער שווערער, דער פולע יאוש־וועג פון די לעצטע רעוואָליוציעס (די רוסישע און די דייטשע) האָט אונז געגעבן אַ סך משלים פון דעם מין אַרבעטער־אַריסטאָקראַטן, הערשער, וואָס שטאַמען פון צעבונטעוועטע עבדים, פאַרביסענע גלגולים פון דער בורזשואַזיע.

אין דעם אָפֿן מודה זיין, אויב ער שטרעבט צו דער באַפרייאונג פון מענטשן, און ניט נאָר פון פּראָלעטאַריער אַליין. „מע מוז אָפֿן אויפדעקן יעדע געמיינ-הייט, — האָט אַמאָל געשריבן גאָרקי, — און אויב אַנ'אַרבעטער זאָגט: איך בין אַ פּראָלעטאַריער! — מיטן זעלטן עקלהאַפטן טאָן פון אַ קאַסטע-מענטשן, ווי אַנ'אַדלמאַן, וואָס גרויסט זיך מיט זיין יחוס — דאַרף מען אים אומרחמנות'דיק אויסלאַכן“. געווים אַזוי, ווייל ניט אין איינצעלנעם און יעדן אַרבעטער איז דער אמת, דעם אמת טראָגט נאָר דער גאַנצער אַ ר ב ע ט ע ר-קלאַס. מיר האַלטן פון אים אַזוי שטאַרק נאָר דערפאַר, ווייל די ציל וואָס ער קאָן שטעלן פאַר זיך און וואָס ער שטעלט איז פאַר אונז הייליק. דער סאָציאַליזם, די מענטשלעכע באַפרייאונג — דאָס איז פאַר אים פערזענלעך אַ קלאַסן-ענין, אין דער זעלבער צייט איז עס אָבער אַ אַלמענטשלעכע זאַך. זיין גליק באַשטייט אין דעם, וואָס זיין קלאַסן-עגאָאיזם ווערט לויט זיין עצם פּראַוואַנדלט אין אַ אַלוועלטלעכן אַלטרואיזם. און דערפאַר איז דער טרעגער פון דער ציל, — דער אַרבעטער-קלאַס, פאַר אונז אָביעקטיוו-היסטאָריש גוט און פולקום. דערפאַר ליבן מיר דעם אַרבעטס-קלאַס, דערפאַר גלויבן מיר אין אים. פון דער דאָזיקער שליחות זיינער קאָן נאָך אָבער פאַר אונז ניט זיין געדרונגען קיין פאַרנעטערונג פון קלאַס, פון זיינע איינצעלנע מיטגלידער. דעם אָרעמסטן און דעם רייכסטן זאָגן מיר אין פנים דעם גאַנצן אמת *).

ווענן דער זעלבער פראַגע האָט זשאָרעס געזאָגט: „דער אינסטינקטיווער אידעאַליזם, וואָס פירט דעם אַרבעטער צום אמת, שטייט אין הסכם מיט זיינע אינטערעסן. געווים זיינען אין פּראָלעטאַריאַט פאַראַן אַ סך מחות, וואָס זיינען צעקוועטשט דורך דער קנעכטישער פּראַציע און פאַרשאָטן מיט בורזשואַזע פאָראורטיילן. ס'זיינען אויך אויסערן פּראָלעטאַריאַט פאַראַן אַ סך שטאַרקע און מוטיקע דענקער, וואָס שטעלן דעם אמת העכער פון אַלץ. אין אַלגעמיין אָבער געפינט זיך נאָר דער פּראָלעטאַריאַט אַליין אין אַ פולער האַרמאָניע מיטן אמת. דער אַרבעטער-קלאַס איז אַנ'אמת'דיקער אינטעלעקטועלער קלאַס, ניט קוקנדיק אַף זיין אומבאַוואוסטזיניקייט און עם-הארצות, ווייל ער נויטיקט זיך קיינמאָל ניט אין קיין ליגן“ **) בשום אופן ואופן קאָן אונז אָבער דער דאָזיקער אָביעקטיווער אידעאַליזם פון אַרבעטער-קלאַס ניט צווינגען, מיר זאָלן אים אין אַלץ פאָלגן, אַפילו אויב ער וואָלט געוואָלט זיין אַ ט ע ר אָ ר י ס ט. נאָר די אידעע פון סאָציאַליזם אַליין קאָן פאַר אונז זיין אַנטשיידנדיק.

---

*) גוט איז געזאָגט אין דער תורה, אַז דער ריכטער דאַרף ניט נושא-פנים זיין... דעם אָרעמען. „לא תשא בני דל בריבו“. (ניט נושא פנים זיין דעם רייכן — דאָס איז אַ מיטעלע גוטע מדה, און דעם אָרעמען — די העכסטע).

Ch. Rappoport: J Jaurès 50, 51. (**

דעם 14=טן יולי 1789, בעת עס איז גענומען געוואָרן באַסטיליע און דער טריומפירנדיקער המון האָט געטראָגן אַף פּיקעס די קעפּ פון זיינע שונאים, איז בײַ דער פּראָצעסיע בייגעווען באַבעף, דער ערשטער רעוואָליוציאָנער=סאָציאַליסט פון 19=טן יאָרהונדערט. און אָט וואָס ער האָט אין זעלביקן טאָג געשריבן צו זיין פרוי: „איך האָב געזעהן, ווי מע האָט געטראָגן אַף אַ שפּיז דעם קאָפּ פון שווער (פולאָן) און הינטער אים איז געגאַנגען דער איידעם (בערטיע) אונטער אַ קאָנוואָי פון העכער 1000 באַוואָפנטע מענטשן; פאַר אַלעמען אין די אויגן איז ער אַזוי דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן וועג, און אַ צווייהונדערט=טויזנט=קעפּיקער המון האָט זיך געהאַלומעט איבער אים און האָט אויסגעדריקט זיין פרייד. אָ, וואָס פאַר צער עס האָט מיר פאַרשאַפן די דאָזיקע פרייד! (דער קורסיוו איז מיינער). אין איינער און דערזעלבער צייט בין איך געווען באַפרידיקט און אומצופרידן; איך האָב צו זיך געזאָגט: גם זו לטובה, און גם זו לרעה, איך פאַרשטיי, אַז דאָס פאָלק טוט זיין משפּט, און דעם משפּט אָנערקען איך, בעת ער פאַרטיליקט די שולדיקע. צי קאָן ער אָבער ניט זיין אכזריות׳דיק אין אונזער צייט? מיר האָבן אַזעלכע שרעקלעכע זיטן! די אַלע טויט=שטראָפן, עינויים, עשאַפאָטן און די מחנות הענקער האָבן אונז אַזוי שלעכט דערצויגן! אָנשטאָט אונז צו ציוויליזירן, האָבן אונזערע הערשער פאַרוואַנדלט אונז אין באַרבאַרן, ווייל זיי אַליין זיינען באַרבאַריש. זיי שניידן, און וועלן שניידן דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין פאַרזייט. ווייל דאָס אַלץ, מיין אָרעמע ליבע פרוי, וועט ברענגען צו די שרעקלעכסטע רעזולטאַטן. מיר זעהן פאַר זיך יעצט נאָר דעם אָנהייב“. ברענגענדיק די דאָזיקע ווערטער איז זשאָרעס מוסיף*): „און איר, פּראָלעטאַריער, געדענקט, אַז אכזריות — דאָס איז אַ רעשט פון דער קנעכטשאַפט, ווייל זי באַווייזט, אַז אין אונז אַליין לעבט די באַרבאַרישקייט, וואָס איז שייך צום אונטערדריקער=רעזשים. געדענקט, אַז אין 1789 יאָר, בעת דער המון אַרבעטער און בורזשואַ האָט זיך אַף אַ רגע פאַרגעסן אין שכרות פון בלוט, האָט דווקא דער ערשטער קאָמוניסט, דער ערשטער פון די גרעסטע באַפרייער פון פּראָלעטאַריאַט דערפילט, ווי זיין האַרץ ווערט פאַרקלעמט פאַר ווייטאָג... און וואָס פאַר אַ שטאָלץ און זיסע האָפנונג עס איז פאַר אונז צו הערן אין דער גרויזאַמער צייט פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע מענטשלעכע און קלוגע רייד גראַד פון מויל פון דעם, ווער עס האָט באַשאַפן דעם מאָדערנעם קאָמוניזם!“

און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — דער רב בנין פון די אמת׳דיקע אַרבעטער, פון מענטשן, וואָס לעבן אין אַרבעט, וויל גאָר דעם טעראָר ניט האָבן. צו׳שדכ׳נען זיי צום טעראָר — דאָס הייסט מאַכן אַ בלבול.

*) זשאָרעס, סאָציאַליסטישע געשיכטע I באַנד (אין פראַנצויזיש).

בעת איינער פון די פּאַרטייזדיקער פון רויטן טעראָר האָט אין 1918 יאָר געוואָלט דערווייזן, אַז די אַרבעטער אַליין דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט זיין פאַרווירקלעכונג, האָט ער גע'טענ'עט, אַז „פינף עורבים פון דער בורזשואַזיע, צעשאָסענע אַפן סמך פון אַ עפענטלעכן פּסק־דין פון פלענום פון אָרטיקן סאָוועט אין דער אַ נ ו ו ע ז נ ה י י ט פון טויזנטער אַרבעטער, וואָס גיבן זייער הסכמה צו דעם אַקט — איז אַ שטאַרקערער אַקט פון מאַסן־טעראָר, איידער די צעשיסונג פון פינף הונדערט מענטשן לויטן באַשלוס פון טשעקאַ אָן דעם אָנטייל פון די אַרבעטער־מאַסן" *) מיר לאָזן איבער דעם דאָזיקן מענטשן דאָס רעכט צו פּסק'ען, וואָס פאַר אַנ'אַקט פון טעראָר איז „שטאַרקער", מיר מוזן אָבער מודה זיין: מע מאַכט דאָ אַ בלבול אַף די אַרבעטס־מענטשן. צום גליק שטאַמען די אַלע פּראָעקטן און חשבונות פון קאַניבאַליזם פון מענטשן, וואָס האָבן ניט דורכגעמאַכט די האַרבע שול פון אַרבעט און נויט און פון מיטלייד צו אַנדערע, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן. דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־מענטש איז אין זיין נשמה ריינער און אָרנטלעכער פון אַנדערע: פונקט ווי די היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר זיין קלאַס, וואָלט זיך אינסטינקטיוו אָפּגעשפּיגלט אויך אין דער נאַטור פון איטלעכן אַרבעטס־מענטש. ווי אַ לעבעדיקער פייער ברענט אין אים כסדר דער טרויער וועגן זיין אָרעמען, טונקעלן לעבן און דער דראַנג צו אַנ'אַנדערן, אַ שענערן לעבן און דער מיטלייד צו איטלעכן אין זיין צרה. דערפאַר טאַקע רופט דאָס רוסיש פאָלק אָן די אַרעסטאַנטן „די נעבעכ'לעך", די „אומגליקלעכע". און פאַר אומגליקלעכע האָט ער געהאַלטן אויך זיינע שונאים, באַזיגטע דורך דער רעוואָלוציע. אַחוץ די זעלבסגעריכטן, וואָס טראָגן זיך דורך ווי אַ קראַנקער שטורם אין די אומרואיקע ציטן, הערן מיר ניט פאַר די אַלע יאָרן וועגן קיין „פאָלקס־אָפּרעכענונגען" מיט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וועגן אָפּרעכנונגען אַלס סיסטעם. דאָס אַרבעטס־פאָלק ווייסט פון רחמנות צום באַזיגטן. וואָס פאַר אַ גרויסמוטיקייט עס האָט געהערשט אין די טריבונאַלן פון דער ערשטער תקופה פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דער אמת'דיקער תקופה פון דער קאָמונע! אומזיסט האָבן די באַזיגטע אַזוי מורא געהאַט פאַר יענע טריבונאַלן מחמת זייער נאָמען: אין זיי האָבן דאָך גע'משפט די אַרבעטער אַליין! די ערשטע פּאָרזיצער פון פּעטראָגראַדער טריבונאַל זיינען געווען באָלשעוויקעס — אַרבעטער — זשוקאָוו און זאָרין. און צענדליקער און הונדערטער גע'משפּט'ע ווייסן, וויפיל אויפריכטיקייט, רחמנות און ערלעכקייט די ערשטע אַרבעטער־ריכטער האָבן אַריינגעלייגט אין זייער גורל און אין זייער פּסק־דינים. ניט אומזיסט האָט מען שפּעטער, אָנהייבנדיק דעם טעראָר, געשאַפן טריבונאַלן מיט ריכטער, באַ ש ט י מ ט ע פ ו ן א ו י ב ן. ריכטער,

*) ק. ראַדעק. Ibid.

געקליבענע לויטן גורל — די שטאָלץ פון דער פאָלקס־רעוואָליוציע, — זיינען געוואָרן געפערלעך און מע האָט זיך אַף זיי ניט געקאָנט פאַרלאָזן. ניט קיין צופאַל איז, אַז יידישע אַרבעטער האָבן אין מסטיסלאַוו ניט דערלאָזן פאַרמשפט'ן צום טויט אַ געכאַפטן גנב; און בעת מע האָט אים שוין פאַרמשפט, האָט מען אים גענומען פון דער טורמע, געצוואונגען צו מאַכן נאָך אַ משפט איבער אים אָפן פלאַץ, און אַרויסטראָגנדיק אַ צווייטן ווייכערן פסק־דין אָפגעפירט אים מיט טריומף צוריק אין טורמע אַריין — אין־יאָר 1918. און ניט אומזיסט זיינען געווען דער ציטער, און צאָרן און שטורם פון שטימען אַף אַ מיטינג אין מאָסקווע אין פרילינג 18־טן יאָר, בעת זייער אַ אייגענער רעדנער האָט אַ זאָג געטאָן, מע זאָל שטעלן מאַראָדערן „צו דער וואַנט“. און שטענדיק וועל איך געדענקען, ווי אין דעם סאַמע ברען פון די שלאַכטן מיט די גענעראַלן, זיינען אַרבעטער־קאָזאַקן אין טיכאָרעצקאַיאַ מיט מיר מסכים געווען אַז מע טאָר ניט הרג'ען קיין געפאַנגענע, וועלכע וועלן אפשר מאָרגן זיי אַליין צעשיסן.

ניט פון פאָלק, נייערט פון די אַלטע קלאַסן שטאַמט די אכזריות. בעת איך בין געזעצן אין טורמע, האָב איך זיך גע'חידושט, ווי מיר, סאָציאַליסטן, זייענדיק אַבסאָליוטע קעגנער פון טויט שטראָף, האָבן געליטן דעם גרעסטן צער בײַ די צעשיסונגען פון קרימינאַלע פאַרברעכער, און די בורזשואַזע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן — וואָס זייגען מיט אונז געזעצן, האָבן אין דעם פרט באַרעכטיקט די באָלשעוויקעס. אויך אין דער רעוואָליוציע איז פאַר דער בורזשואַזיע דער טויט־שטראָף — אַ שטייגער זאַך. ניט קיין צופאַל איז, אַז אין די לענדער, וואו זי באַהערשט די רעוואָליוציע, (דייטשלאַנד, למשל), הרג'עט ניט דער פראָלעטאַריאַט נאָר די בורזשואַזיע אין אַ שיעור די אַרבעטער־פירער פון הינטערן־ראָג (ליבקנעכט, ליוקסעמבורג, אייסנער, האַאַזע, גאַרייז, לאַנדאַוער).

דער טעראָר פון די לעצטע יאָרן איז געגאַנגען ניט פון די אַרבעטער נאָר צו זיי, ער פלעגט ווערן קינסטליך א י נ ג ע פ ל אַ נ צ ט פון אויבן דורך אַ טייל פון דער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אין אַ מאָמענט פון גרימצאָרן קאָן דאָס פאָלק זיין אימפולסיוו־אכזריות'דיק, אָבער גיך פאַרגייט זיין כעס, און אין זיין צאָרן איז ער ניט סיסטעמאַטיש־עקשנותדיק און קאַלט. אין פלוג גענומען, איז עס אפשר אַזוי געווען אויך בעת דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. די רעוווקאָמען פון די טעראָריסטן זיינען אין איר געווען נאָר אַ טראָפן, און דער בלוטיגער סעפטעמבער — ניט מער ווי אַ עפיזאָד. ווי יעדע קינסטלעך־צוגעטראַכטע זאַך, איז די סיסטעם פון אונזער טעראָר געווען אָפגעמאָסטן — ניכטער, אַריטמעטיש — אויסגעחשבונ'ט, זי פלעגט זיך אָנהייבן מיט אַ געמאַכטער שנאה און זיך פאַרענדיקן לויט אַ געגעבענעם סיגנאַל. דערפאַר איז דער סימבאָל פון אונזער טעראָר — ניט די

װילנלאָזע שכרות מיט בלוט, ניט קײן סטיכײאיש־צערײצטער פּרצוף, נאָר אַ אײַז־קאַלטע מאַסקע פֿון פֿאַנאַטיזם. ס'פֿאַרשטײט זיך, אַז בעת מע האָט געעפֿנט געזעצמעסיק פֿון כּסא־המלכות די שליװזן פֿאַרן שטראָם פֿון די חײשע לײדנשאַפֿטן, פֿלעגט דער טעראָר באַקומען דעם פּנים פֿון אַ מאַסן, פֿאָלקס־דערשײנונג. זײער גוט װײסן מיר, אַז גראָד צום טעראָר, מיט װעלכן מע נעמט נקמה פֿאַר אַלטע נאַציאָנאַלע, פּערזענלעכע און קלאַסן חשבונות, שאַרן זיך לײכטער װי צו יעדער אַנדער אַרבעט די אױסװאָרפֿן פֿון פֿאָלק, די ערגסטע. דאָ איז דער פּלאַץ פֿאַר זײ װי געבױרן. ניט די פֿאָלקס־שיכטן נאָר די פֿאָלקס־אָפּפֿאַל זײנען געװען אין דער אַרמײ פֿון טעראָר. און נאָר דעריבער איז געװען אַזױ לײכט צו צענטראַליזירן די דאָזיקע פֿאָלקס־„סטיכיע“, אַראָפּצונעמען אַלע טעראָריסטישע דעקאָראַציעס. דער דאָזיקער „גוטער סדר“ פֿון רוסישן טעראָר און די סיסטעמאַטישקײט פֿון זײן אַנטװיקלונג זײנען די בעסטע עדות װעגן זײן אָפּשטאַמונג פֿון ר ו א י ק ע מיושבדיקע פֿאַנאַטיקער.

װי פֿאַלש זײנען דעריבער אַלע אינטעליגענטישע פֿראַזן פֿון די „קענער“ פֿון אַרבעטער מכּות זײן בלומרשטער רגילות און חשק צו אַ האַרבער אָפּרעכנונג, מכה זײן „שװערער“ האָרעפּאַשנער האַנט וכד'. פּונקט װי ס'װאָלט געװען ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז די אינטעליגענץ ב כ ל ל האָט אַ נטיה צום טעראָר, פּונקט אַזױ און נאָך מער פֿאַלש װאָלט געװען זאָגן עס בנוגע די אַרבעטענדע. דער טעראָר האָט זײנע בלינדע אָנהענגער סײ דאָ סײ דאָרטן, אָדער — ניט דאָ, ניט דאָרטן. נאָר אַ גרופּע עסקנים האָט געדאַלטן, אַז ס'איז נױטיק אים צו פֿאַרבינדן מיטן אַרבעטער־קלאַס. זײנע מקורות ליגן אָבער פֿאַרשטײט זיך ניט אין די קלאַסן פֿון עתיד, נײערט אין דער אָרדנונג פֿון עבר. דער רוסישער טעראָר — דאָס איז אַ באַשעפֿעניש פֿון יענעם טײל פֿון דער אינטעליגענץ, װאָס האָט נאָך ניט אױסגעלעבט די טאָטעריש־צ אַ ר י ש ע אָרדנונג. ער איז אַ דירעקטע ירושה פֿון יענעם רוסישן און בורזשואַז־אײראָפּײאישן רעזשים פֿון געװאַלט און פֿאַראַכטונג צום מענטשן, װאָס מיט אים זײנען אָפֿט אַזױ קנעכטיש פֿאַרבונדן די טוער פֿון דעם נײעם. ער איז אַ פּועל יוצא פֿון דער אָקאָרשט פֿאַרענדיקטער װעלט־מלחמה, — פֿון דער ערגסטער באַקרױנונג פֿון דער דאָזיקער אָרדנונג, װאָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער אונז מיט אַזאַ מאָראַליש־צעשמעטערנדיקן שטורעם *).

*) זײער פֿיל זאָגט קינע װעגן אַזאַ השפּעה פֿון אַ ל ט ן ר ע ז ש י ם אַפֿן פֿראַנצױזישן טעראָר. „מע האָט גענומען די כּלי־זין פֿון עבר בכדי צו פֿאַרטײדיקן דעם הוה. אײזערנע שטײגן פֿון לודאָװיק XI, עשאַפֿאָטן פֿון רישעליע, מאַסן־פֿאַרטרײבונגען פֿון לודאָװיק XIV — אָט פֿון דעם אַ אַרסענאַל האָט די רעװאָלוציע געשעפּט אירע מיטלען. אַ דאַנק דעם טעראָר װערן די נײע

אונזער פיין פילנדיקער באַבעף האָט בשעתו געטרויערט וועגן דער פאָלקס־אכזריות, און האָט איר דערקלערט מיט דער השפעה פון די אַלטע דורות. אויך היינט זעהן מיר *ניט* איין די סיבות פון טעראָר אין פאָלק, פונקט ווי יעמאָלט האָבן מיר פאַר אים נאָר איין דערקלערונג — די רעשטן פון דער *אַלטער וועלט*, וואָס דריקט מיט זיין גאַנצער גייסטיקער שווערקייט אַף די טוער פון דער רעוואָליוציע. אָ, ווי וואָלטן עס זיך פאַרקלעמט די הערצער פון באַבעפן און זשאָרעס׳ן באַ אונזער רעוואָליוציע!

ניין! די הענט פון אַרבעטער און פויערים זיינען ניט שולדיק אין טעראָר. דאָס איז נאָך אַ איבעריקער מאָל אין *דער* געשיכטע, ווען זיי קומט אויס צו טראָגן די שולד פאַר פרעמדע זינד.

.XXII

ב) ס׳איז פאַראַן אַ רייע טעאָריעס, וואָס טוען אַנדערש: זיי זיינען מבטל די פראַגע וועגן דער מאָראַלישקייט פון טעראָר דורך דעם, וואָס זיי שטעלן די פראַגע וועגן זיין אָנווענדונג און וועגן געוואַלט בכלל אַפן באָדן פון „וויסנשאַפטלעכקייט“. אין דער אָדער יענער פאָרם ווערט די געוואַלט געשילדערט ווי אַ רעזולטאַט פון געזעצן פון נויטווענדיקייט, פון דער אייזערנער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פון אָביעקטיוון גאַנג פון די געשעענישן וכ׳ד, וואָס זיינען אומאָפּהענגיק פון מענטשלעכן רצון. די באַקאַנטסטע פאָרם פון אַזאַ מין וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג גיט, ווי ס׳איז באַקאַנט, דער מאַרקסיזם. די רעוואָליוציע איז פאַרן מאַרקסיזם אַ אומפאַרמיידליכער פועל יוצא פון אַ באַשטימטער *עקאָנאָמישער* אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט; אירע אָנטיילנעמער און די פאַרעלטניסן פון זייער סאָציאַלן־באַטייט, די צילן, וואָס זיי שטעלן פאַר זיך, זייער קאַמף־מיטלען — דאָס אַליץ איז געזעצמעסיק און אַזוי ווי נאַטירלעך — פאָרויסגעזעהן דורך דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט. די געוואַלט גופא איז אַזוי אַרום נאָר איינע פון די *סטיכיאישע* אַנטפּלעקונגען פון דעם זיך אימאַנענט אַנטוויקלענדיקן פּראָצעס, אַ מין סאָציאַלער זאַפט, וואָס טיילט זיך אויס פון די לעבעדיקע נקבים פון רעוואָליוציאָנערן אָרגאַניזם. מאַרקס זאָגט: „געוואַלט איז די הייבין פון איטלעכער אַלטער געזעלשאַפט, וואָס איז שוואַנגער

מענטשן פון דאָס ניי קענן זייער רצון *פאַרוואַנדלט* אין אַלטע... עס איז געפערלעך זיך צו באַנוצן מיט אַלטע מיטלען, ווייל אומפאַרמיידלעך ברענגען זיי צו די אַלטע געשעענישן (באַ נייע פאָרמען...) הרג׳ען מיט אַלעבאַרדן, שפּיזן אָדער מיט גיליאָטינע — דאָס איז אַליץ אַנ׳אַלטע געשיכטע. נאָר די פריידהייט און מענטשלעכקייט זיינען ניי... די עשאַפאָטן פון 1793 שטיצן זיך אַף די עשאַפאָטן פון רישעליע, פונקט ווי רישעליע׳ס עשאַפאָטן שטיצן זיך אַפן מיטלאַלטער. איין וואָרט נאָר דערהייבט זיך איבער דער דאָזיקער טריאומף־אַלעע פון טויט־שטראָפן: „אַזוי האָט מען געדאַרפט!“

מיט דער גייער". און זיינע קנעכטישע מפרשים, וואָס פאַרזוכן די דאָזיקע פרינציפן אפן לעבעדיקן גוף פון דער רוסישער רעוואָליוציע, זיינען דערצו מוסיף: „די סאָציאַלע געוואַלט און באַצווינגונג שטייען אין אַ צווייאיקער פאַרהעלטניש צו דער עקאָנאָמיק: ראשית זיינען זיי אַ פונקציע פון דער דאָזיקער עקאָנאָמיק (דער קורסיוו איז מיינער), ובשנית — באַווירקן זיי פון זייער צד דאָס עקאָנאָמישע לעבן" *). ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער מחבר מאַכט דאָ קיין שום חילוק ניט צווישן טעראָר און געוואַלט **).

ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז בא אַזאַ מין טעאָריע פאַרלירט די פראָבלעם פון געוואַלט לגמרי איר זעלבסטשטענדיקייט, עס איז פאַר איר גאָר אייגנטלעך ניטאָ קיין אָרט. עס איז ניט שייך קריטיקירן אָדער באַזייטיקן די געוואַלט, ווייל זי איז דאָך אַ אומפאַרמיידלעכע סאָציאַלע דערשיינונג. און דער באָלשעוויזם — די פינקלעכסטע וויסנשאַפטלעך-קלינישע פאַרווירקלעכונג פון מאַרקסיזם — באַזירט אין אַ גרויסער מאָס איר טעראָר גראָד אף אַזאַ מין ראיה. אין גייסט פון אַזאַ וויסנשאַפטלעך-קאַלטער אויפפאַסונג האָט ער דערצויגן זיין פאַרטיי, אַצינד דערציט ער אַזוי גרעסערע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט פאַרוואַנדלט ער אין אַ „אָפעראַציע", אירע טוער — אין אָפעראַטאָרן און כירורגן.

די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע איבערגלויבונג איז געפערלעכער פון אַלץ פאַר אונזערע דורות, זי איז פיל געפערלעכער פון אַלע אַנדערע איבערגלויבונגען פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין, און מיטן גאַנצן כח פון דער איבערצייגונג מוז מען איר באַקעמפן. זי קאָן נעמען אומערפאַרענע מחות מיט איר ערנסטקייט, כסדר מוז מען איר אָבער אויפדעקן און דערווייזן, ווי ווייט זי טויג ניט. מיר ווייסן דאָך, וויפיל פאַרשיידענע פרושים פון דער דאָזיקער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט עס גיבן די פילע שולן פון מאַרקסיזם. מיר קענען רואיק זאָגן, אַז די מאַרקסיסטישע סאָציאָלאָגיע פאַרמאָגט פונקט אַזוי פיל פירושים פון „אומפאַרמיידליכקייט" אין דער געשיכטע און פאָראויסזעאונגען

*) בוכאַרין «Экономика переходного периода», стр 137

**) צו דעם סוג טעאָריעס, וואָס באַטראַכטן די געוואַלט אַלס עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט קאָן געהערן אויך די אויבן-געבראַכטע טעאָריע, וואָס באַרעכטיקט דעם טעראָר, טייטענדיק אפן „אַרבעטס-קלאַס". אויבן איז עס ניט באַטראַכט געוועז ווי אַ „געזעץ" פון דער אַנטוויקלונג, ווי אַ רינג פון אַ באַשטימטער אַנטוויקלונג-סכעמע, און די באַרעכטיקונג פון טעראָר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער ווערט באַגאַנגען דורכ'ן אַרבעטס-קלאַס. אַצינד אָבער הייסט עס אַזוי: די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון קאַפיטאַליזם איז גורם, אַז זיין סאָציאַלער אויבערדעק זאָל צעריסן ווערן, דער אַרבעטער קלאַס וואַרפט אַראָפ מיט געוואַלט... וכדומה. דאָ האַנדלט זיך וועגן דער היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט פון טעראָר באַם אַרבעטער-קלאַס.

פון די וועגן פון איר „נויטווענדיקער“ אַנטוויקלונג, וויפיל זעלבסטשטענדיקע קעפּ זי האָט. די תּקופה פון פרידלעכער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג האָט נאָך אפשר פאַרדעקט דעם דאָזיקן פיל פּרצופּ'דיקן אייניקן אמת: אָבער די יאָרן 1914—1921 (מלחמה, רוסישע און דייטשע רעוואָליוציע) האָבן גורם געווען, ער זאָל זיך צעברעקלען אַף אַ מאַסע שערבלעך־אמת'ן און אַף אַזאַ אופן אויפגעדעקט די רעלאַטיווקייט פון זיין נאַטור.

די שול פון קונאָוו, אָדער פון הילפערדינג, אָדער פון לענין — אַלע באַזירן זיי זיך אין זייערע פּראָגנאָזן און פּראָגראַמען אַף אייגער און דער זעלבער טעאָריע, אַף די זעלביקע עלעמענטן אירע. און די אַמאָליקע נביאות פון די אַלע מאַרקסיסטישע שולן האָבן גענוג בולט און אין אַ גלייכער מאָס באַוויזן אַף דעם ביישפּיל פון הודה, ווי ווייט צופעליק און קורצזיכטיק זיי האָבן געהאַט אָנגעטאַפּט דעם אמת'דיקן דופק פון דער געשיכטע און געטראָפן דעם ריכטיקן גאַנג פון די געשעענישן. לאָמיר נעמען ביישפּילן. דאַוויד, לענטש און קונאָוו, העד און היינדמאַן און פּלעכאַנאָוו — די גאַנצע סלחה ושמנה פון מאַרקסיזם — האָבן געהאַלטן פאַר דער מלחמה. אָבער די מאַרקסיסטן האַאַזע, בערנשטיין, קאַוטסקי און מאַרטאָוו האָבן פרידלעך געקעמפט קעגן קריג. און ווידער אַ מאָל מאַרקסיסטן ליבקנעכט, מערינג, אַדלער, לענין האָבן דערקלערט אַ אַקטיוון קריג דעם קריג. די רעכטע מאַרקסיסטן פון אַלע לענדער (שיידעמאַן, טוראַטי, רענאָדעל, קאַוטסקי) האַלטן אויסשליסלעך פון דער דעמאָקראַטיע, די מאַרקסיסטן פון צענטער (אַדלער, סעראַטי, מאַרטאָוו, לאָנגע) האַלטן, אַז ס'איז דערלאָזבאַר אויך אַ דיקטאַטור, לינקע מאַרקסיסטן (ליבקנעכט, לענין, לאַריאָ) קעמפן נאָר פאַר דיקטאַטור. און שליסלעך — אויך אין אונזער אייגענער פראַגע וועגן טעראָר און געוואַלט. די שיידעמאַנאָוועצעס — מאַרקסיסטן קעמפן ענערגיש אפילו קעגן געוואַלט, דייטשע אומאָפּהענגיקע דערלאָזן די געוואַלט, אָבער ניט קיין טעראָר *). באָלשעוויקעס — מאַרקסיסטן פון אַלע לענדער אָנערקענען דעם טעראָר, אַלס סיסטעמאַטישן מיטל פון קאַמף.

מעג דעריבער דער מאַרקסיזם האַלטן דעם טעראָר פאַר אַ *אומפאַרמיידלעכן* רינג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג — אונז איז עס ניט ביכולת צו איבערצייגן, ווי אַ מאַטעמאַטישע סכעמע. סיי די אַלגעמיינע סאָציאָלאָגישע באַטראַכטונגען סיי די אויספּרובירונג אין לעבן פון די מאַרקסיסטישע פּראָגנאָזן זאָגן אונז עפּעס אַנדערש. דער מאַרקסיזם האָט זיין ווערט אַלס מעטאָד, אַלס *צוגאַנג*, אַלס איינער פון אַ *סך* אַנדערע צוגאַנגען אַף צו פאַרשטיין סאָציאַלע פאַרבינדונגען; ער איז אָבער ניט גענוגנדיק, בעת ער

---

*) אַ תּשובה דעם אויספירקאָמיטעט פון קאָמינטערן פון צ. ק. פון די אומאָפּהענגיקע אין יאָר 1920 (זע אונטן).

ווערט פֿאַרוואַנדלט פון א מעטאַד אין אַ קאָנקרעטן *בילד* פון דער געשיכטע, בעת ער שטרעבט צו פֿאַרבייטן זיין באַשרייבונג־נאַטור אַף אַ „אימפּעראַטיווע“. אַ רעוואָליוציע קאָן געמאָלט זיין און פֿאַרווירקלעכט ווערן אויך אָן טעראָר (דער קראָשטאַטער אויפשטאַנד אין יאָר 1921 **), זי איז מעגליך אויך אָן געוואַלט (די איינוואָרצלונג פון קריסטנטום אין רוים).

לאָמיר ווייטער ניט פֿאַרגעסן, אַז בכל אופן קאָן דער דאָזיקער „היסטאָריש“ — צודרעגלעכער שטאַנדפונקט רעדן נאָר וועגן די סאַמע אַלגעמיינע שטריכן פון דעם נויטווענדיקן, ער קאָן געבן נאָר אַ *אַבסטראַקטע* סכעמע פון אומפֿאַרמיידלעכן. און בעת דער מאַרקסיזם רעדט אַפילו וועגן די חבלי־לידה פון דער געשיכטע און וועגן דער געוואַלט — דער הייבין צי געפינען מיר דאַן אין די דאָזיקע געשטאַלטן תשובות אַף אונזער פּראָבלעם פון טעראָר אין איר גאַנצן טיף? מיר ווייסן דאָך, אַז אַפילו די גינעקאָלאָגישע קונסט אַנטוויקלט זיך, און ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ נפקא־מינה צווישן אַ דאָרפישע הייבין און אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ניט אַלע מאָל אַרבעט דער אַקושער מיט אַ צוואַנג, און ניט יעדן מאָל מוז מען דוקא געברויכן דעם קיסר־שניט. און די קולטור שטייט — און וועט אין עתיד שטיין — ניט אָפּהענגיק פֿאַר די חבלי־לידה גופא. אויב אונזער קולטור באַשטייט בכלל אין דעם, ווי גובר צו זיין די רויע נאַטור, — למאי זשע זאָל זי זיך אָפּשטעלן באין עצה פֿאַר דער נאַטור פון געבורט, פֿאַרוואָס זאָל זי איר ניט זעהן מאַכן ווייכער און לייכטער? די דאָזיקע מאַרקסיסטישע געשטאַלטן ווערן אָבער גענומען גראד פון דער פּרימיטיווסטער סביבה פון געבורט. זיי האָבן אין זיך דעם נאַיוון גלויבן אין דער באַשטענדיקייט פון אָפּגעשטאַנענע נאַטור־וועגן, אין דער געטלעכער קללה פון אדם און חוה. ס'קאָן זיין, אַז אויך די געוואַלט, וואָס שטייט הינטער די דאָזיקע געשטאַלטן, איז פונקט אַזוי אומפֿאַרמיידלעך אין איר אַבסטראַקטער פאָרם, פון דור צו דור קענען אָבער זיך בייטן אירע פאָרמען און ענטפּלעקונגען. און בעת די געוואַלט איז אומפֿערמיידלעך — איז עס לאו דוקא דער טעראָר, וואָס איז ניט מער ווי איין מין געוואַלט.

און וויכטיקער פון אַלץ איז, אַז דער שטאַנדפונקט פון עקאָנאָמישער און אַנדער געזעצמעסיקייט באַזייטיקט לגמרי ניט אונזער פראַגע, — צי איז דער טעראָר מאָראַליש — *דערלאָזבאַר*. לאָז זיין, אַז די סאָציאַלע דערשיי־

---

*) שוין אין די ערשטע טעג האָבן די קראָנשטאַטער מאַטראָסן געשריבן: „דער צייטווייליקער רעוואָקאָם באַדרויט קיינעם ניט און נעמט פון קיינעם ניט קיין נקמה“ . . . „די אַרבעטנדע דאַרפן ניט קיין בלוט. זיי וועלן איר פֿאַרגיסן נאָר אין מאָמענט פון זעלבסטשוץ“ (Известия Кроншт. Ревкома № 3,6) ביזן סוף האָבן די קראָנשטאַטער קעמפער מקים געווען זייערע געבאָטן; אפילו אין מאָמענט פון אונטערגאַנג האָבן זיי ניט געהייבן קיין האַנט אַף די קאָמוניסטן.

גונגען וווערן געשיכטלעך פֿאָרויסבאַשטימט אין דער אָדער יענער מאָס; אָבער די טרעגער פֿון די דערשיינונגען, די מ ע נ ט ש ן פֿילן זיך דאָך פֿרײַ אָנצונעמען באַשלוסן, צו זײַן זעלבשטענדיקע סיבות פֿון זייערע מעשים, זייערע באַשלוסן און וואונטשן. די דאָזיקע באַווירקונג פֿון עתיד אַפֿן הווה וועט דאָך דאַן זײַן ניט מער, ווי אַנ׳אַנדער מין קאַוזאַליטעט, אַ פֿאַרקערטע קאַוזאַליטעט. און אַף וויפֿיל די דאָזיקע פֿרײַהייט פֿון באַוואוסטזיין עקזיסטירט ר ע אַ ל אין זיי (און דאָס הייסט — אין דער נאַטור), אַף אַזוי פֿיל איז ריכטיק און וויסנשאַפֿטלעך אויסצופֿאָרשן, באַאַרבעטן און פֿאַרטיפֿן דעם באַוואוסטזיין, אַרײַנברענגען באַשטימטקייט, קלאָרקייט און גאַנצקייט אין זײַן אינסטינקטיווע סטיכיע; אַף אַזוי פֿיל איז וויסנשאַפֿטלעך די פֿעסטשטעלונג פֿון די א י ד ע אַ ל ן — צילן (און דעם הסכם צווישן פֿאַרשיידענע מיטלען און די צילן). ניט דאָ איז דער אָרט צו אַנטוויקלען דעם געדאַנק וועגן דער גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון טעלעאָלאָגישן און קאַוזאַלן שטאַנדפּונקט, מיר וועלן נאָר צוגעבן, אַז ניט איינמאָל האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אין דער סאָציאָלאָגיע — און באַזונדערס אין דער סאָציאַליסטישער, פֿאַרשטייט זיך — די אומטערערדישע (און דערפֿאַר אויך די אומבאַשטימטע, אומקלאָרע און טיילווייז אומפּרוכטבאַרע) ווירקונג פֿון דער ציל-באַוואוסטקייט אַף די סאַמע אָביעקטיוו-קאַוזאַלע סברות.

פֿון דער טאָג-טעגלעכער דערפֿאַרונג ווייסן מיר, אַז די גרעסטע אָנשטרענגונג פֿון מענטשלעכן וועזן — די ל י ב ע — שטעלט זיך פֿאָר פֿאַר זײַן באַוואוסטזיניקן קוק פֿון די דאָזיקע בײדע זײַטן. אָט לאָזן זיך אירע ניט געזעהנע וואָרצלען טיף אַרונטער אין דער סטיכיע פֿון דער אַלגעמיינער חיישער וועלט, און אָט הייבן זיך אויף הויך צום הימל און צו די שטערן די פּראַכטיקע קרוינען פֿון אירע בלומען. די שטאַמען און צווייגן פֿון ליבע פֿאַראייניקן אין דער זעלבער צײַט די וואָרצלען פֿון איר ערדישער פּשטות און „גראָבקייט" און די בלומען פֿון דעם פֿײַנסטן הימלדיקן ריח-ניחוח. די ניט-געניט פּשוטע אויגן קאָנען דאָ אַ מאָל דערפֿילן נאָר דעם אוראַלטן געשלעכט-רוף אין מענטשן, אָדער אײַנגאַנצן פֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון דער דורכזיכטיקער רוחניות אין ליבע. מיר האַלטן פֿאַר אײַנזײַטיק דעם יעניקן, וואָס צוליב דער פֿיזישער זײַט אין ליבע זעט ער ניט אָדער פֿאַראַכטעט איר פֿרײַע אויפֿבליִונג אין גייסט, שיינקייט און גוטס. די אמת׳דיקע בליענדיקע ליבע זעהן מיר אָבער דאָרטן, וואו זי האָט באַגײַסטערט די גשמיות אין אַ באַזונדערן, אירן אַ אייגענעם סינטעז און דעם גייסט אַליין האָט זי אָנגעזאַפּט מיט אַלע נאַטור-פֿאַרבן, וואו זי האָט איר פֿרײַעם פֿליען געמאַכט הערשן איבער׳ן גוף. דער גוף פֿון מענטשן צ ו ו י נ ג ט, דער גייסט פֿון די ליבנדיקע ב אַ ש ט י מ ט אָבער. דעם צוואַנג פֿון שטרעבונג פֿון איינעם צום צווייטן גיט דער גוף אין דער סאַמע אומבאַשטימטער, אוראַלטער

פֿאָרם, אָבער נאָר דער גייסט פֿון די ליבנדיקע גיט די קלאָרקייט און דופֿט, די שײנקייט אָדער פֿאַרקריפּלונג, גליק אָדער שאַנדע, נאָר ער נעמט אָן אָדער שטויסט אָפּ, ווײַנט אָדער זינגט, טוט אויף גדולות אָדער פֿאַרברעכנס. אָט דאָס איז די פֿרײַע נאַטור פֿון ליבע, דער פּרימאַט פֿון גייסט. און אויב עס קענען זיך אַזוי צונויפֿפּאַסן פֿרײַהייט און נויטווענדיקייט אין ליבע — אפֿשר קענען זיך אָפּן זעלבן אופֿן פֿאַרייניקן סבות און אידעאַלן, סבות און צילן אויך אין סאָציאַלן לעבן, וואָס שטעלט זיך איינגאַנצן צונויף פֿון סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פֿון מענטשן? און צי באַשטייט ניט אויך דער פּראָגרעס פֿון קולטור גראַד אין דעם, וואָס, ווי בײַ דער ליבע, די גשמיות פֿון קאַוזאַליטעט, וואָס דריקט אַזוי בהרחבות'דיק אַף מענטשן, וועט אַלץ מער ווערן אומגענומען מיטן גייסט פֿון ציל, וואָס שטייט פֿרײַ פֿאַר זײַן באַוואוסטזײַן? ניט אין דער „הכנעה פֿאַר נויטווענדיקייט וועט באַשטיין די פֿרײַהייט", נאָר אומגעקערט: אָפּגעבן זיך דער פֿרײַהייט, — דאָס וועט זײַן די נויטווענדיקייט. — די געשיכטע גיט נאָר די אַלגעמיינע, אַלגעבראַאישע סכעמע פֿון נויטווענדיקייט, דעם אינהאַלט אירן און דעם מאַטעריאַל ברענגט אָבער אַרײַן דער מענטש, וואָס ווייסט פֿון נויטווענדיקייטן (ביאָלאָגישע, סאָציאַלע) און וואָס האַנדלט פֿרײַ. און באַזונדערס פֿרײַ איז דער מענטש אין דער רעוואָלוציע. הגם עס דאַכט זיך, אַז אַלע היסטאָרישע נויטווענדיקייטן האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון געפֿענגעניש און דער מאַסן-פּסיכאָז און די נאָכמאַכונג באַווירקט באַזונדערס שטאַרק דעם יחיד — פֿונדעסטוועגן באַפֿרײַט זיך אָבער זײַן נשמה גראַד אין דער רעוואָלוציע פֿון אירע היסטאָרישע קייטן, און אין זײַן העזה קאָן ער מעכטיק שטעלן פֿאַר זיך צילן. און אויב דער טעראָר ווערט אַפֿילו יאָ אַרויסגערופֿן דורך געוויסע סיבות, — קען ער פֿונדעסטוועגן געשטעלט ווערן באַזונדער, ווי אַ מאָראַלישע אויפֿגאַבע, ווי די שווערסטע שאלה פֿון רעוואָלוציאָנערן געוויסן: צי איז ער דערלאָזבאַר, צי ניט? און קוים קומט שוין די דאָזיקע פֿראַגע אין אונזער באַוואוסטזײַן — מוז זי געשטעלט ווערן. און איטלעכער טועה פֿון טעראָר מוז אַף די דאָזיקע פֿראַגע ענטפֿערן פֿערזענלעך, זיך ניט באַהאַלטענדיק הינטערן ברייטן רוקן פֿון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט.

ס'זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע אופֿנים, ווי אַזוי צו שטעלן „וויסנשאַפֿטלעך" די פֿראַגע וועגן טעראָר: מע באַגרינדעט אים ניט אַף דער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט, נייערט אַף דער נאַטירלעך-אָרגאַנישער (ביאָלאָגישער). מיר געדענקען, ווי סען-זשיוסט האָט אין קאָנווענט פֿאַרגליכן די מעשים פֿון דער גיליאָטינע מיטן נאַטירלעכן געזעץ וועגן אויסוואַל און טויט אין דער נאַטור. אָפֿטמאָלס האָבן „געלערנטע" פֿאַרגליכן מיט אַזאַ נאַטירלעכער דערשײַנונג אויך די מלחמה, וואָס פֿירט אויס אין אַ פֿאַרגיכערטער פֿאַרשאַרפֿטער

פאָרם די לאַנגזאַמע אַרבעט פון נאַטירלעכן אויסוואַל. איינער פון די טעאָרעטיקער פון געוואַלט, דער סינדיקאַליסט סאָרעל, באַשטימט אַזוי די געוואַלט, וועלנדיק אָנווייזן דעם חילוק צווישן דער פיזישער געוואַלט (יאַקאָבינישער געוואַלט אין 1793 יאָר) און זיין מעטאָד (אַלגעמיינער שטרייק): „די געוואַלטזאַמע מעשים פון פּראָלעטאַריאַט האָבן לגמרי קיין שום שיכות ניט צו די פּראָסקריפּציעס, און האָבן נאָר אַ באַטייט פון מיליטערישע מעשים... אַליין, וואָס קומט פאָר אַף דער מלחמה האָט ניט דעם כאַראַקטער פון שנאה אָדער נקמה; אַף דער מלחמה הרג'עט מען ניט קיין באַזיגטע, מע פאַרשאַפט די געפאַנגענע ניט קיין אומאָנגענעמליכקייטן, וואָס פאַלן אויס אַפן חלק פון די קעמפענדיקע חילות... וואָס מער דער סינדיקאַליזם וועט זיך אַנטוויקלען, באַפרייענדיק זיך פון אַלטע פאָראורטיילונגען, אַליין מער און מער וועלן די סאָציאַלע קאָנפליקטן באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ ריינעם קאַמף, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן אַנאַלאָגיש צו אַ קאַמף צווישן צוויי אַרמייען“ *). בלי ספק, האַלט סאָרעל, אַז אַף אַזאַ אופן איז די רעוואָליוציאָנערע געוואַלט, אַזוי ווי די מלחמה, ניט קיין אַקטן פון באַוואוסטזיניקע מענטשן, נייערט אין אַ פיל גרעסערער מאָס — סטיכייאישע בלינדע פאַקטן פון דער נאַטור; אויב ניט — וואָלט ער אויך אין דער מלחמה איינגעזעהן „שנאה און נקמה“ (לכל הפחות — אין אירע אָנפירנדיקע ספערן). באַ אַזעלכע תנאים ווערט די געוואַלט אומפאַראַנטוואָרטלעך, באַקומענדיק די געשטאַלטן פון נאַטור=פאַקטאָרן, זיינען שוין זיינע טוער מער ניט מחויב צו שטעלן כסדר מאָראַליש די פראַגע פון קאַמף. אויך אין די חקירות פון לאַווראָוו וועגן דעם געברויך פון געוואַלט אין דער רעוואָליוציע קאָן מען איינזעהן כמעט דעם זעלביקן נאַטור=וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. „פּונקט ווי אַליין דאָס לעבעדיקע, באַטייליקט זיך דער מענטש אין קאַמף פאַר'ן קיום, און אין דעם דאָזיקן קאַמף ווערן איינגעשלאָסן אַלע מיטלען פון זעלבסטשוץ... דער קאַמף פאַר'ן קיום איז פאַטאַל און קומט פאָר אויסשליסליך אונטער'ן דרוק פון דער נויטווענדיקייט... קאָדעקסן, שטראָף=סיסטעמען און גריכט=פאָרמען, פּאָליציי פון דעטעקטיוון און פון אָרדנונג, טורמעס און הענקערס, — בקיצור אַלע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען פון לעגאַלן שוץ פון דער געזעלשאַפט פון אירע שונאים און ווידערשפּעניקע מיטגלידער, — גייען אַריין אויסשליסליך אין דער ספערע פון דער טעטיקייט, וואָס ווערט געפירט לשם דער פּערזענלעכער אָדער געזעלשאַפטליכער זיכערהייט, אין דער ספערע פון קאַמף פאַר'ן קיום; דעריבער קאָן מען זיי שאַצן נאָר פון שטאַנדפּונקט פון זייער צוועקמעסיקייט... מע קאָן ניט פאַרלאַנגען פון די דאָזיקע פאָרמען קיין שום שפור פון מאָראַלישן

---

*) זש. סאָרעל — געדאַנקען וועגן געוואַלט.

ווערט. די נייע (רעוואָליוציאָנערע י. ש.) געזעלשאַפֿט דאַרף זיך אָפֿן מודה זיין, אַז די אָדער יענע מעשים טוט זי לשם דער זיכערקייט און שוץ פֿון פּערזאָנען, גרופּן און דעם גאַנצן כּלל, אַז זי שטעלט פֿאַר זיך דערביי ניט קיין שום מאָראַלישע צילן און טוט עס נאָר על פּי הכּרח, און זי שטרעבט דערביי צו צוגעבן די דאָזיקע מעשים וואָס מער צוועקמעסיקייט — אַלס איינציקן תּנאי, וואָס באַשטימט זיי" *) אַנדערש גערעדט — רייסט לאַוראָוו אַרונטער די מאַסקע פֿון מאָראַלישקייט פֿון די געוואַלט-טאַטן, וואָס ווערן באַגאַנגען אין דער רעוואָליוציע לשם איר רעטונג און דערוייזט, אַז אין גרונט פֿון אַלע אַזעלכע מעשים ליגט תּמיד דער ניכטערער חשבון פֿון צוועקמעסיקייט פֿאַר דער רעוואָליוציע. מיר זיינען מסכּים מיט לאַוראָוון, אַז מע קאָן ניט זוכן קיין מאָראַלישן ווערט אין די זעלבסטשוץ און זיכערקייט-מיטלען, וואָס ווערן געבּרויכט אין דער רעוואָליוציע; עס איז אָבער זייער געפֿערלעך פֿאַר דער מאָראַלישער ציל פֿון דער גאַנצער רעוואָליוציע אויב מיר זאָלן מוסכּם ווערן אַז „דער איינציקער תּנאי" פֿון די דאָזיקע מיטלען זאָל זיין די צוועקמעסיקייט (וואָס מיר רופֿן איר — טעכנישע **). און עס דאַכט זיך אונז, אַז די סיבּה פֿון אַזאַ קוק בּאַ לאַוראָוון ליגט דווקא אין דעם, וואָס ער פֿאַרגלייכט דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פֿאַרן זעלבסטשוץ (נאָר דעם דאָזיקן קאַמף) מיטן בּיאָלאָגישן פֿאַקט פֿון מלחמת — הקיום. פֿון אַזאַ אַנאַלאָגיע איז געדרונגען, אַז די רעוואָליוציאָנערע געוואַלט געהערט צו די סטיכייאישע אומווילקירלעכע באַוועגונגען פֿון רעוואָליוציאָנערן אָרגאַניזם, וואָס דער מענטש קאָן ווידער אַמאָל קיין שום אחריות ניט טראָגן פֿאַר זיי. פּונקט אַזוי ווי די „סאָציאַלע נויטווענדיקייט" קאָן אויך די אָרגאַנישע געזעצמעסיקייט אָנפֿירן מיט דער האַנט פֿון דער גילאָטינע, פֿון שווערד און טעראָר. און דאָס זעלבע וואָס פֿריער חזרן מיר איבער אויך דאָ בּנוגע צו דעם פּרוב אַרויסצוגעבן אַ וויסנשאַפֿטלעכע אינדולגענץ די טוער פֿון דער רעוואָליוציע; בּיאָלאָגישע קאַזוליטעט איז פּונקט ווי די סאָציאָלאָגישע נאָר איינער פֿון די גורמים פֿון דער מענטשלעכער טעטיקייט. און פֿאַר זיין פֿרייעם רעוואָליוציאָנערן באַוואוסטזיין ווערט כּסדר זעלבסטשטענדיק געשטעלט די פֿראַגע וועגן דער דערלאָזבאַרקייט פֿון טעראָר.

אויב ניט — קערט זיך דער מענטש אום אַף צוריק צו יענער קולטור-תּקופֿה, ווען ער האָט בּאמת'ן געהאַלטן, אַז ער איז געבונדן אַרום און אַרום מיט עפּעס אַ געזעצמעסיקייט, אַ פֿאַראויס-באַשטימטקייט, וואָס שטייט אויסער אים און העכער פֿון אים. איך האָב אין זינען די רעליגיעזע געבונדנקייט, — וואָס דינט אַלס ריכטיקער מוסטער פֿאַר אַ סך געלערנטע איבערצייגונגען —

*) Лавров, Государ. элемент в будущем обществе. 1920 г 152, 153.

**) צו דער פֿראַגע וועלן מיר נאָך שפּעטער קומען.

גלויבונגען. עס איז דאָך באַוואוסט, ווי גוט די קירכע האָט פאַרשטאַנען אָפּמאָלן איטלעכע געשעהעניש ווי אַ אומפאַרמיידלעכן פועל־יוצא פון גאָט'ס רצון. עס איז שוין לאַנג אָנגעוויזן געוואָרן, אַז איר פלעגט אויסקומען צו ענטפערן אין מענטשלעכן לעבן אַף אַלע פיר מעגלעכקייטן פון זיין גורל, אַף פיר פראַגן — פאַרוואָס איז דער צדיק גליקליך, פאַרוואָס איז ער אומגליקלעך, פאַרוואָס איז גליקלעך דער רשע, פאַרוואָס איז ער אומגליקלעך. און יעדערן פון די דאָזיקע ווענדונגען פון גורל האָבן די געלערנטע גייסטלעכע פאָטערס פאַרשטאַנען צו פאַרטייטשן ווי געהעריג איז פאַר זייער עדה. און פונקט אַזוי פלעגן אויסגעטייטשט ווערן אויך אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַקטן דורך זיי און דורך די האַרן פון מלכות, וואָס זיינען מיט זיי געווען פאַרבונדן. „גאָטס צאָרן" פאַר די פאָלק־חטאים — דאָס איז געווען בעת צרה דער באַליבטער פזמון בא מענטשן, וואָס האָבן מיט גאָטס גנאָד געקיניגט איבער אַנדערע. דער הערשער — דאָס איז גאָטס האַנט, און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, בכדי די מאַסן זאָלן האַלטן אַז זיינע מעשים זיינען געזעצמעסיק, אומפאַרמיידלעך ווי די נאַטור. אומקומען „פון גאָטס האַנט" — דאָס האָט שוין באַטייט אַלץ דערקלערן און פאַרשטיין. „אַטילא — דער שבט ד'" — דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע פון פריען מיטלאַלטער. נאָר אַ חוץ דער נויטווענדיקייט, וואָס איז געווען געדרונגען פון גאָטס רצון, איז געווען נאָך אַ צווייטע אומפאַרמיידלעכקייט אין דעם דאָזיקן רצון גופא. אַזוי, אַשטייגער פאַרגיסט יהוה ביטערע טרערן, שטראָפנדיק זיין פאָלק, ער וויל זיך איבער אים דערבאַרמען, ער איז אָבער געצוואונגען צו שטראָפן; און אים אַליין איז די אומפאַרמיידלעכקייט. אין דעם דאָזיקן טראַגישן געשטאַלט פון גאָט, וואָס שטראָפט, וויינענדיק, זיין פאָלק, איז בולטער פון אַלץ אויסגעדריקט די דאָזיקע מאָראַלישע געזעצמעסיקייט פון דער געטלעכקייט אַליין. אַזוי לעבט אין די מענטשן, אין גאָטס קנעכט, דער גלויבן אין אַ השגחה פרטית (גערעכטיקייט), אַ אומפאַרשטענדלעכע אָפּטמאָלס, וואָס אָן איר וועט אפילו אַ האָר פון קאָפּ ניט אַראָפּפאַלן. ניט אַלע רעליגיעס אָבער נעמען פון מענטשן אַראָפּ די אחריות פאַר זיינע מעשים; ס'זיינען פאַראַן אויך אמונות, וואָס לאָזן אים איבער די „בחירה חפשית". די געוויינטלעכע מענטשלעכע רעליגיעזע וועלט־אויפפאַסונג איז אָבער אַזאַ אָ, אַ אומפאַראַנטוואָרטלעכע. פרעגט זיך — ניט זשע איז עס דער מענטש שוין פון לאַנג אָן אַרויס פון דער „טעאָלאָגישער תקופה", בכדי ער זאָל פאַרבייטן די באַגריפן אין איבערלעבונגען פון דעם „מזל" און הימלישן גליק („גערעכטיקייט", ווייל עס שטאַמט פון אַ פערזענלעכקייט), אַף די איבערלעבונגען פון נאַטירלעכן און סאָציאַלן גליק („קאַוזאַליטעט", ווייל עס צנטוויקלט זיך אומפערזענלעך)? צי שוין האָבן עס מענטשן אויפגעהערט צו זאָגן: „די מלחמה

— איז אַ גאָטס=זאַך״, בכדי ווידער אַמאָל אָנהייבן נאַאיוו גלויבן אין דאָס אומבאַ=
קאַנטע און זאָגן: די מלחמה איז פון קאַפּיטאַליזם, געוואַלט — פון דער געשיכטע,
טעראָר — פון דער אָביעקטיווער אַנטוויקלונג ?

דאָס איז דאָך אָבער די מעשה, אַז די אַלע רעליגיעז=וויסנשאַפטלעכע
טעאָריעס באַזייטיקן ניט דעם פרייעם און ווירקנדיקן רצון פון מענטשן אין דער
רעוואָלוציע, זיי פאַרטונקלען אים נאָר. ווייל אויב די טוער פון קאַמף זאָרגן זיך
ניט וועגן דער מאָראַלישקייט פון זייערע מעשים, — טוען זיי עס אָבער אַלע בנוגע
זייער צ ו ו ע ק מ ע ס י ק י י ט. און מעגן די טעראָריסטן פון דער רעוואָלוציע,
האַלטן פון דער ביאָלאָגישער צי סאָציאַלער נויטווענדיקייט — אָדער ניט, סיי ווי
סיי האַנדלען זיי באַוואוסטזיניק, אויסגערעכנט און פריי. זיי גייען ניט פרעגן
וועגן יעדן פאַל פון קאַמף באַם דעלפישן אָראַקל פון דער געשיכטע, זיי זוכן
ניט אין זיינע סודות׳דיקע אויגן קיין תשובה אף איטלעכן טראַט פון דער רע=
וואָלוציע. די „נויטווענדיקייט״ האָט צוויי פרושים. און אין זייערע מעשים
זיינען זיי ניט קיין געווער פון יענער אוראַלטער, דורות=לאַנגער, בלינדער
נ ו י ט ו ו ע נ ד י ק י י ט, נאָר זיי טוען זייערס לשם דער נויטווענדיקייט, וואָס
ז י י אַ ל י י ן געפינען איין באַ יעדן איינצעלנעם פאַל. פונקט ווי אין עבר
פלעגן די הערשער מאַכן געשיכטע, באַהאַלטנדיג זיך פון מענטשלעכע פאַר=
וואַרפן הינטער די פאַלדן פון געטלעכע בילדער, — אַזוי דעקט מען זיך
היינט צו מיטן היסטאָרישן געזעץ און מע טוט אָפּ „אומגעזעצלעכקייטן״ פון
לעבן און פון דער רעוואָלוציע. אויך מיר האָבן דאָ אָפּטמאָלס פאַר זיך ניט
קיין צביעות און שקרים, האָבן מיר אָבער צו טאָן מיט אַ למדן׳ישער אַבער=
גלייבונג, וואָס נאַרט און פאַרפירט זיך אַליין.

און אויב שוין יאָ אַזוי — שטעלן מיר אַרויס צוגלייך מיטן פרייעם באַ=
שלוס פון מענטשן אפן געביט פון צוועקמעסיקייט און נוצן אויך די פאָדערונג
פון אַ פרייעם באַשלוס אפן געביט פון מאָראַל. די מאָראַל, וואָס שטעלט
מיט זיך פאָר אַן׳אַנדער אַספּעקט פון דער זעלביקער צוועקמעסיקייט, מוז זאָגן
איר אַנטשיידנדיקן וואָרט וועגן טעראָר, זי וועט ניט לאָזן באַהאַלטן אים אין
די פאַלדן פון פוסטן — הגם רעוואָלוציאָנערן — חשבון.

XXIII.

ג). בכדי צו פאַרטיידיקן דעם טעראָר ברענגט מען אַ סך ראיות פון זיין
נ ו צ ל ע כ ק י י ט. אף דעם דאָזיקן איבערפלעכלעכן און וואולגאַרן שטאַנד=
פונקט שטייט אייגנטלעך די מערהייט פון פאַרטיידיקער פון טעראָר, וואָס האַלטן,
אַז ער איז — דער לייכטסטער מיטל אף צו דערגרייכן די ציל. זיינע א ו מ=
מ י ט ל ב אַ ר ע דערפאַלגן בלענדן זייערע אויגן, און אפן ערשטן קוק זיינען
זיי טאַקע שטאַרק איבערצייגנדיק. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט צווייערליי טוער פון

טעראָר; די ערשטע שטעלן פאַר זיך די גאַנצע שוועריקייט פון דער פראַגע וועגן טעראָר און זייגען איר גובר מיט ראיות וועגן די נוצן פון דער רעוואָלוציע, אַנדערע האָבן מיט דער דאָזיקער פראַגע בכלל ניט צו טאָן און גייען בלינד אפן וועג פון די דאָזיקע נוצן *). דער חילוק צווישן זיי איז אָבער ניט גרויס, ווייל אויב אפילו דער צווייטער טיפ טוער שטעלט פאַר זיך ניט אַליין די ברענענדיקע פראַגן — שטעלן זיי אַנדערע, די אַרומיקע און די סביבה, און אַזוי אַרום מוז ער זיי אויך גובר זיין, הגם ער מאַכט עס אפשר לייכטער און גיכער. זיי פאַר־ענטפערן די פראַגן, ווי געזאָגט, מיט טענות וועגן דער נוצלעכקייט. באַזונדער בולט — ליטעראַריש (און דערפאַר זעט אויס זייער דלות נאָך גרעסער) זאָגט זיי במעט אַלע אַרויס טראָצקי. די דאָזיקע אוטיליטאַריסטן זאָגן, אַז מע דאַרף אויסמיידן אַלטע טעותן. בעת די רעוואָלוציע איז געווען באַרמהאַרציק, פלעגט זי באַפרייען אירע פאַרביסנסטע שונאים, וואָס פלעגן שפּעטער אָנפירן מיטן קאַמף קעגן איר. פאַר דער גרויסמוטיקייט בנוגע צו די שונאים פון דער רעוואָ־ליוציע באַצאָלט מען שפּעטער מיט הונדערטער און טויזנטער קעפּ פון אירע פריינד. „דער קאָזאַקישער גענעראַל קראַסנאָוו, וואָס האָט אין פאַרבינדונג מיט קערענסקי'ן אַטאַקירט פּעטראָגראַד, און איז געוואָרן געפאַנגען בײַ גאַטשינע, איז אף מאָרגן אף זיין ערנוואָרט באַפרייט געוואָרן. דאָס איז אַ „גרויסמוטיקייט", וואָס איז געשטאַנען אין הסכם מיט די ערשטע טעג פון דער קאָמונע, און וואָס איז פונדעסטוועגן געווען אַ טעות. נאָכדעם, ווי דער גענעראַל קראַסנאָוו האָט בערך אַ יאָר געקעמפט קעגן אונז אפן דרום און אויסגעקוילעט עטלעכע טויזנט קאָמוניסטן, איז ער ניט לאַנג נאָכאַמאָל באַפאַלן פּעטראָגראַד, דעם מאָל — אין די חיילות פון יודעניטשן". זיי זאָגן נאָך, אַז אין אַ רעוואָלוציאָנערער מי־נוט קאָן מען ניט זוכן קיין ווייכע קאַמף־פאָרמען. איז דען מעגלעך בײַ יעדן מאָל שטראָפן מיט טורמע אנשטאָטן טויט? „ס'פאַרשטייט זיך — זאָגט טראָצקי — אַז די פראַגע וועגן דער פאָרם פון רעפּרעסיעס אָדער זייער מדרגה איז ניט קיין „פּרינציפּיעלע". דאָס איז אַ פראַגע פון צוועקמעסיקייט (דער קורסיוו איז מיינער). אַ פּאַרטיי, וואָס ווערט אין אַ רעוואָלוציאָנערער תקופה אָפּגע־שטויסן פון דער מאַכט, וואָס ווייל בשום אופן ניט מוסכם ווערן מיט דער מאַכט פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי און דערווייזט עס בסדר מיט איר פאַרביסענעם קאַמף קעגן איר — אַזאַ פּאַרטיי שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר דער באַדראָאונג פון טורמע, ווייל זי גלייבט ניט אַז די געפענגעניש וועט לאַנג דויערן. אין דעם דאָזיקן פּשוט'ן און אַנטשיידנדיקן פאַקט ליגט דער תירוץ, פאַרוואָס מע געברויכט אין אַזאַ גרויסער מאָס די צעשיסונגען אין בירגער־קריג". און ווייטער: „איינ־

*) מע דאַרף עס ניט צונויפמישן מיטן טיפּ פון „קצב", וואָס האַנדלט ניט לויט ראיות נאָר איז אין רשות פון דער ליידנשאַפט (זע אויבן).

ש ר ע ק ו נ ג — דאָס איז אַ מעכטיקער מיטל פון דער פּאָליטיק, סיי פון דער אויסערלעכער סיי פון דער אינערלעכער, אַף איר איז געבויט די מלחמה און די רעוואָליוציע. אַ זיגערישע מלחמה פאַרניכטעט על פּי כּלל נאָר אַ קליינעם טייל פון דער באַזיגטער אַרמיי, די איבעריקע ווערן נאָר איינגעשראָקן, זייער רצון ווערט צעבראָכן. פּונקט אַזוי טוט אויך די רעוואָליוציע: זי הרג׳עט יחידים און וואַרפט אַנ׳אימה אַף טויזנטער״ *).

ס׳איז ניט איבעריק שווער צו באַווייזן, אַז די אַלע חשבונות זיינען ניט לאָגיש, אַז אפילו די אויסערלעכע נוצן פון טעראָר וואָס ווערן דאָ אויסגערעכנט, זיינען נאָר כּלומרשטע. ווען דער גענעראַל קראַסנאָוו, אַ שטיינער, וואָלט געפאַלן אונטערן האַמער פון טעראָר, וואָלט נאָך פון דעם די קראַסנאָווישע באַוועגונג ניט אומגעקומען. זי וואָלט נאָר אויפגעפלאַקערט דאָ אַף אַנ׳אָרט מיט אַ פיל מער אכזריות׳דיקן פייער. און ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די צעשיסונגען, וואָס פאַרבייטן די טורמעס, און די איינשרעקונג-סיסטעם וואָלטן ניט געווען בכח צו צעברעכן דעם רצון פון דער אומפאַרמיידלעכער קאָנטר-רעוואָליוציע. ניט פון פּחד פאַר צעשיסונגען אָדער טורמעס טרעט אָפּ און גיט זיך אונטער אַ פּאַרטיי אָדער אַ קלאַס, וואָס שטרעבט צו דער פ אַ ר ל י ר ע נ ע ר מאַכט, וואָס האָט אַ באַוואָפנטע אַ ר מ י י. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט פיל ערנסטערע סיבות, וואָס טראָגן אַ סאָציאַלן מאַסן כאַראַקטער, עקאָנאָמישע, גייסטיקע און מיליטערישע סיבות. ניט דער אינערלעכער טעראָר פון ראַטן-רוסלאַנד האָט באַזיגט און איינגעשראָקן די אַלע דעניקינס און זייערע אַרמייען, נייערט די מ ל ח מ ה קעגן זיי און דער נצחון; ניט די צעשיסונגען אין לאַנד האָבן זיי איבערציינגט, נייערט די ש ל אַ כ ט ן אַפן פראָנט. געוויס איז טראָצקי גערעכט, בעת ער ענטפערט אַף די פרידלעכע באַשטרעבונגען פון קאַוטסקי, אַז דער טעראָר קאָן האָבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ממשות אין קאַמף קעגן רעאַקציאָנערן קלאַס, וואָס וויל ניט אַראָפּ פון דער סצענע, און אַז מע קאָן א י י נ ש ר ע ק ן קלאַסן; ער איז אָבער לחלוטין ניט גערעכט, בעת ער האַלט, אַז די דאָזיקע ראָליע דאַרף אויספירן דער ט ע ר אָ ר. דאָ איז דער גרעסטער טעות פון צונויפמישן דעם טעראָר מיט דער געוואַלט. אין דער אמת׳ן אָבער איז די ג ע וו אַ ל ט (אַ אָפענער בירגער-קריג) שוין אַ גענוגנדיקער כּלי-זין אין אַזאַ קאַמף. און זי אַליין פירט שוין אויס אין דער פולער מאָס די איינשרעקונג-פונקציע *). אמת, אַז מע זאָל האָבן בדעה אַ קאָנטר-

*) טראָצקי, «Терроризм и коммунизм»

**) דאָס איז אַ איינשרעקונג פון אַ באַשטימטער צאָל מענטשן; דער חילוק צווישן איר און דעם טעראָר ליגט אָבער אין דעם, אַז בּאַ אַ באַריקאַדע איז די איינשרעקונג אַ ר ע פ ל ע ק ס פון אַ מסירת-נפש׳דיקן קאַמף, בּאַם טעראָר אָבער — אויסדריקנדיק זיך אין אַ ע י נ ו י ם-ק אַ מ ע ר — פאַרפיל זי א׳ם אין גאַנצן.

רעוואָליוציע, וואָס איז ניט באַוואָפנט מיט קיין אַרמיי, און אַרבעט אין לאַנד גופא
מיט פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן, קאָן אויך טעראָר אַ חוץ דער געוואַלט
נעבן אַ הוספה=עפעקט פון קאַמף. די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע — און דא
קערן מיר זיך אום צו אונזער הויפט=טעמע — ק אָ ן אָבער זיך נ י ט יאָגן
נאָך דעם דאָזיקן עפעקט אַליין, וואָס האָט אַ ריין=אויסערלעכן באַטייט. מע
טאָר ניט פאַרגעסן ניט אף איין רגע, אַז אַזאַ קאַמף, וואָס ווערט פאַרשאַרפט
דורכן טעראָר, וואָס ברייננט ווייניק נוצן אין ערשטן פאַל און עפעס כלומרשטע
נוצן אין צווייטן, איז דערפאַר גורם דעם סאָציאַליזם דעם גרעסטן א י נ ע ר ל ע כ ן
שאדן. מע דאַרף געדענקען, אַז נאָך די דאָזיקע טעראָריסטישע נצחונות גייט
ווי א שאָטן די צעפוילונג פון דער גייסטיקער סביבה פון דער רעוואָליוציע גופא.
נאָך מער — די צעשיסונג און די טעראָר=סיסטעם בלייבן קיינמאָל ניט אין די
ד׳ אמות פון דעם „רעאַקציאָנערן קלאַס“ און פאַלן גאַנץ גיך אַראָפּ אף די קעפּ
פון די מאַסן, וואָס זיינען אים פרעמד, און וואָס דערהויבן זיך צום עתיד. סיי
דער פראַנצויזישער טעראָר סיי דער רוסישער האָבן גענומען דעם גרעסטן טייל
קרבנות פון דער אַרבעטער — און פויערים=מאַסע. מיר האָבן שוין אָבער אויבן
געזעהן, אַז אפילו בעת דער טעראָר איז געווענדעט אויסשליסלעך קעגן די קלאַסן,
וואָס פאַרשווינדן פון דער געשיכטע, שטעקט ער אויך אָן מיט אַ טויט=סכנה
די ג אַ נ צ ע רעוואָליוציע, א י ר ג אַ נ צ ע סביבה דורך און דורך. דעריבער
איז ממילא אויבערפלעכלעך באַנאַל די מיינונג, לויט וועלכער די פראַגע וועגן דער
פאָרם פון רעפּרעסיעס איז ניט קיין „פרינציפּיעלע“. נאָר תכלית=לייט פון דער
רעוואָליוציע, וואָס זעהן קיינזאַך ניט אַחוץ דער טאָג=טעגליכקייט אָדער אמת׳דיקע
טאָלסטאָוועס קענען אַזוי גאוה׳דיק און שטאָלץ אָפּפטרן די דאָזיקע פראַגע.
געוואַלט — ניין, קיין ש ו ם מין אירן טאָר מען ניט געברויכן, זאָגן טאָלס=
טאָוועס, וואָס שטייען אויסער דער וועלט. געוואַלט — וועלכע איר ווילט נאָר,
זאָגן די טעראָריסטן, וואָס שטייען מיט בײדע פיס אין ד ע ר אַ ל ט ע ר ו ו ע ל ט.
זיי פאַרשטייען ניט, וואָס פאַר אַ סימן דלות דאָס איז, דער כאַפּן זיך אָן אַלע
מעגלעכע מיטלען פון קאַמף אָן אויסנאַם, אָן „א שייטל האָליץ, אַ שטיין, פייער,
שטריק“, אָן אַלע עקלהאַפטע מכשירים פון חיישן אַרסענאַל פון עבר. עפּעס
אַ „פשוטער און אַנטשיידנדיקער פאַקט“ איבערצייגט זיי אָין אַלע מעלות פון
דער צעשיסונג; אָבער אַן׳אַנדערער אַ פיל פשוטערער פאַקט פון דעם חשבון=
הנפש פון פאָלק איבערצייגט זיי אין קיינזאַך ניט: זיי זעהן ניט, אַז מיט זייערע
לייכטע מיטלען צעלאָזן זיי אָפּן ווינט דעם קאַפּיטאַל פון דער רעוואָליוציע, אַז
ניט פאָראויס, נאָר צוריק אין וואַלד טראָגט זיי דער פערד, וואָס ווערט מיטן
פייערדיקן בייטש אונטערגעשמיסן, אַז צעשיסנדיק די שונאים, טרעפן זיי אין
האַרצן פון דער רעוואָליוציע. פונקט פאַרקערט: טיף פרינציפּיעל איז א י ט=

לעכע דעטאַל פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף, און קודם כל — די פאָרם פון אירע רעפּרעסיעס. נאָר די צעשטערער פון אַלע בנינים זיינען מזלזל מיט פאָרמען פון אַרבעט, דאָס טוען אָבער ניט די שעפערישע בויער פון נייע. אין דער פאַרשטייעניש פון ווערט פון פאָרם און פון מאָס ליגט דער גאַנצער חילוק צווישן אַ שטיין־האַקער און בויער, צווישן אַ בעל מלאכה און אַ שעפערישן זשעני פון דער רעוואָליוציע.

ד) ניט מיר רופן אַרויס דעם טעראָר; ער ווערט אונז אויפגעצוואונגען פון אויסנווייניק דורך דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. דאָס איז די סאַמע באַליבטע טענה פון די פאַרטיידיקער פון טעראָר. „די האַרבקייט פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין רוסלאַנד — שרייבט טראָצקי — איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך תנאים, וואָס זיינען ניט ווייניקער שווער (ווי אין פראַנקרייך אין 1793 יאָר). אַ געשלאָסענער פראָנט אין צפון און דרום, אין מערב און מזרח. אַחוץ די רוסישע ווייסגוואַרדייאישע חילות פון קאָלטשאַק, דעניקין און אַנד. טרעטן אויף קעגן ראַטן־רוסלאַנד גלייכצייטיק אָדער איינס נאָך איינס דייטשן און עסטרייכער, טשעכאָ־סלאָוואַקן, סערבן, פּאָליאַקן, אוקראַינער, רומענער, פראַנצויזן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער, יאַפּאַנער, פינער, עסטאָנער, ליטווינער". יאָ, געוויס איז ריכטיק, אַז די אָקטאָבער־רעוואָליוציע, וואָס איז געקומען מיט דער בשורה פון פרידן און ברידערלעכקייט איז די גאַנצע צייט געגאַנגען צווישן אכזריות'דיקע ווענט פון אויסלענדישע שונאים. תחילת האָט די דייטשע קאָאַליציע געפיינגט צום טויט דאָס אויסגעמאַטערטע לאַנד, געצאַפּט טראָפּנס־וויין זיין בלוט און מאַרך. דערנאָך האָט די אַנטאַנטע כסדר און סיסטעמאַטיש געריסן אַף שטיקער דאָס לייב פון דער רעוואָליוציע מיט פאָדערונגען פון אַ פּאָליטישן שיילאָק. די אַלע טייוואָלאָנישע כחות האָבן געשאַפן אין רוסלאַנד יענע משונה'דיקע אַטמאָספער, באַ וועלכער די מאַכט האָט זיך מיטן קאָפּ אַ וואָרף געטאָן אין טעראָר. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סביבה איז געווען נאָר דער לעצטער שטופּ פאַר איר טעראָריסטישער אַנטוויקלונג, אָבער ניט איר גרונט־סביבה. אונטער דער השפעה פון דער דאָזיקער סביבה האָט זיך, אגב, די מאַכט געשטעלט אַפן וועג פון טעראָר; געשטעלט האָט זי זיך אָבער אַליין, אַ דאַנק איר אייגענעם באַוואוסטזיניקן באַשלוס. האָט זי, הייסט עס, געזאָלט דורכטראַכטן און פאָראויסזעהן ביזן סוף אַלע פאָלגן פון טעראָר. „מע דאַרף טאַקע פאַרמאָגן ממש אַ קופּערנעם שטערן — פאַרזיכערט טראָצקי — בכדי צו זוכן די סיבה פון בלוטיקן כאַראַקטער פון רוסישן בירגערקריג אין דער בייזן כונה פון די באָלשעוויקעס, און ניט אין דער אינטערנאַציאָ־

נאַלער סביבה״. מירן לאָזן צורו דעם קופּערניקס שטערן, מיר זעהן אָבער ניט איין קיין אייזערנער לאָגיק, בעת מע וויל אונז איינשמועסן, אַז דער דרוק פון אויסערלעכע פאַקטן אַליין איז שוין געווען גענוג, בכדי אָנצונעמען פאַטאַלע באַשלוסן. נאָר די דיפּלאָמאַטן און פּאָליטישע טוער פון דער אַלטער וועלט, וואָס בראָדזשען איבער אויסגעטראָטענע וועגן פון „מדינישן שכל״ און „היסטאָרישע טראַדיציעס״ און וואָס האָבן פאַר זיך ניט קיין שום מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, קענען לעבן און באַוועגן זיך לויט די דאָזיקע אויסערלעכע סטימולן אַליין. מענטשן פון דער נייער וועלט, וואָס טוען לשם אַ נייעם לעבן, מוזן פאָראויסזעהן — אויב נאָר זייער לאָגיק איז ניט געמאַכט פון פּראָסטע אייזן — וואָס פאַר אַ אומפאַרמיידלעכע ווירקונג דער „בלוטיקער כאַראַקטער״ וועט האָבן פאַר נייעם לעבן גופא און ניט נאָר פאַר דעם היינטיקן דערפאָלג. האָבן זיי עס אָבער ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט, און האָבן אַלס דענקער געהאַט נאָר די פּערספּעקטיוו פון היינטיקן טאָג — שטעקט אין דעם באמת׳ן זייער „בייזע כונה״.

מיר ווייסן גוט, ווי ווייט דער טעראָריסטישער רעזשים דערלייכטערט זיך דאָס לעבן, טייטלענדיק אַף די אויסלענדער. די מאַראַטן און ראָבעספּיערן און אַנדערע האָבן אין משך פון דער גאַנצער רעוואָליוציע געשיקט אַפן עשאַפאָט די בעסטע רעוואָליוציאָנערן פון יענער צייט און געהאַלטן דערביי אין איין שרייען: „די אַגענטן פון פּיט און דעם ברוינשווייגער״. „אַגענטן פון דער אַנטאַנטע״ — האָבן מיר כסדר געהערט אין משך פון אונזער גאַנצער רעוואָליוציע. און מיר ווייסן אויך, אַז די ברעקלענדיקע קלעפּ פון דער דיקטאַטור פלעגן פאַלן אַף די קעפּ פון די אַרבעטענדע און זייערע פּאַרטייען, ווי אַף באַוואוסטזיניקע אָדער אומבאַוואוסטזיניקע אַגענטן פון אויסלענדישן אימפּעריאַליזם. די מאַכט פלעגט זיך דערלייכטערן דעם שווערן אידייאישן קאַמף מיט די קעגנער דורך דעם, וואָס זי פלעגט זיי מיט אַ כיון אומנעמען מיט שרעקלעכע נעפּלען פון מלוכישן „פאַראַט״ און נאַציאָנאַלער בגידה. אנשטאט אַ פאַרשטייעניש פאַר גרויסע מחלוקות אין די ראַמען פון דער רעוואָליוציע די מאַכט געבן — אויב ניט פאַר זיך, איז פאַר איר צוהערער — אַזאַ מין אויסגערעכנטע אַף פּאַטריאָטישע געפילן דעמאַגאָגיע. דער רוסישער טעראָר האָט זיך אַנטוויקלט, בייטנדיק זיינע פאָרמען, אומאָפּהענגיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סביבה (אויך דאַן, בעת זי האָט אויפגעהערט בכלל צו זיין אַ באַוואָפנטע) און האָט איר גאָר איינגעטלעך אויסגענוצט אַלס שירמע פאַר אַנדערע פלענער — פאַר דער דיקטאַטור. — עס איז נאָך אַ גרויסע שאלה, אַף וויפיל דער טעראָר איז געווען נוצלעך אפילו אויסערלעך בא די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס (לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי דעזאָרגאַניזירנדיק עס האָבן געווירקט

די ידיעות וועגן רוסישן טעראָר אפן באַוואוסטזיין פון די אַרבעטענדע אין מערב, וואָס האָבן זיך געצויגן צו דער זיך בונטעווענדיקער רוסלאַנד). עס איז אָבער קיין שום שאלה ניטאָ וועגן זיין אינערלעכן מאָראַלישן שאדן.

.XXIV

ה). מע באַמיט זיך וויכער צו מאַכן דעם טעראָר מיט נאָך אַ תירוץ: ער ווערט, כלומרשט, איינגעפירט נאָר צ י י ט ו ו י י ל י ק, אף אַ גאַנץ קורצע צייט. און וואָס שאַרפער עס וועלן זיין היינט זיינע קלעפ — דאָס גיכער וועט ער אויפהערן.

אויך דאָס איז לויט אונזער מיינונג קיין תשובה ניט, ווייל מע נאַרט דאָ זיך און יענעם. קודם כל — צי איז עס ריכטיק, אַז דער טעראָר ווייסט פון טערמינען, אַז אין יעדער רגע וועט ער זיין בכח אָפצושטעלן זיך אַליין? ניין, ער ווייסט עס ניט, און איז עס ניט בכח צו טאָן — אַזוי שרייט אונז אַנטקעגן דאָס גאַנצע לעבן פון אונזער רעוואָלוציע. צו לאַנג, איבער דער מאָס האָט זיך פאַרצויגן אונזער „איבערגאַנג“-תקופה, וואָס האָט זיך פריער וועמען ניט איז געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַ שאַרפער גלאַנץ פון בליץ, ווי אַ קורצער קלאַפ פון שווערד. ווי אָפט עס פלעגט פאַראייביקט ווערן דאָס צייטווייליקע אין דער געשיכטע! איז דען ניט געקומען יעדע טיראַניע מיטן שמייכל פון „צייטווייליקייט“ אף די ליפן? אין דעם באַשטייט טאַקע די דראַמע פון איטלעכן טעראָר, אַז ער קאָן קוים איבערמאַכן ז י ך אַ ל י י ן. „פאַטאַל אין טעראָר איז דאָס, — זאָגט קינע — וואָס ווער עס געברויכט אים, מוז אים געברויכן אייביק, אָדער אונטערגיין, גלייך ווי ער זאָגט זיך פון אים אָפ... ווייל מיט אייער באַרבאַרישקייט שטעלט איר אויף קעגן זיך און קעגן אייער סיסטעם אַ אייביקע שנאה, אַ פאַרבאַהאַלטענעם שווייגנדיקן גרימצאָרן, וואָס וואַרטן נאָר אַף דער מינוט, ווען זיי וועלן זיך קענען אַרויסווייזן“ *).

---

*) ק י נ ע. „די קריטיק פון דער רעוואָלוציע“. די איראָניע פון קינע קאָן אייגנטלעך אָנגעמאָסטן זיין אויך פאַר אונזערע טוער: „איך האָב הנאה פון אַזעלכע פאָדערנדיקע, אַזעלכע אומגעדולדיקע צו פרייהייט מענטשן, וואָס ווערן אָפט אונטער דער השפעה פון טעראָר די געדולדיקסטע ברואים. די צ י י ט דריקט זיי שוין ניט מער. מה רעש — זאָגן זיי — אייניקע יאָר קנעכטשאַפט פון אַ פאָלק? אפנים — ס'איז גאָרניט. אָבער די דאָזיקע יאָרן פון קנעכטשאַפט געבוירן אַנדערע, ענלעכע צו זיי. דאָס, וואָס זיי רופן אָן „אַ מאָמענט“ — איז אַ עמבריאָן, וואָס אַנטוויקלט זיך און וואַקסט אין זייער געשיכטע... פון דעם פונקט וואַקסט אויס אַ בוים מיט הונדערט צווייגן, און פון די ביימער — אַ וואַלד, וואָס איז ניט דורכצוגיין“.

נאָר וויכטיגער פון דעם איז עפּעס אַנדערס. דער „צייטווייליקער" טעראָר הערט דאָך ניט אויף צו זיין אַ טעראָר מיט אַלע זיינע מאורמ׳דיקע פאָלגן. די מאָראַלישקייט, וואָס זוכט איר פאַרקערפּערונג אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, קאָן ניט ליידן קיין מאָראַטאָריום, מע קאָן איר ניט דוחה זיין, אָפּלייגן. די רעוואָליוציע, וואָס ווערט אין דעם פּונקט אָפּגעהאַקט, איז שוין מער ניט די זעלבע רעוואָליוציע. פּונקט אַזוי, ווי דער אמת פון האַליליי קאָן זיך ניט אומבייטן אין תוך אפילו דאַן, ווען ער אַליין זאָגט זיך אָפּ פון אים אין די שמערצן פון פּייניקונג און רופט אים *אַנדערשאַן* — אַזוי קאָן מען אויך ניט מבטל מאַכן „צייטווייליק" דעם אמת פון סאָציאַליזם, אַריינברענגען אין אים אַ פּגם, אפילו ווען זיינע טוער אַליין וואָלטן דעם דאָזיקן פּגם פּראָקלאַמירט. בשעתם, אין אָנהויב פון דער מלחמה האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון דער גאַנצער וועלט פאַרוואונדעט אין האַרצן די גאַנצע זאַך פון זייער פּאַרטיי, וועלנדיק אָפּהיטן איר, אפילו איר אויסערלעכע גאַנצקייט. אַצינד, אין פּראָצעס פון דער רעוואָליוציע, פּאָדערט מען ווידער הנחות און הפסקות, און מע פאַרגעסט, אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם עצם מהות פון דער רעוואָליוציע. קוים וועלן מיר איינמאָל געבן דעם טעראָר אַ דריסת-רגל אין די רעוואָליוציע — וועט ער שוין פון אַנ׳אורח ווערן איר באַלעבאָס. — סיי אין דער איבערגאַנג-תקופה, סיי אין דער צייט פון דעם שוין פאַרווירקלעכטן סאָציאַליזם קענען תמיד פּאָרקומען אויפשטאַנדן פון מענטשן, פון מינדערהייטן אָדער מערהייטן. איז ניט שוין זשע וועט מען אים איטלעכעס מאָל געברויכן פּונדאָסניי? אויב ס׳איז אָבער נאָר פאַראַן די מעגלעכקייט, דער טעראָר זאָל ווערן אָנגעווענדעט בנוגע זיי, ווערט שוין די גאַנצע אָרדנונג אַ טעראָריסטישע, אפילו בעת מע ווענדעט אים ניט אָן, ווייל דער לויערנדיקער טעראָר איז אויך אַ טעראָר. ווען זשע וועט קומען די צייט, מע זאָל זיך צעשיידן פון טעראָר? —גראָד די איבערגאַנג-תקופה דאַרף אָבער מיט זיך פאָרשטעלן ניט קיין איבערגאַנג פון דער *אַלטער* וועלט, נאָר אַ איבערגאַנג צו דער *נייער*. דעריבער קאָן זי ניט דערלאָזן אין זיך אפילו צייטווייליק קיין זוימען פון איר אונטערגאַנג. אויב עס זיינען פאַראַן שרעקלעכע סתירות צווישן אונזערע מעשים אין דער אַלטער וועלט און אונזערע פּלענער אפן עתיד (למשל, —קלאַסן-קאַמף און אַלמענטשלעכע ברידערליכקייט)—מוזן מיר זעהן צו פאַרמיידן די שאַרפע ניגודים אין דעם פּרוזור צו דער נייער וועלט. דערפאַר קאָן דער סאָציאַליזם ניט דערלאָזן אַז זיין נאַטור זאָל געלייקנט ווערן — אפילו „צייטווייליק" — דורכן טעראָר.

ו) ס׳זיינען אויך פאַראַן מאָטיוון, וואָס עס ווערן אין זיי איבערגעמישט עלעמענטן פון נוצן און פון אַנדערע, העכערע השערות. „לשם די קומענדיקע דורות"

— אַזוי הייסט אַזאַ מאָטיוו. יאָ, היינטיקע מענטשן קומען אום, אַרום אונז זיינען טרערן און ליידן, דאָס ווייסן מיר אויך. דאָס ווערט אָבער געטאָן לשם די אַנדערע, גליקלעכע דורות, דאָס ווערט געטאָן פון אונזער „ליבע צום צווייטן“.

הגם די דאָזיקע אויפפאַסונג איז זייער צוציענדיק און גרויסמוטיק (ווי ענלעך זי איז צו דער אינקוויזיציע וואָס הרג׳עט לשם דער רעטונג פון דער נשמה!) פונדעסטוועגן דאַרף מען איר האַלטן פאַר די טרוקנסטע און שעדלעכסטע בעת זי הייבט אָן צו שפּילן אַ ראָלע פאַר דער באַרעכטיקונג פון טעראָר. ניט לשם דער אַבסטראַקטער, פרעמדער זעאונג פון ווייטע פּלאַנעטן, ניט לשם דער קינסטלעכער כימערע פון צוקונפטיקן, נאָך ניט געבוירענעם „מענטשן“ (אָדער „מענטשהייט“) קאָן און דאַרף די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע גיין איר מאַרטירער=וועג. טרעטן מיט די פיס די ליבע צום נאָענטן לשם דעם „ווייטן“ — ד. ה. אַוועקשטעלן אידעאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ. מע קאָן ניט אָפּנעמען איצט בײַ מענטשן דאָס רעאַלע לעבן און שמחה לשם עפּעס אומבאַשטימטעם. נאָר דורך דער ליבע צום נאָענטן קומט מען צו דער ליבע צום ווייטן. איך אַליין קאָן פרייוויליק ברענגען זיך אַלס קרבן אפילו לשם דעם עתיד, עפנען מיינע אָרעמס פאַר די קומענדיקע דורות, איינזעהן מיין גליק אין גליק פון אַנדערע, וואָס ס׳איז זיי נאָך ניט באַשערט צו זעהן זייער שמחה — קאָן דען זיין אַ גרעסערע צונויפגיסונג מיט דער אייביקייט! לשם אַזאַ מין עתיד קאָן מען אָבער מפקיר זיין נאָר זיך אַליין, און מע קאָן ניט ברענגען יענעם אַלס קרבן (אַלי׳ן איינס — צו געהערט ער צום קעגנערישן לאַגער אָדער צום אייגענעם). און דעריבער קאָן מען ניט בויען ניט קיין טעראָר און ניט קיין בירגער=קריג (וועלכן מיר אונטערשיידן מאָראַליש פון טעראָר) אַף דער דאָזיקער אידעע, וואָס איז טויט פאַר דעם, ווער ס׳גלויבט אין איר ניט אָדער באַגרייפט איר ניט. על אחת כמה וכמה, אַז דער טעראָר, וואָס ראַטעוועט אָדער שאַפט כלומרשט דעם נייעם דור, לאַכט נאָר אויס, ווי געזאָגט, זיך אַליין, ווען צוגלייך מיטן געבורט פון די נייע דורות קומט פאַר די צופוילונג פון דעם דור, וואָס קעמפט פאַרן עתיד. פון גאָרניט קומט גאָרניט אַרויס — דאָס איז אַן אַלטער כלל. אמת מיר הערן אָפט, אַז קיין זאַך וואַקסט ניט אויף, אויב דער זוים ווערט ניט פאַרפוילט אין דר׳ערד, און אַז ווער ס׳פאַרלירט ניט זיין נשמה — געפינט איר ניט. אויב דאָס איז אָבער ריכטיק — איז דאָס נאָר אין אינדיווידועלן זין, ווייל דאָן זיינען דאָ פאַראַן מסירות=נפש און ליידן, וואָס ווערן פרייוויליק אַף זיך גענומען, און וואָס טראָגן אין זיך — אָדער קענען טראָגן — אַ גייסטיקע אויפלעבונג. אָבער ליידן און קרבנות, אַלס אַ אויפגעצוואונגענע סיסטעם פאַר יענעם ברענגען אַרום זיך

נאָר צו אַ מאָראַלישער צעפאַלעניש. פון אַזעלכע ביטערע זוימען קאָן קיין זיסע פרוכט ניט געבוירן ווערן.

דאָס באַטייט, אַז „דער טעראָר לשם דעם עתיד“ באַגזל׳ט דעם נאָענטן און ניט קיינזאַך ניט דעם ווייטן. אַזאַ טעראָר איז ניט נוצלעך, ער שטייט אין ניגוד צום גייסט פון סאָציאַליזם און אין דער זעלבער צייט פייניקט ער און רייסט דעם הווה.

אף דעם קאָן מען אונז פרעגן: אויב איר קעמפט נאָר לשם דעם נאָענטן — ווי זשע דערלאָזט איר געוואַלט בכלל? איר שלאָגט דאָך דווקא אים, און גראָד אים, דעם נאָענטן זייט איר מפקיר אין דער געוואַלט? אונזער נאָענטער אין קעגנערישן לאַגער קאָן דאָך אונטערגיין? איר טוט עס לשם דעם אידעאַל — דער מענטשלעכע באַפרייאונג? אָבער די אַנדערע, לעבעדיקע מענטשן פון אונזער דור, זיינען דאָך ווייטע, צוקונפטיקע פאַר דעם, וואָס פאַלט אַל סקרבן? קומט דאָך אויס, אַז אונזער „ליבע צום נאָענטן“ ווערט אין דער געוואַלט פאַרוואַנדלט אין די זעלבע ליבע צום ווייטן? ווערן דאָך אויך דאָ געבראַכט קרבנות לשם דעם ווייטן?

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, און אין דעם איז טאַקע אונזער סתירה און די דראַמע פון דער רעוואָלוציע. אויך מיר קאָנען ניט פאַרשטיין דעם נאָענטן נאָר פיזיש, און הגם גראד אף דעם (דאָס פיזישע) ווייזט אונז כסדר מיט ליידן אן אונזערע מאָראַלישע עמפינדונג, נאָר אונזער מאָראַלישער באַוואוסטזיין, וואָס לאָזט אונז ניט אַריינפאַלן אין טאָלסטאָאישקייט, פאַרטיידיקט אין דעם פרט דעם נאָענטן בכלל (און דאָס באַטייט — דעם „ווייטן“), און דערלאָזט און פאָדערט פון אונז מיר זאָלן ברענגען אַזאַ מין קרבן. קאָמפּליצירט און פאַרוויקלט איז דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין. עס שטייט אף דער וואַך, זוכנדיק די גרעניצן פאַר דער געוואַלט. עס דערלאָזט ניט דריבער טרייבן בעל כרחם די אַנדערע פון אונזער לאַגער צום קאַמף, ווייל דאָס וואָלט הייסן — מחלל זיין די ליבע צום נאָענטן דאָרטן, וואו ער טרעט ניט אַרויס אַקטיוו, וואו ער גרייפט ניט אָן אונזער אידעאַל. דערפאַר הייסט עס אונז אָבער מחלל זיין די ליבע בנוגע דעם קעגנערישן לאַגער, וואָס גרייפט אונז שטענדיק אָן און וואָס בנוגע צו אים געפינען מיר זיך אין דער היסטאָרישער פערספעקטיוו אין אַ צושטאַנד פון זעלבסטשוץ. די טראַגישע נויטווענדיקייט שטופט אונז אף די דאָזיקע באַליידיקונג פון מענטשן; גראָד דעריבער אָבער באַפעלט אונז כסדר דאָס מאָראַלישע באַוואוסטזיין, וואָס טרייבט אונז צו דעם, מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק און אויפמערקזאַם צו מענטשן, מיר זאָלן אים ראַטעווען ווי ווייט מעגלעך פאַרן הווה*), מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון טעראָר.

*) און ניט צוליב רעטונג פון זיין נשמה אין עולם הבא, ווי ס׳פלעגט ליב האָבן צו טאָן די קאַטוילישע אינקוויזיציע.

דעריבער איז דאָ ניט בנמצא יענע אכזריות פֿון טעראָר, וואָס וויל אויך דעם נאָענטן ניט וויסן — כּלומערשט לשם דעם ווייטן, וואָס פֿאַרוויסטעט לגמרי דעם הווה לשם דעם עתיד. ס'איז אָבער פֿאַראַן דער הכּרח מפקיר צו זיין דעם נאָענטן, און דער פֿייניקער אנדענק וועגן דעם. יענע „ליבע צום ווייטן" באַפֿרייט פֿון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין. אונזער „ליבע צום נאָענטן" באַפֿרייט נאָר פֿון דער מאָראַלישער עמפּפֿינדונג *).

פֿון זעלבן סוג טענות איז אויך דער תּירוץ, אַז בעסער איז פֿאַרטיליקן היינט איינעם אָדער איניקע, איידער שפּעטער — אַ סך, אַז למען החסד והרחמים איז בעסער אַזוי צו טאָן. אויך דאָ ברענגט מען טעראָריסטיש דעם באַשטימטן און איצטיקן פֿאַר אַ קרבן לשם דעם אומבאַשטימטן און צוקונפֿטיקן. און דאָ חזר'ן מיר ווידער איבער דאָס, וואָס פֿריער. פֿון אַזעלכע סבֿרות ווערן געבוירן האַרבקייט און שלעכטקייט: צוליבן חסד צום צוקונפֿטען זעט מען ניט דעם נאָענטן מענטשן. און הגם דער בירגער-קריג און די געוואַלט באַוועגן זיך מיטן טעראָר אין זיך גרעניצדיקן געביט פֿון געדאַנק, פֿונדעסטוועגן איז אָבער אין זיי אַנ'אַנדער צוגאַנג צום מענטשן, דעריבער איז ביי זיי מער אויפֿמערקזאַמקייט און איידעלע פֿאָרזיכטיקייט. עס איז ניטאָ קיין לייכטקייט אין אונזער געוואַלט, און ס'קאָן געמאָלט זיין דער געדאַנק, אַז בעסער זאָל אונטערגיין די רעוואָליוציע, אַבי עס זאָל זיך ניט פֿאַרגיסן קיין איבעריקער טרער. ווייל, אין קעגנזאַץ צו די רעאַלע פּאָליטיקער — ווייסן מיר, אַז אַזאַ טרער וועט זיך שפּעטער און אַנטשיידנדיקער אָפּרופֿן אפֿן גורל פֿון דער רעוואָליוציע *).

---

*) די ליבע צום נאָענטן (צום פֿיזיש-נאָענטן, און ניט צום אידעאַל-נאָענטן — ד. ה. צום ווייטן) איז פֿאַר אונז ניט מער ווי אַ רעגולאַטיווער פּרינציפּ, דערפֿאַר אָבער באַגלייט ער אונז שטענדיק.

*) דער זעלבער געדאַנקען-גאַנג גיט נאָך איין באַגרינדונג פֿון טעראָר, וואָס ווערט דורך איניקע אַרויסגעשטעלט: מע באַרופֿט זיך אַפֿן רעכט פֿון דער „איניציאַטיווער מינדערהייט" צו פֿאַרווירקלעכן די אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט אַפֿילו קעגן איר ווילן; אפֿן אָרט פֿון די מיינונגען און החלטות פֿון פֿאָלק שטעלט מען אַוועק נאָר זיינע אינטערעסן, וואָס ווערן אויסגעטייטשט און באַפֿרידיקט דורך דער דאָזיקער מינדערהייט. מע זעט איין אַ היסטאָרישן העראָיזם אין דעם קאַמף פֿון מיעוט, וואָס קומט פֿאָר באַם שטיל-שוויגן אָדער קעגן דעם רצון פֿון דער פֿינסטערער מאַסע פֿון פֿאָלק. אַזאַ מין געדאַנקען-גאַנג איז אָבער פֿרעמד דעם סאָציאַליזם, און קודם-כּל — דער לינקער „נאַראָדניטשעסטוואָ". דער דרייסטער און העראָישער מיעוט קאָן און מוז גיין בראש פֿון דער אומבאַוועגלעכער מערהייט, ער קאָן און מוז איר באַווירקן און ציען איר נאָך זיך. די דאָזיקע שליחות דערפֿילט ער אָבער ניט דורך פֿיזישע און אַנדערע געוואַלט-טאַטן איבער דעם מערהייט, נאָר דורך דעם אייגענעם אַקטיוון ביישפּיל, דורך דער אייגענער מסירת-נפֿש. די העלדן פֿון דער

ז) צי קאָן אָבער דער טעראָר אָנגעווענדעט ווערן לשם „דער ליבע צום נאָענטן“, צי קאָן מען ראַטעווען לעבעדיקע מענטשן דורך דעם וואָס מע מאַכט אַנדערע מענטשן מיטן טעראָר תחת חרב? די מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט פון אַזאַ מין שטעלן די פראַגע איז שוין גערדונגען פון דעם אַלעמען, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן. מיר לאָזן איבער דערפאַר דעם לייענער אַליין צו ענטפערן אף די פראַגע און מיר גייען איבער ווייטער.

ח) איר ווערט אויפגעבראַכט אפן טעראָר, אומ׳רחמנות׳דיק שטראָפט איר זיין אכזריות און זיינע רציחות, איר קאָנט שיטן שוועבל און פעך אף אַלע זיינע טרעגער און אויספירער. קוקט זיך אָבער נאָר אום אף זיי, אף די טוער, עבדים און כהנים פון דער בורזשואַזער וועלט. צי דען טוען זיי ניט ערגער, בלוטיקער און שמוציקער פון אונז? צי דען איז ניט פול די מענטשלעכע געשיכטע מיט זייערע רציחות? — אַזוי זאָגן אָפט מיט היץ די פאַרטיידיקער פון טעראָר; — איר האָט צו גיך פאַרגעסן די צאַרישע רוסלאַנד, אין פאַרבלענדונג מיט אייער צאָרן זעט איר ניט די מעשים פון דער גאַנצער איצטיקער ציוויליזאַציע פון אייראָפּע און אַמעריקע, די עינוים פון אינדיע און אירלאַנד, פון די מזרח־פעלקער, פון די נעגער. איר טראַכט זיך ניט אַריין ווי געהעריק איז אין די רציחות און פייניקונגען פון מענטשן, וואָס ווערן באַגאַנגען דורך די ווייסע אין די ערטער, וואָס זיי האָבן אָקופּירט. ווי קאָן מען עפּעס האָבן קעגן אונזערע אויפגעצוואונגענע מעשים, אויב פון זייערע אַלע מעשים ווערט קאַלט די בלוט אין די אָדערן?

מענן קורצזיכטיקע מענטשן האַלטן די דאָזיקע טענה פאַר זייער אַן ערנסטע, און מעג זי טאַקע באמת׳ן זייער קינציק אָפּפירן דעם געדאַנק אין אַן אַנדער זייט — מיר קאָנען איר ניט אָננעמען. ווייל, עס פרעגט זיך: קעגן וועמען

איניציאַטיווער מינדערהייט זיינען ניט די טאָרקוועמאַדאָס און ראָבעספּיערן, נאָר די האַליייען און הוסן, סאַזאָנאָוו׳ס און קאַליאַיעוו׳ס. אמת, די אידעע פון דער אַלמעכטיקער איניציאַטיווער מינדערהייט גיט די גרעסטע באַפרידיקונג דעם לעבנס־ווערק פון יחידים; דערפאַר אָבער באַטייט זי פון דער אַנדער זייט אונטערדריקונג פון די מאַסן, ד. ה. פון דער גאַנצער גרויסער צאָל פערזענלעכקייטן, פון וועלכע עס ווערן צונויפגעשטעלט די דאָזיקע מאַסן. עס איז ניט מעגלעך צו צעברעכן די אבגעשטאַנענקייט פון די מאַסן, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין אַ נייעם פּיעדעסטאַל פאַרן טריאומף פון אַ הייפל ריסטאָקראַטן. די „מיינונגען“ פון פאָלק זיינען פאַר דער איניציאַטיווער מינדערהייט ניט אָבליגאַטאָריש. אָפטמאָלס באַשטייט דער פראָגרעס פון דער מענטשהייט אין דעם, מע זאָל די דאָזיקע מיינונגען גובר זיין. אָבער די פראָגרעסיווע באַוועגונג לשם די דורך דער מינדערהייט אנערקענטע אידעען קאָן גיין ניט אַנדערש ווי דורך דער איינדרינגונג פון די דאָזיקע אידעען אין פאָלק, ניט אַנדערש ווי דורך דעם רצון פון די פאָלקס־מאַסן.

ווערט עס געוואָרפן אין דער וועלט אַריין די דאָזיקע טענה? אויב קענען די צבוע'יאקעס פון בורזשואַזן מערב, קעגן רעוואָלוציעס, וואָס האָבן די חוצפּה צוקומען מיט מאָראַלישע פאָרוואורפן בעת די אייגענע הענט זיינען אין בלוט פון דער מלחמה און דער „פרידלעכער“ ציוויליזאַציע — יעמאָלט פאַרשטייט זיך זיינען געריכט די אויבן־געבראַכטע טענות. מאָראַל איז ניט קיין לאָגיק און אויב עס קאָן געמאָלט זיין אַ דענקער, וואָס געברויכט פאַלש די נאָרמען פון לאָגיק בנוגע צו זיך אַליין און פאָרמולירט זיי דערביי קלוג און איבערצייגנדיק פאַר אַנדערע — קאָן אָבער די מאָראַל אַזאַ מין צווייענדיקייט ניט ליידן. ווייל אַף וויפיל די לאָגיק וויל ווירקן אַף מענטשן — זוכט זי נאָר אַ גלייכן ג ע ד אַ נ ק ע ן=גאַנג באַ אַנדערע. וויל אָבער די מאָראַל ווירקן, פאָדערט זי פאַר זיך גבורות און מ ע ש י ם; איר לאָגיק באַשטייט אין דער פאַרקערפּערונג פון אירע אידעען, אין דער פאַרווירקלעכונג פון אירע געבאָטן דורכן טאַט. און דערפאַר קאָן איר פרעדיגט זיין נאָר אַ ביישפּיל, אַ טאַט; דערפאַר קאָן דער נידעריקער פאַלסטאַף ניט ווערן קיין נביאישער בראַנד.

דערפאַר איז אַזוי מערכטיג געווען מיט איר באַשולדיגונג־קראַפט די באַרימטע נאָטע פון טשיטשערין, וואָס איז געווען געשיקט בתשובה אפן פּראָטעסט פון די מערב'דיקע נייטראַלע מדינות קעגן רויטן טעראָר אין סעפּטעמבער 1918 *).

---

*) „צי איז באַוואוסט די נייטראַלע מדינות, — זאָגט די דאָזיקע נאָטע — אַז דעם פינפטן יאָר שוין קאָכט אַ אינטערנאַציאָנאַלער קריג, וואָס אַ קליינע קליקע באַנקירן, גענעראַלן און ביוראָקראַטן האָבן אַריינגעשטויסן אין אים די פאָלקס־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, אַז די פאָלקס־מאַסן פייניקן און פאַרניכטן איינער דעם צווייטן אין דעם דאָזיקן קריג, בכדי די קאַפּיטאַליסטן זאָלן אַף דעם פאַרדינען מיליאַרדן? צי איז זיי באַוואוסט, אַז מע האָט אין דעם דאָזיקן קריג ניט נאָר גע'הרג'עט מיליאָנען מענטשן אפן פראָנט, נייערט ביידע פיינדלעכע צדדים האָבן פאַרוואָרפן מיט באָמבעס אָפענע שטעט און גע'הרג'עט אומבאַשיצטע פרויען און קינדער? צי איז זיי באַוואוסט, אַז אין דעם קריג האָט איינער פון די פיינדלעכע צדדים פאַר'משפט מיליאָנען מענטשן צום הונגער=טויט דורך דעם וואָס ער האָט — קעגן די געזעצן פון פעלקער־רעכט — אָפּגעשניטן זיי פון ברויט־צופור, און אַז מיט דער הילף פון הונגער־טויט האָפט ער צו צווינגען דעם צד שכנגד צו קאַפּיטולירן און זיך איבערצוגעבן דעם חסד פון די זיגער? צי איז באַוואוסט, אַז די קעמפענדיקע צדדים נעמען אין פיינדלעכן לאַנד אין געפענגניש הונדערטער טויזנטער אומבאַוואָפנטע פרידלעכע בירגער און פאַרשיקן זיי אַף צוואַנג־אַרבעט ווייט פון אייגענעם היים, אָנפּנעמענדיק באַ זיי דאָס רעכט ווי ניט איז זיך צו באַשיצן? צי איז זיי באַוואוסט, אַז אין אַלע קעמפנדיקע לענדער האָט די הערשנדיקע קאַפּיטאַליסטישע קליקע אָפּגענומען באַ די פאָלקס־מאַסן די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פרעסע, שטרייקן, אַז פאַר'ן קלענסטן פרוב פון פּראָטעסט קעגן דעם ווייסן טעראָר פון דער בורזשואַזיע זעצט זי די אַרבעטער אין טורמעס, שיקט זיי אָפּ אפן פראָנט בכדי צו טויטן

אין יענעם שרעקלעכן יב פון שרעק און ליגן האָבן די דאָזיקע ווערטער פון דער נאָטע וועגן רוסישן טעראָר געקלונגען ווי אַ טיילווייזער אמת. קוקט זיך נאָר צו צו דער בלוטיקער רשימה פון דער נאָטע, וואָס רעדט נאָר וועגן די לעצטע גבורות פון דער „ווייסער ראַסע", לייענט איבער אַלץ וואָס עס דערציילט וועגן די דאָזיקע גבורות דער איטאַליענער אָליוועטי („פּראָבלעמען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם"), וואָס עס האָט צונויפגעזאַמלט אין זיינע אַרטיקלען ענגעלהאַרד, וואָס באַטראַכט דעם פּראָגרעס, ווי אַ עוואָלוציע פון אכזריות *) — און מ׳ וועט אייך באַפאַלן אַנ׳אימה פאַר די חיישקייט און צביעות פון דעם מענטשן אין דעם גאַנצן משך פון זיין געשיכטע. „זיי" — די פירער פון דער דאָזיקער וועלט — טאָרן ניט האָבן קיין העזה צו הייבן זייער שטימע קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן טעראָר.

דאָס מעגן אָבער און מוזן טאָן מיר, וואָס באַזירן זיך אַפן סאָציאַליזם ווי אויך די רעגירונגס-טעראָריסטן. און מיר זאָגן: מיר טאָרן זיי ניט נאָכמאַכן, מיר טאָרן פון זיי קיין ראיות ניט ברענגען. אויב זיי זיינען געווען אַמאָל און זיינען אויך איצט ווערסאַלער — הייסט עס ניט, אַז מיר קענען זיי אין דעם פּרט איבערשטייגן. אויב זיי טוען אַ סך זאַכן, — טאָרן מיר עס אָבער ניט טאָן, ווייל מיר זיינען אַנדערע. אין דעם זין האַלטן מיר פון אַ פּאַרקערטער האָטענטאָטן-מאָראַל. און אונזער היסטאָרישער ביישפּיל — דאָס זיינען די קאָמונאַרן פון 1871 יאָר. „לאָמיר ניט נאָכמאַכן אונזערע שונאים" האָט אויס-געשריען דער קאָמונאַר דעלעקליוז אין דעם סאַמע ברען פון בירגער-קריג. יענע

אין זיי דעם קלענסטן געדאַנק אַפילו וועגן זייערע מענטשלעכע רעכט? ... צי האָבן די הערן פאָרשטייער עפּעס געהערט וועגן דער בלוטיקער אונטערדרי-קונג פון די סין-פיינער אין דובלין? וועגן דער צושיסונג פון הונדערטער איר-לענדער מיט שפּינגטאָנ׳ען בראש אָן אַ געריכט? צי האָבן זיי וואָס ניט איז געהערט וועגן ווייסן טעראָר אין פינלאַנד, וועגן צענדליקער טויזנטער צעשאָסענע, וועגן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, פאַרשמאַכטע אין די טורמעס, וועגן זייערע פרויען און קינדער, וואָס קיינמאָל האָט מען זיי קיין שום באַשולדיקונג ניט צוגעשטעלט און קיינמאָל וועט מען עס ניט טאָן? צי האָבן זיי געהערט וועגן מאַסן-צעשיסונגען פון אַרבעטער און פּויערים אין אוקראַינא? וועגן די מאַסן-צעשיסונגען פון אַרבעטער דורך די העלדישע טשעכאָ-סלאָוואַקן, — די געצאָלטע לייט פון דעם ענגליש-פראַנצויזישן קאַפּיטאַל? די רעגירונגען פון די אַזוי גערופענע נייטראַלע לענדער האָבן עס אַלץ געוואוסט, ס׳איז זיי אָבער קיינמאָל אין קאָפּ ניט איינגעפאַלן צו פּראָטעסטירן קעגן דער הפקרות פון דער בורזשואַזיע, וואָס אונטערדריקט די אַרבעטער-באַוועגונגען, ווייל זיי אַליין זיינען אין יעדע רגע מוכן ומזומן צעשיסן אַרבעטער, וואָס קעמפן פאַר זייערע רעכט"...

*) Энгельгард. Прогресс, как эволюция жестокости.

מענטשן בויען ניט קיין נייע וועלט, דעריבער קענען זיי פּאַרפעסטיקן זייערע בנינים מיט טרערן און מענטשלעכער בלוט אָן אַ שיעור. און מיר אַרבעטן לשם דעם ס אָ צ י אַ ל י ז ם. און קיין שום אָנווייזונג אַף „זיי“ קאָן אונז לחלוטין ניט באַרואיקן, אומגעקערט — די קלענסטע ענלעכקייט צו זיי רופט אַרויס אונזער אָנגעשטרענקטע פאָרזיכטיקייט. בעת די ווערטער פון טשיטשערינ׳ס נאָטע ווערן געווענדעט צו א ו נ ז — פאַרלירן זיי די איבערצייגונג פון אמת *) **).

ט) צוליבן זעלבן טעם איז פאַר אונז ניט איבערצייגנדיק אויך אַנ׳אַנדער טענה פון זעלבן מין — די ראיה וואָס די טעראָריסטן ברענגען פון דער מ ל ח מ ה (פון דער מדינישער, נאַציאָנאַלער). ווי אָפט האָבן מיר געהערט פון זיי בתשובה אַף שווערע פאָרוואורפן: „אַף דער מלחמה — ווי אַף דער מלחמה“. און דער געדאַנק, וואָס קומט דאָ אַרויף אַף באַקאַנטע, אויסגעטראָטענע וועגן, באַרואיקט זיך אפנים אַף דעם***). מיר האָבן שוין אויבן געזעהן, ווי סאַרעל האָט זיך באמת צו פאַרגלייכן די רעוואָליוציע מיט דער מלחמה, ווי מיט אַ ס ט י כ י י א י ש ע ר דערשיינונג פון געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אין דעם נייען צוזאַמענהאַנג שטעלט זיך שוין די מלחמה פאָר ווי אַ

---

*) אַפן צוזאַמענפאָר פון די בילדונג=טוער דעם 2=טן אַווגוסט 1919 האָט לענין געזאָגט: „מע האָט ליב אונז צו באַשולדיקן אין די אָנווענדונג פון טעראָר... איך דערמאָן זיך אָן איינעם אַ שאַרפזיניקן בורזשואַזן פראַנצויז, וואָס פלעגט, שטייענדיק אַף אַ בורזשואַזן שטאַנדפונקט, אַזוי זאָגן וועגן אָפשאַפונג פון טויט=שטראָף: „זאָלן אָנהייבן אָפשאַפן דעם טויט=שטראָף די הערן רוצחים“. זאָלן זיך אָפזאָגן אויך די רוסישע קאַפיטאַליסטן און זייערע בני=ברית, — ד. ה. אַמעריקע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, ד. ה. די, וואָס האָבן אויפגעצוואונגען ראַטן=רוסלאַנד דעם טעראָר“. (№ 170 «Правда») די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע קאָן אָבער ניט אַראָפנעמען קיין מוסטער פון אַ „שאַרפזיניקן בורזשואַזן פראַנצויז און זיין בורזשואַזן שטאַנדפונקט“. אין דעם איז דער גאַנצער זין פון דער רעוואָליוציע.

**) מיר גיבן זיך ניט קיין היתר אפן טעראָר אפן סמך, אַז „זיי“ טוען אַזוי. צוגלייך מיט דעם זאָגן מיר זיך אָבער אויך ניט אָפ פון געוואַלט דערפאַר נאָר, וואָס אויך „זיי“ געברויכן איר. ווייל קיינמאָל פאַרגעסן מיר ניט דעם חילוק — צ ו ל י ב ו ו אָ ס ווערט געברויכט די געוואַלט: זיי געברויכן איר צוליב דער אונטערדריקונג פון די אַרבעטענדע, מיר — צוליב דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט. בכלל גערעדט — ניט אַף די מעשים און די אידעאָלאָגיע פון די אָפשטאַרבנדיקע קלאַסן אָריענטירן מיר זיך אין די פראַגן פון געוואַלט, נייערט אַף אונזער אייגענער וועלט אנשויאונג.

***) פאַרגלייכט עם מיט די אויבן=געבראַכטע ווערטער פון טראָצקי: „די מלחמה באַזירט זיך אַזוי ווי די רעוואָליוציע אַף דער איינשרעקונג“.

באַוואוסטזיניקער מענטשלעכער ענין און מע זוכט פאַר זיך אין אַזאַ מלחמה אַ שטיצפונקט פאַרן טעראָר, וואָס ווערט באַוואוסטזיניק דורכגעפירט. — וואָס קאָן זיין געפערלעכער און ליגנערישער פון אַזאַ אָ פאַרגלייך? אויב שוין יאָ זוכן אַ צד השוה צווישן יענעם קריג און אונזער רעוואָליוציאָנערן קאַמף — וואָלט איך עס געזוכט אין צוויי ריכטונגען. ניט קוקנדיק אַף איר גאַנצע שרעקלעכקייט, זוכט די מדינישע מלחמה פאַר זיך עפעס הפסקות, אָפּשוואַכונגען; די דאָזיקע פרובן אָנצוצינדן אַ ליכט אין דער פינסטערניש ווערן פאַרקערפערט אין דעם רויטן קרויץ. דאָס איז — ערשטנס. און צווייטנס — אַז על פי רוב פילן ניט די קריגער סוביעקטיוו קיין שום בייזע געפילן צו די קעמפער פון צד שכנגד ***). זיי זיינען הכנעות'דיק און דערפילן עפעס אַ פרעמדע פאַר זיי (אָביעקטיווע) מלחמה־ציל; אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אָבער איינערלעך — פרידלעך און רחמנות'דיק איינער צום צווייטן. לויט אונזער מיינונג וואָלט זיך אויך דער רעוואָליוציאָנערער בירגער־קריג געדאַרפט אויסצייכנען מיט די דאָזיקע צוויי מאָמענטן: ערשטנס — זוכן פאַר זיך אַ מילדערונג אין זיינע מעשים, און צווייטנס — זוכן דעם דאָזיקן קעגנזייטיק־רחמנות'דיקן כאַראַקטער פון די שטימונגען. מיר חזרן דאָ נאָך אַ מאָל איבער דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט: דער קעמפער פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע קאָן ניט זיין אין קאַמף אַזאַ מין געווער אָן רצון, ווי דער סאָלדאַט אין די אַלטע מלחמות. דערפאַר קאָן לויט אונזער אויפפאַסונג דער בירגער־קריג זיין נאָר אַ פרייוויליקער, אין דער צייט, וואָס די אַלטע מלחמות זיינען געבויט אַף א צוואַנג־פליכט *). אין בירגער־קריג ווייסט איטלעכער אָנטייל־נעמער סוביעקטיוו (אָדער ער דאַרף ווייסן) די צילן פון קאַמף. ער איז ניט נאָר דער אויספירער פון אַ אויסערלעכן כח — פון ציל (raison d'Etat א. א. וו.), ער אַליין איז איר טרעגער. און פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אַף די דאָזיקע באַדייטנדיקע נפקא־מינה זעהן מיר איין אַ מעגלעכע ענלעכקייט צווישן די דאָזיקע מלחמות אין דעם נשמה־בוי פון די קעמפער. סיי די סיי יענע קענען ניט פיינט האָבן זייערע אוממיטלבאַרע קעגנער־שונאים. דער סאָלדאַט פון דער אַלטער מלחמה איז פריינדלעך און

---

*) סאָרעל האָט אין דעם איינגעזעהן אַ באַווייז פון דער סטיכייאישקייט פון קריג, און מיר זעהען איין פונקט דעם היפוך: די באַוואוסטזיניקייט פון פשוטע מענטשן, וואָס פילן ניט קיין שנאה איינער צום צווייטן אָן אַ אינדיווידועל־באַוואוסטער סבה.

*) ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווערט גערעדט וועגן געוויינלעכע דערשיינונגען; ס'קאָן אָבער אויך אַנדערש פאַסירן: אין דער לעצטער מלחמה „קעגן דייטש" (אָדער „קעגן ענגלענדער") האָבן אַ סך מענטשן געקעמפט באַוואוסטזיניק; און אין ראַטן־רוסלאַנד האָט זיך דער בירגער־קריג פון די לעצטע יאָרן געפירט אַף אַ צוואַנג־אופן, און דערפאַר אומבאַוואוסטזיניק פאַר אַפולעמען.

פּריִדערלעך בנוגע צום סאָלדאַט — דעם קעגנער, ווייל ער זעהט ניט קיין זין אין דעם מדינישן קריג און זיין ציל איז אים ניט קלאָר: עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער איז נאָר אַ שפּיל־געצייג אין אַ טייוולאָנישן שפּיל***). דער קעמפער פון בירגער־קריג קאָן ניט האָבן קיין פּערזענלעכע שנאה (הגם די קלאַסן־אינטערעסן, וואָס ער פאַרטיידיקט זיינען אים זייער נוגע), ווייל ער האָט דווקא דעם באַוואוסטזיין פון די צילן פון קריג, ווייל ער קעמפט נאָר לשם זיי און ניט מחמת דער שנאה צו דער פּערזאָן פון שונא. די אָביעקטיווע ציל פון אונזער בירגער־קריג — די באַפרייאונג פון זיך אַליין, פון אייגענעם קלאַס און פון מענטשן איבערהויפּט — פּילט מיט זיך אָן דאָס באַוואוסטזיין פון דעם קעמפער, און ממילא מאַכט זי אים שוין פאַר ניט מסוגל אויפצונעמען די דאָזיקע שנאה, — די דעגראַדירונג פון דער ציל.

גראָד די דאָזיקע צוויי ענלעכקייט־מאָמענטן פון אונזער קאַמף מיטן אַלטן קריג לייקנט אָבער דער טעראָר אָפּ. בעת ער ברענגט ראיות פון דער מלחמה, זוכט ער אין איר אַ שטיצע פאַר זיינע אכזריות'דיקע און פיינדשאַפטלעכע מעשים. און פּונקט ווי אין דער פריערדיקער טענה („זיי" טוען אויך אַזוי!), פאַרגעסן דאָ די טעראָריסטן ווידער אַ מאָל אָן איין גרויסן חילוק — אָן דעם חילוק וואָס עקזיסטירט צווישן דער אַלטער און דער נייער וועלט. אין וואָס פאַר אַ אידעאָלאָגישע מלבושים די אַלטע מלחמות זאָלן זיך ניט דראַפּירן — אין אַלגעמיין האָבן זיי זיך תמיד געפירט אפן באָדן פון דער אָפּהיטונג פון די עקזיסטירנדיקע יסודות פון סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן (אָדער ריכטיקער — זיי האָבן זיך געפירט גראַד צוליב דער באַהערשונג פון די דאָזיקע יסודות). דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער בירגער־קריג ווערט אָבער געפירט בכדי אַראָפּצוּוואַרפן די דאָזיקע יסודות, בכדי איבערצופירן די מענטשהייט אַף פּרינציפּיעל־אַנדערע סאָציאַלע און מאָראַלישע פּאָזיציעס פון לעבן. פון דעם אָ חילוק איז שוין פאַרשטייט זיך, געדרונגען אויך דער חילוק אין דעם אַרט פירן דעם קריג. דער מדיניש־נאַציאָנאַלער קריג*) ווערט אייגנטלעך דאָס רב געפירט בכדי צו פאַרניכטן, אונטערדריקן און באַהערשן טעריטאָריעס, נאַציעס, דעם מענטשן. ער שטעלט פאַר זיך ניט קיין שום ציל פון ראַטעווען דעם מענטשן**), דערפאַר זיינען פאַר אים פריי אַלע וועגן פון אכזריות און פיינד-

*) גוט איז עס באַשריבן אין טאָלסטאָי'ס „מלחמה און שלום" וואו די מענטשן, פערד און רעגימענטן באַוועגן זיך, טומלען אָן אַ סדר, אויספירנדיק דערביי בלא יודעים די פּלענער פון די שטאַבן.

**) זע וועגן דעם אויבן אין קאַפּיטל VIII.

***) דאָס איז אויך אַ באַווייז, אַז די מלחמה איז ניט קיין „סטיכייאישע" דערשיינונג, נאָר אַ באַוואוסטזיניקע; אַזוי איז זי בײַ די סאָלדאַטן און על אחת כמה וכמה בײַ די מדינישע, דינאַסטישע און אַנדערע פירער, וואָס גיבן איר די ציל און די ריכטונג („פאַרניכטן!").

שאַפט. שטעלנדיק פאַר זיך זיינע באַזונדערע אויפגאַבן צעלאָזט ער אַלע
חיישע אינסטינקטן פון מענטשן, הגם ער גיט אָפּ זיין טריבוט דער „מענטשן־
ליבע“ און אָפּעריִרט מיט מענטשן, וואָס ווייסן ניט פון שנאה. און פאַראַלעל מיט
דער אינדיווידועלער גוטהאַרציקייט פון די סאָלדאַטן פליסט אַ שטראָם פון צע־
לאָזנקייט און הפקרות פון די מלחמה־„געזעצן“. דערפאַר איז די מלחמה
תמיד געווען און וועט בלייבן די טונקלסטע באַקרוינונג פון דער אַלטער פאַר־
ברעכערישער וועלט, וואָס גייט פון אונז אַוועק. דער בירגער־קריג אָבער, וואָס
ווערט געפירט צוליב אונזערע צוועקן, האָט דאָך אַ גאַנץ אַנדערע ריכטונג, ווי
יענע מלחמה. ער שטרעבט ניט צו פאַרניכטן דעם קעגנער, ער וויל אים אַריינ־
ציען, אַסימילירן, גייסטיק באַזיגן, זיין ציל איז — די רעטונג פון
מענטשן, און פון דאַנען איז שוין געדרונגען אַנ'אַנדער ריכטונג פון זיין קאַמף:
אויפמערקזאַמקייט און פאָרזיכטיקייט צום מענטשן אין קאַמף. „מע האָט ניט
געדאַרפט פאַרגעסן — האָט געשריבן דער אַקטיווער קעמפער פון דער קאָמונע
אַרנו — אַז אַ אינערלעכער פאָליטישער קריג, וואָס זיין גאַנצע גרויסקייט און באַ־
רעכטיקונג באַשטייט אין דער איבערצייגונג פון די אָנטיילנעמער — ניט פון די
סאָלדאַטן נאָר פון די לעבעדיקע אידעען — קאָן ניט געפירט ווערן
אַזוי, ווי די מלחמה מיט אויסלענדישע באַזיגער“. און אַנ'אַנדער קעמפער פון
דער קאָמונע ווערמאָרעל האָט אַזוי געשריבן אין 2־טן נומער פון זיין „פאָלק—
פריינט“ (24 IV. 1871.): „מיר דאַרפן באַזיגן אונזערע קעגנער מיטן מאָראַלישן
כח... מע טאָר ניט פוגע זיין אין דער פרייהייט און לעבן פון יחיד... מע
דאַרף אָבער אָפּנעמען באַ זיי די מעגלעכקייט צו שעדיקן, אָפּנעמען באַ זיי דעם
כח, צווינגען זיי צו יושר, צווינגען צו אַרבעט“. אין דער אַ באַ־
צווינגונג פון די קעגנער צום יושר, אין דער באַזיגונג לשם זייער אייגענער רע־
טונג, — אין דעם כאַראַקטער פון בירגער־קריג איז פאַרבאָרגן דער פאַרטאָגיקער
שיין פון דער נייער וועלט. טאָ ווי זשע קאָן מען עס זיך דאָ באַנוצן מיט דער
איבערפלעכלעכער פאָרמול: אַף דער מלחמה — ווי אַף דער מלחמה? און דורך
דעם, וואָס דער טעראָר גלייכט זיך אַליין צום אַלטן קריג, שליסט ער זיך אויס פון
דעם קרייז פון בירגער־קריג. מיט דעם אַליין ווי אויך מיט די אַלע מוסטערס און
משלים, וואָס ער קלייבט זיך אויס, באַווייזט ער נאָך אַ איבעריקן מאָל, אַז סיי
ער, סיי די אידעאָלאָגיע, וואָס שפּייזט אים, זיינען ניט קיין אַוואַנגאַרד פון דער
נייער וועלט, נאָר אַ אַריערגאַרד פון דער אַלטער.

XXV.

י) צי איז מעגלעך אַ גרעסערער חילול־השם, ווי דער פאַרגלייך פון דעם
מדינישן (וויס־רויטן) טעראָר מיטן העראָאישן טעראָר פון דער צוגרייטונג־

תּקופה פון דער רעוואָליוציע, מיטן טעראָר פון גרשוני, סאַזאָנאָוו, קאַליאַיעוו, און ספּירידאָנאָוואַ? צי איז מעגלעך אַ גרעסערע באַליידיגונג, ווי דער פאַרגלייך פון די טוער פון טשעקא מיט די מוסטערס פון אונזערע טעראָריסטן? עס זייַנען דאָך אָבער געווען אויך אַזעלכע געדאַנקען און אפילו דאָס וואָרט אַליין האָט אַרויסגערופן אַ פאַרגלייך בײַ ניט-דערפאַרענע מחות און איז אפילו מלמד זכות געווען אין זייערע אויגן. דער טעראָר פון אונזערע טעג איז עפּעס אַזוי ווי געהייליקט געוואָרן אין שפּיגל פון עבר.

לויט אונזערע באַגריפן האָט אָבער יענער העראָאישער טעראָר קיין שום שייכות ניט צום הייַנטיקן טעראָר און איז געווען נאָר דער אײדעלסטער מין פון געוואַלט. ניט פון אויבן איז ער געקומען, ניט פון די ביוראָקראַטיש-מדינישע חדרי-חדרים, נאָר פון אונטן, פון גאַס, פון די צימערן פון קעמפער מיטן מאָגנעטדיקן געוויסן. אין הייַנטיקן טעראָר איז פאַראַן אַ מין חדרת כבודיקע רואיקייט, אַ סיסטעמאַטישקייט און קאַלטער חשבון, אַ זיכערקייט פון איינעם, וואָס רעכנט זיך אָפּ ביד רמה. דער כלל, וואָס שיצט זיך אָפּן שווערד פון „געזעץ“, רעכנט זיך דאָ אָפּ מיטן אומבאַוואָפנטן מענטשן, דאָ איז אַ „רעגירונג-אַקט“ פון דער מאַכט, דאָרטן — אין אַלטן טעראָר — איז געווען אַליין, אַ חוץ דער דאָזיקער סביבה. אַ שוואַכער און איינזאַמער (מיטן גלויבן אין דער פאָלקס-אונטערשטיצונג אַליין) גייט אַרויס דער טעראָריסט קעגן דעספּאָטיש, ביז די ציין באַוואָפנטן רעזשים, קעגן שטאַרקער און געזעצלעך-פעסטער אָרדנונג. אָן אַ זיכערהייט צו טויטן, נאָר מיט אַ פולער זיכערהייט צו שטאַרבן גייט דעריבער דער קעמפער אין אַזאַ מין קאַמף. און עס איז פאַר אים ניט קיין „רעגירונג-אַקט“ פון דער מאַכט, נאָר אַ גרויסע גבורה פון זייַן לעבן *).

און בעת דער טעראָריסט נעמט זיך שוין צו דעם דאָזיקן געווער, קלייבט ער אים אָבער ניט אויס, ווי אַ לייכטן און פּשוטן וועג, נאָר ער קומט צו אים אָן ערשט דאַן, ווען ס'איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג אין קאַמף, בעת ער ווערט געצוואונגען צו דעם דורך דער ביטערער נויטווענדיקייט. גראָד די דאָזיקע טעראָריסטן האָבן מער פון אַלץ געלעכצט נאָכן מאָמענט, בעת עס וועט מעגלעך זייַן זיך אָפּצוזאָגן פון טעראָר לשם די אַלע אַנדערע קאַמף-מיטלען,

*) דאָרטן גייט די מדינה — דער כלל קעגן דעם יחיד, דאָ איז עס פּונקט פאַרקערט. דאָרטן איז די מיתה פון אַ מענטשן, וואָס קומט אָף אים אומפאַר-מיידלעך, ווי אַ נאַטור-געזעץ אַ שווערער טויט ביים ליכטיקן שייַן פון טאָג, בעת דאָס גאַנצע לעבן און די געזעלשאַפט וואָלט אים אַזוי ווי פאַרראַטן אין אַ טיוואָלאָנישער גלייכגילטיקייט. און דאָ געפינט זיך אין דעם זעלבן נשמה-צושטאַנד ניט דער קרבן, נאָר דער „הענקער“ — דער קעמפער (אָבער ניט צוליבן בעל-כּרחד'טויט איז שווער זייַן געמיט, נאָר צוליבן צער איבערן פאַרלוסט פון איינעם און פרעמדן לעבן, בײַ דער פולקייט פון לעבן-געפילן.

בעת די באַפרייטע מאַסן וועלן כאָטש ווי ניט איז זיין בכח אַליין אַרייַנצוטרעטן אין קאַמף. מער ווי ווען ניט איז, איז זיי פרעמד געווען דער פּראָפעסיאָנאַליזם און די רגילות צו בלוט, צו דער פאַראַכטונג צום מענטשלעכן לעבן. זיי זיינען געגאַנגען אין טעראָר ניט בכדי צו פאַרניכטן דעם מענטשן, (ווי אין היינטיקן טעראָר), נייערט בכדי פוגע צו זיין אין זייער געשטאַלט די פיינדלעכע און מאָוימדיקע אידעע, בכדי צו מאַכן אין זייער געשטאַלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף צו די סימבאָלן פון פאַרגוואַלטיקונג און חושך. דערפאַר טאַקע האָט דער דאָזיקער טעראָר כסדר מיט אַ קרענקלעכער קלאָרקייט געשטעלט פאַר זיך אַליין די גרעסטע באַגרענצונגען.

רעדנדיק וועגן דער פרייהייט, פון וועלכער מע האָט אַזוי געטרוימט, האָט גרשוני געשריבן פאָלגנדיקעס אין זיינע זכרונות: „און באמת וועט מען עס דאַן קענען לעבן אין רוסלאַנד? מע וועט ניט דאַרפן מער הרג'נען?.. מע וועט שוין מער ניט דאַרפן שטאַרבן פאַר די הריגות? איז שוין געקומען די געבנשטע רגע?.. איז שוין טאַקע געקומען דער סוף צו דעם פון אונז פאַרשאָלטענעם בלוטיקן קאַמף, וואָס דער פאַרהאַסטער בלוטיקער רעזשים האָט אַרויפגעלייגט אף אונזערע פלייצעס?.. מע קאָן שוין טאַקע איבערלאָזן הינטערן שוועל פון דעם נייעם לעבן די רעוואָלווערס און די באָמבעס, ווי אַ טונקעלן אָנדענק פון דער חושכ'דיקער רעכטלאָזיקייט, ווי אַ טונקעלן שויך-געוועך קעגן דעם ווילדן ווילקיר און די געוואַלד-טאַטן פון מעכטיקע און שטאַרקע איבער אומבאַהאָלפענע און שוואַכע?" *) און עפּעס ווי ניט גלויבנדיק אין דער דאָזיקער **באַפרייאונג פון טעראָר**, איז ער ממשיך פונדאָסניי: „צי האָט זיך עס געענדיקט? דאָס אויסגעמוטשעטע פאָטערלאַנד פאָדערט שוין מער ניט קיין קרבנות? **די ווייכהאַרציקע און ליבנדיקע וועלן שוין מער ניט זיין געצוואונגען זיך צו נעמען צום בלוטיקן שווערד?** (דער קורסיוו איז מיינער). האָבן שוין סוף-סוף די ווערטער פון אמת און יושר פאַרנומען באַ די קעמפער פאַרן גליק און פרייהייט פון די אַרבעטנדע דעם אָרט פון רעוואָלווער און באָמבע?"

און דער גאַנצער שמערץ, וואָס ליגט אין דער נשמה פון טעראָריסט, רייסט זיך אַרויס באַ גרשוני מיט אַ פייניקער קראַפט: „אָבער אַן אייביקע חרפה, אַן אייביקע קללה אַפן רעזשים, וואָס האָט אַרויסגעריסן פון אונזערע הענט **דאָס וואָרט און די פרידלעכע אַרבעט** (דער קורסיוו איז מיינער), און אָפגענומען באַ זיי יעדן ווערט, וואָס האָט אונז געצוואונגען זיך צו נעמען צום מעסער און צום רעוואָלווער! אַ אייביקע חרפה און קללה אף די אכזריות'דיקע, אומרחמנות'דיקע, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט שאָף אין טיגערס און געשטופּט אַפן וועג פון געוואַלט און רציחות די אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט

*) ג. גרשוני «Из недавнего прошлого»

און גערייסן זיך צו פרידלעכער שעפערישער אַרבעט!.. און זאָל ברענען אין זכרון פון די קינדס־קינדער — ענדיקט דער טעראָריסט — אין די בלעטער פון דער געשיכטע ווי קין׳ס־צייכן אפן פאַרברעכערישן פּנים פון פאַרברעכערישן רעזשים דער פלעק פון שאַנדע און קללה, און קיינמאָל זאָל ניט פאַרווישט ווערן די אויפשריפט: אָט איז די שרעקליכע חיה, וואָס פלעגט די בעסטע קינדער פון לאַנד פאַרוואַנדלען אין רוצחים״ *).

אין אַ בריוו פון דער ביטירער טורמע האָט יעגאָר סאַזאָנאָוו געשריבן פאָלגנדיקעס אין 1906 יאָר: „ניט דער כּבוד האָט אונז געלאָקט. ערשט נאָך אַ שרעקלעכן קאַמף און עינויים אונטערן דרוק פון טרויעריקן הכרח פלעגן מיר זיך נעמען פאַר׳ן שווערד, וואָס ניט מיר האָבן אים צום ערשטן אויפגעהייבן... יאָ, איך בין שולדיק (דער ק. איז מיינער) פאַר גאָט, נאָר רוהיק וואַרט איך אַף זיין משפּט, ווייל איך ווייס, אַז ער וועט מיר ניט משפּטן מיט קיין אומגערעכטן משפּט, ווי דאָ... ניט נאָר אַ טראַכט, צי בין איך געווען ביכולת צו טאָן אַנדערש, אויב כ׳האָב געהערט ווי מיין לערער פלעגט זאָגן: נעם דיין צלם און גיי נאָך מיר... איך האָב ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון מיין שווערער משא... טאָ פאַרשטייט זשע און זייט מיר מוחל... דאָס פאָלק וועט זאָגן וועגן מיר און מיינע געטויטע און אין לעבן געלאָזענע חברים דאָס זעלבע, וואָס ס׳האָט געזאָגט מיין פּאַרטיידיקער פאַר׳ן געריכט: „ניט מיט דינאַמיט איז אָנגעפילט געווען זייער באָמבע, נאָר מיט צער און טרערן פון פאָלק... וואַרפנדיק באָמבעס אין די הערשער, האָבן זיי געוואָלט פאַרניכטן דעם קאָשמאַר, וואָס האָט געדריקט אַף די פאָלקס־ברוסט״, דאָס פאָלק וועט עס זאָגן און וועט אונז מאַכן זכאי״ *). שאַף, פאַרוואַנדלטע אין טיגערס, האָבן געטראָגן אַף זיך די פליכטן פון טעראָר ווי אַ שווערע משא. בּסדר האָבן זיי אין זייער גאַנצן מהות געפילט דעם ברען פון זינד. און ניט איטלעכן, וואָס איז גרייט געווען פאַרגיסן זיין בלוט און דאָס בלוט פון צווייטן פאַר דער רעוואָליוציע האָבן זיי געהאַלטן פאַר מסוגל פאַר׳ן טעראָר. אין טעראָר דאַרף מען גיין ריינערהייט! — דאָס האָט בא זיי באַטייט, אַז פון אַ טעראָריסט דאַרף מען פאָדערן די טיפסטע אינערלעכע קאָנצענטרירונג אין זיין טאַט, דעם דורכגעדרונגענעם געפיל פון חמא. דערפאַר שטעלן זיי זיך אונז אַלע פאר ווי געשטאַלטן, וואָס שטראַלן מיט זייער אינערלעכן שיין. סאַזאָנאָוו האָט אַזוי געשריבן וועגן קאַליאַיעוון: „דאָס ערשטע, וואָס פלעגט זיך וואַרפן אין די אויגן איז — דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אינערלעכן שיין... ער איז געווען

*) Материалы для биографии Е. Сазанова. Изд. «Голоса Минувшего». 1919. Стр. 36.

ווי אַ צווײַבערדיקע צונויפֿפֿלעכטונג פֿון כּח, צאַרטקייט, שיינקייט און הייליקייט" *).
סאַזאָנאָוו'ס פּען האָט אונז געגעבן קאַליאַיעוון אין געשטאַלט פֿון אַ ד י כ ט ע ר,
אַ קינסטלער, אַנ'אַרטיסט. ניט נאָר מיט זיין קרעקלעכער און געוויסן־פֿולער ליבע
צום פֿאָלק איז ער געווען פֿאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע, נאָר אויך מיט אינטימע
פֿעדים פֿון ש י י נ ק י י ט. „פֿאַרוואָס הייסן מיר און איר — רעוואָלוציאָנערן?
— פֿלעגט ער זאָגן: „ניט שוין זשע נאָר דערפֿאַר, וואָס מיר קעמפֿן קעגן דער
זעלבסט־הערשאַפֿט? ניין! קודם כּל, זיינען מיר ריטטער פֿון גייסט. מיר קעמפֿן
פֿאַר אַ נייע וועלט, וואָס מיר האָבן שוין פֿריער קונה געווען אין אונזערע גע־
דאַנקען... מיר זעהן שוין די שטאַלטנע קאָנטורן פֿון דער נייער וועלט —
דאָרטן איז אַלץ. דאָס נייע און שיינע — מיר קענען שוין אָנטאַפּן בידים". „פֿאַר־
שטומט בין איך געוואָרן, — זאָגט סאַזאָנאָוו — פֿילנדיק די נאָענטקייט פֿון
ש י י נ ק י י ט... איך האָב אָנגעהייבן באַגרייפֿן, וויפֿיל שיינקייט עס איז פֿאַרבאַ־
האַלטן אין אונזער קאַמף פֿאַר דער אידעע און ווי פֿרייענדיק־נאָענט עס איז אונז
די פֿאַרבינדונג צווישן דעם גוטס און דער שיינקייט".

וואָלטן מיר געוואוסט פֿון קאַליאַיעוון נאָר דאָס אַליין — וואָלט יעמאָלט
פֿאַר אונז געשטאַנען ניט מער ווי אַ פֿאַרענדיקטער קינסטלער פֿון דער רע־
וואָלוציע. מיר וואָלטן ניט געוואוסט, אַז הינטער זיין ראָמאַנטישער שטראַלנדיק־
שיינער פֿיגור איז פֿאַרבאַהאַלטן אַ טיפֿער קאַמף פֿון גייסט, אַ טראַגישער מאָראַ־
לישער צער. אָבער גראַד אַזוי איז עס הויפּטזאַכלעך געווען! ער, דער וויציקער,
איראָנישער מענש, וואָס האָט זיך אַדורכגעטראָגן איבער דער ערד ווי אַ ליד,
האָט אין זיך געטראָגן זיין דראַמע, אונזער אַלגעמיינע דראַמע.

צי מעג מען? — אָט דאָס איז דער מקור פֿון קאַליאַיעוו'ס דראַמע. צי מעג
מען הרג'ען אַ מענטשן, אָפּנעמען בײַ אים דאָס לעבן, פֿאַרלעשן
כאָטש איין זון אין דער וועלט־סיסטעם... לשם דעם גליק פֿון כּלל? —
גראַד ד י פֿראַגע און ניט קיין אַנדערע האָט כּסדר געפּייניקט, געברענט און געגעסן
ווי אַ פֿייער זיין נשמה. בעת ער פֿלעגט רעדן וועגן „נקמה און האַס", בעת
עס דאַכט זיך אים, אַז פֿון קינדוויז אָן איז אין די טיפֿענישן פֿון זיין האַרצן גע־
וואַקסן עפּעס, „וואָס זאָל זיך מיט איינמאָל אויסגיסן ווי אַ פֿלאַקער פֿון נקמה און
האַס פֿאַר אַלעמען" — קומט אונז אויס, אַז דאָס זיינען ניט קאַליאַיעוו'ס ווער־
טער, נאָר אַלגעמיין־רעוואָלוציאָנערע. דער אמת'דיקער קאַליאַיעוו הייבט זיך
אָן דאָ, ווען מיר הערן גאַנץ אַנדערע רייד. „דאָס רעכט אַף זיין אייגענעם און
אַפֿן פֿרעמדן לעבן האָט נאָר דער, וועך עס ווייסט דעם גאַנצן ווערט פֿון לעבן,
וועך עס ווייסט, וואָס ער ניט אָפּ, בעת ער גייט צום טויט, און וואָס ער נ ע מ ט
אָ פּ, בעת ער פֿאַר'משפּט דעם אַנדערן צום טויט... און איטלעכער, וואָס

*) זאַמלבוך: «Памяти Каляева». 1918. Изд. «Револ. Социализм»

קומט קלאַפּן אין טיר פון דער קאַמף=אָרגאַניזאַציע, זאָל פריער שטרענג אויספּרובירן זיך אַליין: צי איז ער ווערט: צי איז ער געזונט, ריין? אין אַ מקום קדוש דאַרף מען אַריינגיין מיט באָרוועסע פיס“.

צוויי געבאָטן האָט אונז איבערגעלאָזן קאַליאַיעוו פון דער תקופה פון זיינע שווערע קאַמפן, צוויי געבאָטן, וואָס איטלעכער פון זיי איז פאַרבונדן מיט מאָמענטן פון זיין טעראָריסטישן לעבן. ער שטייט שוין דעם צווייטן פעוורואַל (1905) מיט דער באָמבע אין האַנט אפן פּלאַץ, אָט דערנענטערט זיך גיך צו אים די קאַראַט פון פירסט, ער איז שוין צוגעלאָפן צו איר און אף דער העלפט א פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט—און פּלוצים לאָזט ער אַראָפּ די האַנט און גייט אַוועק, ווייל אין קאַראָט האָט ער דערזעהן דעם פירסט׳ס פרוי און קינדער. מע דאַרף זיך דערמאָנען, מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער דאָזיקער אַקט, ווי ליידנשאַפטלעך עס האָט אַף אים געוואַרט די פּאַרטיי און די קאַמף=אָרגאַניזאַציע, בכדי צו פאַרשטיין, וואָס דאָס האָט יעמאָלט באַטייט פאַר דעם קעמפער, און ער האָט עס געטאָן, און האָט דערנאָך געשריבן צו דער פירסטין: „מיט דער גאַנצער נשמה מיינער האָב איך ניט געוואָלט אייך טויטן, פונקט אַזוי שטאַרק, ווי שטאַרק כ׳האָב געטאָן אַליין, וואָס כ׳האָב געקאָנט, בכדי זיך צו זיכערן דעם ערפאָלג פון מיין אָנפאַל אפן גרויסן פירסט“. דאָ האָבן מיר פאַר זיך קאַליאַיעוו׳ס ערשטן געבאָט: עס זיינען אין דער רעוואָלוציע פאַראַן גרעניצן פאַר איר שטאָלצן לויף, עס זיינען פאַראַן מחיצות פאַר איר צובושעוועטער שטורמישער סטיכיע. ניט אַלץ איז אַלעמאָל מותר. און אפילו דאַן, בעת עס ווערט עפּעס געפאָדערט פון די העכסטע אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, — דאַרף אַמאָל זייער אויסערלעכע אָבליגאַטאָרישקייט אָפּטרעטן מיט הדרת=קודש פאַר די אינערלעכע פאָדערונגען פון די רעוואָלוציאָנערע אידעען.

דעם 4=טן פעוורואַל, בעת די באָמבע האָט אַ פלי געטאָן פון קאַליאַיעוו׳ס האַנט און צעטראָגן ווי אַ וויכער דאָס, וואָס מע׳גט גערופן „די שאַנדע פון דער מענטשהייט“—איז געקומען די צווייטע, נאָך מער העראָאישע שאַפונג=תקופה פון קאַליאַיעוו׳ן. דער תוך אירער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך באַרויקט, זיין נשמה האָט באַקומען נחמה און רו. ער אַנטלויפט ניט פון שלאַכט=פעלד. ער לאָזט זיך כאַפּן, ער וויל שטאַרבן. זיין פאַרברעכן האָט פאַר אים קיין שיעור ניט, ווייל ער האָט געהרג׳עט אַ מענטשן. יאָ, אמת, דער גשמיות׳דיקער, ערדישער פרצוף פון דעם מענטשן איז געווען אַ באַליידיקונג פאַר מענטשן, פאַר דער נאַטור, פאַר דער געשיכטע. דורך דעם דאָזיקן צייטווייליקן און גישטיקן צודעק זעט ער אָבער איין עפּעס גרעסערעס, טיפערעס און אייביקס: דעם מענטשן. צוליב דעם דאָזיקן מענטשן, צוליב זיין שמחה און

פרייהייט ווערט דאָך אין לײדן אַ נייע וועלט געבוירן. טאָ ווי קאָן מען עס באַם שוועל פון נייעם באַפרייטעם לעבן אָנשטויסן זיך אָן אַ טויטער קערפּער פון אַ מענטשן? אפשר איז די הייליקע אַרבעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חלול־הקודש?

אַף דעם איז פאַראַן איין איינציקע תשובה! פאַרן דאָזיקן חלול־הקודש דאַרף מען באַצאָלן מיטן אייגענעם לעבן.

נאָר שטאַרבנדיק קאָן מען הרג׳ענען דעם צווייטן. און טוט אַ קוק אַף קאַליאַעוו׳ן. איידער ער איז באַגאַנגען דעם טעראָריסטישן אַקט האָט ער באַהאַלטן זיין קראַנקן געוויסן אונטער דער מאַסקע פון וויציקייט און פריילעכקייט; און וואָס פאַר אַ ליכטיקע באַפרייאונג עס איז אָנגעקומען פאַר אים גלייך נאָך דעם דאָזיקן אַקט. ער זוכט דעם טויט, ער וואַרט אַף אים. „אָפט טראַכט איך וועגן דער לעצטער רגע, — פלעגט ער זאָגן נאָך פאַרן טעראָריסטישן אַקט, — איך וואָלט וועלן אומקומען אַפן אָרט, אָפּגעבן אַלץ, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... יאָ, אַזאַ גליק קאָן מען מקנא זיין. ס׳איז פאַראַן אָבער נאָך אַ העכערער גליק — צו שטאַרבן אַפן עשאַפאָט. אַז מע שטאַרבט אין מאָמענט פון דעם אַקט בלייבט עפּעס ווי ניט פאַרענדיקט... צווישן דעם אַקט אָבער און עשאַפאָט ליגט אַ גאַנצע אייביקייט אפשר דאָס גרעסטע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט (ד.ק.א.מ.) ערשט דאָ באַגרייפסטו און דערפילסט די גאַנצע שיינקייט פון דער אידעע, דו ווערסט זיך אינגאַנצן אַנטפּלעקן, אויפבליען און שטאַרבן אין פולער בליאונג... ווי אַ רייף־געוואָרענער, פיל־וואָגיקער זאַנג... אַ סודות׳דיקע, מיסטישע פאַראייניקונג מיט דער אידעע. גיין צום אַקט און שטאַרבן אַפן עשאַפאָט — דאָס איז אַזוי ווי צווייִמאָל אָפּגעבן צוויי לעבנס“. צו דער דאָזיקער אייביקייט צווישן דעם טעראָריסטישן אַקט און דעם עשאַפאָט, צווישן חטא און דער באַשטראָפונג פאַר אים שטרעבט דער טעראָריסט. ווייל ערשט דאַן וועט ער דערפילן די קראַפט פון דער אידעע, וואָס שיקט אים אַף אַ רציחה, די שיינקייט פון דער אידעע, וואָס שטעלט אים צום דין פאַר זיך אַליין. און קאַליאַעוו האָט עס דערגרייכט. ערב זיין טויט שרייבט ער צו זיינע קרובים: „זאָל אייער טרויער דערטרונקען ווערן אין די שטראַלן פון יענעם שיין, מיט וועלכן עס לייכט דער טריאומף פון מיין גייסט“. און שוין זייענדיק באַם עשאַפאָט בעט ער איבערגעבן: „זאָגט מיינע חברים, אַז איך שטאַרב מיט פרייד, און אייביק וועל איך זיין מיט זיי“. אַזוי לעבט אין אים די שטרעבונג צום נאָענטן טויט צוגלייך מיט דעם גרויסן תענוג פון זיין גבורה.

און אין דעם באַשטייט פאַר אונז זיין צווייטער געבאָט — זיין ירושה, ניט באַציִען זיך צו לייכט צום שווערן שווערד, וואָס די געשיכטע האָט איבערגעגעבן אונזער דור, אייגזעהן אין דער רעוואָליוציאָנערן טאַט, אין דעם אָפטמאָלס

אכזריות'דיקן קאַמף עפּעס גרעסערעס, ווי אַ קלאַסן=נויטווענדיקייט, ווי אַ היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט, ווי אַ זעלבסט=אַנטפּלעקונג פון פילאָזאָפישן, פאַטאַלן גורל, ווי אַ קללה פון אַרימן.

נייַן, אין איטליכן רעוואָליוציאָנערן אַקט פון קאַמף און געוואַלט דאַרף מען פילן די פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע פּראָבלעם, די אייגענע אחריות. דער טעראָריסט פון יענער העראָאישער תקופה (להבדיל פון דעם בעל=מלאכה פון היינטיקן טעראָר) האָט אף זיך ניט געקוקט, ווי אפן „לעצטן פועל=יוצא" פון דער עוואָליוציע, ווי אפן אומפאַראַנטוואָרטלעכן רינג פון דער היסטאָרישער קייט. אומגעקערט — ער הייבט אָן אַ נייעם לעבן, ער בויט אַ נייע וועלט. דעריבער טראָגט ער אַליין די גאַנצע אחריות פאַר זייַנע מעשים. לשם דער „ליבע צום ווייטן", לשם די קומענדיקע דורות וואַרפט דער טעראָריסט ז י י ן בלייענדיקן לעבן אונטערן ראָד פון דער געשיכטע. מיט צער און פּיין לעבט ער אָבער איבער די נויטיקייט צו צעטרעטן די „ליבע צום נאָענטן", אַ וואַרף טאָן אונטער די זעלביקע אייזערנע רעדער אַ פ ר ע מ ד ן מענטשלעכן לעבן. ווייל גערעכט איז ער, טויזנט מאָל גערעכט. זייַן אייגענער טויט גיט אים ניט קיין באַרעכטיקונג פאַרן הרג'ען דעם צווייטן, פאַרן לעשן אַ לעבעדיקע מענטשלעכע זון. דאָס איז אים ניט מזה, עס גיט נאָר אַ ביטערן טרייסט, עס איז נאָר מ כ פּ ר.

אָט דאָס געפיל פון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע אחריות פאַרן טעראָר — דאָס איז די בולט'סטע אַנטפּלעקונג פון זייַן נשמה. מיטן בלוט פון קרבן ווערט צונויפגעמישט אויך דאָס קרבן=בלוט פון טעראָריסט — אין דעם איז פאַרבאָרגן זייַן נשמה. „עס איז כמעט ניט אָפּצוטיילן פון טעראָר, אַז דער צד, וואָס פאַלט אָן, איז מפקיר זייַן לעבן, זייַן פרייהייט און אַלץ דאָס אַנדערע" — האָט געשריבן פון דער קרעמל=טורמע ספּירידאָנאָוואַ, מאַכנדיק מיט צאָרן א חילוק צווישן דעם העראָאישן טעראָר און די שטילע „נאַכט=רציחות" פון געבונדענע, אומבאַוואָפנטע, אומשעדלעך געמאַכטע מענטשן. — און נאָר אין דעם אַליין איז דאַכט זיך פאַראַן א צד=זכות פאַרן טעראָר" *). אַזאַ מין טעראָר, וואָס איז געווען אַרויסגערופן נאָר דורך נויט, האָט פאַרשטייט זיך, תמיד אף אַלע אופנים געשאַנעוועט אַ איבעריקן טראָפּן פרעמדע לעבן **). קאַליאַיעוו האָט בשעתו ניט געהייבן קיין האַנט אויף דער משפחה פון גרויסן פ י ר ס ט סערגיי, און מיט דיזעלבע וועגן איז אויך געגאַנגען דער קומענדיקער דור פון טעראָריסטן. שוין אין דער צייט פון אונזער רעוואָליוציע האָבן אונזערע חברים אין אוקראַינע ניט

---

*) דער בריוו פון ספּירידאָנאָוואַ צום צ. ק. פון די באָלשעוויקעס.

**) לאָמיר זיך דאָ דערמאָנען די ווערטער פון איינעם אַ פּראָווינציעלן טוער פון באָלשעוויסטישן טעראָר: „בעסער איבערזאַלצן איידער ניט דערזאַלצן".

געהייבן קיין האַנט אַף סקאָראָפּאַדסקי'ן, בעת עס איז שוין קלאָר געווען אַז עס קומט זיין פּאָליטישער סוף. בעת די ראַטן=מאַכט האָט פאַרנומען קיעוו אין 1918 יאָר און עס איז פאַרנומען געוואָרן דער דייטש — דער הענקער, וואָס האָט אויפגעהאַנגען דאָנסקוין — דעם מערדער פון גענעראַל אייכהאָרן — האָט מען אים איבערגעבן צום געריכט פון רעוואָליוציאָנערן טריבונאַל; און כאַראַקטעריסטיש אַף אַלע מאָל וועט בלייבן דער פאַקט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים געוואָלט פאַר'משפּטן צום טויט, און די לינקע ס. ר. — די פּאַרטיי=חברים פון דאָנסקוי — האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כחות צו ראַטעווען אים דאָס לעבן *).

צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ בולט'ערן סימבאָל, ווי דער דאָזיקער פאַרגלייך פון צוויי טיפּן סאָציאַליסטן? איינער דאַרף האָבן די פּאָליטישע נוצן פון דער מדינה, דעם אַנדערן איז טייער דער מענטש. און בעת דער לינקער ס. ר. אינאַקענטי סיביריאַקאָוו, וואָס קעמפט אין די וויטעניש פון סיביר קעגן דעם קאָנטר=רעוואָליוציאָנערן כח, פאַלט אַריין צו אים אין געפענקעניש אין 1918 יאָר — וואָס שרייבט ער אין זיין לעצטן בריוו פאַרן טויט? מיט אַ הויכע האַנט פון פיינדלעכע פראָנטן איז ער און דאָס הייפל חברים=קעמפער אָפּגעטיילט פון דער לעבעדיקער און שאַפנדיקער ראַטן=רוסלאַנד, זיי זיינען דאָ באַזיגט אין קאַמף, זיי זיינען אין די הענט פון אומ'רחמנות'דיקן פיינד, און מיט וואָס איז פול זיין באַוואוסטזיין אין זיינע לעצטע שעה'ן? ער שרייבט: „טייערע חברים, פאַרן טויט שיק איך אייך מיין לעצטן גרוס און מיין געבאָט: באַגייט זיך ניט מיט אייערע שונאים אַזוי ווי זיי זיינען זיך מיט אונז באַגאַנגען... בא סאָציאַליסטן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר נקמה געפילן. אין דעם מאָמענט, בעת עס הענגט שוין איבער מיר דער טויט=אורטייל, אין דער לעצטער רגע פאַרן טויט רוף איך אויס: „נידער מיט טויט=שטראָף" — אַליין איינס ווער און וועמען מע שטראָפט מיט אים. איך שטאַרב אין דער צייט, ווען די רויטע פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע האָט הויך אויפגעפלאַטערט כמעט איבער דער גאַנצער וועלט... בעת די פונקן פון רעוואָליוציאָנערן פייער האָבן זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער ערד, און אָט נאָך איין באַמיאונג — און עס קומט דער נצחון...

...פאַרלירט ניט דעם מוט, חברים, לייגט ניט צונויף די הענט, ווערט ניט פאַר'יאושט — קעמפט!.. די גאַנצע אַרבעטענדע מענטשהייט איז מיט אונז, און אויב מיר וועלן ניט פאַר'חשכ'ן די ערשטע טעג פון נצחונות מיט טויט=שטראָפן — וועט זי שטענדיק בלייבן מיט אונז... מיין אַלטן פאָטער האָט מען גע'הרג'עט אין ווערכנע=אודינסק, און ווער עס קען אים, וועט זאָגן, אַז דער דאָזיקער טויט=שטראָף איז פונקט אַזוי אכזריות'דיק, ווי אומזיניק. צום לעצטן

*) א. קאַחאַווסקאַיאַ «Из воспоминаний о деле Эйхгорна» זאַמלבוך «Пути революции», Изд. «Скифы», Берлин 1923

מאָל, חברים, ווענדע איך זיך צו אייך מיטן רוף; אין מאָמענט פון נצחון זאָלן זיך צוגלייך מיטן זיגערישן אויסגעשריי אַרויסרייסן פון אייער מויל די ווערטער: „נידער מיטן טויט־שטראָף, מע דאַרף ניט קיין נקמה! דאָס פּאָלק — דער זיגער קאָן ניט זיין קיין הענקער״ *).

דאָ איז דער אָפּפּעאָז פון טעראָריסטישן קאַמף!

אמת, סיפּיריאַקאָוו שטאַרבט ניט אַלס טעראָריסט במלא מובן המלה. צי איז אָבער ז י י ן בירגער־קריג און זיין באַוואָפנטער אויפשטאַנד ניט קיין אמת׳דיקער המשך פון גייסט און פון דער נשמה פון פּערזענלעכן יחידים־טעראָר? און דאָס הייסט טאַקע פאַר אונז, אַז דער טעראָר און דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד דאַרפן ביידע זיין ג ל י י ך לויט זייער מהות. לויט אַלע זייערע מעלות זיינען זיי ביידע אַנטפּלעקונגען פון אונזער „געוואַלט״, פון דער געוואַלט — דער באַריקאַדע. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד (און דער בירגער־קריג) חזר׳ן נאָר איבער אין מאַסן מאַסשטאַב די אויפמערקזאַמקייט, פּאָרזיכטקייט, מסירות־נפש און געוויסן־געפיל פון דעם יחידים־טעראָר. און דערפאַר זיינען פאַלש און אין שורש פּרעמד פאַר אונז טראָצקי׳ס ווערטער וועגן דעם, אַז „דער רויטער טעראָר איז אַ דירעקטער המשך פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד און קיין שום פּרינציפּיעלער חילוק איז צווישן זיי ביידע ניטאָ״. ווייל דער מדינישער טעראָר איז דירעקטער, דער גרעסטער ניגוד פון אויפשטאַנד, וואָס שטאַמט אין דעם אמת׳ן — פון דעם טעראָר פון די קאַליאַיעווס.

אָט דער טעראָר (און דער אויפשטאַנד) האָט אַ גאַנץ אַנדערע אינערלעכע נאַטור. און דערפאַר רופט ער זיך אָפּ גאָר אַנדערש ווי דער מדינה־טעראָר אף דעם „קרייז פון מיטפילנדיקע״, אף יענע קרייזן אַרבעטנדע, וואָס לשם זיי ווערט ער געברויכט. „געפילן פון כבוד און זעלבסטאַכטונג דערוועקן זיך אין דער נשמה פון די צעטראָטענע אַרבעטס־מענטשן, און דאָס געוויסן אין די נשמות פון די וואָס שווייגן, קוקנדיק ווי מע טרעט זיי מיט די פיס״ **). דער ביישפּיל פון גרויסער סאָלידאַרישקייט און מסירת־נפש פון די טעראָריסטן רופט אַרויס אין דער נשמה פון פאָלק — פון גרויסן באַנצע־שוויינ — די קאָלעקטיווע סאָלידאַרישקייט און די גרייטקייט צום קאַמף פאַר אידעען. און באַהייליקנדיק די העלדן פון דער רעוואָלוציע, וואָלט דאָס פּאָלק אַזוי ווי איינגעזעהן דורך זיי די אייגענע זינד און זיך אַליין דערצויגן. צי רופט אָבער אַרויס באַ די אַרבעטענדע אַזעלכע געפילן דער קאַזיאָנער, קאַלטער, טרוקענער טעראָר? אין זיין געברויך ווערט ער אָפּגעריסן פון די בעסטע געפילן פון די מאַסן, ער ווערט איזאָלירט און

---

*) «Красная Голгофа», Благовещенск. 1920. Стр. 120.

**) ספּירידאָנאָוואַ׳ס ווערטער.

פאַרוואַנדלט אין איינע פון די פילע מדינישע מלאכות. און אין די מאַסן רופט ער אַרויס נאָר עקל, נאָר שרעק און פאַראַכטונג *).

גיין, אונזער טעראָר קאָן ניט דינען אַלס אונטערשטיצונג פאַרן רויטן טעראָר. גאַנץ פאַרשיידענע געבאָטן האָבן די ביידע. אונזער טעראָר פאָדערט, אַז תמיד זאָל לעבן מיט אונז דער שמערץ פאַרן מענטשן, וואָס ווערט צעטראָטן דורך דער אַלטער וועלט, און פאַרן מענטשן, וואָס ווערט דורך דער נייער וועלט דערהרג'עט. די געוואַלט איז אַ שטענדיקער בריליאַנט אין דעם קרוין פון דער רעוואָליוציע, דאָס איז אָבער אַ שוואַרצער בריליאַנט. אונזער שווערד דאַרף זיין אַ ערלעכער און יושר'דיקער שווערד. ער איז פוגע די היסטאָריש-צופעליקע הייטל פון מענטשן, ער טאָר אָבער ניט דורכשטעכן דאָס האַרץ פון דער רעוואָליוציע און פון מענטשן. פונקט ווי ווילהעלם טעל האָט געקאָנט ערב זיין מוטיקן קאַמף אַראָפּשלאָגן מיט אַ שאָס אַן עפּל פון זונס קאָפּ אָפּהיטנדיק דערביי זיין לעבן, — אַזוי דאַרף אויך אונזער געוואַלט זיין געשיקט, אויפמערקזאַם און ישועה'דיק, קאַליאַיעווס באָמבע — דאָס איז דער סימבאָל פון אונזער סאָציאַל-רעוואָליוציאָנערן טעל.

.XXVI

יא) און צום סוף — די לעצטע ראיה, וואָס מע הערט אַזוי אָפט פון די פאַרטיידיקער פון טעראָר: דער היסטאָרישער ביישפּיל פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. דאָ פאַרגלייכט מען שוין ניט מיט די טוער פון דער אַלטער וועלט אָדער מיט אונזערע היינטיקע רעוואָליוציאָנערן, נייערט מיט די ביישפּילן פון קעמפער פון דער ערשטער גרויסער רעוואָליוציע. די גרויסקייט פון אירע אויפגאַבן און איר גלענצענדער נצחון אין די יאָרן פון טריאומף זיינען פאַר אפולעמען געוואָרן אַ מין ראיה, אַז אירע טאַקטישע מיטלען און דער טעראָר בתוכם זיינען קלוג און נוצלעך.

אָפטמאָלס ווערט נאָך די דאָזיקע ראיה „פון דער געשיכטע“ פאַרברייטערט און אויסגעדריקט אין אַ טיפער אַלגעמיינער פאָרם: אַ פּנים, זאָגט מען, איז דער טעראָר נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. ווען זי

---

*) אויב באַ די דאָזיקע טעראָריסטן איז יאָ פאַרן עפּעס אַ סאָלידאַרישקייט — איז עס אַ ריין פראָפעסיאָנעלער געפיל פון באַאַמטע פון איין צעך, וואָס רופט פאַרשטייט זיך קיין שום ברידערליכקייט ניט אַרויס באַ די מאַסן.

באַנוצט זיך תּמיד מיטן זעלבן געווער אין איר באַוועגונג *) **). בלי שום ספק באַזירט זיך אַזאַ מין שטאַנדפּונקט אַף איין וויכטיקער הנחה—אַף דער איבערציגונג, אַז די ביז=איצטיקע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג איז געווען נאָר *פּראָגרעסיוו*. די דאָזיקע פּראָגרעסיווקייט אירע איז שוין מכפּר אַף אַלע האַרבע מיטלען, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך. פּונקט ווי די אָפּטימיסטישע רעליגיעס האַלט דער מאַרקסיזם פאַר וויסנשאַפטלעך דערוויזן, אַז אַזאַ מין פּראָגרעס איז אין דער געשיכטע *פאַראַן*. ער האַלט, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט פירט דורך פעאָדאַליזם, קאַפּיטאַליזם, אַלגעמיינע פּראָלעטאַריזירונג וכד. צום סאָציאַליזם, אַז איר פּאָליטישע אַנטוויקלונג פירט דורך דער פּרימיטיווער צעשטויבונג, מדינה=צענטראַליזם וכד. צו דער פרייהייט. פּונקט ווי די השגחה פּרטית פירן אַף אַזאַ אופן די „היסטאָרישע געזעצן“ אין אונזער וועלט פון ערגערס צום בעסערס. אָט די לומדיש=באַשטימטע פּראָגראַם פון דער וועלט הערשט איבער אַ סך אין פלוג גענומען פרייע מוחות, וואָס זיינען מקבל אויך דעם טעראָר צוגלייך מיט דעם דאָזיקן פּראָגרעס. מע קאָן נאָך אָבער זייער שטאַרק אָפּפרעגן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. מיר וועלן דורכלאָזן איין וויכטיקע טענה קעגן אים, וואָס בעט זיך ממש פון זיך אַליין: לאָמיר שוין אפילו זאָגן, אַז די מענטשלעכע געשיכטע אַנטוויקלט זיך לויט דער פּראָגרעסיווער ליניע; וואו איז אָבער די ראיה, אַז דער טעראָר איז פאַר איר אומפאַרמיידלעך? אפשר וואָלט אָן אים איר אַנטוויקלונג געגאַנגען נאָך בעסער און נאָך מיט מער ערפאָלג? אפשר איז ער נאָר געווען אַן ערנסטע מניעה אַף איר וועג? סתם פאַקטן זיינען דאָך נאָך ניט קיין גענוגנדיקער באַווייז. זיך ניט אָפּשטעלנדיק אַף דער טענה, וועלן מיר זיך אָבער אָפּשטעלן אַף אַן אַנדער, אַן ערנסטערער: וואו האָבן מיר באַוויזן, אַז די אַנטוויקלונג=ליניע פון דער מענטשהייט איז *פּראָגרעסיוו*? טאָמער איז עס גאָר פאַרקערט, און צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער אויסערלעכער ציוויליזאַציע פירט זי צו אַן אינערלעכער, קולטורעלער באַרבאַריש=

*) אַזאַ מין ראיה פון דער געשיכטע קאָן מען געפינען אין לענינ'ס ווערטער אַפן V=טן ראַטן=צוזאַמענפאָר אין יולי 1918 בעת די דעבאַטן וועגן טויט=שטראָף: „כ'וואָלט וועלן זעהן דעם פאָלקס=געריכט — האָט ער געזאָגט, — יענעם אַרבעטער — און פּויערים געריכט, וואָס זאָל ניט צעשיסן קראַסנאָוו'ן, פּונקט ווי יענער פלעגט טאָן מיט אַרבעטער און פּויערים. ס'איז נאָך ניט געווען ניט איין רעוואָלוציע און ניט איין תּקופה פון בירגער=קריג, באַ וועלכער עס זאָלן ניט זיין קיין צעשיסונגען“.

**) די דאָזיקע פּאָזיציע איז זעהר ענלעך צו דער אויבן=באַטראַכטער „וויסנשאַפטלעכער“ פּאָזיציע; דער חילוק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זי קאָנסטרואירט ניט קיין „געזעצן“, זי איז אינגאַנצן עמפּיריש, היסטאָריש, און דעריבער איז קאָן לויט איר געמאָלט זיין אַף לדבא אויך אַן אַנדער אַנטוויקלונג.

קייט? די אָפּטימיסטישע היסטאָריאָגראַפיע טייטשט היינט אויס אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו ווי פּאָזיטיווע דערשיינונגען די פאַבריק־סיסטעם פון דער ווירטשאַפט, די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלע שטעט, די גרינדונג פון צענטראַליזירטע מאָנאַרכישע און נאַציאָנאַלע מלוכות. אָבער די מענטשן פון יענע תקופות, וואָס האָבן געגרייט די „הנחות“ צו אונזער קומענדיקן גליק, האָבן דאָך זיי באַטראַכט ווי דאָס גרעסטע שלעכטס און פאַרגוואַלטיקונג און האָבן קעגן די דאָזיקע הנחות געקעמפט. היינט ווייסן מיר שוין, אַז פיל, זייער פיל אין יענע תקופות האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ר ע ג ר ע ס פון אונזער אידעאַל פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג, אַז די אַלע „הנחות“ האָבן געהאַט אויך אַנ׳אַנדער פּרצוף—אַ פּרצוף פון ק י י ט ן. און אפשר וועט זיך נאָר אַרויסווייזן, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיין ניט סתם קיין פּראָדוקט פון דער דאָזיקער פּראָגרעסיווער ליניע, נאָר אומגעקערט — ער וועט קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן ערשט באַם אָ פּ ז אָ ג ן ז י ך פון אַ סך רינגען פון דער קייט. אויב ס׳איז דאָ אַ פּראָגרעס אין דער מענטשלעכער וועלט — איז עס אפשר ניט אזוי אַ פּראָגרעס פון געזעלשאַפטלעכער פאָרמען, ווי אַ פּראָגרעס פון אידעען און לעבנס־שטייגער? און אַף אַזאַ אויפן וועט זיך אפשר אויסשטעלן, אַז ניט נאָר די ביזאיצטיקע אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען איז געווען פּראָגרעסיוו, נייערט אויך דער קאַמף ק ע ג ן זיי איטלעכעס מאָל, ווען זיי פלעגן זיך איינשטעלן. און אויב אַזוי — וועט אפשר פאַרלירן אַ רעכטן טייל פון זיין היסטאָרישער איבערציינונג אויך דער טעראָר, וואָס פלעגט עס כלומערשט צעמענטירן יענע „שעפּערישע“ תקופות? און אַזוי אַרום וועט אויפהערן צו זיין אַנטי־פּראָגרעסיוו אויך דער אָפּזאָג פון ה י י נ ט י ק ן טעראָר.

מיר זיינען קעגן די אַלע אָפּטימיסטישע ראיות פון דער געשיכטע ניט דערפאַר ווייל מיר זיינען פּעסימיסטיש איבערציינגט אין איר פאַטאַלער אַנטוויקלונג און איר אומפאַרמיידלעכער מפּלה. מיר האַלטן אָבער, אַז גלייכער איז זיך צו שטיצן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ניט אַף דער „גוטער“ סטיכיע פון דער געשיכטע, נאָר אַף אַנ׳אַנדער מין אָפּטימיזם, אַפן גלויבן און מענטשלעכן ר צ ו ן, אַף די אויפוואַכונג פון זיין באַוואוסטזיניקן און מאָראַלישן כח. פאַר אונז איז די געשיכטע ניט קיין הייליקע תורה פון פאַקטן, וואָס מע מוז זיך נאָר בוקן פאַר זיי און ווייטער גאָרניט. דער מענטשלעכער רצון דאַרף אַרייננעמען אין באַוואוסטזיין די דאָזיקע שילדערונג פון פאַקטן, שעפּעריש איבערלעבן זיי און אויך ג ו ב ר זיין עס, אויב דאָס איז נויטיק פון שטאַנדפּונקט פון אידעאַל *).

*) מיר וואַרפן אָפּ דעם זעלבשטענדיקן באַטייט פון דער „געשיכטע“ פּונקט אַזוי, ווי מיר האָבן פריער אָפּגעוואָרפן די זעלבשטענדיקע ראָליע פון דער מאָראַלישער עמפּינדונג אין אונזער אָפּשאַצונג.

דאָס איז נאָך באַזונדערס וויכטיק צו וויסן דערפאַר, וואָס ס׳איז פאַראַן אַ חילוק צווישן דער געשיכטע און דער איצטיקער צייט, ווייל איצט מוזן מיר דאָך לייזן פראַגן אין דער גאַנצער געגעבער סאָציאַלער און קולטורעלער סביבה. דער שטענדיקער תירוץ פון די היסטאָרישע ביישפילן און די שטרעבונג נאָכצומאַכן זיי אַצינד האָבן דעם חסרון, אַז דערביי ווערט איגנאָרירט די נפקא-מינה צווישן די קולטור-סאָציאַלע סביבות פון די תקופות, וואָס ווערן פאַרגלייכט**).

מיר וועלן זיך באַלד אומקערן צו דעם באַרעכטיקונג-מיטל פון טעראָר, וואָס ווערט עפטער פון אַלץ געברויכט—צו דער אָנווייזונג אפן טעראָר פון דער פראַנצייזישער רעוואָליוציע.

אויבן האָבן מיר שוין געזעהן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, ווי אויבערפלעכלעך און לייכט עס זיינען די דאָזיקע סברות. גראָד דער פראַנצויזישער טעראָר האָט בולט׳ער פון אַלץ באַוויזן זיינע נוצן און היזקות. זיינע נוצן זיינען געווען צייטווייליקע און כלומערשטע, די היזקות — טיפע און ניט צום פאַרבעסערן. ער האָט מיט ערפאָלג געהאַקט די קעפ — דאָס האָט געבלענדעט די אויגן. ער האָט אונטערגעגראָבן די רעוואָליוציע אין שורש — דאָס איז באַשיינפערלעך קלאָר געוואָרן פאַר די קומענדיקע דורות. טאָ לאָמיר זעהן צו פאַרמיידן אַזאַ מין „נוצן“.

דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. ווען מע וואָלט אפילו געווען ביכולת צו דערווייזן, אַז דער טעראָר איז געווען נוצלעך פאַר דער פּאָליטישער רעוואָליוציע פון פראַנקרייך אין 18-טן יאָרהונדערט, — וואָלט עס נאָך אָבער ניט געהייסן, אַז ער איז דערלאָזבאַר אויך אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע פון 20-טן. ווייל — לאָמיר עס ניט פאַרגעסן — ניט אומזיסט האָט דאָך די מענטשהייט דורכגעמאַכט די 125 יאָר פון אָנגעשטרענגסטן געדאַנק און קאַמף, ניט אומזיסט זיינען דאָך פאַר די לאַנגע יאָרן חרב געוואָרן לעולם ועד הונדערטער אבערגלויבונגען און פאָראורטיילן, ס׳פלעגן געבוירן ווערן נייע גלויבונגען, געשאַפן ווערן

**) אגב, קאָן מען אונז זאָגן, אַז אויך אונזער באַשלוס אָנצוקומען צו געוואַלט באַזירט זיך אַף אַ אַרגומענט פון דער געשיכטע — אַף דער ראיה, אַז ביז איצט האָבן זיך מענטשן ניט באַפרייט אַף אַנדערע אופנים. מיר האַלטן אָבער ניט, אַז מיר זיינען שולדיק אין דעם חטא פון היסטאָריזם, ווייל אונזער באַשלוס וועגן טעראָר נעמען מיר אָן זייענדיק אין אַ גרויסער מאָס פריי פון די געבאָטן פון דער געשיכטע. ווייל אַחוץ דער געשיכטע, באַזירן מיר זיך אַף דער דערפאַרונג פון דעם איצטיקן סאָציאַלן קאַמף, ד. ה. מיר נעמען אין אַכט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן ניוואָ פון היינטיקן מענטשן. און דווקא דורך דעם ווערט די פראַגע פאַרענטפערט.

ביכער, פילאָזאָפישע שיטות, מוזיקאַלישע פּאָעמען, ס'פלעגן צעשמעטערט ווערן טראָנען און מלכים, נייע אומבאַקאַנטע כּחות פלעגן אויפשטיין צום לעבן. טוט אַ קוק אף אַלע מעשים פון 19-טן און 20-טן יאָרהונדערט, שטעלט זיך אָפּ כאָטש אף אַ רגע אף די הונדערטער הומאַניסטן-מאַרטירער און קעמפער, קוקט זיך נאָך אַ מאָל צו צו די אויפקלאַקערונגען פון זייער שכל און פאַנטאַזיע, צום ברען פון זייער האַרצן און געוויסן. דערמאָנט זיך, ווי עס האָבן זיך צעפלאַקערט אין דעם דאָזיקן דור די אידעען פון סאָציאַלן יושר, ווי עס האָט זיך אָנגעצונדן די זון פון סאָציאַליזם אַפן טרויער-הימל פון דער אַרבעטענדער מענטשהייט, ווי עס האָט זיך געפעסטיקט און איינגעוואָרצלט די אידעע פון מענטשן אין דער קונסט און דראַמע, אין די איינגעטיפטע שאַפונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור. און איר וועט פאַרשטיין, אַז דעם היינטיקן דור קאָן מען שוין ניט איבערציַיגן סתם אַזוי מיט אַ אָנווייזונג אף די מעשים פון דער אַלטער רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך. באַ היינטיקן טאָג זיינען מיר עלטער פון פראַנקרייך, וואָס איז דאַן אַקאַרשט אַרויס פון מיטלאַלטער און פון דער הערשאַפט פון פייניקונגען. אירע מעשים זיינען פאַר אונז אפשר ניט מער ווי אַ אָפּשרעקנדיקער ביישפיל. מיר האָבן אַ היסטאָרישן זכרון און מיר ווייסן, אַז אַ סך שינויים זיינען פאָרגעקומען פון יענער צייט אָן. יעמאָלט האָט מען פשוטער, פאַרשווינדערישער געקוקט אף אַ הריגה פון אַ מענטשן. און אויב אין דער פראַנצויזישער גרינדונג-פאַרזאַמלונג האָט נאָך ראָבעספיער'ס רעדע וועגן אָפּשאַפונג פון טויט-שטראָף געקלונגען ווי אַ עפּיזאָד, הייבן זיך אָבער אָן אַלע איצטיקע רעוואָלוציעס גראַד פון דער דאָזיקער אָפּשאַפונג. די גרויזאַמקייט פון יענע צייטן איז פאַר אונז ניט קיין חק, אַלע אונזערע פראַגן — און על אחת כמה וכמה די פראַגע פון טעראָר — מוזן מיר דעריבער לייזן פון שטאַנדפונקט פון אונזער קולטור און מאָראַל, און ניט פון שטאַנדפונקט פון דער אַמאָליקער.

אף דעם קאָן מען אונז זאָגן: צי דען איז עס אָבער ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך? האָט זי דען ניט איבערגעלעבט יעמאָלט די גרעסטע איבערקערעניש פון יענער צייט? צי האָבן אירע טוער ניט פאַרקערפּערט אין זיך די גרעסטע גייסטיקע דערגרייכונגען פון דער גאַנצער פריערדיקער געשיכטע? צי זיינען זיי ניט געווען די פאַרווירקלעכער פון די אידעען פון דער גרויסער אויפקלערונג-תקופה, פון די ענציקלאָפּעדיסטן, וואָלטער און רוסאָ? און צי זיינען זייער פּאַטאָס און מסירת-נפש ניט געקאָנט און אויסגעבונדן מיט אונזערע לויטן גייסט? טאָ ווי זשע איז מעגלעך אַז יענע תקופה מיט איר שיטה פון טעראָר זאָל ניט דינען פאַר אונז אַלס מוסטער?

בשום אופן איז עס ניט מעגלעך. ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען אונזערע צילן און דערגרייכונגען, און אָן פאַרשיידענע פּייערס האָבן מיר

און ווי געצונדן אונזערע פאַקעלס. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — אין פערזאָן פון אירע *אָנפירנדיקע* גרופן — האָט ניט אַריינגעפירט קיין אָרדנונג, וואָס זאָל זיך אונטערשיידן אינערלעך, גייסטיק פון דער פריערדיקער: *אין תוך גענומען*, לויטן גייסט איז ניטאָ קיין חילוק צווישן פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם, אויך נאָך איר און אויך אין סאַמע ברען אירן איז געבליבן די צעטיילונג פון מענטשן. אונזער סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט אָבער איין גרונט=באַשטרעבונג: די פולע באַפרייאונג פון מענטשן און די פאַרניכטונג פון *כל'ערליי* צעטיילונגען, וואָס הערשן צווישן זיי. אַזוי אַרום איז ניטאָ *קיין* שום גייסטיקע קרובה'שאַפט צווישן סאָציאַליזם און דער בורזשואַזער אָרדנונג. די גייסטיקע באַפרייאונג פון אונטערדריקטן מענטשן, וואָס האָט יאָ געהאַט אַנ'אָרט אין אַ געוויסער מאָס אין יענער רעוואָלוציע (פערזענלעכע און רעליגיעזע פרייהייט, גלייכבאַרעכטונג) איז, פאַרשטייט זיך, ניט געגאַנגען אַזוי טיף, ווי עס ווערט געפאָדערט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די הערשאַפט פון קלאַסן און פינאַנצן האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דער פריערדיקער הערשאַפט פון שטאַנדן און דינאַסטיעס. „ניט קיין גלייכהייט פון גוטס, נייערט גלייכהייט פון *רעכט* פאַרן געזעץ" — אַזוי האָט פראָקלאַמירט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. פונקט ווי דער צעקאַלעטשעטער מלחמה=אינוואַליד, וואָס קריגט אַ פּראָטעז אנשטאט זיין פוס, ווערט נאָרמאַל נאָר למראית=עין, אַזוי האָט אויך די אויסגעקעמפטע גלייכהייט פון *בירגער* נאָר צייטווייליק פאַרדעקט די רעכטלאָזיקייט פון *מענטשן*, וואָס איז געבליבן קיים ווי פריער. ס'האָבן זיך נאָר געביטן די פאָרמען פון אָרעמקייט און אָפּהענגיקייט, קיין טיפע סאָלידאַרישקייט צווישן מענטשן האָט זיך אָבער ניט געקאָנט איינשטעלן. אמת, די טוער פון יענער רעוואָלוציע זיינען געווען באַגייסטערט פון דעם פלאַקערדיקן פייער פון אַבסאָלוטן. זיי האָבן געזעהן מיט זייערע באַגייסטערטע בליקן די ליכטיקע וועגן פון אַלגעמיינעם גליק פון זייער פאָלק און פון דער מענטשהייט. לויט דער אויפפאַסונג פון זייערע איידעלע נשמות האָבן די אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע געזאָלט אַלץ אַרומנעמען מיט זיך. די שטימע פון קאָנדאָרסע, וואָס קלינגט אין נאָמען פון דעם שטאָלצן מענטשלעכן שכל אין זיין בוך „דאָס היסטאָרישע בילד פון פראָגרעס פון מענטשלעכן גייסט"; די פראָגראַמען פאַר פאָלקסבילדונג, וואָס נעמען טיף אַרום אַלע געביטן פון מענטשלעכן גייסט, אין די קאָמיסיעס פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג און פון קאָנווענט — די שאַפונג פון דעם זעלבן קאָנדאָרסע און טאַלייראַן; דער פרייהייט=ענטוזיאַזם און זעלבסטבאַוואוסטזיין פון בירגער, וואָס האָבן געברענט אין די אַלע רעדעס פון מיראַבאָ, דאַנטאָן, דעמולען, ווערניאָ, בריסאָ, אינאַר, ראָבעספּיער, סען=זשיוסט — די אַלע קלאַנגען פון מעכטיקן אָרקעסטער רודערן אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט

מיט זייער אויפריכטיקייט און טיפקייט. — היינט זיינען עס אָבער *ניט אונזערע* קלאַנגען און ניט אונזערע אמת'ן. פאַרן היסטאָרישן פּראָבּיר־שטיין האָט זיך זייער סוביעקטיווע טיפקייט אַרויסגעוויזן פאַר אָביעקטיוו־לייכטוואַגיק. בירגערלעכע פרייהייטן און פּערזענלעכע רעכט, פרייהייט פון געוויסן, אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג און אַ סך אַנדערע אידעען האָבן טאַקע אויפגעטרייסלט די אַלטע וועלט, אָבער ניט ביזן יסוד. ס'איז געוויס געווען אַ גרויסקייט אין דעם, אַז אין דער אקארשט נאָך קנעכטישער געזעלשאַפט זיינען אַף אַ מאָל דער הערצאָג און דער לעצטער דינער געוואָרן גלייך פאַרן געזעץ, אַז זייערע שטימען האָבן געקראָגן דעם זעלבן ווערט אין דער מלוכה־פאַרוואַלטונג, אַז ס'האָבן זיך געעפנט די מיילער פון די שטומע, און נאָך, און נאָך. ס'איז געווען אַ גרויסקייט אין דעם, וואָס די אָפּגאָטן און ערדישע געטער זיינען אַראָפּגעשמעטערט געוואָרן פון זייער הויכן, אַז די מאַסן האָבן געשלעפּט איבער די בלאָטע אַלץ, וואָס איז דורות־לאַנג געווען הייליק פאַר זיי. ניט *אין אַלץ* איז דאָך אָבער דער דינער געוואָרן גלייך צום הערצאָג, זיי האָבן דאָך *געלעבט* און געאַרבעט פונאַנדערגעטיילט און פאַרשיידן, מע האָט דאָך איבערגעלאָזן פאַר'ן פאָלק נייע אָפּגאָטן אנשטאט די אַלטע. אַנשטאָטן אַדל זיינען געקומען די *רייכע* אָדער — די אַדל פון רייכקייט. ס'איז באַפרייט געוואָרן דער בירגער (און דער גלויביקער) אָבער ניט דער *מענטש* (אינגאַנצן). און אַזוי ווי *אַלע* אָנפירנדיקע מחות — פון מיראַבאָ און בריסאָ ביז דאַנטאָנען מיט ראָבעספּיערן — זיינען מיט דעם געווען מסכים, הייסט עס, אַז אין זייערע איבערלעבונגען, איז יעמאָלט ניט געווען קיין באַוואוסטזיין אָדער שטרעבונג צו דער פרייהייט פון מענטשן (הגם עס זאָל זיך זיי אפילו דאַכטן, אַז יאָ). זייער נייע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפט האָט זיך ניט געניטיקט אין *אַזאַ* סאָלידאַרישקייט און אַזאַ שורש־נייעם מענטשן ווי אונזער סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. ניט קוקנדיק אַף אַלע זייערע זוכענישן נאָך גלייכגעוויכט און האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט, האָבן זיי פונדעסטוועגן אָנערקענט און געפאָדערט פריווילעגיעס פאַר איין טייל אידן און זייער אויפגעצוואונגענע באַשיצונג מצד דעם אַנדערן. און כ'פאַרשטייט זיך אַז אין אַזאַ *לופט* פון ניט־גלייכהייט האָט זייער *טעראָר* געקענט לעבן און זיך אַנטוויקלען. פאַר זיי האָט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז די רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפט זאָל געבוירן ווערן דורכגייענדיק אפילו דורכן גהינום פון טעראָר.

צי קאָן אים אָבער דערלאָזן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס קיין קלענע ציל ווי די באַפרייאונג פון מענטשן אַלס אַזעלכן איז פאַר איר גאָר ניטאָ, וואָס קאָן ניט ליידן קיינע שום פריווילעגיעס פאַר וועמען ניט איז? באַ די אָנפירנדיקע טוער פון דער פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זיך דער פאַרנעם

פון זייער אידעאַל און די טיפקייט פון זייער איבערגעגעבנקייט צונויפגעלעבט מיט דער שמאָלקייט פון דער ציל. ווייל די פראַנצויזישע רעוואָליוציע איז אין איין אין דער זעלבער צייט געווען דער אָנהייב פון אַ נייער צייט און די פאַרענדיקונג פון מיטלאַלטער. אונזער רעוואָליוציע דאַרף אָבער זיין מ ע ר-נ י ט ווי דער פּרוזדור צום נייעם.

און טייערער פון אַלץ איז פאַר אונז דער פאַקט, אַז אפילו די דאָזיקע תּקופה האָט דערוויזן אין דער מחלוקת פון אירע צוויי גרויסע קעפּ, אַז אויך פאַר איר זיינען אונזערע געדאַנקען געווען גאָענט און פאַרשטענדלעך. שפּעטער וועלן מיר זעהן פון דער מחלוקת צווישן דאַנטאָן און ראָבעספּיער, ווי שאַרף און טיף מע האָט שוין יעמאָלט געהאַט געשטעלט די פראַגע וועגן דער דערלאָזבאַרקייט פון טעראָר. הייסט עס, אַז אפילו די פראַנצויזישע רעוואָליוציע האָט שוין אויך געהאַט אַ נ'אַ נ ד ע ר פּרצוף. וועגן דעם — שפּעטער. אַצינד וועלן מיר אַריבערגיין צו אַנ'אַנדער ענין: אויב שוין יאָ ברענגען ראיות פון פראַנקרייך — איז פאַר אונז גלייכער זיך אומצוקוקן צו פראַנקרייך פון דער פּ אַ ר י ז ע ר ק אָ מ ו נ ע.

די קאָמונע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע געטאָן די זאַך פון סאָציאַליזם, האָט דערוויזן דורך אַ גאַנצע מאַסע פאַקטן און ראיות, ו ו י הויך זי האָט געשאַצט דאָס מענטשלעכע לעבן. נאָך מער: די קאָמונע איז גיט געווען קיין אינסטיטוציע פון פּאַציפיסטן, וואָס פילן אַ פּחד פאַר יעדע בלוט-פאַרגיסונג. מוטיק האָט זי געקעמפט פאַר אירע אידעען און געפירט די שווער-סטע און פאַרביסנסטע שלאַכטן. זי האָט אָבער אויך פאַרמאָגט אין אַ גרעסטער מאָס די פייאיקייט, וואָס איז אַזוי טייער אין דער רעוואָליוציע — די פייאיקייט צו אונטערשיידן צווישן געוואַלט און טעראָר. „פאַר דער גאַנצער צייט פון איר קיום — האָט געשריבן וו. ליבקנעכט — האָט זי ניט פאַרגאָסן ניט איין טראָפּן בלוט, אַחוץ דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין ע ר ל ע כ ן ק אַ מ ף *). אָט אין דעם באַגריף „ערלעכער קאַמף“ באַשטייט טאַקע דער חילוק צווישן געוואַלט און טעראָר. און דעם באַגריף האָט די קאָמונע געהאַט פאַר זיך פון איר ערשטן ביז צום לעצטן טאָג.

בעת מע האָט אין פּאַריז אין ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד דער'הרג'עט צוויי גענעראַלן, איז דער צענטראַל-קאָמיטעט מודיע געווען אין אַ פּראָקלאַמאַציע דעם 19-טן מערץ: „מיר זיינען אַף דעם אויפגעבראַכט. דאָס איז — אַ בלוט-

*) וו. ליבקנעכט. דאָס 48-יאָר און די קאָמונע (אין דייטש).

14

פֿלעק, מיט וועלכֿן מע וויל פֿאַרשמוצן אונזער כּבֿוד. דאָס איז אַ געמיינער בּלבֿול. מיר האָבֿן לחלוטין ניט פֿאָרגעשריבֿן קיין רציחה; די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע האָט זיך לגמרי ניט בּאַטייליקט אין דעם דאָזיקן פֿאַרבּרעכֿן". די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז ניט געווען קיין צופֿאַל־זאַך. זי אי געווען נאָר דער ערשטער רינג אין דער בּיז די לעצטע טעג קאָנסעקווענטער שיטה פֿון דער קאָמונע; מע קאָן עס דערווייזן מיט אַ סך ראיות. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אַף איין פֿאַקט, אַף וועלכֿן מע פֿלעגט זיך בּאַזונדערס אָפֿט בּאַרופֿן, בּרענגענדיק פֿאַלשע ראיות פֿון איר טעראָר. מיר האָבֿן אין זינען דעם דעקרעט פֿון דער קאָמונע וועגן עורבֿים, הייַנט ווייסן מיר פֿון דער דערפֿאַרונג, וואָס עס בּאַטייט דאָס דאָזיקע וואָרט. וואָס האָט עס אָבֿער יעמאָלט בּאַטייט?

„דער דעקרעט וועגן עורבֿים האָט בּאַשטימט — שרייבֿט לאַווראָוו *) — אַז איטלעכער, וואָס ווערט בּאַשולדיקט אַז ער שטייט אין פֿאַרבּינדונגען מיטן שונא, מוז אָפּגעגעבֿן ווערן אין 24 שעה צום געריכט פֿון געשוואָרענע בּאַשולדיקער; אין 48 שעה מוז געזאָגט ווערן דער פּסק־דין, און דער וואָס ווערט אָנערקענט פֿאַר שולדיק, ווערט אַ „עורבֿ פֿון פֿאַריזער פֿאָלק"... פֿאַר איטלעכן געפֿאַנגענעם אָדער אָנהענגער פֿון דער קאָמונע, וואָס וועט צעשאָסן ווערן דורך די ווערסאַלער, וועט דערשאָסן ווערן דריי מאָל מער עורבֿים. אַזוי אַרום בּאַ דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער אויסטייטשונג פֿון דעם בּאַגריף „עורבֿ" האָט זיך די קאָמונע, הייסט עס, געקליבֿן שיסן ניט קיין צופֿעליקע געפֿאַנגענע, נאָר מענטשן, וואָס זיינען פֿאָרמאַל פֿאַר׳משפּט דורכֿן געריכט. ס׳איז ניט שווער צו זעהן, אַז אין דעם דעקרעט איז געווען ניט קיין בּאַדרויאונג צו הרג׳ען אומשולדיקע, נאָר אומגעקערט — אַ אַמניסטיע על תּנאַי פֿון שולדיקע! לאָמיר אָבֿער אַ קוק טאָן, וואָס פֿאַר אַ מזל עס האָט געהאַט אפֿילו דער דעקרעט. ווי עס ניט איבֿער אַרנו, איז דער דאָזיקער דעקרעט אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. „די קאָמונע האָט אָבֿער גענומען אַף זיך דעם געפֿיל פֿון עקל, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכֿן דעקרעט וועלכֿן... זי האָט קיינמאָל ניט געבֿרויכט... זי האָט געגעבֿן אַ קלאַפּ זיך אַליין" אויך לעפּראַנסע האַלט, אַז „די בּאַדרויאונג פֿון דעם דעקרעט, וואָס איז געווען לויט דער כּוונה פֿון זיינע מחבּרים בּאַשטימט אויסשליסלעך פֿאַר דער איינשרעקונג פֿון די ווערסאַלער, איז געווען ניט געשיקט: זי איז קיינמאָל — צום גליק — ניט געווען פֿאַרווירקלעכט און האָט נאָר צוגעגעבֿן דער קאָמונע דעם כּאַראַקטער פֿון אַ כּלומרשטער אכזריות, צו וועלכער אירע מיטגלידער זיינען לחלוטין ניט געווען פֿייאיק". ווי ווייט די דאָזיקע ווערטער האָבֿן געשטימט בּנוגע דער רעגירונג פֿון דער קאָמונע —

*) לאַווראָוו. Парижская Коммуна

אויף דעם זאָגט עדות די דערציילונג פון אַרנו וועגן איינעם פון די „שרעקלעכסטע“ מיטגלידער פון דער קאָמונע דעלעקליוז, וואָס האָט מיט טרערן אין די אויגן אויסגעבעטן בײַ אַ צערייצטן נאַציאָנאַלן גוואַרדייער דאָס לעבן פון אַ געפֿאַנגענעם ווערסאַלער זשאַנדער, זאָגנדיק דערבײַ: „לאָמיר ניט נאָכמאַכן אונזערע שונאים, לאָמיר ניט הרג׳ענען קיין אומבאַשיצטע געפֿאַנגענע“. אויף וויפֿיל עס געדענקט אַרנו, האָט אין דעם געשטיצט דעלעקליוזן נאָך אַ „שרעקלעכער“ מיטגליד פון דער קאָמונע, דער גרויזאַמער פעליקס פּיאַ. שוין בײַם סאַמע סוף פון דער קאָמונע, אין דער זיצונג פון 17־טן מײַ זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אייניקע פֿאָדערונגען, מע זאָל תּיכּף צוטרעטן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פון דעקרעט פון 6 אַפּריל. מע האָט אַרעסטירט 260 עורבים, דעם דעקרעט איז מען אָבער פֿאָרט ניט מקיים געווען“. וועגן די זעלבע טעג פון דער קאָמונע דערציילט אַפֿנים אויך וו. ליבקנעכט. „סוף־סוף האָט די קאָמונע באַשלאָסן צוליבן זעלבסטשוץ צו נעמען עורבים. די ווערסאַלער אָבער, וואָס האָבן גוט געוואוסט די מענטשלעכקייט פון זייער קעגנער, האָבן זיך ווייניק געזאָרגט וועגן דעם גורל פון זייערע עורבים און זײַנען ממשיך געווען די הריגות. יעמאָלט האָט מען אין דער קאָמונע אַרײַנגעטראָגן אַ פֿאָרשלאָג, מע זאָל דערשיסן אייניקע עורבים בכדי צו ווייזן טיערן, אַז די קאָמונע מיינט עס ערנסט. אויף דעם האָט געענטפֿערט ריגאָ, אויף וועלכן מע האָט — אַגב — געמאַכט אַזעלכע נידערטרעכטיקע בלבולים: „איך האַלט, אַז בתשובה אויף די רציחות פון די ווערסאַלער מוזן מיר באַשטראָפֿן די „שולדיקע“ און ניט אַבי־וועמען. איך מוז זיך מודיע זײַן: בײַ מיר איז רעכט בעסער צו באַפֿרײַען שולדיקע אײדער פֿאַר׳משפּטן כאָטש איין אומשולדיקן, און דאָס וועט זיכער מוזן פֿאַסירן, אויב מירן באַשליסן די זאַך לײַטן גורל“. די דאָזיקע מיינונג האָט געזיגט. מע האָט ניט אָנגערירט קיין איין האָר אויפֿן קאָפּ פון די עורבים“. לאַוראָוו דערציילט ווײַטער: „בעת די קאָמונע האָט שוין געהאַלטן בײַם פֿאַלן אין אַ פולקומער אַנאַרכיע, און דריי אירע מיטגלידער לעפֿראַנסע, לאָנגע און וואַלעס האָבן זיך דערוואוסט, אַז מע האָט דערשאָסן אייניקע עורבים אין דער טורמע לאַ־ראָקעט, איז אונזער ערשטער אײַנדרוק געווען — שרײַבט לעפֿראַנסע — פֿאַרוואונדערונג און צאָרן... מיר זײַנען געווען אויפֿגעבראַכט אויף דעם אַקט פונקט ווי אונזערע פֿרײַנט און די אַלע, וואָס זײַנען געווען אין דער מעריע (פון עלפֿטן באַצירק, וואוהין עס זײַנען אַוועק די לעצטע מיטגלידער פון דער קאָמונע נאָך דער שׂרפֿה פון ראַטהויז); מיר האָבן עס באַטראַכט ווי אַ באַרבאַרישקייט, ווי אַ געוואַלטיקן ניגוד צו די פּרינציפּן פון יושר, וואָס האָבן געזאָלט הערשן איבער דער קאָמונע ביזן לעצטן טאָג“. „וואָס פֿאַר אַ קריג, וואָס פֿאַר אַ קריג“ האָט אויסגערופֿן דעלעקליוז, צודעקנדיק דעם פּנים מיט די הענט, בעת מע איז אים מודיע געווען וועגן דער

דאָזיקער רציחה. ניט איינע פון די לעצע זיצונגען פון דער קאָמונע האָט ניט געהאַט באַשלאָסן קיין באַפעל וועגן דעם. פון 28=טן מערץ ביז 21=טן מאַי, פאַר דער גאַנצער צייט, כּל זמן ס'זיינען זיצונגען געווען פון ראַט פון דער קאָמונע, „איז ניט געפאַלן ניט איין קאָפּ; די קאָמונע האָט ניט פאַרגאָסן ניט איין טראָפּן בלוט“ (אַרנו). „איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן — זאָגט אַרנו, — קיין פאַרזאַמלונג פון מענטשן, וואָס זאָל האָבן אַזאַ אינסטינקטיוון אָדער באַוואוסטזיניקן עקל צו בלוט=פאַרגיסונג, אַזאַ אונגעהויער=שטאַרקע אַנטיפּאַטיע צום טויט=שטראָף“. אפילו דעם 26=טן מאַי, בעת אין די גאַסן פון פאַריז האָבן זיך געוואַלגערט צענדליקער טויזנטער קערפּער פון צעשאָסענע אינסורגענטן, האָט זיך איין מיטגליד פון דער קאָמונע באַמיט ניט דערלאָזן, מע זאָל צעשיסן די עורבים. אָבער אין די טעג, ווען די ווערסאַלער זיינען אַריינגעטראָטן אין פאַריז און אַלץ איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּערזענלעכער איניציאַטיוו פון יעדערן באַזונדער, בעת ס'איז שוין ניט געווען קיין בירגערלעכער אָדער מיליטערישער מאַכט, וואָס זאָל פּייאיק זיין אַרויסצוגעבן פאַראָרדנונגען — יעמאָלט זיינען אין זייער אייגענעם נאָמען אויפגעטראָטן פּערזאָנען, וואָס האָבן געברענט און גע'הרג'עט אָן אַ תּכלית, בכדי אויסלאָזן דעם כּעס, בכדי צו באַפרידיקן דעם צעבושעוועטן אַפעקט, בעת אַרום האָט געהערשט דער טויט, און די הענקער און די אונטערצינדער האָבן אַלע יעדע רגע געוואַרט אף זייער אייגענעם טויט. באַ די דאָזיקע מענטשן האָט דאָס נקמה=געפיל אַלץ פאַרשטעלט מיט זיך, און זיי זיינען שוין געווען ניט פּייאיק צו אורטיילן, אף וויפיל זייערע מעשים זיינען צוועקמעסיק און נוצלעך פאַר זייער פאָן. און די אַלע מעשים פון די איינצעלנע עקזאַלטירטע פּערזאָנען לייגן זיך ווי פלעקן אַפן פאָן פון די דעלעקליוזן און וואַרלענס אין אַלע ניט=אָרנטלעכע דערציילונגען וועגן דער קאָמונע און לייכטזיניקע געשרייען וועגן די „שרעקן פון דער קאָמונע“ *).

מיר האָבן דאָ מיט אַ כּיון געבראַכט די אַלע לאַנגע ציטאַטן בכדי צו ווייזן, ווי עס האָט אויסגעזעהן אין דער אמת'ן די רעפּרעסיווע טעטיקייט פון דער קאָמונע, און ווי ווייט זי איז געווען פון טעראָריזם. די רעאַלע פאַקטן און די מעלדונגען=אָפּשאַצונגען פון די אָנטייל=נעמער פון דער קאָמונע זאָגן וועגן דעם עדות בעסער פון אַלץ. אויב שוין יאָ גיין אין די וועגן פון רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך — איז שוין גלייכער נעמען אַ מוסטער פון 71=טן יאָר אײדער פון 93=טן, בעסער האָבן פאַר זיך די קאָמונע איידער דעם קאָנווענט.

*) לאַוראָוו מאַכט צו דעם די פאָלגנדיקע באַמערקונג: כ'וועל פונדעסטוועגן דערמאָנען, אַז אויך אין די טעג זיינען אומגעקומען נאָר 64 עורבים פון 260, אין דער זעלבער צייט ווען די ווערסאַלער האָבן אויסגע'הרג'עט צענדליקער טויזנטער פאַריזער איינוואוינער.

אפשר איז אָבער די קאָמונע אומגעקומען דווקא אַדאַנק איר שוואַכקייט אין רעפּרעסיעס? אַזאַ דערקלערונג בעט זיך ממש בײַ אונזערע הײַנטיקע טעראָריסטן. אויב זיי האָבן אין 93‑טן יאָר אײַנגעזעהן דעם טריומף פון דער טעראָריסטישער פּאָליטיק — באַשטעטיקט פאַ זיי די מפּלה פון דער קאָמונע דעם זעלבן געדאַנק פון דער אַנדער זײַט. פאַר דער לעצטער צײַט איז דער דאָזיקער געדאַנק אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך טראָצקי'ן אין זײַן פּאָלעמיק מיט קאַאוטסקי'ן, וואָס שטיצט זיך אײַנגאַנצן אַף דער פּאַריזער קאָמונע אין זײַן קאַמף קעגן אונזער אָקטאָבער‑רעוואָליוציע *). פאַרטיידיקנדיק קעגן קאַאוטסקין די טעראָריסטישע פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס, איז טראָצקי יוצא בנוגע דער פרייער פון טעראָר קאָמונע מיט ווייניק‑איבערצײַגנדיקע באַמערקונגען. ערשטנס — פּרובט ער זיך באַווײַזן, אַז די קאָמונע האָט זיך געשטעלט אַפן וועג פון טעראָר **). און באַרופט זיך דערבײַ, פאַרשטייט זיך, הויפּטזאַכלעך אַפן דעקרעט וועגן עורבים. ס'איז טשיקאַווע צו באַמערקן, ווי ער גיט איבער זײַן אינהאַלט: „פאַר יעדן געפאַנגענעם אָדער אָנהענגער פון דער קאָמונע, וואָס וועט צעשאָסן ווערן דורך די ווערסאַלער — מוז דערשאָסן ווערן דרײַ מאָל אַזוי פיל עורבים“ — ותו לא. אָבער דווקא לאַוראָוו, וואָס טראָצקי נעמט בײַ אים די דאָזיקע ידיעות, ברענגט דעם פולן טעקסט פון דעם דעקרעט פון וועלכן ס'איז צו זעהן, ווען האָבן די קאָמונאַרן גענומען אַלס עורבים, און ווי פרעמד דאָס איז אַלץ דעם גייסט פון אונזער רעוואָליוציע. אויב דאָס ווערט פאַרשוויגן — פאַרלירט די גאַנצע ראיה פון דעם דעקרעט יעדן זין, און אַחוץ דעם דעקרעט איז אונמעגלעך אָנווײַזן וואָס פאַר אַ ניט איז אַנדערע אמת'דיק‑טעראָריסטישע מעשים פון דער קאָמונע. אמת, טראָצקי פאַרזיכערט, אַז „אויב די פּאַריזער קאָמונע וואָלט ניט געפאַלן און וואָלט זיך געקענט אײַנהאַלטן אין דעם כסדר'דיקן קאַמף, וואָלט זי בלי שום ספק געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו האַרבערע און האַרבערע מיטלען בכדי צו אונטערדריקן די קאָנטר‑רעוואָליוציע“. די גאַנצע נביאות האָט אָבער קיין שום באַטײַט ניט לגבי די ממשות'דיקע פאַקטן; אין די סאַמע פאַרביסענע טעג פון בירגער‑קריג, אין די טעג פון דער זיכערער מפּלה פון דער קאָמונע, פּנים אל פּנים מיט דער צאָרנדיקער ווערסאַלער חיה — האָבן די טוער פון דער קאָמונע זיך ניט אָפּגעגעבן דעם געפיל פון נקמה אָדער דער

---

*) טראָצקי. Терроризм и Коммунизм

**) ס'איז טשיקאַווע, אַז אויך דער געמעסיגטער סאָציאַליסט‑היסטאָריקער קאָנראַדי האָט געשטעלט פאַר זיך די זעלבע אויפגאַבע — דערווײַזן אַז די קאָמונע איז געווען טעראָריסטיש; ער האָט אָבער געהאַט די כונה זי צו באַשמוצן. ער פאַלט אויך אָן אַף קאַוטסקי'ן, אָבער פון אַן'אַנדער זײַט. ער איז פונקט אַזוי גערעכט ווי טראָצקי; דעם גייסט פון דער קאָמונע האָבן זיי ביידע ניט פאַרשטאַנען.

תאוה פון טעראָר *). נײן, די קאָמונאַרן זײנען זיך אַלײן געבליבן טרײ, אָנ=
הײבנדיק פון דעם 19=טן מערץ, בעת זײ האָבן אַרויסגעלאָזט זײער פּראָקלאַ=
מאַציע, ביז די טראַגישע שעה'ן אין פײער און גערויש פון די פּאַלנדיקע באַרי=
קאַדעס; פון דער צײט, בעת ס'איז נאָך קײן קאָמונע ניט געווען און ס'איז
נאָר געווען אײן צענטראַל=קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אַלײן, ביז
די טעג ווען זי איז שוין צעפאַלן און האָט זיך צעשאָטן איבער דער גרויסער
שטאָט. „פון 18=טן מערץ אָן ביזן טאָג, ווען דער ווערסאַלער חיל האָט זיך אַרײנ=
געריסן אין פּאַריז — שרײבט מאַרקס, — איז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע
געבליבן ריין פון אַלע יענע געוואַלט=טאַטן, מיט וועלכע עס זײנען פול די
רעוואָליוציעס און נאָך מער — די קאָנטר=רעוואָליוציעס פון די העכערע
קלאַסן" *) **).

טראָצקי האַלט, אַז דוקא דערפאַר האָט זיך די קאָמונע ניט אײנגעגעבן.
„זײער הומאַניטאַרער סענטימענטאַליזם איז געווען ניט מער ווי די אַנדער זײט
פון זײער רעוואָליוציאָנערער פּאַסיוויטעט". דערבײ באַרופט ער זיך אַף לאַוו=
ראָוון, וואָס וואַרפט אויך פאָר די קאָמונאַרן זײער ניטאַנטשלאָסנקײט, זײער וואַק=
לעניש צווישן די יסודות פון דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור. לאַווראָוו האָט
אָבער אײנגעזעהן די שוואַכקײט פון דער קאָמונע ניט אין דער אָפּוועזנהײט פון
טעראָר, נאָר אין דער אָפּוועזנהײט פון אַ גראַדער ליניע בנוגע דער דיקטאַטור
פון אַרבעטס=קלאַס (און דעם געברויך פון געוואַלט, וואָס איז מיט איר
פאַרבונדן). לאַווראָוו קלערט זײער גוט אויף די אינערלעכע סתירה, וואָס האָט
צעעסן די טוער פון דער קאָמונע, אויפווײזנדיק זײער ניט=צוגעגרײטקײט צו
דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע (און אַזוי אַרום, אויך די ניט=צוגעגרײטקײט
פון די מאַסן, וואָס זײנען הינטער זײ געשטאַנען). פון אײן זײט זײנען די יאַקאָ=
בינער=צענטראַליסטן געווען גרײט אָנצוקומען צו אַנטשײדנדיקע (אויך טעראָ=
ריסטישע) קאַמף=מיטלען, אָבער נאָר לשם דעם פּאָליטישן שוץ פון דער
נײער אָרדנונג, ניט אָנרירנדיק דערבײ די סאָציאַלע יסודות פון דער אַלטער אָרד=
נונג, וואָס זײנען געבליבן אָפּגעהיט אין דער קאָמונע. פון דער אַנדער זײט
זײנען די סאָציאַליסטן=פעדעראַליסטן (מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל) גע=

---

*) פאַרגלײכט די האָזיקע אויפפירונג פון העלדן מיט דער מעלדונג פון
די באָלשעוויקעס אין 1918 יאָר, אַז „אַוועקגײענדיק, וועלן מיר אַזאַ קלאַפּ טאָן
מיט דער טיר, אַז..."

*) ק. מאַרקס. Der Bürgerkrieg in Frankreich im Jahre 1871

**) „אין דער זעלבער מאָס — האָט געשריבן ענגלס — וואָס דער
פּראָלעטאַריאַט וועט אַרײננעמען אין זיך סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע
עלעמענטן — וועט זיך אין דער רעוואָליוציע פאַרקלענערן די שפיכת=דם,
נקמה און גרימצאָרן". (ענגלס. Die Lage der Arbeiterklasse in England)

ווען אַנטשלאָסן אין זייער געדאַנק — אוטערצעריסן אַלע ס אָ צ י אַ ל ע אינסטיטוטן פון בורזשואַזן רעזשים, וואָס איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די קאָמונע; זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין מוט אָנצוקומען צו אמת'דיקע מיטלען פון רעוואָליוציאָנערער ג ע וו אַ ל ט אין דער דאָזיקער ריכטונג. דער טעראָר, וואָס האָט געשוועבט אין די ראָמאַנטישע האָפנונגען פון די יאַקאָבינער, וועלכע האָבן געטרוימט איבערצוחזר'ן דעם גרויזאַמען 93-טן יאָר, איז אָדער וואָלט געווען לאַבוד פאַר'ן אַרבעטער-קלאַס, ווייל קיין שום סאָציאַל-רעוואָליוציאָנערע אַרבעט-פּראָגראַם האָבן זיי ניט פאַרמאָגט. און די סאָציאַל-רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַם פון די פעדעראַליסטן איז געווען אומפּרוכטבאַר אָן איר פאַרווירקלעכונג דורך דער דיקטאַטור (פון דער מערהייט אַרבעטענדע פון פּאַריז) און געהאַלט. ניט קיין פּאָליטישער טעראָר פון דער דיקטאַטאָרישער גרופּע פון סאָציאַלע אָפּאָרטוניסטן (ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ז י י זיינען גיכער אַף טראָצקי'ס צד) איז געווען נויטיק פאַר דער קאָמונע בכדי זי זאָל מאַכן אַ אַנטשיידנדיקן טראָט פאָראויס צום סאָציאַליזם, נאָר אַ סאָציאַליסטישע געוואַלט פון דער דיקטאַטור פון אַרבעטענדע *).

ווי באַקאַנט אָבער, האָט זיך די טעטיקייט פון דער קאָמונע אַנטוויקלט אַף אַ נ ' אַ נ ד ע ר אופן. ניט נאָר וואָס זי האָט קיין טעראָר ניט געברויכט, — נאָר אַפילו קיין פלאַנמעסיקע געוואַלט אויך ניט. אָבער מיט איר עצם ריינקייט, מיט דער ריינקייט פון דער „פּאָן פון איר וואַרלען'ס און דעלעקליוזן" האָט זי געגעבן אַ מעכטיקע אונטערשטיצונג דעם סאָציאַליזם אַף דורות פאָראויס. מאָראַליש האָט די פאַר דורות אַרבעטענדע געזיגט דורך איר מפּלה. די וואָס שטערבן נאָר צו אויסערלעכע נצחונות אין די געשעהענישן מיינען אפשר, אַז דאָס 93-ע יאָר האָט געזיגט אַ דאַנק דעם טעראָר און דאָס 71-ע יאָר איז געפאַלן מחמת דער שוואַכקייט פון טעראָר. מיר האַלטן אַנדערש. דאָס 93-ע יאָר איז געקומען צום נצחון מאָראַליש-אויסגעליידיקט, דערפאַר איז עס גיך געוואָרן אַ געפאַנגענער פון דער אַלטער וועלט. דאָס 71-ע יאָר איז ניט קיין מפּלה, דאָס איז אַ טריאומף, ווייל עס האָט הייליק אָפּגעהיט די נ ש מ ה פון סאָציאַליזם און אָפּגעגעבן איר אונז, בכדי זי זאָל ווייטער קענען לעבן *).

---

*) לויט אונזער שטאַנדפּונקט, וואָלט דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געהאָלפן אַפילו דער ס אָ צ י אַ ל-ר ע וו אָ ל י וצ י אָ נ ע ר ע ר טעראָר. וועגן דעם רעדט לאַווראָוו ניט. זע ווייטער.

**) אגב, ניט די קאָמונע אַ ביישפּיל, ווי עס דאַרף אַוועקגיין פון דער סצענע אַ ב אַ ז י נ ט ע רעוואָליוציע. ניט „קלאַפּנדיק מיט די טירן", ניט איבערלאָזן הינטער זיך קיין פּחד און אימה, ניט מיט דעם כבוד פון די העראָסטראטן און אַטילאַס; אַזוי טוען נאָר שפּילער, וואָס האָבן זייער האָב און גוט פאַרשפּילט, און האָבן פאַר זיך ניט קיין צוקונפט. אַ רעוואָליוציע אָבער טרעט אָפּ

די קאָמונע איז ניט קיין ראיה פאַר׳ן טעראָר אין דער רעוואָליוציע, נאָר אַ גרויסאַרטיקע ראיה קעגן אים.

דאַנטאָן און ראָבעספּיער.

XXVII

ווי צוויי ריזן, צייכנען זיך אָפּ אַפֿן בלוטיקן רויטן און גײַסטיק דערהויבענעם פאָן פֿון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע די געשטאַלטן פֿון דאַנטאָן און ראָבעספּיער. אָט די ביידע פיגורן, ווי אויך פילע אַנדערע, גרויסע און קליינע, וועלכע ווימלען אַרום זיי, האָבן שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו זיין פֿאַר אונזער תקופה אַ פֿאַרקערפֿערונג פֿון איצטיגע און אונז נאָהנטע אידעען; די אידעען פֿאַר וועלכע זיי האָבן אין זייער צייט געקעמפֿט, אַרום וועלכע זיי האָבן באַגייסטערט אָדער קינסטליך פֿאַרייניקט מיליאָנען מענשן, האָבן דוכט זיך אַף אייביק אָפּגעקלונגען אין דער רעש פֿון די פֿאַרגאַנגענע דורות. די פֿייערדיקע ווערטער פֿון יענער שטורמישער צייט האָבן אַזוי ווי פֿאַרלאָרן זייער לעבנס-גלאַנץ פֿאַר אונזער דור פֿון קעמפֿער, פֿאַרן אויסגעוואַקסענעם באַוואוסטזיין פֿון דער אונטערדריקטער און זיך בונטעווענדער מענשהייט. ניט „פֿרייהייט, גלייכקייט און ברידערליכקייט", ניט „גלייכקייט פֿאַר׳ן געזעץ", ניט „די רעכט פֿון מענשן און בירגער" האָבן דאָך ניט אָפּגעהיט די געזעלשאַפֿט פֿון שפּעטערדיקן נייעם פֿאַבריק-עבֿדות, פֿון דער משוגעת פֿון די קאַפּיטאַליסטישע מלחמות, פֿון אויפֿגליהען פֿון היסטאָריש-אוראַלטע אָדער אַוואַנטיוריסטיש-נייע דינאַסטיעס. און די נייע דורות וואָלטן געקאָנט אַריינפֿאַלן אין אַ גוואַלטיקן יאוש, ווען זיי וואָלטן זייער גאַנצע ישועה געזעהן, פּונקט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק, נאָר אין די מעשים און אין די לאָזונגען פֿון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. צום גליק האָבן אָבער די מענשלעכע געדאַנקען און ליידנשאַפֿטן אָן אויפֿהער פֿאַרטיפֿט די רעוואָליוציאָנערע קריטיק פֿון די טראַדיציעס, וועלכע פֿלעגן איבערגעגעבן ווערן פֿון דור צו דור. און נאָך דעם נצחון אָדער דער מפּלה פֿון די אידעאַלן פֿון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע האָבן זיי געשטעלט אַפֿן ס ד ר היום אַנדערע אידעאַלן וואָס זיינען געווען טיפֿער און ווייטגייענדיקער. אַפֿן אָרט פֿון די אידעען פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט, רעליגיעזער טאָלעראַנץ, דעמאָקראַטישער אָרדנונג איז געקומען דער אידעאַל פֿון עקאָנאָמישער און גייסטיקער באַפֿרייאונג

נאָר צייטווייליק, מיט די ווערטער: „מיר וועלן נאָך קומען". ווען איר, דער באַזיגטער, דאַרף בלייבן אַ הייליקער אָנדענק, בכדי מע זאָל מיט פֿאַרשמאַכטן אויגן וואַרטן אַף איר צוריקקער. און דאַן איז איר מפּלה — די גאַראַנטיע פֿון איר קומענדיקן נצחון.

פון דער מענשהייט — דער סאָציאַליזם, וואָס אין זיינע ווייטע מאָרגנשייגען האָבן שוין שוואַך געשימערט די ווערטער פון יענער שטורמישער מענשהייטס־תקופה. און ווען מיר קערן היינט אום אונזער גייסטיקן בליק נאָך אַמאָל צו יענעם גראַנדיעזן פעלד פון ליידן, פון קאַמף, דערהויבענע און נידריקע ליידנשאַפטן, נשמה ברענען און העראָאישע מעשים, וואָס רופן זיך אָן פראַנצויזישע רעוואָליוציע, דוכט זיך אונז אַז מיר שפּרייזן איבער די אונטערערדישע חורבות פון אַ רעוואָליוציאָנערער פּאָמפּיי, וואָס איז טיף און אויף אייביק פאַרגראָבן אונטער דער היסטאָרישער לאַווע. און דאַן דוכטן זיך די צוויי שפּיצן פון דער רעוואָליוציאָנערן טאַט — דאַנטאָן און ראָבעספּיער — ווי צוויי פאַרלאָשענע וואולקאַנעם, וואָס האָבן אַמאָל העל געברענט און וואָס האָבן שוין קיין איין פונק פייער ניט פאַר די קומענדיקע דורות.

און פונדעסטוועגן איז עס ניט אַזוי. אויב מיר האַלטן אַז מיר זיינען שאַרפזיכטיקער פאַר די טוער פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מיר שטייען אַף זייער פּלייצעס, דערפאַר וואָ זיי האָבן דורכגעטראָטן די וועגן פאַר'ן פאַרזייאונג און דער אויפשפּראָצונג פון די איצטיקע סאָציאַלע אידעאַלן. זיי בלייבן אונזערע לערער, אונזער ביישפּיל פון רעוואָליוציאָנערע מעשים הן אין פּאָזיטיוון, הן אין נעגאַטיוון צד —, ניט קוקנדיק אַפן אונטערשיד פון אונזערע תקופות, אַף די פאַרשיידנהייט פון פיל אָנשויאונגען אין לעבן און לעבנשטייגער, אַפן ראַדיקאַלן חילוק פון די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר זיי און פאַר אונז. ווייל אויב מיר לערנען זיך שוין היינט ניט בא זיי פאַר וואָס צו קעמפן, דערוויסן מיר זיך אָבער פון זיי ווי קען מען, ווי דאַרף מען און ווי דאַרף מען ניט קעמפן. ניט די אויפגאַבן, אָבער די קונסט פון קאַמף לערנען מיר זיך בא זיי. סיי זייערע גבורות, סיי זייערע פעלערן זיינען אונזערע עמודי — האש. בכלל קען מען זאָגן: די מענשהייט שאַפט פאַר זיך אַ סך צילן פון קאַמף, אָבער זי האָט אויסגעאַרבעט וועניק וועגן צו זיי. יעדער טריט פון די וועגן איז באַגאָסן מיט טרערן און בלוט, איז אויסגעלייגט, ווי מיט שטיינער, מיט מענשלעכע ליידן. און דאָך חזרן זיך וואָס אַ מאָל איבער דיזעלבע וועגן, און אַלץ פון דאָס ניי פאַרוואונדן זיך אָן זייערע שאַרפע שטיינער די מענשן, וואָס איילן צו דער באַפרייאונג. און איצט, אין אָנהויב פון דער וועלט־רעוואָליוציע, ווען אין באַוואוסטזיין פון די מענשן, וואָס הויבן זיך אויף צום קאַמף, צינדן זיך אָן מיט העלע פלאַמען פאַרשיידענע וועגן פון זייער באַפרייאונג, פאַרשיידענע מיטלען פון קאַמף — איז באַזונדערס וויכטיק זיך צו דערמאָנען אָן די וועגן וואָס איז שוין פאַרביי און האָט דורכגעליטן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָליוציע. און ווען מיר פאַרטיפן זיך דאַן אין די ליידן און די מעשים פון אירע אָנטיילנעמער, בלאָנדזשען מיר שוין ניט

אַרום איבער אַ בית־עלמין פון היסטאָרישע שאָטנ׳ס, נאָר איבער אַ לעבעדיקער אַרענע פון מענשן און גאונים, וואָס ריידן צו אונז מיט אַ מעכטיקער שטימע.

דאַנטאָן און ראָבעספּיער — זיינען די הויפּט טוער פון דער רעוואָלוציע. די טראַדיציע שטעלט זיי ביידן אין איין שורה. די זשיראָנדיסטן פלעגן אַלע מאָל ריידן פון אַ „טריאומוויראַט״, אַריינרעכנדיק אין אים אויך מאַראַטן. ביידנס נעמען זיינען פאַרבונדן מיט אַלע מאָמענטן פון דער רעוואָלוציע. די זעלבע אויפגאַבן האָבן זיי פאַר זיך געשטעלט און ווי פאַרשיידן זיינען די וועגן פון זייער לעבן, פון זייער רעוואָלוציאָנערער טאַט, פון זייער היסטאָרישע דערגרייכונגען! ווי שאַרף האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אָט די, דוכט זיך, פּאַראַלעלע, זיך צוזאַמענגיסנדיקע וועגן פון זייער קאַמף! און ווי האָט העל דאַנטאָנס טויט באַלויכטן דעם אייביקן קעגנזאַץ צווישן זיי, דעם ראַדיקאַלן חילוק פון די וועגן און דעם גורל פון דער רעוואָלוציע. דער לעבנס־קאַמף צווישן דאַנטאָן און ראָבעספּיער און דאַנטאָנס טויט האָבן באַשיינפּערלעך געוויזן, ווי קאָמפּליצירט איז דער עצם מהות נ אַ ט ו ר פון דער רעוואָלוציע און ווי וויכטיק עס איז צו דערהערן אין רעש פון אירע אויסערלעכע אַנטפּלעקונגען אירע פאַרטיפטע זוכענישן און געדאַנקען. טאָ לאָמיר זשע צוקוקן זיך נענטער צו די וועגן פון זייער טעטיקייט, וואָס זיינען אין דערזעלבער צייט די וועגן פון א י ט ל ע כ ע ר רעוואָלוציע.

פאַרוואָס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען דאַנטאָן און ראָבעספּיער? אין וואָס איז געלעגן די גרונט סבה פון זייער קאַמף? אפשר זיינען ביי זיי געווען טיפע פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות בנוגע דער לייזונג פון וועלכע ניט איז פּראָגראַם־פראַגן פון דער רעוואָלוציע? אפשר זיינען זיי געווען פאָרשטייער און פאַרטיידיקער פון גאַנץ פאַרשיידענע סאָציאַלע קלאַסן־כחות?

אַזאַ שטאַנדפּונקט איז באמת פאַראַן און די מאַרקסיסטישע היסטאָריאָגראַפיע וואָלט בוגד געווען אין זיך אַליין אויב זי וואָלט ניט פּראָבירט אויך די דאָזיקע זייער איידעלע פראַגע אויסטייטשן אַף איר געוויינליכן קלאַסן־שטייגער. אַזוי האָט טאַקע געטאָן ק ו נ אָ ו, איינער פון די בעסטע מאַרקסיסטישע היסטאָריקער. דאַנטאָנען האָט ער צוגערעכנט צו אַ קליינער גרופּירונג פון דאַנטאָניסטן, און אַפן יסוד פון די צייטונגס־אַרטיקלען פון דעם שרייבער פון דער גרופּע דעמולען, שטעלט ער פעסט איר סאָציאַלע אידעאָלאָגיע און איר פּרינציפּיעלן אונטערשיד פון ראָבעספּיערס אידעאָלאָגיע? זייער קאַמף און צוזאַמענשטויס באַקומט אַ „וויסנשאַפטליכע״ דערקלערונג. מיר זיינען לחלוטין ניט מסכים מיט דער מיינונג און האַלטן קונאָוו׳ס ראיות פאַר געקינצלט. „דעמולען און

דאַנטאָן — שרייבט ער *) — זיינען מיד געוואָרן פון די פילע טויט שטראָפן. ניט קיין רחמנות געפיל האָט זיי אָבער געבראַכט דערצו, נאָר די איבערצייגונג אַז די רעוואָליוציע האָט שוין דערגרייכט אַלע אירע צילן. די וויטערדיקע פאַרברייטונג פון טעראָר וואָלט געווען נוצלאָז, און וואָלט נאָר געבראַכט צו דער מאַכט פון די נידעריקסטע קלאַסן פון פאָלק. לויט דער מיינונג פון די דאַנטאָניסטן זיינען שוין די גרענצן פון דער רעוואָליוציע געווען דערגרייכט. פראַנקרייך איז געוואָרן אַ רעפובליק; שטעט און דערפער האָבן באַקומען זעלבסטפאַרוואַלטונג, די פעאָדאַלע און שטאַנדלעכע פריווילעגיעס זיינען אָפגעשאַפט געוואָרן, די קאָנסטיטוציע האָט גאַראַנטירט די גלייכהייט פאַרן געזעץ, עס איז איינגעפירט די פרייהייט פון האַנדל און אינדוסטריע און איטלעכער בירגער האָט געקאָנט דערגרייכן צו די העכסטע מלוכה־שטעלעס. הייסט דאָס, די רעוואָליוציע האָט פאַרענדיקט אַליץ. און דאָס, צו וואָס עס איז צוגעטראָטן די פאַריזער קאָמונע, די פאַרזאָרגונג מיט ביליגן ברויט אַפן מלוכה־חשבון, די אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן פאַר אַרבעטסלאָזע, די באַפרייאונג פון די משפחות פון די בירגער, וואָס זיינען אַוועק אין קריג — דאָס אַליץ זיינען געווען ענינים וואָס באַרירן דאָס אייגנטומס־רעכט און דאָס רעכט אַף פערזענלעכע פרייהייט". ווי מיר זעהען, איז דאָ אויפגעבויט אַ גאַנצע סאָציאַלע פראָגראַם פון די דאַנטאָניסטן, וואָס האָט געזאָלט דערקלערן זייערע מעשים און זייער קאַמף קעגן ראָבעספיערן. מיר האָבן אָבער אַ אומגעהויערע צאָל פון ראיות, וואָס דערווייזן, אַז אין קיין איין ערנסטן פראָגראַם־געביט זיינען צווישן זיי קיין שום חלוקי דעות ניט געווען.

לאָמיר אָנהויבן פון דעם סאָציאַלן געביט. דאַנטאָן הייסט עס האָט מורא פאַר די „נידריקסטע קלאַסן פון פאָלק" און פאַר דער פאַריזער קאָמונע? מיר ווייסן דאָך אָבער אַז ראָבעספיער האָט נאָך מער מורא געהאַט פאַר זיי, און האָט געפירט קעגן דער קאָמונע אַ פאַרביטערטן קאַמף, ביז ער האָט איר ניט פאַרוואַנדלט אין אַ אונטערגעאָרדענטן אָרגאַן. העבער, שאָמעט און די אַלע פאָלקסקרייזן, וואָס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך זיי און נאָך מער רו און אַלע סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס זיינען געווען זיינע פאַרביסענסטע שונאים. דער זעלבער קונאָוו איז זיך אין אַנ'אַנדער אָרט מודה, אַז „בעת דעמולט איז אָנגעפאַלן אין זיין צייטונג „דער אַלטער קאָרדעליער" אַף העבערן, האָט ער עס געטאָן ניט נאָר בהסכם מיט דאַנטאָנען, נאָר אויך מיט ראָבעספיערן, וואָס איז אויך ניט געווען מרוצה מיט דער פינאַנץ־ און שטייער־פאָליטיק פון פאַריזער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, און דער עיקר מיט זייער אַטעאיסטישער פראָפּאַגאַנדע".

*) קונאָוו — דער קאַמף פון קלאַסן און פאַרטייען אין דער גר. פראַנצ. רעוו. זייטל 353.

ווי מאָדנע עס איז צו באַשולדיקן דאַנטאָנען, אַז ער האָט ניט געוואָלט, למשל, פאַרזאָרגן „די משפּחות פון די בירגער, וואָס זיינען אַוועק אין קריג" — באַווייזן בעסער פון אַלץ זיינע אַרויסטרעטונגען אין קאָנווענט. מען האָט דאַנטאָנען באַשולדיקט אין פיל זאַכן, אָבער קיינער האָט קיינמאָל ניט חושד געווען די אויפריכטיקייט פון זיינע עפּנטלעכע רעדעס וואָס פלעגן קיינמאָל ניט ווערן צוגעגרייט לכתחילה מיט באַשטימטער כונה, און וואָס פלעגן אַנטשטיין סטיכייאיש צוליב רעאַלע מעשים און האָבן אַלע מאָל געהאַט פאַר זיך רעאַלע רעזולטאַטן. אַזאַ כאַראַקטער האָבן באַזונדערס געטראָגן זיינע רעדעס און מעשים בנוגע דער אידייע וואָס האָט מיט פייער געברענט אין זיין נשמה — דער אידייע פון פּאַטערלאַנד. און אָט וואָס ער האָט געזאָגט אויף דער זיצונג פון 3-טן מאַרט 1794 וועגן פּראָיעקט פון פאַרטיילן ערד צווישן די סאָלדאַטן. „בלי שום ספק איז שוין ניט ווייט דער מאָמענט ווען אפן גאַנצן שטח פון דער רעפּובליק וועט ניט בלייבן ניט איינער, וואָס איז ניט פאַרזאָרגט" *). און בנוגע צו די אייגנטימער, וואָס האָבן געפאָדערט מע זאָל זיי אומקערן די היזקות פון וואַנדייער-קריג האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע: „כדי צו פאַרטיילן על פּי שכל און יושר די הילף, וואָס איר'ט דערקלערט, דאַרף מען קודם פעסטשטעלן צוויי קלאָרע יסודות: ערשטנס, קיין איין רייכער אייגנטימער דאַרף ניט פאַרלאַנגען קיין קאָמפּענסאַציע, וואָס זאָל זיין פּראָפּאָרציאָנעל צו זיינע היזקות; און צווייטנס — אַז נאָר די קרבנות פאַרן פּאָטערלאַנד דאַרפן באַשטימען די גרויס פון דער קאָמפּענסאַציע, וואָס די רעפּובליק גיט אירע באַשיצער. איך פאָדער, אַז... אַ מענש — אַ אייגנטימער וואָס נעמט זיך ניט פאַר געווער און גייט ניט שיצן די רעפּובליק, זאָל ניט באַקומען קיין שום ענטשעדיקונג". און ווי אַלעמאָל, גיט ער אַ קורצע פאָרמול — די מעראַל פון זיין געדאַנק: „קאָמפּענסירט בהסכם מיט די פאַרדינסטן, און ניט מיטן אייגנטום" **) שוין דאַמאָלסט איז דער דאָזיקער פּרינציפּ אָנגענומען געוואָרן. און מיט אַ יאָר פריער, ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן שיקן חיל קיין וואַנדיי, האָט ער דעם 8 מאַי 1793 דערקלערט: „זאָל צאָלן דער רייכער, ווייל אָפט איז ער ניט ווערט צו קעמפן פאַר די פרייהייט; זאָל ער צאָלן אַ סך און זאָל דער פאָלקס-מענש גיין קעגן

---

*) Vermorel. Oeuvres de Danton

**) ד. נ. — ז. 101 — דעם זעלבן געדאַנק האָט אָנ'אַנדער מאָל פאַרטיידיקט אויך סען-זשיוסט. אין זיין באַריכט פאַרן קאָנווענט האָט ער געזאָגט: „די רעוואָליוציע האָט אונז קלאָר געמאַכט, אַז דער וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פיינט פון זיין לאַנד, קען אין איר ניט זיין קיין אייגנטימער... מאַכט אַ סוף צום דלות, דעם שאַנדפלעק פון אַ פרייער מדינה". „דאָס אייגנטום פון פּאַטריאָט איז הייליק, אָבער דאָס אייגנטום פון פאַררעטער געהערט צו די אומגליקליכע". Lichtenberger. Le socialisme et la Revolution française.

וואַנדיי״. צוליבן פּאַטריאָטיזם, האָבן די טוער פון קאָנווענט, סיי דאַנטאָן, סיי ראָבעספּיער, געקאָנט אונטערדריקן די אינטערעסן פון אייגנטום ***). — פּונקט אַזוי זיינען זיי ביידע בהחלט געווען געגן וועלכע ניט איז טיפער סאָציאַלער רעפאָרם. ביידע זיינען זיי ניט געגאַנגען ווייטער פון אַ בעל־בתיש סאַנטימענטאַלער השגה וועגן אַ כלומרשטער גלייכהייט פון אויפפירונג ביים רייכן און ביים אָרעמען, ביים ניט זשעדנעם גביר און ביי דעם אביון שמח בחלקו. און ביידע גלייך האָבן זיי געפילט אַנ׳עקל צו דעם דאַמאָלסט איינציקן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פּראָיעקט וועגן פאַנאַנדערטיילן די ערד, צו דעם „אַגראַר געזעץ״. דאַנטאָן זאָגט אין זיין רעדע פון 27־טן אַפּריל 1793, ווי וועגן אַ גאַנץ קלאָרע זאַך: „מען רעט שוין מער ניט וועגן אַגראַר־געזעצן; דאָס פאָלק איז פיל קליגער, ווי עס מיינען זיינע באַריידער״. און ראָבעספּיער פון זיין צד האָט געזאָגט, אַז דער אַגראַר געזעץ — איז אַ שטות. „אַפילו דער סאַמע משוגענער מח, וואָלט ניט געקענט באַגרייפן זיין אידיי״. און אין זיין ליבע צו דאָקטרינען פאַרטיפט ער תוך כדי דבור דעם געדאַנק. „די גלייכהייט פון אייגנטום איז לויט איר מהות אונמעגלעך אין אַ געזעלשאַפט... זי זעצט פאָראויס אַ געמיינזאַמקייט, וואָס איז פאַרשטייט זיך אַ פוסטער חלום. אָבער — איז ער מוסיף — די מלוכה דאַרף אַלעמען באַזאָרגן מיט אַרבעט, העלפנדיק די אָרעמע, איינהאַלטנדיק ביליגע פרייזן אַף פּראָדוקטן, פאַרגרעסערנדיק די צאָל אייגנטימער״. עס איז ניטאָ קיין שום חילוק אין זייער סאָציאַלע אנשויאונגען; זיי זיינען ניטאָ אויך אין אַנדערע פראַגן. זיי ביידע זיינען פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד. ביידע האָבן פאַרטיידיקט די צענטראַליזירטע פאַרוואַלטונג. אויב דער היסטאָרישער בלבול האָט געפרוווט דערנאָך פאַרבינדן דאַנטאָנען מיט די פעדעראַליסטן — זשיראָנדיסטן, איז כדאי צו דערמאָנען זיך אַז דוקא אונטער דאַנטאָנס השפעה האָט דער קאָנווענט פּראָקלאַמירט צום ערשטן מאָל אַז פון היינט אָן איז די פראַנצויזישע רעפּובליק — „אייניק און אונטיילבאַר״. אַ פאָרמול וואָס איז דאַן אויך פאַרבעסטיקט אין אַ דעקרעט. — פּונקט אַזוי זיינען זיי געווען אייניק אויך אין זייער רעליגיעזער פּאָליטיק. אויב ס׳איז אַפילו ריכטיק, אַז אין זייער פּי־

***) אין 14 אויגוסט טרעט דאַנטאָן אַרויס מיט אַ פאָרשלאַג צו זיכערן די אָרמע האַנטווערקער די מעגליכקייט זיך צו באַטייליגן אין פּאָליטישן לעבן. „באַקלערט זיך, זאָגט ער, אַז די בעלי־מלאכות, וואָס לעבן פון זייער פראַצע, קענען ניט גיין אין די סעקציעס. דעקרעטירט זשע אַז... דער פאָלקמענש וואָס וועט אָנטיילנעמען אין די פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, זאָל באַקומען אַ גערעכטן לוין פאַר צייט, וואָס ער נעמט צו פון זיין אַרבעט״. עס איז באַקאַנט, אַז דוקא די אידיי — די באַלוינונג פון די פּאַרלאַמענטאַריער, איז תמיד געווען אַ פאָדערונג פון דער דעמאָקראַטיע. דער ערשטער וואָס האָט איר אַרויסגעזאָגט און האָט דערגרייכט איר פאַרווירקליכונג איז געווען דאַנטאָן.

לאָזאָפישער וועלטאַנשויאונג זיינען זיי זיך אַביסל פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיינען זיי געווען אַביסל פאַרשיידן, אַז דאַנטאָן, דער טרייער שילער פון די ענציקלאָפּעדיסטן, איז גיכער געווען אַנ׳אַטעאיסט, און ראָבעספּיער — א „וועלטליכער“ דעאיסט, איז אָבער ניט געווען קיין חילוק אין זייער מלוכה׳יש-רעליגיעזער פּאָליטיק. זיי ביידע האָבן צוגלייך געקעמפט קעגן די פּראָפּאַגאַנדע פון די העבערטיסטן און דאַנטאָן איז איינמאָל אַרויסגעטראָטן אין קאָנווענט מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט קעגן זייערע פּרובן צו צושטערן דאָס קריסטנטום דורך אַ פּלאַכער לצנות און רעליגיעזע מאַסקאַראַדן. אַז די גלחים האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין קאָנווענט מיט פייערליכע דערקלערונגען וועגן אַראָפּנעמען פון זיך די כהונה, האָט ער געפאָדערט „אַז עס זאָל מער ניט פאָרקומען קיין אַנטירעליגיעזע מאַסקאַראַדן אין קאָנווענט“. זיין נאָנטקייט צו ראָבעספּיערן אין דער פראַגע איז נאָך פיל גרעסער. דעם 30-טן נאָוועמבער 1792 באַשטעטיקט ער פון טריבונע זיין פריידיינקערשאַפט, און דאָ אַף אַנ׳אָרט רעט ער וועגן דעם צייטווייליקן נוצן פון רעליגיע פאַרן פאָלק. „דאָ האָט מען זיך באַזירט, זאָגט ער, אַף פילאָזאָפישע אידייען, וואָס זיינען פאַר מיר טייער, ווייל איך קען קיין אַנדער גאָטס ניט, אַחוץ דעם וועלטגאַנצן, קיין אַנדער קולט, אַחוץ׳ן קולט פון גערעכטיקייט און פרייהייט... ווען איר וועט אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן לערער פון מאָראַל וואָס וועלן אַריינברענגען ליכט אין פאָלק, דאַן וועט מען קענען ריידן צו אים וועגן מאָראַל, וועגן פילאָזאָפיע. אָבער איצט איז ער נאָך אַ באַרבאַר, און עס וואָלט געווען אַ באַליידיגונג פאַר דער נאַציע אָפּנעמען באַם פאָלק מענשן (גלחים), באַ וועמען ער קען נאָך געפינען אַ טרייסט“. און נאָכדעם ווי ראָבעספּיער האָט אין 1793 יאָר פאַרביטן די קריסטלעכע אמונה מיט אַ נייער מלוכה-רעליגיע פון „העכסטן וועזן“, 16 טעג נאָכ׳ן „יום-טוב פון שכל“, דערקלערט דאַנטאָן אין קאָנווענט — „מיר שטרעבן ניט אָפּצושאַפן דאָס אַבערגלויבן, כדי איינצופירן די הערשאַפט פון אַטעאיזם“. ובכן זעהן מיר אין ערגעץ ניט קיין רעאַלע פּראָגראַמאַטישע חילוקי דעות צווישן דאַנטאָנען און ראָבעספּיערן, און מיר קענען רואיק זאָגן אַז זייער מוראדיקע ניגודים אין דער טאַקטיק פון דער רעוואָליוציע, אין די מעטאָדן פון האַנדלונג זיינען פאָרגעקומען אין תחום פון איינער און דער זעלבער קלאַסן — און קולטור אידעאָלאָגיע.

ביידע זיינען זיי געווען די פאָרשטייער פון איינעם און דעמזעלבן סאָציאַלן קלאַס, דעם אויפקומענדיקן קלאַס פון דעמאָקראַטישער בורזשואַזיע. ס׳קען זיין אַז עס איז געווען צווישן זיי אַ חילוק דעות בנוגע דער אָפּשטאַמונג, דער דערציהונג אין דעם לעבנסשטייגער. דאַנטאָן איז מער געווען אַ דאָרפס-מענש, און ראָבעספּיער, דער נאָכפאָלגער פון אַדוואָקאַטן-דורות, אַ שטעטישער. אָבער אין גאַנצן גענומען זיינען זיי ביידע געשטאַנען אַפן זעלבן קלאַסן באָדן,

זיי האָבן געהאַט די זעלבע קלאַסן=באַשטרעבונגען. און אויב ס'איז צווישן זיי נאָך געווען א שאַרפער חילוק, ליגט זיין סבה ערגיץ וואו טיפער אין די גרונדליניעס פון זייער פסיכאָלאָגישן און *גייסטיקן* מהות.

ס'קען זיין אַז מיר'ן דייטליכער דערפילן די פסיכאָלאָגישע וואָרצלען פון זייער קאַמף, אויב מיר'ן אויספאָרשן אַלע וועגן פון זייער לעבן און דער רעוואָליוציע. ס'קען זיין, מיר'ן זיך דאַן איבערצייגן, אַז אַפילו באַ מענשן, וואָס געהערן צום זעלבן *קלאַס*, ברענגט מיט זיך דער פאַרשיידענער *נשמה=בוי* און דער פאַרשיידענער גייסטיקער וועלט=באַנעם אויך פאַרשיידענע וועגן פון רעוואָליוציאָנערן שאַפן.

* * *

לאָמיר באַטראַכטן בקיצור דעם גאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע און זעהן, וואָס פאַר אַנ'אָרט יעדער פון זיי האָט פאַרנומען אין איר גרויסע עטאַפן. בנוגע דאַנטאָן קען מען אָן גוזמאות זאָגן, אַז זיין פיגור שוועבט אום איבערן עקראַן פון דעם *גאַנצן* לויף פון דער רעוואָליוציע. און בלייבנדיק נאָך פאַר קיינעם ניט באַוואוסט נעמט ער אָנטייל אין די ערשטע טריט פון פאָלק צו זיין באַפרייאונג.

צוויי טאָג נאָכן איינעמען פון באַסטיליע, אַט דעם אָפיציעלן אָנהויב פון דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָפּייע, דעם 16=טן יולי 1789 קומט דאַנטאָן בראש פון פאַטרול פון קאָרדיליערן=קרייז אין באַסטיליע און אַרעסטירט דעם צייטווייליקן גובערנאַטאָר סולע. אין די מאָרגן=שטונדן פון דער רעוואָליוציע זעט מען נאָך אין ערגיץ ניט ראָבעספּיערן באַ אַקטיווע מעשים, — ער איז איינער פון פילע הונדערט דעפּוטאַטן פון גרינדונג=פאַרזאַמלונג און האָט קיין שום באַדייטונג ניט. דאַנטאָן אָבער באַווייזט שוין אין דעם אַקט די וויטזיכטיקע זאָרג פון א בעל=הבית, וואָס באַגנוגנט זיך ניט מיט דעם עפּעקטפולן נצחון פון 14=טן יולי, און זעט אַף זיינע אייגענע אחריות אים צו פאַרזיכערן. פון דעם טאָג אָן איז ער דער ענערגישסטער, געליבטער און שטענדיקער פאָרזיצער פון קרייז און פון קלוב פון די קאָרדיליערן. אַ צייט פריער פאַר'ן יאַקאָבינער קלוב, ווערט דער קלוב דער צענטר פון דער וואַקסנדער באַוועגונג, די לאַבאָראַטאָריע וואו ס'אַרבעט זיך אויס די רעוואָליוציאָנערע פאָלקס=ענערגיע, דער מקור פון העלדישן קאָלעקטיוון טאַט. פון דאַנען פירט אָן דאַנטאָן זיינע אָנגריפן קעגן דעם בירגערלעך=אַריסטאָקראַטישן פאַריזער מאַגיסטראַט, פון דאַנען קעמפט ער קעגן דעם חשובן מער באַליאי און קעגן דעם „העלד פון ביידע ערד טיילן" לאַפייעט — די צוקינפטיקע רעדלפירער פון בירגער=קריג אַפן מאַרס=פעלד. אין קאַמף קעגן זיי שטאַרקט ער דעם גייסט פון זיין קרייז און לייגט די אמת'ע יסודות פאַר רעוואָליוציאָנער=דעמאָקראַטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

די געשיכטע ווייס, וואָס פאַר אַ גרונד—ליגנדע ראָלע האָבן אין דער פראַנ־צויזישער רעוואָליוציע געשפּילט די צענטרן פון פאָלקס־באַגייסטערונג און רצון די קלובן, די קרייזן און די סעקציעס. און גראד דאַנטאָנס קארדעליערן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיי באַפּעסטיקט. דאַנטאָנס באַדייטונג הן פּערזענ־לעך, הן אַלס אָנפירער פון קארדיליערן־קלוב (פּונקט אַזוי ווי די באַדייטונג מאַ־ראַט׳ס) — האָט געשריבן קראָפּאָטקין — איז געווען זייער גרויס פאַר דער אָרגאַניזירונג פון רעוואָליוציאָנערער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די שטעט, אין זייערע קרייזן און סעקציעס.

צוזאַמען מיט דעמולען רעדאַקטירט דאַנטאָן און קלעפּט פאַנאַנדער דעם באַרימטן מאַניפעסט פון די קארדיליערן, וואָס האָט געבראַכט דאָס פאָלק דעם 5 אָקטאָבער 1789 קיין ווערסאַל, און וואָס נאָך דעם איז דער קעניג געוואָרן אַ געפאַנגענער אין פּאַריז. אין מאַרט 1790 דערלאָזט ער ניט דורך זיין איינפלוס־רייכן קרייז מאַראַט זאָל אַרעסטירט ווערן, באַהאַלטנדיק אים און זיין זשורנאַל אַף דער הייליקער טעריטאָריע פון די קארדיליערן. דעם 10־טן נאָוועמבער פון זעלבן יאָר קומט ער בראש פון דער דעפּוטאַציע פון 48 סעקציעס אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און פאָדערט די דעמיסיע פון דריי קעניגלעכע מיניסטאָרן. די פאַרזאַמלונג שפּירט שוין דעם דרוק פון די לייבן־נעגל. און אין דערזעלבער צייט פאַרלירט זיך אומבאַמערקט אין דער מאַסע פון דעפּוטאַטן דער „אַדוואָ־קאַט פון אַרראַס״, ראָבעספּיער, וואָס טרעגירט מיט געדולד און התמדה זיין פאַר־לאַמענטאַרישע רעדע. ער רעדט, אָבער פאַרשטייט אויך צו שווייגן. ער שווייגט ווען די פאַרזאַמלונג האָט געגעבן דעם הסכם אַף די בלוטיקע אונטערדריקונג פון סאָלדאַטן־אויפשטאַנד אין נאַנסי, וואָס האָט פאַרטיידיקט זייער רעכט קעגן די אָפיצירן. — 20־טן יוני 1891 אַנטלויפט דער קעניג קיין וואַרען. די פאַרזאַמלונג און אַלע אירע קעפּ — לאַפייעט און ראָבעספּיער בתוכם — האָבן מורא און וואַגן ניט אָנצונעמען אַ באַשלוס. נאָר איין דאַנטאָן פאַרשטייט די באַדייטונג פון דער סיטואַציע, און אין דערזעלבער צייט ווען אַלע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן ברעכן זיך די קעפּ אַף יורידישע שפּיצלאַך, זאָגט ער מוטיק אַרויס דעם נויטיקן געדאַנק, ער פאָדערט דער קעניג זאָל אַראָפּגעזעצט ווערן. מען רעט נאָך ניט וועגן אַ רעפּובליק: מען זעצט אַראָפּ נאָר דעם איצטיקן קעניג.

„נאָך דער וואַרענער פליטה, — שרייבט דובאסט אין איינער פון די ערשטע ערנסטע אַרבעטן, וואָס קלערן אויף אַ „מחנה לעגענדעס״ וועגן דאַנטאָנען — האָט ער געשטיצט דעם געדאַנק, אַז דעם קעניג מוז מען באַטראַכטן אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן. ער האָט אויך שפּעטער, און דאָסמאָל קעגן ראָבעס־פּיערן פאַרטיידיקט דעם געדאַנק וועגן אומגילטיקייט פון דעקרעט וואָס האָט בשעתו פּראָקלאַמירט דעם קעניג אַלס אומבאַרירבאַר. דאָס איז נאָך ווייניק:

לויטן פאַרלאַנג פון די סעקציעס האָט דאָס פאָלק געוואָלט אָננעמען אפן מאַרספעלד אַ פעטיציע וועגן אַראָפּוואַרפן דעם קעניג. דאַנטאָן פאַרפאַסט די ערשטע פעטיציע, אָבער די יאַקאָבינער שאַפן אָפּ דעם גאַנצן פראָעקט, אונטער דער השפעה פון די מעסיקע. דאָס פאָלק קומט זיך אָבער צונויף, שרייבט אונטער דעם טעקסט פון דער פעטיציע, און לויטן באַפעל פון באַליאי, וועלכער וויקלט פאַרנאַנדער די רויטע פאָן פון קריגסצושטאַנד, גיסט זיך די ערשטע בלוט פון פאָלק און דער פּאַריזער רעוואָלוציע. נאָך דער דאָזיקער שחיטה פון 17-טן יולי 91 באַהאַלט זיך — ער מוז זיך באַהאַלטן — דאַנטאָן, ס׳באַהאַלט זיך מאַראַט, אָבער אין דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג שווייגט דער ריידעוודיקער ראָבעספּיער. — ס׳גייט פאַרביי אַ יאָר פון גרויע וואָכן-טעג אין דער רעוואָלוציע. ס׳פאַרענדיקט זיך די געזעצגעבערישע טעטיקייט פון דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג. אין די טיפענישן פון פאָלק ווערן רייף עלעמענטן פון אַ נייער באַוועגונג. אין אָנהויב יולי 1792 וואַקסט שוין די באַוועגונג אַרויף, און צוזאַמען מיט נאָך אַ פולע מענטשן פון מוטיקן געדאַנק שטעלט שוין דאַנטאָנס קלוב אפן אַרויס די פאָדערונג פון אַ ר ע פּ ו ב ל י ק. דער געדאַנק זעהט נאָך אויס שרעקליך פאַר די „פאַראַנטוואָרטליכע" טוער פון דער רעוואָלוציע. און דעם 13-טן יוני, 7 טעג פאַר דעם שטורמישן אויסברוך פון 20-טן יוני, באַקעמפט נאָך ראָבעספּיער די רעפּובליק. „אומזיסט" — זאָגט ער מיט אַ טאָן פון אַ זיכערן אַליין ווייסנדיקן און לעבנס-פרעמדן פעדאַנט, —אומזיסט וויל מען פאַרפירן די היציקע און ווייניק אינפאָרמירטע קעפּ מיט הבטחות פון אַ פרייער אָרדנונג און אין נאָמען פון דער רעפּובליק; דער בראָך פון דער קאָנסטיטוציע (ד. ה. פון קעניג און זיין הויף! י. ש.) קען באַ היינטיקן מאָמענט בריינגען גאָר אַ בירגער-קריג, וואָס וועט פירן צו אַנאַרכיע און דעספּאָטיזם". דער ווייטזיכטיקער מענטש ר ע ט וועגן אויפהאַלטן די אויסדריקליך בירגערליכע „קאָנסטיטוציע" אין דעם מאָמענט, ווען עס ציטערט שוין די ערד אין פאַריז, ווען דאָס פאָלק פאַרלירט שוין די רעשטן פון זיין נאַיוון קינדער-גלויבן אין די 15-הונדערטיאָריקע מאָנאַרכיע, ווען דאַנטאָן ק אָ כ ט שוין אין דער פיבערדיקער פאַרבערייטונג פון גרויסן אויפשטאַנד. ווי אַלעמאָל, האַלט ער זיך — דער אייביקער לעגיסט — פאַר די עקזיסטירנדע פאַקטן, באַמיט זיך ניט אַראָפּגיין פון זייער „באָדן" און טייטשט זיי אויס אין רעוואָלוציאָנערן זין. אַקעגן דער רעוואָלוציע פון מעשים — שטייט דאָ פאַר אונז דער קאָנסערוואַטאָר פון וואָרט.

ס׳איז שוין פאַרביי דער 20-טער יוני, דאָס פאָלק האָט געזעהן זיין קעניג אַ נעבעכדיקן, און דעם 10-טן אויגוסט איז שוין געווען ניט צו פאַרמיידן. ערב דעם 10טן אויגוסט ווייזט זיך דאַנטאָן אַרויס אין דער גאַנצער ברייט. אַ דאַנק אים מאַכן די קאָרדעליערן דעם ערשטן שריט כדי צו דעמאָקראַטיזירן די רעוואָ-

ליוציע. אָפּשאַפנדיק די „קאָנסטיטוציע“, זיינען זיי דעם 30=טן יולי מבטל די טיילונג פון בירגער אף פאַסיווע און אַקטיווע אין דער בירגער=גוואַרדיע און אין די סעקציעס. אין די דורכגעבראָכענע לאָך פון געזעץ וועלן אַריינפליסן פרישע מאסן פון רעוואָליוציאָנערן, דעמאָקראַטישן פאָלק. די מאַרסעלער, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט זייער ליד קיין פאַריז בכדי אונטערצושטופּן די געשעהענישן „אָט די מענטשן, וואָס ווייסן ווי צו שטאַרבן“ קומען צוגיין אין זיין קרייז. ער גרייט צו די סעקציעס און אין דער נאַכט אויפן 10 אויגוסט דעזאָרגאַניזירט ער די אַלטע קאָמונע. ענדלאַך איז געקומען דער טאָג פון 10=טן אויגוסט, דער טאָג ווען ס׳איז געפאַלן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך און אין דער גאַנצער וועלט. עס איז באַקאַנט די ראָל פון דעם רוהיקן אָנפירער וואָס ער האָט געשפּילט דעם טאָג. בילאָ=וואַרען, דער טויט=שונא פון דאַנטאָנען אין די טעג פון טעראָר, האָט ערליך געשריבן פאַרן סוף פון זיין לעבן: „דאַנטאָן האָט ג ע מ אַ כ ט דעם 10=טן אויגוסט“, אָדער ריכטיקער „צוגעגרייט“ דעם 10=טן אויגוסט, ווי דאַנטאָן האָט זיך אַליין אויסגעדריקט וועגן זיך פאַרן רעוואָליוציאָנס=טריבונאַל. „מען קען קלאָר זאָגן — באַשטעטיקט די אַלגעמיינע מיינונג אויך קראַפּאָטקין, — אַז דער אויפשטאַנד פון 10=טן אויגוסט וואָלט ניט געלונגען אַזוי גוט, אויב דאַנטאָן וואָלט מיט דער קראַפט פון זיין גרויסן אַוטאָריטעט ניט אונטערגעשטיצט די פאַרברייטונג צו אים“. נו, און ראָבעספּיער? וואָס איז זיין ראָל אין דעם אַנטשיידנדן טאָג פון דער רעוואָליוציע? אים זעהט מען ניט דעם 10 אויגוסט. און לואי=בלאַן, וואָס האָט אין זיין „געשיכטע“ מלמד זכות געווען אף ראָבעספּיער איז געצוואונגען צו זאָגן: „קיין זאַך ווייזט ניט וואָס פאַרא ראָל ראָבעספּיער האָט געשפּילט אין דער אַנטשיידנדיקער נאַכט און צי האָט ער בכלל געשפּילט וואָס פאַר ניט איז ראָלע“. ס׳פאַרשטייט זיך אָבער, נ אָ ך דער דאָזיקער נאַכט, ווען די רעפּובליק איז שוין געוואָרן אַ לעבענס=פאַקט, האָט זיך ראָבעספּיער תיכף געשטעלט אפן „באָדן“ פון דעם נייעם פאַקט, באַמיהנדיק זיך אַרויסבאַקומען פון אים די גרעסטע נוצן פאַר דער רעוואָליוציע. און ער פאָדערט שוין עקשנות׳דיק און איבערציינגנדיק לודאָוויקס קאָפּ, ניט דערלאָזנדיק קיין מעגליכקייט פון אַ געריכט פאַר אים.

דער העלד פון די געשעהענישן איז דאַנטאָן, און אַלס יוסטיץ מיניסטער, פאַקטיש אַלס דער אידייאישער פירער פון דער גאַנצער רעגירונג, („דער מיניסטער פון דער רעוואָליוציע“) קומט ער אין די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג.

וואָס קען זאָגן אין זיין ערשטער רעדע דעם 12=טן אויגוסט, אין דער נאָך אָנגעזאַפּטער מיט פולווער אַטמאָספער, דער פאָלקס=פירער, וואָס שטייט נאָך אפן שלאַכט פעלד? דאָ זעהען מיר אים אינגאַנצן, דאָ וועלן מיר זיך דערוויסן זיין מיינונג וועגן דער טאַקטיק פון קאַמף, וועגן אירע בלוטיקע פרוכט. דאָ וועלן מיר דערגיין צו ער גיט זיך אונטער דעם אכזרית'דיקן רצון פון די סטיכיש=שטורמענדיקע מאַסן, אָדער ער נעמט זיך מוטיק אָן זיי צו דערהייבן ביז דער הויך פון זיין רעוואָליוציאָנערן באַוואוסטזיין. און מיר הערן הייַנט, אין דורות אַרום די רעדע פון דעם רעוואָליוציאָנער — דעם זיגער, וואָס רופט צו רחמנות און גערעכטיקייט. „דאָס פראַנצויזישע פאָלק, ערקלערט ער, האָט געמאַכט די רעוואָליוציע ווערנדיק מיד פון דעספאָטיזם... דער נסיון האָט אים באַוויזן, אַז עס איז קיין שום יסוד ניטאָ מורא צו האָבן, אַז עס וועלן זיך אומקערן די אַלטע פאָלקס=אונטערדריקער... דאָס פאָלק באַקומט צוריק זיינע רעכט... אָבער דאָרטן, וואו עס הויבט זיך אָן די אַרבעט פון גערעכטיקייט, דאָרטן מוז זיך אויסלעשן די פאָלקס=נקמה...*) — און דאָס האָט ער גערעט דערפאַר ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די צורייצטע אינסטינקטן פון די מאַסן האָבן געוואָלט שטילן זייער בלוטיקן דורשט, אַז אַלע טורמעס זיינען פול געפאַקט געווען מיט געפאַנגענע פון אַלטן רעזשים, אַז די נקמה און שנאה קעמפט מיט דער גערעכטיקייט פאַר די בכורה. פון דער מינוט אָן, ווי ער איז געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטליכער מענטש אין דער רעוואָליוציע, שטעלט ער זיך אף דער וואַך פון איר אינערליכן גייסט און זין. אין י ע נ ע ר תקופה האָט מען נאָך ניט געפילט אַזאַ שרעק פאַר אַ מאָרד ווי שפּעטער, אַזאַ אָפּשיי פאַרן מענטשלעכן לעבן, אַלס אַ זעלכן; לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז אויפן שוועל פון דער גייער וועלט האָט זיך נאָך געטראָגן דעם אָטעם פון מיטלאַלטער. בענטאַם, וואָלטער, די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן נאָך ניט משנה געווען ראַדיקאַל דעם לעבנס=שטייגער פון די פעאָדאַלע און קעניגליכע מלוכות. די ווייכקייט אין די גערעכטיקייט פון די פאָלקס=מאַסן פון יענער צייט — און אין דער רעוואָליוציע באַזונדער — פלעגן זיך אַרויסווייזן ניט אין דעם אָפּזאָג פון טויט=שטראָפן און הריגות ווי אין דער אַרט פון זייער אָנווענדונג. דאַנטאָן, וואָס האָט צוזאַמען מיטן פאָלק (און ניט אין פאַראַכטונג צו אים) דורכגעמאַכט די רעוואָליוציע, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן הריגות און די גוואַלט=טאַטן. אָבער ער האָט די גאַנצע צייט אָן א אויפהער געהאַט און זינען די גרעניצן אין די ראַמען פון זייער

---

*) אַ קלאָרער באַווייז און דער צירקוליאַר וועלכן דאַנטאָן האָט פאַרנאַדערגעשיקט אין אַלע געריכטן פראַנקרייכ'ס דעם 19=טן אויגוסט, און וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „און זאָל זיך אָנהייבן דער משפּט פון די טריבונאַלן, און זאָל ווערן אַ סוף צום משפּט פון פאָלק".

אָנווענדונג, די פּסיכאָלאָגישע סביבה פון זייער פאַרווירקליכונג. ער ווייסט דעם כח פון פאַרשיידענע אינסטינקטיווע סטימולן אין קאַמף, דעם כח פון צאָרן און היציקייט אין דער אַטמאָספער פון זעלבסטגעריכט — און דעריבער פאָדערט ער במשך פון ערשטן טאָג ווי ער איז געקומען צו דער מאַכט, אַ פאָלק־ג ע ר י כ ט. דאָ זעהען מיר אים פאַר אונז — אינגאַנצן דעם מענטשן פון זיין תקופה, וואָס גיט זיך איר טיילווייז אונטער, כדי איהר און אַנ׳אַנדער היגזיכט צו פירן נאָך זיך. און אף וויפיל אין די דאָזיקע זיינע אויפפירונג, וואָס איז געבליבן ניט פאַרענדערט ביזן סוף פון זיין לעבן, אונז נעענטער איידער די האַלטונג פון ראָבעספיערן וואָס האָט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע קעגן טויט־שטראָף, און אין קאָנווענט איז ער געוואָרן דער פרעדיגער פון טעראָר, אַלס פון איינציקן מיטל צו רעגירן (און ערציהען) די מענטשן. אַ שפּריז טאָן ווייט פאַראויס פאַר זיין דור אין איין פרט, און אָפּשליידערן דאָס באַוואוסטזיין פון די בירגער ווייט אף דורות צוריק אין אַ צווייטן — וואָס קען זיין ערגער פון אַזאַ בלינדן דאָגמאַטיזם? — סוף אויגוסט 1792 יאָר האָט זיך די רעפּובליק געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. עס פאַלן די שטעט לאָנגווי און ווערדען; דער הערצאָג פון בראַונשווייג — דער פירער פון דער אייראָפּייאי־שער קאָאַליציע — לאָזט אַרויס אַ מאַניפעסט אין אַ טאָן פון אַ זיגער. אין דער רעגירונג—קוועקנישן, די זשיראָנדיסטן וואָס האָבן מיט היץ געפאָדערט מלחמה, זיינען צוטומלט; זעהענדיק, אַז זיי האָבן קעגן דער רעגולערער אַרמיי פון אייראָפּע קיין זאַך ניט אַ חוץ שלעכט צוגעגרייטע רעקרוטן אָן קאָמאַנדירן, ווילן זיי פאַרלאָזן פאַריז. דאַנטאָן וואַרפט דאָס ענעגיש אָפּ. און אין זיין רעדע פון 28־טן אויגוסט דערהייבט ער הויך דעם גייסט פון פאָלק, פאָדערנדיק „העזה, העזה און העזה“. פון דעם מאָמענט אָן — זאָגט קאַרלייל — איז די רעוואָ־לוציע אומבאַזיגבאַר, ווייל איר התלהבות האָט זיך פאַרקערפּערט אין אַלעמען. דאַנטאָן קאָכט אין אַרבעט, ער הויבט אויף גאַנץ פראַנקרייך, נעמט אָן אין פאַריז אַ רײַ שטרייענגע מיטלען. ער איז אין גאַנצן — אין רשות פון פ א ט ע ר ל אַ נ ד.

און אין דערזעלבער צייט צעפלאַקערט זיך לעבן אים, אין פאַריזער קאָמונע, מיט אַ פינסטערן פייער אַנ׳אַנדער סטיכיע, אַ סטיכיע פון צאָרן און נקמה. מאַראַט אין דער פרעסע און די טוער פון דער קאָמונע מיט זייערע מעשים העצן קעגן די געפאַנגענע אין די טורמעס, רופן צו זעלבסטגעריכטן. דאַנטאָן *) איז אַ קעגנער פון דער דאָזיקער ריכטונג פון דער קאָמונע; אָבער ער נייטיקט זיך אין איר הילף בכדי צו אָרגאַניזירן דעם שוץ. עס אַרבעטן נאָך אָבער ניט מיט דער נייטיקער גיכקייט די געריכטן. און ער ט אַ ל ע ר י ר ט דעם אַזאַרט פון דער קאָמונע וואָס איז אַזוי נוצליך אף אונטערצוטרייבן די

*) E Schreiber. Die Septembermorde und Danton. 1912

שווערע זשיראָנדיסטישע פֿאַרזאַמלונג, אין וועלכער דער דרייסטער פּאַריז גייט פֿאַרויס פֿאַר דעם, לאַנגזאַמען, שווער־באַוועגליכן פֿראַנקרייך. אָבער אכזריות׳דיק, זייער אכזריות׳דיק איז די אָפּרעכנונג פֿאַר דער דאָזיקער טאָלעראַנץ.

די אָפּרעכנונג זיינען די סעפּטעמבער טעג, די סעפּטעמבער רציחות. עס איז ניטאָ פֿאַר זיי קיין מחילה, עס איז ניטאָ קיין מחילה פֿאַר די וואָס האָבן ניט געשטערט אָט דעם ווילדעווען פֿון פּאַריזער ה מ ו ן (ניט פֿון פּאַריזער פֿאָלק). און ווייניגער פֿאַר אַלעמען פֿאַר דאַנטאָנען. קיינער זאָגט שוין היינט ניט, אַז ער גראד האָט זיי צוגעגרייט. נאָך מער: עס איז באַקאַנט, אַז ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט, כדי ניט צודערלאָזן. נאָר פּונקט ווי די גאַנצע געזעצגעבערישע פֿאַרזאַמלונג, ווי דער מיניסטער ראָלאַן, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך די באַוואָפֿנטע מאַכט, האָט ער דערלאָזט זיי זאָלן פּ א ר ק ו מ ע ן, ווען זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן; נאָכדעם, ווען דאָס בלוטיקע משוגעת איז פֿאַרבייגעגאַנגען, זענען באַ אַלעמען לייז געוואָרן די צינגער. און די שטראָמען פֿון צאָרן און בלבולים מצד די זשיראָנדיסטן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן קדם כּל אויף דאַנטאָנען. אָבער אין די טעג פֿון דער משוגעת האָבן זיי געשוויגן, זיי האָבן איר אפילו אויף אַ מלוכישן אופֿן אויסגעטייטשט. דאַנטאָן לעבט אָבער די טעג „אין טרויער און האַלט זיך אָפּ פֿון וועלכן ניט איז צושטימונגס־וואָרט" *).

ער טוט אָבער ניט קיינע שום אַנטשיידענע טריט בכדי זיי צו אונטערדריקן, ער ראַטעוועט נאָר איינצעלנע. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז לחלוטין אומ־מעגליך זיך אַקעגנשטעלן דעם שטראָם פֿון דער משוגעת, ניט אַרויסרופֿנדיק קיין בירגער־קריג צווישן דער קאָמונע און דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג. ער האָט געהאַלטן, אַז כּל זמן דער פּרייסישער חיל שטייט ביי פּאַריז, איז דער שוץ פֿון לאַנד פֿיל וויכטיקער ווי די שרעק, וואָס קומען פֿאָר אין לאַנד. זייענדיק ערליך, נעמט ער אָבער פֿון זיך ניט אַראָפּ די א ח ר י ו ת פֿאַר די דאָזיקע שרעק, ער האָט ניט געזוכט זיך אַרויסצומאַכן פֿון דעם בלוטיקן קרייז פֿון יענע געשעהע־נישן. ער נעמט איבער אויף זיך די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר זיי, פֿאַר די מעשים פֿון פֿאָלק, פֿאַר דער צעבושעוועטער רעוואָלוציע **).

---

*) Олар. ,,Ораторы Революции II.

**) גוט זאָגט וועגן דעם מישלע: „דאָס רוב נעמען אַן פּאָליטיקער פֿון אַלע דורות, וואָס קומען צו דער מאַכט, אַ גאַנץ פֿאַלשע טעאָריע מכּח דעם, אַז עס זיינען כּלומערשט פֿאַראַן צוויי מאָראַלן, — אַ געזעלשאַפֿטליכע און אַ פּריוואַטע, און בשעת הדחק דאַרף די צווייטע אָפּטרעטן דעם אָרט פֿאַר דער ערשטער... זיי מיינען, אַז דאַן ווערן זיי די קינדער פֿון ברוט, אין דער אמת׳ן אָבער זיינען זיי קינדער פֿון מאַקיאַוועלי... דאָס איז אַ שווערער פּרינציפּ פֿון אויסגעלאַסנהייט פֿון רעוואָלוציאָנערע טוער... דער חילוק צווישן זיי אַלעמען און דאַנטאָנען איז באַשטאַנען לכל הפּחות אין דעם, וואָס ביי איינעם פֿלעגט

ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום, נאָך אַ פּאַרטרויערט שטילשווייגן זעהען מיר אַרויס פון זיינע ווערטער אין קאָנווענט, *וואָס* ער האָט אין יענע טעג איבערגעלעבט. בעת די זשיראַנדיסטן, וואָס האָבן שוין קעגן אים געקעמפט, האָבן אים אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַריין דעם „סעפּטעמבער", האָט ער זיך דעם 10־טן מערץ 1793 אויפגעהויבן און האָט געזאָגט מיט אויסערגעוויינליכער פּשטות און אויפריכטיקייט... „און קוים האָט מען שוין געזאָגט אין דער פאַרזאַמלונג דערמאָנען אין יענע בלוטיקע טעג, וועגן וועלכע עס האָט געטרויערט יעדער ערליכער בירגער, וועל איך זאָגן, אַז דאָס פאָלק, וואָס ווערט אַזוי אומברחמנות'דיק באַשולדיקט פאַר יענע טעג, וואָלט זיי ניט באַפלעקט מיט בלוט, אויב דענסטמאָל וואָלט שוין עקזיסטירט אַ טריבונאַל; איך וועל זאָגן, — און אַלע עדות פון יענע שרעקלעכע געשעהענישן וועלן זיך אין דעם מודה זיין, — אַז קיין שום מענטשלעכע כּח איז ניט געווען ביכולת אָפּצוהאַלטן דעם אויסגוס פון דער פאָלקס־נקמה. טו לאָמיר זיך עפּעס אויסלערנער פון די פריערדיקע טעותיי. מיר זעהן, אַז ניט בעת די „בלוטיקע טעג" גופא ניט נאָך זיי איז דאַנטאָן מיט זיי ניט מושוה געוואָרן ניט אף איין רגע. ס'פאַרשטייט זיך אָבער, אַז ניט אף איין האָר נעמט עס ניט אַראָפּ פון אים די אחריות פאַר יענע מעשים וואָס האָבן אפשר, בלייבנדיק אומבאַשטראָפט, דורכגעלייגט דעם טיפסטן גלעגער פאַר דער בלוט פון דער גיליאָטינע. אפשר, דורכלאָזנדיק עס איינמאָל מיט אַ שוויג, איז שוין דאַנטאָן מער ניט געווען בכח משפיע צו זיין אף להבא די אַנטוויקלונגס־גאַנג פון טעראָר. *אומעטיק און פון דערווייטנס* באַוועגט ער זיך" זאָגט וועגן אים דער פיין־פילענדער קינע — „ער איז ניט דער הערשער און דער האַר פון די טעג; ער איז נאָר זייער קנעכט; ניט ער, נאָר אַנ'אַנדערער (מאַראַט. י. ש.) הערשט און געניסט דעם סם... *ער אַנטלויפט פון די מערדער, וועמען ער האָט געגעבן זיין נאָמען און זיין אַווטאָריטעט.* צי איז ער דערביי, צי באַהאַלט ער זיך — אומזיסט איז זיין לויפן. פון דער צוקונפט וועט ער זיך ניט אויסבאַהאַלטן". יאָ, דאָס איז אמת. נאָר דאַנטאָן האָט זיך ניט באַהאַלטן פון זיין חטא אין עבר; זיין גאַנצן לעבן האָט ער אים מיט ווייטאָג געטראָגן אין זיין זכּרון — און ניט ווי אַ פּאָעטישע אויסטראַכ־

זיך בולט אַרויסווייזן די ניט־קאָנסעקווענטקייט פון קעגנזעצטע פּרינציפּן, וואָס גרויזאַמקייט און מענטשליכקייט פלעגן ביי אים אויפטרעטן איינס נאָכן אַנדערן און פלעגן ניט ווערן באַטאָנט, ווי עפּעס אַ מאָראַלישער אנדרוגינוס. ניט אַלעמאָל פלעגט ער זיין אויפריכטיק. ווי אַלע אַנדערע, פלעגט ער כיטרעווען, זאָגן ליגן, ער פלעגט אָבער ניט זאָגן קיין ליגן בכדי מע זאָל אים האַלטן פאַר אַ גוטן. זיין פעלער איז געווען גראָד אַ היפּוכדיקער. דאָס פאַרבאָרגענע אין אים, וואָס פלעגט זיך ווען ניט ווען דורכרייסן אין זיינע מעשים און אַמאָל אין זיינע ווערטער, איז געווען דווקא „דאָס גוטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט". (באַנד 3, IV, ז. 466).

טעניש, נאָר ווי אַ היסטאָרישער. אמת קלינגט פֿאַר אונז אין ביורנערס דראַמע („דאַנטאָנס טויט“) זיין אויסגעשריי „סעפּטעמבער, סעפּטעמבער“, בעת די אַגענטן פֿון קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג קומען אים צו אַרעסטירן. אין דער פֿאַטאַלער שעה פֿון זיין פֿאַלן האָט זיך פֿאַר אים באַלויכטן אין טונקלען אָפּשיין פֿון די סעפּטעמבער טעג זיין אייגענער גורל און דער גורל פֿון דער רעוואָליוציע. פֿאַר אונז, פֿאַר די אויפֿמערקזאַמע נאָכפֿאָלגער, זיינען דאַנטאָנס ליידן אַף אים מכפּר.

און ראָבעספּיער? וואָס האָט ע ר געטאָן אין יענע טעג, ווי האָט ער דאַן רעאַגירט, ווי האָט ער זיי דערנאָך אָפּגעשעצט? צו ווייסן מיר עפּעס וועגן דעם? ניין מיר ווייסן קיין זאַך ניט. ער, דער גלענצענדער רעדנער, האָט ווידער אַמאָל געשוויגן.

עס איז געקומען דאָס 93 יאָר, דאָס יאָר פֿון שרעק און פֿון נצחון. די רעוואָליוציע זיגט, זי ווייס אָבער אויך פֿון פֿאַרלוסטן. פֿון אַפּריל ביז יוני איז דאַנטאָן אַ מיטגליד פֿון דעם פּאַקטישן אָרגאַן פֿון דער רעוואָליוציע — פֿון קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג. בעת די לאַגע אַף דער מלחמה ווערט אַ פֿאַרצווייפֿלטע, אָרגאַניזירט דאַנטאָן דעם קאַמף. ער שטעלט אויף אַ באַריקאַדע פֿון די שטרענגסטע געזעצן קעגן די אינערלעכע שונאים — די בוגדים און מרגלים. ער, און דוקא ער, פֿירט עס דורך אין קאָנווענט די דעקרעטן, וואָס האָבן געשאַפֿן די סיסטעם פֿון טעראָר. דאָס זיינען, דער עיקר, די דעקרעטן וועגן רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן און רעוואָליוציאָנערע טריבונאַלן. פֿאַרלייגנדיק דעם צווייטן פֿון זיי, דעם 10 מערץ 1793 זאָגט דאַנטאָן ווייטער אין דער זעלבער רעדע, אין וועלכער ער דערמאָנט די סעפּטעמבער=טעג: „לאָמיר זיך עפּעס אויסלערנען פֿון די פֿריערדיקע טעותן, לאָמיר וואַרפֿן אַ פּחד בכדי ד אָ ס פֿ אָ ל ק זאָל עס ניט דאַרפֿן טאָן. לאָמיר אָרגאַניזירן אַ טריבונאַל, ניט אַלס גוטס — דאָס איז אוממעגליך — נאָר אַלס דאָס קלענסטע מעגלעכע בייז בכדי דער שווערד פֿון געזעץ זאָל הייגנען איבער די קעפּ פֿון אַלע זיינע שונאים“. מיר זעהן דאָ איין אַ באַשטימטע פּראָגראַם. דאַנטאָן נעמט אָן די סיסטעם פֿון דערשרעקונג, בכדי צו ב אַ פֿ ר י י ע ן דאָס פֿאָלק פֿון דעם חוב צו זיין שרעקלעך. ער האָט מורא, עס זאָלן זיך ניט איבערחזרן די שרעק פֿון סעפּטעמבער, און ער וויל דעריבער איינשליסן אין באַשטימטע גרעניצן דעם פֿאָלקס=צאָרן, רעגלאַמענטירן דעם נקמה געפֿיל, איבערגעבן אים אין די הענט פֿון רואיקע און מיושבֿדיקע שופֿטים. „אים האָט זיך געדאַכט“, זאָגט אָלאַר, „אַז בכדי איינצוהאַלטן אין די הענט די אָנפֿירונג מיט דער באַוועגונג, מוז מען זיך באַטייליקן אין דעם פֿאָלקס=צאָרן, אין אַלע געפֿילן פֿון שנאה און האַס, וואָס געהן איבער בירושה פֿון דור צו דור און וואָס זיינען נאָך אויסגעוואַקסן מחמת דער שטענדיקייט פֿון

די טענות... זיין פּאָליטיק איז באַשטאַנען אין דעם, עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ עשאַפאָט, וואָס זאָל ניט צולאָזן קיין שחיטה, וואָס זאָל, לכל הפּחות, אַריינברענגען אַ ביסל ליכט און אויסוואַל אין די אנטפּלעקונגען פון פאָלקס-נקמה". און כסדר חזר׳ט זיך איבער אין זיינע רעדעס דערזעלבער מאָטיוו וועגן דעם, אַז פון פאָלק דאַרף אַראָפּגענומען ווערן דער חוב פון טעראָר, אַז עס דאַרף „גראַטעוועט ווערן פון אייגענעם צאָרן". ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַף וויפיל ער גיט זיך אונטער דעם אומרחמנות׳דיקן גייסט פון זיין תקופה דריקט זיך אין דעם אויס זיין שוואַכקייט. נאָר בלי שום ספק איז אין דעם אויך פאַרבאָרגן זיין מאָראַלישער כח, אַף וויפיל ער וויל דעם דאָזיקן גייסט באַהערשן און אַוועקשטעלן איבער אים דעם שכל און דעם יושר. ער פערזענליך איז קעגן אים, ער זאָגט פּפומבי, אַז אויך דער טריבונאַל איז ניט קיין „גוטס". דאָס איז אוממעגליך — זאָגט ער אויסדריקליך. ער נעמט אים אָבער אָן אַלס דאָס „קלענסטע מעגלעכע בייז". גרויס זיינען די דאָזיקע ווערטער אין דער צעהיצטער אַטמאָספער פון 93-טן יאָר און שפּעטער וועלן מיר זעהן, אַז ער איז געבליבן טריי זיין געדאַנק: מע דאַרף באַהערשן דעם טעראָר, בכדי אים צו רעגולירן און דערנאָך פריי ליקווידירן אין אַ באַקוועמען מאָמענט *). און אַזוי באַשיצנדיק דאָס פאָלק פון זיך אַליין, טרעט ער אויף אַף זיין שטייגער, ווי זיין בעסטער פריינט און פאַרטיידיקער. ער קעמפט קעגן דעם סיסטעם פון חשד, דעם „ליפעראַנט פון דער גיליאָטינע", וואָס פירט אָן כסדר מיטן אומצוטרוילעכן און חושדיקן גייסט פון ראָבעספיערן. דעם 28 מערץ 1793 זאָגט דאַנטאָן אין קאָנווענט: „בירגער, איך רוף אייך צו דעם, איר זאָלט ניט אַרויסווייזן קיין חשק צו דער שטענדיקער זוכעניש פון שולדיקע". „לאָמיר איבערלאָזן וואָס נישט איז אויך פאַר דער אַרבעט פון דער גיליאָטין פון געזעלשאַפטליכער מיינונג". און דעם 8-טן מאַי זאָגט ער אין צוזאַמענהאַנג מיטן שיקן חיל קיין וואַנדייע. „מיר קאָמבינירן די דאָזיקע מיטלען פון געוואַלטאַטן מיט פּאָליטישע מיטלען, ד.ה. מיר גיבן צו פאַרשטיין די אַלע, וועמען די פאַרעטער האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך, אַז די נאַציע וויל זייער בלוט ניט פאַרגיסן, נאָר זי וויל זיי אויפקלערן און צוריקבאַקומען זיי פאַרן פאַטערלאַנד". אין דער אַטמאָספער פון גרעסטן אומרו פון קאָנווענט ווערן די ווערטער אָנגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן. ווי וויכטיק זיינען די ווערטער נאָך היינט, בכדי צו באַגרייפן דעם מהות פון בירגער-קריג! ניט פאַרניכטן די קעגנער, נאָר אויפקלערן זיי און צוריקקריגן דעם

*) „זיי האָבן געגלויבט אין טעראָר", זאָגט מישלע, „ווי אין אַ פּרינציפּ, זיי האָבן אים באַטראַכט, אַלס אַ אַבסאָליוטע נויטווענדיקייט פאַר דער רעטונג פון כלל, זיי האָבן געגלויבט, אַז אָרגאַניזירנדיק דעם טעראָר באַגרעניצן זיי אים. דאָס איז געווען אַ סתירה".

פּאַטערלאַנד — אין דעם באַשטייט זיין מהות אויך היינט. האָבן מיר דען ניט קיין רעכט נאָך דעם צו גלויבן דעם יוסטיץ=מיניסטער גאַרא, וואָס האָט געשריבן וועגן דאַנטאָן פון יענע טעג:

„זיינע אויסברוכן זיינען נאָר צביעות. די אמת׳דיקע געפילן פון זיין האַרצן — דאָס זיינען די באַדערפניש און די ליבע צו מענטשליכקייט. ער האָט פון זיך געמאַכט אַ באַרבאַר בכדי אָפּצוהיטן זיין גאַנצע פּאָפּולאַריטעט, און די פּאָפּו=לאַריטעט איז אים נויטיק געווען אום אַף אַ קינצלעכן אופן אויסלערנען דאָס פאָלק צו האָבן אַכטונג פאַר בלוט“.

מיר וועלן שפּעטער זעהן — פון אַזעלכע אידייען האָבן ניט געוואוסט ניט ראָבעספּיער, ניט סען=זשיוסט, און גאַניץ אַקעגנגעזעצט איז געווען זייער באַציאונג צום טעראָר און צו דער אַכטונג צו בלוט.

דער 31 מאַי — דער טאָג פון פאַרטרייבונג פון די זשיראָנדיסטן — איז גע=ווען דער ווייטערדיקער אַנטשיידנדיקער טריט פון דער רעוואָליוציע. ער האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר די טוער פון „באַרג“. אָבער די שחיטה פון די זשיראָנדיסטישע דעפּוטאַטן האָט אונטערגעוואָרפן אַ סך נייע ברען=שטאָף אין דעם שוין פלאַקערדיקן האָליך=שייטער פון טעראָר. קוים האָט מען געלייגט אַ האַנט אַף די דעפּוטאַטן און פרייהייט=קעמפער איז שוין געוואָרן ניט מעגלעך איינהאַלטן די געפילן פון פאָלקס=נקמה פון אַ „אויסגוס“. אָט דאָ, אַף דעם בולט׳ן פרשת=דרכים פון דער רעוואָליוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער הילוק צווישן דער טאַקטיק פון דאַנטאָן און פון ראָבעספּיער. דאַנטאָן האָט זעהר גוט פאַרשטאַנען די שעדלעכקייט פון דער זשיראָנדיסטישער פּאָליטיק, און אַ חוץ דעם זיינען זייערע אָנפאַלן געווען שטענדיק געריכטעט קעגן אים. נאָר ער האָט געזוכט וועגן פאַר אַן׳אויסגלייך מיט זיי. און בעת דאָס איז געוואָרן פאַר אים אומעגלעך, האָט ער געוואָלט נאָר איינצאַמען די זשיראָנדיסטן, ווי עס זאָגט לענא, אָבער ניט פאַרניכטן זיי. ער האָט געזוכט וועגן צו דעם, וואו נאָר דאָס איז געווען מעגלעך. בעת גאַראַ האָט פאָרגעלייגט אַז, לויטן ביישפּיל פון אַרי=סטיד, זאָלן די פירער פון ביידע פלאַנגען פון קאָנווענט אַוועקגיין אין אַ גלייכע צאָל, און אַז דורך דעם אָסטראַקיזם זאָל דער קאָנווענט ווערן באַרואיקט, איז דאַנטאָן דער ערשטער מסכים געווען מיט דעם פאָרשלאַג. טיף גערירט און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער געזאָגט... איר זייט גערעכט, גאַראַ, איך גיי אין קאָנווענט פאָרצולייגן די אידעע, און זיך וועל איך פאָרשלאָגן דעם ערשטן אַלס אַ משכן אין באָרדאָ (דעפּאַרטאַמענט פון זשיראָנדע)“. ראָבעספּיער האָט עס אָבער אָפּגעוואָרפן און עס איז פאָרגעקומען זייער פאַרטרייבונג. דאַנטאָן נעמט אַף זיך די פולע אחריות דערפאַר אין אייניקע טעג אַרום נאָך דער גע=שעהניש, דעם 13=טן יוני זאָגט ער אין זיינער אַ רעדע: בפני עם ועדה בין

איך מודיע, אָן די האַרמאַטן פון 31־טן מאַי, אַן דעם אויפשטאַנד וואָלטן די בוגדים געזיגט, זיי וואָלטן אונז דיקטירט געזעצן. טאָ זאָל זשע פאַלן אַף אונז דער פאַרברעכן פון דעם אויפשטאַנד. אָבער, באַזייטנדיק זיי פון דער השפעה אַף דער אַרבעט, האָט ער פונדעסטוועגן בשום אופן ניט געוואָלט זייער טויט. גאַראַ, וואָס האָט אים געזעהן דאַן, ווען ס׳האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן איבערגעבן זיי צום געריכט, באַשרייבט די דאָזיקע באַצייכנטע סצענע: „איך בין געגאַנגען צו דאַנטאָנען... ער איז געווען קראַנק. קוים בין איך מיט אים געווען אַ פּאָר מינוט, ווי איך האָב געזען, אַז דער עיקר איז זיין קראַנקייט באַשטאַנען אין טיפן שמערץ און צער איבער דעם, וואָס עס האָט זיך געגרייט. איך וועל ניט בכח זיין זיי צו ראַטעווען, זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער, און בעת ער האָט זיי אַרויסגערעדט, זיינען געווען צעבראָכן אַלע כחות פון דעם מענשן, וועמען מע פלעגט פאַרגלייכן מיט אַנ׳אַטלעט, גרויסע טרערן האָבן גערונען איבער זיין פנים“. נאָך יוני האָט זיך שוין דאַנטאָן מער ניט באַטייליקט אין דעם קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער רעטונג. דערפאַר איז אָבער דאָרטן געווען ראָבעספּיער. און דעם 31־טן אָקטאָבער האָט מען די זשיראָנדיסטן געטויטעט. לענאָ באַשרייבט, ווי דאַנטאָן, וואָס האָט יעמאָלט געוואוינט ביי זיך אין אַרסי, האָט שפּאַצירט און ווי עס איז צו אים עמיצער צוגעגאַנגען אויסרופנדיק: „אַ גוטע בשורה!“ — „וואָס איז?“ — האָט געפרעגט דאַנטאָן. — אָקאָרשט האָבן די זשיראָנדיסטן געלייגט די קעפּ אַפן עשאַפאָט.

— „און דאָס הייסט באַ דיר אַ גוטע בשורה?“ האָט אויסגערופן דאַנטאָן, און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

— „ווי דען זשע? — זיינען זיי דען ניט געווען קיין פאַרשווערער?“

— „פאַרשווערער?“ האָט געזאָגט דאַנטאָן: „דאָס זיינען מיר דאָך אַלע. פונקט ווי זיי, זיינען מיר ווערט דעם טויט, און מיר וועלן, מן הסתם, קומען אַפן זעלביגן וועג“.

אַ פאָרגעפיל פון אַ גרויסער נשמה! צי האָט ער אָבער דאַן געקאָנט פאָראויסזעהן, וועמעס האַנט וועט אים ברענגען דעם טויט?

פון דער צווייטער העלפט פון 93־טן יאָר אָן ביזן טאָג פון זיין טויט שטייט ראָבעספּיער אַף דער אַוואַנסצענע פון דער רעוואָלוציע. דאַנטאָן, וואָס איז אומצופרידן מיט איר גאַנג, גייט אָפּ פון דער דירעקטער אַרבעט. זיין מעכטיקע שטימע פון שכל, פון הזהרה און רחמנות צו מענטשן לאָזט זיך הערן נאָר דאַן, בעת ער טרעט אויף ווי דער געזעצגעבער.

ראָבעספּיער אַליין איז טעטיק און פאַסט באַשלוסן. און אין דעם מאָמענט איז כדאי זיך צו דערמאָנען, ווי פאַרשיידן עס איז געווען די אַנטוויקלונג פון

זייערע בײדענס רעוואָלוציאָנערע קאַריערן, פֿאַרשיידן אין צוויי פּרטים. דאַנטאָן האָט געשאַפֿן אין דער רעוואָלוציע באַם סאַמע אָ נ ה ו י ב אירן, בעת איר גורל איז נאָך געווען אומבאַשטימט, בעת אַף איר אַרענע האָבן נאָך געקעמפֿט מער כּחות, ווי שפּעטער, בעת ס'איז אויסגעקומען צום ע ר ש ט ן מאָל צו ברעכן די געשיכטע. אין דעם זין איז ער געווען דער פּיאָנער פֿון דער רעוואָלוציע בכלל, פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט נ אָ ך ניט אַנטפּלעקט אירע מעגלעכקייטן. ראָבעספּיער אָבער איז געוואָרן דער טוער פֿון דער ש ו י ן געמאַכטער רעוואָלוציע, פֿון דער רעוואָלוציע אין איר בליאונג־תּקופֿה. ער איז געווען ניט אַזוי איר דרייסטער אָנהייבער, ווי איר גליקלעכער יורש. און ווייטער — דאַנטאָן איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן לייטער פֿון זיין רעוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג פֿון אונטן אָן, פֿון די פֿ אָ ל ק ס ־ מ אַ ס ן גופֿא. ער איז געווען אונטער די ווענט פֿון באַסטיליע און ווערסאַל, ער איז געשטאַנען אַף די טרעפּ פֿון דער קאָמונע אין אירע פֿאַטאַלע טעג, ער האָט געהויבן זיין שטים פֿון די הויכן פֿון קאָנווענט; דערפֿאַר טאַקע איז דער „אַדוואָקאַט" פֿון אַרסי געווען ענג אויפֿגעבונדן מיט די מאַסן, ער האָט געקאָנט וועגן זיך זאָגן: „לאָמיר זיין פֿאָלק". ראָבעספּיער אָבער איז אין משך פֿון זיין גאַנצן לעבן געווען אַ טיפּישער טוער פֿון אויבן אַראָפּ, אַ טריבונע־רעדנער, אַ בן־בית פֿון פּאַרלאַמענט און קלוב, אַ געזעצגעבער. ניט פֿון פֿאָלק אַרויס און ניט מיט אים צוגלייך, נאָר צוליב דעם פֿאָלק און פֿון זיין טובֿה וועגן האָט געדרש'נט און געאַרבעט אָט דער אַ ד וו אָ ק אַ ט פֿון אַראַס. און דערפֿאַר טאַקע האָט געקאָנט אין אים געבוירן ווערן דער טייטלעכער אַוטאָריטאַריזם, דער פֿאַרכטנדיקער שטאָלץ, וואָס האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 93־טן יאָר, נאָר דער פֿאַטאַלער זעלבסטדערוויטערונג פֿון דאַנטאָנען. מיט דעם דאָזיקן צווייטן מאָמענט איז פֿאַרבונדן אויך אַן אַנדער אונטערשייד אין זייער אַרבעט. אַפֿן ערשטן פּלאַן איז באַ דאַנטאָנען די ט אַ ט, דער דראַנג, די אָנשטרענגונג פֿון רצון. באַ ראָבעספּיערן איז קודם־כּל — ד אָ ס וו אָ ר ט, די רעדע, די דרשה. און דעריבער איז דאַנטאָן אַלעמאָל באַגייסטערנדיק, צוציענדיק, פֿלאַקערדיק. זיינע רעדעס ווערן געבוירן אין דעם עצם־געשעעניש און תּיכּף רופֿן זיי נאָך זיך אַרויס אַ נייע געשעעניש. זיין וואָרט — דאָס איז באַלויכטענדיקער און צינדנדיקער בליץ, וואָס ווערט אין דונער געבאָרן און ברענגט דעם דונער נאָך זיך. ראָבעספּיער אָבער איז טרוקן, לאַנגווייליק, נודנע; זיינע רעדעס קאָנצענטרירן אין זיך די געשעענישן. מיט זיינע ווערטער און אינטאָנאַציעס דערווייזט ער, ער באַדרויט, אינטריגירט, ממית'ט. אויב ראָבעספּיער ווירקט אַף די רעוואָלוציע מער מיטן וואָרט, ברענגט אָבער דאַנטאָן אַריין אין דער רעוואָלוציע זיין פֿרעדיגט פֿון ט אַ ט.

אַ סך טעמעס זיינען אין קאָנווענט געווען, און וועגן אַלע האָט ראָבעספּיער

גערעדט. נאָר אַף זיי אַלעמען איז באַ אים און ביי זיינע אַנשי־שלום געלעגן ווי אַ שטיינערנער דעקמאַנטל נאָר איין אידעע־פיקס: די אידעע פון ט ע ר אָ ר, אַלס שטענדיקן רעגירונגס־געווער, אַלס סיסטעם פון השפעה אַף מענטשן. ניט ווי אַ בייזע נויטווענדיקייט, וואָס זוכט איר באַשריינקונג, ווי באַ דאַנטאָנען, נאָר ווי אַ געוואונשענע סיסטעם, וואָס ווייס ניט קיין גרעניצן — אַזוי ווערט פאַרשטאַנען דער טעראָר און אַלע רעדעס, אַרטיקלען און פאַרטראָגן פון ראָבעספיערן. פון אים וועט איר ניט הערן, אַז די גיליאָטין איז ניט קיין גוטס, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ גיליאָטין פון געזעלשאַפטלעכער מיינונג, און אַז מע דאַרף דאָס פאָלק ראַטעווען פון זיך אַליין, פון זיין אייגענעם גרימצאָרן. ער וויל זיין שרעקלעך ניט בכדי צו ראַטעווען דאָס פאָלק פון דעם חוב פון אכזריות, — ווי עס פלעגט זאָגן דאַנטאָן, — נאָר אומאָפּהענגיק פון דעם, צי וויל עס דאָס פאָלק, צי ניט, וויל ער עס, אפשר פאַרן פאָלק אַליין. מיט'ן טעראָר וויל ער פון ס'ניי דערציען די מענטשן, איינפלאַנצן אין זיי די ג ו ט ע מ ד ו ת.

מיר וועלן דאָ ניט גיין ברענגען אַלע רעדעס פון ראָבעספיערן און פון זיין נושא־כלים סען־זשיוסט, רעדעס, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט בלוט פון אַ סך אַ סך טויזנטער. עס זיינען גענוג נאָר אייניגע ווערטער. אין סוף פון 93־טן יאָר זאָגט ראָבעספיער אין זיין פּראָגראַם־רעדע: „דער פּרינציפּ פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג זיינען די ג ו ט ע מ ד ו ת, און ביז זיי וועלן זיך ניט פאַרפעסטיקן איז איר געווער — דער טעראָר". קעגן די דאַנטאָניסטן פלעגט ער שפּעטער זאָגן: „זיי האָבן צו ווייניק גוטע מדות, אום צו קענען זיין גרויזאַם, דערפאַר וואַרפן זיי אָפּ די מיטלען וואָס זיינען נויטיק בכדי זיי איינצופלאַנצן". און כסדר חזר'ט זיך איבער אין די רעדעס פון דעם פאַנאַטיקער די צינישע צונויפפלעכטונג פון ווערטער וועגן אינערלעכער דערציאונג פון מענטשן און וועגן דער בלוטיקער באַווירקונג פון אויסנווייניק. „ראָבעספיער איז געווען איבערציינגט, אַז פונקט אַזוי ווי די אמונה, קען אויך דער טעראָר עוקר הרים זיין, און אַז ער וועט זיין בכח אַזוי וויט איבערצואַנדערשן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט, אַז ניט נאָר די רעפּובליק נאָר אויך דער ראָבעספיעריזם זאָלן אין איר מער קיין קעגנער ניט געפינען". אין אַזאַ „אידייאישער" ריכטונג פלעגט באַאַרבעט ווערן דער קאָנווענט, דער יאַקאָבינישער קלוב, דאָס גאַנצע לאַנד. דאַנטאָנס אָפּגאַנג האָט דערלייכטערט די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אידעען פון בלוטיקער צדקות. „די גיליאָטינע, זאָגט דער לעצטער היסטאָריקער פון דאַנטאָן, מאַדלען, האָט נאָך ניט פונקציאָנירט. איר מעסער האָט זיך געהאַלטן ממש אַף אַ פעדימל, נאָר דאַנטאָנס קאָמיטעט האָט דעם פעדימל ניט אָפּגעריסן. מע וועט אים אָפּרייסן אַפן צווייטן טאָג נאָך דער מפּלה פון דעם טריבון". די ציפערן וועלן אונז דערווייזן, אַף ווי וויט ריכטיק עס איז די באַמערקונג. קיין זאַך

קען ניט מ כ פ ר ז י י ן די זינד פון דאַנטאָן, דאָס, וואָס ער איז דאַן אַוועק פון אַקטיווע מעשים, וואָס ער האָט דערלאָזן, עס זאָל געבילדעט ווערן אַזאַ קאָמיטעט פון געזעלשאַפטליכער רעטונג, וואָס זאָל ווערן „ראָבעספּיערס מיניסטעריום“.

אין אַוגוסט 1793 שטייט אויף ווי אין פאָריגן יאָר אַ מורא'דיקע סכנה פאַר דער רעוואָליוציע. יעמאָלט איז די סכנה באַשטאַנען אין דער פּלוצימדיקייט פון ערשטן אויסברוך פון אויסערליכן קריג און פון אינערלעכע פאַרשווערונגען. אַצינד איז זי באַשטאַנען אין דעם פ אַ ר נ ע ם פון די זעלביקע פּלאָגן. אין לאַנד גופא האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בירגער-קריג, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן דורך די פאַרטריבענע זשיראָנדיסטן. עס האָבן זיך אָפּגעטיילט די שטעט ליאָן, באָרדאָ, מאַרסעל, ניט ווייניקער ווי אין 63 דעפּאַרטאַמענטס פון 80 זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן. טולאָן האָט מען אָפּגעגעבן די ענגלענדער, די פיינדליכע קאָאַליציע האָט זיך ווידער אַמאָל באַוועגט אין לאַנד. עס האָט געהערשט אַ שווערער ווירטשאַפטלעכער מצב און הונגער, די פּאַריזער סעקציעס און די קאָמונע פאָדערן אַנטשלאָסנקייט און טעראָר. און ווידער אַ מאָל, ווי פאַר אַ יאָרן, לייגט דאַנטאָן פאָר אַ רייע שטרענגע פאָרשלאַגן, וואָס ווערן פאַרקערפּערט אין דעקרעטן. נאָך מער — ער אַליין האָט אפשר באַנוצט אין קאָנווענט דאָס וואָרט ט ע ר אָ ר און האָט אים אַף אַזאַ אופן צוגעגעבן אַ אָפּיציעלן כאַראַקטער. בעת עס זיינען אין קאָנווענט געקומען דעם 12-טן אַוגוסט דעפּוטאַטן פון די אונטערשטע וואַל-קרייזן מיט דער פאָדערונג עס זאָלן אַרעסטירט ווערן אַלע פאַרדעכטיקע פּערזאָנען, האָט דאַנטאָן אויסגעשריען: „די דעפּוטאַטן פון די וואַל-קרייזן קומען צו אונז בכדי אָנצוהויבן דעם ט ע ר אָ ר קעגן די אינערליכע שונאים. לאָמיר באַפרידיקן זייער וואונש. זאָל ניט געשאַנעוועט ווערן ניט איין בוגד!“ אין סעפּטעמבער גייט דורך מיט'ן אָנטייל פון דאַנטאָנען דער געזעץ וועגן די פאַרדעכטיקע און וועגן נייע רעכט פון טריבונאַל. און ווי זשע זאָלן מיר זיך דאָ ניט דערמאָנען אָן די ווערטער פון גאַראַ וועגן אים, וועגן זיין שטרעבונג איינצוואָרצלען אַכטונג פאַר בלוט, אויך אין דער זעלבער רעדע פון 12-טן אַוגוסט זאָגט ער אויך פאָלגענדעס. „ובכן, פאָדער איך, עס זאָלן אַרעסטירט ווערן אַלע ב א מ ת ' ן פאַרדעכטיקע פּערזאָנען. זאָל אָבער דער מיטל דורכגעפירט ווערן מיט מער פאַרשטאַנד, ווי פריער, בעת מען פלעגט אנשטאט גרויסע פאַרברעכער און אמת'ע פאַרשווערער אַרעסטירן נאָר אומבאַדייטנדיקע מענטשן!“ בעת איבער זיין רעוואָליוציאָנערן פאָטערלאַנד זאַמלען זיך אָן שווערע וואָלקנס, וויל ער זעהן דעם צאָרנדיקן א י מ פּ ע ט פון פאָלק, דעם ליידנשאַפטלעכן פּ אַ ר אָ ק ס י ז ם פון דער נאַציע, וואָס שליידערט פון זיך אַראָפּ א י ן אַ ר ג ע די אויסערלעכע געוואַלט. נאָר מיט דער גאַנ-

צער אויפמערקזאַמקייט היט ער אָפּ, אַז אין דעם צאָרנדיקן פייער זאָל ניט פאַר־ברענט ווערן מער, ווי ס'איז נויטיק, אַז ניט אַף איין מאָמענט זאָל ניט פאַרשווינדן די' „אַכטונג פאַר בלוט" און מענטשלעכער פרייהייט, אַז דער אימפּעט זאָל ניט ווערן פאַרהאַרטעוועט אין אַ ס י ס ט ע ם. בײַ אים איז די סכנה פאַר דער רעוואָ־ליוציע אַ א ו י ס נ אַ ם, וואָס דערלאָזט טעראָר; בײַ ראָבעספּיערן אָבער איז עס אַ געלונגענער ת י ר ו ץ דעם טעראָר אָפּצוהיטן.

נאָר אין גיכן איז שוין דאַנטאָן ניטאָ אין פּאַריז, ער האָט זיך אַליין באַזײַ־טיקט פון דער אַרבעט, זיין השפּעה פילט זיך ניט. כּל זמן ער איז אין אַרסי פירט ראָבעספּיער דורך זיינס, און נאָך ווי!

גראַד אין אָקטאָבער און נאָוועמבער 1793, בעת דער קראַנקהייט און דער אָפּוועזנהייט פון דאַנטאָן הויבט זיך אָן די בלוטיקסטע תּקופה פון דער רעוואָליוציע.

„אין אייניקע געציילטע וואָכן זיינען געפאַלן מער קעפּ, ווי אין משך פון דער גאַנצער צייט (איבער אַ יאָר), ווי עס האָט אונטער פאַרשיידענע פאָר־מען עקזיסטירט דער טריבונאַל. פון 17 אויגוסט 92 ביז'ן 2־טן אָקטאָבער 93 ד. ה. אין משך פון 14 חדשים זיינען פאָרגעקומען 90 מיתות. פון 2־טן אָקטאָבער ביז'ן 30־טן נאָוועמבער, אין קאַרגע צוויי חדשים — 102. און פון אָקטאָבער 93 ביז אַפּריל 94, בעת ראָבעספּיער האָט אַליין מער פאַרנומען די מאַכט איבער'ן לאַנד, נאָר בעת דאַנטאָן האָט נאָך געלעבט, דערגייט זייער צאָל ביז 462. מיר וועלן שפּעטער ברענגען די ציפערן פון דער צייט נאָכ'ן טויט פון די דאַנטאָ־ניסטן, נאָר שוין איצט זעהן מיר ווי עס פּאַקט זיך פונאַנדער דער שניידמעסער אין די הענט פון דעם יושר'דיקן טעראָר. די רעוואָליוציע האָט אָנגעהויבן סי־סטעמאַטיש איינצוזינקען אין ים פון אימה. אין פּאַריז זיינען שוין דער'הרג'עט די קעניגין, די פירער פון זשיראָנדע, באַליאַי, באַרנאַוו, די גענערעלער. גאַנץ פּאַריז איז אָנגעהויכט מיט בלוט. אין פּראָווינץ זיינען קיינע שום גרעניצן ניטאָ פאַר'ן ווילקיר פון טעראָר. עס רייסן אויף די הימלען עקלהאַפטע מאַסן־שחיטות אין ליאָן און באָרדאָ, מאַסן־דערטרענקונגען אין נאַנט, גרויזאַמקייטן אין וואַנדייע.

אויב דאַנטאָן האָט אַפילו גערעכנט, אַז ס'איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט אין טעראָר, איז עס בכל אופן ניט אין אַזאַ פאָרנעם, אַ ז ו י נ ס האָט ער גאָר בדעה ניט געהאַט אין זיינע דעקרעטן. נאָך מער: פּאַריז הויבט אָן זיגן, די אויסערלעכע שונאים זיינען אָפּגעשטופּט, דער פלאַקער פון בירגער־קריג ווערט שוואַכער און סטעלעט זיך שוין איבער דער ערד — מוז שוין די האַרטקייט פון דער רעוואָליוציאָנערער מאַכט ווערן שוואַכער, ס'איז צייט אָנהויבן קלערן וועגן דער ליקווידאַציע פון טעראָר. אין נאָוועמבער 93 קערט זיך דאַנטאָן צוריק פון אַרסי קיין פּאַריז. זיין קוק אַפן וויטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָליוציע איז זעהר קלאָר. דיובאַסט פאָרמולירט אים אַזוי: „דאַנטאָן האָט גערעכנט, אַז נאָכ'ן נצחון

ביי וואַטיני האָט זיך דאָס לאַנד שוין מער ניט גענויטיקט אין אויסערגעוויינלעכע רעטונג=מיטלען, צום סוף יאָר זיינען זיי שוין געוואָרן לחלוטין איבעריק. ס'איז אָנגעקומען די צייט, ווען מען'ט שוין געדאַרפט בהדרגה ווידער קומען צו אַ נאָרמאַלן רעזשים, אויפשטעלן די אָרדנונג אין דער רעגירונג, אומקערן דעם קאָנווענט זיין פרייהייט און מעכטיקייט".

במסורת איז אונז איבערגעגעבן געוואָרן איין סצענע פון דער דאָזיקער תקופה אין זיין לעבן. צי זי איז ריכטיק, צו ניט — גיט זי אונז זיין בילד אינגאַנצן. „איינמאָל פאַרנאַכט איז ער צוזאַמען מיט דעמולען אומגעגאַנגען שווייגנדיק און פאַרטרוימט איבער די ברעגעס פון סענאַ. די זון האָט פאַרגייענדיק באַפאָרבן דאָס וואַסער פון טייך מיט פלאַמענדיקע שטראַלן. מיט אַמאָל האָט דאַנטאָן אויסגעשטרעקט זיין האַנט און, ווייזנדיק דעמולענען אַף דער פורפור=שקיעה, האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן: „קוק זיך איין, קיין זאַך ניט אַחוץ בלוט, סענאַ פליסט מיט בלוט, אַזוי פיל פאַרגיסט מען איר. נעם זיך ווידער צו דיין פען, שרייב און פאָדער, מע זאָל זיין באַרמהערציק. איך וויל דיר שטיצן".

דעמולען הויבט אָן אַרויסגעבן זיין זשורנאַל „דער אַלטער קאָרדעליער" און דאַנטאָן טרעט אַריין אין קאַמף קעגן די אויסוואוקסן פון טעראָר אין „די טיפענישן פון קאָנווענט".

דער זעלביקער דיובאָסט שרייבט: „געוויסע היסטאָריקער, וואָס האַלטן די אויסערליכע אַרויסטרעטונגען פון אַ פּאָליטישן טוער פאַר זיין עיקר=אַרבעט, שילדערן דאַנטאָנען פאַר דער צייט פון נאָוועמבער 93 זינט ער איז צוריקגעקומען קיין פאַריז ביז זיין טויט אין אַפּריל 1794, ווי אַ פאַסיוון, דערשלאָגענעם מענטשן... אין דער אמת'ן אָבער האָט ער אין די טיפענישן פון קאָנווענט געאַרבעט איבער דער פאַראייניקונג פון די פאַרטייען, ניט אַריינמישנדיק זיך אין די פערזענלעכע רייסענישן, וואָס האָבן זיך דאַן פאַרשטאַרקט"... אָבער ניט נאָר אין די טיפענישן, נאָר אויך פון דער טריבונע פון קאָנווענט האָט ער געפירט זיין ליניע, ניט איינמאָל גייענדיק אַף הנחות אין זיינע רעדעס, צופאַסנדיק זיך דערביי צו די תנאים פון מאָמענט. ער פלעגט זאָגן אין זיינע רעדעס: „די ענערגיע שאַפט רעפובליקן; חכמה און שלום=זוכעניש מאַכט זיי אומשטערבליך". אַ סך זאָגט אין דעם פרט זיין רעדע דעם 26=טן נאָוועמבער. „מיט רעכט וויל דאָס פאָלק, אַז דער טעראָר זאָל שטיין אַפן סדר=היום. עס וויל אָבער, אַז דער טעראָר זאָל ווערן געווענדעט צו זיין אמת'דיקן ציל — קעגן די אַריסטאָקראַטן, עגאָיסטן, בוגדים, פאַרשווערער, קעגן פריינד פון אויסלענדישע שונאים. דאָס פאָלק וויל ניט האַלטן אין שרעק דעם, וואָס איז פון נאַטור ניט באַגאַבט מיט אַ סך רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, נאָר וואָס דינט צו זיין

פאָטערלאַנד מיט אַלע זיינע כּחות, ווי שוואַך זיי זאָלן ניט זיין, ניין — דאָס פאָלק וויל עס ניט!“. „דאָס פאָלק וויל.פון אונז“, האָט ער אין דער זעלבער רעדע געזאָגט, „מיר זאָלן אים לאָזן געניסן פון די פרוכט פון אונזער קאָנסטיטוציע“. וואָס קען זיין קלאָרער פון דער דאָזיקער רעדע? איר קלאָרער צו מאַכן, וועלן מיר דאָ ברענגען דעם דיאַלאָג, וואָס איז נאָך איר פאָרגעקומען. אין זיין ענטפער אַף איר, האָט דער דעפוטאַט פאַיאָ געזאָגט: „דאַנטאָן האָט גערעדט וועגן באַרמהערציקייט; ער האָט געוואָלט איינשטעלן אַ מסוכּנדיקע פאַר דעם מאָמענט גראַדאַציע פון אונזערע שונאים. איך האַלט אָבער, אַז איטלעכער, ווער ס'האָט קיין זאַך ניט געטאָן פאַר דער פרייהייט אָדער האָט געטאָן ניט אַליץ, וואָס ער האָט געקאָנט, דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן אירע שונאים“. אַף דעם האָט דאַנטאָן געזאָגט: „איך וויל, דער טעראָר זאָל שטייען אַפן סדר־היום, איך וויל שטאַרקע שטראָפן, נאָך גרויזאַמערע שטראָפן פאַר די שונאים פון פרייהייט. איך וויל אָבער די שטראָפן זאָלן טרעפן נאָר זיי אַליין“. ווי כאַראַקטעריסטיש איז דער דיאַלאָג! — מיר וועלן זיך אָן אים שפּעטער דערמאָנען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס 1794 יאָר. אָן אויפהער טוט דאַנטאָן ווייטער זיין זאַך. יאָ, רעכנט ער. „מע האָט באַדאַרפט זיין אומבאַרמהערציק, בעת דער רעפובליק האָט באַדראָט אַ סכּנה. „אָבער — זאָגט ער דעם 24־טן יאַנואַר: „צי דען וואַרפט די רעפובליק (איצט) ניט אַרויף קיין פּחד אַף אַלע אירע שונאים? צי דען באַזיגט זי ניט און טריאומפירט ניט אַצינד? מע דאַרף אויסנוצן דעם מאָמענט, בכדי צו פאַרבעסערן די טעות'ן און אויסמיידן זיי אַף להבא“. און די זעלבע אידעע האָט ער פאַרפאָלגט, בעת ער האָט דעם 27־טן פעוראַל געפאָדערט, אַז די רעוואָליוציאָנערע קאָמיטעטן זאָלן אויסגערייניקט ווערן פון אַלע „כלומרשטע פאַטריאָטן אין רויטע היטלעך“, מיט וועלכע זיי זיינען פול געווען. אָט וואָס ער זאָגט בנוגע צום קריג מיט וואַנדעע: „לייענט די זכרונות פון פיליפאָ. זיי וועלן אייך אויסלערנען, ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף מיט'ן וואַנדייאישן קריג, וועלכן איר האָט פאַראייביקט, בכדי איינצוהאַלטן אַ דאַנק אים די מאַכט אין די הענט“. דאָס זיינען ערנסטע ווערטער, און אַזוי גלאַט אין דער וועלט וואָלט זיך דאַנטאָן מיט זיי ניט אַרומגעוואָרפן. ווייל מיר ווייסן דאָך ווי ערנסט האָט ער זיך באַצויגן צו דער אונטערדריקונג פון דער באַוועגונג אין וואַנדייע, וואָס פאַר אַ שנאה ער האָט געטראָגן צום מאָנאַרכיסטישן שלאַנג, וואָס איז געקראָכן איבער איר ערד, מיט וואָס פאַר אַ אומגעהויערער ענערגיע ער האָט זיך באַמיט אַרויסצורייסן ביי איר די גיפטיקע ציין. נאָר ער איז אויסגעהאַלטן און קאָנסעקווענט, בעת ער זעהט אין דעם גאַנצן בייז פון דער „פאַראייביקונג“ פון קאַמף קעגן וואַנדייע. ווייל אויך אין זיין רעדע פון 8 מאַי 1793 ביי דער

באַהאַנדלונג פון דער פראַגע װעגן שיקן חיל קיין װאַנדייע האָט ער צוגלייך מיט דהאַרבע מיטלען און מאַטן געפאָדערט „פּאָליטישע מיטלען“, באַװײַזן, אַז „די נאַציע װיל ניט קיין שפיכת־דמים“. און בעת דער דאָזיקער פאָלקס־רצון איז דערטרונקען געװאָרן אין בלוט פון װאַנדייאישן טעראָר, האָט זיך געלאָזט הערן זיין ערלעכע שטימע. ער האָט געזאָגט דעם 2־טן פּעװראַל: „אויב דאַן װען מע האָט געדאַרפט עלעקטריזירט זיין ביזן לעצטן גראַד בכדי צו באַװעגן און צו שטיצן די רעװאָליוציע, װען מע האָט געדאַרפט אין פייער און ברען איבערטרעטן איבער אַלץ, װאָס די געשיכטע דערציילט פון אַלע פעלקער אין דער װעלט, אויב דאַן װאָלט איך כאָטש אַף איין רגע באַמערקט אַ שװאַכקייט אפילו בנוגע צו די פּאַטריאָטן, — װאָלט איך געזאָגט: אונזער ענערגיע פאַלט, אונזער פייער װערט אויסגעלאָשן“... מיר נעמען אָן די װערטער מיט פולן גלויבן, װייל מיר האָבן געזעהן דאַנטאָנען אין אַזעלכע מינוטן. איצט איז דאָך אָבער אַן אַנדער צייט! „איצט — זאָגט ער װייטער מיט דער זעלבער אַנט־שלאָסנהייט, װי פריער, — איצט דאַרף דער קאָנװענט זיך גוט באַציען צו די, װאָס האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט. גרייט זיך צו דעם, איר זאָלט מער װי װען ניט איז פריער זיין גערעכטיק בנוגע צו די אַלטע שונאים, און עס זאָל אייך זיין שװער צו באַשולדיקן אייערע אַלטע פריינד“. עס איז ניט שװער צו זעהן דעם חילוק צװישן די לעצטע רעדעס פון דאַנטאָן און די ערשטע, יעמאָלט בעת ער האָט אָנגעפירט מיט דער פּאָליטיק פון רעפּרעסיעס. און אויב פריער, פאַר־לייגנדיק האַרבע געזעצן, האָט ער נאָר געשטרעבט זיי װייך צו מאַכן, איז ער אָבער איצט שוין פּאָליטיש געװען מטעים עפּעס גאָר אַנדערש: צולאָזנדיק נאָך דעם טעראָר האָט ער שוין געפאָדערט זיין אָפּשאַפונג.

דאַנטאָן איז ניט איינזאַם אין זיין אַרבעט; מיט דער פיינערער פעדער פון דעמולען (לאָמיר זיך דערמאָנען די סצענע ביים טייך) אַנטװיקלט ער די אייגענע געדאַנקען אין די אַרטיקלען פון „אַלטן קאָרדיליער“. אין דעצעמבער 1793 דערשיינט זיין פירטער שטורמדיקער נומער, װאָס זאָגט אַרויס כמעט אַלץ ביזן סוף. „װאו איז סוף־סוף אַהינגעקומען די פרייהייט, װאָס איז פּראָקלאַמירט גע־װאָרן דורך דער רעװאָליוציע“, פרעגט ער מיט אַ אומגעהויערן קראַפט: „מע רעכנט אפנים, אַז פונקט װי די קינד, קען די פרייהייט רייף װערן נאָר דורכ־גייענדיק דורך געװיין און טרערן, דאָס איז ניט ריכטיק... פרייהייט װייס ניט פון אַלטקייט און שלאַפקייט, און קען ניט קיין קינדהייט, זי האָט נאָר איין עלטער — דעם עלטער פון כח און פעסטקייט... פרייהייט — דאָס איז גליק, דאָס איז שכל, גלייכהייט, יושר, דאָס איז די דעקלאַראַציע פון מענשלעכע רעכט, דאָס איז אייער דערהויבענע קאָנסטיטוציע! איר װילט איך זאָל איר אָנערקענען, איך זאָל פאַלן צו אירע פיס, מקריב זיין זיך פאַר איר? צו עפנט זשע די

טורמעס, באַפרייט די 200 טויזנט בירגער, וואָס איר רופט זיי פאַרדעכטיקע: ווייל אין דער דעקלאַראַציע פון מענטשלעכע רעכט איז ניטאָ ניט איין וואָרט וועגן הייזער פאַר פאַרדעכטיקע און ס'רעדט זיך נאָר וועגן אַרעסט־הייזער. און מיינט ניט, רופט ער אויס, אַז אַזאַ שריט וואָלט, חלילה, געשאַדט דער רעפובליק! דאָס וואָלט געווען דער רעוואָלוציאָניזירטער פון אַלע מיטלען, וואָס איר האָט ווען ניט איז געהאַט דורכגעפירט. איר ווילט פאַרניכטן אייערע שונאים מיט דער גיליאָטינע? צי קען מען זיך אָבער פאָרשטעלן אַ גרעסערע נאַרישקייט ווי דאָס? צי זייט איר בכח אַרויפפירן אַפן עשאַפאָט כאָטש איין מענטשן, ניט שאַפנדיק זיך מיט דעם קיין נייע 10 שונאים פון זיינע קרובים און פריינד?"

וואָס וויל איינגטליך דעמולען — דאַנטאָן? ער פאָדערט ניט קיין אַמנעסטיע, ווייל ער פאַרשטייט, אַז „אַ בלינדע און אַלגעמיינע רחמנות וואָלט געווען קאָנטר־רעוואָלוציע". ער פאָדערט אָבער, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קאָמיטעט פון באַרמהערציקייט, און פאַר אים געפינט אונזער דאָפלטער שרייבער שטאַרקע ווערטער. „מיר דאַכט זיך, אַז דער קאָמיטעט איז אַ גרויסע אידעע, וואָס איז ווערט דעם פראַנצויזישן פאָלק, און וואָס וועט פאַרמעקן אַ סך טעות'ן פון זיין זכרון, ווייל ער וועט אָפמעקן די צייט אַליין, אין וועלכער זיי זיינען אָפגעטאָן געוואָרן און וועט עפנען מיט זיך אַ נייע תקופה. און וואָס פאַר אַ פאַטריאָט וואָלט זיך ניט געפילט טיף דערשיטערט הערנדיק דאָס וואָרט קאָמיטעט פון „באַרמהערציקייט"? ווייל דער פאַטריאָטיזם — דאָס איז די פולקייט פון אַלע גוטע מדות, און קען ניט עקזיסטירן, וואו ס'איז ניטאָ קיין ליבע צום מענטשן און וואו ס'הערשט אַ נשמה אַ טרוקענע, וואָס איז אויסגעטרוקנט פון עגאָיזם". ווען זיינען פונגע די דאָזיקע ווערטער וועגן טרוקענע און אויסגעטרוקנטע נשמות, אויב ניט דעם זעלבן ראָבעספיער? און פונדעסטוועגן ווענדעט זיך דעמולען אין זעלביקן אַרטיקל דווקא צו אים מיט אַ פאַטעטישער ווענדונג: „אָ, טייערער ראָבעספיער! צו דיר קום איך מיט מיין וואָרט... דערמאָן זיך, אַז ליבע איז שטאַרקער און לעבט לענגער, ווי שרעק, אַז די מעשים פון באַרמהערציקייט זיינען אַ לייטער, אַף וועלכן די מיטגלידער פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג האָבן זיך דערהויבן ביז צום הימל, נאָר קיין מאָל גייט מען אַהין ניט אַרויף אַף שטאַפלעך, וואָס זיינע באַגאָסן מיט בלוט. אין אַ גרויסער מאָס האָסטו זיך שוין דערנענטערט צו דעם געדאַנק, צוטראַכטענדיק דעם מיטל, וואָס איז היינט דעקרעטירט לויט דיין איניציאַטיוו... אמת, דו האָסט געהאַט איינגטליך פאָרגעלייגט אַ קאָמיטעט פון גערעכטיקייט. פאַר וואָס זאָל מען אָבער האַלטן באַרמהערציקייט פאַר אַ חטא אין דער רעפובליק?"

און טאַקע באמת'ן, אין זעלבן טאָג (20 דעצעמבר) בעת צום באַריער פון קאָנווענט איז געקומען אַ המון פרויען מיט אַ פאָדערונג צו באַפרייען זייערע קרובים, האָט ראָבעספיער דורכגעפירט אַ דעקרעט מכח גרינדן אַ קאָמיסיע, וואָס ווערט געווילט דורך בײדע טעראָריסטישע קאָמיטעטן, און האָט דעם צוועק „צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן ניט גערעכטיק אַרעסטירטע און צוצושטעלן צו די קאָמיטעטן די רעזולטאַטן פון אירע אויספאָרשונגען“. און לשם דער „גערעכטיקייט“ האָבן די מיטגלידער פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע געזאָלט בלייבן אומבאַוואוסט פאַר דער באַפעלקערונג. צי איז דען ניט קלאָר אַז דאָ איז לחלוטין ניט געווען קיין שום ערנסטע החלטה אָפצושאַפן דעם טעראָר, און אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן נאָר מיט אַ נייעם מין פאָליטישער סטראַטעגיע? צו שטאַרק איז שוין געוואָרן די פאָדערונג נאָך באַרמהערציקייט, און אין אַ פאַסיקן מאָמענט האָט ראָבעספיער פרובירט אויך איר אויסצונוצן. ס'איז קיין חידוש ניט, אַז די זעלביקע „קאָמיסיע“ איז אין אַ טאָג אַרום בטל געוואָרן, און די דירעקטע פראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורך דאַנטאָן און דעמולען, האָט באַקומען איר תשובה אַן אַנדער מאָל און אין אַ פול בולטערער פאָרם. אין אַ באַזונדער מאַניפעסט (26 פעוראַל) וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך סען=זשיוסט און באַיינפלוסט געוואָרן דורך ראָבעספיערן, האָט דער קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג דערקלערט אַז אָפענעם קאַמף סיי קעגן די העבערטיסטן, סיי קעגן די דאַנטאָניסטן. ריידנדיק וועגן די לעצטע, און מיינענדיק דערביי דאַנטאָנען, האָט סען=זשיוסט געזאָגט: „בלי שום ספק, איז צווישן די פאַרטיידיקער פון באַרמהערציקייט פאַראַן עמיצער, וואָס טראָגט אין האַרצן דעם וואונש צווינגען אונז צו גיין אַף צוריק... דער ערשטער געזעץ פון אַלע — דאָס איז די אָפהיטונג פון דער רעפובליק. אין פראַנקרייך איז פאַראַן אַ סעקטע, וואָס שפּילט אַף אַלע סטרונעס... אויב איר רעדט וועגן טעראָר — וועט זי רעדן וועגן באַרמהערציקייט; וועט איר ווערן באַרמהערציק — דאַן וועט זי פאַר אייך זינגען שבחים דעם טעראָר. זי וויל זיין גליקליך און האָבן פאַרגניגן... ס'זעט אויס פונקט ווי איטלעכער פון זיי וואָלט געזאָגט צו זיך אַליין אונטער דער השפעה פון זיין געוויסן און פון די אייזערנע געזעצן: מיר האָבן צו ווייניק גוטע מדות צו קענען זיין אַזוי שרעקליך. איך האָב ניט קיין מוט צו זאָגן אייך אַז איך בין זינדיק, דערפאַר איז מיר גלייכער אייך צו זאָגן: „איר זייט אומרחמנותדיק“.

אַ כאַראַקטעריסטישע רעדע! אויב דעמולען איז — די פלאַמענדיקע און זאָרגלאָזע צונג פון דאַנטאָנען, איז סען=זשיוסט — דער קאַלטער, טרוקענער שופר פון ראָבעספיערן. מיט דעם דאָקומענט דערקלערט ראָבעספיער דאַנטאָ=

נען אַנ׳אָפּענעם ק ר י ג. ביז איצט איז זייער מחלוקת באַשטאַנען נאָר אין חלוקי־דעות וועגן מעטאָדן פון אַרבעט אין די ראַמען און אַפּן באָדן פון ד ע ר ר ע ו ו אָ ל י ו צ י ע. דער דאָקומענט באַמיט זיך שוין אָבער אויסצוטייטשן דאַנטאָנס פּאָליטיק ווי אַ פּרוב „צו גיין אַף צוריק". דאַנטאָן ווערט שוין געשילדערט ווי אַ בירגער מיט אַ פּגם, ווי אַ ק אָ נ ט ר ־ ר ע ו ו אָ ל י ו צ י אָ נ ע ר.

אזוי האָט טאַקע ראָבעספּיער אַ דריי געטאָן דעם גאַנצן ענין. מיט יעדן טאָג איז זיך דער טעראָר פונאַנדערגעוואַקסן אַלץ מער און מער ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס עס איז געוואָרן קלענער די אויסערליכע סכנה, וואָס איז געווען אַ תירוץ פאַר׳ן טעראָר. אין אָנהויב 94־טן יאָר, אין זשערמינאַל, פלאָריאַל און פּרעריאַל חזר׳ן איבער אָן אויפהער אַלע פירער — ראָבעספּיער, בליאָ־וואַרען, קוטאָן — אַז, „אייראָפּא איז באַזיגט, אַז ס׳איז שוין ניטאָ קיינע שום ספקות אין דעם נצחון פון אונזערע חילות, אַז די גאַנצע וועלט רוישט מיט ידיעות וועגן אונזערע נצחונות" און דער טעראָר וואַקסט. נאָך מער — דער זעלבער ראָבעספּיער וואָס האָט בשעתו אין די צייטן פון די זשיראָנדיסטן און בריסאָ געקעמפט קעגן קריג, האָט איצט מורא געהאַט פאַר די נצחונות פון די רעוואָליוציאָנערע אַרמייען. און דעריבער האָט ער איינגערעדט באַרערן, ער זאָל ניט אַזוי שטאַרק באַטאָנען אין זיינע באַריכטן פאַר׳ן קאָנווענט די נצהונות פון דער אַרמיי. „די נצחונות — זאָגט באַרער אין זיינע זכרונות — האָבן פאַרפאָלגט ראָבעספּיערן ווי בייזע־רוחות". און אין יאַקאָבינער־קלוב, האָט ער אַזוי גע׳טענ׳עט: „וועגן דעם גוטן צושטאַנד פון דער מדינה זאָגט איר א י נ ע ר ל י כ ע ר גליקליכער צושטאַנד מער עדות, ווי אירע אויסערליכע נצחונות". ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ניט מחמת דער פאַרבאַהאַלטענער „מיליטערישער דיקטאַטור" האָט ער מורא געהאַט פאַר די נצחונות: ווייל דער בעסטער וועג זיך אָפּצוהיטן פון איר וואָלט דאָך באַשטאַנען אין דעם אָפּזאָג פון טעראָר און פון דער פאַרשקלאַפונג פון דער רעוואָליוציע. ער האָט זיך אָבער געשראָקן פאַר זיי דערפאַר, וואָס אָן דעם לאָזונג און דעם געפילדער וועגן „דעם פאָטערלאַנד אין סכנה" וואָלט דער טעראָריסטישער רעזשים פאַרלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס. ער האָט געהאַלטן, אַז אָן דעם טעראָר וואָלט אונטערגעגאַנגען זיין פּאָליטישע און מאָראַלישע סיסטעם, און אויב שוין יאָ אָנהויבן איר ליקווידירונג, האָט ער אויך די פונקציע געוואָלט איבערלאָזן פאַר זיך. „ראָבעספּיער — זאָגט אָלאַר — האָט אויך געוואָלט באַרמהערציקייט. ער האָט איר אָבער געוואָלט אין אַ ראָבעספּיערישער און ניט אין אַ דאַנטאָנ׳שער פאָרם... איטליכע פּאַרטיי האָט זיך אַזוי געזאַמט מיט איר, ווייל זי האָט איר געוואָלט קאָנפיסקירן אין איר רשות, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַ דאַנק דער באַרמהערציקייט וועט די רעגירונג

זיין בכח זיך צו פאַרפעסטיקן *). אָבער דער אומגליק און די קללה פון טעראָר באַשטייט אין דעם, וואָס על פּי רוב פאַראייביקט ער זיך אַליין. „ס'איז ניט אַזוי שווער אָנצוהויבן רעגירן מיט שרעק; פיל שווערער איז פון אַזאַ מין רעגירונג אַרויסצוגיין" — האָט געזאָגט קינע — „מען זאָגט אַז די טעראָריסטן האָבן נאָר געוואַרט אַף דער שעת-הכשר, בכדי אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם טעראָר. דאָס איז אַ אילוזיע! עס איז ניט באַשערט געווען די גליקליכע שעה. זיי זיינען ניט געווען בכח אָפּזאָגן זיך פון זייער געווער, און פאַרלירנדיק אים, וואָלטן זיי אין דער זעלבער רגע אַליין געווען פאַרפאַלן... מחמת דער פאַטאַליטעט פון זייערע מעשים, זיינען זיי געווען געצוואונגען אַף מער און מער אָפּצושטופן די שעה פון באַרמהערציקייט, וואָס זיי האָבן זיך אַליין געהאַט צוגעזאָגט. וואָס זשע, פרעגט זיך, איז דאָס פאַר אַ סיסטעם וואָס, ציענדיק זיך ווייטער, גראָבט זי זיך אַליין אונטער, און אויפהערנדיק פאַרניכטעט זי פאַראיינס אירע שעפער?"

צי דען נויטיקט זיך דאָס אַלץ נאָך אין ראיות? צי האָבן מיר ניט ראָס רעכט צו זאָגן בנוגע ראָבעספּיערן, אַז אויב ער האָט איצט אַפילו געוואָלט פאַרניכטן דעם טעראָר, איז עס פאַר אים און פאַר זיינע פריינד געווען אַ אוממעגליכע זאַך? מען וועט אונז פרעגן: צי איז דען ניט געווען פונקט אַזאַ די לאַגע פון דאַנטאָנ'ען, וואָס האָט אייגנטליך געפירט נאָר אַ כלומרשטן קאַמף פאַר דאָס, וואָס איז ניט צו דערגרייכן? ניין, געוויס איז עס ניט אַזוי. ווייל, ווי מיר זאָגן, האָט דאַנטאָן קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלט דעם טעראָר אין אַ רעגולערע רעגירונגס-סיסטעם, קיינמאָל האָט ער דעם „פחד" ניט געמאַכט פאַר'ן איינציקן און וויכטיקסטן פאַקטאָר פון פסיכאָלאָגישער באַווירקונג און דעריבער האָבן זיינע טעראָריסטישע מעשים ניט געשאַפן אין די פאָלקסמאַסן קיין איינציקן און גאַנצן פסיכאָלאָגישן בילד, וואָס האָט געקאָנט צוּבראָכן ווערן מיט דער באַזייטיקונג פון טעראָר. פונקט פאַרקערט: דער טעראָר איז ביי אים געווען נאָר איין רעגירונגס-מיטל, צוגלייך מיט פאַרשידענע אַנדערע, און ביי זיין באַזייטיקונג וואָלט אויסגעוואַקסן די וויכטיקייט און באַדייטונג פון אַלע אַנדערע — פון דער איבערצייגונג, פון ווענדונג צו די אינטערעסן פון פרט וכד'. ביי ראָבעספּיערן אָבער, ביים פאַנאַטישן טעראָריסט זיינען אַלע רינגען אין קייט געווען גלייך, און בעת ס'וואָלט אַרויסגעפאַלן איינע פון זיי, וואָלט אויך פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס גאַנצע. דערפאַר טאַקע איז געווען גיט רעאַל זיין

*) אין גיכן נאָכן טויט פון די געבערטיסטן און דאַנטאָניסטן האָט סען-זשיוסט געשריבן: „די רעוואָלוציע שטייט אפן פאַרפרירונגס-פונקט. אַלע פרינציפן ווערן אָפּגעשוואַכט... די פראַקטיק פון טעראָר האָט פונקט אַזוי טעמפּ געמאַכט אונזער עמפּינדונג צום פאַרברעכן, ווי שטאַרקע ליקערן — דעם טעם צו עסנוואַרג".

שטרעבונג ווייכער צו מאַכן דעם טעראָר. דערפֿאַר האָט זיין אָפּרעכנען זיך מיט די הערבעטיסטן און דאַנטאָניסטן ניט געקאָנט דינען אַלס די „לעצטע" ריינינקונג פון דער רעוואָליוציע. גראד נאָך דעם גזר-דין איבער זיי האָט ראָבעספּיער דורכגעפירט זיין ווילדן פּרעריאַל-געזעץ וועגן רציחות.

עס הויבט זיך אָן דער לעצטער קאַמף צווישן זיי ביידן. דאַנטאָן האָט שוין איצט ניט נאָכגעגעבן ניט איין קאָפּ פון וועלכן ניט איז בירגער, וויל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט וועגן איינציקע קעפּ פון די אָדער יענע מענטשן, פּאַרטייען אָדער גרופּן האַנדלט זיך, נאָר וועגן קאָפּ און לעבן פון דער רעוואָליוציע אַליין. אפשר זיינען די טאָג-טעגלעכע אינטערעסן פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראַקטיק געווען קעגן אים. ער האָט דאָך אָבער פּאַרטיידיקט דעם דויערנדיקן און גרינדלעכן אינטערעס פון דער רעוואָליוציע אַלס גאַנצן. ניט נאָר די מענטשן פון יענער צייט, פּאַרבלינדעטע מיטן היץ פון דער פּראַקטיק, נאָר אויך די היסטאָריקער אירע האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם טיפן זין פון דעם קאַמף, ביי וועלכן ס'האָט געזאָלט אַנטשידן ווערן דער גורל פון דער רעוואָליוציע (און ניט פון דער פראַנצויזישער אַליין). און דער סאָציאַליסטישער היסטאָריקער זשאָרעס האָט אַרויסגעוויזן ממש אַ אידעאָלאָגישע „ירידה" באַהאַנדלענדיק די דאָזיקע טראַגישע זייטל פון דער רעוואָליוציע. זשאָרעס פאַראורטיילט דאַנטאָנען פאַר זיין צו שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע פון באַרמהערציקייט: קיין איינע פון זיינע טענות אין דעם פּרט זיינען פאַר אונז ניט איבערציינגנדיק. באַטראַכטנדיק זיין פּראָפּאַגאַנדע פון באַרמהערציקייט („קאָנטער-רעוואָליוציאָנערע מעסיקייט" ווי ער זאָגט) פאַר פּרינציפּיעל ניט-דערלאָזבאַר, אַרויסגעבנדיק אַ מין אינדולגענציע ראָבעספּיער'ס טעראָר און מאַכנדיק אַ חילוק צווישן אים און דער „ווילדער גרויזאַמקייט" פון העבער, שטעלט זיך זשאָרעס אַליין אין שאַרפן ניגוד צו זיינע אייגענע ווערטער וועגן הומאַניטעט אין דער רעוואָליוציע. לאָמיר נאָר אַרויפברענגען אַפן זכרון, וואָס ער זאָגט וועגן באַבעפן *). זשאָרעס באַשולדיקט די דאַנטאָניסטן אין אומאויפריכטיקייט; ער מישט אָבער צונויף דאַנטאָנען מיט די דאַנטאָניסטן (פאַבר ד'עגלאַנטין א. אַנד.), און די ביידע דאַרף מען קלאָר אונטערשיידן אין אַזאַ אומגעהויער-וויכטיקער פראַגע. נאָר אויך זיי וואָלטן דאָך ניט ריזיקירט מיט זייערע לעבנס לשם אַ פּאָליטישער אינטריגע סתם, אויב אין גרונד פון זייער פּאָליטיק וואָלט ניט געלעגן קיין וויכטיקע סאָציאַלע אידעע. אויב מיר וואָלטן אַפילו זאָגן, אַז די דאַנטאָניסטן האָבן געוואָלט צוליב זייער פּאָליטישן אינטערעס אויסנוצן דעם נאַטירלעכן געפיל פון פּראָטעסט און שוץ פון מענטש-

*) דאָרטן האָט ער נאָך געקאָנט אויב ניט מצדיק זיין איז לכל הפּחות דערקלערן די גרויזאַמקייט פון המון דורך זיין היסטאָרישער דערציאונג, פאַר ראָבעספּיערן האָט דאָך אָבער די סיבה ניט געטויגט!

לעכן לעבן, אויך יעמאָלט האָט אַף זיך דער היסטאָריקער, (וואָס באַטראַכט די געשעהענישן שוין לאחר מעשה) און בפרט נאָך אַ סאָציאַליסטישער היסטאָריקער דעם חוב, אַריינטראַכטן זיך אין עצם־מהות פון דער שאלה. די פסיכאָלאָגישע פראַגע וועגן דער אויפריכטיקייט פון זייער טאָן האָט לגמרי קיין שייכות ניט צו דעם, אַף וויפיל עס איז ג ע ז ו נ ט אָדער ניט דער פרינציפ פון דער רעוואָליוציע, וואָס זיי האָבן פאַרטיידיקט. פיל וויכטיקער איז די לעצטע טענה פון זשאָרעס, וואָס חוזר'ט זיך בכלל איבער באַזונדערס אָפט: דאַנטאָן האָט ניט געדאַרפט שטערן ראָבעספיערן דעמאָלט, בעת מע האָט געמוזט צוברעכן העבערן; די צייט איז ניט געווען ר א ו י פאַר זיין פאָדערונג פון גערעכטיקייט (וואָס איז כלומערשט אויך ראָבעספיערן ניט געווען פרעמד). אַזאַ מין פאָרוואורף איז אָבער נאָך ווייניקער איבערצייגנדיק. ווייל גראד אין אים זעהן מיר איין אין אַ אַנדער פאָרם די פאָדערונג פון פאָליטיק־טרייבעריי און פון ניט אויפריכטיקן שפיל מיט אידייען. אויב פריער האָט זשאָרעס באַשולדיקט די דאַנטאָניסטן, אַז זייענדיק בלוטדורשטיק אין האַרצן, מאַכן זיי אַ אָנשטעל פון רחמנים בני רחמנים, פאָדערט ער פון זיי אַצינד גראד דעם היפוך — ער פאָדערט פון זיי, זיי זאָלן אונטערשטיצן די הריגות, ניט זייענדיק מיט זיי מסכים. ווי האָט געקאָנט דאַנטאָן, וואָס האָט זיך אויפריכטיק אָפגעזאָגט פון בלוט, דערשטיקן אין זיך די שטימע פון באַרמהערציקייט ? אַי, ער האָט זיך דאָך אָבער אַ שטעל געטאָן קעגן ראָבעספיערן, און האָט צעשטערט דאָס „געזעצלעכע" גלייכגעוויכט פון דער רעוואָליוציע ! — פרעגט דער היסטאָריקער. דאָס איז דאָך אָבער טאַקע די מעשה, וואָס די גאַנצע גרופירונג פון היסטאָרישע פיגורן און קאָניונקטורן איז געקינצלט און ניט אָביעקטיוו. זשאָרעס זעט פאַר דאַנטאָנען נאָר צוויי וועגן : אָדער מיט ראָבעספיערן קעגן העבערן און די ראָיאַליסטן, אָדער קעגן ראָבעספיערן, און „אויב אַזוי" — איז האַנט בא האַנט מיט די ראָיאַליסטן און העבערן. זייער אָפט זעהען פאַר זיך דאָקטרינערן און פאָליטיקער איינגעזונקענע אין פראַגן פון דער טאָגטעגליכקייט נאָר „צוויי מעגליכקייטן" — צווישן וועלכע די געשיכטע דאַרף אויסקלייבן. זעהר אָפט איז אָבער פאַראַן אַ ד ר י ט ע מעגליכקייט, וואָס קרייצט זיי ביידן איבער; זי איז אפשר טראַגיש, נאָר זי איז פונקט ווי די צוויי ערשטע ניט צו פאַרמיידן: דאָס איז — ניט מיט דעם און ניט מיט יענעם *). ראָבעספיער

*) זשאָרעס איז געבליבן טריי זיך אַליין, בעת ער האָט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פראַנקרייך פאַרטיידיקט דעם „לינקן בלאָק" אין קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע קעגן דער רעאַקציע. אָבער כסדר פאַרנעמען דאָך די סאָציאַליסטן אין קאַמף פון די בירגערליכע פאַרטייען אַ ד ר י ט ע פאָזיציע. און צי האָט דען די אָקטאָבער־רעוואָליוציע אין רוסלאַנד ניט געשאַפן אַזאַ פאָזיציע פאַר קאָנסעקווענטע און אויסגעהאַלטענע רעוואָליוציאָנערן בשעת דער באָלשעוויזם האָט אָנגעהויבן רעגירן ?

איז געווען פאַר דאַנטאָנען *פּונקט* אַזוי ניט אָנעמבאַר, ווי העבער. מעג זיך אַפילו זשאַרעסן דאַכטן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען אַ אויסגלייך צווישן דאַנטאָנען און ראָבעספּיערן און די גרינדונג פון „איין גרויסער פּאַרטיי" — קלאָר איז, אַז פאַר דאַנטאָן האָט ניט געקענט אַפילו זיין קיין רייד וועגן ראָבעספּיערן אַלס אַ שותּף. נאָך מער: ער האָט גערעכנט אַז דער גרעסטער פאַרדינסט פאַר דער רעוואָלוציע באַשטייט אין דעם, וואָס בולטער און קלאָרער צו אַנטפּלעקן די סתירות צווישן זיי ביידן. ווער ווייס — אפשר וואָלט די אַנטוויקלונג פון טערמידאָר געגאַנגען גאַנץ אַנדערש, אויב דאַנטאָנס שטרעבונג וואָלט געזיגט און ראָבעספּיער וואָלט צו אים צוגעשטאַנען? אפשר וואָלט ביי דאַנטאָנ'ס טערמידאָר העבער געבליבן לעבן און עס וואָלטן חרוב געוואָרן די שטופּן וואָס פירן צו באָנאַפּאַרט'ס טראָן? און צי אָנערקענט עס ניט, סוף כּל סוף, אויך זשאָרעס אַליין, אָבער שפּעטער שוין נאָך דאַנטאָנס טויט?

ער שרייבט: „דאַכט זיך, אַז נאָך דעם ווי עס איז באַזייטיקט געוואָרן די דעמאַגאָגיע פון די עקסטרעם-לינקע און מעסיקע דאַנטאָניסטן, האָט מען זיך שוין געדאַרפט שטעלן אָפן וועג פון בהדרגה'דיקן צוריקקער צו אַ נאָרמאַלער אָרדנונג. דער טעראָר קען דאָך ניט זיין קיין נאָרמאַלער רעזשים... ראָבעספּיער און סען-זשוסט האָבן פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון צוריקקערן זיך צו אַ נאָרמאַלן לעבן, זיי האָבן אָבער צו דעם קיין *וועגן* ניט געפונען... ראָבעספּיער, וואָס איז געבליבן דער איינציקער בעל-דעה אין דער פּאָליטיק נאָכ'ן טויט פון די העבערטיסטן און דאַנטאָניסטן, האָט זיך באַמיט ווייכער צו מאַכן געוויסע עקסטרעמיטעטן פון טעראָר; ס'האָבן אים אָבער געפעלט *קענטניש און מוט* (דער קורסיוו איז מיינער י. ש.) צו גיין אין דער ריכטונג קעגן זיינע חברים פון קאָמיטעט און מיט אַ פעסטערע האַנט ווידער אויפשטעלן די דעמאָקראַטיע. און דער פּועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז ער איז מיט קורצסטן וועג געקומען צו זיין אונטערגאַנג און האָט געבראַכט צו אַ חורבן די רעוואָלוציע וועלכער ער האָט ערלעך געדינט". אַף אַזאַ אופן, באַפרייענדיק זיך פון דער פאַרבינדונג מיט די „מעסיקע" רעוואָלוציאָנערן און פון זייער השפּעה, איז ראָבעספּיער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַנדערע „מיטקעמפער" — פון דירעקטע רוצחים פון דער רעוואָלוציע. ווייטער וועלן מיר זעהן, *ווי* האָט ער עס „ווייך געמאַכט" די עקסטרעמיטעטן פון טעראָר און צו איז ב'אמתן געווען אַ חילוק צווישן אים און זיינע פריינד. צי איז שוין אָבער איצט ניט קלאָר, אַז די איראָניע פון דער היסטאָרישער נעמעזידע אַליין האָט עס געפירט מיט דער האַנט פון זשאַרעסן, בעת ער איז געצוואונגען געווען, צו באַשרייבן אַזאַ האָפנונגלאָזן גאַנג פון די געשעהענישן *נאָך* דאַנטאָנ'ס טויט ביי דער פולער פרייהייט פון טעטיקייט פאַר ראָבעספּיערן,

נאָכדעם ווי דער זעלבער זשאָרעס האָט געוואָרפֿן דעם לעבעדיקן דאַנטאָנען אַזעלכע שווערע באַשולדיקונגען? *).

דאַנטאָנס שולד פֿאַר דער רעוואָלוציע באַשטייט אָבער ניט אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן ראָבעספּיערן, נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אים ניט גענוג ענערגיש געפֿירט, ניט באַקרוינט אים מיט זיין אַווטאָריטעט, וואָס ער האָט זיך ניט געטאָן קיין וואָרף אין אים מיט זיין שטענדיקן אימפּעט. מיט בלענדנדיקע שאַרן אויף די אויגן האָט ראָבעספּיער ניט געזעהן און ניט פֿאַרשטאַנען, וואוהין עס וועט אים פֿאַרפֿירן דער רייטוואָגן, וואָס האָט פֿאַרלוירן זיינע העלדישע פֿערד און וואָס פֿליט באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ. אָבער דאַנטאָן דער קלאָרזעענדיקער און נביאישער גאון פֿון דער רעוואָלוציע, ווי האָט ער עס געקענט ניט זעהן די פֿאָלגן פֿון זיין פֿאַרשווינדן? ווי האָט ער געקאָנט ניט טראַכטן גלייכצייטיק אי פֿאַר זיך אי פֿאַר ראָבעספּיערן? ווי האָט ער עס אים געלאָזן ביחידות מיט אַזעלכע פֿריינד, קעגן וועלכע ער האָט ניט געקענט און געוואַגט צו קעמפֿן? וויפֿיל מאָל האָט ער זיך געריסן צו ראַטעווען דאָס פֿאָלק פֿון זיין אייגענעם גרימצאָרן. איז דען איצט ניט געקומען די צייט צו ראַטעווען ראָבעספּיערן פֿון זיין אייגענעם משוגעת? איז דען די

*) מיט וואָס זשע קען מען דערקלערן דעם טעות פֿון זשאָרעסן? צי דען פּשוט מיט דעם, וואָס מע זאָל זעהן אין זשאָרעסן סתם דעם נאָכפֿאָלגער פֿון די יאַקאָבינישע טראַדיציעס, ווי דאָס טוט אַ שטייגער סאָרעל („געדאַנקען וועגן געוואַלט") אין דער נשמה פֿון די פּאַרלאַמענטאַריער־סאָציאַליסטן, אַ טיפּישער פֿאַרטרעטער פֿון וועלכן עס איז געווען זשאָרעס, געפֿינט סאָרעל נאָר איין ליידנשאַפֿט: פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין נאָמען פֿון דעם „פֿערטן" שטאַנד, וואָס וואָלט אין דער אמת'ן געוואָרן אַ צווייטע בורזשואַזיע". און אַזוי ווי אָן טעראָר און געוואַלט און די מאַכט ניט מעגליך, איז שוין זשאָרעס לכתחילה מצדיק מיט דער פֿאַרטיידיקונג פֿון ראָבעספּיערן זיין אייגענע פּראָגראַם פֿון דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. סאָרעל האָט גאַנץ גוט געטראָפֿן וועגן די פֿירער פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ער איז אָבער זעהר ווייט געווען פֿון דער נשמה פֿון זשאָרעסן. לאָמיר אַרויפֿברענגען אָפֿן זכּרון די גרויסע צאָל פֿון זשאָרעס נביאות וועגן דעם גאַנג פֿון דער אמת'דיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אפֿשר וועט זיין ריכטיקער, אויב מירן זאָגן, אַז בעתן אידעאַליזירן דעם טעראָר האָט אין זשאָרעסן גערעדט די שטימע פֿון אַ פֿראַנצויזישן פּאַטריאָט? אין זיינע פּלאַטאָנישע חלומות וועגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע סתם, איז ער גאָר אַן אַנדער. וואו עס רעדט זיך אָבער פֿון דער רעטונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פֿראַנקרייך — איז בײַ אים רעכט אויך צו אַקצעפּטירן דעם טעראָר. און אין דער דאָזיקער שטרעבונג זיינער איז ער גרייט מקריב זיין דאַנטאָנען לשם ראָבעספּיערן און אויפֿוואַרפֿן אויפֿן ערשטן די גאַנצע שולד. אפֿשר וועלן מיר דורך דעם דערקלערן דעם תּירוץ פֿאַר זיין ווייכערער כאַראַקטעריסטיק כּלפּי די קריטיקער פֿון רעכטס? אין די אַנטשיידנדיקע מאָמענטן האָט דאָך דאַנטאָן סימבאָליזירט דאָס פֿאַטערלאַנד!

ישועה פֿון דער רעוואָליוציע ניט באַשטאַנען אין דער באַקעמפֿונג און באַהער־שונג פֿון ראָבעספּיערן?

עס וואָלט געווען אַ פֿאַרזעהן מצד דער געשיכטע, אויב דער קאַמף צווישן די דאָזיקע צוויי פֿאָליוסן פֿון דער רעוואָליוציע — כל זמן ער איז געווען אַ אידעאי־שער קאַמף — וואָלט פֿאַרלויפֿן נאָר אין דער ניט־פּערזענלעכער פֿאָרם פֿון עפֿנטליכע פּאַרלאַמענט־ און קלוב־דעבאַטן. פֿאַר דעם טראַגישן סוף פֿון דער מחלוקת האָבן זיי זיך נאָך ערגיץ וואו געדאַרפֿט צונויפֿקומען זעהר נאָענט, זיך מתוכח זיין אויך אומיטלבאַר — *פּערזענלעך*.

אין אַ באַזונדערס בולטער און קלאָרער פֿאָרם וואָלטן זיך געקאָנט אַרויס־ווייזן זייערע שטאַנדפּונקטן אין אַ אינטימער סביבה, וואָס דערנענטערט זיי איינעם צום צווייטן, וואָס מאַכט אויפֿלעבן אין זייערע נשמות דאָס פֿאַרגאַנגענע געמיינזאַמע לעבן און באַפֿרייט זיי פֿון דער נייגעריגער גאַס. גראַד אַף אַזאַ אופֿן אין דער אַטמאָספֿער פֿון דער פֿרידליכער היימישקייט וואָלטן זיך אַרויס־געוויזן די אייביקע און ניט־פּערזענליכע וואָרצלען פֿון זייער גרויסן שטרייט. עפּעס האָט געמוזט פֿאָרקומען זייערס אַ „לעצטע באַגעגניש“. און באמתן איז טאַקע אַזאַ מין *לעצטע באַגעגניש* בײַ זיי פֿאָרגעקומען.

אין דער געשיכטע איז פֿאַרבליבן אַ סך ווערסיעס פֿון דער אָ פּגישה. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אַף די פֿון זיי, וואָס זיינען נאָענטער צום אמת.

„צום לעצטן מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט דעם 22־טן מערץ ביים טיש פֿון זייער אַלגעמיינעם פֿריינד עמבער. ווי עס גיט איבער איינער פֿון די עדות, האָט דאַנטאָן צום לעצטן מאָל פֿאַרשוואָרן ראָבעספּיערן זיך באַפֿרייען פֿון די אינ־טריגעס, וואָס האָבן זיי ביידן צעקריגט. ער האָט זיך שטאַרק אויפֿגערעגט: „לאָמיר פֿאַרגעסן אונזערע שלעכטע געפֿילן און לאָמיר זעהן פֿאַר זיך נאָר דאָס פֿאָטערלאַנד, זיינע נויטן און סכנות... דו וועסט זעהן, אַז די רעפּובליק, וואָס וועט טריאומפֿירן און געאַכטעט ווערן פֿון אויסנווייניק, וועט אין גיכן אין לאַנד ווערן געליבט אויך פֿון די, וואָס זיינען ביז איצט געווען אירע שונאים“.

ראָבעספּיער, וואָס האָט די גאַנצע צייט קאַלט געשוויגן האָט פֿאַרדראָסיק געענטפֿערט: „מיט דיינע פּרינציפּן און דיין מאָראַל וועלן זיך דאָך קיינמאָל ניט געפֿינען קיין *שולדיקע, וואָס מע זאָל זיי דאַרפֿן באַ־שטראָפֿן*“.

„נו, איז וואָס?“ האָט אויסגערופֿן דאַנטאָן. „דו וואָלסט געהאַט עגמת־נפש, אויב עס וואָלטן זיך ניט געפֿונען קיין שולדיקע?...“

פֿונדעסטוועגן האָט ער דערנאָך אַרומגענומען ראָבעספּיערן, וואָס איז אין דער אַלגעמיינער אויפֿרעגונג אַליין געבליבן קאַלט ווי מירמל־שטיין.

בעת ביליאָ־וואַרען האָט אַף מאָרגן אין אָוונט ווידער אַ מאָל געפּאָדערט דאַנטאָנס קאָפּ, האָט ראָבעספּיער ערפילט זיין רצון".

דער חסרון פון דער דערציילונג באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס זי איז עפּעס צו קורץ, צו וועניק שפּיגלט זיך אין איר אָפּ דער תמצית פון זייער מחלוקת. — עס לייגט זיך ניט אַפן שכל, אַז בא אַזא מין באַגעגעניש זאָל זיך זייער מחלוקת ניט אַרויסווייזן בולטיגער, אַז, זיך צוהיצנדיק אָדער בלייבנדיק קאַלט, זאָלן זיי ניט האָבן פונאַנדערגעוויקלט איינער פאַרן צווייטן קיין פ אַ ק ט ן אָדער פּרינ־ציפּן פון זייערע חילוקי־דעות.

אין צוויי אַנדערע דערציילונגען זעען מיר דעם פּרוב צו געבן אויך אַזא מאָרט בילד. לעננא, אַ שטייגער, גיט אַפן סמך פון לעמבאַר־דע־לאַנגראַ'ס זכרונות פאָלגנדיקע ווערסיע:

„די באַגעגעניש האָט איינגעאָרדנט איינער פון דאַנטאָנ'ס גרעסטע אָנהייגער, — טאַליען. אַלע דריי זיינען זיך צונויפגעקומען.

— „אָט בין איך", — האָט געזאָגט דאַנטאָן: „וואָס פאַר אַ פּאָרוואורפן מאַכסטו מיר?"

— „דו שטערסט דער אַרבעט פון די קאָמיטעטן".

— „אין וואָס?"

— „אין אַליק. דו האָסט באַוויינט די זשיראָנדיסטן".

— „יאָ, צווישן זיי זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן ליב געהאַט די פרייהייט. צוליב וואָס דאַרף מען הרג'ען אַזעלכע קינדער ווי פאָנפרעד און דיוקאַ?"

— „דו שטיצסט אונטער אויך דעמולען'ען?"

— „ער איז דאָך אויך אַ קינד".

— „דו אַפּלאָדירסט זיין „אַלטן קאָרדילייער".

— „יאָ, איך טראַכט אַזוי ווי ער, עס איז שוין צייט צו שטעלן די באַרמ־הערציקייט אַפן סדר־היום. בלוט, נאָר בלוט, פראַנקרייך וועט זיך אין איר דערטרינקען און אויך דו, ווי אַלע אַנדערע".

— „דו האַלסט אונטער אויך פיליפאָ. אַ דאַנק דיין השפּעה האָט ער עס אָפּגעדרוקט זיין ווערק וועגן וואַנדעיע.

— „יאָ, ריכטיק! מע דאַרף מאַכן אַ סוף צו דער וואַנדייער שחיטה.

— „אָט זעסטו, דאַנטאָן, דו ביסט אַ פאַרשווערער און ביסט זיך אַליין אין דעם מודה".

דאַנטאָן האָט ניט געענטפערט. ראָבעספּיער האָט געזען טרערן אין זיינע אויגן און האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק צו טאַליענ'ען, גלייך ווי ער וואָלט גע־זאָגט: זעסט ווי דער בעל־גאוה וויינט!

— „יאָ, איך וויין“ — האָט אויסגערופן דאַנטאָן מיט צאָרן, אויפהויבנדיק זיין שטימע: „אָבער ניט וועגן זיך, דו האָסט ניט קיין פרוי און קינדער, האָסט קיינעם ניט ליב. אַלץ וועט שטאַרבן מיט דיר צוגלייך. מיר רופסטו אָן פאַרשווערער, מיר, דעם שונא פון מלכים *). זאָל מען מיך שיקן אין דער אַרמיי, און מע וועט זעען, צי בין איך אַ פאַרשווערער“.

די דאָזיקע דערציילונג איז צו פיל אָפּגערונדעט און קינסטלעריש־פאַרענדיקט, און שטימט אפשר דאַריבער נישט אינגאַנצן מיט דער ווירקליכקייט. די דערציילונג פון לאַמאַרטין — וואָס איז אגב ניט אַלעמאָל איבעריגס פינקטלעך — איז דוכט זיך גענויער און שאַרפער. „דער געשפּרעך וואָס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן איז קודם געווען אנגעצייגען, דערנאָך האָט ער געקראָגן אַ כאַראַקטער פון פאַרביסנקייט און צום סוף איז ער געוואָרן באַדרויענדיק...

— „לאָמיר זעהן, — האָט געזאָגט ראָבעספּיער, צי קענען מיר קומען צו אַן אויסגלייך. צי איז די מאַכט ניט געצוואונגען צו ווערן גרויזאַם בשעת אַ ג״ויסער סכנה?

— „יאָ, האָט געענטפערט דאַנטאָן, זי טאָר אָבער קיין מאָל ניט ווערן אומ׳רחמנות׳דיק. דער פאָלקס־צאָרן — דאָס איז אַ וויכער; אייערע עשאַפאָטן זיינען אַ סיסטעם. דער רעוואָליוציאָנערער געריכט, וואָס איך האָב צוגעטראַכט, האָט געזאָלט זיין אַ שטיצע, באַ אייך איז ער געוואָרן אַ שחיטה. איר שלאָגט, נישט פאַנאַדער־קלייבנדיק, וואָס און ווען“.

— „סעפּטעמבער האָט אויך ניט פונאַנדערגעקליבן“, — האָט באַמערקט ראָבעספּיער מיט אַ שמייכל.

— „סעפּטעמבער איז געווען אַ אומבאַקלערטער אינסטינקט, אַ אַנאָנימער חטא, וואָס קיינער וועט אים ניט מוחל זיין, נאָר וואָס קיינעם קען מען פאַר אים ניט שטראָפן אין פאָלק. דער קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטליכער רעטונג פאַרגיסט בלוט טראָפּן נאָך טראָפּן, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דורך דעם פאַרפעסטיקן די שרעק און די געוואוינהייט צו הריגות... איר הרג׳עט אַוועק פונקט אַזוי פיל שולדיקע ווי אומשולדיקע“.

---

*) עס איז טשיקאַווע צו פאַרגלייכן די דאָזיקע ווערטער („שונא פון מלכים“) מיט די ווערטער פון מישלע וועגן ראָבעספּיערן: „דער וואָס האָט דערהרגעט דאַנטאָנען האָט פאַרדינט דעם דאַנק פון מלכים... אַלע רעגירונגען זיינען ברידער, און ראָבעספּיער איז געווען אַ רעגירונג“.

— „צי האָט מען כאָטש איין מענטשן גע׳הרג׳עט אָן אַ געריכט? צי איז געפאַלן כאָטש איין קאָפּ, וואָס איז ניט פאַר׳משפט געוואָרן לויטן געזעץ?

דאַנטאָן האָט זיך ביטער פונאַנדערגעלאַכט.

—„אומשולדיקע, אומשולדיקע! — האָט ער אויסגערופן, — איר האַלט פאַר א חטא די שנאה, וואָס מע פילט צו אייך! אַלע אייערע שונאים דער־קלערט איר פאַר שולדיקע".

— „ניין, האָט געזאָגט ראָבעספיער, והא ראיה — דו לעבסט נאָך".

זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ראָבעספיער מיט צאָרן".

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אויך די ווערסיע גיט ניט קיין היסטאָרישן בילד פון דער באַגעגעניש, און ווער ווייס צו וועלן מיר אים ווען ניט איז באַקומען.

נאָר פונקט ווי דער אַסטראָנאָם זוכט און געפינט אין הימל מיט זיכערקייט אַ אומבאַקאַנטן שטערן אפּן סמך פון מאַטעמאַטישע הנחות, פונקט אַזוי זוכט אויך דער היסטאָריקער פון דעם גראַנדיעזן גייסטיקן קאַמף די סצענע פון אַזאַ אָ לעצטער באַגעגעניש. אַ סך ווערסיעס האָבן מיר פון איר, נאָר דער ג י י ס ט אירער איז פאַר אונז אינגאַנצן קלאָר, און עס דוכט זיך אונז, אַז נענטער פון אַלע צום אמת איז די סצענע, וואָס איז באַשריבן פון לאַמאַרטין. אף אַזאַ אופן האָט ג ע ק ע נ ט פארקומען דער באַדייטענדיקער היסטאָרישער געשפרעך. די בייזע דערמאָנונג פון „סעפּטעמבער", די ברידערלעכע פאַר־טיידיקונג פון פאָלק דורך דאַנטאָנ׳ען, די ממשות׳דיקע באַדרויאונג מצד ראָבעספּיערן — דאָס אַליך איז געווען ניט צו פאַרמיידן אין דעם געשפרעך *).

מיר זעען, אַז אין דער דאָזיקער באַגעגעניש האָבן זיך בײַ זיי קיין געמיינזאַמע ווערטער ניט געפונען, דער „קאַלטער מורמל־שטיין" פון ראָבעספּיערן האָט ניט פאַרשטאַנען די הייסע אויפרעגונג פון דאַנטאָנען.

איצט דאַרף דאַנטאָן אָננעמען וויכטיקע באַשלוסן, ער דאַרף אַריינטרעטן אין קאַמף. אָבער ניט קוקנדיק אויף די פאָדערונג פון זיינע פריינד האָט ער דאָס נ י ט ג ע ט אָ ן. פאַרוואָס?

אויפן וועג פון זיין גרויסן באַשלוס האָט זיך געלייגט די מ י ד ק י י ט, די נשמה־מידקייט, וואָס האָט פון אינעווייניק פאַראַליזירט זיין רצון, אָבגע־שוואַכט זיינע אנהייבער, אָבגעדעקט אים צום קלאַפּ. דאָס איז אפשר געווען

*) זע אויך די סצענע פון זייער באַגעגניש וואָס איז באַשריבן אין ראָמען־ראָלאַנד׳ס דראַמע „דאַנטאָן", און וואָס קומט לויט דער דראַמע פאַר אין הויז פון דעמולען. דאַנטאָן גייט דאָרטן ראָבעספּיערן אַנטקעגן און זאָגט מיט אויפריכטי־קער האַרציקייט: „איך גיי צו דיר און שטרעק דיר אויס מיין האַנט... די רע־פּובליק נויטיקט זיך אין מיין ענערגיע און אין דיינע גוטע מדות. אויב דיר עקעלט פון מיין ענערגיע, טאָ גיב אַ קלער וועגן דעם, אַז מיר זיינען עקלהאַפט דיינע גוטע מדות, מיר זייגען קוויט".

די זעלביקע מידקייט, וואָס לייקט זיך שפּעטער אָן ווי אַ שטראָף פון שיקזאַל אויך אַף ראָבעספּיערן אין טאָג פון נײַנטן טערמידאָר. „דאַנטאָן איז מיד געוואָרן“ — האָט געשריבן קינע: „ער האָט אויפגעהערט צו זעען די רעזולטאַטן פון זײַנע פּלענער. און באמת׳ן, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מידקייט האָט מען געדאַרפט פילען, אַז מע זעט ניט קיין סוף פון דעם אוממעגליכן וועג. די מענטשן האָבן געפילט, אַז זיי האָבן קיין שום פעסטע זאַך ניט אויפגעטאָן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין באָדן אונטער די פיס, בכדי זיך רוהיק אַוועקזעצן און אויסרועען כאָטש אַ רגע“. מיר האַלטן ניט, אַז דאָ איז ריכטיק אָנגעוויזן די סיבה פון דאַנטאָנ׳ס מידקייט, ער האָט ניט געקאָנט רעכענען, אַז די רעוואָליוציע האָט קיין שום פעסטע זאַך ניט אויפגעטאָן, און אַז עס איז ניטאָ קיין סוף אַף דעם וועג. ניין, אַ סוף א י ז ג ע װ ע ן און ער איז איהם אויפגעצוואונגען געוואָרן דורכן גאַנצן גאַנג פון די געשעענישן. נאָר גראָד דעם סוף האָט דאַנטאָן נ י ט ג ע װ אָ ל ט. בעת זײַנע פרײַנט זײַנען באַשטאַנען אַף אַ אָפענעם קאַמף קעגן ראָבעספּיערן האָט ער געענפערט: „ער האָט געוואָלט אַמאָל אַראָפּזעצן בריסאָ און ערשט ניט לאַנג — העבערן, נאָר ער האָט קיין מאָל ניט געפאָדערט פאַר זיי קיין עשאַפאָט“... מע וואָלט ווידער אַמאָל געדאַרפט פאַרגיסן בלוט. שוין גענוג. איך האָב זי פאַרגאָסן בעת איך האָב עס געהאַלטן פאַר נוצליך. בעסער ווערן גיליאָטינירט, אײדער גיליאָטינירן אַנדערע“ *).

דאַנטאָן האָט מער ניט געוואָלט קיין בירגער־קריג. בײַ די געשאַפענע תּנאים וואָלט עס מסתמא געווען אַ קאַמף פאַר דאַנטאָנען אַליין, פאַר זײַן דיקטאַטאָרישע מאַכט. די רעכט פון פאָלק און רעוואָליוציע, וואָס זײַנען צעטרעטן געוואָרן פון דעם דיקטאַטאָר ראָבעספּיער, האָבן אַנדערש ניט געקענט ווידער אויפגעשטעלט ווערן, ווי דורך נײַע טײַכן בלוט. קיין נײַען דיקטאַטאָר אָבער און קיין נײַע בלוט האָט שוין דאַנטאָן ניט געוואָלט: אַף דעם איז ער שוין געווען מ י ד.

און ער האָט געלאָזן די געשעענישן זיך אַנטוויקלען לויט זייער אייגענער לאָגיק. מע קען זיך באַציען ווי מע וויל צו דאַנטאָנס האַנדלונג אין דער צײַט; דער דאָזיקער באַשלוס זײַנער אָבער ווערט אײַנגאַנצן אַרײַנגעפלאָכטן אין דעם געשטאַלט, וואָס האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט אין דעם גאַנצן לויף פון דער רעוואָליוציע. ער האָט געקענט זײַן האַרט אין אַקטיוון קאַמף, ער האָט אָבער געקאָנט אויך מיד ווערן פון בלוט און געוואַלט־טאַטן. ער האָט געקאָנט דער

---

*) לויט אַנדערע קוועלן האָט ער אויך געזאָגט פאָלגענדעס: „בשעת אַ רעוואָליוציע פאַלט די מאַכט אַרײַן אין די הענט פון גרויסע רשעים. בעסער זײַן אַ פּשוט׳ער פישער, אײדער רעגירן איבער מענטשן“.

ערשטער אַרויסרופֿן זיי, נאָר דוקא ער האָט אויך געקאָנט דער ערשטער זיך פֿון זיי אָנטזאָגן: פֿאַר זיך און לשם דער רעוואָליוציע.

דעם פֿינפֿטן אַפּריל 1794 האָט מען דאַנטאָנען דער'הרג'עט. נאָך פֿריהער איז פֿאָרגעקומען די מיתה פֿון די העבערטיסטן. ראָבעספּיער האָט ריין געמאַכט פֿאַר זיך אַ אַרענע אין וועלכער ער זאָל ניט געשטערט ווערן ניט פֿון רעכטס, ניט פֿון לינקס.

האָט זיך עפּעס באַ אים באַקומען נאָך דעם אַלעמען? צי האָט ער גע־פֿונען די וועגן צו דער ישועה פֿון דער רעוואָליוציע? לאָמיר הערן וואָס זאָגט זשאָרעס. ניט קוקנדיג אָף זיינע סימפּאַטיעס צו ראָבעספּיער'ן, איז זשאָרעס גע־צוואונגען צו שרייבן פֿאָלגענדעס: „מע האָט געדאַרפֿט בהדרגה אומקערן זיך צו אַ נאָרמאַלער אָרדנונג... די דאָזיקע אויפֿגאַבע איז ניט געווען אוממעגליך... אָבער די פֿירער פֿון דער רעוואָליוציע פֿאַר דעם פּעריאָד — ראָבעספּיער און סען־זשיוסט — זיינען ניט בכח געווען צורעכט ווערן מיט דער שווערער און פּאַראַנטוואָרטליכער אויפֿגאַבע". סען־זשיוסט, וואָס האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז „די פּראַקטיק פֿון טעראָר טעמפּט אַזוי אָף די עמפּינדונג צום פֿאַרברעכן, ווי שטאַרקע ליקערן — דעם געשמאַק", האַלט פֿונדעסטוועגן פֿאַר נויטיק מוסיף צו זיין: „בלי שום ספק, איז נאָך ניט געקומען די צייט צו טאָן גוטס". און ראָבעספּיער, וואָס האָט זיך באמת אין דער אַטמאָספֿער פֿון שרעק און אַלגע־מיינער אָפּהענטיקייט צו ווערן דער כהן־גדול פֿון זיין אייגענער רעליגיע, שלייפֿט נאָך שאַרפֿער אָן דעם חלף פֿון טעראָר. פֿאַרלירנדיק דעם ריכטיקן פּאָליטישן חוש און ניט ווייסנדיק, וואָס מע הויבט אָן טאָן, האָט ער גערעכנט, אַז עס איז גענוג עס זאָלן פֿאַרניכטעט ווערן די אָדער יענע אמת'דיקע אָדער כלומרשטע שונאים פֿון דער רעוואָליוציע, און עס וועט זיך תיכּף עפֿענען אַ פֿרייע פֿעלד פֿאַר אַרבעט". און די גיליאָטין — גיט צו זשאָרעס מיט צער — האָט געאַרבעט אָן אויפֿהער, און פֿון טאָג צו טאָג איז געוואַקסן די צאָל אומצופֿרידענע און פֿאַר־מאַטערטע פֿון רעזשים". לא די נאָך אבער די כאַאָטישע משוגעתן. אַ סך זיינען זיי געווען, נאָר שוואַך איז געווען זייער קלאַפּ. בכדי זיי צו פֿאַרברייטערן און צוגעבן די נויטיקע פֿאָרם, פֿירט דורך דער בעל־משפּטים ראָבעספּיער דאָס פּרעריאַל־געזעץ, וואָס איז ממש אַ געזעץ וועגן מאַסן־הריגות. ער באַגרינדעט אים אָפֿן פֿאָלגנדיקן אופֿן פֿאַרן קאָנווענט: „מע וויל רעגירן מיט רעוואָליוציעס דורך בית־דין פּשטלעך... בכדי צו טויטן די שונאים פֿון פֿאָטערלאַנד איז גע־נוג פֿעסטצושטעלן זייער פּערזאָן. ניט באַשטראָפֿן דאַרף מע זיי, נאָר עוקר מן השורש זיין". פֿון דאַנען איז שוין געדרונגען, אַז איטלעכער באַווייז, אַ מאַטעריאַ־לער צו אַ מאָראַלישער, איז גענוג בכדי צו פֿאַרמשפּט'ן די פֿאָלקס־שונאים. עס איז ניט שייך אויסצוהערן עדות, מען דאַרף אויך ניט האָבן קיין פֿאַרטיידיקער".

אַזאַ „געזעץ“ איז געווען ניט ערגער פון אַ גיליאָטין, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן דירעקט אין געריכט-זאַל. און תּיכּף האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין פּועל-יוצא. אין משך פון 13 חדשים ביזן 22 פּרעריאַל (10-טן יוני) זיינען געווען ס״ה 1220 מיתות און אין 49 טעג נאָך אים, ביז דער מפּלה פון ראָבעספּיערן — דעם 28-טן יולי — 1376. דאָס איז נאָר אין פּאַריז. אין גאַנצן האָט מען גיליאָטינירט בּאַ 17 טויזנט, אַ חוץ דער מוראדיקער צאָל פון דערשאָסענע, דערטרונקענע און געפאַלענע אין פלאַקער פון בירגער-קריג. וועגן 12 טויזנט פון זיי זיינען פאַראַן גענויע ידיעות. דאָס רב זיינען זיי געווען ניט פון די פּריווילעגירטע קלאַסן: 7545 (בּאַ 63%) זיינען געווען פּויערים, אַרבּעטער, קליינע הענדלער, דינער און סאָלדאַטן.

צי איז פון וואָס פאַר אַ ניט איז שטאַנדפּונקט נויטיק געווען דער האָזיקער ווילדער געזעץ? אף דאָס קען קיין איין היסטאָריקער ניט באַשטיין. „די שרעק דערגייט ביז איר לעצטער מדרגה אין דעם געזעץ“. אין דער רגע, ווען די רעדנער טריאומפירן און די מלחמה-סכנה איז לגמרי נישטיק, אין וואָס זשע באַשטייט אייגנטלעך זיין תּכלית? „עס האַנדלט זיך לגמרי ניט וועגן דעם מע זאָל זיך שטעלן בראש פון אייראָפּא אָדער מנצח זיין די ראָיאַליסטן אין לאַנד גופא; אף דעם וואָלט געסטייעט די אַרמיי. אַצינד דאַרף מען קעמפן די פריינט פון דאַנטאָן, העבער, שאָמעט, ד. ה. דעם קאָנווענט אַליין, און דער עיקר — די שטאַרקסטע שטיצע פון דער רעפּובליק — דעם באַרג“, און געוויס איז גערעכט זשאָרעס, בעת ער זאָגט: „מיט דעם געזעץ איז ראָבעספּיערס זאַך געוואָרן ענדגילטיק פאַרשפּילט. ער האָט דערוויזן, אַז ער איז ניט בכח פאַרטיק צו ווערן מיט דער קאָמפּליצירטקייט פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער רעוואָליוציע... דער טעראָר האָט שוין אויפגעהערט צו וואַרפן אַ פּחד, זיין סיסטעמאַטישע אָנווענדונג אָבער האָט אַליין מער און מער פאַרגרעסערט די צאָל אומצופרידענע מיט ראָבעספּיער׳ס פּאָליטיק. די רעוואָליוציאָנערע מאַכט האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן חן און צוטרוי, וואָס די פאָלקסמאַסן האָבן ערשט ניט לאַנג געהאַט צו איר“. זיך אַוועקגעלאָזנדיק נאָכן אוטאָפּישן פּלאַן — צו קאָנצענטרירן תּחילת דעם טעראָר ביז זיין העכסטער מדרגה בכדי דערנאָך איינגאַנצן ליקווידירן אים — האָט ראָבעספּיער אָבער דערגרייכט נאָר איינס: די רעוואָליוציע און ער אַליין האָבן אָנגעהויבן זיך שטיקן אין דעם טעראָר. דאָס גאַנצע סיסטעם איז איינגעפאַלן אף זיי אַליין און אונטער די חורבות האָט שוין אויפגעבליט די רעסטאַווראַציע. און ווי אַ שטראָפנדיקער סימבאָל האָט זיך ביים שוועל פון איינפאַלנדיקן בנין הויך דערהויבן דער שווייגנדיקער שאָטן פון דאַנטאָן. „מיט יעדן טאָג פלעגן אַליין מער פאַלש ווערן די ווערטער פון באַרער, אַז טויטע קומען ניט צוריק“, זאָגט קינע. „טאָג איין —

טאָג אויס פּלעגט קוטאָן איבערחזר'ן אַז עס גייען נאָך אום צווישן אונז די שאָטנס פון העבער, דאַנטאָן און שאָמעט. „אויך באַ סען-זשוסט'ן איז דאַנטאָנ'ס נאָמען שטענדיק געלייגן אויפן צונג, פּונקט ווי די ניט-גוטע וואָלטן אויסגעקרייצט דעם נאָמען אַף זיין גוף“.

אַ גרויזאַמע עדות פון דער געשיכטע, אַ גרויסע הזהרה פאַר רעוואָלוציעס!

דערנאָך פאַלט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אָן אויפהער אַלץ נידעריקער פון שטופע צו שטופע, און אַף די זעלבע שטופן איז אומבאַמערקט און זיכער געגאַנגען אַף אַרויף צום טראָן באָנאַפּאַרט.

XXVIII

פאַרוואָס איז עס אַזוי געשעהן? פאַרוואָס איז די רעוואָלוציע אונטערגעגאַנגען אין דעם ברודער-קריג פון די צוויי מענטשן? מיר האָבן שוין פריער געזעהן, אַז ניט קיין פּרינציפּיעלע חילוקי-דעות אין די גרונט-פראַגן האָבן אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן זיי. ווייל ביידע זיינען זיי דאָך געווען פאַרטרעטער פון איינער און דערזעלבער קולטור — און קלאַסן-איינהייט. דעם תהום האָט אויסגעגראָבן דער פּאַטאַלער וכוח וועגן טויט, וועגן די גרעניצן פון טעראָר און בלוט. צי האָבן זיי אָבער ביידע, אין דער זעלביקער טרייהייט צו דער רעוואָלוציע, ניט געקענט געפינען קיין וועגן צום אויסגלייך, קיין שום פּשרה? פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ מורא'דיקע שנאה צווישן די צוויי מענטשן, וואָס האָבן צוזאַמען דורכגעמאַכט אַזאַ לאַנגען וועג?

בכדי צו געבן סוף-סוף אַ תשובה אַף דער פראַגע, מוזן מיר צום לעצטן מאָל איינטראַכטן זיך אין זיי ביידן, צוקוקן זיך צו זיי. טאַקע צוקוקן זיך צו זייערע פּנים'ער און פיגורן, פאַרשטיין זיי אַלס מענטשן — דאַן וועלן מיר אַ סך פאַרשטיין.

דאַנטאָן, — אַ פּויער, אַ מגושמדיקער, אַ ברייט-בייניקער, מיט אַ אָפּענעם פאַרווינדיקטן פּנים, מיט מעכטיקע מוסקולן, מיט אַ דונערדיקער שטימע, מיט ברייטע באַוועגונגען, אַנ'אַטלעט, אַנ'אַטלעט פון דער רעוואָלוציע*). ער פלאַקערט מיט ענערגיע אין זיין לעבן, ער איז אינגאַנצן ווי אַ דונערדיקער נאַבאַט, ווי אַ פולקלאַניקער גלאָק — דער בעטהאָווען פון פאָלקס-אויפשטאַנד, וואָס איז אַזוי ענלעך מיט זיין פּנים צו יענעם דאַנטאָן פון דער מוזיק. ער איז

*) אונטער דעם פּרצוף פון אַ אַדוואָקאַט, אַ טריבון און אַ גרויסן אַרטיסט איז דאַנטאָן, וואָס האָט געשטאַמט פון שאַמפּאַניער ערדאַרבעטער, געבליבן אַ אמת'דיקער פּויער. דאָס איז געווען לייכט צו דערקענען לויט זיין מעכטיקן נאַקן, לויט די ברייטע פּלייצעס און קרעפּטיקע הענט (Мишле т II. 460).

די מוזיק פון סטיכיע, וואָס איז אויסגעלייזט אין לעבן, ער איז אַליין אַ טייל פון דער דאָזיקער סטיכיע, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַלע ברעגעס. זיינע באַוועגונגען זיינען ווי אַ שטורמדיקער ווינטער, זיין וואָרט — דאָס צערטלעכע, דאָס האַרבע, דאָס פרייליכע און גרויזאַמע — דאָס איז אַ וואַסערפאַל פון רעדנס־קראַפט. זיין שמחה, טרויער אָדער צאָרן אַנטפלעקן זיך, ווי אַ שקוואַל. ער רעדט ניט — ער דונערט; ער ווירקט ניט, נאָר ער מאַכט אויפציטערן, אַלץ איינס וואו — אין קארדיליערן־קלוב, אַף דער טריבונע פון קאָנווענט, צי פאַרן מִשפּט פון טריבונאַל. זיין קלאַפּ און זיין צאָרן — דאָס זיינען בלענדענדיקע אויפפלאַמונגען פון בליצן; דערפאַר איז זיין אַרומגעמען פעסט, דויערנדיק און אייביק, ווי זיין גראַניט־גוף. באַ דעם קאָלאָס מיט דעם מאָנגאָלישן צעפּאָקטן פּנים, מיטן פּנים פון אַ „בייזן בולדאָג“, וואָס האָט אַף זיינע הענט אַרויסגעטראָגן פון פייער ווי אַ קינד דאָס רעוואָליוציאָנערע פראַנקרייך, איז פאַראַן עפּעס, וואָס איז טייערער פון אַלץ: אויגן פולע מיט ליבע און צערטלעכקייט צו מענטשן און צו דער נאַטור. אין די פאַטאַלע מאָמענטן פון דער געשיכטע פירט מיט אים מעכטיק אָן זיין שׂכל, און ניט איינמאָל באַרופט ער זיך אַף די געבאָטן פון פאַרנונפט; אין זיין גייסטיקן „איך“ איז אָבער זיין פאַרנונפט ניט קיין אָבגעזונדערטער טייל, ער איז אין דער קאָסטבאַרער ראַס פון זיין *האַרצן*, וואָס צעגיסט איבער אים אייביקע מונטערקייט, ברויזנדיקע לעבנס־שׂמחה, זאָרגלאָזע פרייליכקייט. „ווילד פרעמד איז מיר די שׂנאה“, האָט ער אַמאָל אויסגעשריען, איך באַדאַרף איר ניט“. דאָס איז דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פון „קלוגער גוטסקייט“, דאָס *זעלבסטבאַוואוסטזיין פון לעבן*. דער מענטש, „וואָס זיין האַרץ איז צערטליך ווי באַ אַ פרוי“ האָט געקאָנט פון אויסברוך פון צאָרן אַריבערגיין נאָר צו אַן אויסברוך פון גרויסמוטיקייט (לאָמיר זיך דערמאָנען זיינע ווערטער: „דער פאָלקס־צאָרן איז ווי אַ בליץ“), און דערפאַר טאַקע זעען מיר אים אין אַלע עטאַפּן פון דער רעוואָליוציע אַלס רעטער פון קרבנות. ער איז געווען אַ אמת׳דיקער פראַנצויז, ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען. „גליקליך איז דער“, האָט ער אַמאָל געזאָגט: „ווער ס׳האָט קיינמאָל אפן לעבן קיין רכילות ניט געטריבן“. ער האָט ליב געהאַט די נאַטור, און באַזונדערס זיין נאַטור, די שאַמפּאַניער. זייענדיק פאַרליבט אין זיין ערד, זיין טייך, זיינע בוימער — איז ער תּמיד געווען אין פאַריז אומגענומען מיט אַ מין הונגער נאָכן דאָרף. ניט קוקנדיק אַף דער גאַנצער רעוואָליוציאָנערער דבקות פלעגט ער לויפן אין זיין אַרסי צו די ווינטן אין די פעלדער און צום געלויף פון די וואַסערן. ער האָט זיך אָבער ניט אָבגעקערט אויך פון גערויש פון זיין „פאַריזער הויף“, פון זיין קארדיליערן־גאַס, פון הוהא פון די פאַרזאַמלונגען, ווייל אויך דאָס איז געווען דאָס לעבן“. „ער איז געווען

פריינדליך אין זיינע מאַנערן און פשוט אין קליידונג. ער האָט ליב געהאַט זיין פרוי און זיינע פריינד, ווי דער פשוטסטער פון אונז אַלעמען, ער איז אומגעגאַנגען, האָט גערעדט און געאַרבעט, אַזוי ווי אַלע". און ס'איז אוממעגליך געווען, אַז אָט דאָס אָ לעבנס-באַוואוסטזיין זאָל זיך ניט אויסגיסן ווי אַ טראַגישער ליד אין זיין לעצטן קאַמף פאַר'ן טריבונאַל, וואָס האָט אים גע'משפט. יאָ, די גענויע באַריכטן פון זיינע רעדעס אין געריכט זיינען פאַרהילכט געוואָרן דורך דונערן פון יענע טעג. מיר נעמען אָבער אָן מיט גלויבן די ווערטער, וואָס עס לייגט אַריין אין זיין מויל ראָמען ראָלאַן. „און וואָס באַשולדיקט מען מיך? — רופט ער אויס: „אין ליבע צום לעבן, אין לעבנס-שמחה... אוודאי, האָב איך ליב דאָס לעבן... אַלע פעדאַנטן פון אַראַס און זשענעוו וועלן ניט זיין בכח צו דערשטיקן די פרייד, וואָס בליט אויף אין לאַנד פון שאַמפאַן, עפענדיק די קנאָספן אין די וויינגערטנער און אויפרודערנדיק די מענטשלעכע פאַרלאַנגען. צי שוין זשע דאַרף איך זיך שעמען מיט מיין כח? אַף וואָס באַקלאָגט איר זיך? דער דאָזיקער כח האָט דאָך אייך געראַטעוועט... צי דען לייגט איר אַ איסור אַף פאַרגעניגנס? האָט דען פראַנקרייך געגעבן אַ נדר פון צניעות? די גוטע מדות באַשטייען אין דעם אַז גרויס זאָל מען זיין פאַר זיך און פאַרן פאַטערלאַנד*).

און דוקא דאָס איז געווען אומפאַרשטענדליך פאַר ראָבעספיערן. קוקט זיך נאָר גוט צו צו אים. אַ טרוקענער, שמאָלער פנים, צונויפגעקוועטשטע ליפן, פאַרשלאָסענע און אין זיך פאַרטיפטע אויגן, אַ שוואַך און ציטערדיק קערפערל. ניטאָ קיין פרייע באַוועגונגען, קיין צאָרנדיקער אָדער גרויסמוטיקער פייער, קיין גרויסע אומבאַקלערטקייט פון ליידנשאַפט. אַלע זיינע ליידנשאַפטן, זשעסטן און געפילן זיינען איינגעשלאָסן אין שווערן פאַנצער פון געדאַנק. זיין גאַנצער קערפער, זיינע פלענער און מעשים — דאָס זיינען נאָר פונקציעס פון זיין מוח. דער שכל אַליין וואַכט אַפן לעבן אין זיינע אייז-קאַלטע אויגן, און נאָר מיט חשבון הויבן זיך אויף זיינע ניכטערע הענט. און זיין מינדלעכן וואָרט איז פאַראַן נאָר אַ מין געאָמעטריע אין טאַט, און די גאַנצע וועלט איז פאַר אים אַ פונאַנדערוויקלונג פון אַ סילאָגיזם. ער איז „פוריטאַניש-ערליך, דעליקאַט און צניעות'דיק, גלייכגילטיק צו פאַרגעניגנס, האַרב איז זיינע פרינציפן, הגם עלאַסטיש אין אויסוואַל פון מיטלען, קאָרעקט אין זיין האַנדלונג און פעדאַנטיש אין וואָרט, מיט אַ שמאָלן שכל און אַ קאַלטער נשמה" **).

---

*) Роман Ролан: Дантон.

**) מאדלען

קען דען דער גייסטער היסטאָריקער זאָגן עפּעס אַנדערש וועגן אים? פּריג=
ציפּן, געזעצן, דאָגמעס, — מער ווי דאָס זעט דער מענטש ניט, און אין זייער
געדיכטן חושך ווערט נעלם דער דרייסטער פּנים פון אַ יחיד. „עפּעס איז געווען
אין אים — זאָגט אַזוי ווי באַקלאָגנדיק זיך זשאָרעס — פון אַ כהן און אַ
סעקטאַנט, אַ אומערטרעגלעכע פּרעטענזיע אַף ריינקייט פון חטאים, די גאוה פון
קליינלעכער צדקות, אַ טיראַנישע געוואוינהייט צו אורטיילן וועגן אַלץ לויטן
מאַסשטאַב פון זיין אייגענעם באַוואוסטזיין, און בנוגע צו אינדיווידועלע
ליידן — אַ שרעקלעכע נשמה=טרוקנהייט פון אַ מענטשן, וואָס איז באַהערשט
פון אַ אידעע, און וואָס קומט סוף=סוף צו דעם, אַז ער מישט צונויף זיין פּער=
זענלעכקייט מיט זיין גלויבן ,די באַפרידיקונג פון זיין כבוד מיט די אינטערעסן
פון זיין זאַך״ *). ער האָט ניט ליב געהאַט דעם מענטשן, און האָט אין אים
ניט געגלויבט, אָדער אויב שוין ליב יאָ געהאַט, — איז בכל אופן ניט דעם
לעבעדיקן, נאָר דעם אַבסטראַקטן, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעמאָלט
אין זיין פאַנטאַזיע „לויט רוסאָ״. פּונקט אַזוי ווי די מיטלעלטערישע אינקוויזי=
טאָרן האָבן ליב געהאַט ניט דעם רעאַלן קריסט, נאָר עפּעס אַנ׳אַנדערן, אַ אויסגע=
טראַכטן. סיי דאַ, סיי דאָרטן האָבן די פאַנאַטיקער פון דער אידעע געזעהן פאַר
זיך ניט קיין לעבעדיקן homo, נאָר אַ געקינצלטן homunculus („אַ בירגער
מיט גוטע מדות״, אַ אמת׳דיקן קריסט״), וואָס עס איז כדאי געווען אָנצוציגדן
שייטערהויפן צוליב אים אָדער שלייפן דעם חלף פון דער גיליאָטינע **).
דעם דאָזיקן סענטימענטאַלן תלמיד׳ל פון רוסאָ האָט זיך די נאַטור אַליין פאָר=
געשטעלט ווי אַ איינגעצאַמטע און אַ אונטערגעשאָרענע לויט דער דאָקטרין פון
לערער. פרעמד איז אים געווען אַ פריי לעבן, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון זיין
אָרעמען שכל. וואָס זשע איז פאַראַן צו חידושן זיך, אַז אין די סעפּטעמבער=טעג
און אין אַנדערע נאָך זיי פּלעגט דאַנטאָן ראַטעווען מענטשן, ראַטעווען
כאָטש יחידים פון אונטערן פרעס פון אַלגעמיינעם געזעץ, און ראָבעספּיער׳ס
נשמה — די נשמה פון אַ בעל=משפּט און אַ ביכער=וואָרם — האָט ניט גע=

*) זשאָרעס, „געשיכטע פון דער פראַנצ. רעוואָליוציע״.

**) „אַ פאַרזאַמלונג פון אָפּגעזונדערטע מענטשלעכע איינהייטן, וואָס זיינען
אין אַלץ ענלעך איינע צו דער צווייטער און האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ אָפּמאַך,
דאָס איז די פאָרשטעלונג פון די יאַקאָבינער וועגן דער געזעלשאַפט... פון דעם
יאַקאָבינער ווערט נעלם דאָס גאַנצע לעבעדיקע פראַנקרייך, די גראַנדיעזע טראַ=
געדיע, וואָס ווערט געשפּילט פון 26 מיליאָן מענטשן אַף אַ סצענע מיט אַ שטח
פון 26 טויזנט קוואַדראַט=מייל... קיינזאַך זעהט ער ניט און אונטערשיידעט
ניט הינטער די ד׳ אמות פון זיין פּאַרטיי און אין קלוב, און אין דעם ענגן קרייז
שטעלט ער פאַנאַנדער אַלע טויטע געצן פון זיין אוטאָפּיע״. (טען, III).

וואוסט פֿון אויסנאַמען? *). פֿאַר ראָבעספּיערן איז ניטאָ קיין פּילפֿאַרביק לעבן, קיין אומענדלעכן רעגנבויגן פֿון קאָלירן, נאָר אַ לאַנגווייליקער, איינפֿאַרביקער לייוונט, וואָס קיין איין צופֿעליקער זונענשטראַל צערשטערט ניט זיין איינטאָניקייט. ער איז איינפֿאַך אין זיין פּריוואַטן לעבן, קאָרעקט אין אומגאַנג מיט מענטשן, באַשיידן אין זיינע אַרויסטרעטונגען; ער ווייס אָבער דעם ווערט פֿון זיין באַשיידנקייט און איז שטאָלץ מיט זיין עניוות. און אויב דאַנטאָן איז דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פֿון לעבן, איז ראָבעספּיער דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין פֿון עניוות, פֿון צ ד ק ו ת, ד. ה. דער מאַנגל אין צדקות. באַ דאַנטאָנען איז אַ גוטסקייט, וואָס איז חל אַף אַלעמען, באַ ראָבעספּיערן — צדקות, וואָס איז מיט אַלעמען אַף מעסערס; באַ דאַנטאָנען — אַ רעוואָליוציע, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן, באַ ראָבעספּיערן — אַ רעוואָליוציע, וואָס קומט צום לעבן מיט אַ חשד.

פֿון דאַנען זיינען שוין געדרונגען אַלע זייערע פּ אָ ל י ט י ש ע אָנשויאונגען, החלטות און מעשים. דאַנטאָן דער פֿויער איז ניט קיין טעאָרעטיקער, וואָס איז אין געפֿאַנגענשאַפֿט באַ זיין אייגענער טעאָריע, און איז מקריב פֿאַר איר זיך און אַנדערע. באַ אים איז ניט בנמצא אַזאַ שטרענג און אויסגעהאַלטן — דורכגעאַרבעטע סיסטעם, ווי באַ ראָבעספּיערן. דערפֿאַר האָט ער אַ „גוטע ראיה“, ק ו ק ט ע ר א ו ן ז ע ה ט. דערפֿאַר איז פֿאַר אים, פֿאַרשטייט זיך, די רעוואָליוציע ניט קיין אָפּגעצאַמטע און אָפּגעזונדערטע פֿון אַלע זייטן טעאָרעטישע נעץ, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן מענטשן ווי מיט טאַפּ-פֿינגער, בעת זי לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿן לעבן, און וואָס דערשטיקט זיין אייגענע יצירה. די רעוואָליוציע שטעלט ניט קיין נעצן און ניט קיין טאַפּ-פֿינגער, אין וועלכע עס איז — ווי באַ ראָבעספּיערן — איינגעשלאָסן דאָס גאַנצע נייע רעוואָליוציאָנערע לעבן; זי שטעלט נאָר מ ע ר ק - ש ט י י נ ע ר, וואָס צווישן זיי און הינטער זיי וויקלט זיך פֿאַנאַנדער דאָס דאָזיקע לעבן אין זיין אומענדלעכער פּילפֿאַרביקייט. פֿאַר דאַנטאָנען איז די רעוואָליוציע אַ גרינער פֿעלד אָן ברעגעס און אָן גרעניצן, אין וועלכן די באַפֿרייטע מענטשן אַנטפּלעקן זיך אַליין. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך באַ דאַנטאָנען זיינען פֿאַראַן העכסטע אומבאַדינגטע פּרינציפּן פֿון דער רעוואָליוציע. זיין פּאַטאָס איז — פֿאָטערלאַנד און פֿרייהייט; זיינע געזעלשאַפֿטלעכע אָנשויאונגען (וועגן אייגנטום, אַדמיניסטראַציע, קירכע) זיינען קלאָר דעפֿינירט. ער וויל, אַז די רעוואָליוציע זאָל גיין דווקא אין זיינע וועגן, און מיט אַנטשלאָסנ-

*) דאַנטאָן זעט די מענטשן — באַמערקט ריכטיק טען — אַזוי, ווי זיי זיינען, ער זעט אַז זיי לעבן און ליידן און איטלעכער פֿון זיי האָט זיין פּנים און זיינע זשעסטן. פֿון דעם בילד ווערט צעציטערט דאָס גאַנצע אינערלעכן וועזן, אויב דער מענטש פֿאַרמאָגט עס נאָר: און דאַנטאָן האָט פֿאַרמאָגט. „שוין אין סעפּטעמבער האָט ער אַרויסגעריסן פֿון די מערדערישע הענט אייניקע באַדייטענדיקע לעבנס, „פֿאַרבאַהאַלטנדיק זיין רחמנות מיט געוויין“.

קייט העלפט ער דאַצו מיט, נאָר זיינע ווענן טראָגן ניט קיין כאַראַקטער פון דורכגעאַרבעטע ביז די פרטים, ביז קאָנקרעטע שיטות. זיי זיינען גאָר הויכע דעמבן אין אַ אָפענעם אומענדליך ברייטן פעלד און ניט קיין פינסטערער ד י ק י כ ט פון צונויפגעפלאָנטערטע און סודות׳דיק־צונויפגעפלאָכטענע געוויקסן, צווישן וועלכע דער באַפרייטער מענטש מוז פון דאָס ניי אומבלאָנדזשען און פאַרפלאָנטערן זיך. ראָבעספיער שטרעבט פאַראויסצוזעהן און דעריבער כופה זיין ווי אַ תורה משמים אַלע אָפּצווייגונגען און שטעגעלעך פון דער כלומרשטער רעוואָליוציאָנערער אַנטוויקלונג, און אין דער אמת׳ן זיינען עס נאָר זיינע אייגענע רעוואָליוציאָנערע געדאַנקען. דאַנטאָן אָבער האַלט פאַר אַנ׳אמת נאָר די אויסגאַנג־פונקטן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, דערפאַר טאַקע האַלט ראָבעספיער אין איין אַרויסגעבן באַפעלן; כסדר שטייט ער מן הצד פון המון פון זיינע א ו נ ט ע ר ט אַ נ ע ר, און איבער זיי. דאַנטאָן אָבער גיט אַרויס געזעצן און פאַראָרדנונגען נאָר אין די אַנטשיידנדיקע מאָמענטן פון דער רעוואָליוציע און אפילו שטייענדיק אין דער הויך, מישט ער זיך צונויף מיטן המון פון די ב י ר ג ע ר. ווייל בּאַ אים איז די רעוואָליוציע ניט נאָר אַ מאַטעריעלע באַפרייאונג, אַ שטילונג פון אַ ערד־הונגער, אַ פאַרטרייבאַכץ פון די נידערטרעכטיקע הויף־לייט, נאָר קודם כל איז זי אַ באַפרייאונג פון טריאומפירנדיקן ג י י ס ט, אַ דערלייזונג פון אַלע דורך דורות פאַרשקלאַפטע מ ע נ ט ש ל ע כ ע כחות, די אינערלעכע ווידערגעבורט פון מענטשן, פון דעם עבד־עבדים פון דער געשיכטע. און דעריבער וואָס ווייניקער צוימען, דרוק, שטראָף און השגחה, און וואָס מער פאַרנונפטיקער, שטראַלנדיקער און איינגעטיפטער פרייהייט. ווייל עס איז אוממעגליך, אַז דער פראַנצויז, וואָס האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די דורות, געקעפט זיין קעניג און די קירכע, פאַרגליכן די רעכט פון פערשט און פון וואַסערטרעגער, — זאָל ניט זיין בכח אַליין מיט זיין גלענצנדיקן „שכל“ (און זיין שכל דאָס איז זיין גאַנצער אינערלעכער מהות) זיך אָפּצוהיטן, העלפן זיך פונאַנדערצורוקן די גרעניצן פון זיין נאַטור. היינט ווייסן מיר שוין, אַז די העכסטע שטרעבונגען פון דאַנטאָנען זיינען נאָר אַ צוגאַנג צו די גרעסטע און דערהויבנדיקסטע אידעאַלן פון אונזער דור. מיר ווייסן, אַז אין יענעם דור, בעת ס׳האָט זיך געביטן נאָר די סאָציאַלע איבער־דעקע פון דורות׳דיקן עבדות, איז די פרייהייט געווען נאָר אַ כלומרשטע, און אין די אויגן פון די יעמאָלטיקע קריטיקער פון לינקס — אפילו אַ ליגנערישע. מיר פילן אָבער, אַז אין י ע נ ע ר תקופה און פאַר דעם היסטאָריש־באַגרענצטן סאָציאַל־עטישן באַוואוסטזיין פון י ע נ ע מענטשן (ראָבעספיער און דאַנטאָן) האָבן זיך אויך די פרינציפן אויסגעדרוקט ווי די העכסטע דערגרייכונגען פון געדאַנק און פאַנטאַזיע, פון דער שטראַלנדיקער אידייען־וועלט פון טרוימער און ענציקלאָפעדיסטן. אויפריכטיק

האָבן יעמאָלט געקלונגען אין זייערע געדאַנקען, ווערטער און מעשים דער שטאָלצער פּאַטאָס, דער טריאומף פון פּראָגרעס, די גרויסקייט פון פרייע ווייטן. אויך אין זייער רעוואָלוציע איז דער אינטימער מהות באַשטאַנען אין דער באַפרייאונג פון מענטשלעכן רצון. גראַד פאַר אים, פאַרן מענטשלעכן רצון האָבן דאַנטאָן און זיינע מענטשן געוואונשן דעם גרעסטן פאַרנעם, אָן וועלכן עס איז אויך זיין אויפבליאונג ניט געווען מעגליך. און אויב די בירגער האָבן נאָך ניט ערלערנט די פרייהייט, וועלן זיי עס זיך אַפן בעסטן אופן אויסלערנען אין די תּנאים פון באַנוצן זיך מיט דער פרייהייט. דערפאַר איז די איינציקע לעבנס־אויפגאַבע פון דאַנטאָנען באַשטאַנען נאָר אין דעם, אַוועקצושטעלן די זיילן פון פּאַלאַץ; בויען אים ווייטער און זעלבסטשטענדיק איינאָרדנען זיך אין אים וועלן שוין דאַרפן זיינע איינוואוינער — די בירגער פון דער רעוואָלוציע.

ראָבעספּיער באַנעמט עס ניט. זיינע העכסטע פּרינציפּן זיינען די זעלביקע, ווי בא דאַנטאָנען. ער אַרבעט זיי אָבער דורך ביז אַלע לאָגישע סך־הכּל'ס, ביז טרוקענע ציפער־טאַבעלן, ביז לעבנס־אַבסורדן. פאַר אים איז שוין ווייניק איינשטעלן די זיילן. ער וויל איינאָרדנען די גאַנצע דירה, פונאַנדערשטעלן די מעבל, באַשטימען דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער. ער גלויבט ניט אין דער פייאיקייט פון די בירגער זיך צו באַנוצן מיט דער פרייהייט, ער אַליין וויל זיך שטעלן און לערנען זיי טאָג־איין — טאָג־אויס ווי זיך צו באַנוצן מיט דעם דאָזיקן צוויי־שאַרפיקן געווער. אים איז טייער ניט דער רצון, מיט וועלכן די רעוואָלוציע האָט באַגנאַדיקט דעם מענטשן, נאָר זיין אינערע רעאַלע פּראָגראַם מיט איר תּרי״ג מצוות, וואָס דאַרף אָן אויפהער כּסדר פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן.

ליינט איצט איבער אויפמערקזאַם זייערע רעדעס און איר וועט עס פאַרשטיין. אין דאַנטאָנס רעדעס פלאַקערט ניט נאָר זיין אייגענער ברען, נאָר אויך דער רוף צום שאַפן, צום רצון און רוח־הקודש פון מענטשן. זיי זיינען קורץ, שאַרף, זיי זיינען פייער אַליין, דאָס זיינען ברייטע שטריכן, גרויסאַרטיקע ליניעס, זיי עפענען אומענדלעכע ווייטן, און צוגלייך מיט דעם פול מיט חכמה. און ראָבעספּיערס רעדעס — היילע סילאָגיזמען, אָן אַ אינערלעכער היץ, זיי פענטעווען דעם מענטשלעכן רצון, און דער מענטשלעכער רצון איז אין זיי נאָר איין ציפער פון אַ מאַטעמאַטישער סומע. זייערע געדאַנקען זיינען דאָגמאַטיש אנגעשלייפט ביז דער לעצטער מדרגה, און לויט דער פאָרם זיינען זיי לאַנג, נודנע און איבערצייגנדיק ביז צום געניץ, ווי שולאויפגאַבן.

ס'איז קלאָר, אַז אפילו די באַגרעניצונג פון דער אויסערלעכער אַקטיווער פרייהייט אַליין וואָלט שוין געווען גענוג אַף נמאס צו מאַכן דאָס לעבן.

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט דאָס צו זעהן אין דער רוסישער רעוואָליוציע. ראָבעספיער און זיינע אנהענגער האָבן זיך אָבער אף דעם ניט אָפּגעשטעלט, זיי האָבן געוואָלט זיין ניט נאָר קליינלעך-אייפערזיכטיקע געזעצגעבער פון אויסערלעכן לעבן, נאָר אויך פאַרשפּרייטן זייער ממשלה אַף'ן אינערלעכן מענטשלעכן לעבן. זיי האָבן געוואָלט איינשטעלן אַ פולקומע איינהייטליכקייט פון אַלע געדאַנקען און טאַטען, נייגונגען און באַשלוסן. זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן צו דער נשמה-ריינקייט דורך געזעץ און דורך מדינה'שער השפעה. דער דאָזיקער ענין האָט זיך זיי נאָך אויסגעדוכט פאַר לייכט און דערגרייכבאַר דערפאַר, וואָס אין זייער באַוואוסטזיין איז פאַר זיי תמיד געשטאַנען ניט דער רעאַלער מענטש מיט זיין אייגענער אייגנאַרטיקער נשמה, נאָר אַ לאָגישער געשטאַלט פון אַ קאָלעקטיוון מאַנעקען-מענטשן מיט אַ „קאָלעקטיווער" נשמה. פון דער ספערע פון אַ מלמד-דרדקי גייט שוין דאָ ראָבעספיער אַריבער אין געביט פון אַ קירכן-כהן *), און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ווערט באַ אים אַ ודוי-קאַמער. די התקרבות צו דער אינקוויזיציע ווערט נאָך גרעסער.

אין זיין פּראָגראַם-רעדע פון 5-טן פעוראַל מעלדעט ראָבעספיער פאָלגנדיקעס: „וואָס איז דער גרונט-פּרינציפּ פון דער דעמאָקראַטיע, ד. ה. דער גרונט-מקור, וואָס שפּייזט און באַוועגט איר? דאָס זיינען די גוטע מדות. איך רעד וועגן יענע געזעלשאַפטלעכע מדות, וואָס האָבן אויפגעטאָן אַזעלכע נסים אין גריכנלאַנד און אין רוים און וואָס דאַרפן געבן נאָך בעסערע רעזולטאַטן אין דער רעפּובליקאַנישער פראַנקרייך, וועגן יענע מדות, וואָס דער תמצית זייער באַשטייט נאָר און אויסשליסלעך אין ליבע צום פאָטערלאַנד און זיינע געזעצן. אַלס גרונט-הנחה פאַר דעם דאָזיקן דערהויבענעם געפיל דאַרף זיין דער פּרימאַט פון געזעלשאַפטלעכן אינטערעס איבער אַלע פּערזענלעכע; פון דאַנען איז געדרונגן, אַז די ליבע צום פאָטערלאַנד זעצט פאָראויס אָדער באַשאַפט אַלע גוטע מדות, ווייל אויב ניט — ווי זשע אַ שטייגער וואָלט דער קנעכט פון געלדגייץ אָדער גאוה געקאָנט צעשטערן זיין אייגענעם אָפּגאָט לטובת דעם פאָטערלאַנד". פון דער אָ דרשה זעען מיר, אַז פאַר ראָבעספּיערן זיינען די געזעלשאַפטלעכע גוטע מדות ניט נאָר אַ אויסערלעכע דערשיינונג, נאָר זיי זיינען אויך ענג צונויפגעבונדן מיטן אינערלעכן נשמה-צושטאַנד. ער דאַרף

*) שטירנער רופט אָן ראָבעספּיערן, סען-זשיוסטן און אַנד. — „די גלחים פון דער רעוואָליוציע". אין יאָר 1792 האָט קאָנדאָרסע וועגן אים געשריבן דאָס זעלבע. „לויט זיין נאַטור איז ראָבעספּיער אַ פּריסטער, און נאָר דאָס וועט ער בלייבן". ס'איז אינטערעסאַנט אַז נאָר אינדיווידואַליסטן (אַ אַנאַרכיסט און אַ ליבעראַל) האָבן עס קלאָר דערשפּירט, אפשר נאָך בעסער פאַר די סאָציאַלאָגן.

האָבן אַ בירגער, וואָס זאָל זיין אַ אינערלעכער בעל־מדות. „אַלץ, וואָס איז אין דער שיטה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ניט עטיש, איז אויך ניט פּאָליטיש, זאָגט ער, אַלץ וואָס איז קעגן דער מאָראַל איז אויך קאָנטער־רעוואָלוציאָנער". און דער פּאָליטיקער ווערט שוין לגמרי פאַרוואַנדלט אין אַ כהן, בעת ער האַלט פון דער טריבונע פון קאָנווענט דעם 6־טן פעוורואַל 94 פאָלגנדיקע מוסר־רעדע אין דער פאָרם פון אַ פּאָרטראַג „וועגן די פּרינציפּן פון געזעלשאַפטלעכן מוסר": „מיר ווילן, — זאָגט ער — אַנשטאָט עגאָיזם אויפקשטעלן די זיטלעכקייט, אנשטאט כבוד — ערלעכקייט, אנשטאט דער געוואוינהייט — פּרינציפּן, אנשטאט אנשטענדיקייט — דעם פליכט־געפיל, אנשטאט דער מאָדע־טיראַניע—די הערשאַפט פון שכל, אנשטאט דער פאַראַכטונג צום אומגליק — די פאַראַכטונג צום חטא, אנשטאט גאווה — נשמה־גרויסקייט, אנשטאט ליבע צום געלט — ליבע צום גוטן שם... דאָס הייסט אַלע חטאים און נעגאַטיווע זייטן פון דער מאָנאַרכיע פאַרבייטן מיט אַלע גוטע מדות און נסים פון דער רעפּובליק". און ראָבעספּיער'ס מיטקעמפער פון יענער צייט, ביליא־וואַרען איז נאָך מוסיף: „דאָס פאָלק, וואָס מע וויל אים אומקערן צו פרייהייט, דאַרף קודם אין אַ געוויסן זין פון'סניי באַשאַפן ווערן, ווייל ס'איז נויטיק אויסצוראָטן די אַלטע פאַראורטיילונגען, עוקר זיין די אַלטע געוואוינהייטן, אויסבעסערן די פאַרדאָרבענע נייגונגען, באַגרעניצן די איבעריקע הצטרכותן, פאַרטיליגן די איינגעוואָרצלטע חטאים". מיר האָבן דאָ פאַר זיך ממש אַ גאַנצן שולחן־ערוך, אַ גאַנצע פּראָגראַם פון פּערזענלעכער עטישער פאַרפולקומונג. מיט דורות שפּעטער קען מען זיך צו איר צוהערן מיט אויפמערקזאַמקייט. אָבער ס'נעמט אָן אַ שוידער, בעת מע דערמאָנט זיך, אַז דעם פרעדיקט האָבן געהאַלטן מענטשן מיט שווערטן אף די לענדן, און אַז דאָ הערט זיך ניט נאָר דער לשון פון אַ גייסטלעכן נאָר אויך דאָס אמת'דיקע בלוט פון הערשער. זיי האָבן ניט נאָר אידעאיש געפאָדערט די וועלט זאָל תשובה טאָן, זיי האָבן עס אויך פיזיש דורכגעפירט אין די נשמות. דער איינער ראָבעספּיער פלעגט באַ זיך אין דער היים אין אַ פרייער שעה שרייבן „נאָטיצן" וועגן דאַנטאָנען. גוט אויפגעלייגטע היסטאָריקער זאָגן, אַז דאָס האָט ער געשריבן אַזוי צו זאָגן „על כל צרה שלא תבא", און זיי זיינען אויך טאַקע שטאַרק צוניץ געקומען בשעתו, בעת דאַנטאָן איז געוואָרן אַ מניעה אף זיין וועג. די דאָזיקע מוסר־נאָטיצן זיינען געוואָרן יענער פּילזאָגנדיקער פאָן, אַף וועלכן סען־זשיוסט האָט אויסגעמאָלט זיינע בלוטיקע געמעלן קעגן דאַנטאָנען. זיי זיינען במעט וואָרט אין וואָרט אַריין אין די פּונקטן פון זיינע טויט־באַשולדיקונגען. אין די נאָטיצן שטייט געשריבן: „ווי קען פאַרטיידיקן די פרייהייט אַ מענטש, וואָס עס איז אים לחלוטין פרעמד וואָס פאַר אַ ניט איז אידעע וועגן מאָראַל?"

פרעגט זיך: וואָס מיינט ער מיט דעם וואָרט? אויב עס רעדט זיך וועגן די עצם=
אויפגאַבן און פּרינציפּן פון דער רעוואָליוציע, — ווייסן מיר דאָך שוין פון
לאַנג, אַז אין דעם פּרט איז צווישן זיי קיין שום חילוק ניט געווען. אָדער עס
האַנדלט זיך וועגן גוטע מדות (למשל, עניוות אין לעבנס=שטייגער אָדער
צניעות), וואָס האָבן, לויט זיין מיינונג, אויסגעפעלט דאַנטאָנען? דאָ איז
שוין, פאַרשטייט זיך, דאָ אַ נפקה מינה. בּאַ ראָלאַנען רופט דאַנטאָן אויס אין
טריבונאַל, האָבנדיק אין זינען ראָבעספּיערן: „פּאַרדאַסטע צביעות נעמט באַלד
אַרום דאָס גאַנצע פאָלק. ס'איז גענוג, אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַ שלעכטן מאַגן
און אַטראָפירטע געפילן, ער זאָל זיך שפּייזן מיט אַ שטיקל קעז און שלאָפן אין
אַ שמאָל בעטל, און איר וועט אים גלייך קרוינען מיטן נאָמען „שונא בצע"
און באַפרייען אים דורך דעם נאָמען פון דעם חוב צו זיין מוטיק און קלוג. איך
פאַראַכט די דאָזיקע נעבעכדיקע צדקות". אודאי האָט דאַנטאָן אָפּגעוואָרפן
דעם מין גוטע מדות (אָדער נעבעכדיקע צדקות), צי קען מען זיי אָבער אַנ=
בינדן מיט געוואַלט, צי קען מען זיי אויסבעסערן אונטערן וואַרנענדיקן סקריפּ
פון דער גיליאָטינע? מיר קענען אויך קלערן, אַז מיטן וואָרט מאָראַל האָט
דאָ ראָבעספּיער געהאַט בּדעה טאַקע יענע אינערלעכע גוטע מדות, וואָס
זיינען אין זיינע אויגן געווען דער ממשותדיקער יסוד פון בירגער. און אפשר
האָט ער גראָד דאָס ניט דערפילט בּאַ דאַנטאָנען? קען זיין, דאַנטאָן האָט אָבער
באַוואוסטזיניק ניט געוואָלט דערלאָזן אַזאַ שליטה איבער דער מענטשלעכער
נשמה. די ווייטערדיקע געשעהענישן האָבן באַוויזן, אַז ער איז געווען גע=
רעכט, נאָר אויך בּאַ די יעמאָליקע חילוקי=דעות האָט ראָבעספּיער ניט געטאָרט
אים טויטן און אָפּנעמען אים בּאַ דער רעוואָליוציע.

מע קען זיך ניט באַציען צו מענטשן אַזוי צווייענדיק, ווי ראָבעספּיער. מע
קען ניט פאַראַכטן זיי און ניט גלויבן אין דער זעלבסטשטענדיקער אַנטוויק=
לונג פון זייערע נשמות, און אין דער זעלבער צייט שטעלן פאַר זיי די אומ=
געהויערסטע, אפשר אפילו איבער=מענטשלעכע פאָדערונגען. לאָמיר זיך דער=
מאָנען אָן דעם קורצן און באַדייטנדיקן דיאַלאָג אין קאָנווענט דעם 26 נאָוועמבער
1793. ריידנדיק וועגן טעראָר, האָט דאַנטאָן געהאַלטן פאַר נויטיק מוסיף צו זיין:
„דאָס פאָלק וויל ניט עס זאָלן ציטערן פאַר שרעק די אַלע, וואָס זיינען פון דער
נאַטור ניט באַשערט געוואָרן מיט קיין סך ענערגיע, נאָר וואָס
דינען דעם פאָטערלאַנד בכל מאדם — ניין, דאָס פאָלק וויל עס ניט".
בּתשובה אף דעם האָט אים דער שטאָל=אייזערנער יאַקאָבינער דעפּוטאַט
פּייאָ *), געענטפערט: „דאַנטאָן רעדט וועגן רחמנות... וואָס איז שייך מיר,

*) ס'איז טשיקאַווע צו וויסן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן פון אַזאַ מענטשן?
צי האָט ער ניט געפונען זיין מקום=מנוחה צווישן באָנאַפּאַרט'ס מקורבים?

האַלט איך, אַז יעדער איינער, וואָס האָט קיין זאַך ניט געטאָן פאַר דער פרייהייט אָדער האָט ניט געטאָן פאַר איר אַליין, וואָס ער האָט געקאָנט, דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן אירע שונאים". דאַנטאָן האָט ליב דעם מענטשן און מיט צאַרטקייט האַרט ער אַף זיינע רעוואָלוציאָנערע מעשים, ער גייט ניט גריבעלן זיך אין זיין נשמה, מעסט אים ניט מיטן מאָס פון זיין אייגענער נאַטור, פלמס'ט אים ניט. „איר האַלט פאַר אַ חטא די שנאה וואָס מע פילט צו אייך", האָט ער אויסגערופן אין זיין לעצטער באַגעגעניש מיט ראָבעספיערן. אַנדערש גערעדט, וויל דאַנטאָן ניט שטראָפן פאַר קיין נשמה־באַוועגונגען אָדער אפילו גלאַט נאָכשפּירן זיי. ניט אין דעם זעהט ער די פעסטיקונג פון דער רעוואָלוציע, ווייל ער ווייסט, אַז הגם די שטענדיקע האַרמאָניע פון אינערליכער באַשטרעבונג מיטן אויסערליכן טאַט וואָלט געווען אַ גרויס גליק פאַר דער רעוואָלוציע, פונדעסטוועגן קען מען די דאָזיקע האַרמאָניע ניט אויפצווינגען פון אויסנווייניק מיט כח. אַנדערע וועגן פירן צו איר, אפשר לענגערע, אָבער זיכערע. אין דער דאָזיקער וועלט פירט דעם מענטשן דער וועג פון געוואַלט און צוואַנג גראָד צו אַ היפוכ'דיקן פועל־יוצא — צו אַ דאָפּלטן קראַך פון די אינערלעכע און אויסערלעכע דערגרייכונגען.

שאַרף זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די וועגן פון ראָבעספיערן און דאַנטאָנען, ניט קוקנדיק אַף די אידענטישקייט פון זייערע יסודות אין דער רעוואָלוציע. פאַר ראָבעספיערן איז וויכטיק, אַז אין רעוואָלוציאָנערער פראַנקרייך זאָלן טריאומפירן די מדות טובות. ער האָט געשטרעבט צו זעהן זייער פאַרקערפּערונג אַף אַלע וועגן און שטעגן פון אויסערלעכן געזעלשאַפטלעכן און פריוואַטן לעבן, אין זיי האָט ער געוואָלט זעהן דעם מקור, וואָס זאָל כסדר באַוואַסערן די פעלדער און וועלדער פון אינערלעכן נשמה־לעבן פון מענטשן. און בכדי צו זיכערן זייער קיום, איז באַ אים רעכט געווען לייגן אַ האַנט אַף דער אינערלעכער און אויסערלעכער מענטשלעכער פרייהייט און אומפענטעווען איר מיט אַ גאַנצער נעץ פון געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע טאַפּ־פינגער. דער טריאומף פון זיין כמעט אום־פערזענלעכער טעאָריע וועגן לעבן און געזעלשאַפט איז אים געווען טייערער ווי דאָס גליק פון איינצעלנע מענטשן. און אַז מיר וועלן נאָך צו איר מוסיף זיין דעם ספאַרטאַניש־קלויסטערישן כאַראַקטער, וואָס ער האָט געוואָלט אָנבינדן דער אויפפירונג פון די מענטשן, וועט שוין פאַר אונז לגמרי קלאָר ווערן דער אַלגעמיינער פּרצוף פון זיין לעבנס־אידעאַל. ער איז באמתן געווען אַ „שונא־בצע", אַ שונא שמחה און פרייהייט און מענטשלעכע אומשטערבליכקייט. פאַר דאַנטאָנען אָבער באַשטייט די העכסטע ציל פון דער רעוואָלוציע אין דעם גליק פון לעבעדיקע, רעאַלע מענטשן. דאָס הייסט ניט, חלילא, אַז אין דער בלינדער

עפּיקורעאישער יאָגעניש נאָך די לעבנס־שמחות וואַרפֿט ער אָפּ די יסודות פֿון דער רעוואָלוציע, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר דעם תוך פֿון ראָבעספּיערס באַגריף פֿון „גוטע מדות“. מיט אַ העראָישן גלאַנץ האָט דאַנטאָן פֿאַרטיידיקט די זעלביקע פּרינציפּן פֿון דער רעוואָלוציע (ליבע צום פֿאָטערלאַנד און צו דער גלייכהייט פֿאַרן געזעץ, פּרימאַט פֿון אַלגעמיינעם אינטערעס פֿאַרן פּריוואַטן, וכ״ד.). אָבער נאָך דעם, ווי זיי זיינען פּראָקלאַמירט און פֿאַרזיכערט געוואָרן, גיט ער איבער זייער פֿאַרווירקלעכונג באמונה שלמה אין די הענט פֿון די בירגער אַליין, אין די הענט פֿון זייער פֿרייהייט. באַשיצנדיק די אויסערלעכע און אינערלעכע פֿרייהייט פֿון מענטשן, קעמפֿט ער קעגן דעם, ער זאָל פֿאַרשקלאַפֿט ווערן דורך אַלץ־אַרומנעמענדיקע געזעצן און אַף זיין נשמה־וועלט זאָל ניט אַרויפֿגעלייגט ווערן אַ חוצפּה׳דיקע האַנט. ווייל אויב דאָס גאַנצע אויסערלעכע לעבעדיקע לעבן איז אין זיינע אויגן אַ גרינער פֿעלד — על אחת כמה וכמה איז פֿאַר אים די מענטשלעכע נשמה אַ פֿעלד, וואָס ווערט באַגאָסן נאָר מיטן שיין פֿון זיין אייגענער זון. דאָס גליק, וואָס ווערט געשיינקט פֿון דער רעוואָלוציע, באַשטייט פֿאַר דאַנטאָנען אין דעם פֿרייעם פֿאַרנעם פֿון אַקטיווער האַנדלונג, אין דעם ממשות׳דיקן רצון פֿון דער אינערלעכער וועלט, וואָס ווערט אין דער אייגענער צייט באַלויכטן מיט די העכסטע פּרינציפּן פֿון דער רעוואָלוציע. און אַז מיר וועלן נאָך צו דעם צוגעבן דאָס, וואָס האָט שטענדיק באַפּוצט דאַנטאָנען אַליין — די אויפֿריכטיקע אנציקונג פֿאַרן לעבן, פֿאַר דער נאַטור און די מענטשן, דעם ליכטיקן אָפּטימיזם, דעם אָפֿענעם קינדערשן געלעכטער, די קאָכנדיקע און ברויזנדיקע בלוט — וועט אויסוואַקסן פֿאַר אונז דער פֿלאַקערדיקער און פֿייערדיקער אידעאַל פֿון דאַנטאָנען, פֿון יענעם אידעאַל, וואָס איז אין ראָבעספּיערס אויגן געווען נאָר די פֿאַרקערפּערונג פֿון „חטא“, און וואָס האָט אין דער אמתן געגעבן זיינע טרעגער און זיין סביבה נאָר די ריינע לעבנס־שמחה.

לויט דער שילדערונג פֿון דיכטער איז זיך ראָבעספּיער מתוכח מיט דעמולענ׳ען. יענער זאָגט אים, זיך פֿאַרענטפֿערנדיק: „איך האָב געלערנט ליב צו האָבן די פֿרייהייט, כ׳האָב געוואָלט, אַז דאָס ליכטיקע געשטאַלט פֿון גליק זאָל גלאַנצן פֿאַר די אויגן פֿון פֿאָלק“. און ראָבעספּיער ענטפֿערט: „גליק! דאָס איז אַ פֿאַרדאַרביק וואָרט, מיט וועלכן איר ציט צו זיך צו אַלע עגאָיסטן און געלד־גייצן. ווער וויל עס ניט קיין גליק? מיר לייגן אָבער פֿאָר דאָס גליק פֿון ספּאַרטע און ניט פֿון פּערסעפּאָל׳ס. גליק — דאָס זיינען גוטע מדות“. דאָס זיינען ריכטיקע ווערטער. אָט אַזוי אָ האָט געקוקט אַפֿן לעבן ראָבעספּיער מיט זיינע קאַלטע אויגן, וואָס האָבן קיינמאָל פֿון קיין טרער ניט געוווּסט. פֿאַר דאַנטאָן פֿאַרשטייט זיך איז ריכטיק פּונקט דער היפּוך׳דיקער כּלל — די נוי־

טיקע גוטע מדות, וואָס זיינען ווערט דעם מענטשן, דאָס איז דאָס גליק אליין. נאָר אַזעלכע מדות — די סכּעמע און פּראָגראַם פון גאַנצן לעבן — קענען פּרעטענדירן אַף אַ קיום, וואָס זאָלן אין זייער פאַרווירקלעכונג באַגנאַדיקן מענטשן מיט גליק.

ווי קלאָר ווערט שוין נאָך דעם דאָס איבעריקע אין זייערע ביידנס פּאָליטיק! ווער פון זיי נויטיקט זיך אין אַ דיקטאַטור, אין אַ סיסטעם פון דויערנדיקער הערשאַפט איבער מענטשן? פאַרשטייט זיך, ראָבעספּיער, דער גרויסער פּע־סימיסט, וואָס האָט מורא פאַר דער פרייהייט, וואָס גלויבט ניט אין מענטשן. און ווייניקער פון אַלעמען באַדאַרף איר האָבן דאַנטאָן. אָפט זאָגט ער אין קאָנווענט: „מע דאַרף זיין פאָלק" (Soyous peuple) און אין די ווערטער דרוקט זיך אויס אַף אַ בולט'ן אופן זיין שטרעבונג זיך צונויפגיסן מיטן פאָלק און אָפּהיטן דערביי זיין אייגענעם איך. אין זיין רעדע פון 21 נאָוועמבער 1793, אין וועלכער עס דונערן נאָך באַ אים די לעצטע אָפּקלאַנגן פון טעראָר, זאָגט ער: „וואָס וויל דאָס פאָלק פון אונז? מיר זאָלן אים לאָזן הנאה האָבן פון די פּרוכט פון אונזער קאָנסטיטוציע". זיינע באַשטרעבונגען זיינען קלאָר: ער וויל ניט זיין קיין דיקטאַטער. „דאַנטאָן, — זאָגט מישלע, — האָט ניט געוואָלט זיין עפּעס גרעסערס ווי דאַנטאָן, ד. ה. ער האָט נאָר געוואָלט ברייגנען צום אויסדרוק דעם גרויסן כּח, וואָס איז געווען אין אים פאַרבאַהאַלטן".

און וואָס האָבן גערעדט די אַנדערע, די יאַקאָבינער?

„וואָס כ'האָב געטאָן אין דרום, זאָגט באָדאָ, וועל איך טאָן אויך אין צפון. איך וועל פון זיי מאַכן פּאַטריאָטן; אָדער זיי אַ טויט, אָדער מיר אַ טויט". „מיר מאַכן פון פראַנקרייך אַ בית־עלמין", זאָגט קאַריע *), נאָר ווידער אויפ־שטעלן וועלן מיר איר לויט אונזער וואונש". זשאַנבאָן דע־סענט־אַנדרע האָט געזאָגט דעם 25־טן סעפּטעמבער 1793: „מע זאָגט אַז אונזער הערשאַפט איז אומבאַגרעניצט, אַז מיר זיינען דעספּאָטן, יאָ, אמת, אויב דער נצחון פון דער פרייהייט קען קומען נאָר דורך'ן דעספּאָטיזם, איז דער דעספּאָטיזם אַ פּאָלי־טישער פאַקטאָר". און דעם גאַנצן כאָר פון גרויזאַמקייט און בלוט דעקט ראָבעספּיער אַליין בעת ער זאָגט קלאָר און דייטליך אין זיין רעגירונגס־באַריכט צום קאָנווענט דעם 5־טן פעוורואַל 1794: „מע פלעגט זאָגן, אַז אין טעראָר ליגט דער מקור פון דעספּאָטישער הערשאַפט. צי שוין זשע איז אָבער אונזער הערשאַפט דעספּאָטיש? יאָ, פּונקט אַזוי, ווי דער שווערד, וואָס שיינט אין די

---

*) ער רעדט ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין, און ער האָט עס דערוויזן באותות ומופתים באַ די מאַסן־דערטרענקונגען פון די שונאים פון קאָנווענט אין נאַנט.

העגט פון די פרייהייטס-העלד איז ענליך צום שווערד, מיט וועלכן עס זיינען באַוואפנט די משרתים פון דער טיראַניע; די רעגירונג פון דער רעוואָליוציע — דאָס איז די ד ע ס פ אָ ט י ע פון פרייהייט קעגן דער טיראַניע".

און פון דאַנען קומט שוין דער טעראָר. אויב די רעוואָליוציע טרעט אויף ווי דער „דעספאָטיזם פון פרייהייט", איז דער טעראָר — איר איינציקער וואפן. אין דער זעלבער רעדע גיט ראָבעספיער אויך די טעאָרעטישע באַגרינדונג פון טעראָר. אויב אין צייט פון שלום באַשטייט דער באַוועגנדיקער כח פון אַ פאָלקס-רעגירונג אין גוטע מידות, איז עס בעת אַ רעוואָליוציע גלייכצייטיק ג ו ט ע מ י ד ו ת א ו ן ט ע ר אָ ר. גוטע מדות, וואָס אָן זיי איז דער טעראָר אַ טויט סכנה; טעראָר, אָן וועלכן די גוטע מידות זיינען אָפּהענטיק. דער טעראָר איז נאָר אַ גיכע, פעסטע און האַרבע גערעכטיקייט און ווייטער גאָר ניט. ער איז אַף אַזאַ אופן אַ אויסשטראַלונג פון די גוטע מידות. ער איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקער פרינציפּ, נאָר גיכער אַ מסקנה פון אַלגעמיינעם כּלל פון דעמאָקראַטיע, וואָס ווערט צוגעפּאַסט צו די דרינגלעכסטע נויטן פון פאַטערלאַנד"... פון דער גאַנצער לומד'ישער דרשה האָבן מיר אייגנטלעך נאָר איין מוסר-השכל: „באַשטראָפן די אונטערדריקער פון דער מענטשהייט — דאָס איז באַרמהערציק; מ ו ח ל ז י י ן — ד אָ ס א י ז ב אַ ר ב אַ ר י ש". צו קען מען ערגיץ וואו געפינען אַ בעסערע כאַראַקטעריסטיק פון ראָבעספיערס גוטע מדות, ווי אין דעם דאָזיקן טעאָרעטישן שפּיגל?

קינע, וואָס האָט דערפילט און נאָכגעפאָרשט די נאַטור פון טעראָר פאַרן גאַנצן משך פון דער געשיכטע, — באַ די אינקוויזיטאָרן, באַ פיליפּ דעם צווייטן פון שפּאַניען, באַ די ווענעציאַנישע דאָזשן, רישעליע און באַ אַנדערע בלוטיקע מושלים, — האַלט ניט, אַז דער פראַנצויזישער רעוואָליוציאָנערער טעראָר זאָל זיין דער בעסטער אין איכות. גאַנץ ערנסט און אָן וואָס פאַר אַ ניט איז איראָניע ווייזט ער אָן, אַז „דער פלעבייִ ראָבעספיער האָט זיך כסדר געיאָגט נאָכן אידעאַל פון מאָנאַרכישן אַריסטאָקראַטישן טעראָר, וואָס פלעגט אָבער תמיד פון אים פ אַ ר ש וו י נ ד ן. סען-זשיוסט האָט זיך שוין מער פון אים דערנענטערט צו דעם אידעאַל. אפשר נאָר דער יונגערמאַן אַליין מיט דער שטייפקייט פון פיליפּ דעם צווייטן, גיט אַ השגה פון יענעם כאַראַקטער, פול מיט פייער און אייז, מיט וועלכן ס'האָבן זיך אין די אַלטע צייטן אויסגעצייכנט דער קעניג און די אַריסטאָקראַטיע. נאָר אויך ער רעדט מער ווי מע דאַרף, בכדי צו זיין שרעקלעך, ער זאָגט אָן פון דער טריבונע דאָס, וואָס וואָלט נאָר געזאָלט זיין פאַרבאַהאַלטן אין דר'ערד. פיליפּ דער צווייטער און דער „ראַט פון די צעהן" האָבן זיך אַנדערש אויפגעפירט, און דערפאַר האָבן זיי פונאַנדערגעצויגן אַף דורות די שיטה, וואָס האָט זיך אויסגעהויכט באַ סען-זשיוסטן אין עטלעכע

חדשים. ער האָט ניט פאַרשטאַנען די חכמה, ווי איינצוהיטן די אימה, און אַף אַזאַ אופן פאַראייביקן איר". פאַרשטייט זיך, אַז אונז איז שווער צו באַשליסן, וועמען פון אַלע טעראָריסטן פון דער מענטשהייט עס געהערט די בכורה; עס דאַכט זיך אָבער, אַז קיינע איז אַ ביסל פונע בכבוד די ראָבעספּיעריסטן און זייערע גוטע מדות. אַף ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזן, האָבן זיי אָפּגעטאָן אַלע מערדערייען וואָס זיינען נאָר מעגלעך געווען. סאַ׳יז אָבער אַ שאלה, צי איז עמיצער בכח צו „פאַראייביקן" דעם טעראָר אין אַ רעוואָליוציאָנערער תקופה. פּילפּ דער צווייטער און אַנדערע, אַזעלכע ווי ער, שטיצן זיך דאָך אַף דער דורות־לאַנגער טראַדיציע; די רעוואָליוציאָנערע טעראָריסטן מוזן אָבער טאָג־איין — טאָג אויס אויסקעמפן זייער פּאָזיציע פון דאָסניי. די אַרויסטרעטונגען בפומבי און די קאָנווענט־דעקלעראַציעס — דאָס איז יענער אָפּצאָל, וואָס די טעראָריסטן — ערשט אויפגעקומענע אין דער געשיכטע — מוזן צאָלן די מאַסן — דעם מקור פון זייער מאַכט. אין דעם אָבער ליגט אויך די סיבה פון זייער אומבאַדינקטער מפלה און אונטערגאַנג. אויב אַפילו די ראָבעספּיעריסטן האָבן ניט לאַנג געהערשט, האָבן זיי פונדעסטוועגן אין די ראַמען פון זייער השפעה אויפגעטאָן אַליץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. אין דעם וועלט־פאַנטעאָן פון די אידעאישע העלדן און העקערס פון דער אידעע איז פאַר זיי אָנגעגרייט אַ בכבוד׳יקער אָרט. — ממילא ווערט שוין קלאָר, ווי רופט זיך קינע אָפּ וועגן דעם טעראָריזם פון די דאַנטאָניסטן. „דאַנטאָן און דעמולען, זאָגט ער, זיינען געווען דער פולקומער היפוך פון סען־זשיוסט׳ס כאַראַקטער. זיי האָבן געפאַלשעוועט מיטן טעראָר, זיי האָבן זיך צו אים בשום אופן ניט געקאָנט צופּאַסן, זייער גאַנצער מהות האָט קעגן אים פּראָטעסטירט. דאַנטאָן האָט פאַרמאָגט אַ געוויסע גוטמוטיקייט, וואָס האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט צונויפפּאַסן מיט דער שיטה פון פּחד. ער פלעגט צוגעבן דעם טעראָר אַ אימפּולסיוון, אַ הומאַנישן, כמעט אַ באַרמהערציקן געשטאַלט. און דערפאַר האָט ער געמוזט אונטערגיין".

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע. די, וואָס האָבן געפאַלשעוועט מיטן טעראָר און פאַר וועמען ער איז געווען אַ דריקנדיקער יאָך, אַ טרויער־וואָלקן אַף די הימלען פון דער רעוואָליוציע, האָבן זיך געמוזט צונויפשטויסן מיט יענע, פאַר וועמען דער טעראָר איז געווען אַ באַליבטער השפעה־וועג, וואָס האָבן זיך מיט אים באַנוצט און האָבן אים שטענדיק „געשאַנעוועט". אַצינד ווייסן מיר שוין, אַז אַזאַ מין צונויפשטויס אין דער פראַגע פון טעראָר איז בײַ זיי געווען ניט קיין צופאַל־זאַך, נאָר אַ פועל־יוצא פון די ניגודים צווישן זייערע מענטשלעכע נאַטורן. און אין שיין פון דער דאָזיקער וויסן אונזערן פון זיי, ווי פון מענטשן, פלאַקערן אויף מיט אַ נייעם אַלץ־דערקלערנדיקן פייער זייערע פּאָליטישע וכחים

וועגן טעראָר, וואָס ציִען זיך מעהר ווי אַ יאָר פֿון דעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן פֿעריאָד פֿון דער רעוואָלוציע. פֿאַר ראָבעספּיערן איז דער טעראָר געווען דער בעסטער השפּעה=מיטל ניט נאָר אַף די אויפֿפֿירונג פֿון די בירגער, נאָר אויך אַף זייערע נשמות. דאַנטאָן אָבער האָט אין אים איינגעזעהן דעם גרעסטן חילול=הקודש פֿון דער פֿרייהייט פֿון די בירגער, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער אין דער רעוואָלוציע. אין פֿאַרשידענע מאָמענטן פֿון דער רעוואָלוציע פֿלעגן זיי זיך נאָך אפֿשר יאָ קענען צונויפֿרעדן אַף אַ צייטווייליקער טעטיקייט=פּראָגראַם, זייער קאָנפֿליקט איז אָבער געווען *מענטשלעך=אומפֿאַרמיידלעך*.

אומפֿאַרמיידלעך איז געווען דער קאָנפֿליקט און אויך דאַנטאָנ׳ס טויט. דערנאָך איז געקומען אויך דער טויט פֿון ראָבעספּיערן. נאָר ווי גרויס איז דער חילוק צווישן זיי לויטן כאַראַקטער און לויט זייער מוסר=השׂכּל. ראָבעספּיער איז געפֿאַלן ווי אַ מלוכה=מענטש, וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פֿיס. דאַנטאָן איז אַוועק אין דער אייביקייט ווי אַ טרעגער פֿון אַ אידעע, וואָס איז באַזיגט געוואָרן מיט כּח. אַלע ווייסן, ווי אַזוי איז פֿאָרגעקומען דער 9=ער טערמידאָר, נאָר עס בלייבט די קושיא — פֿאַרוואָס האָט ראָבעספּיער יעמאָלט אַרויסגעוויזן אַזאַ *שוואַכקייט*, פֿאַרוואָס האָט ער ניט געראַטעוועט זיין לאַגע און די לאַגע פֿון דער רעוואָלוציע? אָט וואָס עס זאָגט קינע: „צי דען קען מען זאָגן אַף געוויס, אַז ווען ראָבעספּיער וואָלט געהאַט אַ אַקטיוון כאַראַקטער וואָלט ער נאָך דער מפּלה אין דער פֿרי (דעם 8=טן טערמידאָר) ניט געקענט ווידער אויפֿשטעלן די לאַגע? האָט מען אָבער באַדאַרפֿט דעם 8=טן אין אָוונט ניט לייענען פֿאַר די יאַקאָבינער קיין לעקציע, נאָר באַוואָפֿענען זיי, אַרעסטירן דעם קאָמיטעט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג, אָפּגעבן אין זיין נאָמען באַפֿעלן, אַרומרינגלען זיך מיט קאַוואַלעריע, צונויפֿזאַמלען די געטרייע סעקציעס, פּאַראַליזירן די אַנדערע און אָפּנעמען בײַ זיי דאָס געווער, נעמען אין געפֿענקעניש, פֿאַרשיקן, הרג׳ען און קיניגן — און דאָס אַלץ צוזאַמען. דאַן וואָלט דער 9=ער טערמידאָר דערהערט, ווי דער איבעראַשטער קאָנווענט, וואָס האָט פֿאַרלוירן זיינע פֿירער, וואָלט באַגריסט ראָבעספּיערן דעם חכם, דעם שונא=בצע, דעם רעטער. און ראָבעספּיער וואָלט בדלית בּרירה געמוזט אָננעמען די אייבערשטע מאַכט... אָט אַזעלכע שאַנסן — אויב אפֿילו שוואַכע — האָט ער געהאַט אנשטאט דעם עשאַפֿאָט. למאי זשע האָט ער זיי ניט פֿאַרזוכט?“

אָפֿט ענטפֿערט מען אַף דעם, אַז ראָבעספּיער האָט ניט געוואָלט גיין קעגן רצון פֿון קאָנווענט. אפֿשר איז עס ריכטיק, ווייל הגם ער פֿלעגט כּסדר פֿאַרגוואַלדיקן דעם רצון פֿון דעם זעלביקן קאָנווענט, האָט ער אָבער שטענדיק געזוכט די באַפֿרידיקונג פֿון זיין אַדוואָקאַטישן געוויסן אין „געזעצלעך“ צונויפֿגעשטעלטע אָפּשטימונגען. אונז דאַכט זיך אָבער, אַז ער וואָלט זיך ניט גערעכנט מיט

דעם געזעצלעך=אויפגעשטאַנענער מערהייט קעגן אים. אויב ער וואָלט ניט דער=
פילט קיין קראַפט אין עפּעס אַנדערס. דער רצון זיינער איז צעבראָכן געוואָרן,
אָדער ריכטיקער געזאָגט — דער מאַנגל אין אַ אַקטיוון רצון האָט זיך אויך
דענסטמאָל בולט אַרויסגעוויזן בײַ אים. אין דער גאַנצער צייט פון זיין רעוואָלי=
ציאָנערער קאַריערע זעען מיר כמעט קיין איין מאָל ניט, ער זאָל אַרויסווייזן
רעאַלע מעשים און אויפהויבן די מאַסן. ער איז שטענדיק געווען נאָר אַ
בעל=דרשן, אַ שריפטשטעלער און אַ קאָמיטעטישער פאַרשווערער אָבער ניט
קיין רעוואָליוציאָנער. זיין השפעה האָט זיך באַוויזט ניט אפן אָנטייל אין
קאַמף, נאָר תחילת אַף דער צוציאונגס=קראַפט פון זיין פערזענלעכקייט, און
דערנאָך אַפן שרעק=היפנאָז. „נאָר דורך שרעק זיינען מענטשן געווען געבונדן
מיט אים“, זאָגט קינע. און בעת דער פחד איז פאַרגאַנגען דעם 8=טן טערמידאָר,
איז געוואָרן אַ סוף אויך צו זיין אַווטאָריטעט. די מערהייט, וואָס האָט זיך אַ
שטעל געטאָן אַ קעגן אים, האָט אים ניט אַזוי איבערגעשראָקן מיט איר קאָנס=
טיטוציאָנעלן כח, ווי דורך דעם, וואָס זי האָט דערוויזן, אַז זי האָט שוין מעהר
קיין מורא ניט פאַר אים. דאָס, וואָס ס'האָט פאַסירט איינמאָל, וואָלט געקאָנט
זיך איבער'חזר'ן אַ צווייטן מאָל, און ס'וואָלט אים שוין דאָ אויך קיין שום מער=
הייט ניט געהאָלפן. האָט מען, הייסט עס, געדאַרפט שטעלן זיך בראש פון א
העפטיקן קאַמף. און גראד דאָס איז ער ניט געווען ביכולת צו טאָן. און
נאָך איינס — אַף וועמען האָט ער זיך איינגטלעך געקאָנט שטיצן, אויב ער וואָלט
געזיגט? אין יענעם טאָג האָט ער געמוזט באַגרייפן די גאַנצע סביבה פון דער
רעוואָליוציע. די רעוואָליוציאָנערע קאָמונע האָט פאַרלוירן אירע פירער, די
סעקציעס זיינען אומעטום געוואָרן נישטיק, דער ענטוזיאַזם פון די בירגער איז
אויסגעלאָשן געוואָרן דורך דער ביוראָקראַטישער געהאָרזאַמקייט. לינקס פון
אים ליגט אַ אָפּגרונט און וועלכן עס טראָגן זיך אום די שאָטנס פון העבער,
שאָמעט, דאַנטאָן. און רעכטס — אַ צווייטער אָפּגרונט, וואָס בײַ זיין ראַנד
זיינען צונויפגעזאַמלט ערגלאָזע טעראָריסטן און מאַרגנדיקע בוגדים. ראָבעספיער,
וואָס האָט געמאַכט אַ חורבן פון דער רעוואָליוציע, האָט דאָך זיכער געמוזט
פאַרשטיין, אַז ווען ער וואָלט אפילו געזיגט, וואָלט ער דאָך אַף מאָרגן אַריינ=
געפאַלן אין צו פיל שטייפערע הענט ווי די פריערדיקע. ער, די פאַרקערפּע=
רונג פון דער טיראַנישער מיטע פון דער רעוואָליציע, איז געבליבן כמעט אין
גאַנצן איינזאַם אין דער גרויסער מעכטיקער שטאַט. און דאַן איז אים באַפאַלן אַ
פולקומע פאַרלאָרנקייט *).

---

*) „ראָבעספיער, דער פלאַפלער אָן אַ שום איניציאַטיוו, וואָס האָט גע=
האַלטן אַז דאַנטאָן איז צו קרעפטיק, און וואָס האָט אים געטאַדלט פאַר דער
גרויסמוטיקער העזה, צַף וועלכע ער אַליין איז ניט געווען פייאיק; וואָס איז גע=

ווי ווייט פֿאַרשיידן איז זי אָבער פֿון דער מידיקייט, וואָס עס האָט געפֿילט דאַנטאָן פֿאַר זיין טויט! ראָבעספּיער האָט זיך פֿאַרלוירן, ווייל זיין פּאָליטיק האָט זיך ניט איינגעגעבן, ווייל דער באָדן איז אַוועקגעשוואומען פֿון אונטער זיינע פֿיס, ווייל ער האָט ניט געקאָנט און ניט פֿאַרשטאַנען ווי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף. דאַנטאָן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פֿון קאַמף, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט ווידער אַ מאָל פֿונאַנדערפֿלאַקערן דעם פֿייער פֿון בירגער־קריג, הגם ער וואָלט עס געקאָנט טאָן, אויב ער וואָלט אויפֿגעוועקט אין זיך זיין לייבישן כּח. ראָבעספּיערן האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דער אַרענע, ווי אַ באַזיגטן מאַנס. דאַנטאָן איז אַוועק פֿון איר, ווי אַ פּריצייטיקער רודף־שלום. „גראד דורך דעם האָט זיך דער „מענטש פֿון סעפּטעמבער“ פֿאַראורטיילט צום טויט, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פּרוב אויפֿצושטעלן די הערשאַפֿט פֿון באַרמהערציקייט און אָראָפּשליידערן דעם עשאַפֿאָט“. און באַם סוף פֿון זיין פּראָצעס האָט ער געהאַט דאָס פֿולע רעכט צו זאָגן: „מיין נחמה באַשטייט אין דעם געדאַנק, אַז אַ מענטש, וואָס קלייבט זיך שטאַרבן אַלס פֿירער פֿון די באַרמהערציקע וועט געפֿינען פֿאַרשטענדניש בײַ די קומענדיקע דורות“.

יאָ, זייער גיך האָט ער געפֿונען זיין אָנערקענונג. „די גרויזאַמסטע פֿון די מאָנטאַניארן האָבן געהאַט די גרעסטע חרטה וועגן זיין טויט, דער אכזריות'דיקער לעוואַסער האָט זיך מודה געווען, אַז דאַנטאָנ'ס פֿאַלן האָט געבראַכט צו

שטאַנען מן הצד דעם 10־טן אויגוסט און האָט קיין שום דעה ניט געזאָגט וועגן דער סעפּטעמבער־שחיטה; וואָס האָט פֿאַראורטיילט דעם יום־טוב פֿון שכל און איינגעאָרדנט אַ יום־טוב פֿון דעם העכסטן וועזן; וואָס האָט פֿאַרפֿאָלגט קאַריע און געשטיצט פֿוקיע־טענווילן; וואָס האָט אין דער פֿרי זיך געקושט מיט קאַמיל דעמולען און אָפּגעגעבן אין אָוונט אַ באַפֿעל אים צו אַרעסטירן; וואָס האָט פֿאַרגעלייגט צו פֿאַרניכטן דעם טויט־שטראָף און האָט רעדאַגירט דעם פּרעריאַלגעזעץ; וואָס האָט איינעם נאָכן אַנדערן אָפּגענאַרט סיעסן, מיראַבאָ, באַרנאַוון, דאַנטאָנען, מאַראַטן, העבערן, און האָט דערנאָך גיליאָטינירט איינעם נאָכן אַנדערן אי העבערן, אי דאַנטאָנען, אי פּעטיאָנען, אי באַרנאַוון, דעם ערשטן אַלס אַ אַנאַרכיסט, דעם צווייטן אַלס אַ מעסיקן, דעם דריטן אַלס אַ פֿעדעראַליסט, דעם פֿירטן — אַלס אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט; וואָס האָט געהאַט דרך־ארץ נאָר פֿאַר דער רעגירונגס־בורזשואַזיע און פֿאַר די כּופֿר'דיקע גייסטלעכע; וואָס האָט קאָמפּראָמעטירט די רעוואָליציע מחמת דער שבֿועה פֿון די גייסטלעכע אָדער מחמת דעם ענין אַסיגנאַציעס; וואָס האָט געשאַנעוועט נאָר יענע, ווער ס'האָט געפֿונען די ישועה אין שוויינן אָדער אין זעלבסטמאָרד; און וואָס איז, סוף סוף, געפֿאַלן אין יענעם טאָג, בעת ער איז געבליבן כּמעט איינזאַם צווישן די מענטשן פֿון גאָלדענער מיטע און האָט צוזאַמען מיט זיי באַמיט זיך צו שטעלן צוליב זיינע נוצן אַ גדר פֿאַר דער רעוואָליוציע“. אַזוי האָט געשריבן וועגן ראָבעספּיערן פּרודאָן. („Idée generale de la Rèvolution“)

דער מפּלה פֿון דער רעפּובליק, פּונקט אַזוי ווי עס ווערט חרב דער גאַנצער בנין, בעת עס ווערט צעבראָכן זיין הויפּט־זייל. דער אומ״רחמנות׳דיקער ביליאָ־וואַרען, דער זעלבער, וואָס איז אַזוי שטאַרק באַשטאַנען אַפֿן טויט פֿון די דאַנטאָניסטן, האָט אין 20 יאָר אַרום געזאָגט, אַז דעם 16־טן זשערמינאַל פֿון דעם 2־טן יאָר האָט ער פֿאַרגאָסן בלוט פֿון זיין ברודער. און מאַראַט׳ס שוועסטער פֿלעגט זאָגן: „ווען מיין ברודער וואָלט געלעבט, וואָלט מען בשום אופֿן ניט גיליאָטינירט דאַנטאָנען און דעמולענען *) **). דערפֿאַר דערציילט אונז אָבער מישלע, ווער עס האָט געהאַט פֿאַרדרוס פֿון ראָבעספּיערס טויט, אַ חוץ זיינע אייגענע אָנהייגער. „דער היסטאָריקער קאַראַמזין, — שרייבט ער —אַ מקורב פֿון דער רוסישער קעניגלעכער משפּחה, וואָס איז געווען געהיים געשיקט קיין פּאַריז, איז ממש אַנטציקט געוואָרן פֿון ראָבעספּיערס פּעסטקייט. דער פּאַרטיקולער פֿון פֿאַרשווערונגען האָט פֿאַרדינט זיינע פֿולקומע אָנערקענונג. און שטאַרק האָט ער געוויינט, בעת ער האָט, קומענדיק צוריק קיין פּעטערבורג, זיך דערוואוסט וועגן דעם 9־טן טערמידאָר“. פֿון וואַנען קומט עס אַזאַ פֿריינדשאַפֿט? און מישלע גיט אויך די תשובה אַף דעם: „אויב גלחים און מלכים האָבן אין זייערע אָפֿיציעלע מעלדונגען געשאָלטן דעם פֿירער פֿון די יאַקאָבינער, איז עס דערפֿאַר, וואָס אין דעם איז באַשטאַנען זייער ראָל. אינערלעך, אין באַוואוסטזיין האָבן זיי זיך צו אים פֿאַרהאַלטן גאַנץ אַנדערש. דער, וואָס האָט דער׳הרג׳עט קלאָטצן, שאָמעטן און די פּאַריזער קאָמונע און וואָס האָט צעשטערט די נייע מזבחות, — דער איז זוכה געווען צו באַקומען דעם אייביקן דאַנק מצד די גייסטלעכע, און דער וואָס האָט געבראַכט דעם טויט אַף דאַנטאָנען, דעמולענען, אַף די שטימע פֿון דער רעפּובליק און אַפֿן לעבן פֿון „באַרג“ — דער האָט דורך דעם אַליין פֿאַרדינט די אָנערקענונג פֿון מלכים... אַלע רעגירונגען זיינען צווישן זיך ברידער, און ראָבעספּיער איז דאָך געווען אַ רעגירונג“.

מיר האַלטן שוין באַם סוף, און מיר ווילן סומירן אַלע אונזערע איינדרוקן,

---

*) „און אויך די העבעריסטן וואָלט מען ניט גיליאָטינירט. בכלל, אויב מאַראַט האָט פֿאַרשטאַנען די צייטווייליקע דערביטערונג פֿון פֿאָלק אין געוויסע מאָמענטן און האָט איר אויך געהאַלטן פֿאַר נויטיק, איז ער בלי ספק ניט געווען קיין אָנהייגער פֿון דעם מין טעראָר, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן פֿון די יאַקאָבינער נאָך סעפּטעמבער 1793“ (Кропоткин 449).

**) „ראָיאַליסטן האָבן געקליבן נחת פֿון דעם טויט פֿון די דאַנטאָניסטן. זיי האָבן זיך אויך געפֿרייט בעת זיי האָבן דערזעהן, אַז דאַנטאָן איז אין טורמע, אַז דאַנטאָן ווערט דער׳הרג׳עט פֿון ראָבעספּיערן, אַז די רעפּובליק ווערט דערשטיקט פֿון דער רעפּובליק... איין געפֿיל האָט אומגענומען אַלע קאָנטררעוואָליוציאָנערן פֿון אייראָפּע. (Мишле VII, 177).

וואָס מיר האָבן פֿון זיי בײדן, פֿון די צוויי ריזן פֿון דער רעוואָליוציע. אָט איז
פֿאַר אונז ראָבעספּיער: אַ טרוקן־אַסקעטישער מענטש, אַ בעל־משפּט, וואָס
נעמט שטייף אַרום דאָס לעבן, אַ כּוהן, וואָס וויל פֿאַרכאַפּן זיינע נשמה־קוועלן,
וואָס גייט דורך דיקטאַטור און טעראָר צו דער דאָזיקער „רענטגעניזירונג‟ פֿון
דער נשמה. דאַכט זיך, אַז ער גייט גיך צו זיינע צילן, אַרום זיך אָבער פֿאַר־
שפּרייט ער חושך און עבֿדות. און אָט איז דאַנטאָן: מיט שמחה אַקצעפּטירט
ער דאָס לעבן פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע. ער לייגט מער האָפֿנונגען אויף די
מענטשלעכע פֿרייהייט, ווי אויפֿן כּח פֿון געזעץ, ניט דורך דער אויסערלעכער
„באַלייכטונג‟ זוכט ער וועגן צו דער מענטשלעכער נשמה, און ער זעט אויס־
צומיידן געוואַלט־טאַטן און אימה. אין אַלגעמיינעם לעבנס־פּלאַן מוזן
מיר אָפּגעבן די בכורה דעם אידעאַל פֿון דאַנטאָנען. ווייל אין אים איז
פֿאַרקערפּערט דאָס ליכטיקע פֿון לעבן, און בײַ ראָבעספּיערן זעען מיר דעם
רויען, מאָנאַכישן מלבוש. און אויך אין דער רעוואָליוציע, וואָס
שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם קאָנדענסירטן זאַפֿט פֿון הייסן לעבנס־קוואַל, ווילן
מיר שטענדיק שטרעבן צו איר ליכטיקן פּרצוף. דער ספּאַרטאַנישער קלויסטער
קען אפֿשר אַ מאָל ווייזן דעם וועג פֿון ישועה פֿאַרן פּרט. מע טאָר אים אָבער ניט
אָנבינדן מיטן כּח פֿון שווערד אין פּראָגראַם פֿון אַ פֿרעמדן לעבן. אין דער
הינזיכט איז פֿאַר אונז אַלץ קלאָר. קאָמפּליצירטער קומט אונז אָבער אויס
אַן אַנדער פּרט: אַ סך זאַכן זיינען אונז טייער אויך אין דער ירושה פֿון ראָ־
בעספּיערן. עס האָט פֿאַר אונז אַ גרויסן ווערט צו זעהן די טיפֿקייט, מיט וועל־
כער ער וויל אַריינטראַכטן זיך אין די פּרינציפּן פֿון דער רעוואָליוציע. ער פֿאַר־
מאָגט ניט קיין גאוניִשע אינטואיציע, ער באַמיט זיך אָבער דורכצוטראַכטן מיט
זיין זוכנדיקן עקבֿערדיקן מח ביזן סוף די רעזולטאַטן פֿון די כּללים, וואָס ער
האָט איינמאָל אָנגענומען, אָנצופּאַסן אַלע לעבנס־שטאָפֿן מיט זייער נייעם באַ־
פֿרוכפּערדיקן אינהאַלט. פֿון דאַנען שטאַמט זיין מעטאָדישער, טיף זיניקער גע־
דאַנקען־גאַנג, דער אומרחמנות׳דיק־לאָגישער ווי אַ גיליאָטינע, דער געדאַנקען־גאַנג,
וואָס לאָזט ניט איבער קיין שום באַהעלטענישן פֿאַרן שכל פֿון דעם צוהערער.
פֿון דאַנען קומט אויך דער קאָלאָסאַלער, אַלץ־אַרומנעמענדיקער, אָפּטמאָל
קליינלעך־טיראַנישער פֿאַרנעם פֿון זיין געזעצגעבונג, וואָס איז חל אויף אַלע ספֿערן
פֿון פּריוואַטן, געזעלשאַפֿטלעכן און מדינה׳שן לעבן פֿון מענטשן. לויט זיין
אויפֿפֿאַסונג האָט די רעוואָליוציע געדאַרפֿט קלינגען און אָפּהילכן אין אַלע הינ־
טערגעסלעך פֿון רעוואָליוציאָנערן פֿראַנקרייך, און נאָך מעהר — אפֿילו אין די
טיפֿסטע פֿאַרבאַהעלטענישן פֿון דער נשמה. ער האָט געפֿאָדערט, עס זאָל
פֿאָרקומען ניט נאָר די אויסערלעכע רעוואָליוציע, נאָר אויך די רעוואָליו־
ציאָניזירונג פֿון די נשמות. בהתמדה און אויף זיין שטייגער האָט

ער געזוכט די האַרמאָניע צווישן פיזישן זיין און דעם גייסט פון מענטשן. ער האָט געְרודפ׳ט דעם לינן, וואָס מאַרקירט זיך מיט דער אויסערלעכער געהאָרזאַמקייט. לא די, וואָס ער האָט געזוכט די געזעצן פון דער רעוואָליוציע, נאָר ער האָט זיי אויך געוואָלט פאַרפעסטיקן ווי מיט אַנ׳אַנקער אין אינטימען לעבן פון מענטשן, מאַכן זיי פאַר די געזעצן פון דער נשמה. אָט די אָ טיפקייט פון די אידייען און די זוכענישן נאָך דער לעצטער, אמת׳דיקער אויפריכטיקייט זיינען אונז טייער באַ ראָבעספיערן.

נאָר דאָ קומט ווידער צו אונז דער אייביקער אמת פון דאַנטאָנען. טויזנט מאָל גערעכט איז געווען דאַנטאָן, בעת ער האָט קעגן דעם אַלעמען געקעמפט. ווייל אין זיין גרויסמוטיקער שטרעבונג האָט ראָבעספיער ניט געזעהן און ניט פאַרשטאַנען, אַז ער טרעט מיט די אייגענע פיס דעם פעלד, וואָס ער וויל באַארבעטן. וועלנדיק אַרומנעמען מיטן אויסערלעכן געזעץ אַלע פאַרבן און קלאַנגען פון לעבן און אָנפילן זיי מיט די טענער פון דער רעוואָליוציע, דערשטיקט ער זיי אַלעמען צוזאַמען, ניט באַמערקנדיק עס. וואָס מער ער פאַרשמידט זיי אין געזעצן, נאָרמעס, כללים און דברי־מוסר, אַלץ פלאַכער און טרוקענער מאַכט ער זיי, אַלץ מער דערווייטערט ער זיי פון דער נאַטור. און אַ פאַרענגטע און אַ פאַרדרענגטע באַהאַלט זיך דאָס לעבן, אָדער עס שטאַרבט אָפּ. ווייל די פ ר י י ה י י ט פון זיין לויף — דאָס איז די רייכסטע פון זיינע פאַרבן, דער מוזיקאַלישסטער פון זיינע קלאַנגען. רייסט מען זיך אָבער מיט דער שטרעבונג אַריין אין די פאַרבאָרגענע שטילקייט פון האַרצן, שטעלט מען דעם פאַקעל פון דער רעוואָליוציע אַריין אין די אינווייניקסטע חדרים פון דער נשמה — יעמאָלט פאַרלירט מען נאָך מער, ווייל דאָ יאָגט מען זיך שוין נאָך געשפענסטן, און וואָס שטאַרקער עס איז דער געיעג, דאָס גיכער פאַרשווינדן זיי. נאָר די הויפּט־פּרינציפּן פון דער רעוואָליוציע ווערן אַריינגעבראַכט בקולות וברקים. די פאַרוויקלעכונג זייערע אין לעבן ווערט ניט דורכגעפירט מיט געוואַלט, נאָר דורך אַ פ ר ע ד י ג ט, דורך דער איבערצייגונג, די פּילאַרטיקייט פון שאַפונג און דער בחירה חפשית. און זייער אַריינדרינגען אין דער מענטשלעכער נשמה קומט פאַר ניט אַ דאַנק דער בעל־כרחו׳דיקער באַלייכטונג פון אינעווייניק, נאָר אַ דאַנק דער דערציאונג דורך אנשטאַלטן דורך שולן, דורכן לעבן.

אין דעם, דאַכט זיך אונז, ליגט דער פאַרבאָרגענער גייסט פון דעם דאַנטאָנישן אין דער רעוואָליוציע. קיין שום פאַרענדיקטע, גאַנצע און פאַרטיקע זאַך גיט ער ניט פון זיין צד, ער לאָזט איבער וואָס מער פאַר דער שאַפונג פון אַנדערע — און דאָס דער עיקר. און בלי שום ספק האָט ער אַף אַזאַ אופן דערגרייכט אַ סך מעהר אין דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון דער רעוואָליוציע. ראָבעספיער האָט געזוכט דעם הייליקן און באַקומען האָט ער אַ דאַנק דעם טעראָר

אַ צעשראָקענעם אונטערטאַן; דאַנטאָן אָבער, וואָס איז צוגעגאַנגען צום מענטשן פּשוט, האָט געקאָנט געפֿינען אויך דעם בירגער *) **). ראָבעספּיער, וואָס האָט תּמיד געטרוימט וועגן דאָס שענסטע פֿון דער נשמה־וועזן, פֿאַרקערפּערט אין גוטע מדות, — איז אָבער געווען אַ סך טרוקענער און האַרטער פֿון דעם, וואָס האָט קיינמאָל וועגן זיי ניט גערעדט און האָט נאָר געשאַפֿן אַ גייסטיקע סביבה פֿאַר זיי. ראָבעספּיער, וואָס האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געזוכט דעם אינערלעכן באַווייז פֿון די גוטע מדות, האָט צום סוף געפֿונען נאָר זייער אויסערלעכן און צייטווייליקן פּרצוף. דאַנטאָן אָבער, וואָס איז געווען אַזוי פּראַקטיק אין די באַווירקונג־מיטלען, האָט זיך באַפֿרידיקט מיט אויסערלעכע און קליינע רעזולטאַטן, און דערפֿאַר טאַקע איז ער אפֿשר ריכטיקער געגאַנגען מיטן וועג צו דער אינערלעכערווידערגעבורט פֿון מענטשן. ס'קען זיין, אַז ראָבעספּיער איז געווען *טיפֿער*, דאַנטאָן איז דערפֿאַר געווען *פּשוטער* און מענטשלעכער.

אין זייער מחלוקת וועגן טעראָר האָט זיך אפֿשר נאָך אַמאָל אַנטפּלעקט אַ טיפֿערע און אפֿשר אַן אייביקע טעמע פֿון מענטשן: די פֿאַרהעלטעניש צווישן *ציל* און *מיטלען*, וואָס ווערט אַזוי אָפֿט פֿאַרוואַנדלט אין אַ סתירה צווישן זיי. פֿאַר איין צד, פֿאַר די ראָבעספּיערן, כּשר'ן די הויכע צילן אירע מיטלען, און ס'איז ניט שייך און ניט כּדאי זיך צו פֿיל פֿונאַנדערקלייבן און גריבלען אין זיי. פֿאַר אַנדערע אָבער, פֿאַר די דאַנטאָנ'ס, איז אַזאַ פֿאָרשטעלונג נאַיִוו, ווייל די שלעכטע וועגן קענען באַ זייער אָנווענדונג פֿאַרניכטן די ציל, דעם „רוח־הקודש" אירן, ווייל נאָר דורך די *מיטלען אליין ווערט די ציל געכּשר'ט*. דערפֿאַר איז זיכערער צו גיין מיטן לענגערן וועג, זאָל ער נאָר זיין ראוי פֿאַר איר. ס'קען זיין אַז באַ די דאַנטאָנס ווערן דערווייטערט אָף אַזאַ אופֿן די צילן פֿון זייער אַרבעט; באַ ראָבעספּיערס ווערן זיי אָבער זיכער חרוב. איבער דער אַרבעט פֿון די ערשטע שוועבט אום אַ אומעטיקער אין מרחק

*) זיין רעאַלער *אידעאַליזם* איז, ווי ס'האָט זיך אויסגעלאָזן, געווען פֿול פֿרוכטבאַר'ער פֿאַרן דאָגמאַטישן נאַיִוון *אוטאָפּיזם* פֿון ראָבעספּיערן. נאָר ער, דער בלינדער אוטאָפּיסט האָט געקאָנט, פֿאַרברענענדיק אָפֿן יום־טוב פֿון „העכסטן־וועזן" די פֿיגור פֿון „זעלבסט ליבע", מיינען, אַז ער פֿאַרטיליגט די „חטאים". מיר אָבער, די היינטיקע דורות, ווייסן שוין אָף ווי וויים עס איז געווען אומפֿרוכטבאַר זיין אכזריות'דיקע עקשנות און די טעראָריסטישע דיקטאַטור. וואָס פֿאַר אַ מוסר־השכּל דאָס איז פֿאַר אונז אַלעמען.

**) דאַנטאָן איז געווען באַגייסטערט צום קאַמף קעגן טעראָר ניט נאָר דורכן געפֿיל פֿון רחמנות, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן, נאָר אויך דורך דער קאַלטער *אויסרעכענונג*. ווי אָפֿט עס ווערט פֿאַרגעסן דער צוזאַמענהאַנג צווישן גוטע געפֿילן און דעם „תּכלית". נאָר גרויסע נשמות זיינען עס מסוגל צו פֿאַרשטיין.

אָוועקגייענדיקער שטראַל פֿון ניטדערענדיקטקייט. אַף דער פּראַצע פֿון די צווייטע איז אנגעלעגט אַ שווערע משא פֿון פֿאַרענדיקונג, וואָס שליידערט אָפּ אַף צוריק.

ס'איז שווער פֿאַרשטעלן זיך די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע אָן ראָבעספּיערן, שווער איר צו פֿאַרשטייען אָן אים. עס דאַכט זיך אונז, אַז עס זיינען וויכטיק און נויטיק זיין עקשנות און זיין שטרענגקייט און די פֿאַרבאַהאַלטענע ליידנשאַפֿט פֿון זיין התמדות'דיקן זוכן. האַרב און דונקל איז אָבער זיין גייסט, און נאָר אין דאַנטאָנען ליגט פֿאַרבאָרגן די ליכטיקע גאונות פֿון דער רעוואָליוציע. זאָל לייכטן אין ראָבעספּיערן דער אייזקאַלטער פֿייער פֿון דער *אידעע*; אין דאַנטאָנען שטראָמט דערפֿאַר די הייסע בלוט פֿון *איבערלעבונגען*. בײַ ראָבעספּיערן זעהן מיר די אייזערנע קאָנסעקווענטקייט פֿון געדאַנק, די לאָגיק, וואָס איז אומרחמנות'דיק, ווי אַ חלף, די טייוולאָנישע גערעכטיקייט, געזעצלעכקייט און די שטראָף פֿאַר זינד. בײַ דאַנטאָנען — די וואַרמקייט פֿון האַרציקן מיטגעפֿיל, רחמנות'דיקע פֿאַרשטייעניש, די אומקאָסעקווענטקייט פֿון מענטשלעכקייט, גנאָד און גוטסקייט. אין איינער און דער זעלבער צייט האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט זיין *באַוואוסטזיין* און זיין געוויסן סיי קעגן דער מעכטיקער סטיכיע פֿון אונטן, סיי קעגן דער עבֿודות פֿון דער-אידייע פֿון אויבן. ער האָט זיך ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן אין די אונטערמענטשלעכע אָפּגרונטן פֿון חיה'שקייט און איז ניט מיטגעריסן געוואָרן אין די איבערמענטשלעכע הויכן פֿון דער גרויזאַמער און בלינדער אידייע. ראָבעספּיערס איז ניט געוואָרן קיין הייליקער; דאַנטאָן איז אָבער געווען און געבליבן אַ *מענטש*.

די גרויסע שאָטנס פֿון דער געשיכטע זיינען אָפּגעגאַנגען פֿון אונז; מיר פֿילן אָבער ניט, אַז זיי זיינען שוין אַוועק אין עבֿר. ניט איבער די פֿאַרשאָטענע חורבות פֿון פּאָמפּייע זיינען מיר אומגעגאַנגען, נאָר איבערן אייביק-גרינעם גאָרטן פֿון דער געשיכטע. קיין איינע פֿון אירע שווערע באַלערונגען גייט ניט דורך פֿאַר אונז אומזיסט. און אויב פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע מעשים, גבֿורות און מפּלות קענען מיר קיין אחריות ניט טראָגן, וועלן מיר אָבער מוזן אָפּגעבן אַ חשבון פֿאַרן ניט פֿאָלגן איר מוסר-השכל, פֿאַרן איבערחזר'ן אירע טעות'ן. אָפּזאָגענדיק זיך פֿון די הזהרות פֿון דער *געשיכטע*, באַגייען מיר נאָך נייע פֿאַרברעכנס, אַחוץ די יעניקע, וואָס זיינען געדרונגען פֿון אונזערע אייגענע טעות'ן.

ניט קיין צופֿאַל-זאַך איז געווען דער קאַמף צווישן דאַנטאָנען און ראָבעספּיערן. זייער טויט-מחלוקת וועגן טעראָר האָט אָפּגעשפּיגלט אין זיך זייערע צוויי פֿאַרשיידענע נאַטורן. און הינטער די דאַנטאָנישע און ראָבעספּיערישע געדאַנקען, רעדעס און מעשים שטייען דאַנטאָן און ראָבעספּיער, ווי *אייביקע*

געשטאַלטן פון דער רעוואָלוציע ווי צוויי פון אייביק־אניקע טיפּן פון רעוואָלוציאָנערן, ווי אייביקע מוסטערס פון מענטשן בכלל. אַנדערע צילן פון קאַמף האָבן מיר היינט, און גאָר אַן אַנדערע איז די היסטאָרישע סביבה. נאָר דער פּאַטאָס פון זוכן, פון ליידן און קאַמף איז געבליבן דער זעלבער. און ס'איז ניט צו פאַרמיידן די צוויי וועגן, וואָס זיינען אָנגעמערקט געוואָרן דורך די לעבנס פון יענע צוויי. איינעם פון זיי מוז אויסקלייבן דער, וואָס איז אין דער רעוואָלוציע, וואָס באַטייליקט זיך אין איר. ניט וועגן דער אָדער יענער זייט פון דער באַריקאַדע האַנדלט זיך, נאָר וועגן דער באַריקאַדע פון דאַנטאָנען, אָדער דער באַריקאַדע פון ראָבעספּיערן.

די זעלבע אידייען האָבן זיי ביידן באַלויכטן, אַנדערש האָבן אָבער געקלאַפּט די הערצער אינטער איטלעכער פון זיי.

מע דאַרף אויסקלייבן.

XXIX

מיר האָבן אויבן גענוי גערעדט וועגן דעם, ווי לייכט און אויסערלעך־איבער־צייגנדיק עס ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן טעראָר צווישן די טוער פון אונזער רעוואָלוציע. איינע פון די סיבות פון אַזאַ מין באַציאונג באַשטייט אין דעם, וואָס די פראַגע איז ניט אויפגעקלערט און בכלל ניט אויפגעשטעלט געווען פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק אין עבר. מע קען זאָגן אַז פאַר סאָציאַלע רעוואָליציאָנערן איז כמעט גאָר ניט געווען בנמצא קיין פּראָבלעם פון געוואַלט (אַ חוץ די טעראָריסטן, וואָס האָבן כסדר און ממשות'דיק געהאַט מיט איר צו טאָן). פאַר די סאָציאַליסטן פון מאַסן־אַקציע פלעגט זיך די דאָזיקע פּראָבלעם געפינען אין די פאַרנעפּלטע ווייטן פון עתיד, אָדער פלעגט פאַר זייער באַוואוסטזיין זיך לגמרי ניט שטעלן די שאַרפקייט פון דער נאַטור פון געוואַלט, ווייל איר אנווענדונג האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אינגאַנצן נאָר ווי אַ זעלבסטשוץ־מיטל. דאָרטן וואו די געוואַלט איז געווען הויפטזאַכלעך אַ פאַרטיידיקונג־געווער, א שוץ־מיטל פון אונטערדריקטע קעגן דער דורות־לאַנג הערשנדיקער געוואַלט — זיינען שוין ממילא מטושטש געוואָרן די מאָראַלישע עלעמענטן פון דער טעמע און אַפן ערשטן פלאַן פלעגט אויפטרעטן די העראָאישע, מסירת־נפש'דיקע, יושר'דיקע נאַטור פון דער אויסערלעכער אַנטפּלעקונג פון געוואַלט. אויך די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס פון 48־טן און 71־טן יאָר זיינען פאַר די שפּעטערדיקע דורות געווען גראַנדיעזע ביישפּילן פון זעלבסטשוץ־געוואַלט און ניט פון הערשנדיקער געוואַלט, וואָס הערשט און רעגירט. און בעת די סאָציאַליסטישע טוער פלעגן זיך טרעפן פנים אל פנים מיט דער פּראָבלעם, פלעגן זיי געוויינטלעך יוצא זיין מיט אַ פראַזע, וואָס פלעגט איר כלומערשט לגמרי

אַראָפּגענעמען פון סדר=היום: „מיר זיינען ניט קיין פּאַציפיסטן, מיר זיינען ניט קיין טאָלסטאָיוצעס“. די דאָזיקע פראַגע האָט געקאָנט צום ערשטן מאָל און רעאַל אויפגעשטעלט ווערן אין איר גאַנצער גרויס ערשט דאַן, בעת ס'איז באַשערט געווען די רעוואָלוציאָנערע געוואַלט זאָל טריומפירן און בעת ס'האָט זיך אויפגעדעקט איר שרעקלעכער און גרויזאַמער תוך. און איצט האָט זי געדאַרפט געשטעלט ווערן ניט נאָר פאַר די „איבערגאַנג=תקופות“, ווען די געוואַלט פיגורירט אין אַרסענאַל פון דער זיגערישער רעוואָלוציע, נאָר אויך פאַר די צוגרייטונג=תקופות, אין וועלכע די געוואַלט שטעלט מיט זיך פאָר אַ געווער פון דער רעוואָלוציע, וואָס קעמפט פאַר איר קיום. פּונקט ווי דער ליבעראַליזם, וואָס האָט בשעתו אין זיינע ערשטע טעג געהאַט אין זיך פאַרבאָרגן אַ גרויסן פּאַטאָס און האָט ערשט שפּעטער, בײַ זיין פולער פאַרווירקלעכונג אַנטפּלעקט זיין גאַנצן שקר, — אַזוי האָט אויך דער סודות'דיקער באַגריף פון געוואַלט (אַלס געווער פון סאָציאַליזם) אויסגעשעפּט זיך אַליין ביז'ן סוף און אויפגעדעקט איר נאַטור ערשט אין דער תקופה פון אונזער רעוואָלוציע.

אין עבר אָבער, אין דער צווייטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט, בעת ס'האָט זיך געבויט דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער בנין פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, האָט די פראַגע וועגן געוואַלט ניט געשפּילט קיין שום באַדייטנדיקע ראָלע אין זיין ליטעראַטור. ס'איז ניט שווער אָנצווייזן די סיבה דערפון: דאָס איז — דער דאָמינירנדיקער מאַרקסיסטישער כאַראַקטער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. דער מאַרקסיזם, אַלס טעאָריע, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשטיין און צו דערקלערן „נאַטור=ווישנשאַפטלעך“ די מענטשלעכע געשיכטע. לויט זיין טעאָריע ליגן אין די טיפענישן פון סטיכייאישן היסטאָרישן פּראָצעס פעסטע און זיכערע אַנטוויקלונג=געזעצן, וואָס די סאָציאַלע ווישנשאַפט דאַרף זיי נאָר אַנטדעקן, פּונקט אַזוי ווי די נאַטור=ווישנשאַפט אַנטדעקט אירע געזעצן. פּאָליטיק און סאָציאַלע מעשים דאַרפן בײַ אַזעלכע באַדינגונגען זיין ניט מער ווי אַ פּראַקטישע צוגאָב=תורה. „וויסן, בכדי פּאָראויסצוזעהן און קענען“ — די דאָזיקע ווישנשאַפטלעכע שטרעבונג פון קאָנט איז אויך די שטרעבונג פון מאַרקסיזם. דער סאָציאַליזם, אַלס נייע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַזוי אַרום ניט קיין פרייוויליק=אויפגעשטעלטער אידעאַל, וואָס לשם אים קעמפן מענטשן און קלאַסן; ער איז ניט מער ווי דער לעצטער פּועל=יוצא פון דער סטיכייאישער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס קומט על פּי הכרח צו דער דאָזיקער לעבנס=פאָרם. אמת, דער מענטשלעכער רצון און זיין איניציאַטיוו איז דער שליח, וואָס דורך אים אַנטפּלעקט זיך די סטיכייאישע געזעצמעסיקייט, זיי זיינען אָבער ניט מער ווי אַ שליח, ניט מער ווי אַ רינג פון אַ קייט, וואָס וויקלט זיך סיי ווי סיי פונאַנדער,

אומאָפּהענגיק פון זיי. אין אַזאַ מעכאַניסטישער לערע פון סאָציאַליזם האָט דער באַוואוסטזיניקער רצון פון מענטשן נאָר איין וועג פאַר זיך: געפינען דעם מעכאַניזם פון דער קייט און מיטהעלפן זיין אַנטוויקלונג. אין אַזאַ לערע איז ניטאָ קיין אָרט פאַר טעלעאָלאָגיע, פאַר דער אָפּשאַצונג פון וועזן און זייער אויסוואַל אין הסכּם מיט די פאָרגעשטעלטע צילן, פאַר זייער מאָראַלישער אָפּשאַצונג (ד. ה. — אין הסכּם מיט מאָראַלישן אידעאַל). ס'איז קלאָר, און דאָס איז שוין לאַנג דערוויזן געוואָרן דורך די מעטאָדאָלאָגישע חקירות — אַז אַזאַ אָביעקטיוו=קאַלטע אַנטדעקונג פון סאָציאַלע געזעצן איז אין ערגיץ ניט בנמצא, אַז אומבאַוואוסט פאַר זיך „אַנטדעקט” דער סאָציאָלאָג דאָס רב אין דער געשיכטע זיינע אייגענע („ערפונדענע”) געזעצן. און בלי שום ספק איז בײַ דער וויגעלע פון „וויסנשאַפטלעכן” סאָציאַליזם געשטאַנען דער אייגענער סאָציאַלער וואָלונטאַריזם, וואָס איז געשטאַנען און וואָס שטייט הינטער איטלעכער סאָציאַלער סיסטעם. אָבער די איבערצייגונג און דער גלויבן *) אין דער עקזיסטענץ פון דער מעכאַניסטישער וועלט=אָרדנונג זיינען גורם געווען צו דעם וויכטיקן פאַקט, אַז דער וואָלונטאַריסטישער מאָמענט פון דער דאָזיקער וועלטאַנשויאונג איז פאַרטריבן געוואָרן אין אירע הינטער=קאַמערן, און האָט פון דאָרטן געווירקט נאָר צופעליק און ניט רעגולער. אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער לומדישער איבערגלויבונג און דער אוממעגלעכקייט אויסצוראָטן דעם סוביעקטיוון מאָמענט אין די טעאָרעטישע סברות פון מענטשן, האָט דער מאַרקסיזם קיינמאָל ניט געהאַט קיין מוט צו שטעלן און צו באַהאַנדלען אָפן די פּראָבלעמען פון אידעאַל, אַלס גאַנצן, און פון זיינע איינצעלנע טיילן. דערפאַר פלעגט זיך דאָס אונטערדריקטע באַוואוסטזיין (אַ פאַרוואַנדלטע אין „אונטערבאַוואוסטזיין”) נאָך פיל ערגער און פאַרקריפּלטער אַרויסווייזן אין דער צופּאַסונג פון דער וויסנשאַפט אַן זיך. אַ לאַנגע רייע מאַרקסיסטן פון קונאָוו, דאַוויד, לענטש (עקסטרעם=רעכטע) ביז אָ. באַוער, הילפערדינג, מאַרטאָוו (צענטר), פון לענין, ראַדעק, בוכאַרין (מעסיק=לינקע) ביז ר. ליוקסעמבורג, האָרטער און פּאַנעקאָק (עקסטרעם=לינקע), דער גאַנצער ברייטער דיאַפּאַזאָן פון געדאַנק און טאַט אָפּן באָדן פון איינער און דערזעלבער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע זאָגט בעסער פון אַלץ עדות, ווי סוביעקטיוו עס שלאָגט זיך דורך דער וואָלונטאַריסטישער מאָמענט און ווי ער קאָמאַנדעוועט איבער די

---

*) אין דעם דאָזיקן גלויבן באַשטייט דער צווייטער סוביעקטיווער קערן פון דער טעאָריע. דער ערשטער קערן ווייזט זיך אַרויס שוין אין דעם עצם=אינהאַלט פון די מעכאַניסטישע חקירות. דער וויסנשאַפטס=סאָציאָלאָג איז סוביעקטיוו סיי אין דעם אויסוואַל פון אַזאַ טעאָריע סיי אין דעם אינהאַלט פון די באַווייזן.

אָביעקטיוו=וויסנשאַפטלעכע און קאַלטע סברות פון מאַרקסיזם. פונדעסטוועגן באַטראַכט זיך דער מאַרקסיזם אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען ווי אַ אויסשליסלעך קאַוזאַלע אויפבויאונג פון דער סאָציאַלער סיסטעם. שרעקלעכער און פּאַטאַלער פון אַלץ אין אים איז אָבער ניט זיין טעאָרעטישע נאַטור, נאָר דאָס, וואָס זייענדיק אַ פּראַקטישע טעאָריע, איז ער געוואָרן די שטענדיקע אינערלעכע לעבנס=אַטמאָספער פאַר גאַנצע דורות טוער. די פּסיכאָלאָגיע, וואָס דער מאַרקסיזם האָט געשאַפן פאַר די סאָציאַליסטן אין זייערע פּראַקטישע מעשים, איז פיל וויכטיקער ווי זיין לאָגיק. זיי האָבן שוין מער ניט געשטעלט פאַר זיך קיין פרייע אויפגאַבן, וואָס לשם זיי דאַרף אויסגענוצט ווערן*) די גאַנצע זיך=סטיכייאיש אַנטוויקלענדיקע ווירקלעכקייט· אומגעקערט — ניט נאָר בנוגע צום סאָציאַליזם אַלס גאַנצן, נאָר אויך בנוגע צו אַלע פראַגן, וואָס פלעגן זיך טרעפן אַפן וועג צו אים, פלעגט זיך דער מאַרקסיזם באַמיען הויפּטזאַכלעך אויסגעפינען זייער אומפאַרמיידלעכקייט, וואָס מוז פאָרקומען מיט אַ „אייזערנער נויטווענדיקייט“, די קייט סיבות, וואָס רופט זיי אַרויס. פאַר איטלעכן טאַט איז אים נויטיק אַ לכתחילה=סאַנקציע, אַ וויזע פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט: די אינערלעך=געשטעלטע „אויפגאַבע“ פלעגט אויפטרעטן ניט אַנדערש ווי אין געשטאַלט פון אַ אויסערלעך=אומפאַרמיידלעכן „פאַקט“. אזוי האָט אויך די יונגע און אומזיכערע וויסנשאַפט פון שפעטן מיטלאַלטער באַמיט זיך צו פאַראייניקן די דערגרייכונגען פון פרייעם געדאַנק מיט דער איבערגעבנקייט צו דער קירכע, און דער אמת פון גענאָמעטרישע טעאָרעמעס פלעגט זיך אַרויסווייזן נאָר „מיט גאָט'ס הילף“**). דעריבער, האָבן די מאַרקסיסטן אָפּגעוואָרפן די לייזונג פון פראַגן פון שטאַנדפונקט פון געוואונשנקייט און נויטיקייט.

אַף אַזאַ אופן איז פון קרייז פון די מאַרקסיסטישע אידעען אַרויסגעפאַלן די פראַגע וועגן געוואַלט, וועגן דעם צי איז זי געוואונשן און צי דאַרף זי זיין. ווייל אין באַוואוסטזיין פון מאַרקסיסט איז ניט געווען קיין לאָגישער און פּסיכאָלאָגישער באַדאָרף בכדי איר אַוועקצושטעלן. גאַנץ אַנדערש איז ער געווען בײַ די אַלטע אוטאָפּיסטן פון סאָציאַליזם. יענע האָבן געקאָנט שטעלן אַזעלכע פראַגן. „דער וויכטיקסטער באַוועגער פון זייערע לערעס איז געווען —

---

*) אויסגענוצט אַף צווייערליי אופנים: ערשטנס — אַלס מאַטעריאַל צו ערלערנען דאָס, וואָס איז פאַראַן, און צווייטנס — בכדי צו צופּאַסן צו די אויפגאַבן פון אידעאַל. מיט אַנדערע ווערטער — תחילת ווערט די ווירקלעכקייט שטודירט, איידער מע גייט צו צום אידעאַל, און דערנאָך ווערט זי באַווירקט לשם דעם אידעאַל און אין זיינע וועגן.

**) „אויב מע וועט אַרויפלייגן איינעם אַפן צווייטן צוויי דרייעקן מיט גלייכע ווינקלען וועלן זיי — מיט גאָט'ס הילף — צונויפפאַלן“.

דאָס געפיל״, — זאָגט רענאר *). אין 1844־טן יאָר האָט קאבע געשריבן: „מיין פּרינציפּ איז — ברידערליכקייט; מיין טעאָריע — ברידערליכקייט; מיין סיסטעם — ברידערליכקייט; מיין וויסנשאַפט — ברידערליכקייט“. פּונקט אַזוי האָבן געבויט זייערע טעאָריעס אויך לערו, לואי־בלאַן און קאָנסידעראַן. „זיי האַלטן אַז אין געוויסע מאָמענטן קאָן די ליבע זיין אַ מעכטיקער געווער פון דער רעוואָליוציע, אַז דורך רחמנות צו שוואַכע קאָן פאַרווירקלעכט ווערן דער יושר; נאָך מער — אַז די סימפּאַטיע צו די נאָענטע, וואָס גיסט זיך סוף־סוף צונויף מיט דער זאָרג פאַר דער גרעסטער צאָל פון זיי, איז אונפאַרמיידלעך בכדי צונויפצופּאַסן די סאָציאַלע עלעמענטן“. אויך פּרודאָן האָט געבויט זיינע טעאָריעס אַף די אידעען פון רעכט און יושר. די גרויסע צויבער־קראַפט פון סאָציאַליזם, די אומגעהויערע אויפבליאונג פון זיינע אידעען און עמאָציעס אין די 40־ער יאָרן אין פראַנקרייך האָבן אָפּגעהאַנגען דער עיקר פון דעם כח, מיט וועלכן ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס פון דער מענטשלעכער נשמה. און די מענטשלעכע נשמה האָט דער סאָציאַליזם באַזיגט מיט די גראַנדיעזע בילדער פון זיינע א י ד ע א ל ן, מיטן גלאַנץ פון געדאַנק און פאַנטאַזיע, אַ דאַנק וועלכע עס פלעגן געגעבן ווערן די רעאַלע פאָרשטעלונגען וועגן פאַרווירקלעכטע מאָראַלישע אידעען פון דער מענטשהייט (רעכט, יושר, ברידערליכקייט). דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם איז געווען אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט זוכענישן פון אמת, אַלס דעם ג ע וו א ו נ ש ע נ ע ם גליק פון מענטשן, מיטן ברען פון געוויסן און דורשט נאָך דעם, וואָס דאַרף זיין. אין דער ווייטערדיקער מאַרקסיסטישער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם האָט מען די תקופה פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם באַטראַכט ווי אַ צייט פון פּוסטע חלומות, מע האָט פון איר אַראָפּגעריסן דעם גאַנצן כבוד. דער מאַרקסיזם האָט גע׳טענה׳ט, אַז די וועגן און מעטאָדן פון דערגרייכונג צום סאָציאַליזם זיינען באַ די אוטאָפּיסטן געווען ניט רעאַל און האָבן ניט געשטימט צו די היסטאָרישע און אָביעקטיווע פאַקטן. מיט דעם זיינען מיר אויך מסכים, דער סאָציאַליזם האָט אָבער צוגלייך מיט דעם אָפּגעוואָרפן אויך דעם טעלעאָלאָגישן געביי פון סאָציאַליזם. אייגנטלעך אין אוטאָפּיזם נאָר אַ קאָפּ אָן אַ גוף, איז ער מיט דער צייט אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוף אָן אַ קאָפּ. וועלנדיק באַשטימען וויסנשאַפטלעך און רעאַל די וועגן צום סאָציאַליזם, האָט ער זיך אַף אייביק אָפּגעזאָגט פון דער פּאָזיציע פון באַוואוסטזיניקער אָפּשאַצונג פון דער געשיכטע. ער האָט אָפּגענומען באַם מענטשן — דעם טויער דעם ברייטן פאַרנעם פון זעלבשטענדיק באַוואוסטזיין, ער האָט אָפּגעהאַקט די פליגלען באַ זיין שעפערישן שכל און פאַנטאַזיע, ער האָט פאַר זיך אַליין געשמידט אייזערנע קייטן. דער שוואַכער

*) רענאר. די רעפּובליק פון 48 יאָר (אין פראַנצויזיש).

אָרט פֿון אוטאָפּישן סאָציאַליזם איז אָבער באַשטאַנען ניט אין זיין באַגריף וועגן אידעאַלן, נייערט אין דער פֿאַרנאַכלעסיקונג פֿון דער אויסאַרבעטונג פֿון וועגן צו אים. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז די לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע פֿון זיינע טרעגער האָבן געגעבן די מעגלעכקייט ניט נאָר צו שטעלן פֿראַגן וועגן דעם, צי איז געוואונשן דער ענד־אידעאַל, נאָר אויך וועגן דעם, צי זיינען דערלאָזבאַר פֿאַרשיידענע מעשים, און צווישן זיי, הייסט עס, אויך די געוואַלט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיט דעם שפּעטער געשאַפֿענעם „וויסנשאַפֿטלעכן" סאָציאַליזם. ער איז געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פֿון צוויי סבּות. ערשטנס, האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע דער אַלגעמיינער אינטערעס צו די ערפֿאָלגן און מעטאָדן פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט, וואָס האָט צו יענער צייט (דער מיטן פֿון XIX יאָרהונדערט) געהאַט איר בלי־אונג־תּקופֿה. עס איז געווען יעמאָלט גאַנץ נאַטירלעך די שטרעבונג איבערצוטראָגן די דאָזיקע מעטאָדן אין דעם געביט פֿון סאָציאַלע באַציאונגען, דער ווילן צו שאַפֿן אַ „סאָציאַלע מאַטעמאַטיק". אין דעם זין פֿירט איין גראַדע ליניע פֿון אָ. קאָנטן צו מאַרקס'ן און דאַרווינען. די צווייטע סיבּה איז באַשטאַנען אין דער טיפֿער אַנטוישונג אין דער רעוואָלוציע פֿון 48־טן יאָר, אין וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אָפֿהענטיק און אומבאַהאָלפֿן די גאַנצע מאַסע סאָציאַליסטישע סיסטעמען. אין געוויסע קרייזן (אַ. גערצען) האָט דער קראַך פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם יאָר אַרויסגערופֿן אַ ביטערע אַנטוישונג אין אייראָפּייאישן מענטשן בכלל און האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע האָפֿנונגען זיינען איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַנ'אַנדער אָרט, למשל אין רוסלאַנד. ער האָט אָבער אויך אַרויסגערופֿן אַנ'אַנדער גייסטיקע שטרעבונג: ניט אַנדערש זעהן פֿאַרפֿעסטיקן די פּרינציפּן פֿון סאָציאַליזם אַף נייע, פֿעסטע און אומפֿאַרענדערלעכע יסודות. אַזוי וואַקסן אויף אויך בעת די קריזיסן פֿון רעליגיעזן באַוואוסטזיין מחנות „געלערנטע" רעליגיעזע דענקער, וואָס באַמיען זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם באַוואוסטזיין פֿון די גלויביקע אַף נייע יסודות צופּאַסנדיק די רעליגיעזע אמת'ן צום וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ פֿון זייער דור. אַזוי איז עס געווען אויך נאָכ'ן 48־טן יאָר. דער מאַרקסיזם איז געבוירן געוואָרן אַלס רעאַקציע קעגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם פֿון יענער תּקופֿה איז געווען דער עיקר אַ „סאָציאַליזם פֿון ציל". זיין מפּלה האָט אין יענער היסטאָרישער תּקופֿה געבראַכט דענקנדיקע מענטשן צו דער מחשבה, אַז מע דאַרף באַטראַכטן פֿונדאַסניי און וויסנשאַפֿטלעך דורכטראַכטן די רעאַלע וועגן און מיטלען צו דער ציל. ס'איז נאָך ווייניק וואָס דער סאָציאַליזם ציט צו אידעאָלאָגיש, מע דאַרף אים אויך וויסנשאַפֿטלעך דערווייזן, עס דאַרף ווערן דערוויזן, אַז ער מוז אָנקומען אומפֿאַרמיידלעך. און אַזוי ווי דער מוסטער פֿון וויסנשאַפֿט איז געווען

די נאַטור־וויסנשאַפט, האָט דער סאָציאַליזם געדאַרפט דערוויזן ווערן אַלס פּועל־יוצא פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס קומט פאַר לויט די אייזערנע געזעצן פון דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט*). דער „סאָציאַליזם פון ציל" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „סאָציאַליזם פון וועגן" צו אים. זיין הויפּט־אינהאַלט איז געוואָרן — די אויספאָרשונג פון די וועגן: אינדוסטריאַליזירונג פון דערווירטשאַפט, קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע, קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, און אַנדערע עקאָנאָמישע דערשיינונגען. אנשטאָט דעם, ער זאָל נאָך דער אויספאָרשונג פון די סטיכייאיש־געגעבענע עלעמענטן (עקאָנאָמישע און אַנדערע) פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג זעהן אויסנוצן און ענדערן זיי אין דער ליניע פון געשטעלטער ציל, האָט דער מאַרקסיזם געוואָלט די דאָזיקע ציל גופא אויספירן אינגאַנצן פון דער סטיכייאישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. מיט דעם אַליין האָט ער זיך באַמיט אויסצומעקן פון גייסטיקן לעבן פון מענטשן די ספערע פון געוואונשענעם און פאַרבייטן איר אַלץ מער און מער מיט דער סטיכיע פון דער נויטווענדיקייט**). די שפּעטערדיקע פאָרמולירונג פון בערנשטיינ׳ען — „די ענדציל איז גאָרניט, די באַוועגונג — אַליץ" (מיר האָבן דאָ ניט אין זינען זיין אייגענע אָפּאָרטוניסטישע אויסטייטשונג) האָט אייגנטלעך פון איצט אָן אויסגעדריקט די נשמה פון גאַנצן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם (אין זיינע גרונד־שטריכן, און ניט אין די אויסנאַמעס). אָבער די דאָזיקע צו־גרויסע רעאַקציע קעגן אוטאָפּיזם, דער צו־שטאַרקער געברויך פון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן מעטאָד איז זיך שפּעטער נוקם געווען; ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַז די „וויסנשאַפט" אַליין פאַרוואַנדלט זיך אין אַ נייע אוטאָפּיע. נאָר אויך דאַן, אויך שפּעטער האָט זיך דער מאַרקסיזם כסדר געפּוצט אין די בגדים פון ריינער וויסנשאַפטליכקייט. „דאָס 48־ע יאָר — זאָגט דער זעלבער רענאַר — איז אַ איבערברוך אין 19־טן יאָרהונדערט, אַ מאָמענט, וואָס עס קומט אין אים פאָר אַ פולקומער שנוי פון דער גייסטיקער און סאָציאַלער עוואָליוציע. פּונקט ווי אַ ריטם, וואָס הערשט איבערן לעבן פון פעלקער, ווי די כוואַליעס פון אָקעאַן, — אַזוי טרעט די אידעאַליסטישע טענדענץ אָפּ איר אָרט דער רעאַ־

*) ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די מחברים־מאַרקסיסטן אַליין האָבן דערביי ניט געפילט דעם סובּיעקטיוון דראַנג צו דער שאַפונג פון אַ אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכער סיסטעם; זיי — סאָציאַליסטן מיטן אידעאַל — האָבן געמוזט אויסזוכן אַזאַ סיסטעם.

**) דאָס אייגענע וואָלט געווען, אויב אַן׳אַנדער סאָציאַלע טעאָריע וואָלט צוגעפּאַסט דעם גורל פון דער מענטשהייט צו אַן׳אַנדער סוג דערשיינונגען (למשל, ביאָלאָגישע אָדער געאָגראַפישע). וויכטיק איז דאָ אָנמערקן די צופּאַסונג צו אַ סטיכייאישער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן און ניט צום שעפערישן מענטשלעכן באַוואוסטזיין.

ליסטישער... די זעלבע דערשיינונג קומט פֿאָר אויך בײַ די סאָציאַליסטן...

די השפּעה גייט אַריבער צו דענקער, וואָס מאַכן דעם קלאַסן־קאַמף פֿאַר אַ פּרינציפּ, וואָס ברענגען אַראָפּ דעם סאָציאַליזם פֿון הימל אַף דר'ערד, וואָס האַלטן זיך מיט אַלץ מער און מער עקשנות נאָר אַן רעאַליטעטן, וואָס טרעטן אויף ווי די פֿאַרטיידיקער פֿון וויסנשאַפֿט און קאַמף, וואָס באַטראַכטן די באַפֿרייאונג פֿון פּראָלעטאַריאַט מער פֿון זיין מאַטעריעלער זייט ווי פֿון דער גייסטיקער, וואָס פֿאַרלאָזן זיך אין זיין פֿאַרווירקלעכונג אַף די סטיכייאישקייט פֿון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, מער ווי אַף די קראַפֿט פֿון געפֿילן און אידעען. אַנדערש גערעדט — דאָס איז דער זיג פֿון פּרודאָן'ען און בלאַנקי איבער לואי בלאַן, לערו, קאָנסידעראַן, און פֿון קאַרל מאַרקס — איבער פּרודאָנען אַליין". צום סוף איז דער מאַרקסיזם געוואָרן אַ פֿאַרענדיקטע אידייאישע סיסטעם, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך מיט פֿיר שטריכן. ער האָט ערלערנט ניט די צילן פֿון סאָציאַליזם, נייערט זיינע וועגן. די דאָזיקע וועגן האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט ניט ווי טעלעאָלאָגיש־געשטעלטע אויפֿגאַבן, נייערט ווי רינגען פֿון אַ היסטאָריש־סטיכייאישער קייט, און דורך דעם אַליין — פֿאַרוואַנדלט די סאָציאַלע איעדאָלאָגיע אין אַ סאָציאַלער מעכאַניק. די דאָזיקע מעכאַניק איז געווען ריין־מאַטעריאַליסטיש, אין איר יסוד איז געלייגט געוואָרן אויסשליסלעך דער מאַטעריעלער קלאַסן־אינטערעס, און דער קלאַסן־קאַמף איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אויסשליסלעך ווי אַ קאַמף פֿון מאַטעריעלע אינטערעסן *). עלעמענטן פֿון דער דאָזיקער מעכאַניק זיינען *געזעלשאַפֿטלעכע* מגושמ'דיקע מאַסן, און ניט קיין מענטשלעכע יחידים, סאָציאַלע קאָלעקטיוון־*קלאַסן* און ניט קיין איינצעלנע פּערזענלעכקייטן, און איר פּראָצעס באַשטייט נאָר אין דער קעגנזייטיקער ווירקונג פֿון קאָלעקטיוון. פֿון די אַ פֿיר עלעמענטן פֿון מאַרקסיזם איז שוין גערדונגען געווען

---

*) עס קאָן געמאָלט זיין אַ טעאָריע פֿון סטיכייאיש־געזעצמעסיקער אַנטוויקלונג פֿון דער געשיכטע אויך אַף אַלטרואיסטישע יסודות: למשל, די ביאָלאָגיש־באַגרינדעטע תורה פֿון קראָפּאָטקין וועגן די „געזעצן" פֿון קעגנזייטיקער הילף. אַף אַזאַ אופֿן קאָן מען ניט זאָגן, אַז די סאָציאַלע מעכאַניק קאָן זיין נאָר מאַטעריאַליסטיש־עגאָאיסטיש. דאָ איז אויך ניטאָ קיין רייד פֿון אַ *איניציאַטיוון* באַוואוסטזיין, פֿון אַ פֿרייעם *אידעאַל*, וואָס שטייט פֿאַר'ן מענטשן. אין דער פּראַקטיק פֿון לעבן (בײַ דער פֿראַגע וועגן געוואַלט, אַ שטייגער) וואָלט אַזאַ טעאָריע, וואָס באַזירט זיך אַפֿן סטיכייאישן אַלטרואיזם — אין קעגנזאַץ צום מאַרקסיזם — געבראַכט זאָ ווי זאָ צו אַלטרואיסטישע החלטות. מיט אַזאַ טעאָריע קאָן מען נאָך, דעריבער, מושווה ווערן. (אמת, אין אַנדערע פֿראַגן, ווי, למשל, וועגן דער *רעליגיע*, וואָלט אַזאַ לערע געווען סיי טעאָרעטיש סיי פּראַקטיש ענלעך צום מאַרקסיזם). אַזוי אַרום איז דעם מאַרקסיזם פֿרעמד די פּראָבלעם פֿון מאָראַל, סיי ווייל ער איז מעכאַניסטיש לויט זיין פֿאָרם, און סיי דערפֿאַר, וואָס זיין מעכאַניק איז מאַטעריאַל־עגאָאיסטיש לויטן אינהאַלט.

אויך אַנ׳אַנדער אידעאַל פון סאָציאַליזם, אַזוי ווי אַ איבערגעמאַכטער פון אוטאָפּישן אידעאַל. דער „אידעאַל“ — דער פועל־יוצא האָט זי באַקומען ווי עפּעס אַף אַ פאַרקערטן, ניט־נאַטירלעכן אופן, ער איז ניט געווען אויפגעגעבן לכתחילה, נאָר איז אַנטשטאַנען בדיעבד פון דער געגעבענער לאַגע, ער איז געווען נאָר איר אָפּשפּיגלונג. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דער עיקר ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון די פּראָדוקציע, און דערביי איז לגמרי פאַרטושט געוואָרן דער עלעמענט פון דער אַנטוויקלונג פון פּרט און פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. ס׳איז קלאָר, אַז נאָך דעם איז באַם מאַרקסיזם לגמרי פאַרלוירן געגאַנגען די אידעע פון פּערזענלעכקייט און פון מאָראַל (וואָס ווערט פאַרשטאַנען ווי אַ פרייע און זעלבשטענדיקע דענקען פון מענטשן וועגן גוטס, וועגן מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין און וואָלטן זיך געפּאַסט צום אידעאַל). אין תוך איז דער מאַרקסיזם ניט אַנטימאָראַליש, נייערט אַמאָראַליש. פון אים פירט אָבער אַ גלייכער דרך צו דער אַנטימאָראַלישקייט *).

דערפאַר האָט מאַרקס אַזוי בייז קריטיקירט אַלע סאָציאַליסטישע טעאָריעס — וויטלינג׳ס, לאַסאַל׳ס, פּרודאָנ׳ס — וואָס האָבן זיך באַזירט אַף מאָראַלישע אידעען, אָדער האָבן זיי אַריינגענומען אין זייער חוג. און בעת מע האָט לויט דער פאָדערונג פון פאַרשיידענע טוער איינגעשלאָסן אין טעקסט פון סטאַטוט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל די פראַגן וועגן „רעכט, פליכטן, אמת, מאָראַל און יושר“, — האָט מאַרקס דערנאָך מחמת דער זעלבער סיבה געשריבן צו ענגעלס׳ן, אַז ער האָט „אַזוי פונאַנדערגעשטעלט זיי, זיי זאָלן ניט קענען ברענגען קיין שאָדן **). ראָזאַ ליוקסעמבורג האָט געזאָגט, אַז די אידעע פון יושר איז אַנ׳אַלטע קליאַטשע, אַף וועלכער ס׳פלעגן זיך אין משך פון דורות זעצן אַלע וועלט־באַנייער, וואָס האָבן ניט קיין זיכערע מיטלען פון היסטאָרישע קאָמוניקאַציע, אַ צעקאַליעטשעטער ראָסינאַנט, אַף וועלכן ס׳זיינען שוין געפאָרן זוכן אַ גרויסע וועלט־רעפאָרם אַזוי פיל דאָן־קיכאָטן פון דער געשיכטע, וואָס האָבן קיין זאַך ניט געבראַכט פון די נסיעות, אַחוץ אַ צעשלאָגענער אויג ***) ****).

---

*) ס׳איז פאַראַן אַ מאָראַל פון מאַרקסיסטן, אָבער ניט פון מאַרקסיזם.

**) פ. מערינג Karl Marx

***) ציטירט לויט טשערנאָוו׳ס Теоретики романского синдикализма

****) הייַנט פרעגן מיר: און צו וואָס האָט געבראַכט איר „געלערנטער“ סוס? די לומדות פון דעם רוב מאַרקסיסטן האָט נעבראַכט צו דער טאַקטיק פון 1914־טן יאָר, פון די קונאָוו׳ס און לענש׳ן וואָס זי אַליין האָט פאַראורטיילט אַפן שאַרפסטן אופן. אמת, זי אַליין האָט זיי אַנטקעגנגעשטעלט אירע אייגענע לומדות, דאָס האָט אָבער נאָר דערוויזן ווי רעלאַטיוו עס איז איצט ניט נאָר די סאָציאַלע עטיק, נאָר אויך די סאָציאַלע וויסנשאַפט. שפּעטער האָט די

די ווייניקע מאַרקסיסטישע אויספֿאָרשער פֿון עטיק — און צווישן זיי דער עיקר קאַוטסקי — האָבן אָפּגעגעבן זייער אויפֿמערקזאַמקייט דער „דערקלערונג“ פֿון מאָראַל, איר אויספֿיר אַף אַ גענעטישן מעטאָד פֿון פֿאַרשיידענע ווירטשאַפֿטלעכע קלאַסן־באַציאונגען *). זיי האָבן פֿאָרגעשטעלט די קלאַסן־מאָראַל און קלאַסן־סאָלידאַרישקייט ווי די איינציק־עקזיסטירנדיקע פֿאַקטן און ווי אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פֿון דער קלאַסן־סביבה, ווי רעפֿלעקסן פֿון קלאַסן־קאַמף. אין זייערע טעאָריעס האָבן אין פּרינציפּ ניט געקאָנט אַוועקגעשטעלט ווערן קיין מאָראַלישע פּראָבלעמען, אַלס פֿרייע אויפֿגאַבן און שעפֿערישע באַוועגונג פֿון באַוואוסטזיין און רצון. און שטעלן פּראָבלעמען פֿון אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל, פּראָבלעמען וועגן אידעאַלע מענטשלעכע באַציאונגען — דאָס וואָלט געווען אַ סתירה צום גאַנצן גייסט און אינהאַלט פֿון מאַרקסיזם. אמת, אַ סך אויסבעסערונגען האָט אַריינגעבראַכט אין די דאָזיקע פֿאַראיינפֿאַכטע סכעמעס די פּראַקטיק פֿון מענטשלעכן לעבן. דער זעלבער קאַוטסקי האָט געשריבן, אַז „מע קאָן לייקנען די סאָלידאַרישקייט בײַ קלאַסן און אָנערקענען סאָלידאַרישקייט בײַ מענטשן. גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע אומגליקן, וואָס זיינען אַף אַ קורצע צייט גובר די קלאַסן־מחיצות (אַ עפּידעמיע, למשל) רופֿן אַרויס אַפֿילו אין בײַוואוסטזיין פֿון דעם סאַמע פֿאַרהאַרטעוועטן בורזשואַ געפֿילן פֿון מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט, דעם געפֿיל פֿון צוזאַמענהאַנג צווישן גליק פֿון יחיד און פֿון גאַנצן כלל“. ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך פֿון דער אַנדער זייט קאָן אַרויסגעוויזן ווערן אַזאַ מין מענטשלעכע סאָלידאַרישקייט — מצד דעם אַרבעטער בנוגע צום בורזשואַ אין אַ צייט פֿון נאַטירלעכע און סאָציאַלע ערד־ציטערנישן (רעוואָליוציעס). דער קיום פֿון אַזאַ סטיכייאישן פֿאַקט ווי „געפֿילן פֿון מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט“ דערלייכטערט נאָר און שטיצט די מאָראַלישע זוכענישן און פֿאָדערונגען פֿון דער רעוואָליוציע. מאַרקסיסטן האָבן אָבער די דאָזיקע פֿאַקטן באַטראַכט ווי אַ יוצא מן הכלל: „אין געוויינלעכן לעבנס־לויף — איז מוסיף קאַוטסקי — ווערט דאָס באַוואוסטזיין פֿון סאָלידאַרישקייט פֿאַרשטומט דורכ׳ן באַוואוסטזיין פֿון קלאַסן־ניגוד, דורך דער שטרעבונג צו עקספּלואַטירן די נאָענטע“. אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט הערשט נאָר אַ אָפּגעשפּיגלטע (פֿון קלאַסן־קאַמף) קלאַסן־מאָראַל, און עס איז ניט מעגלעך צו שאַפֿן מיטן איינענעם ווילן וואָס פֿאַר אַ ניט איז אַלגעמיין־מענטשלעכע אָדער קלאַסן־מאָראַל. אויב מע קאָן יאָ „אַנטוויקלען“ אַ קלאַסן־סאָלידאַרישקייט קאָן

זעלביקע לומדות געבראַכט צום רוסישן באָלשעוויזם פֿון 1918 יאָר. די גאַנצע צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס האָט געפֿעלט די „אַלטע קליאַטשע“.

*) זע דאָס נייע בוך פֿון קונאָוו: Die Markx'sche Geschichts-, Gesellschaft und Staatstheorie; Bd. II זעה אויך דאָס בוך פֿון בוכאַרין: Историч. Материализм

עס אַפּנים נאָר געגליכן ווערן צו דער פּלעגונג פון סטיכייאיש־וואַקסנדיקע בלומען.

פּרינציפּיעל צייכנט זיך פון דעם מיט קיין זאַך ניט אויס אויך די טעטיקייט פון די רוסישע באָלשעוויקעס אין דער רעוואָלוציע, הגם זי טראָגט אף זיך אַ בולטן שטעמפּל פון אַ מאַקסימאַל־אָנגעשטרענגטן רצון. אפן ערשטן אויבערפלאַכלעכן קוק דאַכט זיך דאָס אויס, אַז דווקא זיי שטעלן פאַר זיך אויפגאַבן, ווי באַוווסטזיניקע אינדיווידיאומ׳ס, זוכן אויס פאַר זיך וועגן, זיינען גובר די שטערונגען, — בקיצור זיי ווייזן אַרויס די גרעסטע מאָס פון וואָלינטאַריזם. אין דער אמת׳ן איז עס אָבער ניט אַזוי: אין דער ספערע פון דער שעפערישער רעוואָלוציע בלייבן זיי טריי זייער טעאָרעטישער (אָדער פסיכאָלאָגישער) נאַטור. זיי זיינען די „געזעץ־לייט“ (לעגיסטן) אין דער רעוואָלוציע, זיי פאַסן צו זייער רצון צו די בלומערשט־סטיכאייאישע אַנטוויקלונג־געזעצן, זייער פרייהייט זעהן זיי איין אין דער הכנעה צו דער דאָזיקער היסטאָרישער נויטווענדיקייט, זייערע רעוואָלוציאָנערע שליחות — אין דער פאַרגיכערונג און פאַרטיפונג פון דעם „אומפאַרמיידלעכן“ פּראָצעס, איינשליסנדיק אַזוי אַרום זיך אַליין אין דער אייזערנער מעכאַניק פון דער אַנטוויקלונג. זיי קוקן אויף זיך ווי אף באַוואוסטזיניקע ג ע וו ע ר פון דער היסטאָרישער „השגחה“ און מער גאָרניט. און דעם דאָזיקן „געזעצלעכן“ וואָלונטאַריזם לאָזן זיי איבער נאָר פאַר זיך אַליין, פאַרן אוואַנגאַרד און ניט פאַרן גאַנצן כלל פון די אַרבעטענדע, ווייל זיי האַלטן, אַז נאָר זיי אַליין פאַרשטייען די „היסטאָרישע געזעצן“ און האַנדלען לויט זיי. ס׳איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אויך די רוסישע באָלשעוויקעס שטעלן פאַר זיך ניט קיין פרייע, פון זיך געבוירענע אויפגאַבן, און בתוכם — קיין עטישע אויך ניט.

איצט איז שוין פאַרשטענדלעך, אַז די פּראָבלעם פון ג ע וו אַ ל ט און איר דערלאָזבאַרקייט האָט גאָר ניט געקאָנט האָבן קיין אָרט אין דער סיסטעם פון מאַרקסיזם. פונקט ווי אַלע אַנדערע סאָציאַלע דערשיינונגען איז געוואַלט באַטראַכט געוואָרן אין מאַרקסיזם אַלס פונקציע, אַלס אָפּ־ש פ י ג ל ו נ ג פון עקאָנאָמישע באַציאונגען און קאַמף. עס איז געווען ניט מעגלעך, מע זאָל אין וואָס פאַר אַ ניט איז שטופע פון געוואַלט צוגיין צו דער לייזונג פון איר פּראָבלעם פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישן אידעאַל. די רעפאָרמיסטן, וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אפן באָדן פון דער מעכאַניסטישער טעאָריע האָבן נאָך אויסגעמידן די דאָזיקע טעמע, ווייל זיי האָבן אין זייערע רעאַלע אנשויאונגען בכלל געזעהן צו פאַרמיידן דעם עלעמענט פון געוואַלט. אף וויפיל עס עקזיסטירט אים מענטשן אומאָפּהענגיק פון דער אָנגענומענער טעאָריע אויך אַ סוביעקטיווע ריכטונג פון רצון, אף אַזוי

פיל האָבן די רעפאָרמיסטן ניט געוואָלט קיין געוואַלט־מעשים און קיין קאַמף. און דוקא זיי זיינען דאָך געווען דער רב פון די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן. אָבער אויך די ראַדיקאַלע סאָציאַליסטן האָבן ניט געהאַט באַרירט די פראַגע וויפיל ניט איז ערנסט. דער קלאַסישער זאַץ וועגן געוואַלט איז אָנגעשריבן פון מאַרקס'ן און איז אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „די געוואַלט איז אַ הייבין פון איטלעכער אַלטער געזעלשאַפט, וואָס איז שוואַנגער מיט דער נייער. די געוואַלט גופא איז אַ עקאָנאָמישער פאַקטאָר“ *). פון דער דאָזיקער פאָרמול האָט מען געמאַכט די מסקנה, אַז אין אַ תקופה פון געזעלשאַפטלעכע איבערקערענישן מוז תמיד און אומפאַרמיידלעך האָבן אַן אָרט דער עלעמענט פון געוואַלט. אַקצעפטירנדיק דעם עצם־פרינציפּ אינגאַנצן האָט מען אָבער לגמרי ניט געשטעלט פאַר זיך די פראַגע וועגן די גרעניצן פון געוואַלט און וועגן אירע מדרגות. דערביי האָט מען נאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז אפילו בנוגע צום פיזיאָלאָגישן אָרגאַניזם שטייט פאַר דער וויסנשאַפט די אויפגאַבע צו פאַרקלענערן און אויך אינגאַנצן באַזייטיקן אין עתיד די חבלי־לידה. אפן סמך פון דער דאָזיקער ציטאַט פון מאַרקס'ן שרייבט איינער פון זיינע לעצטע עפיגאָנען, בוכאַרין, פאָלגנדיקעס: „די סאָציאַלע געוואַלט און אויפצווינגונג געפינען זיך אין אַ צווייערלייאיקער באַציאונג צו דער עקאָנאָמיק: ראשית — ווירקן זיי, ווי אירע אַ פונקציע, והשנית — זיינען זיי פון זייער צד משפיע דאָס עקאָנאָמישע לעבן. אין דער אָ צווייטער ראָליע קאָן די השפעה פון געוואַלט גיין אין צוויי ריכטונגען: זי קאָן גיין אין דער ריכטונג פון די זיך אָביעקטיוו־אַנטוויקלענדיקע עקאָנאָמישע באַציאונגען — יעמאָלט באַפרידיקט זי די רייף־געוואָרענע געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש, זי פאַרגיכערט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, זי איז איר פּראָגרעסיווע פאָרם; זי קאָן אָבער אויך שטיין אין אַ סתירה צו דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, יעמאָלט פאַרהאַלט זי איר, זי פענטעט איר, און דאַרף — על פּי הכלל — פאַרביטן ווערן דורך אַן אַנדער פאָרם פון אויפצווינגונג **). פון דער דאָזיקער גאַנצער דרשה קאָן מען זעהן, אַז אומאָפּהענגיק פון די באַציאונגען צווישן דער עקאָנאָמיק און געוואַלט, וועט די צווייטע תמיד זיין ניט מער ווי אַ רינג אין דער אָביעקטיוו־נויטווענדיקער אַנטוויקלונג־קייט. דאָ איז לחלוטין קיין שום אָרט ניטאָ פאַר דער טעלעאָלאָגישער שטעלונג פון דער פראַגע. נאָך דעם אַלעמען ווערט שוין פאַרשטענדלעך דער אידעאָלאָגישער באָדן, אַף וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן דאָס נאַיוו־באַרבאַרישע בוך פון טראָצקי'ן וועגן „טעראָריזם און קאָמוניזם“.

*) ק. מאַרקס. Das Kapital Bd. I

**) נ. בוכאַרין. Экономика переходного периода

מיט אַזאַ אידייאישן באַגאַזש, מיט דער נעגירונג פון טעלעאָלאָגיע בכלל און פון דער פראַגע וועגן געוואַלט בפרט, איז דער מאַרקסיזם אַריינגעטראָטן אין די יאָרן פון די לעצטע גרויסע געשעהענישן. דאָס 1914 יאָר און 1918 האָבן ביידע גלייך געזאָגט עדות וועגן דעם באַנקראָט פון דעם אידייאישן באַגאַזש, ניט קוקנדיק אפ'ן חילוק צווישן דעם אינהאַלט און די טרעגער פון זיי ביידע. מיטן ערשטן שאָס פון דער אייראָפּייאישער מלחמה, דעם 4-טן אַווגוסט 1914, איז קלאָר געוואָרן, ווי ווייט אוטאָפּיש עס זיינען געווען די אַלע לומדישע מאַרקסיסטישע נביאות, וואָס מע האָט געהאַלטן פון זיי פריער שטאָל און אייזן. ניט קוקנדיק אף דער פופציק-יאָריקער אָנפירונג מיטן אָרגאַניזירטן קלאַסן-קאַמף און די פאַראַנטוואָרטלעכע החלטות פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען קעגן דער מלחמה, איז זייער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרבאַנד צעפלויגן אפן רויך לגבי די פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע מדינות. אין דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט האָט דער קלאַסן-קאַמף אָפּגעטראָטן זיין אָרט פאַרן נאַציאָנאַלן, די פּראָלעטאַרישע פאַראייניען האָבן זיך געשטעלט צו דינסט פון קאַפּיטאַליזם און די מאַרקסיסטן, וואָס שטייען פון ביידע זייטן פון די טראַנשייען, האָבן אָנגעהויבן אפן זעלבן „ווּיסנשאַפטלעכן" אופן דערווייזן די נוצלעכקייט פון דער מלחמה פאַרן סאָציאַליזם (פּלעכאַנאָוו, שיידעמאַן, געד). אין 1917-טן ברעכט אויס די רעוואָליוציע אין דעם איבערוויגנדיק-פּויערישן לאַנד (רוסלאַנד און שפּעטער — אונגאַרן), און שטעלט אף אַזאַ אופן מיטן קאָפּ אַראָפּ אַלע מאַרקסיסטישע נביאות וועגן דער הויפּט-ראָליע, וואָס פאַלט אויס אפן חלק פון די אינדוסטריעל-אַנטוויקלטע לענדער. בעת דער באָלשעוויזם פּרובט זיך פון 1918-טן יאָר אָן צו פירן די פּויערישע רעוואָליוציע לויט זיינע ווּיסנשאַפטלעכע סכעמעס אפן פּראָלעטאַרישן נוסח, — האָט ער איין מפּלה נאָך דער צווייטער. די ווּיסנשאַפט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אוטאָפּיע. דער זעלביקער באָלשעוויזם, וואָס איז געבליבן דער איינציקער הערשער אין דער מדינה-פּאָליטיק, האָט פון 1918-טן יאָר ניט געשטעלט די פראַגן פון געוואַלט און טעראָר, נאָר ער האָט זיי אף אַ עלעמענטאַרן אופן געלייזט: ער האָט זיי נאָר אויסגעפירט „ווּיסנשאַפטלעך" פון די באַציאונגען צווישן קלאַסן און פון די באַדערפעניש פון דער רעוואָליוציע. אָבער די הפקרות פון דער געוואַלט, וואָס איז „אָביעקטיוו-אויפגעצוואונגען דורך דער געשיכטע" האָט ניט נאָר ניט מיטגעהאָלפן דער רעוואָליוציע און דעם סאָציאַליזם — זי האָט נאָר אָפּגעשטויסן די אַרבעטס-מאַסן פון זיי. דער פועל-יוצא פון דעם טעראָר — איז געווען די סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע פאַרדאַרבונג פון דער מאַסע. ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן די רעזולטאַטן פון דער כסדר'דיקער אָפּלאַכעניש פון אוטאָפּיזם: עס איז ניט געווען קיין פאַרשטעלונג וועגן די צילן פון סאָציאַליזם, אָדער זי

איז געווען דורך אַ מאַטעריעל-ווירטשאַפטלעכע; און ס'איז ניט געווען קיין אָפּשאַצונג פון ווענן צו דער ציל פון שטאַנדפונקט פון זייער מאָראַלישקייט (ד. ה. פון הסכם צווישן זיי און דעם אינערלעכן זין פון סאָציאַליזם). די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע איז דאָך אָבער אין דער ווירקלעכקייט געווען אַ פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג, אָן וועלכער עס איז בכלל פון סאָציאַליזם קיין רייד ניט געווען. האָבן דעריבער ניט אין איין וויסנשאַפטלעכן באַוואוסטזיין געקאָנט קומען ספקות אין דער ריכטיקייט פון מאַרקסיסטישן באַראָמעטער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש אַלץ, וואָס ער האָט פאַראויסגעזאָגט פאַר דער מלחמה און רעוואָליוציע, פאַר דער ראָליע פון קלאַסן-קאַמף אין דער ערשטער און פון געוואַלט — אין דער צווייטער. און דאָס געפיל פון אומרו און זוכעניש, וואָס לעבט אפילו אין דעם כלומרשט וויסנשאַפטלעכן באַוואוסטזיין — מעג עס זיין אפילו אומבאַוואוסטזיניק, — האָט שטאַרקער אָנגעהויבן באַשטיין אויף זיינע רעכט. האָבנדיק פאַר זיך אין דער נשמה פון די אַרבעטענדע די חורבות, וואָס זיינען געקומען פון דעם מלחמה-פּסיכאָז און רעוואָליוציאָנערן טעראָר, און די אומזיניקע ליידן פון אַזעלכע מלחמות און רעוואָליוציעס, — האָט דאָס אָביעקטיווע געפיל גענומען פאָדערן זיינע רעכט אויף טעלעאָלאָגיע, אויף די פרייע און איניציאַטיווע שטעלונג פון די פראַגן פון לעבן און עתיד*). פון איצט אָן וועט די אַנטוויקלונג פון סאָציאַלרעוואָליוציאָנערן געדאַנק בלי ספק דאַרפן גיין אין דער אָ נייער ריכטונג.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג דאַרף זיין אַ סינטעז פון געדאַנקען-גאַנג פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם און אמת'דיקער וויסנשאַפטלעכקייט. דער ערשטער עטאַפּ פון סאָציאַליזם, דער אוטאָפּישער, איז געווען וויכטיק ניט נאָר אין ה י ס ט אָ ר י ש ן זין אַליין, ווי עס האָבן ליב אָפּצומאָלן די מאַרקסיסטישע היסטאָריאָגראַפן. ער איז געווען וויכטיק אויך דערפאַר, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די אַרבעטענדע און זייערע קעמפער אויף די צ י ל ן פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג, וואָס ער האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר אָנגעוויזן די עטישע א ו י ס ג אַ נ ג ס-פּאָזיציעס פון סאָציאַליזם. ס'איז אָבער אַ טעות, בעת מע מיינט אַז די דאָזיקע פּאָזיציעס האָבן אַ ווערט נאָר אויף די אָנהויב-ווענן פון דער באַוועגונג און דאַרפן שפּע-

---

*) ווייל, הגם דער מעכאַניסטישער מאַרקסיזם האָט זיך ניט באַזירט אָפּן זין פון דער געשיכטע, און איז מקבל געווען אין זיין וויסנשאַפטלעכער הכנעה איר אייגענעם אָביעקטיוון אַנטוויקלונגוועג, פונדעסטוועגן (און אין דעם באַשטייט דער ישועה'דיקער שקר פון איטלעכער סאָציאַל-מעכאַניסטישער טעאָריע) זעט ער אין (און אַ פּשיטא שוין — זיינע פּשוטע מאַסן-אָנהענגער) אַ פאַרבאַהאַלטענע „ג ו ט ע" כונה אין דער אַנטוויקלונג. די אויסערגעוויינלעכע מענטשלעכע ליידן האָבן באַוויזן, אַז אַזאַ מין כונה איז ניט בנמצא.

טער פֿאַרבּיטן ווערן דורך אַנדערע. זיי זיינען די ערשטע ניט כראָנאָלאָגיש, נאָר לאָגיש. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז שטאַרק אומגערעכט זיינען געווען די אַלע, וואָס האָבן געמיינט, אַז דער סאָציאַליזם, וואָס איז געוואָרן אַ רעאַלע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג און דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צו זיין ענדעציל, מעג זיך אינטערעסירן נאָר מיט די „ערפֿאָלגן פֿון דער באַוועגונג“ און אַרויסלאָזן פֿון זינען אירע אויסגאַנג־פּאָזיציעס. גראָד פֿאַרקערט: וואָס נאָענטער צו דער ציל (ובפֿרט אין דער איבערגאַנג־תּקופֿה), — דאָס גרעסער ווערט דער באַטייט פֿון אויסגאַנג־פּונקט, אַלס די גאַראַנטיע און דער יסוד פֿון דער ציל. דער אינערלעכער גורל פֿון לעצטן מאָמענט פֿון סאָציאַליזם איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון דעם כאַראַקטער און פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דעם אויסגאַנג־מאָמענט. אַ לעבעדיקער עדות דערצו איז דער גורל פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. די עטישע אויסגאַנג־פּאָזיציע פֿון סאָציאַליזם דאַרף אים דורכדרינגען פֿון אָנהויב ביזן סוף, סיי אַלץ באַוועגונג אין גאַנצן, סיי אַלס אַ וועלטאַנשויאונג און השפּעה פֿון יחיד. און דאָס באַטייט, אַז דער מהות פֿון אוטאָפּישן סאָציאַליזם האָט ניט נאָר אַ היסטאָרישן ווערט, נאָר ער דאַרף אויך איינגעשלאָסן ווערן אין דעם נייעם סאָציאַליסטישן סינטעז.

אויבן האָבן מיר אָבער געזאָגט, אַז דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם האָט געהאַט אַן אַנדער חסרון: ער האָט ניט געגעבן קיין סיסטעם פֿון רעאַלע וויסנשאַפֿטלעך־געפֿונענע וועגן צום אידעאַל, ניט איינגעטיפֿט זיך אין דער אויספֿאָרשונג און דעריבער אויך אין דער אויסנוצונג פֿון די סטיכייאיש־עקזיסטירנדיקע סבּות און טרייב־כּחות, וואָס פֿירן די באַוועגונג צו דער ציל. דער אוטאָפּיזם האָט געהאַלטן פֿון די נאַיווע האָפֿענונגען אויף די גוטע מענטשלעכע נאַטור. ער האָט זיך פֿאַרלאָזן אויסשליסלעך אויפֿן באַטייט פֿון גרויסן אויפֿשוואונג פֿון די נשמות, ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען די אַנטשיידנדיקע ראָליע פֿון קלאַסן־קאַמף, ער האָט ניט געזוכט קיין פֿעסטע אונטערשטיצונג פֿון באַשטימטע סאָציאַלע שיכטן און זייערע אָרגאַניזאַציעס. דעם מאַרקסיזם, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון אוטאָפּיזם, האָט ניט געפֿעלט קיין ווילן ניכטער און וויסנשאַפֿטלעך אָפּגעבן זיך אַ דו״ח וועגן די באַוועגנדיקע כּחות פֿון דער געשיכטע. די וויסנשאַפֿטלעכקייט פֿון מאַרקסיזם איז אָבער געווען אויף אַזוי ווייט איינזייטיק, אַז ער האָט דעם דאָזיקן כאַראַקטער לגמרי פֿאַרלוירן. אַזוי פֿאַראייַנפֿאַכט זיינען געווען סכעמאַטיזירט די סאָציאַלעווירקלעכקייט און די וועגן פֿון איר אַנטוויקלונג און אַזוי פֿאַרבלאַז זיינען געמאַכט געוואָרן די פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון מענטשלעכן לעבן און פֿון זיין אָביעקטיווער סביבה, — אַז די פֿאָרמולעס פֿון דער מאַרקסיסטישער וויסנשאַפֿט זיינען שוין אויסגעקומען טויט, און אירע פּראָגנאָזן — פֿאַלש. דער סאָציאַלער פּראָצעס פֿון לעבן

פֿלעגט בסדר אַרויסווייזן, ווי ווייט זיי טויגן ניט. ער איז געווען קאָמפּליצירטער און רייכער אין פֿאַרבן, ווי זיי. די פּינקטלעכע אָביעקטיווע עמפּיריק און דער אַבסאָלוט־ריכטיקער פּראָגנאָז, צו וועלכע דער מאַרקסיזם האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט, זיינען מגולגל געוואָרן דווקא אין זייער היפּוך — אין סובּיעקטיוויזם, און וויסנשאַפֿטלעכן אוטאָפּיזם. נאָך מער: די דאָזיקע תּורה האָט אַוועקגעשטעלט אין געזעלשאַפֿטלעכן פּראָצעס אנשטאַט'ן שעפֿערישן יחיד סאָציאַלע קערפּערס. אנשטאַט דער אינדיווידועלער מענטשלעכער נשמה — עפּעס אַ קאָלעקטיוון „גייסט“ פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון קלאַסן. און דערפֿאַר איז די בּלומרשט־רעאַליסטישע טעאָריע געוואָרן דורך און דורך מיסטיש.

און אויב דער מאַרקסיזם האָט מיט דער פּשטות פֿון זיינע פֿאָרמולעס חרבֿ געמאַכט זיינע וויסנשאַפֿטלעכע פּלענער, געבנדיק אַ פֿאַרקריפּלטן וועלט־בּילד — האָט ער, לייקענענדיק די טעלעאָלאָגיע, לגמרי באַזייטיקט פֿון זיין באַוואוסטזיין און פֿון באַוואוסטזיין פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער יעדע פֿאָרשטעלונג און יעדן געדאַנק וועגן דעם אינהאַלט פֿון סאָציאַליזם גופֿא, וועגן זיין לעצטן רעזולטאַט. ער האָט פֿאַר זיך ניט געשטעלט קיין פֿראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פֿון מענטשן אין דעם סאָציאַליזם, וועגן די צווישן־באַציאונגען פֿון זיינע פֿאַרשיידענע הצטרכותן, פֿון זיינע שטרעבונגען צו דער פֿרייהייט און צו פֿאַרבינדונגען מיט אַנדערע, וועגן זיין רעכט אויף אַ אויפֿשטאַנד וכד. ער האָט פֿאַר זיך ניט געשטעלט קיין פֿראַגע וועגן דער „מאָראַלישקייט“ פֿון די קאַמף־מיטלען, ד. ה. וועגן דעם, ווי ווייט זיי אַנטשפּרעכן דעם אינערלעכן מהות פֿון סאָציאַליזם (כּדומה — וועגן געוואַלט). אויב דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם האָט צוליב דער ציל פֿאַרגעסן אָן די מיטלען צו איר — האָט דער מאַרקסיזם ניט געזען די ציל צוליב די מיטלען. בּיידע זיינען געווען גלייך אוטאָפּיש. און בעת דער מאַרקסיזם האָט זיך געשטעלט פּנים אל פּנים מיטן סאָציאַליזם, וואָס פֿאַרווירקלעכט זיך שוין, איז ער געבליבן אָפּהענטיק פֿאַר דער קאָמפּליצירטקייט פֿון זיינע פּראָבלעמען.

די אמת'ע וויסנשאַפֿטלעכקייט שטעלט אָבער אין סאָציאַליזם גאַנץ אַנדערע אויפֿגאַבן: זי פֿאָדערט, עס זאָל אויסגעפֿאָרשט און פֿאַראייניקט ווערן די גאַנצע פֿילגעשטאַלטקייט פֿון לעבן, פֿון דעם סטיכייאישן און שעפֿעריש־פֿרייעם. ניט פֿאַראיינפֿאַכט, נאָר קאָמפּליצירט (אינטעגרירט) דאַרפֿן ווערן די פֿאָרמולירונגען; ניט קיין מיסטישקייט, נאָר אַ ממשות'דיקייט פֿון די מסבּנות; ניט קיין מעכאַנישקייט, וואָס שלינגט אין זיך אַלץ אריין, נאָר אויך די טעלעאָלאָגישקייט — אָט דאָס פֿאָדערט און אָנערקענט די סאָציאַלע וויסנשאַפֿט. אַזאַ וויסנשאַפֿט ווייסט פֿון די סובּיעקטיווע מקורות פֿון אירע אויספֿאָרשונגען, דאָס דאָזיקע וויסן אָבער און זייער רעגולירונג שוואַכט ניט

אָפּ די אָביעקטיווע אויספירן, נאָר אדרבא — עס מאַכט זיי קלאָרער און געזונטער. אַזאַ וויסנשאַפט וועט מוזן אַריין ווי אַ באַשטאַנד=טייל אין דעם נייעם סאָציאַליסטישן סינטעז. אויספאָרשנדיק די סאָציאַלע ווירקלעכקייט, פאָרשט זי גלייכצייטיק אויס אויך די פאַזן פון איר סטיכייאישער אַנטוויקלונג, די גאַנצע גרויסע דערפאַרונג פון אַ אָביעקטיוו זיך אַנטוויקלנדיקער סביבה. אין דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער זוכעניש פון וועגן צום סאָציאַליזם באַשטייט דער חילוק צווישן סינטעז און אוטאָפּישן סאָציאַליזם (גלייכצייטיק איז אין דעם אויך דער חילוק צווישן אים און וויסנשאַפטלעך=מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, אַף וויפיל דער סינטעז זעהט צו פאַרמיידן דעם פאַראיינפאַכטן „מאָניזם" פון די אויספאָרשונגען). דער עיקר, אָבער, אָנערקענט נאָך דער סינטעז די עקזיסטענץ פון דעם טעלעאָלאָגישן מאָמענט אין לעבן. ער שטעלט ברייט און אָפן, ווי אַ גרונט=פראַגע דעם מאָראַלישן אידעאַל און די פראַגע וועגן די מאָראַלישקייט פון די וועגן, ד. ה. וועגן הסכם צווישן זיי און אידעאַל (און קודם=כל — די פראַגע וועגן געוואַלט). די סטיכייאישקייט פון די פאַקטן אָדער פון דער אַנטוויקלונג באַפרייט ניט פון דער אָפּשאַצונג, זי רופט נאָר אַרויס דעם דאָזיקן מעטאָד. אַזעלכע דערשיינונגען, ווי „דער וואוקס פון פראָדוקטיווע כחות" אָדער „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם" ווערן שוין יעמאָלט ניט קיין אַליין=הערשענדיקע באַלעבאַטים פון דער וועלטאַנשויאונג, זיי פאַרוואַנדלען זיך אין איינעם פון אירע באַשטאַנד=טיילן. די סאָציאַליסטישע טעאָריע גיט איר אָפּשאַצונג פאַר די אַלע דערשיינונגען און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נוצט זי אויס אין דער ריכטונג פון זייער אַנטוויקלונג, אָדער זי באַווירקט זיי אַף אַנ'אַנדער אופן (רעגולירנדיק אָדער שטעלנדיק זיך אַנטקעגן). אין דער אָ וויסנשאַפטלעכער אָנערקענונג פון ציל און איר השפעה באַשטייט דער חילוק צווישן אונזער סינטעז און דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. האָבן אַ חשבון פון אַלע סטיכייאישע כחות און אונטערגעבן זיי דעם מאָראַלישן אידעאַל — דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון סינטעטישן סאָציאַליזם. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סינטעז קאָן ניט פרעטענדירן אַף די שאַפונג פון „אַבסאָלוט=ריכטיקע" וויסנשאַפטלעכע פראָגנאָזן; ניט אין דעם, אָבער, ליגט זיין כח; די שעפערישע קראַפט פון אַזאַ סינטעטישן סאָציאַליזם ליגט ניט אין דער נאַיווער וויסנשאַפט, נייערט אין דעם אידעאַל, אין זיין זיך שטענדיק באַנייענדיקער שיינקייט, אין זיין פּאַטאָס, וואָס נעמט שטענדיק אום דעם מענטשן. פון דער ספערע פון דער אויסערלעכער סטיכייאיש=אויפגעצוואונגענער נויטווענדיקייט גייט דער סאָציאַליזם אַריבער אין געביט פון דער אינערלעך=רצונ'דיקער מענטשלעכער נויטווענדיקייט. די וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט טרעט דאָ אָפּ איר אָרט פאַר וויסנשאַפטלעך=

מאָראַלישן גלויבן. און נאָר אַף אַזאַ יסוד קאָן זיך בויען דער סאָציאַליזם.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער אָנערקענונג פון מאָראַלישן אידעאַל אַלס העכסטע קאָנטראָלירנדיקע אינסטאַנץ ווערט אויך אָנערקענט דער פּרימאַט פון אוטאָפּישן עלעמענט פון סאָציאַליזם איבערן ווּיסנשאַפט־לעכן. און מע דאַרף רעכנען, אַז אין דער ריכטונג וועט טאַקע גיין אַצינד די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דער גרויסער אַנטוישונג אין דעם מאַרקסיסטישן, וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אין די יאָרן פון דער מלחמה און רעוואָלוציע. דאָס איז אָבער אויך אַ רעזולטאַט פון דער מפּלה פון יענער אַבערגלויבישער פאַר־געטערונג פון די גענויע וויסנשאַפטן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן סוף פון XIX־טן יאָרהונדערט, און פון דער אַלץ וואַקסנדיקער אָנערקענונג פון דעם באַטייט פון סאָציאַלער טעלעאָלאָגיע *). פּונקט ווי דער קראַך פון אוטאָפּיזם און די וויסנשאַפטלעכע שטרעבונגען האָבן נאָכ׳ן 48־טן יאָר ריין געמאַכט דעם וועג פאַרן מאַרקסיזם, אַזוי מאַכן איצט ריין דעם וועג פאַרן נייעם, סינטעטישן סאָציאַליזם דער קראַך פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און די ניכטערע אָפּשאַצונג פון דער וויסנשאַפט.

עס איז כדאי צו באַמערקן: דער שעפערישער איניציאַטיווער מאָמענט אין מענטשן איז אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ דרך אפילו אין דער סביבה פון מאַרקסיזם (אין זיין טעאָריע אָדער צווישן זיינע טרעגער). איינער פון די בעסטע מאָדערנע מאַרקסיסטן, גאָרטער, וואָס שטייט נאָך דערצו אויפן עקסטרעם־לינקן פלאַנג פון דער פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער רע־וואָלוציע **), זאָגט אַרויס אין זיין בוך וועגן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם“ אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דער מאָראַלישער פּראָבלעם. ער אַליין אַלס עקאָנאָמישער מאַטעריאַליסט, דערווייזט די עקזיסטענץ פון אַ קלאַסן־מאָראַל באַם בורזשואַ און באַם אַרבעטער, ער דערווייזט איר היסטאָרישע אומפאַרמייד־לעכקייט. מיטן נאָמען „קלאַסן־מאָראַל“ רופט ער אָבער אומעטום אָן נאָר די פּראַקטיק פון די מעשים פון די קלאַסן, אָבער ניט די פּרינציפּן

*) מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר איין ביישפּיל ווי די נאַטור־וויסנשאַפט באַקומט שוין איצט איר באַשטימטן אָרט אָנשטאָט דער פריערדיקער הערשאַפט, וואָס האָט איר געהערט. מע האָט שוין היינט אויפגעהערט צו „דערווייזן“ אָדער „צעשטערן“ וויסנשאַפטלעך די רעליגיע, נאָר מע גיט איר אָפּ אַ באַזונדער אָרט אין אַ גאַנץ אַנדער געביט פון מענטשלעכן גייסט.

**) גאָרטער און פּאַנעקאָק בילדן די אַזוי גערופענע האָלענדישע שול פון מאַרקסיזם און פירן אידייאיש און מיט די דייטשע לינקע קאָמוניסטן (ק. א. פּ. ד.).

זייערע. אַנדערש גערעדט, — ער האַלט ניט, אַז יעדער קלאַס האָט זיינע באַזונדערע מאָראַלישע דברות, און אַז עס זיינען ניטאָ קיין אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַלישע געבאָטן. פאַרקערט, — אַרויסגייענדיק פון דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אַלגעמיינער מאָראַל, דערקלערט ער נאָר, אַז פאַרשיידענע קלאַסן זיינען איר מחלל צוליב זייערע קלאַסן־אינטערעסן. און אָט דעם חלול פון די הערשנדיקע אַלגעמיינע געבאָטן רופט ער אָן מיטן נאָמען — קלאַסן־מאָראַל. דער פּראָלעטאַריאַט געברויכט און רעגולירט איר באַוואוסטזיניק און לויט זיין אייגענעם רצון. „אונזערע קעגנער מאַכן דעם אויספיר — זאָגט ער, — אַז מיר וועלן תמיד האַלטן, אַז בנוגע די קאַפּיטאַליסטן איז אַלץ מותר. דאָס איז ניט ריכטיק. דאָס האָט אַנ׳ארט נאָר מיטן תנאי, אויב דורך דעם ווערט געשטיצט דאָס אמת׳דיקע גוטס פון אונזער קלאַס. ליגן, שקר און גוואַלט (ד. ק. א. מ.) זיינען אָפטמאָלס שעדלעך פאַר אונזער קלאַס“. „די מענטשלעכע געפילן — זאָגט ער ווייטער — ווערן ניט פאַרשטומט בכלל אין קלאַסן־קאַמף; דאָס טרעפט נאָר אין די פאַלן, ווען דער קלאַס האַלט עס פאַר אומפאַרמיידלעך לשם די אינטערעסן פון זיין עקזיסטענץ... דער אַרבעטער וועט ניט גיין מיטן וועג פון שקרים, אויב ס׳איז פאַראַן וואָס פאַר אַ ניט איז אַנדער מעגלעכקייט; בעת די אינטערעסן פון זיין קלאַס פאָדערן אָבער, אַז די מאָראַלישע דברות זאָלן צעשטערט ווערן — דאַן צעשטערט ער זיי *).

אין דעם דאָזיקן פּאָרזיכטיקן צוגאַנג צו די פראַגן פון טאַט איז ניטאָ אָדער כמעט ניטאָ יענע פאַרגעטערונג פון פאַקטן פון דער סטיכיע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן מאַרקסיזם. די עטיק טרעט שוין דאָ מער ניט אויף, ווי אַ רעפלעקס פון דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, און דער מענטש פאַסט פריי צוזאַמען זיינע מעשים מיט די אַלגעמיין־מענטשלעכע „מאָראַלישע געבאָטן **) ***).

---

*) גאָרטער „Историч. Материализм“ „מיר אָנערקענען די עקזיסטענץ פון אַ קלאַסן־מאָראַל; וועגן דעם פרעדיגט פון קלאַסן־מאָראַל קאָן אָבער קיין רייד ניט זיין“.

**) גאָרטערס פּאָזיציע איז קלאָר: א) מע קאָן ניט באַטראַכטן די קלאַסן־מאָראַל, ד. ה. די צעשטערונג פון דער אַלגעמיינער מאָראַל ווי אַ מאָראַלישן מוז; מע קאָן איר נאָר טאָלערירן, אַף וויפיל זי איז נוצלעך פאַר דער באַוועגונג ב) דעריבער, אַז מע דאַרף שוין יאָ אַמאָל אָנקומען צו דער קלאַסן־מאָראַל, דאַרף מען עס בכל אופן טאָן אין דעם קלענסטן פאַרנעם און תמיד דאַרף מען שטרעבן זיך אומצוקערן צוריק צו דער אמת׳דיקער אַלגעמיינער מאָראַל. האָרטער האַלט, אַז אַפילו אין דער תקופה פון דער בורזשואַזן אָרדנונג דאַרף מען אויסנוצן די קלאַסן־מאָראַל נאָר אַפן מינימאַלסטן אופן. על אחת כמה וכמה דאַרף מען שטרעבן צו אַזאַ מינימום אין דער איבערגאַנג־תקופה, בעת

נאָך קלאָרער און בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן די דאָזיקע ריכטונג פון רצון אין דעם זעלטן־שטאַרקן און ווירקנדיקן דאָקומענט, וואָס טראָגט אף זיך דעם שטעמפּעל פון קאַרל ליבקנעכט׳ס און ראָזאַ לוקסעמבורג׳ס פּערזענלעכקייט.

עס הייבט אָן זיך צו פאַרווירקלעכן דער סאָציאַליזם, ד. ה. דער צוריקקער פון דער מענטשהייט צו דער אַלגעמיינער און ריינער מאָראַל.

***) ס׳איז טשיקאַווע צו פאַרגלייכן מיט דעם די ווערטער פון לענין׳ען, וואָס ער האָט געשריבן שוין לאַנג אין זיין פּאָלעמיק קעגן די רעפאָרמיסטן. „בײַ די אַרבעטער — האָט ער יעמאָלט געשריבן (1919. „За 12 лет“) האָט גאָר ניט געקאָנט זיין קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוואוסטזיין. מע האָט אים געקאָנט אַריינברענגען צו זיי נאָר פון אויסנווייניק. די געשיכטע פון אַלע לענדער זאָגט עדות, אַז מיט זיינע כחות אַליין איז דער אַרבעטער ביכולת אויס־צואַרבעטן ניט מער ווי אַ טרעד־יוניאָניסטישן באַוואוסטזיין, ד. ה. אַ איבערציי־גונג, אַז עס נויטיק זיך צו פאַראייניקן אין יוניאָנ׳ס, פירן אַ קאַמף מיט די באַלע־באַטים, א. א. וו. די תורה פון סאָציאַליזם איז אָבער אויסגעוואַקסן פון יענע פילאָזאָפישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמישע טעאָריעס, וואָס זיינען באַאַרבעט גע־וואָרן דורך די געבילדעטע פאָרשטייער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, דורך דער אינטעליגענץ“. „די סטיכייאישע אַרבעטער־באַוועגונג, כשהיא לעצמה שאַפט נאָר דעם טרעד־יוניאָניזם, און דוקא די טרעד־יוניאָניסטישע פּאָליטיק פון אַר־בעטער־קלאַס איז זיין בורזשואַזע פּאָליטיק. דער אָנטייל פון אַרבעטער־קלאַס אין פּאָליטישן קאַמף און אַפילו אין דער פּאָליטישער רעוואָליוציע מאַכט נאָך ניט זיין פּאָליטיק פאַר קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע“. אין זעלבן בוך ברענגט לענין קאַוטסקי׳ס ווערטער מכח דעם פּראָעקט פון אַ נייער פּראָגראַם פון דער עסטרייכישער ס. ד. פּאַרטיי „דאָס סאָציאַליסטישע באַוואוסטזיין איז עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן פון אויסנווייניק אין קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, און איז ניט געשאַפן געוואָרן אין אים „סטיכייאיש“. — דאָס, וואָס לענין רופט אָן מיטן נאָמען „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוואוסטזיין“ איז אייגנטלעך כלל ניט נאָר דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין (אין זין פון תופס זיין די סאָציאַלע מעכאַניק), נאָר אויך די *עטישע* אָנערקענונג פון סאָציאַליזם. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די ביידע זיינען ניט געדרונגען פון דער מעכאַניק פון קלאַסן־קאַמף אָן דעם אָנטייל פון מענטשלעכן רצון, נאָר זיי ווערן אַריינגעבראַכט פון אויסנווייניק. פון וואַנען זשע? *פון דעם פרייעם באַשלוס פון רצון*, וואָס האָט פאַר זיך אַ *אידעאַל*. אַזוי באַשטייט די זאַך מיט דער אינטעליגענץ פון די „פאַרמעגלעכע קלאַסן“, וואָס האָט, הייסט עס, אין דעם ניט קיין קלאַסן־אינטערעסן; אַזוי איז עס אויך מיטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס קומט *סטיכייאיש* נאָר צום טרעד־יוניאָניזם. און נאָך מער: אַפילו קו־מענדיק צום סאָציאַליזם אונטער דער סטיכייאישער ווירקונג פון דער בורזשואַ־זער אָרדנונג, באַהערשט דער פּראָלעטאַריער דאָס רב נאָר די נעגאַטיווע זייטן פון אידעאַל: ער *וואַרפט אָפּ* די קנעכטשאַפט, ער *שליידערט אַרונ־טער* די בורזשואַזיע וכד. די פּאָזיטיווע זייטן פון דער נייער אָרדנונג (פאַראַכ־טונג צום אייגנטום, דרך־ארץ פאַר׳ן מענטשן, סאָלידאַרישע אַרבעט א. אַ. וו.) איז ער אָבער תופס נאָר אין רעזולטאַט פון באַוואוסטזיניקער און פרייער אַרבעט פון זיין גייסט.

מיר האָבן אין זינען דעם פּראָגראַם=מאַניפעסט פון די דייטשע קאָמוניסטן, וואָס איז אַרויס אין אָנהייב 1919=טן יאָר *). עס ווערן געשטעלט פאַרן סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, און צווישן זיי — די פראַגע וואָס אינטערעסירט אונז באַזונדערס שטאַרק — וועגן דער אָנווענדונג פון ג ע וו אַ ל ט און ט ע ר אָ ר. דער מאַניפעסט לייגט אָבער ניט פאַר קיין שטומע הכנעה פאַרן פאַקט פון זייער „נאַטירלעך=אומפאַרמיידלעכער“ עקזיסטענץ; אומגעקערט — ער לייגט פאַר וואס מער און באַוואוסטזיניקער זיי צו רעגולירן. באַזונדערס טיף ווערט דאָ אַרויסגעזאָגט דער אינערלעכער עקל צו געוואַלט=מעשים. „אין די בורזשואַזע רעוואָליוציעס זיינען שפיכת=דם, טעראָר און פּאָליטישע רציחות — אַ נויטווענדיקע געווער אין די הענט פון די אויפגעשטאַנענע קלאַסן **). די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע נויטיקט זיך אָבער ניט אין קיין שום טעראָר בכדי צו פאַרווירקלעכן אירע אויפגאַבן. ז י פ י ל ט ש נ א ה א ו ן ע ק ל צ ו ם מ ע נ ט ש ן = מ אָ ר ד. זי נויטיקט זיך ניט אין אַזעלכע קאַמף=מיטלען, ווייל זי קעמפט קעגן אינסטיטוציעס און ניט קעגן פּערזאָנען, זי קומט ניט אַרויף אף דער אַרענע מיט קיין נאַיווע אילוזיעס, וואָס נאָך דער אַנטוישונג אין זיי וואָלט זי דאַרפן אָנקומען צו בלוטיקער נקמה. זי איז ניט קיין פאַרצווייפלטער פּרוב פון אַ מיעוט איבערבויען מיט געוואַלט די וועלט לויט איר אידעאַל. זי איז — אַ אַרויסטרעטונג פון מיליאָניקע פאָלקס=מאַסן, וואָס זיינען באַרופן אויסצופירן אַ היסטאָרישע שליחות און פאַרוואַנדלען די נויטווענדיקייט אין אַ ווירקלעכקייט... דער קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן וועט אָבער פאַרטיידיקן זיין קדשי=קדשים — די רווחים און פּריווילעגיעס פון דער עקספּלואַטאַציע — מיט די הענט און מיט די ציין, מיט אַלע מעטאָדן פון אַ קאַלטבלוטיקער שנאה... טראָט באַ טראָט, מיט אַ אומ'רחמנות'דיקער ענערגיע דאַרף דער ווידערשטאַנד צעבראָכן ווערן מיט אַ אייזערנער האַנט. קעגן דער געוואַלט פון דער בורזשואַזער קאָנטר=רעוואָליוציע דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן די רעוואָליוציאָנערע קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט“.

בכדי דער זין פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון ראָזאַ ליוקסעמבורג, זאָל קלאָר ווערן ביזן סוף, וועלן מיר דאָ ברענגען אירע אַנדערע ווערטער, וואָס זי האָט געשריבן איניגיכן נאָכדעם, ווי זי איז אַרויס פון טורמע אין דעם סאַמע ברען פון דער דייטשער רעוואָליוציע. „אין משך פון די פיר יאָר פון דער אימפּעריאַליסטישער פעלקער=שחיטה זיינען גערונען גאַנצע

*) „Чего хочет Союз Спартаковцев?“ „Правда“ 31 XII. 18.

**) דער דאָזיקער חילוק צווישן דער ב ו ר ז ש ו אַ ז ע ר און פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע איז אַ קינסטלעכער. מיר האָבן אויבן געזעהן, אַז אויך דאַנטאָן האָט שוין געקעמפט קעגן טעראָר, אַלס סיסטעם.

שטראמען און טייכן בלוט. אין קריסטאַלענע שאָלן דאַרף מען אַצינד היטן מיט הדרת⸗קודש יעדן טראָפּן פון דעם טייערן זאַפט. די סאַמע אומרחמנות'דיקע רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט, און די טיפסטע מענטשלעכקייט — נאָר דאָס אַליין איז דער אמת'דיקער גייסט פון סאָציאַליזם. אַ גאַנצע וועלט מוז צעשטערט ווערן, נאָר יעדע טרער, וואָס איז פאַרגאָסן, הגם מע האָט איר געקאָנט אויסטריקנען — איז אַ באַשולדיקונג. און אַ מענטש, וואָס אײַלט זיך צוליב אַ וויכטיקן ענין און צעדריקט אַ וואָרים אַדאַנק זיין נאַכלעסיקייט, — באַגייט אַ פאַרברעכן *).

די דאָזיקע ווערטער זיינען געווען געשריבן אין אָנהייב פון דעם פאַרביסנסטן בירגער⸗קריג, וואָס האָט געפלאַקערט אין דייטשלאַנד, און וואָס אין אים איז באַשערט געווען אומצוקומען אויך דעם מחבר פון די ווערטער. אין דער צעהיצטער אַטמאָספער פון יענע טעג פון דער דייטשער רעוואָליוציע, נאָך דעם נסיון פון רויטן טעראָר (1918) פון דער רוסישער רעוואָליוציע, זיינען די דאָזיקע ווערטער געשריבן געוואָרן מיטן גרעסטן אחריות⸗געפיל און מיט דער גרעסטער גרויסמוטיקייט. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם רוסישן ביישפיל און געגעבן אַ מוסטער פון אַ אַקטיווער און מענטשלעכער רעוואָליוציע. אומפאַרגעסלעכע ווערטער, פונקט ווי די ווערטער פון באַבעף אין אָנהייב פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע.

און פונדעסטוועגן איז ניט אין אַזעלכע ווערטער דער אמת'דיקער גייסט פון מאַרקסיזם. אין דער גרעסטער מערהייט פון אַלע זיינע רעאַלע און טעאָרעטישע אַנטפלעקונגען בלייבט ער טריי זיין אייגענער נאַטור. און די נאַטור זיינע קען ניט קיין באַהאַנדלונג פון דער פראַגע וועגן געוואַלט פון שטאַנדפונקט פון אידעאַל. אויסערגעוויינטלעך טייער איז אונז דער פאַקט, וואָס די שטימע פון ראָזאַ ליוקסעמבורג האָט זיך געלאָזט הערן אַזוי דייטלעך גראד אין דער תקופה פון דער זיך אָנגעהייבענער רעוואָליוציע, בעת די מענטשלעכע אַקטיוויטעט אַנטפלעקט זיך מיט אַ באַזונדערע קראַפט, און זי האָט ניט דערלאָזן, די דאָזיקע אַקטיוויטעט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בלינדן שליח פון דעם רצון פון דער סאָציאַלער מעכאַנישקייט. דערפאַר האָבן מיר אָבער געזעהן עפּעס אַנדערס: פונקט אין אַזאַ רעוואָליוציע האָט זיך דער רוסישער באָלשעוויזם אָפּגעזאָגט פון דער פרייער אָפּשאַצונג פון אָנ⸗

*) אין דער „ראָטע פאַהנע" פון סוף 1918 יאָר. זע אויך איר עטיוד וועגן דער רוסישער רעוואָליוציע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן אין טורמע, און דעם פּרוב פון די באָלשעוויקעס צו געבן אים אַ געהעריקן פּרוש. בנוגע דעם משל וועגן וואָרים — פאַרגלייך איר ליבע צו חיות (אין די „בריוו פון טורמע").

װענדונג פֿון געװאַלט און האָט זיך אינגאַנצן געשטיצט אױף די פֿאָדערונגען פֿון דער היסטאָרישער נױטװענדיקײט. ער איז געװען נאָענטער צום גײסט פֿון זײן תּורה, װי ראָזאַ ליוקסעמבורג. און דאָס איז דער פּסק־דין איבער די דאָזיקע תּורה. אַלע פּרובן צו מאַכן איר עטיש מוזן שױן ממילא גײן לאיבוד. אַלע טעאָרעטישע שטרעבונגען פֿון די דײטשע מאַרקסיסטן־קאַנטיאַנער (פֿאָרלענדער, שטאַודינגער) צו מאַכן שלום צװישן זיך די בײדע לערעס — מאַרקס סאָציאָלאָגיע און קאַנט׳ס עטיק — זײנען אומזיסט. װײל איטלעכעס מאָל בלײבט דערבײ הערשן דער מאַרקסיסטישער מאָמענט, װאָס הרג׳עט לגמרי אַװעק די עטיק *). מיר האָבן שױן אױבן געזאָגט, אַז די בכורה דאַרף פֿון װיסנשאַפֿטלעכן מאָמענט אַריבערגײן צום עטישן.

ניט נאָר אין דער ליטעראַטור פֿון מאַרקסיזם אַלײן איז געװען שװאַך באַאַרבעט די פּראָבלעם פֿון געװאַלט. דאָס זעלבע איז געװען כּמעט אין אַלע קרײזן פֿון רעװאָליוציאָנערן געדאַנק. דער טעאָרעטישער פֿירער פֿון סינדיקאַליזם סאָרעל האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצן בוך „געדאַנקען װעגן געװאַלט“. ער באַשולדיקט זײער שטאַרק דעם טעראָר פֿון די פֿראַנצױזישע יאַקאָבינער, נביאיש רעדט ער װעגן די רעגירונג־מעטאָדן בעת דער „דיקטאַטאָר פֿון פּראָלעטאַריאַט“. ער באַמיט זיך אָפּצוטײלן דעם מעטאָד פֿון דער סינדיקאַליסטישער רעװאָליוציע פֿון דעם דאָזיקן עבר און עתיד. און פֿונדעסטװעגן קאָן ער זיך ניט אַרײנטיפֿן אין דעם תּוך פֿון דער פּראָבלעם און, װי אַלע אַנדערע, לאָזט ער איר אָפּ. „מיר זײנען — זאָגט ער — ניט בעסער און ניט באַרמהאַרציקער װי די מענטשן פֿון 93־טן יאָר; ס׳איז באַ מיר אפֿילו רעכט, אַז אין מאָראַלישן זין שטײט דאָס לאַנד אַצינד נידריקער, װי יעמאָלט. מיר געפֿינען זיך שױן אָבער ניט מער אין רשות פֿון דער לערע װעגן דער מדינה, װעגן דעם מולך, װעמען אונזערע אבות האָבן געבראַכט אַזױ פֿיל קרבּנות. מע קאָן דערקלערן די אכזריות׳דיקײט פֿון די מיטגלידער פֿון קאָנװענט מיט דער שעד־

*) „עס איז לחלוטין אומפֿאַרשטענדלעך — שרײבט אין זײן לעצטן װערק דער פּראָפֿעסאָר פֿון דײטשן מאַרקסיזם קונאָװ — די שטרעבונג פֿון די קאַנטיאַנישע מאַרקסיסטן, אָדער ריכטיקער — מאַרקסיסטישע קאַנטיאַנער צוצוגעבן דער מאַרקסיסטישער פֿאָרשטעלונג װעגן מאָראַל די קאַנטיאַנישע עטיק, אָדער, ריכטיקער — די קאַנטישע זיטן־מעטאַפֿיזיק. באַ די אַלע פּרובן װערט נאָר דורכגעבױערט דער מאַרקסיזם, און בפֿרט די מאַטעריאַליסטישע אױפֿפֿאַסונג פֿון דער געשיכטע און דער אַנטװיקלונג, און מעג מען דאָס לױבן װי אַ הוספֿה צום מאַרקסיזם אָדער אַ אָרגאַנישע פֿאַראײניקונג פֿון דער קאַנטיאַנישער עטיק מיטן מאַרקסיזם — די לאַגע װערט דורך דעם ניט געביטן“.

לעכער השפעה פון די אידעען, וואָס דער דריטער שטאַנד האָט באַקומען פון דער געמיינער פּראַקטיק פון דער אַלטער אָרדנונג". „עס איז קלאָר דער חילוק צווישן די געוואַלט־מעשים בעת אַ שטרייק פון די סינדיקאַליסטן, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן די מדינה, און צווישן די ווילדע חיישע טאַטן, וואָס די רעוואָליוציאָנערן פון 93־טן יאָר פלעגן באַגיין דוקא אַדאַנק זייער דרך־ארץ פאַר דער מדינה. מיר ווילן האָפן, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָליוציע, וואָס וועט געמאַכט ווערן דורך ריינע סינדיקאַליסטן, וועט ניט ווערן באַפלעקט מיט יענע נידערטרעכטיקייטן, מיט וועלכע ס'האָבן זיך באַפלעקט די בורזשואַזע רעוואָליוציעס". איבערגייענדיק צו דער מאַרקסיסטישער פאָרשטעלונג וועגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע שרייבט ער אַזוי: „אין דעם באַגריף „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" איז קודם־כל געבליבן לפּליטה אַ בת־קול פון אַלטן רעזשים... ריידנדיק וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, ווילן די סאָציאַליסטן, אפנים, זיך אָפּרעכנען מיט די קאַפּיטאַליסטן פּונקט ווי די מלכים האָבן זיך בשעתם אָפּגערעכנט מיט די פעאָדאַלן... די פּראָלעטאַרישע מדינה וועט אָבער ניט פאַרלירן איר כח, די פּריווילעגירטע קלאַסן וועלן זיך בייטן מיט די ערטער און דאָס פאָלק וועט פשוט באַקומען נייע באַלעבאַטים. ס'איז זייער מעגלעך, אַז די נייע באַלעבאַטים וועלן ניט זיין אַזוי געשיקט ווי די איצטיקע, זיי וועלן אפשר האַלטן בעסערע רעדעס ווי די קאַפּיטאַליסטן, ס'איז אָבער פאַראַן אַ סמך צו קלערן, אַז זיי וועלן זיין נאָך אחריות'דיקער און געווויסנלאָזער ווי די פריערדיקע. די נייע (סינדיקאַליסטישע) שול האַלט אַנדערש: זי קאָן ניט מושווה ווערן מיטן געדאַנק, אַז די היסטאָרישע שליחות פון פּראָלעטאַריאַט זאָל באַשטיין אין דעם קאָפּירונג פון דער בורזשואַזיע". און סאָרעל פּרובירט צו געבן די קאָנטורן פון דער סינדיקאַליסטישער רעוואָליוציע: „וואָס מער עס וועט זיך אַנטוויקלען דער סינדיקאַליזם, באַפרייענדיק זיך פון אַלטע פאָראורטיילן, וואָס שטאַמען פון אַלטן רעזשים און פון דער קאַטוילישער קירכע — אַלץ מער וועלן די סאָציאַלע קאָנפליקטן באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַ ריינעם קאַמף, וואָס איז לגמרי אַנאַלאָגיש דעם קאַמף פון צוויי קעגנערישע אַרמעען. אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער מלחמה, האָט אָבער ניט קיין כאַראַקטער פון שנאה אָדער נקמה... דער באַגריף פון קלאַסן־קאַמף שטרעבט צו פאַרניכטן דעם עצם באַגריף פון געוואַלט".

ניט קוקנדיק אף די קאַטעגאָרישקייט פון די לעצטע ווערטער, געפינען מיר ניט בא סאָרעל'ן קיין פּאָזיטיווע פאָרשטעלונג וועגן דעם כאַראַקטער פון סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער געוואַלט. ער וואַרפט אָפּ שנאה און נקמה אַלס אירע מאָטיוון, ער האַלט, אַז עס איז פאַראַן אַ פּרינציפּיעלער חילוק צווישן דער

סינדיקאַליסטישער געוואַלט (בעת אַ שטרייק) און דער יאַקאָבינישער אָדער מאַרקסיסטישער. ער וויל אָבער ניט זעהן, אַז אויך אַ רעוואָלוציע דורך אַ שטרייַק קאָן ברענגען צו כּ ל׳ע ר ל י י פאָרמען פון געוואַלט (און אויך צו רציחות) פונקט ווי יעדע רעוואָלוציע. צי מעג מען זיי דערלאָזן און אין וואָס פאַר אַ מאָס, וואו הייבן זיי אָן די „נידערטרעכטיקייטן“, וואָס באַפלעקן די רעוואָלוציעס — אף די אַלע פראַגן גיט ער ניט קיין תשובה. ריכטן זיך אף דעם, אַז די סינדיקאַליסטן, וואָס האַלטן ניט פון דער מ ד י נ ה, וועלן זיך ניט יאָגן נאָך דער מאַכט און אַזוי אַרום ניט אָנקומען צום רעגירונגס־טעראָר — דאָס איז שוין צו פיל טעאָרעטיש. די אמת׳דיקע טעאָריע פון דער רעוואָלוציע דאַרף אָבער שטעלן די דאָזיקע פראַגע גלייך, ביז׳ן סוף. דעריבער איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דער זעלבער סאָרעל, וואָס האָט געפונען אַזוי פיל שטעכנדיקע ווערטער קעגן מאַרקסיסטישן רעוואָלוציאָניזם און האָט אף דעם סמך אויסגעלאַכט זשאָרעס׳ן און זיין פאַרטיידיקונג פון ראָבעספיערן — האָט לגמרי קאַפּיטולירט פאַר דער ערשטער דערשיינונג פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָניזם אף דער וועלט־סצענע — פאַרן באָלשעוויזם. אין דער לעצטער, פערטער אויפלאַגע פון דעם זעלבן בוך שרייבט ער אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל „פאַר לענינען“: „לויט רענאַנען, איז דער דאַנק פון דער געשיכטע פאַר די רוימישע גבורות באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געשאַפן פאַר רוים אַ אימפּעריע אין דער ספערע פון ים־התיכון. ניט קוקנדיק אף די גאַנצע מאַסע מיסבּרויכונגען פון די מלחמות, האָבן די לעגיאָנעס פונדעסטוועגן פאַרענדיקט דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופן „גאָט׳ס אַרבעט“. אויב מיר זיינען דאַנקבאַר די רוימישע סאָלדאַטן, וואָס זיי האָבן די יונגע פאַרקריפּלטע אָדער שוואַכע ציוויליזאַציעס פאַרביטן מיט אַזאַ ציוויליזאַציע, באַ וועלכער מיר לערנען זיך נאָך היינט אפן געביט פון געזעץ, ליטעראַטור און אַרכיטעקטור*) — טאָ ווי וועט שוין די צוקונפט דאַנקען די רוסישע סאָלדאַטן פון סאָציאַליזם**). ווי אומבאַהאָלפן עס וועלן אויסקומען פאַר דער געשיכטע די מליצות פון די אַלע, וועמען די דעמאָקראַטיע האָט באַפולמעכטיקט אויפצודעקן ד י ע ק ס צ ע ס ן פ ו ן ד י ב אָ ל ש ע ו ו י ק ע ס! דער נייער קאַרטאַגאַ טאָר ניט מנצח זיין דאָס, וואָס איז היינט געוואָרן דער רוים פון פּראָלעטאַריאַט. איז שוין סאָרעל, הייסט עס, מלמד זכות אף די „עקסצעסן“ (ד. ה. „נידערטרעכטיקייטן“,

*) אפשר איז רענאַן דאַנקבאַר דערפאַר. פאַר דער מענטשהייט איז עס אַ קנאַפּע שמחה.

**) הערט אַ משל! די סאָלדאַטן פון רוסישן סאָציאַליזם ווערן געגליכן צו די סאָלדאַטן פון רוימישן אימפּעריאַליזם. אַז מע האַלט שוין אַזוי, קאָן מען באַלד אָנערקענען אויך די ליידן פון די רוסישע אַרבעטענדע, אַלס רוסישע א ו י ס מ י ס ט ו נ ג פאַר׳ן סאָציאַליזם.

„חיישע מעשים“, ווי ער פלעגט פריער זאָגן) פון שטאַנדפונקט פון דער געשיכטע, פונקט ווי דאָס האָט געטאָן זשאָרעס בנוגע צום 93=טן יאָר. „ווילדע חיישע מעשים“ — פלעגט ער פריער טענה׳ן, — זיינען פאַרבונדן מיט דער מ ד י נ ה, און די באָלשעוויקעס בויען דאָך דוקא אַ מדינא פונדאַסניי. פונדעסטוועגן, באַרעכטיקט ער זיי אָן שום תנאים. אַזוי שטאַרק איז אין אים דאָך די סימפּאַטיע צום באָלשעוויזם, די שמחה מיט דער מפּלה פון דער בורזשואַזיע, און אַזאַ קליינע אחיזה האָבן אין אים זיינע אייגענע אידעען וועגן געוואַלט.

נאָענט גייט צו צו דער דאָזיקער פראַגע דער באַגרינדער פון רוסישן פאָלקיזם („נאַראָדניטשעסטוואָ“) לאַווראָוו. זייענדיק לויט זיין וועלטאנשויאונג פריי פון דער מעכאַניזירונג פון דער געשיכטע, גיט ער זיין אָ פּ ש אַ צ ו נ ג פון רעוואָליוציאָנערער געוואַלט פון שטאַנדפּונקט פונמאָראַלישן א י ד ע אַ ל פון סאָציאַליזם, פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. אין זיין בוך „דער מלוכה=עלעמענט אין דער צוקינפטיגער געזעלשאַפט“ אין דער אמת׳דיקער ספר=תורה פון דער „נאַראָדניטשעסטוואָ“, זעהט לאַווראָוו פאָראויס צווייערליי סכנות פאַרן סאָציאַליזם: מצד זיינע אויסגעשפּראָכענע שונאים און מצד די קאָנסער=וואַטיוו=באַלעבאַטישע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. ווי זאָל מען מיט זיי קעמפן? „פון ערשטן קוק קאָן זיך אויסדאַכטן, — זאָגט ער — אַז באַקוועמער פון אַלץ וואָלט געווען זיי צו באַזייטיקן מיט די רגילות׳דיקע מיטלען פון דער אַלטער געזעלשאַפט, צונויפשטעלן אַ קאָדעקס פון סאָציאַליסטישע געזעצן — מיט אַ אַנטשפּרעכנדיקער אָפּטיילונג „וועגן שטראָפן“, אויסקלייבן פון די „נאמנים“ אַ קאָמיסאַר פאַר „געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט“, וואָס זאָל משפּט׳ן און שטראָפן, אָרגאַניזירן אַ פּאָליציי=קאָרפּוס פון שפּיאָנען, וואָס זאָל פונאַנדערשמעקן וואו ווער עס איז מחלל די געזעצן, און פון היטער פון סדר, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אַף די „אָרדנונג“; שטעלן די „בפירוש געפערלעכע“ מענטשן אונטער אַ סאָציאַליסטישער פּאָליציייִשער השגחה; איינאָרדנען אַ גע=העריקע צאָל טורמעס און מסתמא אויך עשאַפאָטן מיט אַ אַנטשפּרעכנדיקן פּערסאָנאַל סאָציאַליסטישע טורמע=היטער און הענקער; און דערנאָך אַוועק=לאָזן אָט די גאַנצע באַנייטע מאַשין פון אַלטע צייטן, בכדי צו פאַרווירקלעכן דעם ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ן ל ע נ אַ ל ן י ו ש ר“. אין די דאָזיקע נביאיש=אַפּלאַכערישע ווערטער האָט אונז לאַווראָוו געגעבן אַ ריכטיקן בילד פון אונזער היינטיקער רעוואָלוציע. ער האַלט, אַז אַ ז אַ לייזונג פון דער פראַגע וועגן געוואַלט איז געפערלעך פאַר דער נייער געזעלשאַפט, געפערלעך אין צוויי הינזיכטן: „ראשית — ווייל זי פאַרדאַרבט דעם געדאַנק פון די מיטגלידער פון דער נייער געזעלשאַפט, זי פאַראייניקט אין אים דעם באַגריף פון י ו ש ר (ד. ק. א. מ.) (פון דער מאָראַלישער ציל פון דער נייער געזעלשאַפט) מיט

דערשיינונגען, וואָס האָבן אין זיך קיין שום שפּור ניט פון וואָס פאַר אַ ניט איז עטישע מאָטיוון; והשנית — ווייל זי געווינט איין, אַז גלייך פון אָנהייב פון דער נייאָרדנונג זאָל מען האַלטן פאַר צוועקמעסיג (ד. ק. א. מ.) אַזעלכע מיטלען, פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן דאָס רב שעדלעכע עלעמענטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט און פון וועלכע עס קאָן אויך אין דער נייער געזעלשאַפט אויסוואַקסן אַ שלעכטס, וואָס ס'וועט זיין ניט אויסצוראָטן". ווי זשע לייזט לאַוראָוו די דאָזיקע פראַגע? „די מענטשהייט — זאָגט ער — באַטייליקט זדי פונקט ווי אַלץ, וואָס עקזיסטירט, און דער מלחמת=הקיום (ד. ק. א. מ.) און אין די דאָזיקע מלחמה גייען אַריין אַלע (ד. ק. א. מ.) מיטלען פון שוץ פון בירגערלעכער זיכערקייט... אַלע מיטלען, וואָס ווערן געברויכט פון יחידים און פון כלל בכדי צו שיצן זייער זיכערקייט קענען זיך שטיצן נאָר אויף איין אַרגומענט פון נויטווענדיקייט. די אַלטע געזעלשאַפט האָט אָבער אָנגעטאָן אויף זיי אַ מאַסקע פון יושר און זיך איינגערעדט, אַז דוקא זיי זיינען די אויסדריקן פון יושר... אויב די נייע געזעלשאַפט וויל טאַקע באמת פאַרווירקלעכן די גערעכטיקייט אין אירע פאָרמען, מוז זי קודם כל באַזייטיקן די דאָזיקע צווייזייטיקייט און זיך אָפן מודה זיין, אַז דעם אָדער יענעם אַקט באַגייט זי לשם דעם שוץ פון פּערזאָנען, גרופּן און דעם גאַנצן כלל, אַז דערביי שטעלט זי פאַר זיך ניט קיין שום מאָראַלישע צילן, און זי טוט עס נאָר על פּי הדחק, אַז דער איינציקער תנאי, וואָס באַשטימט די דאָזיקע אַקטן, איז די מאַקסימאַלע צוועקמעסיקייט וועלכע זי וואָלט זיי געוואָלט צוגעבן". נאָך דעם אַלעמען איז אונז שוין קלאָר לאַוראָוו'ס שטאַנדפּונקט. ער לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ וואָס פאַר אַ ניט איז מאָראַלישן אַוטאָריטעט באַ די אַקטן פון רעוואָלוציאָנערער געוואַלט. ער אָנערקענט זייער פולקומע אַמאָראַלישקייט און זינדיקייט, ווייל פאַר אים עקזיסטירט ניט קיין „הייליקע געוואַלט". דאָס איז — אַ גרויסע זאַך פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און סאָציאַליסטישן געוויסן. צו ווייניק זיינען אָבער די ווערטער איינגעדרונגען אין באַוואוסטזיין פון אונזערע לעצטע רעוואָלוציאָנערע דורות. דערפאַר דאַרף די דאָזיקע טיפע אָפּשאַצונג פון געוואַלט (דער עמוד=התוך פון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע) אַנטוויקלט ווערן נאָך מיט מער קראַפט אין דער צייט ווען מיר „אנדעקן" לאַוראָוו'ן פונדאַסניי. אין דער אָ באַציאונג צו דער געוואַלט איז פאַראַן אַ פּרינציפּיעלער חילוק צווישן לאַוראָוו'ן און דעם מאַרקסיזם, וואָס שטעלט גאָר פאַר זיך ניט אַזאַ פּראָבלעם.

ס'איז אָבער דאָ אַ צד=השוה צווישן זיי. דער צד=השוה באַשטייט אין דעם, וואָס לאַוראָוו האַלט דעם געברויך פון געוואַלט פאַר אַ מין ביאָלאָגישע הכרח=זאַך, וואָס דער אָרגאַניזם פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט פירט

איר אוים אַזוי ווי אַווטאָמאַטיש, מיט דער גרעסטער צוועקמעסיקייט („טעכנישער צוועקמעסיקייט“ וועלן מיר זאָגן). ניט איינמישנדיק אין דעם קיין שום מאָראַלישע אויפגאַבע און האַלטנדיק עס פאַר אַ נאַטירלעכע רעאַקציע סתם, מיידט לאַווראָוו אוים וואָס פאַר אַ ניט איז רעגולירונג פון דער געוואַלט און פאַרלאָזט זיך אויף די „חכמה“ פון דער (סאָציאַלער) נאַטור אָדער אויפן „ביאָלאָגישן אמת“. דאָס איז אַ געפעלעכער שטאַנדפּונקט ווייל ערשטנס איז נאָך די ביאָלאָגישע נאַטור אַליין גאָר ניט אַזוי קלוג (מיליאָנען נפשות וואָס קומען אום זיינען די בעסטע עדות דערצו) און ביז איצט האָט נאָך קיינער ניט באַוויזן אין איר קיין „פאַראויסגעזעהענע האַרמאָניע“. און צווייטנס קאָן די סאָציאַלע נאַטור קיינמאָל ניט געגליכן ווערן צו דער ביאָלאָגישער. דער סאָציאַלער „אָרגאַניזם“ באַשטייט פון מענטשן-אינדיווידואומ׳ס, וואָס איטלעכער פון זיי איז אַ גאַנצער אָרגאַניזם פאַר זיך (מיקראָקאָסם), מיט אייגענע אימפולסן, מיט אַ באַוואוסטזיין און רצון. איבערלאָזן די קאָנקרעטע לייזונג פון דער פראַגע פון געוואַלט דעם סאָציאַלן גוף — וואָלט דעריבער געהייסן איבערגעבן איר דעם רצון פון מיליאָנען אומבאַשטימטע רצונות, ד. ה. דער סאָציאַל-בלינדער סטיכיע. דאָס וואָלט געהייסן איבערגעבן דעם מענטשן — דעם קרבן אין רשות פון דעם גרעסטן ווילקיר (אפילו ניט לשם דער ממשות׳דיקער טעכנישער צוועקמעסיקייט) ד. ה. באַגיין די גרעסטע מאָראַלישע אומגערעכטיקייט. און לאַווראָוו׳ס טעאָריע, וואָס האָט ניט געוואָלט געבן דער געוואַלט קיין מאָראַלישע סאַנקציע קומט אויף אַזאַ אופן אַליין אָן צו אַ בפירוש אַמאָראַלישער לייזונג. די פאָדערונג פון מאַקסימום לייקנט דאָ אָפּ זיך אַליין.

די פראַגע דאַרף אָבער געשטעלט ווערן גאַנץ אַנדערש. עס איז ניטאָ קיין מאָראַלישער ווערט אין דער געוואַלט; די מאָראַלישע ציל פון סאָציאַליזם פאָדערט אָבער, זי זאָל לכל הפחות רעגולירט ווערן, אַריינגעבראַכט ווערן אין געוויסע ראַמען, זי פאָדערט דאָס, וואָס איז לייכטער צו דערגרייכן: זי זאָל זיך געפינען אין אַ שטרענגער הכנעה בײַ דעם מאָראַלישן אידעאַל פון סאָציאַליזם. לאַווראָוו׳ס אָפּזאָג פון דעם איז גורם, אַז ער שטעלט כמעט ניט — אין זיין רגילות׳דיקער דורכדרינגענדיקער פאָרם — קיין פראַגע וועגן די גרעניצן און היקף פון דער געוואַלט*). דוקא דאָ ליגט אָבער פאַרבאָרגן דער תוך פון איטלעכער טעאָריע פון דער רעוואָלוציע און פון סאָציאַליזם. די דאָזיקע פראַגן מוזן אַצינד געשטעלט ווערן. זאָלן זיין סודות׳דיק די וועגן פון זייער לייזונג, מיט דער זוכעניש אַליין זיינען זיי שוין כמעט ווי געלייזט.

---

*) די קאָנקרעטע פאָרשלאַגן פון לאַווראָוו׳ן — זע אין קומענדיקן קאַפּיטל.

מיר זיינען שוין באַלד באַם סוף פֿון אונזער פּראָגע. דעם עיקר האָבן מיר שוין געזאָגט. דער אויפֿמערקזאַמער לייענער האָט שוין געוויס באַמערקט דעם גרעניץ, צו וועלכן מיר האָבן די גאַנצע צייט געשטרעבט אין אונזער אָפּהאַנדלונג און אויך געזעהן, ווי שווער עס איז גענוי אָפּמאָלן אים מיט ווערטער. מיר וועלן דאָ נאָך אַ איבעריקן מאָל איבערחזר'ן אונזערע וויכטיקע מסכנות. ניט פֿיל זיינען זיי, פֿאַרן האָרכנדיקן אויער איז אָבער אין זיי פֿאַרבאַהאַלטן אַ אחריות'דיקע פּראָגראַם.

פּנים אל פּנים שטייט די רעוואָליוציע מיט דער פּראַגע וועגן געוואַלט. קיינער פֿון די באַוואוסטזיניקע אָנטייל־נעמער פֿון דער רעוואָליוציע קאָן ניט לייקענען, אַז די דאָזיקע פּראָבלעם זאָל אים ניט האָבן געמאַטערט אין דער אָדער יענער מאָס, אין דער אָדער יענער פֿאַזע פֿון דער רעוואָליוציע. די שווידערהאַפֿטע בילדער פֿון דער רעוואָליוציע פֿון אויסנווייניק און די מעכטיקע שטימען פֿון אינווייניק צווינגען כּסדר זיין נשמה צו באַרירן די דאָזיקע ברענעדיקע פּראַגע. ווי לייזן מיר איר פֿאַר זיך אַליין.

מיר לייקענען קאַטעגאָריש אָפּ דעם מאָראַלישן (סאָציאַליסטישן) ווערט פֿון איטלעכער רעוואָליוציאָנערער געוואַלט. די געוואַלט, וואָס הייבט — לויט איר מהות — תמיד אַ האַנט אויף מענטשן, שטייט אין ניגוד און איז פֿיינדלעך דעם גייסט און זין פֿון סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער פֿאַקט, אַז די געוואַלט־מעשים ווערן כּסדר אָנגעווענדעט קעגן אַ מענטשן פֿון פֿיינדלעכן קלאַס איז לחלוטין ניט משנה דעם אמאָראַלישן מהות פֿון די דאָזיקע מעשים. ווייל ניט קוקנדיק אויף אויסערלעכן קלאַסן־פּרצוף פֿון דעם קעגנער, איז די געוואַלט תמיד פּוגע אין האַרצן פֿון מענטשן אַלס אַזעלכן, זי איז פּוגע אין דער מענטשלעכקייט גופֿא. וואָלט דער סאָציאַליזם אין אידעאַל ניט געווען קיין געזעלשאַפֿט פֿון מענטשן, אַלס אַזעלכע, פֿון מענטשן, וואָס האָבן פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן די היסטאָריש־צעטיילנדיקע צודעקן — יעמאָלט וואָלט מען זיך דערמיט געמעגט ניט רעכענען. אויף וויפֿיל אָבער דער סאָציאַליזם שטרעבט צו פֿאַרניכטן דעם דאָזיקן קלאַסן־פּעלער פֿון דער געזעלשאַפֿט און שטרעבט אַריינציען אין אים דעם מענטשן בכלל, און ניט באַשטימטע, אויסדערוויילטע, יחידי־סגולה'דיקע קרייזן פֿון מענטשן; אויף וויפֿיל דער סאָציאַליזם דאַרף באַזייטיקן ניט נאָר דעם בורזשואַ אַליין, נאָר אויך דער פּראָלעטאַריער — אויף אַזוי פֿיל איז דעם סאָציאַליזם פֿיינדלעך איטלעכער קלאַפּ, וואָס איז פּוגע דעם מענטשן, איטלעכער שמערץ, וואָס ווערט אים פֿאַרשאַפֿן, איטלעכער בזיון, וואָס אים קומט אוים אויסצושטיין. לויטן הייליקן כּלל פֿון „ערבים זה בזה“ רופֿט זיך אָפּ דער שמערץ און דער בזיון מיט אַ צעפּוילעניש ניט נאָר

אפן קרבן אַליין, נאָר אויך אפן פייניקער און אַף דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. זיי נעמען נקמה פאַר זיך ניט נאָר אין דער אַרומיקער סביבה אַליין, נאָר ווי אַ ניט-געזעהענער גיפט פון באַליידיקטער מענטשלעכקייט דרינגען זיי דורך אין די ווייטסטע ערטער און צייטן און פאַרדאַרבן דאָרטן אַנדערע נשמות. און אויך אין דעם, וואָס די געוואַלט ווערט געברויכט אין נאָמען פון די אינטערעסן און עינויים פון דער אַרבעטענדער און ליידנדער מערהייט פון דער מענטשהייט — קאָן מען פאַר איר קיין צד-זכות ניט איינזעהן. ווייל די „מערהייט“ נעמט דאָך ניט אַראָפּ די עינויים פון דער מינדערהייט, וואָס ווערט באַזייטיקט, אפילו אין פאַל אויב די דאָזיקע מינדערהייט איז אַ בפירוש'ער „הייפל עקספלואַטאַטאָרן“, פאַקטיש איז זי דאָך אָבער כולל אין זיך אויך אַ מאַסע נייטראַלע, אומשולדיקע, פרעמדע. פון דעם כמות'דיקן פאַקטאָר פון „מערהייט“ ווערט די געוואַלט ניט מאָראַליש (די כמות גייט דאָ ניט אַריבער אין קיין איכות); זי בלייבט אמאָראַליש, מע קאָן איר נאָר אין אַ גרעסערער מאָס טאָלערירן.

ניט באַרעכטיקנדיק די געוואַלט, אַקצעפּטירן מיר איר פונדעסטוועגן, אויב ניט — וואָלטן מיר אַרויסגעוויזן די גרעסטע מאָראַלישע פחדנות און צביעות. אַפּלייקענען איר אָנווענדונג — דאָס וואָלט באַטייט שטיצן און פאַרפעסטיקן מיט די אייגענע הענט דעם באַרבאַרישן בנין פון עבר. די וועלט ליגט פון תמיד אָן אין שלעכטס, פון תמיד אָן ווערט די שיינע מענטשלעכע וועלט פאַרקריפּלט מיט עינויים, טויזנטער יאָרן דויערט דער דאָזיקער מצב, מוז מען מיט אים איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף. די רעוואָלוציע ברעכט אפשר אין צעשטערונג-עקסטאַז דעם רצון און קערפער פון פאַרמשפּטן דור, די „פרידלעכע“ תקופות פון דער געשיכטע ברעכן אָבער און קאַליעטשן טאָג-איין טאָג-אויס די ביינער, געפילן און באַוואוסטזיין פון אַלע לעבנס-פייאיקע דורות. אויב אין דער רעוואָלוציע זיינען פאַראַן רגעים פון פאַרצערנדיקן פייער, טאָ איז די „פרידנס-צייט“ — יאָרהונדערטן פון אַליך פאַרניכטנדיקע פלאַמען. ווי אַ צוגויפגעדרייטע שלאַנג, הרג'עט די געוואַלט פון פרידנס-צייט לאַנגזאַם און אומבאַמערקט די מענטשהייט, דעם מענטשן. ווער זשע האָט עס מוט לאָזן אַזוי גיין ווייטער? ווער האָט עס מוט זיך אָפּצוזאָגן פון רעוואָליוציאָנערן געוואַלט?

פון די ביידע פּאָזיציעס ווערן געמאַכט צוויי פאַרשיידענע מסכנות, ביידע איינזייטיקע. די טאָלסטאָאישע תורה וואַרפט אינגאַנצן אָפּ די געוואַלט, דער באָלשעוויזם אַקצעפּטירט איר אין אַלע אירע פאָרמען. ניט איינע פון די צוויי עקסטרעמען דערלאָזן מיר ניט. אויב די טאָלסטאָוועס זיינען גערעכט — וואָלט עס געהייסן, אַז דווקא בעת אַ רעוואָליוציע, בעת עס שלאָגן באַזונדערס הויך אַלע נשמה-מקורות און באַזונדער העראָאיש זיינען די מענטשן

— אַז דוקא דאַן זינדיקט די מענטשהייט מער ווי אַלעמאָל. איז דער אמת מיט די באָלשעוויקעס — וואָלט עס באַטייט, אַז אין געיעג נאָך לעבן און גליק מעג מען פאַרלירן דעם זין פון זיי ביידן. די אמת׳דיקע רעוואָלוציע דאַרף דעריבער געפינען און אויסקלייבן איר וועג ערגיץ וואו צווישן זיי ביידן. די קאַנטיאַנישע אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע איז בשעתה באַשטאַנען אין דער גלייכצייטיקער קריטיק פון נאַיוון רעאַליזם, וואָ סהאָט זיך געהאַלטן פאַרן וועלטהערשער, און פון דעם פולקומענעם סקעפטיציזם, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז ניט מעגלעך צו באַנעמען די וועלט. די קאַנטיאַנישע טעאָריע פון ריינער דערקענטניש האָט אויסגענוצט די דערפאַרונג פון ביידע תורות און דורכגעלייגט אירע אייגענע וועגן. צי געפינט זיך ניט אויך די טעאָריע פון געוואַלט אין אַזאַ מין מצב? אפשר דאַרף אויך די „קריטיק פון ריינער געוואַלט" דורכלייגן אַ וועג צווישן דעם נאַיוון רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם פון די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען אַליץ מקבל, און דעם פולקום־אַנטירעוואָלוציאָנערן סקעפטיציזם פון די טאָלסטאָווצעס, וואָס וואַרפן אַליץ אָפּ? — מיר אַקצעפטירן די געוואַלט, אָבער אין אַ געוויסער באַגרענצטער מאָס. מיר שטעלן גרעניצן פאַר איר, און זוכן ווי זיי צו באַשטימען. מיר זוכן אַ קריטעריום, וואָס נאָר אין הסכם מיט אים בלייבט די געוואַלט דערלאָזבאַר, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. די געוואַלט, וואָס טרעט אַריבער די גרעניצן פון דעם קריטעריום, ווערט פאַרוואַנדלט אין טעראָר. אין דער זוכעניש פון די גרעניצן פון געוואַלט, אין דער אויספאָרשונג פון איר נאַטור און אירע וועגן אין הסכם מיט סאָציאַליזם באַשטייט די וויכטיקסטע מאָראַלישע פּראָבלעם פון דער איבערגאַנג־תקופה.

אונזער קריטעריום איז פאַרשטענדלעך. דאָס איז אַליין די אייגענע העכסטע ציל פון סאָציאַליזם — דאָס גליק פון מענטשן. אַלע וועגן און מעשים פון דער רעוואָלוציע דאַרפן שטיין אין הסכם מיט דער אָ ציל, זיי דאַרפן זיך אַנטוויקלען אין איר ריכטונג, זיי דאַרפן שטימען מיט איר. די ציל פון דער רעוואָלוציע איז ניט דער נצחון סתם, ויהי מה, דער בלויזער פיזישער נצחון אין די וויסטענישן פון גייסטיקע חורבות; דאָס איז אַ נצחון, „באַ וועלכן עס זאָל אָפּגעהיט ווערן דאָס געווער", עס זאָל געראַטעוועט ווערן די מענטשלעכע נשמה. דעריבער זאָגט אונז דאָס קאַטעגאָרישע געבאָט פון דער רעוואָלוציע: געברויך די געוואַלט נאָר דאַן, בעת דו האָסט אין דיין קאַמף־אַרסענאַל קיין אַנדערע מיטלען ניט; געברויך איר אָבער אַזוי, אַז זי זאָל ניט שטערן אויפבויען די געזעלשאַפט פון גלייכע און ריינע מענטשן. די רעוואָלוציאָנערע מעשים ווערן ניט מאָראַליש לויט זייער מהות דורך דעם, וואָס זיי ווערן באַגאַנגען לשם דער אינערלעכער מאָראַלישער ציל פון סאָציאַליזם,

זיי באַקומען אָבער אַ דאַנק דעם אַ מאָראַלישן באַטייט, זיי באַקומען אַ מאָראַלישן שיין, אַ אָפּשיין פֿון ציל *).

עס טאָר ניט געמאָלט זיין קיין שום רעוואָלוציאָנערער טאַט, וואָס זאָל ווערן אויסגערופֿן דורך מאָטיוון פֿון נקמה אָדער שנאה, פֿון מאָטיוון פֿון אָפּלאַכעניש אָדער באַליידיקונג פֿון מענטשן. גרויס און אויפֿרייסנדיק איז דער כּח פֿון אונזערע מאָטיוון, זייער השפּעה אױף די גייסטיקע אַטמאָספֿער פֿון דער געזעלשאַפֿט. זייערע פֿאַרדאָרבנדיקע שפּורן ווייזן זיך אַרויס ניט נאָר אין די קעגנזייטיק-צונויפֿגעבונדענע באַציאונגען פֿון דעם פֿייניקער און דעם קרבן, נאָר אויך אַרום זיך און נאָך זיך פֿאַרזייען זיי און געבוירן מענטשן-פֿיינדלעכע געפֿילן און געוואוינהייטן, אַפֿילו בעת דאָס קומט פֿאַר פֿאַרבאָרגן בסודי-סודות. זיי פֿאַרדונקלען מיט אַ מאָל — און אפֿשר אױף לאַנג — די טיפֿע מאָראַלישע געפֿילן, וואָס באַוועגן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע; די רעוואָלוציע גייט דורך אונטערן צייכן פֿון געוואַלט, ווייל אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין. זי קומט אָבער פֿאַר לשם דער ליבע צום מענטשן און ניט לשם דער פֿאַראַכטונג צו אים **). און איטלעכער קעמפֿער, איטלעכער אָנטיילנעמער אירער מוז דאָך פֿאַרשטיין, אַז ניט אין שנאה-געפֿיל פֿון אַוועקגייענדיקן עבר ליגט זיין כּח, נאָר אויסשליסלעך אין דער פֿאָראויסזעאונג פֿון דער קומנדיקער מענטשלעכער ריינהייט און וואַרעמקייט. אַפֿילו אַ קליינע געוואַלט וואַקסט זיך גלייך פֿונאַנדער אין אַ גרויסע און גרויזאַמע, בעת זי ווערט אומגענומען מיטן גיפֿטיקן נעפּל פֿון שפּאָט-געפֿילן. געוואַלט — דאָס איז אַ זאַך פֿון רעוואָלוציאָנערער פֿליכט, די דאָזיקע פֿליכט בלייבט אָבער אױף איר גייסטיקן הויך, קוים אַז זי האָט ניט דעם ווילן צו באַליידיקן דעם מענטשן — דעם קעגנער. דעריבער מעג די רעוואָלוציע אָפּנעמען בײַ דער בורזשואַזיע וואַל-רעכט און פּאָליטישע פֿרייהייט. אין דעם איז פֿאַראַן אַ באַזונדער זין פֿאַר די קעמפֿנדיקע צדדים; דאָ איז פֿאַראַן אַ געוויסע רעוואָלוציאָנערע נויטווענדיקייט. דאָס איז אָבער לגמרי ניטאָ (מיר נעמען דעם ערשטן בײַשפּיל) אין יענער וואַרפֿעניש פֿון דירות און אַרײַנזעצונג פֿון שכנים,

---

*) פֿאַרגלייך עס מיטן געדאַנק פֿון טשערנאָוו'ן וועגן דעם, אַז די פּאָליטיק איז אַ „עטישער מינימום“.

**) מיר וועלן דאָ דערמאָנען אָן איינע פֿון די פֿילע אָנווייזונגען פֿון לאַוראָוו'ן: „די בויער פֿון דער נייער אָרדנונג דאַרפֿן זיך היטן פֿון איבעריקער אכזריות בנוגע צו די אומבאַהאָלפֿענע רעשטן פֿון דער אַלטער וועלט, וואָס זיינען ניט מיט זייער שולד (ד. ק. א. מ.) געווען אין קעגנערישן לאַגער, און וואָס קענען אין דעם נייעם לעבן ווערן איבערגעאַרבעט און געמאַכט פֿאַר אַ נוציקן עלעמענט פֿון דער געזעלשאַפֿט“.

וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אונזער רעוואָליוציאָנערע וואוינונג=פּאָליטיק. אין איר יסוד ליגט שטראָף, וואָס איז אַרויסגערופן דורך מאָטיוון פון שנאה און נקמה, און ניט קיין יושרדיקע פונאַנדערטיילונג פון דירות. ניט דער קאַמף מיטן אָפּשטאַרבנדיקן ק ל א ס ליגט אין גרונט פון די מעשים, נאָר די פּאַר= אַכטונג צום איינצעלנעם בורזשואַ. דערפון שטאַמט די אַזוי אומ=רחמנות׳דיקע, אכזריות׳דיקע באַציאונג צו אים, צו זיין משפּחה, צו זיינע ק י נ ד ע ר. און פונקט אַזוי דאַרף דאָך אָפּגעשאַצט ווערן אויך דער אַזוי=גערופענער „קלאַסן= ראַציאָן“ (פּאַיאָק), וואָס זיין אידעע בלייבט פאַר אונז עד היום אומפאַרשטענד= לעך. אויב ער האָט באַוואוסטזיניק פאַר׳משפּט צום טויט פאַרשטייער פון קעגנערישן קלאַס און זייערע קינדער, מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך ניט אין קאַמף — קאָן דאָך קיין שום ספק ניט זיין מכּח זיין אָפּשאַצונג. מיר האָבן שוין לאַנג גערעדט וועגן דעם, ווי ווייט פרעמד עס איז דעם סאָציאַליזם דער טויט=שטראָף, דאָס הרג׳ען דעם באַזיגטן קעגנער. על אחת כּמה וכּמה איז עס גערעדט בנוגע. צום הרג׳ען מענטשן, וואָס נעמען נ י ט קיין אָנטייל אין קאַמף, וואָס אין זייער רב מנין פאַרשטייען זיי אים גאָרניט! איז עס אָבער געמאַכט געוואָרן לויטן פּרינציפּ אַז „ווער עס אַרבעט ניט — עסט ניט“ און אין דער זעלבער צייט האָט די רעוואָליוציאָנערע מאַכט גערעכנט, אַז די רייכע וועלן גע= פינען ברויט אויך אָן דעם „ראַציאָן“ — יעמאָלט האָבן מיר פאַר זיך דעם ערגסטן מוסטער פון קאָלעקטיווער צביעות, וואָס ווערט אַרויסגערופן אויס= שליסלעך מיטן נ ק מ ה=געפיל. אַזעלכע געוואַלט=אַקטן וואַרפן מיר לגמרי אָפּ, ווי אַקטן פון ט ע ר אָ ר.

דאָס הייסט נאָך ניט, אַז מיר שטרעבן צו רעוואָליוציאָנערע מעשים, וואָס האָבן ניט ק י י ן ש ו ם סוביעקטיווע באַפאַרבונג. דאָס הייסט ניט, אַז דער רעוואָליוציאָנער דאַרף זיך באַטראַכטן אויסשליסלעך ווי אַ געווער פון דער היסטאָרישער „השגחה“, ווי אַטילאַ׳ס שווערד, אַז ער דאַרף זיך באַציען „גלאַ= טירלעך“ אָן שום ליידנשאַפטן און געפילן צו די אָנטיילנעמער פון זיין קאַמף און די אָביעקטן פון געוואַלט. אַזוי, למשל, שטעלט פאָר די זאַך סאָרעל. אָפּטיילנדיק די סינדיקאַליסטישע געוואַלט פון דער געוויינטלעך=טראַדיציאָנעלער, זאָגט ער פאָלגנדיקעס: „די געוואַלט=אַקטן פון פּראָלעטאַריאַט האָבן ניט קיין שום שייכות צו די פּראָסקריפּציעס, זיי האָבן אַ באַטייט נאָר פאַר מ י ל י= ט ע ר י ש ע מעשים (ד. ה. פאַרן בירגער=קריג? י. ש.). אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דער מלחמה, טראָגט ניט קיין כאַראַקטער פון ש נ א ה אָ ד ע ר נ ק מ ה. אין דער מלחמה הרג׳עט מען ניט קיין באַזיגטע, מע פאַרשאַפט ניט דעם אומבאַשיצטן די אַלע צרות, וואָס פאַלן אויס אויפן חלק פון די קעמפּענדיקע אַרמייען... וואָס מער עס וועט זיך אַנטוויקלען דער סינדיקאַליזם... אַלץ

מער וועלן די סאָציאַלע קאָנפליקטן טראָגן דעם כאַראַקטער פֿון ר י י נ ע ם קאַמף, וואָס איז איינגאַנצן אַנאַלאָגיש דעם קאַמף צווישן צוויי אַ ר מ י י ע ן". מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אַף דעם, ווי ווייט אַן אַרמיי און אַ מלחמה איז באמת'ן פֿרעמד דעם געפֿיל פֿון שנאה און נקמה *). מיר דאַרפֿן דאָ גאָר אָנמערקן, אַז מיר לייקענען אַזאַ מין „ריינעם קאַמף", וואָס וואָלט פֿאַרוואַנדלט — אויב ער וואָלט געווען בנמצא — דעם רעוואָליוציאָנער אין אַ פּאַסיוון געווער פֿון אַ קראַפֿט וואָס שטייט אויסער אים. ניט קיין בלינדע ס אָ ל ד אַ ט ן פֿון נאַציאָנאַלע מלחמות, נאָר טיף־באַוואוסטזיניקע און פֿילנדיקע ק ע מ פֿ ע ר פֿון בירגער־קריג דאַרפֿן באַוועגן פֿאָראויס די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. די היינטיקע קעמפֿער זיינען דאָך די מאָרגנדיקע בויער פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט; טאָ ווי זשע קענען זיי אַריין אין איר מיט פֿאַרבונדענע אויגן?

מיר ווילן ניט, די נשמה זאָל זיין שטום אפֿן רעוואָליוציאָנערן שלאַכטפֿעלד; מיר ווילן אָבער אויך ניט, זי זאָל פֿול זיין מיט חוצפּה'דיקע געשרייען פֿון נקמה און האַס. מיר שטעלן אַרויס קעגן יענער פּאַסיווקייט און דער אָשלעכטער אַקטיווקייט אַן'אַנדערע, אַ בעסערע נשמה־אַקטיווקייט: אַ אַ ק ט י ו ו ע א י ב ע ר ל ע ב ו נ ג פֿ ו ן ד י ק אָ מ פּ ל י צ י ר ט ע ג ע פֿ י ל ן פֿ ו ן ג ע ו ו אַ ל ט, דעם באַוואוסטזיין פֿון דער משא פֿון געוואַלט, פֿון דער פּערזענלעכער מסירות־נפֿש, פֿון דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער מאָראַלישער אידעע. נאָר אַ קעמפֿער מיט אַ זעלכע געפֿילן איז ראוי דעם סאָציאַליזם. פּירנדיק אַ בירגער־קריג, דאַרף מען כּסדר אויסראָטן אירע רגילות'ן, אָן אויפֿהערשטרעבן צו דער וועלט פֿון פֿרייער בירגער.

Gib acht auf die Gassen
und siehe nach den Sternen

אויבן האָבן מיר געזאָגט, אַז רעוואָליוציאָנערע מעשים, וואָס זיינען באַפֿאַרבן מיט חושכ'דיקע שנאה־געפֿילן — צי ווערן זיי אַרויסגערופֿן דורך די באַדערפֿעניש פֿון דער רעוואָליוציע (למשל — טורמע), צי ניט (קלאַסןראַציאָן), — שטעלן מיט זיך פֿאָר אקטן פֿון טעראָר. מיר ווייסן, אַז די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די אָ סוביעקטיווע געפֿילן מאַכט תּמיד חרוב די אַטמאָספֿער פֿון מענטשלעכקייט. צום גליק פֿון דער רעוואָליוציע, קענען די געפֿילן אפֿילו ניט זיין אויך, און פֿון זייער אָפּוועזנהייט ליידט זי ניט און ווערט ניט אָפּגעשטעלט. עס זיינען אָבער אין דער רעוואָליוציע פֿאַראַן אויך אַ סך מעשים, וואָס אומאָפּהענגיג פֿון די מאָטיוון, וואָס רופֿן זיי אַרויס, ליגט אין זיי אָ ב י ע ק ט י ו ו דער קערן פֿון טעראָר. על פּי רוב ווערן אַזעלכע מעשים אַרויסגערופֿן דורך די

*) זע אויבן — דעם קאַפּיטל וועגן מלחמה, אַלס באַרעכטיגונג פֿון טעראָר.

באַדערפֿענישן פֿון דער רעוואָליוציע. זיי זיינען טעראָריסטיש און שעדלעך, ווייל זיי נעמען אָפּ בײַם רעוואָליוציאָנערן קאַמף יענעם באַזונדערן כאַראַקטער, אַ דאַנק וועלכן מע קאָן אים טאָלערירן פֿון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. דער רעוואָליוציאָנערער קאַמף, וואָס ווערט פֿאַרווירקלעכט אין בירגער=קריג — הייבט אַ האַנט אויף מענטשן אינגאַנצן, אין תּוך איז ער אָבער הערואיש (אַפֿילו בעת ער ווערט ניט פֿאַרשטאַנען אַלס אַזאַ). ער שטעלט דעם רעוואָליוציאָנערן קעמפֿער אין אַ *גלײַכע* לאַגע מיטן שונא — ביידע שטייען זיי איינער קעגן צווייטן אָפֿן און קעגנזייטיק=גלײַכבאַרעכטיקט. דאָ איז ניטאָ קיין מענטש, אַלס *אָביעקט* פֿון רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, דאָ זיינען פֿאַראַן צוויי גלײַכע סוביעקטן פֿון קאַמף. אין אַזאַ קאַמף האָט דער רעוואָליוציאָנער ניט קיין באַוואוסטזיין פֿון אָנפֿאַלנדיין באַזיגער, נאָר דעם באַוואוסטזיין פֿון נויטווענדיקן זעלבסטשוץ. דעריבער איז ער אין דערהייבענעם נשמה=מצב, ער איז פֿול מיט *מסירת=נפֿש*. *אינגאַנצן* גיט ער זיך אָפּ דער זאַך. בײַ אַזעלכע תּנאים האָט ער ניט קיין געפֿיל פֿון פֿאַראַכטונג, שׂנאה אָדער האַס צום קעגנער. און אויב ער האָט זיי ניט — זיינען זיי ניטאָ אויך אין דער אַרומיקער סביבה, אפֿשר אויך בײַם קעגנער. עס איז אָבער פֿאַראַן אַ ערנסטע אָפּשאַצונג פֿון דעם קעגנער. ס׳איז ניטאָ קיין שטרעבונג צו פֿאַרשאַפֿן *צער* ס׳איז אָבער דאָ דער ווילן צו דערפֿירן דעם קאַמף צו אַ נצחון. נאָך מער אפֿשר: אין אַזאַ קאַמף איז ניטאָ קיין קאַמף קעגן אַ באַשטימטן *מענטשן*, ס׳איז פֿאַראַן נאָר אַ קאַמף פֿאַר דער אידעע. דער קעמפֿער נעמט דאַן אויף דעם קלאַפּ איבערן מענטשן נאָר ווי אַ רעפֿלעקס פֿון דעם אידעען=קאַמף. דאָ קעמפֿן אייגענטלעך ניט קיין מענטשן, נאָר „לעבעדיקע אידעען“ (אַרנו). און אין דעם גוראַנגל בלייבט דער מענטש גאַנץ, ווי אַ הימלהויכער פֿאָן שוועבט זיין געשטאַלט איבער די קעפּ פֿון די קעמפֿער. אין אַזאַ באַריקאַדן=קאַמף רופֿט אַרויס די געוואַלט אין האַרצן פֿון קעמפֿער צעראיבערלעבונגען. זיי באַרעכטיקן ניט די געוואַלט, זיי מאַכן אָבער שוואַכער איר שלעכטס, צוגעבנדיק איר אַ מאָראַלישן באַטייט.

דאָס אַלץ איז אָבער לחלוטין ניטאָ אין טעראָר, אין דער צעקריפּלונג פֿון בירגער=קריג *). דאָ איז שוין ניטאָ קיין גלײַכער קאַמף פֿון קעגנער, ס׳איז פֿאַראַן אַ *אָפּרעכנונג* פֿון זיגער מיטן באַזיגטן, מיטן פּערזענלעך=אומשעדלעך=געמאַכטן שונא. און קודם כּל שטויסן מיר זיך דאָ אָן אויפֿן ניפּטיקן געווער פֿון איטלעכן טעראָר—אויפֿן *טויט=שטראָף*. אין די לעצטע טעג

---

*) ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ ווערט גענומען ווי *טיפּישע* דערשיינונגען, וואָס האָבן אויסנאַמען און שינויים, אַ דאַנק וועלכע פֿאַרשיידענע טיפּן דערנענטערן זיך צווישן זיך.

פון דער פרייהייט-צייט פון דער רעוואָליוציע, אפן 5-טן ראַטן-צוזאַמענפאָר אין 1918 האָבן צוויי רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען וועגן טויט-שטראָף. די לינקע ס. ר. האָבן אַרויסגעזאָגט זייער פּראָטעסט קעגן דער צעשיסונג פון אַדמיראַל שטשאַסני. לעניו האָט זיי דאַן געזאָגט: „איך וואָלט וועלן זעהן יענעם פאָלקס-געריכט, יענעם אַרבעטער-און פּויערים-געריכט, וואָס זאָל ניט דערשיסן קראַסנאָוון, פונקט ווי יענער האָט צעשאָסן אַרבעטער און פויערים. ס'איז נאָך ניט געווען ניט איין רעוואָליוציע און ניט איין תקופה פון בירגער-קריג אָן צעשיסונגען" *). בתשובה אף דעם, האָט אים עמאָלט ו. א. קארעלין געענטפערט: „אויב איר, חברים, וואָלט זיך דורכגעגאַנגען דורך די גאַסן, פּלעצער און אַרבעטער-קוואַרטאַלן, אויב איר וואָלט אַריינגעקוקט אין דירות און אַרבעטער-ווינקלעך, און איר וואָלט גענומען אין באַטראַכט דעם גוואַלטיקן רושם, וואָס עס האָט געמאַכט אַף די מוחות און שטימונגען פון די אַרבעטענדע די איצטיקע ווידעראויפשטעלונג פון טויט-שטראָף וואָלט איר פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ קלאַפּ עס האָט באַקומען די ראַטן-מאַכט און וואָס פאַר אַ בייז עס איז פאַרגעקומען אין דער רעוואָליוציע". מיר זעהן, וועגן וואָס עס איז דאָ געגאַנגען דער וכוח: וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע עמפּינדונג (ד. ה. אַ אוממיטלבאַרן, פאַר-שכל'דיקן אָפּקלאַנג) דער טויט-שטראָף רופט אַרויס אין דער נשמה פון די אַרבעטענדע. די רעוואָליוציאָנערע נאַראָדניטשעסטווע האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען געפילן פון צער און עקל. צי איז כדאי אַצינד ריידן מכח דעם? — שווער איז צו געפינען נייע ווערטער נאָך דעם, וואָס טאָלסטאָי האָט געזאָגט אין זיין „ווידוי": „בעת איך האָב דערזעהן ווי דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעטיילט פון קערפּער און ביידע האָבן — יעדערער באַזונדער — אָנגעהייבן קלאַפּן אין קאַסטן, האָב איך פאַרשטאַנען — ניט מיטן שכל, נאָר מיט מיין גאַנצן וועזן, — אַז קיינע שום טעאָריעס פון דער שכל'דיקייט פון עקזיסטירנדיקן פּראָגרעס **) זיינען ניט בכח צו באַרעכטיקן דעם דאָזיקן אַקט; און ווען אפילו אַלע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט וואָלטן לויט וואָס פאַר אַ ניט איז טעאָריעס פון ששת ימי בראשית אָן געפונען, אַז דאָס איז נויטיק, — ווייס איך, אַז עס איז ניט נויטיק, און ניט די ווערטער און מעשים פון מענטשן אָדער דער פּראָגרעס זיינען דער שופט, וואָס פסק'נט בין טוב ורע, נאָר איך מיט מיין הארצן".

אין אונזער געדאַנקען-גאַנג באַזירן מיר זיך אָבער ניט אַף מאָראַלישע עמפּינדונגען, מיר ווילן, אַז אונזער באַציאונג צו געוואַלט און צו טעראָר

*) באַריכט וועגן 5-טן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן.
**) אָדער פון סאָציאַליזם — קענען מיר מוסיף זיין.

זאָל זיין געבויט אף יסודות און ראיות פון שכל. מיר גייען אַצינד צו דעם אַריבער.

מיר נעמען אן דעם בירגער=קריג און וואַרפן אָפּ דעם טויט=שטראָף. פאַרוואָס זשע וואַרפן מיר אים אָפּ? — מיר האָבן שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אַז העכער פון אַלץ שטעלן מיר פאַר'ן סאָציאַליזם דעם מענטשן. עס קומט אוים צו הייבן אַף אים אַ האַנט נאָר דאַן, בעת דאָס איז שוין אוממפאַרמיידלעך „ביז צום טויט“, און וואו עס זיינען לכתחילה קיין שום זיגער ניטאָ. הרג'ען אין בירגער=קריג — דאָס הייסט הרג'ען אין אַ צוויי=קאַמף. דער זיגער טאָר אָבער ניט הרג'ען דעם באַזיגטן, — מעג עס אים אויסקומען מי יודע ווי וויכטיק. וואו ס'איז ניטאָ קיין דירעקטער, ממשותדיקער, רעאַלער קאַמף — דאָרטן איז ניטאָ קיין העראָיזם, קיין נשמה=דערהייבונג, קיין באַוואוסטזיין פון רייניגנדן מסירת=נפש. וואו עס איז אָבער אָט די מסירת=נפש ניטאָ, וואו ס'איז ניטאָ קיין טיפע און קלאָרע זעאונג פון זיך אַליין, קיין לעצטע אָפּשאַצונג פון זיך — דאָרטן איז אויך ניטאָ קיין הייליקע אָפּשאַצונג פון מענטשן בכלל. אין טויט=שטראָף איז פאַראַן דאָס קאַלטע באַוואוסטזיין פון דער מערדער'ס רו, וואָס שטייט זיך אַן געפאַר*) הויך איבער דעם קרבן. דאָ איז דער מענטש ניט מער ווי אַן אָביעקט, ער איז נאָר איין ציפער אין די ניכטערע חשבונות, אַ פּאַסיווער געוועבער פון ציל. און געוויס איז שוין דאָ פאַראַן פאַראַכטונג צום מענטשן און עס ווערן אים פאַרשאַפן שמערצן, און דוקא אים, דעם קאָנקרעטן מענטשן, און ניט דער אידעע, וואָס שטייט הינטער אים. פון אַ באַריקאַדע שיסט מען אין דער אידעע, אין עינויים=קאַמער — אין האַרצן פון מענטשן. אין יענעם קאַמף איז פאַראַן אַ ברענענדיקע שטרעבונג זיך צו באַגרענעצן, אין דעם זוכט מען ניט קיין סוף. אין טויט=שטראָף ווערט דער'הרג'עט דער ווערט פון מענטשן גופא, דאָס הייסט עס ווערט אונטערגעהאַקט דער שורש פון סאָציאַליזם. און אַ צוטראָטענע ליגט דאַן אויך די קאַמף=פאָן צווישן די אַלגעמיינע חורבות.

דער זעלבער קערן פון טעראָר ליגט פאַרבאָרגן אויך אין אַנדערע אַקטן פון רעוואָליוציאָנערע רעפּרעסיעס, אומאָפּהענגיק פון די מאָטיוון, וואָס ליגן אין זייער גרונט. מיר וועלן דאָ דערמאָנען נאָר וועגן צוויי, וואָס האָבן שטאַרקער ווי אַנדערע געוואָרפן אַ שאָטן אַף אונזער רעוואָליוציע. ערבות, דאָס הייסט פאַרביקונג מיט דער דערוואַרטונג פון טויט און דער טויט אַליין, — דאָס איז דער בולט'ער סימבאָל פון טעראָר. דער ערב אַליין איז ניט קיין סוביעקט פון קאַמף; ער טראָגט נאָר די אחריות פאַר פרעמדע מעשים. ער איז אַרויסגענומען פון

*) דאָ רעדט זיך וועגן געפאַר מצד דעם דאָזיקן מענטשן און ניט וועגן געפאַר בכלל.

קאַמף, און עפּטער פֿון אַלץ איז ער גאָר אין קאַמף בכלל ניט געווען. ער איז אָבער אַ שפּיל־ביינדל, מיט וועלכן עס שפּילן די אַקטיווע קעמפער, ער איז דער „קראָליק" פֿון רעוואָלוציאָנערן פּאַרזון. זיין גורל דאַרף איינשרעקן אַנ־דערע. זיין אייגן לעבן און זיינע עינויים זיינען קיינעם ניט נוגע. אין דעם רעוואָלוציאָנערן מנהג פֿון ערבות ווערט דער מענטש פֿאַרוואַנדלט אין אַ בלויזן, פּשוטן געווער פֿון ציל. פֿאַראַכטונג צום מענטשן און די ביטערסטע דערנידערונג — דאָס זיינען די געפֿילן, וואָס ברענגען אַף ביידע זייטן פֿון דעם שענדלעכן אַקט. נאָר אין אוראַלטע צייטן, בעת מע האָט ניט געזעהן הינטער דער דיכטעניש פֿון דריקנדיקע קאָלעקטיוון דעם לעבעדיקן מענטשן, בעת די משפּחה, דער שבט, די קירכע און די מדינה האָבן צעשטויבט זיין פּערזענלעכקייט אין זייערע אינטערעסן — נאָר דאַן האָט געקאָנט זיין אַנ׳אָרט פֿאַר דער „אידעע" פֿון ערבות. דאָס איז אָבער געווען אין יענע צייט, ווען פֿאַר׳ן מולך — דעם כלל זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר מענטשן, נאָר אויך חיות און קינדער, בעת עס האָט נאָך אין דעם פֿינסטערן באַוואוסטזיין פֿון תקופֿות ניט געלויכט די אידעע פֿון פּערזענלעכער אַקטיוויטעט און פּערזענלעכער אחריות. ווי זשע קאָן מען אָבער אָט די ירושה פֿון טונקעלע דורות אַריבערטראָגן אין אונזער תקופֿה, וואָס שטרעבט צום טריאומף פֿון מענטשן?

די צווייטע פֿאָרם פֿון טעראָר, פּראָוואָקאַציע, טראָגט אַף זיך אַנ׳אַנדער שולד. אַלס סיסטעם פֿון פּאָליטישן קאַמף אַנטפּלעקט זי זיך ניט אין ממשותדיקן, נאָר אין אויסגעטראַכטן קאַמף. בכדי אַרויסצוגעפֿינען די פּאָליטישע שונאים, שאַפֿט די פּראָוואָקאַציע אַליין פֿון זיך אַ קאַמף־אַרענע און ציט אַריין די פֿאַרדעכטיקע אין שטראָם פֿון דער פֿיקציע. דאָ ווייזט זיך שוין קלאָר אַרויס די זיכערע, קאַלט־אויסגערעכנטע האַנט פֿון זיגער, וואָס שפּילט ווי מיט שטיינדלעך מיט זיינע צוקונפֿטיקע קרבנות. ווידער אַ מאָל איז דער מענטש נאָר אַ מיטל צום ציל, ווידער אַ מאָל פֿאַראַכטונג צום מענטשן, אַלס סוביעקט, זיין דערנידערונג אָן אַ מאָס און אָן אַ שיעור.

געבונג ביישפּילן. אַ סך קאָן מען זיי געפֿינען אין דער רעוואָלוציע, ווען מע קוקט אין איר אָפֿן און דרייסט. מיר ווילן נאָר, דער לייענער זאָל אַ קלער טאָן וועגן דעם אַלעמען. און וואו מע דאַרף — זאָל ער קענען מאַכן מוטיקע מסקנות. שטאַרק דערנענטערט זיך דער טעראָר אין זיינע אויסערלעכע אַנט־פּלעקונגען צום בירגערלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און אַף דעם גליציקן גרע־ניץ צווישן זיי ביידן גייט די רעוואָלוציע צו איר ציל. דעם דאָזיקן גרעניץ טאָר מען ניט אַריבערטרעטן, ווייל אויב זי טרעט אים אַריבער, — הייבט זי אָן צו פֿוילן פֿון אינווייניק, ניט קוקנדיק אַף די אויסערלעכע נצחונות. ניט איין איינציקן אַקט פֿון טעראָר קאָן זי ניט פֿאַרטראָגן, אויב זי טראַכט וועגן איר אינער־

לעבער ציל. — זי קאָן עס ניט פֿאַרטראָגן אַפֿילו דאַן, ווען דער אָפּזאָג פֿון טעראָר זאָל מיט זיך ברענגען אַ באַדרויאונג פֿאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע. מעג זיך דעם צעפֿלאַמטן גייסט פֿון רעוואָלוציאָנער אויסדאַכטן, אַז די טעראָראַקטן זיינען מיר יודע ווי וויכטיק (למשל, די מיתה פֿון מאָנאַרך, אָדער די סעפּטעמבער־טעג), אַז אָן זיי גייט אונטער דער בנין, וואָס ווערט מיט אַזוי פֿיל מאַטערניש אויפֿגעשטעלט, אַז אין עתיד שטייען נאָך פֿיל גרעסערע צרות — די רעוואָלוציע מוז זיי אָפּוואַרפֿן. ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס עס איז שווער נאָר דער אָנהויב פֿון שלעכטס*), נייערט ווייל באַם טעראָר ווערט געטראָטן מיט די פֿיס דער ברעכיקער בליום פֿון מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט. די גרויסע מאָראַלישע אויפֿגאַבע פֿון דער רעוואָלוציע באַשטייט אָבער דווקא אין דעם, אַז די אייביקע אידעע פֿון סאָלידאַרישקייט צווישן מענטשן, אַלס אַזעלכע, זאָל וואָס פּראַקטיקער דורכגעטראָגן ווערן דורך די דערנער און וואונדן פֿון בירגער־קריג און פֿון קלאַסן־קאַמף. אַז די רעוואָלוציע קומט שוין באמת׳ן צו אַזאַ פֿאַטאַלן פּרשת־דרכים, וואו ס׳זיינען פֿאַראַן נאָר צוויי וועגן — טעראָר אָדער אָפּטרעטונג — יעמאָלט מוז זי אָפּטרעטן. יאָ, אָפּטרעטן צייטווייליק, אויסערלעך, אָבער דערפֿאַר אין אינערלעכן שיין, מיט שטראַלן פֿון מאָראַלישן נצחון אַפֿן פּנים. יעמאָלט שטייט איר נאָך פֿאַר אויך דער אומפֿאַרמיידלעכער אינערלעכער נצחון. און דאַן וועט זיך אפשר אַרויסווייזן, אַז אויך די אָפּטרעטונג איז אַפֿילו אין דעם אָ פֿאַטאַלן עטאַפּ געווען אַ זיכערע באַוועגונג פֿאָראויס.

מיר ווייסן: אפֿילו אין אַ זיגנדיקער רעוואָלוציע איז די רעפּרעסיע אומפֿאַרמיידלעך. מיר דערלאָזן איר אָבער בנוגע צום כלל נאָר אין דער פֿאָרם פֿון אָפּנעמען פּאָליטישע רעכט, און בנוגע צום יחיד אין דריי מינים: תפֿיסה, בויקאָט און גלות. די תפֿיסה נעמט צו די מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך אַקטיוו אין קאַמף. אמת, די רעוואָלוציאָנערע מאַכט, וואָס שטראָפֿט מיט טורמע, טרעט אַרויס אין דער ראָליע פֿון שטאַרקן זיגער. אָבער — להבדיל פֿון טויט־שטראָף — נעמט די מאַכט דערביי צו באַם קעגנער נאָר דעם מינימום פֿון זיין פּערזענלעכקייט. זיין גאַנצער עתיד, זיין גאַנצע לעבן וואַרטן נאָך אַף אים. אמת, בשעת דער רעוואָלוציע איז דער טורמע־שטראָף איינער פֿון די שווערסטע. טראָצקי האַלט אפֿילו, אַז אין דער תקופֿה פֿון בירגער־קריג שפּילט די טורמע ניט קיין ראָליע: „אַ פּאַרטיי, וואָס ווערט אין

*) באַם טויט־שטראָף פֿון מאָנאַרכן, ווערט כלומערשט מער פֿון אַלץ פֿאַרווירקלעכט דער קאַמף מיט דער אידעע און ניט מיטן מענטש, אָבער — שווער איז נאָר דער אָנהייב פֿון שלעכטס.

אַ רעוואָלוציאָנערע תקופה אָפּגעשטויסן פון דער מאַכט, וואָס וויל בשום אופן ניט מוסכם ווערן מיט דער מאַכט פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי און דערווייזט עס כסדר מיט איר פּאַרביסענעם קאַמף קעגן איר — אַזאַ פּאַרטיי לאָזט זיך ניט איינשרעקן מיט דער באַדראָהונג פון טורמע, ווייל זי גלייבט ניט, אַז די געפענגעניש וועט לאַנג דויערן. אין דעם דאָזיקן פּשוט'ן און אַנטשיידנדיקן פאַקט ליגט דער תירוץ פון דער גרויסער צאָל צעשיסונגען בעת אַ בירגער־קריג". פונדעסטוועגן איז טורמע — אַ געוואַלטיקע רעפּרעסיע, און נאָר די, וואָס פאַרגעסן צו אָפט די נשמה־שמערצן בײַ יעדן מענטשן, זעהן עס ניט. די שטורמישע כוואַליעס פון לעבן, וואָס ברעכט זיך אַרום און אַרום, פאַרפלייצן מיט ברענענדיקע געדאַנקען דעם געפאַנגענעם. אַרויסגעריסן פון מעכטיקן שטורם — לעבט ער איבער דעם שטורם הינטער די פאַררייגלטע טירן נאָך שטאַרקער און שאַרפער, ווי אין דער פרייהייט. און ווי זיין לעבן, וואָס טריפט טראָפּנס־ווייז, טראָפּנס־ווייז אַרויס פון זיין קערפּער, — איז אויך זיין ענערגיע, וואָס ווערט טאָג־איין טאָג־אויס פאַטריקנט לאבוד. שווער איז דער שטראָף פון געפענגעניש. נאָר איין טרייסט איז דאָ פאַראַן פאַר דער מאָראַלישער ציל פון דער רעוואָליוציע: כל זמן דער מענטש לעבט, קאָן ער דענקען און אַרבעטן אין עתיד, ווי ער פאַרשטייט, און ס'איז מעגלעך אַ אויסגלייך מיט אים, אַ קעגנזייטיקע פאַרשטייעניש און פאַראייניקונג. בײַם טויט־שטראָף אָבער ווערט אַזאַ מעגלעכקייט אויסגעשלאָסן אַף אייביק. דערפאַר איז פאַר דער זיגנדיקער רעוואָליוציע די טורמע — דער איינציק „נויטיקער און גענוגנדיקער" מיטל פון קאַמף.

מיר פילן, אַז די אַלע סברות זיינען ניט גענוגנדיק, אַז דער נסיון פון אונזער רעוואָליוציע קאָן און מוז זיי אָנפילן מיט אַ נייעם לעבעדיקן פלאַטער. מיר ווילן אָבער, אַז די פראַגן זאָלן געשטעלט ווערן רעאַל און אויפמערקזאַם ביז צום שמערץ. דאָס געשיט אָבער צו זעלטן אָדער ניט דורכגעטראַכט ביזן סוף. איין פּראַקטישן ביישפיל גיט אונז צו דעם די פאַראַנטוואָרטלעכע מעלדונג פון דער דייטשער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט פּרובירט זיך אָפּצוגרענצן פון דער טעראָריסטישער אידעע אין דער פראַגע וועגן געוואַלט. דער דאָזיקער פרוב, וואָס שטעלט מיט זיך גלייכצייטיק פאָר דעם געדאַנק פון אַלוועלטליכן מעסיקן סאָציאַליזם, וואָס אָריענטירט זיך אָבער אַף דער מעגלעכקייט פון אַ רעוואָליוציע, איז אַרויסגעזאָגט אין דעם בריוו פון צ. ק. פון די אומאָפּהענגיקע צום קאָמינטערן, זומער אין יאָר 1920. „בײַ דער באַהאַנדלונג פון דער פּראָבלעם פון געוואַלט — ווערט געזאָגט אין בריוו, — דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז עס איז נויטיק צו מאַכן אַ חילוק צווישן געוואַלט און טעראָר. אויב די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קאָן טאַקע באמת'ן ניט אויסקומען אָן געוואַלט־מיטלען, פּונקט ווי יעדע

אַנדערע דיקטאַטור — אַפילו בעת זי פאַרשטעלט זיך אין דעמאָקראַטישע מלבושים — הענגט אָבער אָפּ דער היקף פון די מיטלען פון דער מאָס פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד (ד. ק. א. מ.). דער טעראָריזם, אַלס פּאָליטישע שיטה, באַטייט די הערשאַפט פון איינשרעקונג, די אָנווענדונג פון מדינ׳ישע געוואַלט־מיטלען אויך קעגן אומשולדיקע (ד. ק. א. מ.) בכדי צו צעברעכן אַ דאַנק דער אָנשרעקונג און טעראָריזירונג יעדע האָפענונג אַף אַ ווידערשטאַנד. קעגן דעם מוז געזאָגט ווערן, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעוואָרפן דעם טעראָר ניט נאָר צוליב מענטשלעכקייט און גערעכטיקייט, נאָר אויך צוליב מאָטיוון פון צוועקמעסיקייט. אויב מע קאָן זאָגן וועגן דער געוואַלט, אַז זי איז נאָר אַ הייבין פון איטלעכער אַלטער געזעלשאַפט, וואָס איז שוואַנגער מיט דער נייער, און אַז זי איז ניט בכח צו שאַפן די נייע געזעלשאַפט פאַר דער צייט, קאָן מען זאָגן וועגן טעראָר — און הונדערט מאָל האָט עס שוין די געשיכטע באַוויזן, — אַז זיין אָנווענדונג זאָגט עדות וועגן דער אינערלעכער שוואַכקייט פון דער באַוועגונג און ניט וועגן איר שטאַרקייט. אונזער פּאַרטיי האַנדלט דעריבער אין פולן הסכם מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע און דער היסטאָרישער דערפאַרונג, בעת זי זאָגט זיך אָפּ צו לויבן דעם טעראָר". הגם די דאָזיקע מעלדונג איז זייער קאַטעגאָריש, פונדעסטוועגן איז זי לגמרי ניט גענוגנדיק. ווייל ערשטנס ווערט דאָ דער באַגריף „טעראָר" אידענטיפיצירט מיטן אינסטיטוט פון ערבות, מיט רדיפות אַף „אומשולדיקע". צווייטנס — ווערט שוין פון דעם אָ געדרונגען, אַז בנוגע די שולדיקע זיינען כשר אַלע מיטלען פון רעפּרעסיע. אַנדערש גערעדט — די געוואַלט (ד. ה. די באַשטראָפונג פון שולדיקע) ווערט דאָ לחלוטין מיט קיין זאַך ניט באַגרעניצט, אָדער, ווי עס זאָגט דער דאָקומענט „דער היקף פון די געוואַלט־מיטלען הענגט אָפּ פון דער מאָס פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד". מיר האַלטן, אַז פון שטאַנדפּונקט פון די מאָראַלישע צילן פון סאָציאַליזם קאָן מען זיך נאָך אַף דעם ניט באַרואיקן, און אויך פון זייער שטאַנדפּונקט אַפילו איז דאָ קיין שום מניעה ניטאָ פאַר דעם גלגול פון געוואַלט אין טעראָר (וואָס איז לויט זיין נאַטור אין אַלע פאָרמען ענלעך צו דער ערבות). עס דאַרף געפונען ווערן אַזאַ קריטעריום, וואָס זאָל אויך דעם שולדיקן באַשיצן און אויך אין דער ברייטער געוואַלט־ספערע.

באַזונדערס כדאי איז נאָכצוזעהן די באַהאַנדלונג פון דער פראַגע אין די טעאָרעטישע, פולע מיט טיפן לעבנסגעפיל ווערטער פון לאַווראָוו׳ן. מיר ווייסן שוין, אַז לאַווראָוו לייקנט אינגאַנצן אָפּ יעדן מאָראַלישן ווערט פון דער רעוואָלוציאָנערער געוואַלט, און איז דעריבער אויך קעגן דער שאַפונג פון ספּעציעלע רעפּרעסיווע אָרגאַנען. ער איז קעגן „קאָדעקסן, שטראַף־סיסטעמען און

פּראָצעסואַלע פאָרמען, העטעקטיוו־פּאָליציי און פּאָליציי פון אָרדנונג, טורמעס
און הענקער׳ס, בקיצור — אַלע פאָרמען און אַנטפּלעקונגען פון לעגאַלן
שוץ פון דער געזעלשאַפט קעגן אירע שונאים". „די איינפירונג — זאָגט ער —
פון ספּעציעלע געריכטלעכע און פּאָליצייאישע פּראָצעסיעס שאַפט אומ־
פאַרמיידלעך פון איין זייט אַ מיעוט, וואָס אַרבעט אין זיך אויס אַ באַזונדער נײַ־
גונג צום יורידישן פאָרמאַליזם און צו דער איינשרענקונג פון פרעמדן רצון; אַ
מיעוט, וואָס איז סוף סוף קונה די דאָזיקע פונקציעס און ווערט דער צענטר
פון דער רגילות׳דיקער מדינ׳ישער טעטיקייט... די דאָזיקע ספּעציאַליזירונג
געוויינט צו פון דער אַנדער זייט די מערהייט פון די אינדיווידואומ׳ס צו באַ־
טראַכטן דעם שוץ פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג פאַר אַ פרעמדן
ענין, וועגן וועלכן עס זאָרגן זיך ספּעציעל־באַשטימטע מענטשן... פון דער
ערשטער רגע אָן אָבער דאַרף אין די יחידים אויסגעאַרבעט און פאַרפעסטיקט
ווערן דאָס געפיל פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַרישקייט, מחמת וועלכן איט־
לעכער דאַרף באַטראַכטן די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט פאַר זיין פערזענ־
לעכן, נאָענטן ענין". דעריבער דאַרף מען לויט לאַווראָוו׳ס מיינונג איבער־
געבן „די זאָרג פאַר דער זיכערקייט פון דער געזעלשאַפט און פון יחידים...
ניט קיין ספּעציעלן אַנשטאַלט, נאָר דער פרייער איניציאַטיוו פון
גרופּן, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון דער נייער אָרדנונג — דער דירעק־
טער פאָלקס־אָפּרעכנונג". וואָס וועלן טאָן אַזעלכע גרופּן? „זיי
וועלן איינהאַלטן דעם אימפּעט פון לײַדנשאַפטן און פון עגאָיסטישע באַשטרע־
בונגען, מיט פיזישן כח וועלן זיי איינהאַלטן די, וואָס לאָזן זיך צופיל פו־
נאַנדער... און אַז ס׳וועט אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳איז אומעגלעך ניט
צו דערלאָזן און וואָס רודערט אויף קעגן זיך די געזעלשאַפט, — וועלן די
זעלביקע גרופּן, ווידער אַמאָל לויט זייער איינענער איניציאַטיוו אָנווענדן בנוגע
צום געזעלשאַפטלעכן פאַרברעכער די מיטלען, וואָס זיי וועלן געפינען פאַר
צוועקמעסיק אין געגעבענעם פאַל".

אָבער אַז עס ווערט אַזוי געשטעלט די פראַגע — צי ווערט ניט די רע־
וואָלוציע באַדרויט מיט דער גרעסטער סכנה פון ווילקיר? צי האַלט לאַוו־
ראָוו, אַז די רעוואָלוציאָנערע רעפּרעסיע דאַרף לחלוטין ניט באַגרעניצט ווערן?
אין זיינע ווערטער קומט אפנים אַזוי אויס. מיר קענען נאָך אַ מאָל און זיכערער
אורטיילן וועגן דעם לויט זיין פּאָזיציע בנוגע דער פּאַריזער קאָמונע, וואָס האָט
פּראַקטיש געשטעלט פאַר זיך די פראַגע פון געוואַלט. אין לאַווראָוו׳ס מיינו־
נגען וועגן דער קאָמונע זיינען באמת׳ן פאַראַן אייניקע פראַזן, וואָס גיבן די
מעגלעכקייט צו באַשליסן וועגן זיין אומבאַגרענצטער באַרעכטיקונג פון געוואַלט
און טעראָר. און טראָצקי האָט טאַקע געפונען פאַרמעגלעך זיך צו באַרופן אין

זיין פּאַרטיידיקונג פון טעראָר אַף לאַוראָוו׳ס אַוטאָריטעט. „ניט אין שטרענגע אָדער מילדע מיטלען איז די זאַך — זאָגט לאַוראָוו, — ניט אין טעראָר אָדער ליבע צום שונא, דער עיקר איז — ווירקלעכע מיטלען... גאַנץ ריכטיק האָט געזאָגט אַרנו: „סיי די געוואַלט, סיי די מעסיקייט — זיינען ניט קיין פּרינציפּן... *מע דאַרף טאָן וואָס עס איז נויטיק*. און וויי־טער גאָרניט. אין דער מינוט, בעת די היסטאָרישע קאָמבינאַציעס וועלן דער־לויבן די אַרבעטער פון וואָס אַ ניט איז לאַנד, כאָטש צייטווייליק צו באַקעמפן די שונאים און באַהערשן דעם לויף פון די געשעהענישן, מוזן די אַרבעטער מאַכן מיט די מיטלען וואָס זיינען צוועקמעסיק — וואָס פאַר אַ מיטלען דאָס זאָלן ניט זיין — אַ עקאָנאָמישע איבערקערעניש און פאַרפעסטיקן איר, ווי ווייט עס לאָזט זיך. אַלץ דאָס איבעריקע מוז זיין אָפּהענגיק פון דער דאָזיקער *הויפּט־אויפגאַבע*“. די דאָזיקע ווערטער קלינגען טעראָריסטיש, און אַף זייער סמך וואָלט מען אַפנים געדאַרפט אָנערקענען, אַז לאַוראָוו שטייט אין גאַנצן אַף דער פּאָזיציע פון רוסישן באָלשעוויזם?

צום גליק איז עס ניט אַזוי. אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג וועגן דער קאָמונע ברענגט ער אַריין מיט אַנדערע ווערטער גרינדלעכע אויספּעסערונגען צו זיינע שאַרפע פאָרמולעס. „אויב — זאָגט ער — די אומזיניקייט פון ליוליע און דער אומגליקלעכער אנגריף פון 3־טן אַפּריל האָבן שוין, אייגנטלעך, באַשטימט פון די ערשטע טעג אָן דעם פאַקטישן גורל פון דער קאָמונע, — טאָ ווער איז עס ביכולת אָפּצושאַצן די קלעפּ וואָס איר מאָראַלישער באַטייט האָט געליטן פון דער אומפאָרזיכטיקער טעטיקייט פון ריגאָ און פעררע אָדער פון יענע אויס־ברוכן פון אַפעקט, וואָס זייער גרופּע האָט זיך דערלויבט אין די לעצטע טעג פון דער קאָמונע?“. „די דאָזיקע מעשים פון אייניקע עקזאַלטירטע פּערזאָנען — זאָגט ער ווייטער — האָבן באַפלעקט די פּאָן פון די דעלעקליוז׳ן און וואַר־לענ׳ס“. מיר ווייסן *), ווי וואַרלען און דעליוקלעז האָבן זיך באַצויגן צום טעראָר, און אַצינד זעהן מיר, אַז לאַוראָוו שטעלט זיך דוקא אונטער *זייער* פּאָן. ווי פאַרשטענדלעך איז דעריבער, אַז גראָד ער האָט געקאָנט אָנשרייבן אין זעלבן בוך פאָלגנדיקעס: „בכדי די נייע געזעלשאַפט זאָל קענען עקזי־סטירן, קעמפן מיט די אויסערלעכע שונאים און זיך אַנטוויקלען אין דער ריכ־טונג פון אירע פּרינציפּן, מוז זי זיך פאַרזיכערן אַזוי אָדער אַנדערש קעגן די יעניקע, וואָס וואוינען אין דער זעלבער געגנט און זיינען געבליבן און געוועזן שונאים פון אירע פּרינציפּן. די רגילות׳ן פון דער נייער צייט דערלאָזן ניט, אַז פאַרטייען, וואָס האַלטן זיך פאַר פּראָגרעסיווע, זאָל באַגייען מאַסן־שחיטות, אָדער אַרעסטירן צי אַרויסשיקן גאַנצע מחנות פון קעגנער. *עס בלייבן פאַר*

---

*) זע אויבן.

זיי פאַרשיידענע פאָרמען פון באַצווינגונג, השגחה און אַנדערע אַנטפּלעקונגען פון דער מאַכט". מיט דעם שליסט זיך לאַווראָוו לגמרי אויס פון לאַגער פון די טעראָריסטן.

די אַלע הערות צו דער פראַגע וועגן געוואַלט ברענגט לאַווראָוו אַריין אויך אין זיין בוך וועגן דער מדינה. מיר האָבן שוין געזעהן, אַז ער וויל אַ „פאָלקס-אָפּרעכנונג", נאָר ער שטעלט זיך אַליין אָפּ פאַר דער שווערער פראַגע. „געוויס — זאָגט ער — קאָן מען פאָרויסזעהן אין אַ פיל גרעסערער מאָס אַ איבעריקע אכזריות בנוגע צו די פיינדלעכע עלעמענטן, איידער אַ אומאויפמערקזאַמקייט צו זיי... דאָס איז טאַקע איינע פון די גרעסטע סכנות פאַר איטלעכער באַוועגונג"... ער האָפט אָבער, אַז „יעדער איינער, וואָס וויל ערנסט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע זאָל וואָס גיכער פירן צו אַ פעסטער גרינדונג פון אַ סאָלידאַרישן צוזאַמענלעבן, וועט זיך באַמיען מיט אַלע כחות, אַז גלייך אַף מאָרגן נאָך'ן נצחון פון פראָלעטאַריאַט זאָלן אויפהערן אַלע אויסברוכן פון פאָלקס-אָפּרעכנונג, וואָס קענען נאָר זיין אין דער עצם-רגע פון דער רעוואָלוציע. יעדע ניט-נויטיקע אכזריות צום שונא אַף מאָרגן נאָך'ן נצחון וועט נאָר אונטעררייסן דעם מאָראַלישן באַטייט פון דעם צוזאַמענלעבן, וואָס דאַרף ווערן די פאַרקערפּערונג פון יושר און וואָס דאַרף דעריבער אָפּגעבן דער נויטווענדיקייט דעם קלענסטן מעגלעכן חלק". די דאָזיקע אויפגאַבע — אָפּהיטן די מאָס אין דער רעוואָלוציאָנער-סטיכייאישער רעפּרעסיע — ליגט לאַווראָוו אַרויף אַף די מיטגלידער פון „סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד", וואָס זיינען מאָראַליש מער פון אַלעמען צוגעגרייט צום סאָציאַליזם.

טראַכט מען זיך איין אין די דאָזיקע געדאַנקען, זעט מען אַז זיי זיינען ניט גענוגנדיק פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישן אידעאַל פון דער רעוואָלוציע. ווער איז עס בכח צו זאָגן לכתחילה עפּעס ריכטיקס וועגן דער שכל'דיקייט און די גרעניצן פון דער סטיכייאישער אָפּרעכנונג פון פאָלק? ווער איז עס בכח אָפּצוהיטן די רעוואָלוציע פון „ניט-נויטיקע" און שענדלעכע לינטש-געריכטן? אין דער פאָדערונג פון אַ קאָנטראָל מצד דעם „סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד" איז דאָך שוין פאַראַן אַ טיילווייזע אָנערקענונג פון דער וויכטיקייט פון אַ פאָלקס-קאָנטראָל איבער דער הפקר'דיקער אָפּרעכנונג און סטיכייאישן זעלבסט-געריכט, וואָס קענען באַפלעקן „די פאָן פון די דעלעקליוז'ן און וואַרלענ'ס". און צום סוף שטעלן מיר אויך אונזער פראַגע (ניט פון לאַווראָוו'ס שטאַנדפּונקט): עס טרעפט, אַז מע מוז זיך אָפּזאָגן אַפילו פון אַ נויטיגער רעפּרעסיע (ווען מע זאָל אַפילו פאַרלירן דערפאַר די רעוואָלוציע). צי וועט זיין ביכולת אונזער גרויסער אַנאָנים צו לייזן אַזעלכע פראַגן? איבערלאָזנדיק אַליין דעם רצון פון דער סטיכיע, זוכט שוין לאַווראָוו מער קאָנקרעט ניט קיין קריטעריום

און קיין פאָרמען פון דער דערלאָזבאַרער געוואַלט. אָבער ניט קוקנדיק אַף זיינע האָפנונגען אַף די גיכקייט פון דער סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער איבערקערעניש, קאָן זי פונדעסטוועגן דויערן זייער לאַנג. „די עצם רגע פון דער רעוואָליוציע" און „אַף מאָרגן נאָך דער רעוואָליוציע" קענען זיך פונאַנדערציען אַף זייער אַ לאַנגע צייט. מיר זעהן עס באַשיינפערלעך אַף אונזער אייגענעם ביישפּיל.

מיר האַלטן אַנדערש. לאַוראָוו איז געווען גערעכט, בעת ער האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון מאָראַלישקייט פון די לעגאַלע בית־דין־אָרגאַנען, ער איז אָבער ניט גערעכט, בעת ער זאָגט זיך אָפּ מחמת דעם פון רעפּרעסיווע אָרגאַנען בכלל. אין דער לייזונג פון דער אַ כלומערשט־ריין־אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע ליגט אָבער די גאַנצע מאָראַלישע פּראָבלעם פון רעוואָליוציאָנערער געוואַלט. דוקא לשם דער דאָזיקער מאָראַלישער אויפגאַבע זיינען נויטיק אַזעלכע אָרגאַנען. מיר זעהן איין זייערע שעדלעכע זייטן אין דעם, וואָס די טרעגער פון די רעפּרעסיעס ספּעציאַליזירן זיך אין איר אַף אַזאַ אופן, וואָס זיי ווערן פייניקער־פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זיי פאַרוואַנדלען דאָס דאָזיקע שלעכטס אין אַ מין שטענדיקן אָרגאַן פון דער רעוואָליוציע און וואָס עס וועט דעריבער זיין דערנאָך שווער אים עוקר צו זיין. פּונקט אַזוי קלאָר זעהן מיר אָבער אויך די שעדלעכע זייטן פון דער סטיכייאישער רעפּרעסיע. דאָ איז אַ אָפענער פעלד פאַר אַלע נידעריקסטע לײדנשאַפטן, און אָפטמאָלס באַהאַלט זיך דאָ אונטער דער מאַסקע פון דער רעוואָליוציע דער עקלהאַפטער פּנים פון דער אַלטער וועלט, באַהאַלט זיך די באַליידיקונג און דער בטול פון אַלערליי קריטעריום'ס פון געוואַלט. ס'איז פאַראַן נאָר איין מין פון מאַסן־סטיכייאישער אַנטוויקלונג, וואָס שפּילט אַ אומגעהויערע פּאָזיטיווע ראָליע אין דער רעוואָליוציע, דאָס איז די סטיכיע פון אַלגעמיינער השגחה איבער די שונאים פון דער רעוואָליוציע, פון אַ השגחה, וואָס איז אינערלעך אויסגעבונדן מיטן וואוקס פון סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן באַוואוסטזיין. אַ פאָלק, וואָס וואַקסט פּאָליטיש, גיט לייכט אָן אַ שום אָנשטרענגונג אַכטונג אַף זיינע קעגנער, און מיידט אוים דורך דעם אַליין די נויטיקייט אָנצוקומען צו רעפּרעסיעס. אין דעם פּרט איז גערעכט לאַוראָוו: „די פּאָליצייאישע השגחה איבער די כלומערשטע אָדער אמת'דיקע פיינדלעכע עלעמענטן וועט זיין זייער ממשות'דיק, אויב עס וועט איר האָבן די זיגערישע באַפעלקערונג אַליין... אַלע ביישפּילן פון פּאָליטישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונגען פירן צום געדאַנק, אַז די השגחה פון דער געזעלשאַפט וועט זיין פיל שטרענגער איידער די השגחה פון וואָס פאַר אַ ניט איז ספּעציעלע פּאָליציי". וועגן דעם זעלבן ענין האָט געשריבן אויך ספּירידאָנאָוואַ אין איר באַרימטן „בריוו" בעת זי האָט דערמאָנט אָן דער ערשטער צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע: „דאָס איז באמת'ן געווען אַ רעוואָליו=

ציע פון די אַרבעטס-מאַסן, און די ראַטן-מאַכט האָט געוואָרצלט ממש אין זייערע טיפסטע טיפענישן. זי איז געווען שטאָל און אייזן און קיין זאַך, קיינע שום פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן, זיינען ניט בכח געווען איר אַ ריר טאָן פון אָרט. ניט דורך די זעלטענע רעפּרעסיעס און דעם שעמעוודיקן דרוק זיינען געווען צעקלאַפּט און צעשלאָגן די מענשעוויקעס און רעכטע ס. ר. נאָר אַ דאַנק זייער אייגענער פריערדיקער פשרה-פּאָליטיק... זייערע גובערניאַלע און אויעזדנע צוזאַמענפאָרן פלעגן זיך צונויפקומען, ס'איז ניט געווען דאָרטן ניט קיין צעטרייבונגען, ניט קיין אַרעסטן, ס'איז געווען אַ פרייער קאַמף פון מיינונגען... *און זיי זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער פּוסטקייט, דער טעראָר קעגן זיי איז געווען איבעריק*, און אַזוי וואָלט עס געווען ביז'ן היינטיקן טאָג *).

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, אָבער נאָר כל זמן די רעוואָליוציאָנערע מאַסן געפינען זיך אין דער סטאַדיע פון פּאַסיווער השגחה איבער'ן שונא. קוים אָבער גייען זיי אַרויס פון דעם מצב פון וואַכנדיקער רו, קוים הייבט אָן גלאַנצן אין זייערע הענט דער שווערד פון רעפּרעסיעס — דאָ נויטיקן זיי זיך שוין אַליין אין אַ *אָרגאַניזירטן* קאָנטראָל איבער זיך. דער פּאָליטישער „סאָציאַל-רעוואָליוציאָנערער-פאַרבאַנד“, וואָס בויט זיך אויף אַנדערע יסודות, קאָן ניט גאַראַנטירן אַזאַ מין קאָנטראָל. ער דאַרף אַרויס ניט פון דער באַוואוסטזיניקער און מאָראַליש בעסער פון אַנדערע צוגעגרייטער צו דער רעוואָליוציע גרופּע מענטשן („ספּעציאַליסטן פון דער רעוואָליוציע“ זיינען פּונקט אַזוי שלעכט, ווי ספּעציאַליסטן פון רעפּרעסיעס), נאָר פון דעם *גאַנצן*, זיך באַפרייענדיקן אַרבעטס-פאָלק, וואָס טראָגט אין זיך דעם היסטאָרישן עטישן אמת. און ממילא, קאָן דאָס פאָלק פיל בעסער און זיכערער גאַראַנטירן זיך אַזאַ קאָנטראָל איבער די איינגעשטעלטע און אָפּ-פונקציאָנירנדיקע *רעפּרעסיווע* אָרגאַנען, איידער איבער זיינע אייגענע סטיכיאישע אויסברוכן. דער דאָזיקער אָרגאַן — *דאָס געריכט* (און זיינע צוגאַבן) — ווערט געוויילט פון פאָלק. אַ דאַנק די אָפטע נייע וואַלן ווערט ער ניט פאַרהאַרטעוועט פּראָפעסיאָ-

---

*) אין זעלבן בריוו ווערט ווייטער געזאָגט: „בעת די ראַטן-מאַכט... האָט גערוט אין די טיפענישן פון פאָלק, האָט דזערזשינסקי פאַר דער גאַנצער צייט צעשאָסן נאָר איניקע רויבער און מערדער, און מיט וואָס פאַר אַ ליידנדיקן פּנים, מיט וואָס פאַר אַ עינויים פון וואַקלעניש! בעת די ראַטן-מאַכט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ סאָוועטישע און איז געוואָרן אַ ריין-באָלשעוויסטישע, בעת איר סאָציאַלע באַזע און פּאָליטישע השפּעה האָבן גענומען ווערן אַלץ שמעלער און שמעלער — יעמאָלט איז נויטיג געוואָרן אַרום לענינען אַ באַזונדער שמירה פון לעטן, פּונקט ווי פריער אַ שמירה פון קאָזאַקן אַרום צאַר, און פון יאַניטשאַרן — אַרום סולטאַן, ד. ה. עס איז *נויטיק געוואָרן* דער רויטער טעראָר“.

געל און שטייט כסדר אונטער׳ן מאַסן-קאָנטראָל פון דער רעוואָליוציאָנערער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. אַ דאַנק דעם קומט אויס דעם געריכט צו שפּילן אַ אומגעהויער-גרויסע ראָליע אין די רעוואָליוציאָנערע תקופות. אַף וויפיל דאָס רעוואָליוציאָנערע געריכט דעמאָנסטרירט פאַר אַלעמען ביישפּילן פון רעוואָליוציאָנערע קאָנפליקטן און פון פאַרבונדענע מיט זיי פראַגן פון געוואַלט — ווערט עס פאַרוואַנדלט אין דעם שטאַרקסטן פאַקטאָר פון מאָראַליש-סאָציאַליסטישער דערציִאונג. זאָל זיין אַפילו, אַז דער באַשטאַנד פון די שופטים האָט, פאַרנעמענדיק די ריכטער ערטער, צייטווייליק זיך אָפּגעטיילט פון דער סטיכייאישער מאַסע פון אַרבעטס-קלאַס; די פאָלקס-סטיכיע, וואָס האָט זיך אַרום די דאָזיקע ערטער צונויפגעפרעסט, לעבט אָבער דערפאַר איבער צוזאַמען מיט די שופטים די אַלע געפילן, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורך דער געוואַלט און דורך דער מאַכט פון איין מענטשן איבער׳ן צווייטן. דער רעפּרעסיווער אָרגאַן פאַרמאָגט ניט קיין טראָפּן *מאָראַלישע* ווערט (אַוטאָריטעט), — פּונקט ווי די רעפּרעסיע אַליין — עס איז אָבער פאַראַן אַ טיפער מאָראַלישער זין אין דעם, וואָס צוזאַמען און בפומבי פאַראורטיילן מענטשן פון דער רעוואָליוציע דעם עבר, לעבן איבער די פלענער פון עתיד און וועגן אָפּ — אין שיין פון די צילן פון סאָציאַליזם — די מאָס און די שטופע פון זייער באַווירקונג.

ניט צופעליק האָבן מיר איצט געזאָגט — „די מאָס און די שטופע פון באַווירקונג“. אויבן האָבן מיר זיך געפּרובט פעסטצושטעלן גרענצן פאַר דער אנווענדונג פון געוואַלט, מיר האָבן דאָך אָבער באַשטימט נאָר די גרונד-פאָרמען, די *טיפּן* פון רעאָוואָליוציאָנערער געוואַלט. די קאָנקרעטע רעפּרעסיע ווערט אָבער באַשטימט ניט דורך דעם טיפּ פון געוואַלט, נאָר דורך איר שטופע און מאָס. מיר זאָגן, למשל: טורמע און דער *דויער* פון דער תפיסה. צי זיינען אין דער דאָזיקער ספערע פאַראַן וואָס פאַר אַ ניט איז באַזונדערע קריטעריום׳ס, און אויב יאָ — איז וועלכע?

געוויס, איז דאָ ניטאָ מער קיין קריטעריום׳ס, סיידן אַזעלכע, וואָס זאָלן פאַרפירן אין מאָראַלישן פּלפּול. די קריטעריום׳ס זיינען דאָ די אייגענע, וואָס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אויבן. זיי (אָדער ער) זיינען גלייכצייטיק אי איינפאַך, אי קאָמפּליצירט: איינפאַך מיט דער טיפקייט פון זייער אינהאַלט, קאָמפּליצירט — אין דער פראַגע פון זייער אָנווענדונג. עס איז שווער אָנצוווייזן, ווען און וואָס פאַר אַ באַזונדערע שטראָף-מיטלען מע זאָל אָנווענדן. פּונקט אַזוי שווער איז דאָך אָבער אויך אָנצוווייזן, ווען און וואָס פאַר אַ טיפּן פון געוואַלט מע דאַרף אָנווענדן, נאָך מער: עס איז שווער צו באַשטימען לכתחילה, צי מעג מען זיך *בכלל* אין דעם אָדער יענעם פאַל שטעלן אַפּן וועג פון געוואַלט, פון בירגער-קריג און רעוואָליוציע. איטלעכס מאָל און בא יעדן איינ-

צעלנעם פאַל שטעלט זיך קעמפער די גאַנצע פּראָבלעם אין איר גאַנצער הויך. איטלעכס מאָל דאַרף מען פונדאָסניי אויספאָרשן: צי מעג מען אָנקומען צו דער געוואַלט, און צי ווערט זי געברויכט לשם דעם גרונט־קריטעריום — לשם דער מאָראַלישער אויפגאַבע פון סאָציאַליזם (דעם מענטשן) *).

ניט איינמאָל האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אַז אויב מין צעלאָזנקייט פון דער בייזער סטיכיע, ווי געוואַלט איבערן מענטשן, איז דערלאָזבאַר נאָר לשם דער דאָזיקער ציל, לשם דעם סאָציאַליזם. זי איז דערלאָזבאַר נאָר אין דעם שווערן צושטאַנד, ווען מע האָט מאָראַלישן קיין שום אַנדערע וועגן ניט, נאָר באַם באַוואוסטזיין, אַז די רעוואָליוציאָנערע געוואַלט איז אַף אייביק עוקר מהשורש דעם מאָראַלישן גהינום אין מענטשן. זי איז דערלאָזבאַר נאָר ווי אַ זאַך פון אַ קורצן רעוואָליוציאָנערן טערמין, און ניט פון אַ דויערנדיקן פּראָצעס.

---

*) דאָ זיינען מעגלעך זייער פיל פראַגן; מיר וועלן אָנווייזן אַף איינע פון זיי. צי מעג מען אָנווענדן די געוואַלט אויך בנוגע צו די אַרבעטענדע? אונזער תשובה איז אַזוי. דעם טעראָר וואַרפן מיר אָפּ בנוגע צו אַלעמען, הייסט עס אויך בנוגע צו די פאַרשטייער פון די געוועזענע הערשנדיקע קלאַסן; די געוואַלט דערלאָזן מיר בנוגע צו אַלעמען, הייסט עס אויך בנוגע צו די אַרבעטענדע. ווייל ניט קיין אַריסטאָקראַטישע אידעע — צו באַפרייען איין מין מענטשן — די אַרבעטענדע, האָבן מיר פאַר זיך, נאָר די אידעע פון דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. לשם דער דאָזיקער אידעע זיינען מיר מפקיר דעם מענטשן, דער עיקר — אַלס דעם פאַרטרעטער פון דער אַלטער וועלט. מיר ווענדן אָבער אָן געוואַלט־מיטלען אויך קעגן דעם אַרבעטס־מענטשן, אויב ער פאַרשטעלט אונז דעם וועג. — אַ צווייטע פראַגע פון דער קאַזואיסטיק מכח דער אָנווענדונג פון געוואַלט: צי דאַרפן די געוואַלט־מעשים אין אונזער בירגער־קריג (וואָס איז כולל אויך דעם אַלטן רעוואָליוציאָנערן טעראָר פון אַ גרשוני) זיין געווענדעט נאָר קעגן די מחברים און די אידייאישע שעפער פון שלעכטס פון דער אַלטער וועלט, אָדער אויך קעגן זיינע בלינדע טרעגער? אַף וויפיל מיר לייקענען בכלל די מאָראַלישע דערלאָזבאַרקייט פון געוואַלט אפילו קעגן די שעפער פון שלעכטס, און מאַכן איר אָפּהענגיק אויסשליסלעך פון דער נויטווענדיקייט — אַף אַזוי פיל קאָן זי פאַרשטייט זיך זיין אָנגעווענדעט אויך קעגן די אומבאַוואוסטזיניקע טרעגער פון שלעכטס, ווען דאָס איז נויטווענדיק. ס'איז אָבער קלאָר, אַז ווען מיר האָבן דעם אויסוואַל צווישן די אָביעקטן פון אונזער געוואַלט — יעמאָלט דאַרף זי זיין אָנגעווענדעט קעגן די מחברים פון סאָציאַלן שלעכטס און ניט קעגן זיינע אויספירער. ווייל פיל בולטער און טיפער אַנטשטייען די אַלע נשמה־צורודערונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אָנווענדונג פון געוואַלט, אין קאַמף קעגן דעם פערסאָניפיצירטן שלעכטס, קעגן זיין באַוואוסטזיניקן איניציאַטאָר, איידער דאַן, ווען מענטשן ווערן סתם באַזייטיקט פון וועג, ווי בלינדע מניעות.

דעריבער איז פאַר אונז די געוואַלט דערלאָזבאַר נאָר אין דעם דירעקטן אנטשיידנדיקן קאַמף פאַר דער ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר רעוואָליוציע. אין אַ פּאָליטישער רעוואָליוציע, צי אין אַנ'אַנדערער, וואָס איז שוין לויט דעם היינטיקן צושטאַנד פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין ניט מער בכח צו פאַרענטפערן די גרונטפראַגן פון לעבן, וואָס צעשטערט ניט ענדגילטיק די מניעות פאַר זייער האַרמאָנישן לעבן, — טאָר פון סאָציאַליסטיש-עטישן שטאַנדפונקט ניט אָנגעווענדעט ווערן קיין געוואַלט. דער איינציקער „צד-זכות“ פון דער געוואַלט איבער'ן מענטשן, דאָס איינציקע, וואָס איז מכפר אַף'ן בייז, — וואָס קאָן ניט באַרעכטיקט ווערן — איז אין דעם, אַז דאָס איז דאָס ל ע צ ט ע אין דעם מאַרטירער-לעבן פון דער מענטשהייט. דוקא דעריבער קאָן מען איר אָבער טאָלערירן נאָר אין דעם „לעצטן און אַנטשיידנדיקן קאַמף“. די דאָזיקע פּאָזיציע איז, דאַכט זיך, קלאָר, און פונדעסטוועגן קאָן מען ניט פעסטשטעלן לכתחילה איינמאָל פאַר אַלעמאָל די לייזונג פון דער פראַגע. ווייל מיר ווייסן, אַז אויך די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע אַנטפּלעקט זיך דאָך ניט גלייך פון אָנהייב, קלאָר און בולט אַלס אַזעלכע, נאָר זי האָט שמערצלעכע עטאַפּן, פאַרבינדונג-רינגען פון כל'ערליי ערב-רעוואָליוציעס. און ס'קאָן זיין, אַז אין דער רייע פון אַזעלכע רינגען, וואָס פירן צוריק, פאַרייניקט זיך די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע מיט פּאָליטישע רעוואָליוציעס און דערשיטערונגען (למשל — די איצטיקע דייטשע רעוואָליוציע). קאָן מען, הייסט עס, דאַן לשם דעם וועלביקן עטישן אידעאַל געברויכן געוואַלט אויך אין אַנ'אַנדערער, ניט קיין בולט-סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע? דאָ ווערט די אויפגאַבע פון מאָראַלישער אויספאָרשונג נאָך מער קאָמפּליצירט פאַר די קעמפער פון דער רעוואָליוציע: זיי מוזן האָבן פאַר זייער באַוואוסטזיין ניט נאָר דעם העכסטן עטישן קריטעריום פון דער רעוואָליוציע, נאָר זיי מוזן אויך באַשטימען, אין וואָס פאַר אַ מאָס די איצטיקע תקופה און די איצטיקע געשעענישן זיינען פאַרבונדן ל ו י ט ד י ס י ב ו ת מיט דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. פונקט אַזאַ פראַגע ווערט געשטעלט, בעת די דאָזיקע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע פאַרציט זיך אַף לאַנג, בעת דער בירגערקריג און די געוואַלט ווערן געמאַלט אין אַ אומבאַשטימט-דויערנדיקער פערספּעקטיוו. אין די דאָזיקע פאַרבינדונג-רינגען, וואָס פירן פאָרויס, שטעלן זיך פאַר'ן באַוואוסטזיין פונקט ווי אין יענע, וואָס פירן צוריק, די זעלביקע צונויפגעבונדענע פראַגן: ווי לאַנג וועלן דויערן די דאָזיקע שמערצלעכע צייטן פון דער רעוואָליוציע, און צי מעג מען — פון שטאַנדפונקט פון קריטעריום — אָנווענדן אין זיי געוואַלט? — די זעלבע פראַגע וועגן קריטעריום, וואָס שטייט בײַ דער לייזונג פון דער פראַגע וועגן דער רעוואָליוציע, אַלס גאַנצע, ד. ה. וועגן דער סיסטעם פון געוואַלט בכלל, שטייט אָבער אויך בײַ דער לייזונג פון איינצעלנער

פּראַגן פון געוואַלט — מכח דעם אָנווענדונג פון טיף אָדער מאָס פון געוואַלט. איטלעכס מאָל דאַרף דערבײַ געשטעלט ווערן די פּראַגע וועגן איר הסכם מיט דער מאָראַלישער ציל פון סאָציאַליזם *).

וואָס זשע באַשטימט אין די מענטשן די דאָזיקע פּראַגע? דער מאָראַלישער חוש. אָט דער, כלומערשט אומבאַשטימטער באַגריף ווערט אײַנגעשלאָסן אין די גאַנצע לכתחילה׳דיקע אַרבעט פון באַוואוסטזײַן בײַ דער אָנווענדונג פון געוואַלט, און באַקרוינט איר מיט זיך. די דאָזיקע אַרבעט האָט אין זיך צוויי מאָמענטן: די אָפּשאַצונג פון דער נויטווענדיקייט פון געוואַלט, און די אָפּשאַצונג פון איר הסכם מיט דער ציל פון סאָציאַליזם. די ערשטע אָפּשאַצונג איז אַ טעכנישע, די צווייטע — אַ מאָראַלישע. די ערשטע אָפּשאַצונג שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָביעקט און דעם תכן פון דער גרויסער אַרבעט פון געדאַנק, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען „רעוואָלוציאָנערע סטראַטעגיע און טאַקטיק“ (די אָפּשאַצונג פון דער תקופה גייט אַרײַן אין דער סטראַטעגיע, די אָפּשאַצונג פון די קאָנקרעטע געוואַלט־מיטלען — אין טאַקטיק). אָט די ערשטע, טעכנישע אָפּשאַצונג קומט נאָר צו הילף דער צווייטער, דער ווײַטיקסטער, דער מאָראַלישער, און דער מאָראַלישער חוש, וואָס באַקרוינט די אַרבעט פון באַוואוסטזײַן, שטעלט דערבײַ פעסט די בכורה פון מאָראַלישן מאָמענט. דער מאָראַלישער חוש — דאָס איז די עטישע מוזיקאַלישקייט פון מענטשלעכן גייסט, די שטענדיק־אומרואיק קלינגענדיקע סטרונע פון דער מענטשלעכער נשמה. בײַ פאַרשיידענע מענטשן איז ער פאַרשיידן, ער איז אָבער בײַ זיי פאַראַן און פון אים הענגט אָפּ דער מאָראַלישער גאַנג פון דער רעוואָלוציע. דער מאָראַלישער חוש לאָזט ניט זיך נאָכיאָגן נאָך׳ן „לעצטן“ שונא, נאָך דעם דאָזיקן טײַוואָלאָנישן יצר־הרע פון דער געוואַלט, פאַרקערט, דער מאָראַלישער חוש האָט מורא פאַר יעדן „איבעריקן“ קרעכץ פון אַ מענטשן, פאַר יעדן איבעריקן טרער און איבעריקן טראָפּן בלוט. דער מאָראַלישער חוש גיט דעם רעוואָלוציאָנער — דעם מענטשן דעם שיינעם באַ־

*) מע דאַרף מאַכן אַ חילוק צווישן דעם מין געוואַלט, וואָס איז געווענדעט דירעקט קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציע (פאַר דער רעוואָלוציע) און דעם אַנדער מין (אין דער רעוואָלוציע): מיליטער־פליכט, אַרבעט־פליכט, שטײַערן. אַף וויפיל אין דעם מין געוואַלט איז ניטאָ קיין אָרט פאַר נקמה אָדער פאַראַכטונג צו מענטשן (למשל — די פליכט פון דער בורזשואַזיע צו באַגראָבן טויטע, וכד.) — אַף אַזוי פיל האָט זי ניט קיין קאַמף־כאַראַקטער, נאָר דעם צוואַנג־כאַראַקטער פון אויפבוי. זי קאָן דעריבער פאָרקומען אויך אין די אָרגאַנישע תקופות, נאָכ׳ן נצחון פון דער רעוואָלוציע. זי קאָן און וועט אויך אַרומנעמען די אַרבעטענדע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט. דער מין געוואַלט איז ניט שייך צו אונזער טעמע.

וואוסטזיין פון חטא און זינדיקייט פון זיין געוואַלט און אין דער זעלבער צייט פירט ער אים אַרויס פון דער הערשאַפט פון דעם אוראַלטן בייז. טאָ לאָמיר אַנטוויקלען אין זיך דעם מאָראַלישן חוש, אַלס אַ באַוואוסטזיניקע קראַפט. לאָמיר שטרעבן צו דעם, אַז ווי אַ אייביקע שטימע זאָל ער סטיכייאיש הילכן אין אונז מיט אַ איידעלער סטרונע *).

מיר ענדיקן, קיינער פילט, אפשר, ניט אַזוי קלאָר, ווי מיר, וויפיל אַרבעט עס שטייט נאָך פאַר אין דער דאָזיקער ספערע פון פייניקע איבערלעבונגען. מיר ווייסן, אָפטמאָלס וועט זיך אויסדאַכטן, אַז עס איז פסיכאָלאָגיש ניט מעגלעך און אָביעקטיוו־שווער דורכצופירן די גרעניצן, וואָס מיר ווייזן אָן צווישן געוואַלט און טעראָר. אפשר איז מעגלעך, אַז די גאַנצע פראַגע זאָל אַנדעריש געשטעלט ווערן. טאָ זאָל מע איר שטעלן אַנדעריש. וויכטיק איז, אַז די דאָזיקע טעמע זאָל געשטעלט ווערן פאַר׳ן באַוואוסטזיין פון דער רעוואָליוציע, וויכטיק איז, אַז ניט אַף איין רגע זאָל זי זיך אין דער רעוואָליוציע ניט אויסלעשן, אַז די רעוואָליוציע זאָל כסדר באַהערשן איר קאַמף.

מיר וואַרפן לגמרי אָפּ דעם טעראָר, מיר דערלאָזן נאָר און טאָלערירן די געוואַלט, דערפאַר אָבער — און דאָס מוז מען געדענקען — דערפאַר אָבער פאָדערן מיר דעם קאַמף. מיר פאָדערן אים, ווייל ער איז דער היינט־דיקער מאָמענט פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג ווייל נאָר אין אַטמאָספער פון קאַמף וואַקסט די קולטור פון גייסט. „אין קאַמף וועסטו דיין רעכט באַקומען!“.

ניט אין דער הכנעה פאַר אויסערלעכע רעאַלע אָדער צוגעטראַכטע כחות וואַקסט מעכטיק אויף די פערזענלעכקייט, נאָר אין קאַמף און אין זייער באַהער־שונג. נאָר דאַן איז דער מענטש שטאַרק און פול מיט שמחה, בעת ער שטעלט אין שטורם פון לעבן און סטיכיעס זיך אַליין אַנטקעגן דעם לעבן און די סטיכיעס. ער אַליין שרייבט זיי פאָר אין קאַמף זיינע געזעצן. און לא די, וואָס ער קאָן ניט ווערן קיין געפאַנגענער פון געשפענסטיקע היסטאָרישע געזעצן, וואָס ער אַליין איז דער געזעצגעבער פון סאָציאַלן לעבן, ער וועט אַלץ מער און מער ווערן אויך דער געזעצגעבער פון סטיכייאישן וועזן, ער וועט זיין דער מו־

---

*) עס איז פאַראַן אַ גרויסע נפקא־מינה צווישן דעם חוש און דער מאָראַ־לישער עמפינדונג, וועלכע מיר האָבן אָפּגעוואָרפן גלייך אין אָנהויב. די עמפינדונג איז אומבאַשטימט און אָריענטירט זיך ניט אַף קיין אידעאַל. אונזער מאָראַלישער חוש איז אָבער אַ באַוואוסטזיניקע אַרבעט פון מענטשן, וואָס באַזירט זיך אַפן מאָראַלישן אידעאַל.

טיקער, זיך דערהויבנדיקער זיגערישער זשעני. נאָר קעמפנדיק לשם זיין לעבן מיט דער טויטער סטיכיע, היט דער פרייער מענטש אָפּ, ווי אַ צווייטן אוצר, דעם כּבוד, די פרייהייט און גליק פון זיין נאָענטן. און בנוגע צו אים שרייבט ער זיך אַליין פאַר עטישע געזעצן. דער מענטש שטייט העכער ווי די נאַטור מיט אירע געזעצן, ער איז אָבער נידעריקער פון זיין אייגענער, זיך אַליין געגעבענער עטיק, פון זיין אייגענעם גייסטיקן לעבן. אָט דאָ, אין דער אָ טיפעניש באַשטייט זיין ציל ניט אַזוי אין נצחון איבער אַנדערע, ווי אין זיין מסירת־נפש פאַר די אַנדערע. קעמפנדיק מיט זיין אינערלעכער סטיכיע, גיט ער זיך אַליין דעם נצחון איבער איר. די רעוואָליוציע — דאָס איז די העכסטע פאַרקערפּערונג פון קאַמף. און אַראָפּשמעטערנדיק אַלע אויסערלעכע מחיצות, שרייבט זי זיך אַליין פאַר אירע מאָראַלישע געזעצן לשם דעם מענטשן. דעריבער נעמט זי אָן די גוואַלט, ווי אַ קרענקלעכע אומפאַרמיידלעכקייט, און וואַרפט אָפּ דעם טעראָר ווי אַ טויט־געפאַר.

בתשובה אַף אונזער עטישע גרונט־פראַגע מוז די רעוואָליוציע ענטפערן:

טעראָר — קיינמאָל ניט!

גוואַלט — אַ מאָל!

קאַמף — שטענדיק!

XXXI

די אַנטינאָמיעס פון סאָציאַליזם.

אַלע האַלטן, אַז דער סאָציאַליזם, אַלס טעאָרעטישע סיסטעם און אַלס לעבנס־באַוועגונג, לעבט איצט איבער דעם גרעסטן קריזיס. אָבער בלי שום ספק, פילט מען באַזונדערס שאַרף דעם דאָזיקן קריזיס אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך די ערשטע געשטעלט אַפן וועג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. ווייל אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָט איבערגעטראָגן די אַלע שרעקן פון מלחמה און פון די ווייטערדיקע רעוואָליוציעס, האָבן נאָך די העכסטע גייסטיקע ווערטן ניט געהאַט אויסצושטיין אַזאַ נסיון און אַזעלכע שווערע אַנטוישונגען, ווי אין רוסלאַנד. אמת, די דייטשע, עסטרייכישע, אונגאַרישע אַרבעטס־מענטשן האָבן אויך איבערגעלעבט אַ קראַך פון זייערע נאַציאָנאַלע, פאַטריאָטישע, מדינישע אידעאַלן און איליוזיעס. אָבער נאָך דער שמערצלעכער דערוואַכונג פון די חלומות, וואָס האָבן זיי געהאַט אַזוי טיף אומגענומען, פלעגן זיי פונדעסטוועגן זעהן פאַר זיך נייע וועגן צו נייע סאָציאַלע, אינטערנאַציאָנאַלע און קולטורעלע אידעאַלן און איליוזיעס. אָבער נאָך דער שמערצלעכער דערוואַכונג פון די האָט דער קריזיס פון פאַטריאָטיזם און מדינישקייט נאָך קלאָרער געעפנט פאַר

זיי אַנדערע האָריזאָנטן פון סאָציאַליזם. אין רוסלאַנד אָבער זייַנען די אַנטוישונג און שמערץ פּוגע געווען דעם סאָציאַליזם גופא. און די שווערע ווירקונג פון דעם שמערץ איז געווען שטאַרקער ווי אומעטום דאָרטן, וואו די מענטשן זייַנען שוין אָט-אָט דאַכט זיך דערגאַנגען צו די ווענט פון זייער עיר הקודש. אַרייַנטרעטנדיק אין דער תקופה פון קריזיס, פּילט אים דער שטאָלצער בנין פון סאָציאַליזם אין אַלע זייַנע אינערלעכע גייסטיקע באַנדן, פּונקט ווי אַ מאַיעסטעטישער געביי מיט גרויסאַרטיקע טורעמס, וואָס באַדעקט זיך מיט אַמאָל פון אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט אַ גאַנצער נעץ שפּאַלטן, וואָס שלענגלען זיך אין אַלע זייטן.

מיר האָבן זיך אויבן אָפּגעשטעלט אַף דער שמערצלעכער פּראָבלעם פון געוואַלט און טעראָר. דאָס איז אָבער נאָר איין פּראָבלעם פון סאָציאַליזם, וואָס בלענדט מער פון אַנדערע די אויגן. עס זייַנען פאַראַן אויך אַנדערע פראַגן, און אין אַנדערע תקופות פון דער רעוואָליוציע זייַנען זיי ניט ווייניקער שמערצלעך; אַלס בייַשפּיל וועלן מיר דאָ פאַרבייַגייענדיק אָנווייַזן אַף דער פּראָבלעם פון מאַכט. די ביידע פּראַגן שטייען אין אַ קאָנצענטרישער באַציאונג איינע צו דער אַנדערער: די מאַכט איז כולל אין זיך עלעמענטן פון געוואַלט, זי איז אָבער ברייטער. ווייל איר מהות ווייַזט זיך אַרויס אויך דאַן, ווען ס'איז ניטאָ קיין בולטע פּיזישע אַנטפּלעקונג פון געוואַלט, וואו זי איז משפּיע אַפּן פּסיכישן און אינטימען אופן. אין דעם זין זייַנען זיי ביידע געקנאָטן פון איינעם אום דעם זעלבן טייג. די מאַכט איז נאָר אַ פאַרפייַנערטע געוואַלט. נאָר אויך די דאָזיקע טעמע דאַרף באַזונדער און ערנסט באַהאַנדלט ווערן, און אויך זי איז ווייניק דורכגעטראַכט געווען אין דער סאָציאַליסטישער טעאָריע פון שטאַנדפּונקט פון איר גרונט-אידעאַל. צו לייכט האָט זיך דער סאָציאַליזם אָפּגעשאָקלט פון זין און גייסט פון דער אַנאַרכיסטישער תורה און איז דוחה געווען די לייזונג פון דער מאַכט-פּראָבלעם ביז „נאָך'ן סאָציאַליזם“. אָבער אין דעם נסיון פון אונזער רעוואָליוציע, בעת אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן זייַנען דורכגעגאַנגען דורך דער מאַכט-פּראָבע, איז די דאָזיקע פראַגע ווידער געוואָרן אַ שמערצלעכער ענין פון הייַנטיקן טאָג.

מיר האָבן דאָ באַרירט די דאָזיקע טעמע נאָר בכדי צו ווייַזן, וואָס פאַר אַ טיפע און פאַרוויקלטע רעטענישן זייַנען פאַרבאָרגן אין דעם פאַרווירקלעכונג-פּראָצעס פון סאָציאַליזם. אין וואָס באַשטייט זייער קאָמפּליצירטקייט? — אין דעם, וואָס זיי לאָזן זיך ניט לייכט לייזן, וואָס זיי שטויסן זיך אָן אַף די שטאַרקסטע מניעות, וואָס ביידע זייערע עקסטרעמע, ענטקעגנגעזעצטע לייזונגען טרעפן אָן דעם זעלביקן גייסטיקן ווידערשטאַנד מצד דעם סאָציאַליסט. אַלע אַזעלכע פּראַגן רופן מיר — די אַנטינאָמיעס פון סאָציאַליזם. איטלעכע

פון זיי שאפט אזעלכע פרינציפיעלע אנטקעגנשטעלונגען, וואס מע קאן זיי ניט גובר זיין אין וואס פאר א ניט איז דיאלעקטישן אדער אנדערן העכערן „סינטעז“, און וואס פליסן ביידע צוגלייך, זיך ניט צונויפגיסנדיק, ווי צוויי גויטיקע און אומפארמיידלעכע שטראמען. די „גאלדענע מיט“ איז אין איינער און דער זעלבער צייט אומפארמיידלעך און ניט דערלאזבאר. אין א גרויסער גייסטיקער אנגעשטרענגונג קומען פאר אבער ביידע עקסטרעמען גלייך, און דעריבער דארפן זיי זיך קעגנזייטיק באגרענעצן. אין דעם צונויפשטויס פון ניגודים — איז די גאנצע נאגעניש פון סאציאליזם, אין דעם איז אבער אויך די גאראנטיע פון זיין אינערלעכן מאראלישן מהות. די טעאריע דארף זיי שארף אויפדעקן און שלייפן. ווייל דעם סכום פון די אלע טעמעס איז דאס, וואס מיר רופן — *די עטיק פון סאציאליזם*. פארבאהאלטענערהייט זיינען זיי שטענדיק געווען בנמצא אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, די געשעענישן פון דער מלחמה און רעוואליוציע האבן אבער בלענדנדיק און אומפארמיידלעך געשטעלט זיי פאר אונזער באוואוסטזיין. מיר וועלן זיך אפשטעלן בקיצור נאר אף אייניקע פון זיי.

א) די פראפאגאנדע פון *געזעלשאפטלעכער* איבערקערעניש און דער פרעדיקט פון *פערזענלעכער* פארפולקומונג — די ערשטע פאר באגריפן. מיר ווייסן, אז לויט זיין נאטור און ציל איז דער סאציאליזם — א *געזעלשאפטלעכע* לערע און טאט. לויט איר גייסט איז די לערע געווען פיינדלעך צום רעליגיעזן אינדיווידואליזם, אין קאמף קעגן אים האט זי זיך אויך טיילווייז אנטוויקלט. מיר ווייסן, אז אריבערטראגן אין אינערלעכן לעבן פון מענטשן דעם געוויכטס-צענטער פון דער רעטונג פון וועלט-שלעכטס — הייסט אייגנטלעך איבערלאזן דאס שלעכטס אזוי ווי עס איז. דערפאר ווילן מיר, אז קודם כל זאל פאלן זיין *חומת-יריחו*. אין דער זעלבער צייט ווייסן מיר אבער אויך אן אנדער זאך: אויב דער סאציאליזם איז די באפרייאונג פון דער מענטשהייט — איז עס אבער אויך זיין *זעלבסט*באפרייאונג ד. ה. די דערגרייכונג פון פרייהייט אין דעם מענטשן גופא. די באפרייאונג פון ארבעטער-קלאס איז, פארשטייט זיך, די זאך פון דעם קלאס אליין, אלס כלל, מיר ווייסן אבער, אז דאס איז אויך א זאך פון איטלעכן ארבעטער, אלס פרט. אצינד, אין דעם שיין פון דער איראפייאישער דערפארונג איז שוין קלאר געווארן אויך פאר די מארקסיסטן, די אנהענגער פון דעם אויסשליסלעכן מאסן-קאמף פון קלאסן, אז דער סאציאליזם, אלס באוועגונג, וואס פאדערט פון דעם מענטשן די מאקסימאלע מסירת-נפש און נשמה-ברען, איז ניט מעגלעך אן אזא אינערלעכער *פערזענלעכער* דורכדרינגונג מיטן אידעאל, אן א אנגעשטרענגטן רעוואליוציאנערן *פערזענלעכן* פרעדיגט. פארוואס איז עס געווען מעגלעך

דער שרעקלעכער מאָראַלישער קראַך פון דער אַלוועלטלעכער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע גלייך אין אָנהייב פון דער וועלט-מלחמה ? ווי האָט עס געקענט טרעפן, אַז די מאָראַלישע תורה פון סאָציאַליזם, וואָס האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט באַגייסטערט און פאַראייניקט מיליאָנען פּראָלעטאַריער, זאָל ווערן פאַרגעסן און צעשלאָגן גראָד דאַן, בעת מע האָט געשטעלט פאַר דער געשיכטע אין דער גאַנצער שאַרפקייט די געבאָטן פון דער דאָזיקער תורה ? ווי האָט עס געקענט טרעפן, אַז שוין נאָך דער מלחמה, בעת ס'האָט אָנגעהייבן אומגיין איבער דער וועלט מיט אַזעלכע פעסטע טריט דער רויטער געשפּענסט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און בעת עס זיינען שוין גרייט געווען אירע וויכטיקסטע עקאָנאָמישע, טעכנישע און סאָציאַל-אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָראויסזעצונגען אין די אינדוסטריעלע לענדער, האָט זיך די רעוואָלוציע אָנגעשטויסן אַפן גרעסטן ווידערשטאַנד דווקא אין זיי, דווקא אין די מעכטיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס ? ניט נאָר מיר, וואָס זיינען פריי פון מאַרקסיסטישן היפּנאָז, נאָר אַפילו די גרעסערע מבינים פון די מאַרקסיסטן גיבן אַף די פראַגן אַ גאַנץ באַשטימטע תשובה : דאָס באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער איז ניט געשטאַנען אַף דער געהעריקער הויך. דערגייענדיק לויט דער ליניע פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג כמעט ביז די העכסטע פונקטן פון די אָביעקטיווע פאָראויסזעצונגען, זיינען די פּראָלעטאַריער פון מערב אָבער אַריין אין די פעסטע הענט פון דער קולטורעלער ירושה פון עבר, אין שטייג פון בורזשואַזן לעבנס-שטייגער, פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע. און היינט שטעלן זיי — אין געשטאַלט פון זייערע מעסיקע און עקסטרעמע ערלעכע זוכער — פאַר'ן אייראָפּעיִשן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט איין גרונט — אויפגאַבע : אויפוועקן, פאַרפעסטיקן און פאַרשטאַרקן דאָס אינדיווידועלע באַוואוסטזיין פון אַרבעטער *).

*) זע די ליטערטור פון די דייטשע לינקע קאָמוניסטן (K. A. P. D.) אין דער פראַגע. זיי האַלטן, אַז אַלע אָביעקטיווע פאָראויסזעצונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע זיינען שוין אין אַלגעמיין פאַראַן, און די הויפּט-אויפגאַבע פון זייער פאַרטיי איז דעריבער די „אַנטוויקלונג פון זעלבסט-באַוואוסטזיין" פון פּראָלעטאַריאַט. אין דעם „אָפענעם בריוו צו לענין", וואָס לייגט דעם יסוד פון זייער פּראָגראַם, דערווייזט גאָרטער, ווי ווייט דער מערב-אייראָפּעיִשער פּראָלעטאַריאַט (דייטשער, ענגלישער) געפינט זיך אין געפענקעניש בא דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע און אַף ווי ווייט וויכטיק עס איז פאַר דער אייראָפּעיִשער רעוואָלוציע צו רעוואָלוציאָנירן דאָס באַוואוסטזיין פון אַרבעטער. „מיר האָבן פאַר זיך דעם שרעקלעכןווירטשאַפטלעכן קריזיס, און קיין רעוואָלוציע איז אַלץ ניטאָ. עס דאַרף זיין בנמצא אויך אַן אַנדער סיבה וואָס ברענגט צו דער רעוואָלוציע און וואָס אָן איר איז די לעצטע ניט מעגלעך. דאָס איז — דאָס באַוואוסטזיין פון די מאַסן. „אַזוי ווי דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האַלט ניט, אַז אַפן ערשטן

דאָס הייסט — אויסטיילן פֿון די שווערע מאַסן פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַס דעם איינצעלנעם מענטשן און אָנווענדן דעם גאַנצן תּמצית פֿון דער סאָציאַליסטישער הערציאונג פּערזענלעך און דירעקט אַף אים. דאָס הייסט — פֿאַרבייטן די פּרימיטיווע באַאַרבעטונג פֿון די מאַסן מיט דער קולטורעלער אויפֿבויאונג פֿון דער מענטשלעכער נשמה. דער מאַרקסיסטישער פּרינציפּ אָבער, וואָס האָט זיך באַזירט נאָר אַפֿן פּרינציפּ פֿון קלאַסן־קאַמף, האָט ביז איצט ניט געזעהן אַזוי דייטליך אין זיין מעכטיקן שאָטן, ווי ווייט לעבנספּייאיק עס איז דער פּריערדיקער מענטש און ווי נויטיק עס איז איבערצואַנדערשן אים אַליין פֿאַרן נייעם לעבן. אַף דער אַרענע פֿון דער געשיכטע און אַף אירע וועגן האָבן פֿאַר׳ן מאַרקסיזם פֿיגורירט, זיך באַוועגט און צוזאַמענגעשטויסן ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר קאָלעקטיווע מענטשלעכע גופֿים, אַ מענטשלעכער המון וואָס פֿלעגט סטיכייאיש אויספֿירן די געבאָטן פֿון אירע אייזערנע געזעצן. דאָס זיינען געווען ניט קיין מאַסן, ניט קיין לעבעדיקע אָרגאַנישע פֿאַראייניקונגען פֿון איינצעלנע דענקענדיקע, ליידנדיקע און קעמפֿנדיקע מענטשן, נאָר המונות, מעכאַנישע צונויפֿבינדונגען פֿון מענטשן, וואָס זיינען נאָר אויסערלעך, ווי מיט אַ רייף אומגענומען מיטן קאָלעקטיוו־אומבאַוואוסטזיניקן באַוואוסטזיין. „דאָס קלאַסן באַוואוסטזיין" האָט מען טאַקע פֿאַרשטאַנען נאָר אַלס רעפֿלעקס פֿון מאַסן־לעבן פֿון קלאַס. און די אויפֿגאַבע פֿון קלאַס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דער אונטערשטופּונג פֿון די דאָזיקע מאַסן־באַוועגונגען פֿון גופֿים. אָבער אָן דער אַקטיווער און אינדיווידועלער איבערדערציאונג פֿון דעם מענטשן בלייבט ער פֿאַרשטייט זיך אין גאַנצן אין עבֿדות בײַ דער אַלטער טראַדיציאָנעלער דערציאונג. — דערפֿאַר טאַקע האָט דער מאָמענט פֿון דער מלחמה אַזוי בולט באַוויזן, ווי ווייט דער אַרבעטס־מענטש איז נאָך ניט צוגעגרייט צום סאָציאַליזם, ניט נאָר צו זיין דירעקטן אויפֿבוי, נאָר אַפֿילו צו די ערשטע הערטאָישע סאָציאַליסטישע טריט*). ווייל עס איז געווען אַ גרויסע קלאַסן־באַוועגונג, ס׳איז אָבער ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע פּערזענליכקייט**). דערפֿאַר זיינען טאַקע די אייראָפּייאישע רעוואָלוציעס ניט

פֿלאַן דאַרף אין מערבֿ־אייראָפּע שטיין די באַפֿרייאונג פֿון גייסט... פֿאַרזאַמלט ער אַרום זיך מאַסן, ניט פֿרעגנדיק, צי זיינען זיי טאַקע קאָמוניסטן... אַבי עס זיינען נאָר מאַסן".

*) אנשטאָט דעם איז געווען די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזער, און אַפֿילו פֿון דער מיטלאַלטערישער אידעאָלאָגיע: מלחמה, בראַווירונג מיט בלוטיקע מעשׂים, פֿאַראַכטונג און שׂנאה צו „פֿרעמדע".

**) דער מקור, די ציל און די מיטלען פֿון סאָציאַליסטישן קאַמף ליגן אָבער דווקא אין דער פּערזענלעכקייט. ווייל דער סאָציאַליזם ווערט געבוירן אַפֿ׳ן באָדן פֿון ליידן פֿון מענטשן; זיין ציל איז די אויפֿלעבונג

געווען בכח אַרויסצושטופן דעם דורכשניט־מענטשן אין סאָציאַליזם פון זיינע איינגעשטעלטע טראַדיציעס, פון די קייטן פון זיין בורזשואַזער מדינישקייט, בירגערליכקייט און ווירטשאַפטליכקייט, פון זיין שטייגערדיקער מאָראַל. דערפאַר האָט זיך אַף אַזאַ שרעקליכן אופן אַרויסגעוויזן אין דער רוסישער רעוואָליוציע — אין טעראָר — ווי ווייט עס זיינען מאָראַליש ניט צוגעגרייט די מאַרקסיסטן, וואָס האָבן זי גלייך געמאַכט מיט דער אַלטער, אוראַלטער מלחמה.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז ניט מעגלעך, אויב אירע טרעגער וועלן ניט איבערגעאַנדערשט פערזענלעך — אין דעם איז דער אמת. קאַליאַיעוו פלעגט זאָגן: „קודם־כל אַ רעוואָליוציע אין אונזער גייסט און דערנאָך אַרום אונז“. און דער טרייער מיטגליד פון דער פאַרטיי פון געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש, סאַזאָנאָוו, האָט אַזוי געשריבן צו זיין שוועסטער דעם 15־טן אַווגוסט 1909, מאַכנדיק אַ איבערבליק איבער זיין לעבן אַף קאַטאָרגע: „די ערשטע פאָדערונג, וואָס איך שטעל אַצינד פאַר איטלעכן, וואָס נעמט זיך פאַר דער אַרבעט, איז פאָלגנדיקע: פריער זאָלסטו איינאָרדנען זיך אַליין, אין זיך גופא, און דאַן ערשט נעם זיך פאַר דער איינאָרדנונג פון לעבן... איך האַלט, אַז די, וועמען מיר לערנען און רופן צו דער איינאָרדנונג פון לעבן, דאַרפן באַקומען פון אונז אַ גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע און ניט קיין צעפליקטע שטיקלעך. בײַ אַזאַ נייער איינשטעלונג דאַרף אונזער אַרבעט ווערן קאָמפּליצירטער, שווערער און לאַנגזאַמער, דערפאַר אָבער ווערט זי גרינגלעכער...“. „ס'פאַרשטייט זיך“ — איז ער מוסיף — „אַז אַזאַ אַרבעט, וועגן וועלכער איך טרוים, קאָן געפירט ווערן נאָר אונטער דער רויטער פאָן, ווייל אַלץ דאָס איבעריקע גיט ניט די פולקייט, הגם עס איז נויטיק“ *). די „נאַראָדניטשעסטוואָ“ איז מיט דעם מסכים אויך איצט. הגם זי זעהט די אויפבליאונג פון דער פערזענלעכקייט אין דער סביבה פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַרישקייט, און זי האַלט, אַז די קעגנזייטיקע דורכדרינגונג פון מענטשן און פון דער געזעלשאַפט איז איינער פון די הויפט תנאים פון מענטשליכן וואוקס — פונדעסטוועגן איז פאַר דער „נאַראָדניטשעסטוואָ“ די פערזענלעכקייט — דאָס ערשטע און דאָס וויכטיקסטע. פאַר איר באַשטייט דער אמת ניט אין דעם, וואָס דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטליכע חיה, נאָר אין דעם, אַז די געזעלשאַפט איז אַ פאַרבאַנד פון פערזענליכקייטן און דעריבער איז זייער דערציאונג — אַ רעאַלע אויפגאַבע, וואָס שטייט צוגלייך מיטן געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

פון אונטערדריקטן מענטשן; זיינע מיטלען — דער קאַמף פון דער זעלביקער פערזענלעכקייט, וואָס ווערט אינדיווידועל איבערגעאַרבעט און קאָלעקטיוו פאַרבונדן.

*) „Материалы для биографии Сазонова“ 1919

מיר זאָגן — „צופֿעליק“; אָבער אין וואָס פֿאַר אַ מאָס, און וועלכע פֿון די צוויי אויפֿגאַבן שטייט פֿריער? און וועלכע פֿון די צוויי דאַרף אָפּטרעטן, בעת מע מוזן האָבן די ברירה? אפֿשר פֿאַרשטעלן די צוויי מעטאָדן ערגיץ וואו דעם וועג איינער דעם צווייטן? מיר פֿילן, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון נייע לעבנספֿאַרמען האָט קיין שום צוועק ניט, אויב זיי ווערן קודם ניט דורכגעלאָזן דורך׳ן מענטשן. עס באַקומען זיך עפּעס ווי אויסגעצייכנטע בנינים אָן איינוואוינער, אָדער גאָר אָן פֿענסטער. פּונקט אַזוי אומזיניק איז אָבער אויך די אַרבעט איבער׳ן יחיד, וואָס לאָזט איבער אַזוי ווי עס איז די געזעלשאַפֿטלעכע וועלט מיטן גאַנצן גלאַנץ פֿון אירע געוואַלט־מעשים. אַזאַ פּראָצעס פֿון דערציאונג קאָן דויערן זייער לאַנג און ס׳איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי איז ער בכח אַרומצונעמען אַ גרויסע צאָל מענטשן דווקא בײַ די אַלטע געזעלשאַפֿטלעכע לעבנספֿאַרמען, אונטערן דרוק פֿון זיי און זייער „קולטור“. אויב די רעפֿאָרם פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג אָן דעם מענטשן איז בלינד, איז די רעפֿאָרם פֿון מענטשן אָן דער געזעלשאַפֿטלעכקייט שטום. וואָס איז וויכטיקער? די רעוואָלוציאָנירונג פֿון דעם מענטשן אָדער פֿון דער מענטשהייט, פֿון יחיד אָדער פֿון כּלל? וואָס קומט פֿריער: די פּערזענלעכע גרייטקייט פֿון יחיד אָדער דער קלאַסן־קאַמף פֿון די מאַסן?

דאָ איז אַ אַנטינאָמיע און ס׳איז פֿאַראַן נאָר איין תּשובֿה: בײַדע זײַנען נייטיק. אין איינער און דער זעלבער צײַט דאַרף דער סאָציאַליזם פֿירן אַ צווייאיקע פּראָפּאַגאַנדע: די פּראָפּאַגאַנדע פֿון קלאַסן־קאַמף (מיט אַ נ ד ע ר ע קלאַסן) און פֿון פּערזענלעכן קאַמף (פֿון מענטשן מיט זיך אַליין, מיט זײַן פֿריערדיקן אַלטן מהות) *). אַראָפּנעמענדיק פֿון דער היסטאָרישער סצענע די אַלטע דעקאָראַציעס און אַקטיאָרן, דאַרף דער סאָציאַליזם גלײַכצײַטיק אַרויסשטעלן אנשטאָט זיי נייע געזעלשאַפֿטלעכע דעקאָראַציעס און נייע טוער — קינסטלער **). מיר זײַנען אָבער ניט בכּח אָנצווײַזן די געגנזײַטיקע פֿאַרהעלטנישן פֿון די צוויי קאַמף־פֿאָרמען, זייער געגנזײַטיקע וויכטיקייט; הגם זיי האָבן בײַדע סוף־סוף די זעלבע צילן. דאָס פֿעלן פֿון וואָס פֿאַר אַ ניט איז סינטעז צווישן זיי ווײַזט זיך אַרויס שוין אין דעם, וואָס סאָציאַליסטן ק ע נ ע ן קיינמאָל זיך

---

*) מע דאַרף עס ניט צונויפֿמישן מיט דער א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר פּראָפּאַגאַנדע פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף, וואָס איז נאָר אַ טעכנישער מיטל פֿון דער ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט ל ע כ ע ר פּראָפּאַגאַנדע, מיר ריידן דאָ אָבער וועגן דער ווידערדערציאונג פֿון דער פּערזענלעכקייט.

**) דער סאָציאַליזם איז אַ אומגעהייער קאָמפּליצירטע, און אין דער זעלבער צײַט אַ אויסערגעוויינטלעך פּשוטע תּורה; ער איז קאָמפּליצירט, ווײַל ער וויל איבערבויען אַ גראַנדיעזע וועלט, ער איז אָבער פּשוט, אַף וויפֿיל ער ווענדעט זיך צו דער נ ש מ ה פֿון מענטשן.

ניט *אָפּזאָגן* פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אַפילו אויב זי קומט אַ לאַנגע צייט *פאַר* דער פערזענלעכער איבערדערציאונג פון מענטשן. יעמאָלט מוזן זיי דוחה זיין די דאָזיקע איבערדערציאונג צו דער תקופה, וואָס קומט *נאָך* דער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש, הגם זיי ווייסן, אַז זי וואָלט גאָר געדאַרפט זיין אַ נויטווענדיקע פאָראויסזעצונג פון דער איבערקערעניש. אונזער רעוואָלוציע האָט שמערצלעך אויפגעדעקט די דאָזיקע פראָבלעם.

ב) דער *קלאַסן־קאַמף* אַלס מיטל פון קאַמף, און די *אַלגעמיין־מענטשלעכע* סאָלידאַרישקייט, אַלס איר ציל — דאָס איז אַ צווייטע פאָר אַנטינאמע באַגריפן.

פון איין צד — איז פאַר'ן קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם אומבאַדינגט נויטיק די גרעסטע קאָנצענטרירונג פון די פיזישע באַמיאונגען (פערזענלעכע כחות) פון די אַרבעטנדע אין איין אָרגאַניזאַציע און אויך די גרעסטע קאָנצענטרירונג פון זייער באַוואוסטזיין און רצון אין איין ריכטונג. דער אַרבעטס־קלאַס קאָן ניט דערלאָזן קיין שום אויסגלייך מיט די קלאַסן־עקספלואַטאַטאָרן, קיין שום הסכם מיט זיי אַפילו אַ אומדירעקטן, ווייל אויב ניט — קאָן אָפגעשוואַכט, פאַרטיליקט ווערן זייער גאַנצע טיטאַנישע זאַך. אַזוי שטאַרק איז די אינערלעכע הערשאַפט פון דער בורזשואַזער קולטור און פון די אוראַלטע־אַטאַוויסטישע רגילות'ן אין דער נשמה פון אַרבעטס־מענטשן און אַזוי טיף ליגן אין איר די תנאים ניט נאָר פון אויפשטאַנד נאָר אויך פון זיין קנעכטשאַפט — אַז ער *מוז* צוליב זיין באַפרייאונג זיך אָפגרענצן פון יענע קלאַסן אין זיינע זעלבשטענדיקע פאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאַריינען. ער מוז זיך אָפגרענצן, צערייסנדיק אַף אַזאַ אופן דעם „אייניקן" שטאָף פון דער פאַלעבאַטיש־בורזשואַזער וועלט, און אַנשטאָט איר בלומערשטער האַרמאָניע אַנטפלעקן און פירן דעם רעאַלסטן *קאַמף* (זאָל זיין אַפילו אָן געוואַלט). די רעאַלע אַוועקשטעלונג פון קלאַסן־קאַמף — און בפרט נאָך אַז ער פאַרציט זיך אַף צענדליקער יאָרן און דורות — באַטייט אָבער פון דער אַנדער זייט עפעס נאָך אַנדערש: די *איינקלעמונג* פון דער נשמה פון די אַרבעטנדע, די *פאַרטונקלונג* פון דער גאַנצקייט פון איר רעגנבויגן. דער קלאַסן־קאַמף פירט זיך ניט נאָר קעגן סאָציאַלע אינסטיטוטן און קלאַסן־קאָלעקטיוון, נאָר ער אַנטפלעקט זיך פאַקטיש אויך אין קאַמף קעגן לעבעדיקע *מענטשן* פון די קעגנערישע קלאַסן, ניט נאָר אומפערזענלעכע — אָרגאַניזאַציע־אויפגאַבן פון סאָציאַלן קאַמף שטעלט ער אַפן סדר־היום, נאָר ער דעקט אויף אויך געוואַלטיקע מקורות פון אינדיווידועלע נעגאַטיווע געדאַנקען און געפילן: קנאה, שנאה און האַס. די אַנטקעגנשטעלונג פון קלאַסן פאַרטיפט מיט אַ פסיכאָלאָגישער קראַפט די דרעמלענדיקע צעברעקלטקייט פון מענטשן; דער באַוואוסטזיניקער קלאַסן־קאַמף פאַרוואַנדלט די דאָזיקע

דרעמלענדיקע חיישע נאַטור אין אַ לאָגיש=באַגרינדעטן אמת. און אויב דער
קלאַסן=קאַמף באַטייט אַ סאָציאַלן ריס אין דעם „אייניק” געזעלשאַפטלעכן אָר=
גאַניזם, ברענגען אָבער אַריין די איבערלעבונגען פון קלאַסן=קאַמף עפּעס אַ ריס
אין דער נשמה פון זייניע טרעגער. ווייל פאַר זיי ווערט צעשפּאַלטן ניט נאָר
די געזעלשאַפט, נאָר אויך דער עצם באַגריף פון מ ע נ ט ש ן. עס הייבן אָן
אונטערצוגייען אין סאָציאַליזם אַכטונג און ליבע צום מענטשן. דער סאָציאַ=
ליזם איז דאָך אָבער דווקא דער קאַמף פאַר'ן מענטשן, די שטרעבונג צו פאַר=
בייטן די קלאַסן=געזעלשאַפט מיט דער אַלגעמיין=מענטשלעכער.

דער מאַרקסיזם האָט די דאָזיקע פּראָבלעם ניט געפילט. פאַר אים איז
דער קלאַסן=קאַמף געווען ניט קיין פריי=אויסגעווילטער קאַמף=מיטל, נאָר אַ אומ=
פאַרמיידלעכער סטיכייאישער היסטאָרישער געזעץ. לויט זיין מיינונג, וועט דאָס
סאָציאַלע פעלד, אַ גערייניקטע דורך דעם קאַמף, שאַפן נאָך דער דערגרייכונג
פון סאָציאַליזם די גרונט=הנחות פאַרן נייעם אַלמענטשלעכן לעבן און פאַר דער
נייער מאָראַל. אין דער תקופה פאַרן נצחון איז אָבער באַ איטלעכן פון די
קעמפענדיקע צדדים מעגלעך נאָר אַ ק ל אַ ס ן = ע ט י ק. און אין לאַגער פון
די אַרבעטענדע שאַפט דער געמיינזאַמער קאַמף געמיינזאַמע מאָראַלישע איבער=
לעבונגען און דערהייבענע נשמה=פאָדערונגען. אַז ס'וועט קומען די צייט, וועט
אָבער די דאָזיקע קלאַסן=עטיק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מענטשלעכע. — מיט
דעם קענען מיר ניט מסכים זיין. לויט זיין גרינטלעכן פּסיכאָלאָגישן אינהאַלט,
האָט דער קלאַסן=קאַמף אין זיך עלעמענטן, וואָס זיינען פיינדליך צו דער עטיק
ניט נאָר בנוגע צו די פרעמדע קלאַסן, נאָר אָפטמאָלס אויך בנוגע צום אייגענעם
קלאַס. דער קלאַסן=קאַמף, כשהוא לעצמו, שאַפט אַפילו ניט קיין גאַנצע און
טיפע קלאַסן=מאָראַל *). אַנדערש קאָן מען האַלטן נאָר אַז מע פאַרשטייט
ריין מעכאַניש דאָס מענטשלעכע לעבן. אין דער אמתן אָבער איז דער קלאַסן=
קאַמף ניט מער ווי אַ באָדן און אַ שטיץ=פונקט פאַר די קלאַסן=עטיק; אויך זי
אָבער דאַרף אַקטיוו אַריינגעבראַכט ווערן אין אים פון א ו י ס נ ו ו י י נ י ק, זי
דאַרף אים שעפּעריש פון אויסנווייניק באַגייסטערן. און אויך אַזאַ עטיק איז ניט
סתם אַ רעפלעקס פון סאָציאַלן קאַמף אין באַוואוסטזיין, נאָר זי דאַרף ווערן
סינטעזירט מיט אים עפּעס אין אַ אַקטיוון גייסטיקן פּראָצעס. זי פליסט ניט
אַרויס נאַטירליך און אומבאַמערקט ווי אַ באַרג=שטראָם פון די פעלזן=שטיינער,
נאָר זי דאַרף אויסגעשלאָגן ווערן מיט די באַמיאונגען פון רצון, ווי מיט משה'ס

*) איך האַלט פאַר מעגליך דעם באַגריף פון ק ל אַ ס ן=מאָראַל נאָר בנוגע
צו די עטישע באַציאונגען אין דעם קלאַס גופא; בנוגע צום קאַמף מיט אַ נ=
ד ע ר ע קלאַסן איז אָבער ניט שייך צו ריידן וועגן מאָראַל, עס קאָן זיין אַ
רייד נאָר וועגן דער קלאַסן=צוועקמעסיקייט.

שטעקן, פון דעם שטיין פון קלאַסן־קאַמף. און אויב דאָס איז געריעדט געוואָרן וועגן ק ל אַ ס ן־עטיק, וואָס האָט אין זיך בערך עלעמענטאַרע גייסטיקע מאָטיוון — טאָ ווי זשע קאָן עס געמאָלט זיין, אַז זי וועט ווען ניט איז פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אַ ל ג ע מ י י ן מ ע נ ט ש ל ע כ ע מאָראַל? ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז אַ דור, וואָס וועט קומען צום סאָציאַליזם מיט דער שווערער משא פון דער ריינער קלאַסן־אידעאָלאָגיע, זאָל זיין בכח גיך צו אַנטוויקלען זיינע העכסטע מאָראַלישע יסודות? דעריבער דאַרף און מוז דער סאָציאַליזם שוין אין דער תקופה פון קאַמף כסדר אָנזאַפּן די סטיכיע פון קלאַסן־קאַמף מיט שטענדיקע עלעמענטן פון דער אַלמענטשלעכער מאָראַל. ווי שווער דאָס איז אָבער! — אין דעם איז די אַנטינאָמיע.

מיר מוזן טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך בכדי אָפּצוהיטן די אידעאַלן פון דער מענטשלעכקייט אין דער אַנטוויקלונג פון מעטאָד פון קלאַסן־קאַמף.ביידע פּאָליוסן פון דער אַנטינאָמיע דאַרפן גלייכצייטיק עקזיסטירן אין באַוואוסטזיין פון די טרעגער פון קאַמף. כסדר דאַרפן מיר דערמאָנען די קעמפער, אַז ניט צוליב׳ן קלאַס פירט זיך דער קאַמף, נאָר צוליב דער גאַנצער מ ע נ ט ש ה י י ט, און ניט אַף איין רגע דאַרפן זיי ניט פאַרלירן די פאָרשטעלונג וועגן איר. זייענדיק געווענדעט קעגן די פאַרהאַסטע סאָציאַלע אינסטיטוטן און ירושות, שטרעבט דער קלאַסן־קאַמף אין דער זעלבער צייט צו שאַנעווען די מ ע נ ט ש ן, די טרעגער פון די דאָזיקע אינסטיטוטן. נאָך מער: אין תוך גענומען ליגט אין דעם דאָזיקן קאַמף קעגן אינסטיטוטן די שטרעבונג צו ר אַ ט ע וו ע ן מענטשן פון קעגנערישן קלאַסן־לאַגער. אָט דאָ ליגט טאַקע דער טיפער זין פון קאַמף פון סאָציאַליזם „לשם דער מענטשהייט“. ווייטער: דער קאַמף ווערט געפירט לשם דעם ענדלעכן גרויסן געזעלשאַפטלעכן נצחון; די טיפערע פאַרשטייעניש פון קאַמף זאָגט אונז אָבער אַז פאַר יעדן איינצעלנעם קעמפער באַשטייט איר באַטייט, ניט אין דעם פאַקט פון צוקונפטיקן נצחון (אָדער פון איינצעלנע נצחונות אַפן וועג), נאָר אין פּראָצעס פון זיין מ ס י ר ת־נ פ ש לשם די אַנדערע. און נאָך מער: דער קלאַסן־קאַמף ווערט באַגייסטערט דוקא דורך דעם, וואָס ער שאַפט פאַר׳ן קעמפער באַוואוסטזיניק אַ ג י י ס ט י ק ע און נשמה־מחיצה פון דער גאַנצער אַלטער וועלט, וואָס ער שאַפט דעם אינערלעכן שטענדיקן און אינטימעם קריג מיט איר. — ער ווערט פאַראיידעלט אַ דאַנק דעם, וואָס אפילו אין די ט י פ ע נ י ש ן פון דער אַלטער וועלט איז אַף זיין באָדן מעגלעך דער אויפבוי פון דער נייער מענטשלעכער וועלט. די אויפגאַבע קאָן באַשטיין ניט אַזוי אין דעם, מע זאָל זיך אָפּשטייסן מיט שנאה פון די, וואָס גייען פון דער געשיכטע אַוועק, ווי פיל מער אין דעם, אַז מיט שמחה און ליבע זאָלן געשאַפן ווערן די נייע שפּראָצונגען צווישן די, וואָס קומען ערשט אין

דער געשיכטע. דער אַרבעטער=קלאַס איז פּאָטענציעל — די גאַנצע צוקונפטיקע געזעלשאַפט. שוין איצט אָבער קאָן ער טראָגן אויף זיך די אָפּשייַנען פון די קומענדיקע מאָרגן=שטראַלן. איבערדערציענדיק זיך און זייַנע קינדער, בויט ער שוין איצט לכתחילה אַ נייַע וועלט פון מענטשן, אַף וועלכע עס רוט שוין פון אָנהייב אָן די נייַע ברכה פון מענטשלעכקייט און ליבע. אין דעם וועט שוין באַשטיין דעמאָלט אויך דער פּאָזיטיווער זין פון די באַגריפן פון קלאַסן=באַוואוסטזיין און קלאַסן=סאָלידאַרישקייט. פונאַנדערשפּאַרן פון אינעווייניק די אַלטע וועלט פון געוואַלט און שלעכטס און אַרייַנציען אין איר אַלץ מער נייַע מענטשן — אַזוי ווערט געשטעלט די אויפגאַבע פון דעם נייַעם מ אָ ר אַ ל י ש ן אָ ר ד ע ן, וואָס קומט מיט דער בשורה פון עתיד.

אַזוי ווערט געשטעלט די אויפגאַבע! — אין דער זעלבער צייַט אָבער גיבן די באַדערפעענישן פון קאַמף גאַנץ אַנדערע שפּראָצונגען. אין דעם באַשטייט די צווייטע אַנטינאָמיע פון סאָציאַליזם, וואָס איז באַזונדערס בולט אויפגעדעקט געוואָרן דורך אונזער רעוואָלוציע.

ג) איינע פון די סאַמע אָפּטע און טראַגישע אַנטינאָמיעס אין לעבן בכלל — דאָס איז דער ניגוד צווישן מ י ט ל ע ן און צ י ל, צווישן וועגן און אידעאַל. מיר האָבן שוין געזוי באַהאַנדלט דעם באַזונדערן טראַגיזם פון דער דאָזיקער סתירה אויבן, בעת מיר זייַנען געווען געצוואונגען אַנטקעגנשטעלן די מענטשלעכע נאַטור פון סאָציאַליזם דעם קעגן=מענטשלעכן כאַראַקטער פון איטליכער ג ע וו אַ ל ט. אַף וויפיל דער מאַרקסיזם האָט באַטראַכט די עצם „מיטלען" פון דער רעוואָלוציע נאָר ווי היסטאָריש=אומפאַרמיידלעכע און סטיכייאישע רייַען פון סיבות, אַף אַזוי פיל האָט ער פון דער דאָזיקער פּראָבלעם בכלל ניט געוואוסט. דערפאַר. איז פאַר אים אויך קיינמאָל ניט געווען קיין פראַגע וועגן דער ט ר אַ ג ע ד י ע פון סאָציאַליזם, וועגן דעם מאָראַליש=קרענקלעכן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע. די „נאַראָדניטשעסטוואָ" אָבער, וואָס באַזירט זיך אַף דער פרייַ=געשטעלטער מענטשלעכער ציל, וואָס פאַרקערפּערט דעם עצם קאַמף פאַר די צילן אין דעם פרייַ=האַנדלענדיקן מענטשן, — זעט נאַטירליך די סתירה'דיקע נאַטור פון דעם קאַמף. די גרעסטע באַרעכטיקונג פון דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער וועלטאנשויאונג באַשטייט טאַקע אין דעם ב אַ וו אוּ ס ט ז י י ן פון חטא, וואָס איז אין איר פאַרבאָרגן. און אין דעם זין קאָן מען זאָגן (לויט מיכיילאָווסקע'ס טערמינאָלאָגיע), אַז דער מאַרקסיזם גיט אפשר די פאָרשטעלונג וועגן דער העכסטער (אין עקאָנאָמישן זין) מ ד ר ג ה פון דער געזעלשאַפט, פון דער מאָראַליש=אַלטער געזעלשאַפט, אָבער ניט וועגן דעם העכסטן ט י פּ פון אַ נייַער געזעלשאַפט מיט אַ נייַעם טיפּ מענטשן. — מיר האָבן שוין געזעהן אויבן, און מיר חזר'ן דאָ נאָך אַמאָל איבער, אַז עס איז ניטאָ

קיין אויסוועג, וואָס זאָל ברענגען צו אַ הסכם צווישן דער ציל און די וועגן פֿון געוואַלט, עס איז נאָר פֿאַראַן די נויטיקייט צו היטן אין רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין דעם געפֿיל פֿון זייער *גלייכצייטיקן* קיום. מיט דער גאַנצער באַוועגונג און מיט איטלעכן טראָט אירן באַזונדער דאַרף מיטגיין דאָס באַוואוסטזיין פֿון ציל און די אָריענטירונג אַף איר.

ס'איז אָבער פֿאַראַן נאָך אַ געגנזאַץ אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער מענטשלעכער באַפֿרייאונג: דאָס איז די סתירה צווישן דער שטרעבונג פֿון מענטשן צו *פֿרייהייט*, צו אַבסאָליוטער פֿרייהייט פֿון זיין פּערזענלעכקייט, און דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אַ מענטשלעכע געזעלשאַפֿט, וואָס שאַפֿט די *מאַכט*. אין דער איבערגאַנג־תקופֿה צום סאָציאַליזם זעהן די אַרבעטנדע נאָר איין ציל פֿאַר זיך: אַראָפּוואַרפֿן די הערשאַפֿט פֿון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע עקספּלואַטאַטאָרן. אין דער איבערגאַנג־תקופֿה דאַכט זיך אויס, אַז די שאַפֿונג פֿון פֿרייע פֿאָרמען פֿון דער פּאָליטישער מאַכט און פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער אָרדנונג שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם וויכטיקסטן וועג צו איינער פֿון די העכסטע מענטשלעכע צילן — צו זיין פֿרייהייט. אָבער שוין אין דער תקופֿה גופֿא, און פֿיל שטאַרקער נאָך איר, הייבן אָן די באַפֿרייטע מענטשן צו פֿאַרשטיין און צו פֿילן, אַז אַפֿילו אין די פֿרייסטע פֿאָרמען פֿון זייער געזעלשאַפֿטלעך־אָרגאַניזירטן לעבן איז פֿאַרבאָרגן אַ עלעמענט פֿון געוואַלט־מאַכט. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק אַרבעט אויס די סאַמע יושר'דיקע און גערעכטע פֿאָרמען פֿון דער אָרגאַניזירונג פֿון דער מאַכט, ער שטרעבט זיי צו דערפֿירן צום מינימום, צו דערנענטערן אַף אַ מאַקסימאַלן אופֿן די מאַכט — די אַנטפּלעקונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן רצון — צו אירע טרעגער, דעם מענטשן. די דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, די טעריטאָריאַלע דעצענטראַליזירונג פֿון אירע פֿונקציעס, די פֿאַרטיילונג פֿון די דאָזיקע פֿונקציעס צווישן זעלבשטענדיקע אָרגאַנען פֿון דער געזעלשאַפֿט („אויסלאַדונג פֿון דער מלוכה“) און צום סוף די איבערגעבונג פֿון אַלץ מער און מער פֿונקציעס צו די אַנאַרכיסטישע אָפּמאַך־פֿאַראייניגן — דאָס אַלץ זיינען אַנטשיידנדיקע וועגן, בכדי אַרויסצורייסן די גיפֿטיקע ציין בא דער חיה פֿון הערשאַפֿט פֿון איין מענטשן איבערן צווייטן. ניט קוקנדיק אַף דעם אַלעמען, בלייבן אָבער די עלעמענטן פֿון מאַכט מיטן גאַנצן כח אין די נקבים פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט און קעמפֿן קעגן איר אַנאַרכיזירונג. די דאָזיקע עלעמענטן וועלן ציען זייער יניקה פֿון *צוויי* מקורות: פֿון דער עצם אָרדנונג פֿון אונזער ציוויליזאַציע און פֿון די אינטימע פֿאָרמען פֿון מענטשלעכע קעגנזייטיקע באַציאונגען *). די

*) גענויער וועגן דעם — אין מיין אַרטיקל: „Место анархизма в левом народничестве“ אין זאַמלבוך צום אָנדענקען פֿון קראָפּאָטקין, מאָסקווע, 1922.

ציוויליזאַציע פֿון דעם הײַנטיקן קולטורעלן מענטשן און זײַן פֿאָרשטעלונג וועגן איר עתיד באַזירן זיך אײַנגאַנצן אַף דער אידעע פֿון אויסנוצונג פֿון דער *גרויסער מאַשינען־פֿאַבריק*־ווירטשאַפֿט. גראַד פֿאַר אַזאַ ווירטשאַפֿט איז אָבער נויטיק אַ גראַנדיעזע, אומגעהויער ברייט פֿאַרצווײַגטע סיסטעם פֿון פֿאָלקס־ווירטשאַפֿטלעכע, נאַציאָנעלע און אינטערנאַציאָנאַלע קעגנזײַטיקע אָפּהענגיקייטן. אַפֿילו בײַ דער גרעסטער סאָציאַלער גלײַכהייט שאַפֿט דער טעכנישער פּראָצעס פֿון מאַשינען־פּראָדוקציע אַ צווייִנדיקע קאַסטע אין דער פֿאַבריק גופֿא, פֿון פֿאַרוואַלטער און אונטערטעניקע. „אין אַ גרויסער פּראָדוקציע — זאָגט קאַוטסקי אין זײַן לעצטער אַרבעט *) — קאָן דער אַרבעטער זײַן ניט מער ווי אַ רעדעלע אין אַ גרויסן מעכאַניזם, אָדער ריכטיקער — נאָר אַ איינצעלנער אָרגאַן פֿון אַ גרויסן אָרגאַניזם“. די פֿאַבריק איז אין איר אינערלעכן לעבן אַ מין *מלוכה*. און אַ פֿאַבריק, וואָס ווערט אײַנגעשלאָסן אין דער פֿאַרוויקלטסטער נעץ פֿון גרויסע טעריטאָריעס און דעם גרויסן סחורה־אומטויש, שאַפֿט אויך *מחוץ* פֿון אירע ווענט אַ ביוראָקראַטיע מיט מאַכט, אַ הערשערישע געזעלשאַפֿט.

אַחוץ דעם מקור איז פֿאַראַן נאָך אַ צווייטער מקור. אין דער גרעסטער אפֿשר אַפֿילו איבערוויגנדיקער צאָל פֿון פּערזענלעכע קעגנזײַטיקע באַציאונגען שטייען די מענטשן איינער צום צווייטן אין דער פֿאַרהעלטעניש פֿון מאַכט און הכנעה. די באַציאונגען, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט אַן אַרצט, אַ גייסטלעכן, אַ שופֿט, מיט פֿרײַנדשאַפֿט אָדער ליבע, מיט אידייאישער הדרת־כּבֿוד אָדער גייסטיקער גרויסקייט זײַנען אומגענומען ניט מיט דער ממשות׳דיקער און פֿיזישער מאַכט פֿון אַדמיניסטראַטאָר אָדער באַלעבאָס, נאָר מיט דער דינער אַטמאָספֿער פֿון פּסיכאָלאָגישער הערשאַפֿט און הכנעה. דאָרטן, וואו איינער פֿון צווייען קוקט פֿון אויבן אַראָפּ און דער אַנדערער פֿון אונטן אַרויף — איז שוין פֿאַראַן מאַכט. בעת די דאָזיקע באַציאונגען זײַנען פֿאַרמאַסקירט דורך אידעלע נשמה־באַוועגונגען, ווערן זיי אַף אַ לאַנגע צײַט אומבאַמערקבאַר פֿאַרן באַוואוסטזײַן און אָפּטמאָלס זייער געוואונטשן פֿאַר די מענטשן **). פֿון די אָ אינטימע מאָמענטן פֿון שטייגער לעבן און פֿון דער שטיצע פֿון אונזער ציוויליזאַציע — דער פֿאַבריק — ציט אָבער איר הויפּט יניקה די *מאַכט*, וואָס נעמט אַרום אַפֿילו די סאַמע פֿרייע (אין סאָציאַלן זין) מענטשלעכע געזעלשאַפֿטן. להבדיל פֿון די פֿריערדיקע סתירות, האַלטן מיר אָבער, אַז דעם אָ קעגנזאַץ צווישן פֿרײַהייט און מאַכט קאָן מען גובר זײַן. וואָס מער דער מענטש וועט אים באַגרײַפֿן,

---

*) Von der Demokratie zur Staatssklaverei. 1921

**) אַזוי ווי קנעכט, וואָס האָבן ניט געוואָלט קיין באַפֿרײַאונג, ווײַל זיי האָבן זיך צונויפֿגעוואַקסן מיט „פּאַטריאַרכאַלן“ לעבן און האָבן ניט געוואָלט פֿאַרלירן די זיסקייט פֿון אַלטן לעבנס־שטייגער.

וואָס מער ער וועט אַרייַנדרינגען אין זייַנע חדרי־חדרים — אַלץ לייכטער וועט אים זיין די סתירה צו באַהערשן. אין זייער ריינער און טראַגישער פֿאָרם זייַנען די אַנטינאָמיעס כאַראַקטעריסטיש נאָר פֿאַר דער תקופֿה פֿון קאַמף פֿאַר'ן סאָציאַליזם, בעת די הויכע ווענט פֿון גענוואַלט און שלעכטס דריקן אַף די וועגן און מעטאָדן פֿון דער מענטשלעכער באַוועגונג צו פֿרייהייט. נאָכדעם, ווי די ווענט וועלן פֿאַלן, וועלן נאָך זיין סתירות, ס'וועלן אָבער ניט זיין מער קיין אַנטינאָמיעס.

דורך דער פּראָבלעם פֿון מאַכט זייַנען מיר אַריין אין דער תקופֿה פֿון פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם. די עטיק פֿון סאָציאַליזם דאַרף ניט נאָר פֿאַרטיפֿן זיך אין זייַנע אַנטינאָמיעס, — זי דאַרף נאָך אויפֿטאָן מער, זי דאַרף ממש שאַפֿן אַ נייע קאָפּערניקוס־יצירה. זי דאַרף דורכטראַכטן, פֿאָראויסזעהן און אָנמערקן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט אַ קאָנקרעטע מאָראַלישע סיסטעם פֿון אידעען און נאָרמען. אונזער דור דאַרף שוין פֿאָרויספֿילן ניט נאָר איר אַלגעמיינע ריין־פֿאָרמעלע פּרינציפּן, נאָר דוקא די מאַטעריעל־דורכגעאַרבעטע סיסטעם, וואָס איר גייסט וועט שוין דורך דעם אַליין אַרייַנדרינגען אין דער גאַנצער תקופֿה, פֿון פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אידעאַל. דאָ רעדט זיך שוין ניט נאָר וועגן דער שטראַלנדיקער אידעע פֿון פֿרייהייט, פֿון באַפֿרייאונג פֿון אויסערלעכער און אינערלעכער קנעכטשאַפֿט (אין וועלכע מיר זעהן איין די איידעלע אַנאַרכישע יסודות פֿון רעוואָליוציע און סאָציאַליזם). דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז צוגלייך מיט דער דאָזיקער נעגאַטיווער אידעע זאָלן אויך אָנגעמערקט ווערן די פּאָזיטיווע מאָמענטן פֿון דער אויפֿפֿירונג פֿון מענטשן בנוגע צו זיך און צו אַנדערע. אויב דער מאַרקסיזם האָט געזוכט צו דערווייזן אַף זיין שטייגער די עקאָנאָמישע אָבליגאַטאָרישקייט פֿון סאָציאַליזם, מוז מען אַצינד זוכן און געפֿינען זיין מאָראַלישע איבערצייגנדיקייט *), ד. ה. ווייזן ניט נאָר דעםווירטשאַפֿטלעכן, נאָר אויך דעם מאָראַלישן סדר־העולם, וואָס ער ברענגט מיט זיך. אָט די קאָנקרעטע עטיק דאַרף נעמען אין באַטראַכט אַלע סטרונעס פֿון מענטשלעכן וועזן, אַלע זייַנע מעלות און חסרונות; איר אינהאַלט דאַרף באַשטיין אין דער אויספֿאָרשונג און פֿעסטשטעלונג פֿון די סאָציאַליסטישע גוטע און שלעכטע מדות. אַלע ספֿערן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן און פּערזענלעכן לעבן דאַרף זי טיף אַרומנעמען. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז אין אידעאַל פֿון סאָציאַליזם איז פֿאַר'ן מענטשן פֿאַרקערפֿערט אַ צווייערלייאיקע טיפֿע שטרעבונג: די שטרעבונג צום אחור

---

*) ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט שייך צו אַ מין מאַטעמאַטישער איבערצייגונג; מען קאָן דאָ איבערצייגן נאָר אַ אָפֿענע האַרץ און אַ פֿרייעם באַוואוסטזיין.

מיט מענטשן און צום יחוד פֿון זיי, (ד. ה. צום אחוד מיט זיך אַליין און מיט דער נאַטור). און וויפֿיל די דאָזיקע צוויי שטרעבונגען זאָלן זיך ניט איבערפֿלעכטן אין דער ווירקלעכקייט — פֿונדעסטוועגן לעבן זיי שטענדיק באַזונדער אין דעם מענטשלעכן גייסט. מיר האַלטן ניט, אַז זייער עקזיסטענץ איז אַנטינאָמיש, ווייל מיר ווייסן, אַז נאָכן חורבן פֿון די אַלטע וועלט איז דאָ מעגלעך אַ האַרמאָניע (דאָס רוב און אין די הויפּט־ליניען). ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אינהאַלט פֿון דער דאָזיקער האַרמאָניע (סיי אין דעם מענטשן׳ס נשמה, סיי אין איר פּראָעקציע כּלפּי חוץ, אַף די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען) וועט ניט בלייבן איינער און דער זעלבער אין משך פֿון דורות. אויב די גאַנצע צוקונפֿטיקע קולטור פֿון מענטשן וועט זיין דינאַמיש, הייסט עס, אַז דאָס זעלבע וועט זיין אויך בנוגע צו דער נאַטור פֿון דער דאָזיקער האַרמאָניע. „איך“ און „דו“ וועלן כּסדר געבוירן אַנ׳אַנדער „מיר“; פֿילפֿאַרביק און פֿאַרשיידנאַרטיק וועלן זיין די מקורות און פֿאָרמען פֿון דער געבורט; זי וועט אָבער זיין שטענדיק.

מיר חזר׳ן נאָך אַמאָל איבער, אַז די סאָציאַליסטישע עטיק דאַרף געבן די תורה און דעם פּרעדיגט פֿון סאָציאַליסטישע גוטע מדות. זייער אָרט און קיום וועט זיין אָפּהענגיק פֿון די צוויי גרונט־סטיכיען פֿון פֿרייעם מענטשן — פֿון זיין רצון צום אחוד און צום יחוד. דאָס געפֿיל פֿון פּערזענלעכער ווירדע, פֿעסטקייט פֿון אייגענעם גייסט און קאַמף פֿאַר אים, פֿרייהייט פֿון נשמה־בליאונג, מוט און דרייסטקייט, ערלעכקייט בנוגע צו זיך אַליין, פֿאַרבינדונג מיט דער נאַטור און נאָך אַנדערע זייטן פֿון דער נשמה, נעמען, למשל, אַרום דעם צד פֿון מענטשלעכן „יחוד“. רעכט אַף איינזאַמקייט, רעכט אַף זעלבסטשויץ און רעכט אַף׳ן אויפֿשטאַנד, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דאָס זיין פֿון דער פּערזענלעכקייט אַלס אַזעלכער (אין איר אָפּגרענצונג פֿון דער געזעלשאַפֿט) — גייען אַריין אין דער דאָזיקער ספֿערע. געפֿילן פֿון פֿריינדשאַפֿט צו מענטשן, אויפֿריכטיקייט צו די אַלגעמיינע אינטערעסן, מסירת־נפֿש, דרך־ארץ צום כּבוד פֿון צווייטן און נאָך און נאָך אַנדערע זייטן פֿון דער נשמה נעמען אום דעם צד פֿון מענטשלעכן „אחוד“. און די סאָציאַליסטישע עטיק פֿאָרשט אויס און מערקט אָן די אַלע גוטע מדות אָדער אַנדערע (דאָס איז אַליץ איינס!) ניט ווי אַבסטראַקטע סכעמעס, ווייל דעמאָלט וואָלטן זיי געוואָרן געגליכן צו די אומפּערזענלעכע און טויטע קירכלעכע און פֿילאָזאָפֿישע סכעמעס. זי דאַרף זיי אָנמערקן דווקא אין דער פֿאַרבינדונג מיט די סאַמע קאָנקרעטע פֿלענער פֿון סאָציאַליסטישער ווירטשאַפֿט, געזעלשאַפֿט און לעבנסשטייגער. און פֿאַרויסזעענדיק די דינאַמישע נאַטור פֿון די פֿאָרמען, וועט זי אויך אירע עטישע נאָרמען פֿאַרשטעלן אין דינאַמישע קאָנטורן. — און יעמאָלט וועלן מיר אויך פֿאַר׳ן סאָציאַליזם שוין זיין אין יענעם ליכטיקן נשמה־צו=

שטאַנד, וועלכן מיר וואָלטן פילן שטייענדיק אונטער די געוועלבן פון סאָציאַליס־טישן היכל, וואָס דערהויבן זיך הויך, צו די ווייטע בלויע הימלען.

ביז איצט איז די מאָראַלישע זייט פון דער רעוואָלוציע און פון סאָציאַליזם געווען אין שאָטן. אַצינד דאַרף עס אין שורש אומגעביטן ווערן. די רעוואָלוציע, די גרויסאַרטיקע דערשיינונג פון דער געשיכטע, דער שטורמישער וויכער פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן (אַזוי ווי דער סאָציאַליזם) — דאַרף ווערן אַן אָביעקט פון מאָראַלישער אויספאָרשונג און הסכמה. די רעוואָלוציע דאַרף ווערן פאַר׳ן רעוואָלוציאָנער אַ סדר פון געשעענישן און איבערלעבונגען, וואָס גייען דורך דורך׳ן פייער פון ע ט י ש ן באַוואוסטזיין. ווייל נאָר אַ מאָראַלישער פאַנציר קאָן פאַרבינדן און פאַרפעסטיקן די רעוואָלוציע אינגאַנצן.

אין דער אָ זוכעניש פון מאָראַלישע סאַנקציעס איז קיין שום סתירה ניטאָ צום גייסט פון דער רעוואָלוציע בכלל. די פערזענליכקייט, דער רעוואָלו־ציאָנער, דער מענטש פון בונט גיט זיך ניט אונטער דער נ אַ ט י ר ל ע כ ע ר נויטווענדיקייט: ער פאַסט איר צו זיך צו, אָדער ער באַזיגט איר. ער גיט זיך אָבער באַוואוסטזיניק אונטער דער ע ט י ש ע ר נויטווענדיקייט. ער בונטעוועט שטענדיק קעגן די געזעצן פון דער געשיכטע און נאַטור, אָבער קיינמאָל ניט קעגן געזעצן פון מאָראַל. דאָרטן איז ער אַ האַר, בעת ער זיגט. דאָ אָבער — בעת ער גיט זיך אונטער זיין אייגענעם, פריי־אָנערקענטן מאָראַלישן געזעץ. דער סאָציאַליזם איז — מ אָ ר אַ ל י ש ע ר אַ ק ט י װ י ז ם.

ווייל דער סאָציאַליזם וועט באַפרייען דעם מענטשן, נאָר אַלס מאָראַלישע באַוועגונג, אָדער ער וועט אים בכלל ניט באַפרייען.

נאָכוואָרט

מיט אַ גרויסן אחריות-געפיל גיב איך איצט אָפּ צום משפט פון די אַר-בעטענדע דאָס בוך, וואָס כ'האָב געשריבן אין די סאַמע פאַרשיידנסטע און שווערסטע לעבנס-באַדינגונגען אין משך פון 3 יאָר פון אונזער רעוואָליוציע (פון 1919 יאָר אָן). די אחריות שטאַמט דערפון, וואָס די גאַנצע צייט זיינען פאַר מיר געשטאַנען צוויי פראַגן, וואָס איך האָב זיי פאַר זיך פערזענלעך מיט דער דאָזיקער אַרבעט פאַרענטפערט, וואָס וועלן זיך אָבער געוויס שטעלן פאַרן באַוואוסטזיין פון איטלעכן לייענער. די ערשטע פראַגע: צי האָט מען בכלל געדאַרפט שטעלן אַצינד פאַר אונז די דאָזיקע פּראָבלעם? און די צווייטע: צי האָט מיין אַרט אַוועקשטעלונג פון דער פראַגע געגעבן וואָס פאַר אַ גיט איז פרות?

צי האָט מען בכלל געדאַרפט שטעלן די טעמע פון געוואַלט אין דער תקופה פון דער נאָך ניט פאַרענדיקטער רעוואָליוציע? אפשר וועט די דאָזיקע איבערשאַצונג פון דעם וויכטיקסטן רעוואָליוציאָנערן ווערט אַריינברייגנגען אַ טומל אין די מוחות פון די אַרבעטענדע און קעמפער, אפשר וועט זי וייך מאַכן דעם האַרטן מעטאַל פון רעוואָליוציאָנערער וועלטאָנשויאונג? אפשר קאָן פון אַזעלכע מחשבות וועגן געוואַלט פאַרזשאַווערט און אויסגעגעסן ווערן פון אינווייניק דער העלדישער כח פון אנגריף-דראַנג? — איך ענטפער אף דעם אָן שום ספקות: כסדר מוז די פּראָבלעם פון געוואַלט שטיין פאַרן באַוואוסטזיין פון רעוואָליוציאָנער. ערשט דאַן בעת ער שטעלט איר פאַר זיך און איז איר אין דער אָדער יענער פאָרם גובר, איז ער ווערט דעם נאָמען פון אַ רעוואָליוציאָנער. איינער פון די אָנגעזעהנסטע רוסישע רעוואָליוציאָנערן, וואָס האָט ניט איינמאָל שוין געהאַלטן אין זיין האַנט דעם שווערד פון געוואַלט און האָט ניט איין מאָל שוין געוואוסט ווי צו צאָהלן מיט זיך פאַר אים, האָט ניט לאַנג געשריבן אין זיינעם אַ פריוואַטן בריוו: „ווען מע שטעלט זיך אף אַ רגע פאַר, אַז די גרעסטע מערהייט פון מענטשן איז קראַנק געוואָרן אף דער דאָ-

זיקער קראַנקייט, אפן שמערץ פון געוויסן, מחמת דער כּסדר'דיקער דירעקטער רציחה, יעמאָלט... וואָלטן געקומען אַ סוף צו דער מלחמה און רעוואָליוציע אין זייער היינטיקער פאָרם. די גאַנצע צרה איז אין דעם, וואָס די איניציאַטאָרן פון דער מלחמה קענען און ווילן בשום אופן ניט קראַנק ווערן, אין דער צייט, וואָס דער אַנדער טייל פון מענטשהייט איז שוין לאַנג קראַנק. שוין פון לאַנג אָן קאָן די אַרבעטענדע פּערזענלעכקייט ניט זיין אכזריות'דיק, זי קאָן ניט הרג'ען אָדער פּאַרגוואַלטיקן. און הגם די רעוואָליוציע האָט זיך געענדיקט מחמת אַ סך סיבות, נאָר איינע פון זיי איז די דאָזיקע היילִיקסטע און העכסטע קראַנקייט". „די טעמע פון געוואַלט דערפירט דאָס באַוואוסטזיין צו שמערצן — האָט ווייטער געשריבן דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנער, וואָס איז באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט, — איך האָב זיך אָבער מיט געוואַלט געצוואונגען אויפצוהערן טראַכטן וועגן דעם, ווייל נאָך דעם הערט שוין אויף צו זיין אפילו אַ סימן פון אַ מעגלעכקייט פון וואָס פאַר אַ ניט איז קלאַסן-אידעאָלאָגיע, פון „קלאַסן-מאָראַל", פון אונזער גאַנצער פאַרקריפּעלטער סאָפיסטיק, וואָס שטייט הינטערן גדר פון שכל און געוויסן, עס הערט אויף די מעגלעכקייט פון מעשים. און אַזוי ווי דער טעמפעראַמענט פון קעמפער ווערט פונדעסטוועגן ניט גע'הרג'עט, בלייבט די קאָליזיע אָן אַ פאַרענטפערונג... מיר, רעוואָליוציאָנערן, פאַרטיידיקן אַ קליין קינד, דעריבער האָבן מיר עפּעס אַן אומבאַרעכטיקט רעכט, אָבער פאָרט אַ רעכט אפן חטא פון געוואַלט". „מע דאַרף אָבער — איז ער גלייך מוסיף — באַטאָנען און קענען בכל שעה באַווייזן מיטן טאַט און מיטן לעבן און מיט דער לערע, וואָס פאַר אַ זינדיגע שלעכטס עס איז דערלאָזבאַר, און וואָס פאַר אַ שלעכטס עס טאָר בשום אופן ואופן ניט באַגאַנגען ווערן... מע דאַרף עס באַלייכטן מיטן שיין פון דער אידעע און פון דעם רעגולירנדיקן שכל... אַזוי אָדער אַנדערש מוז מען די פראַגע אַוועקשטעלן פאַרן ברייטן עולם, עס איז שוין צייט".

איך האַלט ניט, „אַז די רעוואָליוציע האָט זיך פאַרענדיקט", זי איז נאָר פאַרטונקלט געוואָרן, זי גייט נאָר דורך איינעם פון אירע ירידה-קרייזן. אָבער בכדי זי זאָל זיך ניט ענדיקן — טאָר זי פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין ניט באַהאַלטן איר היילִיקסטע און העכסטע קראַנקייט. די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע וועט זיך אינערלעך פאַרפעסטיקן און וועט זיגן, אויב זי וועט זיך ניט אונטערגעבן דעם בלינדן אינסטינקט פון בונט, דעם דרוק פון דער רעוואָליוציאָנערער טאָג-טעגלִיכקייט, נאָר זי וועט כּסדר שטעלן און פאַרענטפערן די פראַגן פון געוואַלט באַם שיין פון דער אידעע. אויב ניט — וועט די אַף אינווייניק פאַרריבענע קראַנקייט דורכרייסן זיך נאָר מיט קראַמפיקע נשמה-שטויסן, און נאָר מענטשן מיט אויסגעברענטע נשמות וועלן אַריבערטרעטן דעם שוועל פון דער

נייער וועלט. איטלעכער, וואָס וועט זיך אין די טעמעס פאַרטיפן, וועט מוזן אָנערקענען ווי וויכטיק און אומפאַרמיידלעך זיי זיינען.

דאָ קומט אָבער אונזער צווייטע פראַגע: צי האָבן מיר אין אונזער אַרבעט געגעבן די לייזונג פון דער טעמע? צי איז דערגרייכט געוואָרן אין אונזערע תשובות וואָס פאַר אַ ניט איז באַרואיקנדיקע קלאָרקייט? און צי איז דער רעוואָליוציאָנער בכח אַראָפנעמען אפן סמך פון דער קלאָרקייט די דאָזיקע פראָבלעם פון דער אַרענע פון זיין שטורמישן גייסטיקן לעבן?

אף דעם ענטפערן מיר: דאָ איז געגעבן געוואָרן נאָר די גאַנץ־אַלגעמיינע תשובה אף די פראַגן פון געוואַלט. די תשובות זיינען דאָ נאָר אָנגעמערקט, און דערצו נאָך — פאַר דער גאַנצער רעוואָליוציע בכלל. די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אָבער — די אָנפילונג פון די דאָזיקע פאָרמולן מיט לעבן — גייט אַריבער אפן געוויסן פון יעדן איינצעלנעם רעוואָליוציאָנער. מיר האָבן זיך באַמיט צו שטעלן א גדר צווישן טעראָר און געוואַלט, מיר ווייסן אָבער, ווי אָפט ער קאָן פאַרווישט ווערן. ניט איין איבעריקן טראָפן טרערן אָדער בלוט — דאָס איז אַ סך מאָל איבערגע׳חזרט געווען אין אונזער בוך. מיר ווייסן אָבער זייער גוט, ווי שווער עס איז צו באַמערקן אין דער אַטמאָספערע פון קאַמף, וואָס איז עס אַזוינס דער „איבעריקער טראָפן“, וואו ענדיקט זיך דאָס נויטווענדיקע און וואו הייבט זיך אָן דאָס איבעריקע? — נאָך מער: מיר וואַרפן אָפ איבעריקע שלעכטס און דערלאָזן די געוואַלט. אָבער אויך די געוואַלט אפילו — די ווי־געשרייען, טרערן און בלוט — דערלאָזן מיר ניט מיטן גאַנצן הארצן, נאָר מער ניט ווי אַ שלעכטס, אָן וועלכן ס׳איז ניט מעגליך אויסצוקומען, ווי אַ אומפאַרמיידלעכן אויסוועג וואו ס׳איז שוין ניטאָ קיין שום וועגן. הייסט עס, גיבן מיר ניט קיין „פשוטע“ און קלאָרע לייזונג פון דער פראַגע וועגן געוואַלט, נאָר מיר נעמען איר אָן מיטן לאַסט פון איר זינדיקייט.

דאָ זיינען ניט געגעבן געוואָרן קיין פשוטע מאַטעמאַטישע קורצע און דייטלעכע תשובות. און אויך אין דעם איז טאַקע אונזער תשובה: די פראַגן פון געוואַלט זיינען לויט זייער נאַטור קאָמפליצירט. אין דעם איז דער טראַגיזם פון איטלעכער רעוואָליוציע. דער רעוואָליוציאָנער איז מחויב צו באַגרייפן דעם טראַגיזם. ניט נאָר מיט אַ רויטער פאָן קומט מען אַריין אין דער רעוואָליוציע, נאָך אויך מיטן שוואַרצן שלייער פון טראַגעדיע, וואָס איז אומגעוויקלט אַרום דער פאָן. זאָלן מענטשן מיט שוואַכן גייסט ניט מיינען און ניט איינריידן זיך מיט פחד, אַז פון דער דאָזיקער צווייאיק — איינער פאַרב פון דער רעוואָליוציאָנערער פאָן קומט אַ צווייענדיקייט אויך אין דער נשמה פון קעמפער. פונקט פאַרקערט, דאָס באַוואוסטזיין פון דער זינדיקייט אָבער

אומפּאַרמיידלעכקייט פון געוואַלט וועט נאָר דאָפּלט פאַרהיטן די נשמה פון קעמ־פער: ער וועט זיין גלייכציַיטיק דער טרייער זון פון דער רעוואָליוציע און איר זי־בערער אָ נ פ י ר ע ר.

ניט נאָר כשהיא לעצמה איז וויכטיק פאַרן מענטשן פון עתיד די פראַגע וועגן געוואַלט. זי איז וויכטיק אויך דערפאַר, וואָס קלאָרער ווי אומעטום שפּיגלט זיך אין איר אָפּ די גרונט־פראַגע פון אַ וועלטאַנשויאונג: וואָס פירט אָן מיטן עתיד פון דער געזעלשאַפט — אַ פ ר י י ע ר פ ו ן ז י ך א נ ט ש ט א נ ע־נ ע ר מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר ר צ ו ן, אָדער די ס ט י כ י י א י ש ע ג ע־ז ע צ מ ע ס י ק י י ט פון דער וועלט? אף דער רוסישער אַרענע ווערט דער דאָזיקער וכוח פאַרקערפּערט איצט אין דעם קאַמף צווישן מאַרקסיזם און דער לינקער „נאַראָדניטשעסטוואָ". ער האָט אָבער אַן אַלוועלטלעך־היסטאָרישן באַ־טייט, און אין דער אָדער יענער פאָרם וועט ער זיך אומעטום מוזן איבער׳חזרן. צי זאָל דער מענטש זיין דער שעפער און אָנפאַנגער פון דער גע־שיכטע אָדער נאָר איר געצנדינער, דער געפאַנגענער פון אירע געזעצן? — שאַרפער און ממשות׳דיקער פּילט זיך די דאָזיקע דילעם אין דער פראַגע וועגן געוואַלט. די קאָמפּליצירטע לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע צווינגט דעם קעמפער אין דער רעוואָליוציע צו באַטייליקן זיך אין איר אַקטיוו מיטן באַ־וואוסטזיין און געוויסן, אָננעמען און אויך ר ע ג ו ל י ר ן די שווערע נויט־ווענדיקייט. גראָד די קאָמפּליצירטע, און ניט די „פּשוטע" לייזונגען גרייטן צו דעם צוקומפטיקן שטאָלצן מענטשן.

זאָלן אפילו מיינע לייזונגען ניט זיין באַפרידיקנדיק. זאָלן די געדאַנקען פון רעוואָליוציאָנערן פונאַנדערדרוקן די געשטעלטע גדרים און גיין וויטער, מיט אַן׳אַנדער וועג; זאָל זיי אָבער קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דאָס געפיל פון טראַ־גיזם, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער רעוואָליוציע. אין ד ע ם געפיל איז די גאַראַנטיע פון דער מענטשלעכער באַפרייאונג.

און צום סוף — נאָך איין פראַגע. אפשר וועלן געוויסע זייטן פון דעם בוך ברענגען שאָדן דעם פּרעסטיזש פון דער רעוואָליוציאָנערער רוסלאַנד, ווי אַ מין „גלוי נסתרות"? אפשר וועלן זיי געבן נייעם שטאָף פאַר רכילות־טרייבער און דם־שונאים פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע?

איינמאָל פאַר אַלע מאָל מוז מען די דאָזיקע טענה אָפּוואַרפן. מיר מישן ניט צונויף דעם אויסערלעכן „פּרעסטיזש" פון דער ראַטן־מדינה און איר גרויס־מדיגישע לאַגע מיט דעם אינערלעכן כבוד און ווערט פון דער ראַטן־רעוואָ־ליוציע. אונז אַרן ניט די שקרים און בלבולים פון די הערשענדיקע קלאַסן,

מיר זוכן אָבער די פאַרשטייעניש און אונטערשטיצונג פון די אַרבעטענדע פון גאָר דער וועלט. זייער אויפמערקזאַמקייט וועלן מיר אָבער געווינען נאָר דאַן, בעת מיר'ן פאַר זיי אויפדעקן דעם גאַנצן אמת וועגן אונזער רעוואָליוציע. דער עינויים-באַרג פון דער רוסישער רעוואָליוציע איז ניט נאָר אַ אַרענע פאַר דער פּאַסיווער באַטראַכטונג מצד די שטילשווייגנדיקע פעלקער. דאָס איז אַ לייכט-טורם און אַ ברענענדיקער מוסר-השכל פאַר אַלע פעלקער, וואָס גרייטן זיך צום סאָציאַלן אויפשטאַנד. און קודם כל מוז די פּראָבלעם פון געוואַלט אויסגעפאָרשט ווערן אפן ביישפּיל פון דער צעמאַטערטער און צעפּייניקטער רוסלאַנד. ראַטן-רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד פון אַ פיל-יאָריקן גראַנדיעזן פאַרנעם פון געוואַלט, וואָס איז נאָך דערצו לגמרי אויפגעדעקט, וואָס באַהאַלט זיך כמעט ניט הינטער די מאַסקעס פון אייראָפּייאישער צביעות. דאָס לאַנד פון רעוואָליוציאָנערער געוואַלט איז אָבער פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ סך מדינות פון בורזשואַזער געוואַלט, וואָס אונטער איר דרוק לעבן מיליאָניקע מאַסן פון מערב. די דאָזיקע מאַסן ווייזן אַרויס אַ שטענדיקע וואַקלעניש אין דער רעוואָליוציאָנערער באַשטימונג פון זייער גורל: זיי ווערן אָפּגעשראָקן פאַר די געשפּענסטן פון דער בורזשואַזער און רעוואָליוציאָנערער געוואַלט. לגבי דעם דאָפּלטן רינג פון אייראָפּעאישער און רוסלענדישער געוואַלט מוזן די אַרבעטס-מאַסן אין דער טיפסטער און ערליכסטער פאָרם שטעלן פאַר זיך, דורכטראַכטן און דורכליידן די אַלע פראַגן, בכדי זיי צו לייזן אין גייסט פון דער רעוואָליוציע. אויב ניט, וועט דער רוסלענדישער ביישפּיל אַף אַ לאַנגע צייט אָפּשטויסן די מערב'דיקע מאַסן פון דער רעוואָליוציע בכלל, אָדער ער וועט זיי מיטשלעפּן אפן שרעקלעכן און שעדלעכן וועג פון קאָפּירונג פון זיינע מוסטערן.

זאָל אונזער דור זאָגן און דערציילן אַליין, וואָס ער האָט געזעהן און איבערגעלעבט. אין לעבן פון פעלקער זיינען רעוואָליוציעס — טרויעריקע און לויטערנדיקע תקופות. לאָמיר קוקן אַף זיי מיט אָפענע אויגן, און אָפּלערנען פון זיי צוויי געבאָטן. די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע דאַרף מען צוגרייטן, שטיצן און דורכפיהרן. מע דאַרף אָבער אויך אָנפירן מיט איר און איר באַהערשן.

עס איז אונז טייער איר רויטע פאָן, טייער איז אונז אָבער אויך איר טרויער-שלייער.

אינהאַלט

I אַריינפיר 7
II עיגויים פון דער רעוואָליוציע 10
III מחמת דעם טעראָר 16
IV וואָס איז אַזוינס טעראָר? 19
V—VIII טעראָר אין ראַטן־רוסלאַנד 27
IX—X די אָפּשאַצונג פון שטאַנדפּונקט פון מאָראַלישער עמפּינדונג (טאָל־סטאָישע אָפּשאַצונג) 70
XI צוויי צוגאַנגן: דער טעכנישער און דער מאָראַלישער 83
XII דיזעלבע צוגאַנגן צו דער פּראָבלעם פון טעראָר 91
XIII גזלנים און סימורדען 97
XIV די נוצן פון טעראָר (אין ראַטן־רוסלאַנד) 102
XV די נוצן פון טעראָר (אין פראַנקרייך פון 93־טן יאָר) 114
XVI דער אינערלעכער זין פון סאָציאַליזם 125
XVII—XVIII דער מענטש און דער קלאַסן־שונא 137
XIX גוואַלד און טעראָר 145
XX גוואַלד אָדער טעראָר? 149
XXI די ראיות פאַר׳ן טעראָר: דער רצון פון די אַרבעטער 159
XXII „וויסנשאַפטלעכע“ טעאָריעס 166
XXIII די „נוצן“ פון טעראָר; אינטערנאַציאָנאַלע סיבות 175
XXIV „צייטווייליק“; „לשם דעם עתיד“; „זיי זיינען ניט בעסער“; „מלחמה!“ 181
XXV דער טעראָר פון די קאַלאַיעוו׳ס 192
XXVI היסטאָרישע ביישפּילן. די פּאַריזער קאָמונע 202
XXVII—XXVIII דאַנטאָן און ראָבעספּיער 216
XXIX די געשיכטע פון דער פראַגע וועגן גוואַלט 280
XXX וואָס פאַר אַ גוואַלט איז דערלאָזבאַר 308
XXXI די אַנטינאָמיעס פון סאָציאַליזם 331
נאָכוואָרט 347